STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08548

IN DI SHVARTSE PINTELEKH

Sh. Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. מיללער

אין די שווארצע פינטעלעך

ש. מיללער בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
תשי״ד — 1953

IN DI SHVARTZE PINTELECH

(In the World of Letters)

by

Sh. Miller

Copyright 1953
Sh. Miller, 465 N. Stanley Ave.
Los Angeles 36, Calif.

Economy Typesetting Service
244 Harlem Pl.
Los Angeles 12, Calif.

א י נ ה אַ ל ט

רב אדם 5
בין השמשות 26
פּאָעט לאורעאט 43
דער בעל יובל 54
קאָלעגן 80
דער כהן גדול 96
באַגנבעט זיך אַליין 131
אומשטערבלעך 154
מפילעך 181
חובות 200
אַרונטערגעפאַלן 222
ווענוס פון מיללער סטריט 236
אָפּערע 253
אַ פּאָר פּאָלק 286
אַ גאַסט אויף אַ ווייל 305
דער ווייַן איז זויער געוואָרן 313
טוי 325
דאָס רענדל 335
בנשיקה 347
קערנדלעך 352
צו דער עקדה 355

באַמערקונג

די לעצטע דערציילונג „צו דער עקדה" באַלאַנגט ניט, טעמאַטיש, אין דעם בוך. איך האָב זי אַריינגענומען, ניט כדי אויסצופילן כך וכך זייטן, נאָר כדי צו באַלאַנסירן די ערשטע דערציילונג.

זייער מעגלעך אַז די ערשטע דערציילונג זאָל ביי אַ געוויסן לייענער אַרויסרופן אַ כעס אויפן שרייבער. זאָל אָט דער לייענער ניט אויסלאָזן דעם כעס צום בוך. זאָל ער אַ בלעטער טון און, גלייך נאָך דער ערשטער דערציילונג, איבערלייענען די לעצטע.

דאָס, גלויב איך, וועט אַ ביסעלע שטילן זיין כעס. מיט אַ פרידלעכערן געמיט וועט ער דאַן קענען אַריינקוקן אין די שוואַרצע פינטעלעך . . . פון א' ביז ת'.

ש. מ.

רב אדם

העללאָ, דן!

— העללאָ, שך!

אינם „דן״ — אַ פאַרקירצונג פון דניאל — האָט אַ געניטער אויער געקענט דערהערן אַ רעזערווירטע צאַרטלעכקייט, אין דעם „שך״ — אַ פאַרקירצונג פון שכנא — האָט זיך געהערט אַ ליבשאַפט געמעסיקט מיט דרך ארץ. דאָס שטיין פּנים אל פּנים האָט אַרויסגעבראַכט די אַנדערשקייט פון יעדן איינעם. דניאל ליבסאָן — אַ מאַן אין די פערציקער, מיט אַ נייגונג צו לייביקייט, אַ גרויסער, קיילעכיקער קאָפּ, אַ ברייטער, אָפענער פּנים מיט אַ ברייטן ווייכן נאָז, קאָרן קאָליר האָר וואָס האָבן זיך גע־כוואַליעט, געלאָקט, קאָרן־בלימלעך אויגן וואָס האָבן פריילעך געקוקט אויף דער וועלט. שכנא כץ, אַ פופציקער, אין איין הויך מיט דניאלן, נאָר דער קערפּער, אַ דינער, אַ דראָטיקער, האָט ער אויסגעזען עטוואָס העכער פון אים. דער פּנים, שמאָל, פלוים־אַרטיק, מיט אַ דינעם האַרטן נאָז, האָט אויסגעזען שאַרף, שניידיק, די האָר, שוואַרץ אַזש בלוי, מיט אַ געדיכטער באָרד וואָס איז ממש געוואַקסן אונטערן גאָל־מעסער, האָט נאָך טונקעלער געמאַכט די אליוון־גרינע הויט, די אויגן — צוויי שוואַרצע איילבירטן — האָבן ערנסט געקוקט: דאָס לעבן איז נישט קיין שפּילעכל. דער קרעפטיקער האַנט־דרוק האָט אַקצענטירט די פריינטשאַפט צווישן די צוויי.

— וואָס מאַכסטו? שוין לאַנג ניט געזען. ווען ביסטו דאָ געווען? שוין אַריבער אַ וואָך, ניין?

— פּאַרנומען. גוואַלדיק פּאַרנומען.

— וואָס, די טאַקאַרניע אַרבעט?

— פול פּאַרע. וואָס איז מיט דער שלייפירניע?

— שאַ שטיל. שלייפט זיך ניט.

— וואָס, ניטאָ די מוזע?

— די מו—זע? אַט די אישה צנועה האָט אַ שוואַכקייט צו שלאָפן דוקא מיט דערפאַלגרייכע שרייבער.

— אויב דו טרינקסט דאָס לחיים צו מיר האָסטו געטראָפן מיט אַ פינגער אין הימל. איך באַגיי זיך אָן דער מאַדאַם. מיין א י נ ס פּ י ־ ר אַ צ י ע איז דער טשעק. צוויי זאַכן אַ וואָך. איין „ליבעס געשיכטע", וואו די ליבע פּלייצט זיך אויס אויף פינף און צוואַנציק הונדערט ווערטער און איין „אמתע מעשה", וואו דער אמת ווערט דערטרונקען אויך אין פינף און צוואַנציק הונדערט ווערטער (צוגעשניטן צו דער מאָס), אַ קימאַ לן פון פינף טויזנט ווערטער, צוויי סענט אַ וואָרט (ביליק ווי באָרשט), האָסטו דיר הונדערט דאָלאַר. דערצו דאַרף איך ניט קיין מוזע, קיין אינספּיראַציע, אַלץ וואָס איך דאַרף איז אַ שטיקל קאָפּ און אַ נישקשה־דיקן הינטן, און ביידע זאַכן פאַרמאָג איך, גאָט צו דאַנקען. אַנידערגע־זעצט זיך, אָפּגעטאָקט די ליגנס, אַלץ קיילעכיק און גלאַט, אויב אפילו נישט געשליפן, און יעדן שבת אַ טשעק — מיין ברויט מיט פּוטער. ברויט מיט פּוטער איז אָבער ניט גענוג. עס ווילט זיך אויך אַ טעפּל קאַווע דערצו און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ גלעזל בראַנפן אויך, זיינען דאָ נאָך אַ פּאָר זייטיקע פּרנסהלעך, קורץ און גוט — פאַרנומען איבערן קאָפּ. קוים אָפּגעריסן אַ שעה, זען וואָס דו מאַכסט. אויפן וועג פאַרכאַפּט אָט דאָס אָ. — ער האָט אַרויסגעצויגן פון בוזים־קעשענע אַ פלאַטשיק פלעשל בראַנפן. — נעמען צו ביסעלעך. געפינט זיך אפשר ביי דיר אַ שטיקל הערינג? האָסט! איז דאָך וואויל ווי די וועלט. — דניאל האָט געריבן די הענט פון פאַרגעניגן, גע עפנט דאָס פלעשל, און ווען שכנא האָט דערלאַנגט אַ טעלערל מיט אַ פּאָר שטיקלעך הערינג, אַ פּאָר ריפטלעך ברויט און גלעזעלעך, האָט דניאל אָנגעגאָסן. — לחיים! הם! אַ טייער שטיקל הערינג! וואו האָסטו אים געכאַפּט? גיי ווייס אַז אויף דזשעראָם עוועניו שווימען אַרום מאַטשעס הערינג. איין חסרון — דער הערינג האָט ליב וואַסער . . . איז — לחיים!

נאָכן צווייטן גלעזל האָבן דניאלס באַקן זיך גענומען רויטלען, דער נאָז האָט געקראָגן אַ גלאַנץ אָט ווי באַשמירט מיט אויל, די אויגן האָבן געבלישטשעט, דער צונג איז געוואָרן לויז. — קענסט אפשר מאַכן אַ טעפּעלע קאַווע אויך? — שכנא האָט צוגעשטעלט דעם טשייניק און דניאל האָט אים נאָכגעשיקט רייד. — פאַרוואָרפן מיט אַרבעט . . .

— איך זע טאַקע, געוואָרן פון דיר אַ תל, — האָט שכנא אָוועקגיי־ענדיק פון אויוועלע — אַ גאַז פליטע אין אַן אַלמער — גוטמוטיק איראָ־ניזירט. אויף זיין פּנים איז ניט קענטיק געווען אַז ער האָט אויסגעטרונקען

צווי גלעזלעך בראנפן. די אויגן האָבן באַקומען אַ גלאַנץ — שוואַרצער מירמלשטיין גוט פּאָלירט, גלאַנצט, דאָך קאַלט, שוואַרץ.

— קענסט זיך לאַכן, אָבער עס סטאַיעט ניט קיין כוחות, האָב איך זיך מישב געווען אין „דזשאַבל" וועל איך גאָר דיר אָוועקגעבן.

— מיר?

— יאָ, דיר. זעץ זיך אַוועק. אַט אַזוי. — ער האָט אַ רוק געטאָן זיין ביינקל נאָענטער צו שכנאן. — הער זיך איין און דריי ניט מיטן נאָז ביז דו'סט ניט אויסהערן אינגאַנצן. אַזוי די מעשה. דאָ אַ פירמע וואָס פאַרקויפט מאַרינירטע מאכלים, פון חזירשע פיסלעך ביז היגערשע יויך, „רעדי־פוד קאָ", אַ מיליאָנערסקע פירמע, האָב איך מיט אַ פּאָר טעג צוריק זיך געטראָפן מיט אַ פאַרשטייער פון דער פירמע, דאָס הייסט ניט דירעקט פון דער פירמע, נאָר מיט איינעם פון אַן אַנאָנסן־אַגענטור וואָס טיילט אויס זייערע אַנאָנסן, און איך האָב, ווי זאָגט מען עס, „אים פאַרקויפט די אידייע" אַז הינערשע יויך קען זיין זייער אַ גאַנגבאַרע סחורה ביי די יידישע ווייבער אויב מ'זאָל ריידן צו זיי אויף אַ יידיש־לעכן שטייגער, טאַקע בלשון יידיש, וועגן די מעלות פון דער הינערשער יויך, טשיקן סופּ בלע"ז. איך האָב אים אָנגעגעבן אין נדן טויזנטער און טויזנטער יידישע ווייבער, און דער גוי איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּראָבע. ער'ט מיר געבן אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר צייט, פינף טעג אַ וואָך, חוץ שבת און זונטיק זאָל איך אַנאָנסירן זיין „טשיקן סופּ" און ער'ט באַצאָלן פיר טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, בתנאי איך זאָל צושטעלן דעם יידישן אַנאָנסער און דעם יידישן טעקסט. ס'הייסט זיי שטעלן צו זייער טעקסט, די גוואַלדיקע מעלות פון זייער זופּ, מ'דאַרף בלויז צוגעבן דעם יידישן אַריינפיר, צוגעבן דעם יידישן קנייטש, האָב איך אַ טראַכט געטאָן אַז . . .

— איך זאָל זיין דער „טשיקן סופּ" פאַרקויפער . . .

אַרויסגעזאָגט די עטלעכע ווערטער, האָבן שכנאס פינגער נערוועז אַ קנייטש געטאָן דאָס פּעקל ציגאַרעטן, אַרויסגעקראָגן איינעם און אַ לייג געטאָן דאָס פּעקל אויפן טיש. דניאל האָט אויך אַרויסגעצויגן אַ ציגאַרעט, שכנא האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. דער פלאַם האָט באַ־לויכטן די אָנגעלאָדענע שטילקייט, די בלויקייט פון דניאלס אויגן האָט זיך אַ מיניע געטון, פון קאָרן־בלום בלוי איבערגעגאַנגען אין חלף גרוי־בלוי, שאַרף, קאַלט.

— אַהאַ, פאַרשווועכן די כהונה, — האָט דניאל אַרויסגעבלאָזן די

ווערטער צוזאַמען מיטן רויך. — דער באַוואוסטער, דער באַרימטער יידישער שרייבער . . . דער מחבר פון פינף ביכער אנאָנסירט „טשיקן סופ״. טאָ זיי וויסן אַז ביים „מאַיק״ איז דיין נאָמען ניט שכנא בן אלעזר כהן צדק, המכונה כץ, דאָרט קענסטו הייסן טשאַרלי קאָהען, סידני קינגסלי, אָדער גאָר אָן אַ נאָמען. „און איצטער אַ מעסעדזש צו אונדזערע טויזנטער יידישע קונים אין דער יידישער שפּראַך . . .״ פאַרברי די קאַווע.

שכנא האָט פאַרבריט די קאַווע, איז אָפּגעגאַנגען פון גאַז־ברענער, האָט זיך אָבער ניט געזעצט צום טיש, איז ארומגעגאַנגען איבערן צימער, דניאל האָט נאָכגעדרייט דעם קאָפּ, אים נאָכגעשיקט רייד.

— דיין נאָמען דאַרף מען נישט. מ׳דאַרף דיין יידיש, דיין שטימע. אַי, ווען איך האָב דיין שטימע!

— וואָלסטו געוואָרן אַ משורר אויף דער ראַדיאָ . . .

— איך וואָלט שוין געזונגען דאָס ריכטיקע לידל, וואָס אַרט דיך. האָב איך זי אָבער ניט, ד ו האָסט זי און, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, קענסטו אויך אָנשרייבן אַ יידישע שורה.

— . . . וועגן ט ש י ק ן ס ו פּ . . .

— און אַז וועגן טשיקן סופּ? וועגן דעם קען מען אויך שרייבן. כ׳מיין, רעדן צו יידישע ווייבער.

— דהינו?

— דהינו, היינט זאָגסטו: אין דרויסן איז אַ ברענענדיקער פראָסט, קאַלט אַז עס נעמט אַזש דורך די ביינער, איר קומט אַריין אין שטוב, ווילט זיך אָנוואַרימען, און וואָס קען נאָך אַזוי אָנוואַרימען ווי אַ גוטע לעפל געקעכץ? און וועלכע לעפל געקעכץ איז אַזוי אנגענעם, אַזוי געשמאַק ווי אַ גוט ביסל הינערשע יויך? און וועלכע הינערשע יויך איז אַזוי געשמאַק, אַזוי באַטעמט ווי „רעדי־פוד טשיקן סופּ?״ ווייל „רעדי־פוד״ טוט אַריין . . . דאָ גייט שוין זייער טעקסט. דאָס איז ווינטער. זומער, גייט עס אַזוי: עס איז הייס, איר גיסט זיך אָפּ מיט שווייס, איר טרינקט וואַסער, ביר, אַנדערע געטראַנקען און עס העלפט ניט, איר שוויצט נאָך מער, דערפאַר אָבער ווען איר נעמט אַ טעלער הינערשע יויך, מיט אַ קליין ביסעלע זאַלץ אין דעם, שטילט איר אייער דורשט און איר שוויצט ניט מער, און די יויך וואָס האָט די נויטיקע מאָס זאַלץ און אַלע אַנדערע זאַכן איז „רעדי־פוד טשיקן סופּ״. אָדער: געדיינקט איר די גאָלדענע יויך וואָס מ׳האָט דערלאַנגט צו דער חופה וועטשערע? דער טעם פון יענער יויך ליגט אייך נאָך אין מויל. פאַרזיכערן מיר אייך אַז ווען איר

וועט פאַרזוכן „רעדי־פוד טשיקן סופּ" וועט איר אויסגעפינען אַז זי איז אַזוי גוט באַטעמט ווי יענע גאָלדענע יויך, ווייל . . . אַט אַזוי יעדן טאָג אַ צוויי דריי שורות.

— אַ מאַדים! ווי איך בין אַ ייד. דאַניע, ווען איך בין דו, מיט דיין דערפינדערישקייט, דיין ווירטואָזיטעט, וואָלט איך גאָר אָנגעשריבן אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע: טשיקן סופּ — אַ טעמע מיט צוויי הונדערט און זעכציק וואַריאַציעס.

— אויב דו דיינקסט אַז זיי האָבן ניט קיין „טשיקן סופּ מוזיק" מאַכסטו אויך אַ טעות. מ׳זינגט אויס „טשיקן סופּ", מ׳שפּילט אויס, מ׳קען עס אפילו אויסטאַנצן, דאָס איז שוין אויף טעלעוויזיע, דאַרויף דאַרפן זיי מיך ניט האָבן. איך אַרבעט איצט אויף עפּעס אַ טשעפּוכאַ וואָס זאָל קענען אָנגיין אויף דער ראַדיא אין פאַרזעצונגען און, אויב עס וועט אָנרייסן, וועל איך שוין אפילו ניט דאַרפן שרייבן מיינע „אמתע מעשות", סיידן „אויס ליבע" . . . און איך בין ווייט ניט פאַרליבט אין דעם, אַ מלאכה ווי אַלע מלאכות, איך בין אַ בעל מלאכה וואָס אַרבעט ביי שרייבעריי, די קונסט לאָז איך איבער פאַר די קינסטלער . . . אָבער דער קינסטלער דאַרף דאָך אויך עסן. נעמסט אָן די אַרבעט ביסטו אַ יאָר צייט באַזאָרגט מיט חיונה, נאָכן יאָר, אויב עס וועלן זיך אַרויסווייזן רעזולטאַטן, קענסטו קריגן צוויי מאָל אַזוי פיל, און דאָס רעדן, שרייבן, שוין מיטן פאָרן אין דער סטודיאָ הין און צוריק קען דיר נעמען העכסטנס דריי שעה אַ טאָג, נאָכדעם זיך דיר און שלייף דיר דיינע קונסט ווערק.

— אויסגעטאָן די „אָווער־אָלס" און אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע . . .

— און דו האָסט רק מורא צו דער קאַפּאָטע וועט זיך עפּעס צו־קלעפּן פון די אָווערזאָלס. שרעק זיך נישט, די כהונה וועט ניט פאַר־שוועכט ווערן . . .

שוין יאָרן אין דעם זינט די צוויי פריינט האָבן זיך אָפּגעקריגט למאי שכנא וויל זיך ניט „מטמא" זיין, שרייבן „פּובליסיטי", אָדער אפילו אַרבעטן אין אַ טעגלעכער צייטונג, און דניאל האָט שוין לאַנג אַוועקגע־מאַכט מיט דער האַנט — פאַרפאַלן! אַזאַ משוגענער איז ער שוין. איצטער, ווען ער האָט אים פאַרגעשלאָגן אַזאַ גרינג פּרנסהלע, איז דער פאַרדרוס ווידער ארויפגעשוואומען. דער פאַרדרוס איז געווען נאָך שאַרפער דער־פאַר, ווייל פון דעם מסחר וואָלט אים, דניאלן, געבליבן אַ טויזנט דאָלאַר. דער קאָנטראַקט איז אויף פינף טויזנט אַ יאָר, שכנאן האָט ער פאַרגע־לייגט פיר: ער איז דאָך באַרעכטיקט צו קריגן מעקלעריי . . . איז

מילא, זיינע טויזנט דאלאר וועט ער קריגן, אפשר נאָך מער, וועט קריגן אַן אַנדער שלאָק, אפשר נאָך פּאָר דריי טויזנט, אָבער פּארוואָס זאָל ע ר ניט אָננעמען? ד ל ג א! אים אפשר צו שאַרף אריינגעזאָגט, אָבער זאָל ער וויסן.

שכנאן האָבן די „שפּילקעס״, קענטיק, ניט געשטאָכן. — די כ ה ו נ ה אפשר טאַקע ניט, אָבער וואָס איז מכוח׳ן וואָרט?

— וואָרט! וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיין וואָרט?

— ׳סט טרינקען שוואַרצע? כ׳האָב ניט קיין שמאַנט צו דער קאַווע.

— ווער דאַרף שמאַנט? די קאַווע שמעקט פיין! — דניאל האָט אַ זופּ געטאָן קאווע, אַנגעשטעלט די אויגן אויף שכנאן. — איז וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג . . . — שכנא האָט פּאַמעלעך אַוועקגעשטעלט זיין טעפּעלע קאַווע. — אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזן. — זיינע פינסטערע אויגן האָבן שווער געקוקט אויף דניאלן, ווי אָפּגעשטופּט אים פון זיך.

— איך פאַרשטיי ניט, — האָט דניאל ברוגזלעך אַ זאָג געטון.

— פאַרשטייסט ניט, זאָגסטו? לאָמיך דיך פרעגן: האָט אדם הראשון זיך אויסגעלערנט ריידן, האָבן מענטשן אין משך פון טויזנטער דורות געשליפן זייערע צינגער, און האָט הערץ און צענדליקער אַנדערע וויסנשאַפטלייט געדרייט מיט זייערע מוחות כדי איך זאָל אין 19...... קומען און דערציילן די יידישע וויבער די מעלות פון . . . „טשיקן סופּ״? אָט די . . . „טשיקן סופּ״, דאָס איז דאָך חילול הדבר. פאַרשטייסט? עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פאַרשוועכן דאָס וואָרט, און ביי מיר, ווייט ניט קיין הייליקער, איך האָב פיינט הייליקע, איז דאָס וואָרט, נו . . . הייליק, איך וועל עס נישט פאַרקויפן פאַר אַ לעפל געקעכץ, כאָטש איין . . . מענטש ווייסט דעם אמת אַז אַ לעפל געקעכץ איז אַ וויכטיקער ענין . . .

— אָבי דו ווייסט כאָטש. דעם אמת געזאָגט, זע איך ניט וואו דו פאַרשוועכסט דאָ דאָס וואָרט, נאָר גאָרנישט, כאַפּט דיך דער גוטער יאָר. „נע בולא או מיקיטי הראָשי אי נע בודע״. וועט שוין פון דיר קיין לייט ניט זיין. שרייבסטו כאָטש ד י י ב ע זאַכן?

— דיר געזאָגט: די שלייפירניע שטייט.

— געזאָגט האָסטו טאַקע, אָבער ווער גלויבט עס? אַ שרייבער, ווען ער זאָגט אַז ער שרייבט ניט, מיינט עס אַז ער גייט צו קינד מיט אַ גרעסערער זאַך. איז ווען קען מען קומען אויפן בן זכר?

— בנאמנות. מעגסט מיר גלויבן. שוין אַ חדשים פיר־פינף אַז איך האָב נישט אָנגעשריבן קיין פינף ווערטער.

— היתכן?

— אויף די אייגענע מעשה, עס ווילט זיך נישט פאַרשווענכן דאָס וואָרט . . .

דניאל האָט אַ שטעל געטאָן דאָס קאווע טעפּל אויף דער שאָל. דער שטעל, דער קלאַנג — וואָס רעדסטו דאָרט? וואָס „שווענכסטו"?

— און אפשר גאָר דעם מענטשן . . . — האָט שכנא צוגעגעבן, און דער קוק אין זיינע אויגן: ביסט אַ מענטש? פאַרשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי נישט! למדני.

— אַז ס׳איז געווען אַ מלחמה, ווייסטו? און אַז ס׳איז געווען אַ היטלער? אודאי ווייסטו. ווער ווייסט עס נישט? און וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ווייסט׳אָך יעדער איינער, קינד און קייט שרייבן וועגן דעם, איך אַליין האָב אויך גע . . . שריבן. נאָ, ווילסט לייענען?

אַ באַרג מיט ווערטער
איז אַ קנאַפּע מצבה
פאַר אַ פּיצל קינד,
אומגעקומען פאַר קיינעמס זינד.

אַ ביבליאָטעק מיט ביכער
איז אַ שוואַכער מאָנומענט
פאַר אַ פשוטן יידן,
אומגעבראַכט פון רוצחישע הענט.

אָבער דאָס קינד, דער ייד
זיינען אומגעקומען, ניט געבליבן,
בלייבן בלייבט נאָר דאָס,
וואָס ווערט פאַרשריבן.

האָבן מיר שוין ווערטער אַ שלל,
ביכער — שאַרף געשריי, ביכער — הייסע טרערן,
נאָר אויסגעשעפּט, אויסגעטריקנט דער קוואַל,
די זעקס מיליאָן וועלן לעבעדיק ניט ווערן.

— אויף דער עלטער זיך גענומען צו לידער?

— אַ ליד איז עס? דאָס איז שוים איבערגעגאָסן, פּאַרע זיך אַרויס־געריסן. וואָלט עס שוין לאַנג צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך, דאָס, נאָך אַזעלכע „דיכטערייען", איך האַלט זיי ווי אַ מעמענטא פאַר די אויגן, יעדן מאָל וואָס איך טו אַ קוק דארויף זאָג איך צו זיך אליין — ליגנער!

— ליגן? איך ווייס ניט צי אָט דאָס ליד דאַרף . . . אַריינגיין אין אַן אנטאלאָגיע . . . אָבער ליגן?

— ליגן! דו הערסט? ליגן! שקר וכזב! און די אַלע וואָס לידלעך, און דערציילן, און עסייעווען, זיי אַלע זיינען אויך ליגנערס. ניין, ניט אַלע. סוצקעווער, שטריגלער, שפּיגעל, נאָך אַ פּאָר, פון די וואָס זיינען געווען ד אָ ר ט ן, זיי ליגנערן ניט, זיי מעגן שרייבן, אפילו שלעכט שרייבן מעגן זיי, און, לאָמיך דיר זאָגן, איניקע פון זיי שרייבן גוט, אָבער מיר דאָ, מיר . . .

— ברודערקע, איידער דו רעדסט ווייטער וויל איך דיר זאָגן: איך בין ניט מסכים. געלייענט די פּלוגתא: מעגן מיר אָדער מיר טאָרן ניט, און לפי דעתי — כשר.

— אַזוי אַזוי, כשר. דאַניע גיט אַ הכשר. אפשר נאָך צושטעלן כשרים?

— וואָס מיינסטו?

— אה, אַז דו ביסט שוין יאָ אַזוי באַהבנט אין דער סוגיא, ווייסטו דאָך מסתם וועגן דער צווייטער פּלוגתא — גבורים אָדער קדושים, נו, פּאַרוואָס נישט כשרים אויך? האָט מען דאָך אין רומעניע געקוילעט אויף כשר . . . היינט וואו איז טהורים? . . .

— וואָס פּאַר אַ וואָרעם טאָטשעט דיך?

— אַ וואָרעם? איין וואָרעם? גאַנגרען איז דאָס, און זי פּאַרשפּרייט זיך, פּאַרסמט דעם גאַנצן קערפּער ביז צו די האָר פון קאָפּ. זעקס מיליאָן. אַ קיילעכיקער ציפער, און מיר קייקלען אים, קייקלען אים . . . גבורים . . . קדאָשים . . . און ווי אַז איך וועל דיר זאָגן אַז די ז ע ק ס מ י ל י אָ ן אַרן מיך נישט? קוקסט מיך אָן, האַ? ניין, די ז ע ק ס מ י ל י אָ ן רירן מיך ניט אָן. זיי קענען גאָר באַין אופן ניט אַריין אין קיין יחידישן גדר. פּאַרשטייסט? ווייטיק, יסורים, צער קען ניט געכפלט ווערן. אַ מענטש קען פּאַרטראָגן אַזוי פיל און אַזוי פיל פיזישן ווייטיק, ציט מען אַריבער די מאָס, פילט ער שוין מער נישט קיין ווייטיק, ער פּאַרלירט דעם באַוואוסטזיין. דאָס זעלבע מיט גייסטיקע יסורים. ביי אַ מאַמע שטאַרבט אַ קינד, אַ בן יחיד צי אַ בת יחידה, אירע יסורים קענען זיין

אַזוי שאַרף אַז זי זאָל אַרונטער פון זינען. זאָלן, ווידער, ביי אַן אַנדער מאַמע שטאַרבן צען קינדער אויף איין מאָל בין איך שטאַרק מסופק צי ד י מאַמע קען ליידן צען מאָל מער ווי יענע, און כפלען יסורים אויף זעקס מיליאָן איז אוממעגלעך, ס׳איז אָדער אַרונטער פון זינען, אָדער גאָר באַגיין זעלבסטמאָרד. נו, פון זינען זיינען מיר ניט אַרונטער, קיין זעלבסטמאָרד אויך ניט באַגאַנגען, חוץ אַ שמואל זיגעלבוים, מיר ווײנען און מיר קלאָגן, נאָר, ווי זאָל איך דיר זאָגן, מיר ווײנען מיט טינט־טרערן, זעקס מיליאָן איז געוואָרן נוסח, און עס זיינען שוין אפילו דאָ עטלעכע נוסחאות, יעדער איינער „זאָגט" אויף זיין שטייגער. איך וויל דו זאָלסט וויסן אַז איך זאָג קיינעם ניט קיין מוסר, איך באַשולדיק קיינעם אין צביעות. דאָ אַ גאַנץ גוטע סיבה פאַרוואָס מיר טוען אַזוי. שטעל זיך פאָר עס איז ניט געווען קיין היטלער, עס איז געווען אַ מגפה, כאָליערע, שוואַרצע פאָקן, געווען דאָך אַמאָל די שוואַרצע פלאָג, אָדער גאָר אַן ערד ציטערניש, און עס זיינען אומגעקומען זעקס מיליאָן יידן, וואָלטן מיר אַזוי פיל געוויינט און געקלאָגט? שלעכט, ביטער, אָבער וואָס קען מען טאָן? אַן אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפע. און אַז מען ווערט ווײנען ווערט עפּעס העלפן? וויינט מען זיך אויס, און . . . גזירה על המת שישכח מן הלב, וואָס די ערד דעקט צו פאַרגעסט זיך. „לאָז די טויטע צו די טויטע". דאָ גייט עס אָבער נישט אינם אומגליק, אפילו ניט אינם סכום, זעקס מיליאָן, נאָר אינם א ו פ ן , ו ו י די זעקס מיליאָן זיינען אומגעקומען. לאָזן מיר ניט די טויטע צו רו, מיר נעמען זיי אַרויס פון די קברים, פון די קרעמאַטאָריעס, מיר וואַשן זיי די ביינער, זייער אַש — גבורים, קדושים, טהורים . . . האָסט אַ שוועבעלע?

ביידע האָבן פאַררויכערט.

— שרייבן וועגן דעם קען איך ניט. ביי יעדער שורה וואָלט איך געדאַרפט שינדן פון זיך די הויט און ערשט נאָכדעם וואָלט מען מיך אפשר פאַרשטיינט: אַ מענטש לעסטערט. שרייב איך טאַקע ניט, און אפילו ריידן איז שווער, עס איז אָבער אויך שווער צו שווייגן. גבורים. פון פיר, פינף הונדערט טויזנט יידן אין וואַרשע געבליבן פופציק, זעכציק טויזנט, און פון די פופציק, זעכציק טויזנט, אנשים, נשים וטף, אַ פּאָר הונדערט יונגע יידן אויף וועמען עס ברענט די הויט, שטאַרבן? נו יאָ, אָבער ווי מענטשן, ש ט י י ע נ ד י ק , מיט די פיס אויף דער ערד, מיט געווער אין האַנט. און דאָס געווער? דריי רעוואָלווערן, צוויי פאַר־זשאַווערטע ביקסן און אַ פּאָר צענדליק היימיש געמאַכטע האַנט גראַנאַטן,

„מאַלאַטאַווס שנעפּסלעך"״. נו יאָ, שמשון האָט דאָס אויך ניט געהאַט, אַן אייזלס קינבאַק, אָדער גאָר הוילע צוויי הענט, און אָן אויגן דערצו, אָבער תמות נפשי עם פּלישתּים, איין שמשון ברייינגט אום איבער דריי טויזנט, און דאָ, דערהרגעט אַוועלכע עס איז הונדערט דייטשן, און פּ ו פ צ י ק , ז ע כ צ י ק ט ו י ז נ ט י י ד ן דערהרגעט, פאַר־ברענט, דערשטיקט פון רויך, גאַז, דערוואָרגן, באַגראָבן אונטער די חורבות, און . . . גבורים.

— אָט טאָקע דערפאַר ז י י נ ע ן ז י י גבורים!

— פּ־פּ־ף, יאָ, גבורים. — דער רויך פון ציגאַרעט האָט זיך גע־קרייזלט, און עס האָבן זיך מיטגעקרייזלט די ביטערע רייד, די אַנטשטאַ־נענע שטילקייט — אַ שטומער שומר, גיט אַכטונג, אָבער מישט זיך נישט.

— אודאי זיינען ז י י געוועזן גבורים. איך וויל אָבער דו זאָלסט פאַר־שטיין אַז גבורים פאַזירן נישט פאַר דער געשיכטע, די געשיכטע „פאַזירט" ז י י , שטעלט זיי אַוועק אויף אַ געוויסן אָרט, און די געשיכטע איז ניט עפּעס אַן אַלטע גרויע מאַדאַם אין דער ווייטער נעבלהאַפטער צוקונפט וואָס קוקט דורך אַ שפּאַקטיוו אויף דער פילפאַרביקער פאַרגאַנגענהייט, זוכט דאָרטן העלדן, נאָר מיר, היינט, זיינען שוין די געשיכטע שרייבער, און מיר שרייבן און רעדן וועגן די גבורים, ווייל מ י ר דאַרפן גבורים, מ י ר פוצן זיך אין העלדישע פעדערן כדי עס זאָל אונדז פאַסן צום פּנים. אמת, מיר האָבן, נעבעך, ניט געהאַט די גלעלגנהייט אַרויסצו־ווייזן אונדזער העלדישקייט, צופעליק זיינען מיר גראָדע דאַן געוועזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיר קומען אָבער פון אַ העלדישער משפחה, אונדזער יחוס ציט זיך פון שמשון הגבור, יהודה המכבי ביז מרדכי אני־לעוויטש און איציק וויטענבערג, פון צרעה און מודיעין ביז וואַרשע און ווילנע, שפּילט זיך מיט אונדז?

שכנא האָט טיף פאַרצויגן דעם רויך, זיך אַזש פאַרהוסט, הוסטנדיק גערעדט:

— אין וואַרשע, ווילנע, האָט מען אויך גערעדט און געשריבן, אפילו געזונגען, אָבער אַ גאַנץ אַנדער לידל. דאָרטן זיינען חוץ די פּאָר הונ־דערט בחורים און מיידלעך וואָס האָבן זיך גענומען צום געווער געווען פונקט אַזוי פיל יונגע לייט און טויזנטער אַלטע לייט, ערלעכע מענטשן און ווייט ניט קיין פּחדנים, וואָס האָבן אָבער געהאַלטן אַז בלייבן לעבן, דורכהאַלטן, ד אָ ס איז העלדישקייט; אַז ראַטעווען א י י ן יידן איז וויכטיקער ווי הרגענען אפילו טעלעכע דייטשן; אַז נעמען געווער

אין האַנט, דערהרגענען עטלעכע, צי אפילו אַ פּאָר הונדערט, דייטשן און שטעלן אין סכּנה די טויזנטער יידן מיינט זיך שפּילן אין העלדישקייט, און זיי האָבן ניט געוואָלט מיטשפּילן. וואָס איז מכּח זיי?

— אַז דו פרעגסט מיך וועל איך דיר זאָגן: זיי האָבן פאַרשפּילט אין צווייען, אי זייער לעבן אי, כ׳וואָלט זאָגן, זייער טויט, אָבער ניט איך און ניט דו קען זיי משפּטן.

— אודאי קענען מיר נישט משפּטן. וואָס זיינען מיר, שופטים? ווייסט וואָס מיר זיינען? קראַנקע מענטשן זיינען מיר. עס טאַטשעט אונדז, ווי דו זאָגסט, אַ וואָרעם, קלאַפּן מיר, פּויקן מיר — גבורים! און דער וואָרעם ווערט אַ ווײַלע אַנטשוויגן, באַלד הויבט ער אָבער ווידער אָן טאַטשען: חוץ די עטלעכע הונדערט גבורים זיינען דאָך געווען ז ע ק ס מ י ל י אָ ן מ ע נ ט ש ן , וואָס איז מכּח זיי? איז מילא, אונדזערע אַמעריקאַנער במקום־גבורים, זיי זיינען אינגאַנצן מבטל די זעקס מיליאָן, סיידן צוליב „סטאַטיסטישע צוועקן״, פאַר זיי זיינען ששים גבורים של וואַרשע איבערגענוג, אונדז אָבער טאַטשעט עס און עס נאַגט, און עס פרעסט ביז מיר נעמען שרייען און שפּרינגען קדוש! קדוש! קדושים! קידוש השם, דאָס איז דאָך דער יידישער דרך אין דער וועלט, פון ירו־שלים איבער ווארמס, מאַינץ און שפּייער ביז אושוויץ, מאַידאַנעק און טרעבלינקע. זאָג מיר אָבער, איך בעט דיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ משונה־דיקער שם, וואָס מ׳דאַרף אים אַזוי פיל מקדש זיין? קידוש השם. קדושים! ווערטער. ווערטער. אָבער ווערטער זיינען דאָך ניט קיין קנעפּלעך, אַ וואָרט אָן אַ בילד הינטער דעם איז פאַרעוו, טעמלאָז, קאָלירלאָז, טויט. איך האָב געזען אַ בילד: איין נאַצי זיצט אויפן ראַנד פון אַ גרוב, דאָס היטעלע אויף אַ זייט, אַ ציגאַרעטל אין מויל, אין האַנט אַ ביקס, און יידן, הונדערטער יידן, אַלטע, יונגע, מענער, פרויען, יעדער איינער טוט זיך אויס אדם־חוה נאַקעט, לייגט צונויף דאָס אַנטון, הערסט? לייגט צונויף דאָס אַנטון! גייט אַרונטער אין גרוב אַריין, און דער נאַצי . . .

דאָס ציגאַרעט שפּיצל וואָס האָט געזאָלט פאַרשטיקט ווערן אין אַש־שיסעלע האָט זיך צעשפּריצט מיט פייער איבערן טיש. שכנא האָט עס אפילו ניט באַמערקט. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, אַ שפּאַן געטאָן. דניאל האָט פאַרשטיקט דעם ציגאַרעט.

— וואָלט כאַטש איינער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם נבזה, אים איבערגעריסן דעם האַלז מיט די פינגער, אים איבערגעביסן מיט די ציין!

וואָלט כאָטש איינער, איינע, זיך ניט אויסגעטאָן, ניט צונויפגעלייגט דאָס אָנטון!

— געוועזן אַזוינע. איך האָב אַליין געלייענט וועגן אַ מיידל, פאַרגעסן איר נאָמען, וואָס האָט זיך נ י ט אויסגעטאָן און פאַרשטייט זיך, דער סוף . . .

— אַ דאַנקען גאָט! האָט זיך יאָ געפונען איינע. באַלד וועט קומען אַ קליינער י. ל. פרץ, וועט צושרייבן אַ „פערטע מתנה", לנוי, פאַרשטייט זיך, און מיר'ן לייענען און, מיט פאַרגלאָצטע אויגן, וועלן מיר זינגען און שפרינגען: קדוש! קדוש! קדושה! קדו—שה!

— און דו? וואָס וואָלסט—ו געטאָן מיט אַ מאַשין ביקס אַנטקעגן דיר און אַ מאַשין ביקס הינטער דיר? גרינג צו מאַכן פון אַ קדושה אַ קדשה מיטן מויל . . .

— אַט אַט! אַט דאָ האָסטו אָנגערירט דאָס ריכטיקע קנעפּל . . . איך . . . איך . . . וואַרט, וואו איז עס ערגעץ? — שכנא האָט גענומען שאַרן אויפן טיש. — נאָ! לייען!

איך האָב דיך געזען נידערן אין שאול תחתיה,
דאָרטן זיך בוקן און קניען;
איך האָב אויך געזען דיך, הגם זייער זעלטן,
זיך ציען צו העכערע וועלטן.

און געזען האָב איך דיך ניט פון דער ווייט,
ווי איינער וואָס שטייט אָן אַ זייט,
אים גייט ניט אָן דער גאַנצער עסק,
ער איז ניט מער ווי אַ צושויער, אָדער גאָר אַ פּוסק,

איך האָב געזען ד י ך,
און געזען ז י ך,
און געשלאָגן איז געוואָרן מיין ראיה,
איך קען מער ניט זען ווי פריער.

טו איך אַ קוק אין שפּיגל זע איך צווייען,
און די צוויי רק זיי שפּרינגען און זיך דרייען,
זיי צוויי און איך אין דער מיט,
איינער און זאַלבעדריט.

ווייס איך ניט, שפּילען קלעק אָדער זינגען שירה,
מיאוסער שרץ און בחיר היצירה,
און זיי הויזן צוזאַמען,
און עס טוט זיך אפילו גראַמען . . .

— דאָ האָסטו דיר דיין ענטפער וואָס איך וואָלט געטון. ניין, איך . . . איך, מיט מיין מעגעלע, וואָלט גאָר געווען אַ טהור. ווייסטו ניט וואָס דאָס איז. וועל איך דיר דערקלערן. אין בוכענוואַלד, אין אַנדערע לאַגערן, איז געווען אַזאַ נפש ווי אַ שייסמייסטער. מענטשן זיינען גע־גאַנגען צוליב נאַטירלעכע באַדערפעגישן, געזעסן אויף אַ לאַנגער שמאָלער ברעט איבער אַ גרויסן גרובן, און דער שייסמייסטער האָט אכטונג געגעבן אַז אַלץ זאָל גיין כשורה. איז ווען ער האָט געזען איינער זיצט צו לאַנג, אָדער אים האָט זיך סתם פאַרוואָלט האָבן אַ ביסל שפּאַס מיט די „דרע־קיקע יודן", האָט ער אַ האַק געטאָן אָדער אַ שטופּ געטאָן מיטן שטעקן און דער מענטש האָט זיך אויסגעגליטשט, אַרונטערגעפאַלן אין גרובן. דער מענטש, דער בחיר היצירה, דערטרונקען, דערוואָרגן געוואָרן אין טינוף. אַ טהור . . .

— און זיי ז י י נ ע ן געווען גבורים, און זיי ז י י נ ע ן קדושים און טהורים שבטהורים.

— מ'יאָ, טהורים. — איבער שכנאס קערפּער איז דורכגעלאָפן אַ ציטער. ער האָט פאַררויכערט און, לאָזנדיק דעם רויך, איין אויג אַ ביסל פאַרקנייטשט, האָט ער נאָכגעקוקט דעם רויך און, ווי ער וואָלט עפּעס דערזען, זיך געכאַפּט: און יאָ, שיער פאַרגעסן — חכמים! איין קליי־ניקייט! עם חכם ונבון! אַזוי לאַנג דאָס איינגעחזרט אַז מיר אַליין האָבן שוין אַנגעהויבן גלויבן אין דעם — דאָס קלוגסטע פאָלק אויף דער וועלט, ביז עס איז געקומען אַ מאַניאַק אַ היטלער, ער האָט אונדז געפירט אין באָד אַריין . . . און מיר, חכמים, זיינען געגאַנגען און ער האָט אונדז פאַרגאַזט. חכמים!

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, שכנא? ביסט מיר שוין צופיל חכם . . . לאחר המעשה.

— האַ? דאָס ביסטו גערעכט. יאָ, ביסט גערעכט, די חכמה פון יעדן טפּש — ער האָט די אויגן אין נאַקן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויך ניט געגלויבט, זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַז דער מין מענטש זאָל קענען זינקען אַזוי נידעריק. איך גיב צו — איך בין דער טפּש, זאָג זשע

מיר אָבער, חכם מיינער, מילא מיר זיינען, בהכרח או ברצון, גבורים, קדושים און טהורים, נו און וואָס איז מכוח די רוצחים, די אכזרים די טמאים, די דייטשן און אַנדערע? וואָס איז מכוח זיי? זיי זיינען דאָך אויך מענטשן, ניין?

— בעסטיעס, ניט קיין מענטשן.

— רק דו פסקנסט, פריער כשר, איצטער טריף. אָבער וואָס קומט אַרויס פון פסקענען, קענסטו מיר זאָגן וואו האַלטן מיר מיט ר ב א ד מ ע ן, מיטן מין מענטש? אַ פאַלק, אַ גאַנץ פאַלק האָט מען אויסגעדישעט, און די וועלט, רב אָדם פון דער גאָרער וועלט, אָדער ער האָט זיך געריבן די הענט פאַר נחת: אַי גוט! ער אַליין האָט עס שוין לאַנג געוואָלט טאָן נאָר ניט געהאַט די געלעגנהייט; אָדער ער האָט געקנייטשט דעם מויל: ניט שיין, מילא הרגענען, מלחמה, דאָס איז . . . נאַטירלעך, אָבער אַזוי אָ? זייער ניט שיין, אָבער וואָס קען מען טון? ער האָט גאָרניט געקענט טון חוץ . . . זיך זעצן עסן מיטיק און, ניט צו שטערן דעם אַפּעטיט, האָט ער אָוועקגעלייגט די צייטונג. ער'ט מער נישט לייענען וואָס דאָרטן טוט זיך. און דאָרטן? דאָרטן, אין בוכענוואַלד, מסתם אין אַנדערע לאַגערן אויך, איז איינגעפירט געוואָרן אַזביים שמייסן אַ מענטשן, ייִד צי ניט ייִד, איז געשטאַנען אַן אָפּערע זינגער און האָט געזונגען אַריעס, אָדער אַ קאַפּעליע האָט געשפּילט, די קולות פונם געשמיסענעם האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער מוזיק און די האַרמאָניע איז ניט געשטערט געוואָרן. דאָרט איז אויך געווען אַ דאָקטאָר, דאָקטאָר האָוועז, וואָס האָט יעדן טאָג „אָפּגעשפּריצט" צענדליקער מענטשן, זיי אַריינגעשפּריצט גיפט אין קערפּער, און אַרויסגעגאַנגען פון אָפּעראַציע צימער מיט אַ ציגאַרעט אין מויל זינגענדיק „און ווידער איז אַ שיינער טאָג פאַראיבער".

— אוי, הער אויף!

— וואַרט, וואַרט! אָט דער זעלבער דאָקטאָר, נאָך דאָקטוירים, פיזיאָלאָגן, כעמיקער, האָבן אויסגעפונען אַז פון מענטשלעכע הונדערט און פופציק פונט קען מען אַרויסקריגן כך וכך שטיקלעך זייף, און זיי האָבן געשיקט מענטשן אויף „שמעלץ". און געווען מענטשן „שמאַלצאָ־וויקעס", ניט קיין דייטשן, וואָס האָבן פאַר אַ פאָר קילא צוקער אויס־געליפערט דעם יידן אויף אָט דעם שמעלץ, און טאָמער איז דיר נאָך קאַרג, זיינען י י ד ן געשטאַנען ביי די קאַלך־אויוונס, אַריינגערוקט די מתים און זיי האָבן „פאַררוקט דעם טשאָלנט", אַזוי האָבן זיי דאָס גערופן. איצטער, זיי אַזוי גוט און זאָג מיר, דערקלער מיר . . .

— איך וויל גאָרניט זאָגן, וויל גאָרניט דערקלערן, איך וויל אפילו ניט הערן. אַ חלום, אַ וויסטער חלום, אַ קאָשמאַר, אַ משוגעת, אַן אומ־גליק, א קאַטאַסטראָפע, אָבער עס איז אַריבער, פאַרשוואונדן, ניטאָ מער, און ע ס ו ו ע ט נ י ט ז י י ן!

— נמנו וגמרו. פון דיין מויל אין גאָטס אויערן. האָסט נאָר פאַר־געסן איין קלייניקייט, זיי האָבן געלאָזט אַ ירושה — אַ דעגראַדירטן מענטשן. דער שמייסער און אויך דער געשמיסענער, ביידע. פאַרשטייסט? געשמיסן ווערט ניט נאָר דער הינטן, נאָר אויך די נשמה, און דער גע־שמיסענער, אָדער ער קען קיינעם ניט קוקן גלייך אין די אויגן, אָדער ער קוקט מיט אַ הונגעריקן, דורשטיקן, וועלפישן קוק, זוכט וועמען ע ר קען שמייסן, ער וויל זיך אויסגלייכן מיט זיין שמייסער. יאָ, יאָ! מיר קען ניט אַרויס פון זינען די מעשים טובים פון דער יידישער פּאָליציי אין וואַרשעווער, ווילנער געטאָס, אין די לאַגערן . . . און דער שמייסער? ער איז נישט געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, ער האָט זיך נישט גע־שלאָגן חטאתי, ער האָט אפילו נישט פאַרבראַכט קיין איין שלאָפלאָזע נאַכט. אדרבה, ער האָט באַטראַכט מעשה ידיו, געזען עס איז גוט, און ער וואַרט ווען ער וועט ווידער קענען שמייסן. און ער'ט לאַנג ניט דאַרפן וואַרטן. אוי, וועט מען שמייסן! ס'אַרט דיך, מ'האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה . . .

— מ'האָט זיך אויך אויסגעלערנט קעמפן.

— קעמפן! זיך אויסגעלערנט קעמפן! נו נו, זאָג שוין דעם סוף פּסוק: און מיר'ן ניט אַרויסלאָזן די שווערד פון האַנט . . . למען השם פאַרגעס נישט די שווערד . . .

— יידישע בחורים האָבן אָפּעריר̈ט מיט מאַשין־ביקסן.

— ג ו י א י ש ע בחורים, אַ ביסל מער באַהבנט אין חכמת המלחמה, געזונטערע פון אונדז, שטאַרקערע פון אונדז, זיינען אויך אויס־געקאָסעט געוואָרן, און די וואָס זיינען ניצול געוואָרן זיינען, ווי זאָגט מען עס, „געליגן איינגעלייגט", זיי האָבן באַגריפן אַז מ'קען נ י ט קעמפן. קעמפן! אַ דורכגעריסענע דאמבע קענסטו מיט אַ פינגער ניט פאַרשטעקן.

— מיר קענען בויען שטאַרקערע דאמבעס.

— וועגן וועלכע דאמבעס רעדסטו עס?

— פיזישע און גייסטיקע . . .

— אַי, דאַניע, דאַניע, דו רעדסט ווערטער, הוילע ווערטער: מ'האָט זיך אויסגעלערנט קעמפן, בויען דאמבעס. דיר חלומט זיך די פּראָנצוי־

זישע, רוסישע רעוואָלוציע, מע שטורעמט די באַסטיל, מע קעמפט אויף באַריקאַדן און . . . מע האַלט פלאַם־פייערדיקע רעדעס, וואָס גייען אַריין אין דער געשיכטע . . . זייער ראָמאַנטיש, טאַקע נאָר צום באַשרייבן, די צרה איז נאָר וואָס אָט די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק איז טויט ווי אַלע טויטע. ווען מ׳איז פאַרשפּאַרט ווי אַ פליג אין אַ פלעשל, מ׳ליגט אין געטאָ געשוואָלן פון הונגער, מ׳טראַכט וועגן אַ פאַרשימלט שטיקל ברויט, מ׳חלומט וועגן אַ פאַרפוילט בלעטל קרויט, קריכן ניט אין קאָפּ קיינע באַריקאַדן. און אַז עס געשעט אַ נס, מ׳נעמט שוין „די שווערד אין האַנט", צי אַ ביקס, אַ גראַנאַט, וואָס פאַר א ווערט האָט אַזאַ העל־דישער ווידערשטאַנד קעגן אַן אָרגאַניזירטער מאָרד־מאַשין? איך וועל דיר פאַרטרויען אַ סוד — ניטאָ קיין העלדן, עס זיינען דאָ מענטשן, און וואָס ד אָ ס איז פאַר אַ באַשעפעניש איז שווער צו דעפינירן, סיידן, סיידן . . . אדם האחרון. פאַרשטייסט? אָנגעהויבן פון אדם הראשון, דערגאַנגען ביז אדם השכל, דער באַרימטער „האמא סאַפּיענס", דורכ־געמאַכט אַ פולן קרייז און דערגאַנגען ביז צום אדם האחרון. און אָט דער אדם האחרון איז וואָס דו ווילסט אין דער וועלט, נאָר נישט קיין העלד. ער קען ניט זיין קיין העלד! די העלדישע צייטן זיינען פאַראיבער, אַ סך וואַסערן זיינען שוין איבערגעלאָפן, אַ היפּש ביסל בלוט האָט זיך געגאָסן, און בלוט איז נאָך ניט דאָס ערגסטע, עס האָט זיך אויך געגאָסן אַ סך ר י צ נ א י י ל . באַריקאַדן, דאַמבעס, קעמפער, העלדן — שיינע ווערטער, ווען די שוואַרץ־העמדלדיקע האָבן אָבער גענומען אַ קעמפער, אַ העלד, אים בגוואַלד איינגעגעבן אַ היפּשע דאָזע ריצנאייל און אים געצוואונגען שטיין נאָכדעם שעהן לאַנג, איז דער מענטש גע־וואָרן אויס העלד, אויס קעמפער, ער איז געוואָרן אויס מענטש. און ווען די ברוין־העמדלדיקע האָבן געצוואונגען אַ רב צי אַ פּראָפעסאָר אויס־צורייניקן אַן אָפּטריט מיט די הוילע הענט, זיינען זיי ניט אויסן געווען רייניקן דעם אָפּטריט, נאָר מטמא זיין, דערנידעריקן, דעגראַדירן דעם מענטש, מחלל זיין דעם נפש. און ווען די רויט־העמדלדיקע נעמען און קערן איבער אַ מענטשן ראַקאַם, קוקן אים אריין אין אָחור, זוכן דאָרטן קאָנטער־רעוואָלוציע, איז כאָטש נעם און רוף אויס צוזאַמען מיט פאַנ־טיוס פּילאַטוסן: קוקט אָן דעם מענטשן! נאָר מיט אַ סך אַ ביטערער איראָניע, ווייל וואָס איז אַ קרוין פון דערנער אויפן ק אָ פּ פון אַ מענטשן אין פאַרגלייך מיט אַן אַנטבלויזטן מענטשלעכן הינטן אין וועלכן אַ צווייטער ריעט זיך? אַ קרוין פון דערנער קען מען נאָך טראָגן מיט

חשיבות אויב אפילו דער המון זאָל לאַכן, אַ קוואָרט ריצנאייל, אַ הינטן אינספּעקציע קען מען ניט פאַרטראָגן מיט חשיבות, אויב אפילו עמיצער זאָל באַדויערן. און, אוי באַדויערט מען! אַלטע רעוואָלוציאָנערן, מענטשן וואָס זיינען דורכגעגאַנגען פייער און בלוט פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן נאָך שוידערלעכע פיזישע און גייסטיקע מאַטערנישן זיך מודה געווען אין קאָנטער־רעוואָלוציע, אין שפּיאָנאַזש, אין וואָס ניט? און „די וועלט" האָט דאָס צוגעהערט, צוגעזען דעם ספּעקטאַקל, געלייענט די מאָרגן־ציַיטונג און באַדויערט: נעבעך! וואָס פון זיי איז געוואָרן! האָבן אפילו ניט דעם מוט זאָגן אַ שאַרף וואָרט, זיי בעטן גאָר אויף זיך דעם טויט. מ'נע . . . און „די וועלט" האָט אָװעקגעלייגט די ציַיטונג, זיך גענומען צו דער גלאָז מאַראַנצן־זאַפט, דעם טעפּל קאַווע און גלייך נאָכן אָנבייסן געלאָפן אין געשעפט, אויפן וועג שוין אַרויפגעשלעפט אויפן פּנים אַ שמייכעלע פאַרן קונה: דער קונה איז אַלע מאָל גערעכט . . . דאָס איז די וועלט.

און די העלדן?

נאָך דעם ווי מ'וואַרפט אַריין אַ מענטשן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, מ'שלאָגט אים מכות רצח, ערגער נאָך, מ'איזדיעקעוועט זיך איבער אים; נאָך דעם ווי מ'זיצט אָפּ אַ זעקס־זיבן מעת לעת נאָכאַנאַנד אויף איין ביינקל און מ'ענטפערט נאָכאַנאַנד אַן אויספאָרשער, אַן אינקוויזיטאָר, וואָס האַלט אין איין טענהן: זיי זיך מודה! אָדער נאָך בעסער, נאָך דעם ווי מ'שטייט אָפּ איין מעת לעת אין אַן איזאָלאַטאָר, וואו די איינציקע ליכטיקע פּיערלעך זיינען די רויטע אויגן פון הונגעריקע שטשורעס, און צו אָט די ליכטיקע פּיערלעך ציען זיך זיינע אויגן, זיין גאַנצער וועזן, דער איינציקער געדאַנק — ווען וועלן זיי אַ שפּרונג טאָן, צום פּנים, צום האַלז . . . איז נאָכן אָפּשטיין איין מעת לעת, ווען אָט דער מענטש וועט אויף מאָרגן קומען פאַרן „פאָלקס געריכט", צי פאַרן „רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל", וועט ער זיך בדאי מודה זיין אַז ער האָט פאַרגוואַלדיקט זיין אייגענע מאַמע. און זיינער אַ ברודער, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם זעלבן חיבוט התפיסה ווי ער, וועט עדות זאָגן און שווערן אַז ער האָט עס אַליין געזען, אַבי פּטור ווערן וואָס גיכער פונם לעבן, פון דער מאַטערניש. געשפּיגן זיך אַליין אין פּנים? אודאי! אָבער דער מענטש האָט שוין נישט קיין פּנים! אין דעם קאָנצענטראַציע לאַגער, אין דעם איזאָלאַטאָר האָט ער פאַרלוירן דעם צלם אלהים. אַמאָל, ווען איך האָב געלייענט אין חומש: בדמות אלהים עשה אותו, האָב איך געשמייכלט, באַדאַרפט געווען זיין פאַרקערט: בדמותו ברא אדם את

האלהים. די גריכן האָבן טאַקע אַזוי געטון, געשאַפן געטער און געטיכעס בדמות האדם, און איין פילאָזאָף זייער׳ער, מיר דוכט קסענאפאנעס איז דאָס געווען, האָט, ניט אָן אַ שמייכל מסתם, געזאָגט אַז ווען אָקסן זאָלן קענען אויסמאָלן אָדער אויסהאַקן אַ גאָט וואָלט זייער גאָט אויסגעזען ווי אַן אָקס. אָט די מימרא איז מיר דעמאָלט שטאַרק געפעלן געוואָרן, איצטער בין איך געניגט צו גלייבן אַז גערעכט זיינען געווען מיר יידן: צלם אלהים מיינט עפּעס.

— וואָס, ווערסט שוין אויך אַ בעל תשובה?

— אַ ב־על־תשו־בה? ניין. אָבער איך לאָך ניט פון זיי. איך דיינק איך באַגרייף זיי. זיי האָבן אויך פאַרלאָרן דעם מענטשן, האָבן זיי זיך אַ קער געטאָן צו גאָט, אָט ווי אַ מענטש וואָס פאַרלירט זיינע פיס שאַפט זיך איין אַ פּאָר קוליעס און, האָסט מסתם באַמערקט, די וואָס גייען אויף קוליעס מאַכן דעם איינדרוק אַז זיי גייען שנעלער ווי מיט פיס. דעריבער מאַכן די בעלי תשובה אַזאַ טומל. איך קען אויף קוליעס ניט גיין, מעג עס זיין „געטלעכע קוליעס״, פאַרלאָרן די פיס, ליג איך ניין איילן אין דר׳ערד, פאַרלאָרן דעם מענטשן, קען איך ניט שרייבן. דעם מאָלער, דעם מוזיקער, זיי איז גוט. דער מאָלער קען מאָלן דעם הימל, יאָ גאָט אָדער ניט גאָט, ער קען מאָלן די ערד, יאָ מענטש אָדער ניט מענטש, זונענאויפגאַנג, זונענאונטערגאַנג, אַ בוים, אַן עפל, אַבי פאַרב, קאָליר, ליניע, ער קען זיך באַגיין אָן דעם מענטשן. פונם מוזיקער איז דאָך אָפּגערעדט, אַ סקריפּ פון אַ טויער איז שפּייז פאַר זיין אויער, דער ש ר י י ב ע ר אָן דעם מענטשן איז אויס שרייבער און אויס... מענטש. ניט גוט, ברודערקע.

— לויט דיינע רייד וואָלטן די דרוקערייען זיך געדאַרפט פאַרמאַכן.

— און וואָס מיינסטו? אָסור מיר אויב מ׳וואָלט עפּעס פאַרלאָרן. אָבער עס וועט ניט קומען צו די צרות, מע שראַבט, מע שראַבט און, וואָס דאַרפסטו מער, איך לייען די שרייבערייען.

— וואָס לייענסטו?

— שטרוי.

שכנא האָט געהאַט אַ טבע, אַ בוך וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען האָט ער, אַ געעפנטן, דאָרט וואו ער האָט געהאַלטן, אַוועקגע־לייגט מיט די בלעטער אַראָפּ, טאָוולען אַרויף. דניאל האָט אַ נעם געטאָן דאָס בוך, אַ זוך געטון דעם נאָמען פון שרייבער, דאָן געגומען כלומרשט לייענען. שכנא האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, גערעדט.

— אַ גוטער שרייבער, איך מיין ער קען די מלאכה, און האָט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס, נאָר איין זאַך — ער האָט פאַרגעסן, אָדער מאַכט זיך ניט וויסנדיק, אַז עס איז געווען אַ מבול אויף דער וועלט. אָדם ליובעט זיך מיט חוהן, זי פלירטעוועט מיט איינעם אַ מר. נחש, גייט מיט אים קלייבן בלומען . . . רייסן עפּל און, ווי צו פאַרגיטיקן אָדמען פאַר אירע מעשים טובים, גיט זי אים נאָך צו פאַרזוכן פונם זעלבן עפּל. אדם, ניט אַזאַ איבערשפּיצטער, כאַפּט זיך פונדעסטוועגן אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק, דער עפּל שמעקט מיט עפּעס אַנדערש, ער האָט זיך אים געשטעלט אין האַלז. ווערט אַ סקאַנדאַל, דאָ מישט זיך אַריין דער גוטער גאָט, דער אינטריגאַנט נחש קריגט אַ וויסטן סוף, חוה און אדם כאַפּן אויך אַ פּסק, אָבער מיט חסד, ער דערמאָנט זיי אַז זיי זיינען פאַרט מבשר אחד און . . . אדם דערקענט חוהן און זי געבערט קינען. אָט דער קין קוקט עפּעס אויס ניט ווי אדם, געמעגט שווערן ער האָט אַן ענ־לעכקייט צו נחשן, אָבער זיכער אין דעם קען מען ניט זיין, חוה איז אַ געטרייע ווייב, נאָך קינען געבערט זי הבלען, און דער איז שוין דער טאַטע מיט די ביינער, אַ לעמעלע, קען קיין צוויי ניט ציילן. פּאַסירט טאַקע אַז קין הרגעט הבלען, אָבער דאָס איז אַ קנאַפּער אומגליק, חוה פאַסטאַרעט זיך און געבערט שתן, און נאָך שתן קומט אנוש, נאָך אנושן קומט קינן, און נאָכדעם, וואַרט, ווי גייט עס דאָרט ? אָה יאָ, קינן, מהללאל, ירד, חנוך, מתושלח — דער באַרימט געוואָרענער מתושלח — און נאָכ־דעם למך, און דאַן נח, אַ נחמה פאַר אונדזער אַרבעט, וואָס מיינט אַ „העפּפּי ענדינג״. און קינען גייט אויך נישט אַזוי שלעכט. זאָל נאָר עמיצער טשעפּען קינען וועט פון אים זיבנפאַך גענומען ווערן נקמה. ניין, קינען טשעפּעט קיינער ניט, אַז מ׳שמועסט אַ „העפּפּי ענדינג״ איז דאָך ניט שייך. אַזוי שרייבט דער, אַנדערע, מע שראַבט, און איך לייען. דיר געבן אַ ניקל אַז דו׳סט מיר אָנווייזן אַ גוט בוך, אָבער טאַקע אַ בוך . . .

אין דער צייט וואָס שכנא איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און אויף זיין שטייגער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון בוך האָט דניאל, מעשה גנב, אַריינגעלייגט א צוואנציק דאָלאַרדיק פּאַפּירל פונקט דאָרט וואו שכנא האָט געהאַלטן אין לייענען, און ווען שכנא האָט אים פאַר־געלייגט דאָס גרינגע פאַרדינסטל — אַ ניקל פאַר אָנווייזן אַ גוט בוך — האָט ער פאַרקלאַפּט דאָס בוך, אַ לייג געטאָן און געענטפערט : ווילסט לייענען אַ גוט בוך זעץ זיך אַנידער און שרייב אָן.

— ניט שלעכט.

— יאָ, רב שכנא! אַ קונץ חוזק מאַכן פון אַנדערע שרייבער? זעץ זיך אַנידער און שרייב דו אָן אַ בוך, און טאַקע פון דעם רב אדם. ער געפעלט דיר ניט? און מיר געפעלט ער יאָ? מער ניט, איך דיינק אַז כאָטש די מעשה מיט קין און הבל איז זיך פאַרלאָפן מיט אַ היפּשע פאָר יאָר צוריק, האַלטן מיר נאָך ניט, ווי דו זאָגסט, ביים אדם האחרון. מ י ט זיינע הונדערט טויזנט יאָר, צי וויפל דאָרט, איז ער נאָך אַ צוציק. אמת, ער האָט שוין באַוויזן אָפּצוטון אַ היפּש ביסל מיאוסע מעשים, אָבער מ י ט אַלע זיינע סאַדיסטישע פאַסטעמקעס, קען פון אים אַרויס־וואַקסן אַ גוטער . . . כירורג. וואָס דאַרפסטו מער? אָט דער זעלבער רב אדם, אַזאַ מאַדים אויף מאָרדן און מאַטערן, האָט זיך אויסגעלערנט היילן דעם מענטשן און האָט אויסגעקלערט אנעסטעטיק, מענטשן זאָלן ניט פילן קיין ווייטיק. מיט וועלכע אויגן מ׳קוקט אויפן מענטש אַזאַ פּנים האָט ער. טאָ קוק ניט אויף רב אדמען דווקא ווי ער איז איצט, נאָר אויך ווי ער וועט זיין, קען זיין, דאַרף זיין, לויט דיין השגה טאַקע. און, ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער: גיב דעם מענטשן אַ שאַנס!

— יאָ, רב דניאל, ווי מ׳קוקט אויפן מענטשן אַזאַ פּנים האָט ער. דאָס ביסטו גערעכט. אַ פראַגע פון קוקן. איז אַזוי, אַז ס׳איז געווען אַן ערד־ציטערניש האָבן מירביידע געפילט, מער ניט, דו, מיט דיינע בלויע אויגן, זיצסט און קוקסט אויף דער סטעליע — אַ ביסעלע צע־שפּאָלטן, אָבער ס׳אַ קלייניקייט, פאַרפלאַסטערן, פאַרשמירן און עס וועט זיין גוט און שיין. איך גיי אַרום און, מיט מיינע שוואַרצע אויגן, ווי דו זאָגסט, זע איך אַז דער פונדאַמענט איז צעשמעטערט, אַז דאָס גאַנצע הויז פאַלט איין, און דער קעלער איז אַזוי טיף ממש ביז אין דער שאול תחתיה, נאָך איין ציטער, און אויס, ניטאָ קיין הויז, קיין מענטש, גאָר ניטאָ, אפילו ניט זיין ווער מען צו „גיבן אַ שאַנס". און ער וועט קומען, דער טרייסל, גיכער ווי דו דיינקסט. נאָר גאָרניט, וואָס איז דאָ צו ריידן, פון ריידן און זאָגן פאַרגייט מען ניט אין טראָגן.

— פון מיינעטוועגן קענסטו זינדיקן אפילו מיט אַן אשת איש אבי אַז איכ׳ל קומען אַ צווייטן מאָל זאָלסטו חוץ הערינג און קאַווע מיר געבן צו פאַרבייסן דיינע אַ דערציילונג. און איצט מוז איך שוין גיין. — דניאל האָט אַ דריי געטון דעם האַנט גלייך, אַ קוק געטון אויפן זייגערל.

— איז האָב מיר אַ גוטן.

— גייסט שוין? וואַרט! דאָס ביסל בראַנפן . . . נעם מיט.

— ביסט אַ טפש, — האָט דניאל חבריש אַ זאָג געטון און אויף שנעל אַרויסגעגאַנגען.

פון יענער זייט טיר שוין, האָט דניאל „פאַרזוכט דאָס ביסל בראנפן" און אַ שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיין פּנים. ער האָט געזען ווי שכנא „געפינט" דאָס געלט־פּאַפּירל. דער משוגענער קען עס נאָך וועלן אָפּשיקן, אַ קשיא אויף אים? ניין, מאָרגן איז זיין חודש, דאַרף צאָלן דירה־געלט, און אַ „לענדלאָרד" איז ניט קיין מאָגן, אים קען מען ניט אָפּנאַרן. ווי אַזוי דער מענטש לעבט, ווי ער קומט אויס איז טאַקע אַ רעטעניש. נו יאָ, ער כאַפּט אַ גמילת חסד . . . אָבער פון דעם אַליין . . . די „טשיקן סופּ" האָט ער פונדעסטוועגן ניט אָנגענומען. ער האָט זיך גערינכט אַז אַזוי וועט עס זיין, גייענדיק צו אים האָט ער באַשלאָסן אַז דאָס מאָל וועט ער רעדן מיט אים דברים קשים, אָבער גיי רעד מיט אַ מענטשן, אַז ער ציטערט איבערן וואָרט, ציטערט ער, אַז אפילו זיין נ י ט שרייבן איצטער איז אויך מער ווי אַן אַנדערנס שרייבן. צי איז ער טאַקע אַזאַ וצדקתך איז ניט אַזוי זיכער, גיכער — אַ שטיקל משוגענער, אָבער שטיקלעך משוגעים זיינען מיר דאָך אַלע, איז כאָטש גוט וואָס עס געפינט זיך אַ ז אַ משוגענער. אַ קלאָרער מענטש? אַ קלאָרער מענטש, אויב עס איז דאָ אַזעלכער, איז אויך משוגע — אויף קלאָרקייט, עפּעס וואָס אים איז ניט קלאָר, מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט — משוגעת. אַ משוגענע וועלט, אָבער כאַפּט זי דער וואַטלמאַכער, ער, דניאל ליבסאָן, וועט זי ניט איבערמאַכן, זאָל עס שכנא טון, — האָט ער וואוילינגעריש אַ שמייכל געטאָן און פאַרשנעלערט זיין גאַנג.

בין השמשות

דאָ איינצלנע שרייבער ווען מען דער ברייטער עולם קען ניט, ווייסט אפילו ניט אַז זיי עקזיסטירן, זיי שרייבן זייער ווינציק און ניט אין קיין פּאָפּולערע אויסגאַבן, דערפאַר אָבער אין דער שרייבערישער סביבה — אַ וועלט פאַר זיך — זיינען זיי די זונען אַרום וועלכע עס דרייען זיך די פּלאַנעטן, דאָס הייסט, זיי שאַפן שולן, איבער זיי רייסט מען זיך, קריגט מען זיך. אַזאַ שרייבער איז געווען שמעון טשודאַקאָוו.

כשמו כן הוא. אַ טשודאַק אַ ייד. ער האָט געשריבן לידער. געדרוקט האָט ער זיי אין די שווערמלעך־זשורנאַלן. פיר־פינף שרייבער האָבן זיך צוזאַמענגענומען, אויסגעבייטלט זייערע קעשענעס, אַמאָל געפּאַקט אַ יידן אַ „מעצענאַט״, ביי וועמען מ׳האָט אַרויסגעריסן אַ גאַנצן פינפאונצוואַנציקער, און מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל. זעלטן ווען איז פון אַזאַ זשורנאַל אַרויסגעגאַנגען מער ווי פיר נומערן, די צירקולאַציע — צוויי־דריי־הונדערט, דערפאַר אָבער סענסאַציע! די ליטעראַרישע קאַפּע איז געגאַנגען כּאַדאַראַם.

— אָבער אַז איך פאַרשטיי זיי ניט! — האָט זיך געקאָכט אַ שרייענדיקער זשורנאַליסט, אַ פּייאיקע „האַנט״ אין אַ רעדאַקציע, וואָס איז קיינמאָל ניט געקראָכן אין קעשענע נאָך אַ וואָרט, וואָס אויפן לונג איז אויפן צונג, ער אַליין האָט געקענט אויספילן אַ גאַנצע צייטונג, נייס, אַרטיקלען, לייט־אַרטיקל, פעליעטאָן און ליד אַריינגערעכנט.

— לייענט נאָכאַמאָל, — האָט טשודאַקאָוו רואיק געענטפערט. דער קאָליר פון זיין שטימע — גרוי, די אַגרעס־גרינע אויגן — קאַלט, זיין פינף־קאַנטיק פּנים — האַרט, פאַרגליווערט.

— געלייענט! איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, איך פאַרשטיי פּאַרט בישט! — דער זשורנאַליסט, אַ זשוואַוו מענטשל, קוועקזילבער, האָט מיט זיין שטימע, מימיק און זשעסטן געלאָזט הערן און זען ווי ער האָט נעבעך שווער געהאַרעוועט, געלייענט און געלייענט און ניט פאַרשטאַנען.

— אויב איר האָט טאַקע, ווי איר זאָגט, ד ר י י מ אָ ל געליי־

ענט און ניט פֿאַרשטאַנען, טאָ לייענט ניט מער מיינס אַ ליד, — האָט טשודאקאָוו, שוין מיט אַן אַנצווזעניש אויף אַ שמייכל אין די אויגן, געענטפֿערט. אָט דער אָ וועט עס נעמען ברעכן זיין שפּיציק קעפּעלע און איבערלייענען אַ ליד דריי מאָל! — דאָס מיינט פּשוט אַז איר זייט ניט מיינער אַ לייענער, איך בין ניט אייערער אַ שרייבער.

דעם זשורנאַליסטס קליינע שפּיציקע חזיר אויגעלעך האָבן באַגעגנט טשודאקאָווס גרויסע רואיקע אָקסן אויגן און די צוויי „חיות" זיינען זיך צעגאַנגען. דער זשורנאַליסט — דאָ אַלערליי באַשעפֿענישן אויף דער וועלט. אויך מיר אַ שרייבער! אַ גראַפֿאָמאַן! — טשודאקאָוו — ווער עס רעדט וועגן פּאָעזיע! הכל שרייבן, אַלע רעדן, אפילו חרש שוטה וקטן. מיט אָט די זשורנאַליסטן איז אפילו ניטאָ וואָס צו רעדן, זעסטו, מיט די קריטיקער, מיט זיי . . .

דער קריטיקער האָט אויך געהאַט טענות. — אייערע לידער זיינען שורות ניט קיין שירות. — דער שמייכל אין קריטיקערס אויגן — גוט געזאָגט, האַ? זיין פֿאַרקנייטשט אויג, זיין עטוואָס פֿאַרדרייט מויל ביים אַרויסלאָזן דעם ציגאַרעטן רויך — אַ פֿאַרשווערונג: ער האָט שוין אַ „קעפּל" פֿאַרן אַרטיקל וועגן טשודאקאָווס לידער. — שורות און שירות. — יעדע שורה פֿאַר זיך איז גאַנץ גוט, אָבער צווישן זיך זיינען די שורות צעקריגט, — האָט ער שוין געשריבן דעם אַרטיקל בעל פּה, — איין שורה קער זיך ניט אָן מיט דער צווייטער, די זעקסטע שורה קען פּונקט אַזוי גוט זיין די זעכצנטע, ניטאָ קיין מוקדם און מאוחר . . .

— בתורה, — האָט טשודאקאָוו לאַקאָניש צוגעשטעלט דאָס וואָרט, און דאָס איינע וואָרט — אַ שפּיז צוגעשטעלט צום קריטיקערס ברוסט — ניט גערירט זיך!

דער קריטיקער האָט זיך יאָ גערירט. — די תורה איז פֿונדעסטוועגן גאַנץ קלאָר, אייערע לידער צייכענען זיך, ליידער, ניט אויס מיט זייער קלאָרקייט.

— איר געדיינקט דאָך מסתם וואָס געטהע האָט געזאָגט וועגן קלאָרקייט.

דעם קריטיקערס קאָפּ האָט זיך אַ בויג געטון אויף סקאָס. דאָס האָט די גאַנצע וועלט ליטעראַטור אין זיין קאָפּ זיך אַ בלעטער געטון צו געטהען צו, אַ קוק טון וואָס ער האָט דאָרטן געזאָגט וועגן קלאָרקייט. אַ סך נאַרישקייטן האָט ער געזאָגט, דער אַלטער, בשעתו, און גיי געדיינק! מיט זיין גאַנצן „אייזערנעם זכרון" האָט ער זיך ניט געקענט דערמאָנען. האָט עס אים פֿאַרדראָסן אין צווייען: אי וואָס ער געדיינקט

ניט געטהען, אי וואָס אָט דער אָ . . . האָט גאָר אַריינגעבראַכט געטהען, געטהע און . . . טשודאקאָוו. — וואָס זאָגט ער עפּעס, דער רבנו געטהע ?

— רבנו געטהע זאָגט : די קלאָרסטע האַנטשריפט איז שווער צו לייענען בין השמשות . . .

צוויי איראָנישע שפּיזן האָבן זיך אָנגעקלאַפּט, קיינער פון די דוּ־עליסטן ניט פאַרוואונדעט, סתם אַזוי, אַ שטאָך פאַר אַ שטאָך.

— דאָס איז זיך אמת, — האָט דער קריטיקער פאַרירט מיט אַ שמייכל, — ער האָט אָבער פאַרגעסן צוגעבן, דער אַלטער, אַז קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס קען מען אפילו בייטאָג מיט אַ לאָמטערן ניט איבערלייענען. און אפשר האָט ער ניט פאַרגעסן, ז י י נ ע לידער זיינען גאַנץ קלאָר.

דער ווערטער־געפעכט איז געווען געענדיקט. די דועליסטן זיינען זיך צעגאַנגען, די סעקונדאנטן האָבן אָנגעקוואָלן — דאָס הייסט אַריינ־געזאָגט !

טשודאקאוו האָט שוין געוואוסט אַז ער האָט זיך אָנגעפרעגט מפטיר, ער האָט שוין אפילו געזען דאָס „קעפל" פונם קריטיקערס אַרטיקל — שורות זיינען ניט קיין שירות — אָדער עפּעס ענלעכעס, און די קנייטשן ביי זיין מויל האָבן זיך פאַרטיפט, דער קין איז געוואָרן האַרטער.

— קלאָרקייט וויל ער, — האָט זיך ווי אַרויסגעזייט פון צווישן די פאַרשטייפטע ליפּן. — ער וויל איך זאָל אים דערציילן אַ מעשה אין כך וכך שורות און מיט גראַמען דערצו. מ'האָט עס שוין געטון, הער קריטיקער, נאָך אין האָמערס צייטן. זינט דאַן איז שוין געקומען אַ צווייטער בלינדער האָמער, דזשיימס דזשאָיס איז זיין נאָמען. ער האָט אָנגעשריבן זיין אדיסעע אָן גראַמען און גאַרניט אַזוי קלאָר. און אַזוי דאַרף זיין. — ווענדנדיק זיך צו זיינע צוהערער, פאַרערער, האָט ער גענומען רעדן עטוואָס העכער. — קלאָר, לאָגיש טראַכט בלויז דער מאַ־טעמאַטיקער. צוויי מאָל צוויי איז פיר, מוז דעריבער פיר מאָל פיר זיין זעכצן, אַזוי ביזן „קוואָד עראַט דעמאָנסטראַנדום". דער ניט־מאַטע־מאַטיקער, אָדער אפילו דער מאַטעמאַטיקער, ווען ער טראַכט ניט וועגן צוויי מאָל צוויי, טראַכט ניט לאָגיש, די געדאַנקען שטויסן זיך, רייסן זיך איבער און קניפּן זיך אָן, אָפּגערעדט שוין פון געפילן, שטימונגען, יעדער כהרף עין אַן אנדער ניואַנס. וויל אַ דיכטער איבערגעבן זיינע געדאַנקען, געפילן, שטימונגען, און ער וויל זיי איבערגעבן אַ מ ת ד י ק, ניט פאַרליטעראַטעוועט, מוז ער זיי איבערגעבן ניט אין לאָגישע גראַמען, געבונדענע פיר צי זעכצן שורות, נאָר אין פרייע, צעשאָטענע שורות,

וויפל זיי זאָלן ניט זיין. שורות, ווערטער זיינען אָבער ניט קיין אַרבעס, דער מענטשלעכער מוח איז ניט קיין כאַאָס, עס איז אַ סימפאָניע, יעדער איינער אינסטרומענט שפילט כלומרשט פאַר זיך, אָבער ווי פאַרפּלאָנטערט די קאָמפּאָזיציע, וועט דער געניטער אויער כאַפּן דעם הויפּט מאָטיוו, דאָס גאַנצע, ער וועט פאַרשטיין די גאַנגען און איבערגאַנגען. דאָס איז אָבער דער געניטער אויער, פאַרן אייזל מיט די לאַנגע אויערן וועט עס שוין גאָרניט זיין קלאָר, ער׳ט עס ניט פאַרשטיין.

דער אייזל מיט די לאַנגע אויערן, דאָס איז געווען ניט נאָר דער קריטיקער, נאָר די אַלע געשטראָפטע מענטשן וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען זיינע לידער, געקרימט מיט די נעזער, אים אפילו גערופן גראַפאָמאַן. נתפעל ווערן פון זייער קריטיק? ניט טשודאַקאָוו. הכל לפי המביש והמתביש. מיט ז י י איז אפילו ניטאָ וואָס צו רעדן. אָבער אפילו צו זיינע פאַרערער האָט טשודאַקאָוו זיך פאַרהאַלטן קאַלטלעך. אָט זיצן זיי, קוקן אים אין מויל אַריין, שלינגען זיין „תורה״. חסידים . . . אונדזער רביניו . . . ער איז ניט קיין רבי און האָט פיינט אַ חסיד שוטה. ער קען אָנשרייבן אַ גוטע שורה, אַ גוט ליד. איין גוטע שורה, אַז עס בלייבט, איז אויך גוט, און ווי האָט דאָרט באַדלעיר תפילה געטון: גאָט! שיינק מיר דעם חסד אָנצושרייבן אַ פּאָר שיינע פערזן, וואָס זאָלן מיר באַווייזן אַז איך בין ניט דער נידעריקסטער צווישן מענטשן, אַז איך שטיי ניט נידעריקער פון די וועמען איך פאַראַכט . . . אַ גוטע תפילה פאַר אַ דיכטער. ער גיסט ניט מיט לידער יעדן טאָג, רעכט ער זאָל אָנשרייבן אַ ליד אַ חודש, דערפאַר טאַקע איז יענער טאָג דער מולד, ר א ש חודש, אָבער צוזען ווי חסידים זיינען מקדש די לבנה, שפּרינגען שלום עליכם און . . . וואַרטן אויפן עליכם שלום . . . דאָס איז אים דערווידער. דער איינציקער צו וועמעס וואָרט ער הערט זיך יאָ צו אַמאָל איז דער משומד, אריה לייב קאַווינאַקי.

— די צרה מיט דיין לעצטן ליד איז, וואָס עס איז, ווי דער שטייגער, ווידער גוט.

— הייסט עס, אַ גוט אַ אויף צרות . . .

— אַ טשודאַק אַ ייד. האָט דוכט זיך אַ גוטן אויער און פאַרהערט וואָס מ׳זאָגט אים. איך האָב געזאָגט „ווי דער שטייגער״! פאַרשטייסט? האָסט זיך שוין אויסגעאַרבעט אַ מאַניער אָנשרייבן אַ גוט ליד. יאָ יאָ, אַ מאַניער, און דאָס איז פּונקט אַזאַ׳ן אומגליק פאַר אַ שרייבער ווי שרייבן דורכאויס שלעכטע לידער. זיך איינגעפאַרן אין אַ קאַליע, דאָס

שליטעלע גליטשט זיך אזוי גלאַט, אזוי גרינג . . . דו, ברודערקע, האָ־
רעווע צו אַ ביסעלע, שרייב אָן אַ ש ל ע כ ט ליד, עס זאָל אָבער
פּאַרט זיין אַ ליד, און אנדערש פון דיינע פריערדיקע גוטע לידער, דאַן
וועל איך וויסן אַז דו ביסט אַ שרייבער, אַז דו זוכסט, ארבעטסט, ניט
ווי א פערד אין אַ טאָפּטאַק, נאָר ווי דער כעמיקער אין זיין לאַבאָראַ־
טאָריע, מ׳דאַרף עקספּערימענטירן, און ניט אלע מאָל געלינגט, אמאָל
קומט גאָר פּאָר אַן אויפרייס. עקספּלאָדיר אמאָל! פּאַרשטאַנען?

האָט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך, דער משומד.

דער „משומד" האָט זיך קיינמאָל ניט געשמדט, כאָטש ער האָט
שוין אַ פּאָר מאָל „אויסגעביטן דאָס רענדל". אָנגעהויבן האָט ער מיט
שרייבן העברעאישע שירים אונטערן העברעאישן נאָמען קב ונקי; איז
איבערגעגאַנגען אויף יידיש, און פּראָזע, אונטערן נאָמען קאווינאקי;
דערנאָך זיך גאָר גענומען שרייבן ענגליש. די יידישע שרייבער האָבן
אים אַרויסגעוויזן אָפענע שנאה — אַן אָפּטריניקער. אים האָט עס, קענ־
טיק, פאַרדראָסן. טשודאקאוון, וואָס האָט זיך צו אים באַצויגן פריינטלעך
ווי פריער, האָט ער געזאָגט: איך האָב א צו גוטן אפעטיט צו שרייבן
יידיש. גוט איז דיר, האָסט געזען אַז פון יידישע לידער קען מען קיין
חיונה ניט ציען האָסטו זיך אויסגעלערנט מאַכן ציין און האָסט וואָס
צו עסן, ציין — ברויט מיט פּוטער, לידער — קאָמפּאָט. ווען איך זאָל
שרייבן יידיש וואָלט איך באדאַרפט אוועקלייגן מיינע ציין אויף די באַנטעס,
און איך וויל עסן מיט מיינע אייגענע ציין, און דוקא פון דער פּען, על
חרבך תחיה. די יידישע פּען גיט נישט גענוג? טאָ זאָל זיין אַן ענגלישע,
דאָס הענטל איז דאָס זעלבע, הידים ידי . . . יעקב, איך בין נאָך אַזאַ
גוטער ייד ווי . . . אָדער ווי . . . — ביי זיך איז ער טאַקע געבליבן
דער זעלבער גוטער ייד, די מחיצה צווישן אים און די יידישע שרייבער
איז פונדעסטוועגן געוואָרן גרעסער און, חוץ מיט טשודאקאוון, האָט ער
מיט קיינעם פון די יידישע שרייבער זיך ניט געחברט. — ניט משלנו,
— האָבן זיי אים געלאָזט פילן און ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האנט
— מ׳האָט אייך ערגעץ אנדערש. בין איך אַן ענגלישער שרייבער! און
איר . . . זויערע וויינטרויבן . . .

די ענגלישע פּען איז אויך ניט געווען קיין גאָלד גראָבערן. צו די
חשובע באַלעבאטישע זשורנאלן האָט ער קיין צוטריט ניט געהאַט. ער
האָט געשריבן אין די ראדיקאַלע, האלב קאָמוניסטישע און אפילו ריין
קאָמוניסטישע אויסגאבן, וואו מ׳האָט זיך ניט איבערגעצאָלט, צופיל

עסן האָט ער ניט געהאַט, דערפאַר אָבער האָט ער געטרונקען אַ היפּש ביסל, ניט דוקא בראַנפן, נאָר די מער פאַרשיכורנדיקע משקה, פּאָפּור־לאַריטעט, שיר ניט באַרימטקייט, און דאָס איז אים אריין אין קאָפּ. קאָמעראַד קאָווינאַקי. איין קליינינקייט! ווער האָט ניט געקענט קאָמעראַד קאָווינאַקי? ווען אָט דער קאָמעראַד קאָווינאַקי האָט איין מאָל אַריינ־געגעבן אַ דערציילונג, אַ כשרע פּראָלעטאַרישע דערציילונג, אַזוי האָט ער געדיינקט, אַ מעשה וועגן אַ סטרייק, טאַקע אַ מעשה שהיה, און דער־זען זי אָפּגעדרוקט מיט אַ גאַנץ אַנדערן סוף ווי ער האָט אָנגעשריבן, האָט ער זיך אריינגעריסן אין רעדאַקציע ווי אַ וויכער: וואָס איז דאָס?

— זיצט! — האָט דער רעדאַקטאָר רואיק אַ זאָג געטון, און די רואיקייט האָט אים אָנגעקגעזעצט, אויסגעהערט דעם רעדאַקטאָרס דער־קלערונג, איז ער אויפגעשפּרונגען.

— מיר זיינען פאַר די אַרבעטער, פאַר זייערע סטרייקס, ניט אַזוי?

— ווען דער סטרייק ווערט געפירט פון א ו נ ד ז . ווען ער ווערט געפירט, אָדער ער פאַלט אריין אין אַנדערע הענט זיינען מיר קעגן דעם סטרייק, איז דער סטרייק אַ פאַרלאָרענער, אויב אפילו די אַרבעטער האָבן געוואונען. איצט קענט איר שוין אליין זען פאַרוואָס דער סוף פון אייער דערציילונג האָט געמוזט געענדערט ווערן, און עס האָט געמוזט געטון ווערן גלייך, פאַר דער היינטיקער אויסגאַבע, איידער די אַרבעטער גייען צוריק צו דער אַרבעט. איצט זעט איר שוין?

— ניין, איך זע דאָס ניט, איך . . .

— איך דיינק איר דאַרפט אַן „אויגן עפענער". ווילט אַ טרונק?

געוואָן איז דאָס אַרום צען אינדערפרי. אריה לייב איז געלאָפן אין רעדאַקציע נאָך אויפן ניכטערן האַרצן, ער האָט אפילו ניט באַוויזן אויס־צוטרינקען דאָס טעפּל קאַווע, אַזוי אויפגעקאָכט איז ער געוואָרן ווען ער האָט דערלייענט זיין דערציילונג ביזן סוף, אַ טרונק בראַנפן וואָלט אים אפשר געטון גוטס, אָבער פון אָט דעם אַ . . . רעדאַקטאָר, פון זיין שמייכעלע קערט אים צום ברעכן. — מיינע אויגן זיינען שוין גאָר גע־עפנט, — האָט ער מיט שטירדעס אַ זאָג געטון, — איך זע אייך דורך און דורך, איך צווייפל אָבער זייער שטאַרק צי וויל איך אייך זען . . .

מער האָט ער דעם רעדאַקטאָר ניט געזען. אין אַ פאָר טעג אַרום איז אין דער צייטונג דערשינען אַ קורצער נאָטיץ אַז מ י ס ט ע ר א. ל. קאָווינאַקי האָט מער קיין שייכות צו דער צייטונג, צו דער פּאַרטיי, אויף מאָרגן, איבערמאָרגן און טעג נאָכדעם זיינען געדרוקט געוואָרן

בריוולעך, שטימען פון פאָלק, אין וועלכע מ׳האָט פאַרדאַמט דעם רע־נעגאַט, דעם משומד א. ל. קאַווינאַקי, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעס, און דאַן — אויס א. ל. קאַווינאַקי, ניטאָ, גע־שטאָרבן.

די קאַפּיטאַליסטישע פּרעס האָט זיך ניט געאײַלט אויפכאַפּן די מציאה עקס קאַמעראַד קאַווינאַקי. קיינער איז ניט געקומען בײַ אים בעטן „די געהיימניסן פון קייזערלעכן הויף" . . . אָדער „די קאָנפעסיע פון א קאָמוניסט", און וואָלט אפילו עמיצער יאָ געקומען וואָלט ער אים, אויב ניט אַרויסגעטריבן, איז אַרויסגעלאָזט מיט ליידיקן: ניט ער האָט געוואָלט, ניט ער האָט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, ער האָט ניט געקענט אָנשרייבן א וואָרט, וואָכן לאַנג האָט ער ניט גענומען די פּען אין האַנט, ער האָט זיך גאָר גענומען צום גלעזל . . .

אין א בגילופינדיקן צושטאַנד איז ער אַרײַנגעפאַלן צו טשודאַ־קאָוון, דאָרטן ווידער געטרונקען, שוין מיט טשודאַקאָוון צוזאַמען, און גענומען זיך אויסטענהן מיט אים: דו דיינקסט אויך אַז איך בין א רענע־גאָט, א משומד, א פאַררעטער, א . . .

— אַה! דאָס וואָס דיך עסט! נו יאָ, אַ מענטש אַז ער נעמט זיך צום טרינקען איז אַ סימן אַז עפּעס עסט אים, נו, גאָט צו דאַנקען, עס איז ניט קיין קאַנסער, עס איז . . . עס איז . . . פּאַקן, און אַלץ וואָס איך קען דיר זאָגן איז — הער אויף קראַצן. יאָ, אויב דו ווילסט ניט בלײַבן אַ געשטופּלטער, הער אויף קראַצן.

— אָבער עס בײַסט, עס טוט ווי, עס . . . הרגעט מיך אוועק, איך . . .

— הער אויף רחמנות האָבן אויף זיך, הערסט? וואָס קוואָקעסטו? ביסט געווען, זאָגסטו, אַ גוטער קאָמוניסט און זיי האָבן דיך אַרויסגע־וואָרפן . . .

— ניט איך בין געווען, איך בין נאָך איצט, א בעסערער פון זיי, און ניט זיי האָבן מיך אַרויסגעוואָרפן, איך האָב זיי אַוועקגעוואָרפן, ווײַל איך האָב זיי מער ניט געקענט פאַרטראָגן, ווײַל איך . . .

— ווײַל דו ביסט גאָר קיינמאָל קיין קאָמוניסט ניט געווען.

— ביסט אַן אידיאָט!

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט. ביסט ניכטער גענוג צו הערן וואָס מ׳רעדט צו דיר? אויב אזוי, וועלן מיר נעמען צו גלעזעלעך און הער. ביסט געווען, זאָגסטו, א גוטער קאָמוניסט. אודאי ביסטו געווען, נאָר לויט דײַנע אייגענע השגות. האָסט זיך פאַרקנסט צו דער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי, האָסט אפילו געשריבן תנאים מיט איר, דאָס און דאָס וועסטו שרייבן, נאָר איין זאַך האָסטו פאַרגעסן, אָדער גאָר ניט געוואוסט, אַז מיט איר, מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שרייבט מען נישט קיינע תנאים, מיט איר האָט מען חתונה כדת קאַרל ויוסף און היא תמשול בו, און קיינע רעכטע געליבטע . . . אגב, וועסט מיר אַנטשולדיקן פאַר דער פּערזענלעכער פראַגע — דאָ אַ זי אין דעם? א מיידל, אַ ווייבל?

— און אַז יאָ?

— אויב יאָ, איז עפּעס אַנדערש.

— דאָס האָט גאָרניט צו טון.

— אויב „דאָס" האָט גאָרניט צו טון, — האָט טשודאקאָוו שוין געענטפערט מיט א שמייכל — טאָ גיי אהיים, שלאָף זיך גוט אויס, ניט נאָר פונם בראַנפן, און אויף מאָרגן, איבערמאָרגן, וועסט אויפשטיין מיט אַ קלאָרן קאָפּ, זעץ זיך אַנידער און שרייב אַן א בוך וועגן . . . דער לבנה. יאָ, וועגן דער לבנה, אָדער וועגן אַן ענלעכער הייסער פּראָבלעם . . .

אַ שטיק צייט האָט קאווינאקי זיך ניט געוויזן. טשודאקאָוו האָט געמיינט אַז ער האָט זיך דערטרונקען אין שנאַפּס, אָדער סתם געוואָרן אויס מענטש, ערשט, בלעטערנדיק א ליטעראַרישן זשורנאַל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ רעצענזיע וועגן אַ בוך „ווי קאַלט איז מיין לבנה" פון א. ל. קיווין. — קיווין? א. ל. קיווין? דאָס איז דאָך . . . דער משומד! און ער האָט דאָך טאַקע אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער לבנה . . . אינטע־רעסאַנט. אין א פּאָר טעג ארום האָט קאווינאקי זיך אריינגעשטעלט, געבראַכט אַ בוך און טשודאקאָוו האָט, צו זיין איבערראַשונג, דערזען אויפן שער בלעטל: צו ש. טש., אַן וועמעס עצה דאָס בוך וואָלט אפשר נישט געשריבן געוואָרן.

די אימפּרימאַטור האָט טשודאקאָוו געעריט: מיר ניט דיר ניט געוואָרן אַ סנדק . . . פון א בוך. האָט ער הארציק געדאַנקט קאווי־נאַקין פאַרן בוך, פאַרן אויפדרוק, דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו וואָרענען קאווינאַקין — ווי איך זע האָסטו געקראָגן א גוטע פּרעס, מסתם אַ גוטן אָפּגאַנג אויך, בין איך צופרידן, איך וויל אָבער האָפן אַז דיין קאָפּ וועט זיך ניט פאַרדרייען פון דעם אזוי גערופענעם דערפאָלג. אַן ערשט בוך איז נאָר דאַן גוט ווען עס איז דאָס ערשטע טרעפּל אויפן לייטער ארויף. דאָס צווייטע זאָל זיין בעסער פונם ערשטן, אזוי ביזן סאָמע שפּיץ, וועלכן מ'דאַרף גאָר קיינמאָל ניט דערגרייכן, דאָס הייסט, דאָס בעסטע בוך זאָל אַלץ בלייבן ניט געשריבן. אַן ערשט בוך, ווען

עס ווערט אַ „בעסט סעללער", קען אויך אַמאָל ווערן דאָס ערשטע טרעפּל אַרונטערצוגיין אין קעלער, און דאָס, ברודערקע . . .

— ווענן דעם ווען מיר שפּעטער זען, דערווייל לייען איבער דאָס בוך און, איך וויל דו זאָלסט וויסן, איך באַלאַנג ניט צו דער ק. ק. ק.

— קו־קלוקס־קלען?

— גולם! קעגנזייטיקע קאָמפּלימענטן קאָמפּאַניע! פאַרשטאַנען? וועסט געפינען חסרונות, פאַרצייכן און . . . איך בין גרייט כאַפּן קלעפּ . . . פון דיר, פאַר מיר ביסטו ד ע ר קריטיקער.

ד ע ר קריטיקער האָט געגעבן קלעפּ, וואָס האָבן ניט צו שטאַרק וויי געטון. ווען עס איז געקומען צום צווייטן בוך „בין השמשות", איז טשודאַקאָוו געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: ער גופא איז געווען בין השמשות, ער האָט ניט געקענט באַשטימען וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך, גוט צי שלעכט, און אים האָט זיך געוואָלט אַז אריה לייב זאָל ניט קומען אַזוי גיך, ער זאָל ניט דאַרפן ארויסזאָגן אַ מיינונג וואָס ער האָט נאָך פאַר זיך גופא ניט פאַר־מירט. פונדעסטוועגן אַז קאָווינאַקי איז געקומען — און טשודאַקאָוו האָט גלייך דערזען אַז ער איז געקומען נאָך דער רעצענזיע — איז ער געווען צופרידן — זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, זיך דורכריידן, אפשר וועט ביידן קלאָר ווערן.

— נו, וואָס מאַכט עפּעס דער ב א ר י מ ט ע ר שרייבער א. ל. קיווין?

— שוין דער באַרימטער?

— האָסט אַ גוטע פּרעס.

— יאָ, די פּרעס איז גוט, נאָר דער דרוק איז אַ שלעכטער.

— וואָס מיינסטו?

— פיר וואָכן אַז דאָס בוך איז ארויס און ביז היינט צו טאָג צוועלף הונדערט מיט דריי און זיבעציק קאָפּיעס פאַרקויפט.

— אַזאַ צירקולאַציע אויף אַלע יידישע דיכטער געזאָגט געוואָרן.

— יידישע דיכטער עסן מן, טרינקען נעקטאַר, זיי קענען זיך באַגיין אָן צירקולאַציע, מיט איין בוך קויפן זיי זיך עולם הבא, איך דאַרף עולם הזה, און די גוים ווייסן ניט קיין חכמות, פאַרקויפט צוועלף הונדערט מיט דריי און זיבעציק קאָפּיעס, נאָדיר אַזוי פיל דרייסיק סענטיקע, דאָס אַלץ וואָס איך קריג, און גיי דיר געזונטערהייד. און ווי ווייט קען מען פאַרגיין מיט קנאַפּע פיר הונדערט דאָלאַר? נו יאָ, עס וועט זיך נאָך פאַרקויפן אַ ביסל, אָבער ווי לאַנג לעבט א בוך אויפן מארק? דריי,

העכסטנס זעקס חדשים. עס זאָל אָנהאַלטן ווי ביז איצט מיינט עס ס׳איז אַ דורכפאַל, און אויב איך וויל עסן איבעראַיאָר דארף איך שוין זיך זעצן שרייבן אַ ניי בוך.

— אַ בעקעריי! אַ ברויט אַ יאָר.

— געמאַכט המוציא?

— איך האַלט שוין ביים בענטשן.

— מיר הערן די ברכה . . .

— אַן אינטערעסאַנט בוך.

— אַ סימפּאַטישע מיידל . . . הייסט עס.

— כאַפּ ניט קיין קלעפּ איידער מ׳גיט זיי דיר.

— דערלאַנג שוין, נו.

— כ׳מיין עס ערנסט. אַן אינטערעסאַנט בוך.

— איך אליין בין שוין פאַראינטערעסירט אין דעם אינטערעס . . .

טשודאקאָוו האָט אים דערלאנגט אַ קליין שטיקל פאפיר אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעשריבן איין וואָרט — זשורלעטריסטיק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש?

— אַ שטיקל שעטנז. דאָס האָב איך אָװעקגעשיקט די אַלטע ביילע — בעל־לעטערס — און משדך געווען מיט זשור; ניט קיין ש י י נ ע ליטעראַטור, נאָר צ י ט ליטעראַטור, אָבער ליטעראַטור, ניט קיין זשורנאַליסטיק. צי דער נאָמען איז אַ געלונגענער ווייס איך ניט, אָבער ניט געקענט צוטראַכטן קיין בעסערן. ווי איך זע געפעלט ער דיר ניט אַזוי שטאַרק.

— וואָס? דער זשורלעטריסטיק? דאָס ווייס איך ניט, איך האָב גאָר געטראַכט: וואָס ווילסטו זאָגן דערמיט? וואָס פאַר שייכות האָט עס מיט מיין „בין השמשות״?

— מיר דוכט אַ בלינדער קען עס אָנטאַפּן. אפילו דיינע ענגלישע רעצענזענטן, וואָס לייענען אַ בוך מיט די פינגער . . . האָבן אָנגעטאַפּט אַז דאָס איז אַ פּאָליטישע נאָוועלע, און די פּאָליטיק, ווי דאָס וועטער, בייט זיך, איז ניט באַשטענדיק, אַ פּאָליטישע נאָוועלע איז אַ צ י י ט-זאַך, ניט דאָס וואָס מיר זיינען געוואוינט צו רופן שיינע ליטעראַטור.

— אין אַנדערע ווערטער: מיט אַזאַ בוך קריכט מען ניט אַריין אין דער אומשטערבלעכקייט, אין דער אייביקייט.

— איך הויב אָן גלויבן אַז דו האָסט זיך אָנגעשלאָסן אין, וואָס דו רופסט, ק.ק.ק. קענגזייטיקע קאָמפּלימענטן קאָמפּאַניע.

— זיי נישט קיין טפש, אָבער אַז דו רעדסט, רעד ניט אין „גלענצנ־דיקע גענעראַליטעטן״, קאָנקרעט, וואָס איז דער חסרון פונם בוך?

— דער חסרון פונם בוך איז דער, וואָס דו האָסט אויפגעהערט מאָלן מענטשן מיט דער פען, געגומען מאָלן ווערטער מיטן מויל; פון אַ מאלער געוואָרן אַ זאָגער.

— און טאָלסטאָי האָט ניט געזאָגט? און דאָסטאָיעווסקי, און דיק־קענס, און...

— טאָלסטאָיס זאָגעכצן בין איך דיר מוחל. מיר יידן האָבן געהאַט בעסערע מוסר זאָגער ווי ער, זעסטו זיינע מאלערייען, זיינע בילדער...

— איך רעד ניט פון זיין מוסר, איך רעד פון זיין „מלחמה און שלום״. זייטן גאַנצע גיט ער אַוועק אויף וואָס דו רופסט אָן זאָגעכצן. ער פאַרענטפערט זיך אפילו אַז דאָס פאַסט נישט אין אַ ראָמאַן, אָבער ער האָט עס פאָרט געזאָגט.

— און, זאָגסט'אַך אַליין, ער האָט זיך פאַרענטפערט, און ערשט נאָך זיין פאַרענטפערונג איז פון זיין זאָגעכץ גאָרניט געבליבן. דעם אַלטן האָט קאָראָבעט די פראַגע: וואָס איז די סיבה פון מלחמה? און ער האָט געפּרואווט געבן אַן ענטפער, זאָגן... און ער האָט אַזוי פאַרענטפערט ווי איך, ווי דו, און פון זיין זאָגעכץ איז געבליבן — גאָרנישט, ווייל געזאָגט האָט עס טאָלסטאָי דער וועגעטאַרישער פילאָזאָף; טאָלסטאָי דער פולבלוטיקער קינסטלער האָט געמאָלן, און זיינע בילדער, זיינע מענטשן: אַנדרעי, פיער, נאַטאשאַ, קאַראַטאַיעוו — זיי זיינען געבליבן. אַ שרייבער, אַ מאלער דאַרף מאָלן דעם מענטשן, זיינע הענט און פיס, נאָר ניט זיין... צונג. לעאָנאַרדאָ האָט געזאָגט: מאָל שטומע מענטשן, זייער „גייסט״ אפילו זאָל זיך אויסדריקן דורך די פינגער, קערפּער באַ־וועגונגען, ניט דורכן צונג, מיט רייד.

— נו יאָ, דיין לעאָנאַרדאָ האָט אפילו פון פּאָעזיע ווייניק וואָס געהאַלטן. פּאָעזיע, האָט ער געזאָגט, איז בלינדע מאָלעריי. ער האָט בעסער געהאַלטן פון דער „שטומער פּאָעזיע״, דער מאָלעריי, געטון האָט ער אָבער ביידע זאַכן, געמאָלן און געשריבן און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, גערעדט אויך, ווייל דער בעסטער שמש ביי דער נשמה איז פאָרט דער צונג.

— ווער דאַרף די נשמה, ווער? האָסטו געהערט אַ מעשה, נשמה!

— וואָס זשע, האָסט זי שוין סקאָסירט, די בחורטע?

— סקאָסירט האָב איך זי ניט, אָבער פאַר אַ מאלער איז זי אַ שלעכטע

מאָדעל. דער מאלער, אפילו ווען ער וויל אויסמאָלן די נשמה, דאַרף האָבן אַ מענטשן פון פלייש און בלוט, גאַנץ אָפט אַ נאַקעטע מיידל, וואָס זאָל פאָזירן פאַר אים, אים העלפן פאַרקערפּערן דאָס גייסטיקע.

— דאָ מאלער וואָס פאַרגייסטיקן דאָס קערפּערלעכע.

— דאָס קען מען אויך טון, אודאי, אָבער ניט מיט רייד. מענטשן, אין אַ בוך, דאַרפן האַנדלען, טון זאכן, ניט זיצן און ריידן, און ריידן . . .

— אַהאַ, אַ גרוס פון קוילער געסל.

— ווי קומט אַהער דאָס קוילער געסל?

— אין קוילער געסל, אין דער אונטערוועלט, דאָרטן איז לויטער אַקציע, מ׳קיילט, מ׳ביילט, מ׳שיסט, מ׳הרגעט, מ׳פאַרגוואַלדעוועט, מ׳קערט וועלטן, און „דעטעקטיוו סטאָריס" זיינען גאַנץ פּאָפּולער, אָבער אַז זיי זיינען קונסטווערק, דאָס הער איך ערשט פון דיר.

— מאָלט׳יך, האָסט עס ניט געהערט. איך האָב דיר ניט געזאָגט שיסן, הרגענען, איך האָב דיר געזאָגט — האַנדלונג, אַקציע, ניט קיין רייד; בילדער, ניט קיין ווערטער, דאָס וואָס איך האָב געזאָגט. — טשו־דאקאָוו האָט שוין גערעדט טרוקן, שיר נישט פּעדאַגאָגיש.

— און ווי אַז די „העלדן" זיינען וואָרט העלדן, אַז זייער גאַנצע אַרבעט, אפילו אין טאָג־טעגלעכן לעבן, באַשטייט אין רעדן, שרייבן? רעדן איז ז י י ע ר האַנדלונג, ווי אַנדערש קענסטו איבערגעבן זייער האַנדלונג, זייער לעבן, זייער איך, אויב ניט דורך זייערע רייד?

— אין דעם וואָס דו זאָגסט איז עפּעס דאָ, געטראַכט וועגן דעם ווען איך האָב געלייענט דיין „בין השמשות". דיר געפעלט ניט די וועלט...

— ניט די װ ע ל ט . . .

— איז ניט די וועלט, אונדזער איצטיקע געזעלשאַפט. די אַלטע געזעלשאַפט, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, ווי דו שטעלסט זי פאַר אין דעם אַלטן פּראָפעסאָר דאָרט, צעקריכט זיך, דער פּראָפעסאָר ווייסט דער־פון און רעדט וועגן דעם זייער קלוג, שיר ניט אין אפאָריזמען. די נייע געזעלשאַפט, די קאָמוניסטישע אָרדענונג נוסח מאָסקווע, ווי דו שטעלסט זי פאַר אין דעם יונגן רוסישן געלערנטן, געפעלט דיר אויך ניט, דאָס קען מען זען פון דעם דריטן העלד דיינעם, דעם עקס קאָמוניסט, געמעגט שווערן ער קער זיך אָן מיט דיר אַ שני שבשלישי. דער סאָציאַליסט דיינער — אויך עפּעס אַן אימפּאָטענטע בריאה, פון אים קען אודאי ניט קומען די ישועה, די אַנדערע קלענערע פאַרשוינען זיינען אויך קנאַפּע

העלדן. האָסטו זיי אַלע צונויפגענומען און זיי געלאָזט ריידן, און זיי ריידן, דוכט זיך, אַלע אַזוי פֿיין, אַזוי קלוג, שוין צו קלוג.

— אַ חסרון די כלה איז צו שיין.

— צו שיין א י ז אַ חסרון. די רעצענזענטן, די אידיאָטן, לויבן דיין חכמה, אָבער זיי זיינען אידיאָטן, טאַקע דערפאר וואָס דו ביסט דער חכם און אַלע קלוגע רייד וואָס דיינע פּאַרשויגען ריידן זיינען ניט זייערע, נאָר דיינע. פּאַרשוינען דאַרפן ריידן מיט ז י י ע ר שפּראַך. ווי עס קומט אַרויס ביי דיר, איז עס ניט אַ גאַלעריי פון בילדער, יעדער איינער מיט זיין פּנים, נאָר אַן עסיי מיט געשטאַלטן. דערפאַר טאַקע האָט זיך מיר געשטעלט די פראַגע: נאָכוואָס די גאנצע מאַניפּאַרגע מיט גע־שטאַלטן, פארוואָס ניט פּשוט אַן עסיי? אגב בין איך נישט דער ערשטער וואָס פרעגט דאָס, דאָ אַזוינע וואָס האָבן שוין געפּסקנט אַז די נאָוועלע, די דערציילונג, דער עיקר די „מאראלישע״, פאַרשטייסט וואָס איך מיין, „דאָס זאָגעכץ״, האָט אָפּגעלעבט איר צייט. מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק איז דאָ אין אמעריקע געווען אַ גאנצע כאפּטיע שרייבער, „גנאַי־גריבלער״ האָט מען זיי גערופן. דער האָט אויפגעריעט די בלאָטע אָדער דאָס בלוט פון די „סטאָקיאַרדס״, דער פון „סטאַק עקסטשיינדזש״, אַנ־דערע „סטאקס״ און „עקסטשיינדזשעס״, עס איז געוואָרן אַ שטינק, עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, איצט זיינען די אַלע שרייבער טויט ווי אַלע טויטע. ס׳הייסט, קיין קונסט איז עס דאן אויך ניט געווען, אָבער אפילו ווי אַ דיזינפעקטאַנט דאַרף מען זיי ניט מער. אַ סעריע אַרטיקלען, גוט דאָקומענטירט, קען אויפטון אַ סך מער. איצט קומסטו מיט דיין „פּאָליטישער״ נאָוועלע. האָב איך געטראַכט: בין השמשות, דו ביסט אפשר אויסן געווען צו זאָגן — צווישן צוויי וועלט אָרדענונגען, פאַר מיר איז עס אָבער אויך אַ פראַגע צי די נאָוועלע איז אַ פאַרנאכטיקע, אויפן וועג צו דער נאַכט, דעם סוף פון דער שיינער ליטעראטור, און אפשר א פאַרטאָגיקע, אַן אָנהויב פון א נייער פאָרם, די זשורלעטריסטישע. וואָס זאָגסטו?

— אין דעם וואָס דו זאָגסט איז דאָ אַ ביסל אמת — די פּאָעזיע אין דער ליטעראַטור איז אַזוי גוט ווי געשטאָרבן. אָה, אָה! שרעק זיך נישט, איך מיין נישט ד י י ן פּאָעזיע. אין טויזנט יאָר אַרום וועלן נאָך זיין אויף דער וועלט אַ טויזנט מענטשן, וואָס וועלן מעסטן שורות, זיפן ווערטער, קנייטשן די שטערנס איבער מעטאַפאָרן, סימבאָלן, קורץ, זיי וועלן הנאה האָבן פון פּאָעזיע. וואָס איך מיין מיטן וואָרט פּאָעזיע,

איז דיין „ביילע“, די בעל־לעטערס, די ש י י נ ע ליטעראַטור. אָט די ביילע איז אַזוי גוט ווי געשטאָרבן, אין בעסטן פאַל איז זי אַ פאַר־זעסענע מויד, קיינער קוקט זיך אויף איר ניט אום, כאָטש אַמאָל האָט זי געברענט אַ וועלט. ווער געדיינקט עס ניט די מאַדעמואזעל נאַטור? שרייבער, דער עיקר די רוסישע, זיינען פאַר איר געווען די כפרה, האָבן זי באַשריבן אויף צענדליקער זייטן, איין קליניקייט — „פרי־ראָ־דאַ“! איצטער — אויס, פאַרשוואונדן. די נאטור האָט זיך ארויסגעקליבן פון דער ליטעראַטור. אַנטשולדיק מיר מיין גראַם . . . און ניט נאָר די נאטור. אויך די „שיינע ליבע“ איז פאַרשוואונדן, אנטלאָפן קיין האליוואוד. דאָרטן טאַנצן נאָך שלאַנקע דאַמען מיט עלעגאַנטע הערן שטראַוסעס וואַלצן; ראָמעא זינגט נאָך אונטער דזשוליעטס פענסטער די סערענאַדע „איך ליבע דיך“, כאָטשביים קושן זיך האָט ער אַ ביסל צרות מיטן „ליפּסטיק“; די אומשולדיקע, די הייסע, די שיינע ליבע טריאומפירט, מ׳שטעלט אַ חופּה כדת וכדין און מ׳לעבט גליקלעך ביזן סוף פון די טעג . . . אָבער דאָס איז אַלץ אין האליוואוד. אין לעבן איז די פרוי אַוועקגעגאַנגען פון דער קרינאלינע ביז די קורצע הייזלעך און דער באַנדאנא, אָדער גאָר ביז צום „פּעכער־טאַנץ“; די מענער — פון די געפּודערטע פּאַרוקן ביז צו די גלאַנציקע פּליכעס; אין דער ליטעראַטור איז מען איבערגעגאַנגען פון דער בארימטער ליבע צו סעקס; פון סעקס צו אַלערליי פּערווערזיטעטן, און אויך דאָס איז שוין נמאס געוואָרן דעם לייענער. דער לייענער — אויב עס איז נאָך דאָ אַזאַ בריאה — וויל לייענען אַ בוך, וואָס זאָל אים העלפן זיך פאַנאַנדערקלייבן וואו ער האלט אין דער וועלט, און די וועלט איז היינט צו טאָג אַ וויסנשאַפטלעכע און אַ פּאָליטישע. איז טאקע אויפגעקומען די כלומרשט וויסנשאַפטלעכע נאָוועלע, אַ גלגול פון דזשול ווערן, און איצט די פּאָליטישע. טראַקטאַטן, מאמרים? איז ערשטנס, זיינען די אַלע מאמרים שרייבער וויסטע קאַליקעס: אָדער זיי שרייבן אַזוי אויבערפלאַכלעך פּאָפּולער, אַז דער לייענער טוט אַ וויש מיט די אויגן און אויס מאמר, אָדער דער טראקטאט איז אזוי טיף, ממש אָן אַ דנאָ, און דער לייענער זינקט און זינקט ביז ער . . . ווערט אַנשלאָפן. דאָס איז אָבער ניט אַלץ. דער לייענער וויל לייענען אַ מ ע ש ה , און דאָס מיינט ניט דוקא טון, עס איז גענוג ער זאָל דערזען אַ מענטשן, דערהערן זיינע רייד און דערפילן אז דאָס וואָס דער אָדער יענער פארשוין זאָגט איז געניי וואָס ער וויל זאָגן אָדער הערן. די האַנדלונג אין בערנאַרד שאָוס אַ פּיעסע איז נול, פונדעסטוועגן זיינען

מענטשן געלאָפן זען זיינע דראמעס, בעסער געזאָגט, הערן וואָס בערנארד שאָו זאָגט. פארוואָס דו ציטערסט אַזוי פארן זאָגן פאַרשטיי איך ניט. זאָגן זאָגט יעדער איינער. דאָס הייסט, דער וואָס האָט וואָס צו זאָגן. טאָלסטאָי האָט געזאָגט, דאָסטאָיעווסקי האָט געזאָגט. וואָלסטו ארויס־געוואָרפן דאָס קאַפּיטל „דער גרויסער אינקוויזיטאָר" פון זיינע „ברידער קאַראמאַזאָוו"? וואָלסט עס ניט אַרויסגעוואָרפן, כאָטש דו, אַזוי גוט ווי איך, ווייסט אַז דאָס קאַפּיטל איז אַ ר י י נ ג ע ש ט ע ל ט אין בוך, עס איז ניט אויסגעוואַקסן. און אַז דער „שווארצער מכשף" האָט עס אַריינגעשטעלט ווייל ער האָט עס ג ע ו ו אָ ל ט אַריינשטעלן, ער האָט געוואָלט עפּעס ז אָ ג ן, אויסדריקלעך — ז אָ ג ן. אייל זיך ניט, כאַפּ זיך ניט. איך ווייס, איך ווייס וואָס דו ווילסט מיר זאָגן, ווילסט מיר מגלה סוד זיין אַז דאָסטאָיעווסקי קען ניט דינען פאַר קיין מוסטער פון שיין־שרייבעריי, אַז פלאָבער האָט בעסער געקענט די מלאכה. וויל איך ד י ר זאָגן אַז פלאָבער איז געווען אַ פּוסטע כלי, און אַ קולטורעלער סנאָב דערצו. וואָרט אַ ווייִלע! וואָרט אַ ווייִלע. „עממא באָוואַרי" איז אַ נאָענטע קרובה פון „אַננא קאַרעניִנא", און זאָל איך האָבן די ברכות וואָס „אַננא קאַרעניִנא" איז בעסער, געשמאַקער פון דער „מאַדאַם באָ־וואַרי", און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל אין „אַננא קאַרעניִנא" איז דאָ כלומרשט אַ זייטיקער פאַרשוין לעווין, און אָט דער לעווין — ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי — איז אַ מענטש וואָס האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, און גוסטאַוו פלאָבער — אַ קליין מענטשעלע, אויב אפילו א גרויסער קינסטלער. וואָס איך בין אויסן צו זאָגן איז אָט וואָס — זאָגן עפּעס מ ו ז מען, אַניט האָט קיין זין צו שרייבן, די פראַגע איז נאָר ווי אזוי, און דערויף איז דאָ איין ענטפער — יעדער וואָס האָט זיך זיין ווי אַזוי, יעדן חומר דאַרף דער יוצר געבן זיין פאָרם; דאַרף געבן, איז אויך ניט ריכטיק, יעדער חומר נ ע מ ט אָ ן זיין פאָרם. מיינע פאַרשוינען ריידן, ווייל ריידן איז זייער טועכץ, דאָס וואָרט איז זייער האַנדלונג, מאָלן זיי ווי טוער איז ווי אוועקשטעלן מאַשינאַוועס פערדלעך, מאַכן איבונגען אויף זיי קען מען, אָבער טאַקע פאַרן רייטנדיק, צי גאָר זיי לאָזן לויפן אין אַ געוועט, דאָס קען מען ניט. און מיט וואָס זיינען רייד ערגער ווי מעשים? הער אַ מעשה, איכ'ל נעמען עפּעס אַ יאַקל מיט אַ מויד און אויסמאָלן ווי זיי ליובען זיך, אָדער טשובען זיך, דאָס איז האַנדלונג, דאָס איז קונסט, איך נעם און שטעל פאַר מענטשן וואָס זיצן און ריידן וועגן ענינים וואָס איז זיי שטאַרק נוגע, וואָס דערגייט יעדן איינעם די יאַר, דאָס איז

רייד. פּאָליטיק? אודאי פּאָליטיק, פאַרגעס אָבער ניט מיר לעבן אין אַ פּאָליטישן יאָרהונדערט. פּ אָ ־ ל י ־ ט י ש ן ! פאַרשטייסט? די פּאָליטיק דרינגט אַריין אין יעדן איינעמס לעבן, ממילא מוז פּאָליטיק ווערן אַן אָביעקט, א טעמע פאר דער ליטעראטור, אפשר ניט פאר דער פּאָעזיע, ניט צום זינגען, דערפאר אָבער צו זאָגן, פאַר דער פּראָזע . . .

— רב לייב! ביסט אַ חכם אַ ייד, א מיניסטערשער קאָפּ אויף די פּלייצעס. מיניסטאָרן, ווייסטו דאָך, האָבן אייזערנע קעפּ . . . נאָר עס פעלט דיר א קלעפּקע, די שרייבערישע קלעפּקע — האָט טשודאקאָוו געטיקעט מיט איין פינגער צו זיך אין שטערן, וואו די קלעפּקע האָט זיך געדאַרפט געפינען. — ניין, זי פעלט דיר ניט, זי איז אָבער לויז געוואָרן. האָסט אַ נאַגניאַטקע אין קאָפּ, די קאָמוניסטישע נאַגניאַטקע האָט דיר אַפּנים שטאַרק אָנגעקוועטשט, שוין אַ פּאָר יאָר אַז דו טראָגסט זיך אַרום מיט איר, איצטער, אין דיין „בין השמשות”, האָסטו זי אויס־געשניטן. מילא, אפשר בעסער אַזוי, אָן דער נאַגניאַטקע וועסטו זיך אפשר נעמען טאַקע צו דעם יאָקל מיט דער מויד און אָנשרייבן עפּעס רעכטס. יאָ יאָ, לאָך ניט פון דעם יאָקל מיט דער מויד, פון זייער ליובען און טשובען. די מענטשלעכע געשיכטע הויבט זיך אָן מיטן יאקל אדם און דער מויד חוה און וועט זיך אויך ענדיקן מיט זיי. ס׳אַ סברא אַז פאַר אַ שרייבער איז איין ניט געלונגענע ליבע א סך וויכטיקער ווי צוויי געלונגענע אָדער דורכגעפאַלענע רעוואָלוציעס. יעס סיר, רב לייב. און נאָך אַ זאַך וועל איך דיר זאָגן, אַ רעוואָלוציאָנער ווערט איינער ניט דוקא ווייל ער האָט איבערגעלייענט גאַנץ קארל מארקס מיט אלע זיינע מפרשים, פון פּלעכאַנאָוו ביז סטאַלינען, נאָר גיכער דערפאַר ווייל זיין מאַמע האָט ביי אים צו פרי צוגענומען די ברוסט. פאַרצייכן עס, ברו־דערקע, דיין קומענדיקער ראָמאַן, נאָוועלע, אָדער דערציילונג, זאָל, ווי דיין ערשט בוך, זיין בעסער אַ דערציילונג וועגן אַ יאָקל מיט אַ מויד. פאַרשטייסט? פון אַ „הייסן זון” מיט אַ „קאַלטער לבנה” קען ארויס־קומען א גאַנץ וואַרעמע דערציילונג, פון פּראָפעסאָרן, שרייבער, פּאָ־ליטיקער, נאָך אזעלכע שלעק איז שווער צו מאכן עפּעס — שלעכטער מאַטעריאַל.

— ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן, טשודאק? דריי טראַפּן!

— איך גיב אויף.

— מיין קומענדיקע דערציילונג וועט זיין אונדזער היינטיקער גע־שפּרעך.

— ביסט משוגע.
— אַרט מיך אויך ניט. זיי דו דער קלאָרער. איך ווייס וואָס איך טו.
— טוסט נאַרישקייטן.
— נו גוט, זיי דו דער חכם, זינג דו די סערענאַדע צום יאָקל מיט דער מויד, שרייב דיר דיין שיינע ליטעראַטור, די אייביקע ליטעראַטור, וואָס וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין, איכ׳ל זיך פאַרנעמען מיט דער זשור־לעטריסטיק, ווי דו זאָגסט, אָן קיינע פּרעטענזיעס אויף אומשטערבלעכ־קייט. איך וויל שרייבן וועגן דעם וואָס אינטערעסירט מיך און דיך ה י י נ ט . אונדזער היינטיקער געשפּרעך, דאָס איז אויך, וואָס מ׳רופט אַ „לוסטע לעבן״, ווערט צו דערלאַנגען צום טיש: נאַ, ליבער לייענער, עס געזונט! פאַרשטייסטו מיך, טשודאַק?
— פאַרשטיין פאַרשטיי איך, איך זאָג דיר אָבער פריער, אויב דו מיינסט עס ערנסט, אויב דו גייסט טאַקע אָנשרייבן אַט דאָס וואָס מיר האָבן היינט אָנגעפּלוידערט, וועט עס זיין אַ . . . געשפּרעך, „קאַוזערי״, ווי דער פראַנצויז רופט עס, אָדער טאַקע גאָר דאָס היימישע יידישע פּלוידעריי, אָבער ניט קיין דערציילונג.
— דאָס וועלן מיר שוין זען — האָט קאַווינאַקי געענטפערט מיט אַ פאַרשווערערישן שמייכל.
און ער איז אַוועקגעגאַנגען און ער האָט עס אָנגעשריבן.

פּאָעט לאורעאַט

די מדינה אלטאַדינאַ איז געווען באַרימט פֿאַר איר קועבעבע, אינדיגאָ און כיניך, און נאָך מער — פֿאַר אירע רעוואָלוציעס. דער נאָמען פֿון דעם, וואָס האָט פֿאַרפֿלאַנצט דעם קועבעבע בוים איז ניט באַקאַנט, די קועבעבע איז געוואַקסן משׁשת ימי בראשׁית, דערפֿאַר אָבער פֿון די רעוואָלוציעס איז געווען אַ גענויער רעקאָרד: גענעראַל אַדריאַן האָט באַזיגט דעם גענעראַל פֿאַמיליאַן, קעניג קאַראַיאַן איז געקעפּט געוואָרן און קעניג פֿאַראַיאַן האָט פֿאַרנומען דעם טראָן . . . צוזאַמען מיטן קעניגס קאָפּ זיינען געפֿאַלן קעפּ פֿון מיניסטאָרן, יועצים און פֿאַיאַצן, ווי דער שטייגער איז. אויפֿן טראָן איז געזעסן אַ נייער מענטש, דער קאָפּ אַ נייער, די קרוין איז געווען די אַלטע. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז „גענעראַל" פּאָפּוליאַן האָט באַזיגט דעם גענעראַל מאַנאָליאַן, קעניג אויטאָמאַן איז געקעפּט געוואָרן און „גענעראַל" פּאַפּוליאַן איז דערקלערט געוואָרן . . . רעגענט.

פּאָפּוליאַן, דאַרפֿט איר וויסן, איז ניט געווען סתּם אַ גענעראַל וואָס האָט געביינקט נאָך אַ טראָן אָדער א קרוין. קעניג, טראָן, קרוין — ווער האָט נאָך אַזוי געלאַכט פֿון די אַלע זאַכן ווי „גענעראַל" פּאַפּוליאַן? אפֿילו א גענעראַל איז ער געווען אָן אַ מונדיר. דאָס האָבן זיינע געטרייע אָנהענגער, פּשוטע מענטשן, אים געגעבן דעם טיטול גענעראַל, פֿון זייער אייגענעם פֿאַרגעניגן וועגן. ווי קען עס זיין אַן אַרמיי אָן אַ גענעראַל? און זיינען זיי ניט געווען קיין אַרמיי? האָבן זיי ניט געקעמפֿט קעגן קעניג אויטאָמאַן אונטער דער קאָמאַנדע פֿון זייער פּאַפּוליאַן? פּאַפּוליאַן איז געווען ד ע ר גענעראַל, און פּאַפּוליאַן דאַרף אויך זיין דער . . .

קעניג, האָט ער באַין אופֿן ניט געוואָלט. רעגענט, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. הערשן? ניין, פּאַפּוליאַן איז ניט געווען מאַכטגיריק, רעגירן, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. — די שטים פֿון פֿאָלק איז די שטים פֿון גאָט, — האָט פּאַפּוליאַן אָפֿטמאָל איבערגעחזרט, דערביי צוגעגעבן — עס ווענדט זיך אָבער ווער איז דעם פֿאָלקס חזן, ווער עס לאָזט הערן

די שטים. שוין צופיל הייזעריקע חזנים געווען אין אלטאדינא, צייט ער זאָל זיך שטעלן צום עמוד, ווערן דער . . . די־רעגענט.

איין וואָרט אַ נייס איז געגוג צו ענדערן דעם פּנים פון אַן אלטער וועלט. געבוירן געוואָרן דאָס וואָרט „רעגענט" איז געשטאָרבן דער קעניג, די קרוין איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין אַ מוזיי, די אַלטע ביכער מיט די נעמען פון די פריערדיקע הערשער האָט מען אריינגעגעבן אין אַרכיוו, צו וועלכן בלויז דער ארכיוואר האָט געהאט דעם שליסל, און די אלטע פּאַראַנדקעס — זיי האָט מען ניט געקענט אריינגעבן אין מוזיי אָדער אַרכיוו — האָט מען ביסלעכווייז גענומען אָפּשאָפן, איינפירן נייע, לויט די אַנווייזונגען פון דעם קלוגן פּאַפּוליאָן.

אַ שווערע אַרבעט האָט געהאַט דער רעגענט פּאַפּוליאָן. אלטאדינא איז אַ ריזיקע מדינה, און גיי פיר איין נייע מנהגים, נייע פּאַראַנדקעס, פון אַ נייעם אופן ווי צו באַאַרבעטן אַ פעלד ביז א נייעם סידור צום דאַווענען.

— מיר מוזן האָבן אַ ניי געבעט־בוך און אויך אַ נייע נאציאָנאַלע הימנע — האָט געטענהט דער בילדונג מיניסטער. — ברויט אַליין איז ניט גענוג, דאָס פאָלק מוז אויך האָבן . . . צירק.

דער קלוגער פּאַפּוליאָן האָט געשמייכלט: צירק, זאָגט איר? געוויס, אָבער דערויף זייט איר דאָך צירקמייסטער.

רעגענט און מיניסטער האָבן זיך פאַרשטאַנען. און אַ רוף איז ארויס־געלאָזט געוואָרן צו אלע גייסטלעכע פון אלטאדינא זיי זאָלן שאַפן נייע געבעט־ביכער אין איינקלאנג מיט די נייע פּאַראַנדקעס פון לאנד, און אלע פּאָעטן און מוזיקער זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו שאַפן אַ נייע הימנע, וואָס זאָל אויסדריקן דעם נייעם גייסט פון פאָלק. דער פּאָעט, וועמעס הימנע וועט אָנגענומען ווערן וועט באַערט ווערן מיטן טיטול פאָלקס פּאָעט, דער נייער נאָמען פאַרן פּאָעט לאורעאט.

לידער אין די טויזנטער זיינען אריינגעקומען. צענדליקער געהילפן האָבן געלייענט, אָפּגעקליבן די לידער, און ווען די פּסולת איז אָפּגעקליבן געוואָרן, געבליבן די סולת, האָט ערשט דער בילדונגס מיניסטער גופא גענומען לייענען, ביז ער האָט ענדלעך אויסגעקליבן איין ליד, די נייע הימנע. נאָך לאַנגע וויכוחים איז ענדלעך אויסגעקליבן געוואָרן אויך די מוזיק, די נייע טענער, וואָס זאָלן זיך צופּאסן צו די נייע ווערטער, דער נייער אָרדענונג, און אַ טאָג איז באַשטימט געוואָרן, אַ יום טוב, ווען די נייע הימנע וועט געזונגען ווערן.

יענעם טאָג איז דער דיכטער אבו אלימפּיאן געווען דער גליקלעכס־

טער מענטש אין דער וועלט. שטיין און הערן ווי טויזנטער, צענדליקער, הונדערטער טויזנטער מענטשן, מיט אָנטבלויזטע קעפּ, פאַרדבקהטע פּנימער זינגען זיין ליד! אָפּגעזונגען, האָט דער בילדונגס מיניסטער אים צו־געפירט צו דער ראַמפּע, פאַרגעשטעלט דעם מחבר פון דער נייער הימנע, דעם פאָלקס פּאָעט, און פון הונדערטער טויזנטער העלזער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ הוראַ, אַ דאַנק, און דאָס אלץ פאַר אים, אבו אלימפּיאַן, דעם אומבאַקאַנטן בחור, וועמעס לייענער און קריטיקער ביז אהער זיינען געווען עטלעכע אומבאַקאַנטע דיכטער ווי ער, און ז י י האָבן, אַלס כלל, קיין הוראַ נישט געשריען . . . און דאָ, מיט אמאָל . . . דער ביל־דונגס מיניסטער האָט אויך פאַרגעשטעלט דעם מוזיק קאָמפּאָזיטאָר. אויך לכבוד אים האָט מען געקלאַפּט, געשריען הוראַ, אָבער די קלעפּ, די געשרייען האָבן שוין געקלונגען שוואַכער אין אלימפּיאַנס אויערן. ער! זיין ליד! די מוזיק? אונטערשלאַק. דער בגד איז זיינער. ער איז גליקלעך! ער׳ט פּלאַצן פון גליק. צופיל פאַר איין מענטשן. ער מוז זיך טיילן מיט זיינע חברים דיכטער און זאָלן זיי אויך . . . פּלאַצן . . פון קנאה . . .

האָט מען געטרונקען און געגעסן, זיך געקושט און געהאַלזט, גע־טרונקען ברודערשאַפט און חברשאַפט, געטאַנצט און געהוליעט ביזן ווייסן טאָג אריין און, זינגענדיק, פאַלנדיק פון די פיס, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט פון דער „באָהעם" באַגעגענען דעם פרימאָרגן.

אין אַ פּאָר טעג ארום, ווען אלימפּיאַן איז שוין געווען אַזוי גוט ווי אויסגעניכטערט, האָט ער געקראָגן אַ ידיעה ער זאָל זיך מעלדן אין בילדונגס מיניסטעריום פּונקט צוויי אַזייגער. דאָס איז אים ניט געפעלן געוואָרן, ער האָט געאָנט עפּעס ניט גוטעס וואַרט אויף אים, אָבער אַז מ׳רופט . . . בילדונגס מיניסטער . . . האָט ער זיך אָנגעטון זייער אַקוראַט, גאָרניט ווי ער איז געוואוינט געווען, עטלעכע מאָל אַ קוק געטון אין שפּיגל, אפילו געמאַכט עטלעכע מינעס, פּאָזעס, ווי צו באַ־געגענען דעם בילדונגס מיניסטער. אויפן וועג אין מיניסטעריום האָט ער איבערגעוואָרפן עטלעכע פראַזן, ווען ער איז אָבער אריינגעקומען צום מיניסטער אין קאָבינעט איז פון אַלע פאָזן און פראַזן קיין זכר געבליבן.

— נו, ווי גייט עס עפּעס דעם פאָלקס דיכטער?

אַזוי פריינטלעך, אַזוי . . . חבריש.

— אה, מע געוואוינט זיך צו צו די צרות . . . — אויך חבריש, גוטמוטיק.

— צ־רות!

אַט די „צרות" האָבן אַ קער געטון אלימפּיאַנס קאָפּ און ער האָט דערזען אַ פּאָר גרוי־געלע אויגן. אַ קאַץ. אַ בייזער קאָטער מיט אַ געהאָרבעטן רוקן איז גרייט אַ שפּרונג צו טון אויף אים. וואָס איז ער אַזוי בייז, דער . . .קאָטער? — איך שפּאַס . . .

— דאָ זאָכן וועגן וועלכע שפּאַסן איז . . . איז . . . נו, שלעכטער געשמאַק. ווערטער ווערן סימבאָלן. אַ נאַציאָנאַלע הימנע איז ניט סתם אַ ליד, הינטער די ווערטער שטייט אַ פאָלק, און פאָלקס פּאָעט איז ניט סתם אַ לידער שרייבער. איר פאַרשטייט?

אבו אלימפּיאַן האָט ניט פאַרשטאַנען. ווער עס רעדט וועגן ווערטער, סימבאָלן! דער מענטש קען דאָך מסתם קיין לייטישע שורה נישט אָנשרייבן. אַ מענטש, מיט אַזאַ פּאָר גרוי־געלע אויגן, מיט אַזאַ פּליך! דעם בילדונגס מיניסטערס פּליך — עפּעס אַ הויט אויסגוס, אַז אלימפּיאַן האָט זיך פּשוט געחידושט ווי אַט דאָס דין קרייזל האָר האָט עס געקענט אָפּשטעלן דעם אויסגוס ער זאָל ניט גיין ווייטער. און אַט דאָס אַ, דער פאַרשוין . . .

דער פאַרשוין האָט אים שוין מושטירט מיט די אויגן און גערעדט — געוואָרפן באַפעלן. — הערט זיך איין, דאָס פאָלק האָט אַן אַרמיי, סאָלדאַטן. דאַרפן מיר האָבן אַ סאָלדאַטן מאַרש.

— וואָס ווייס איך פון סאָלדאַטן?

— פאַרגעסן, איר זייט אַ . . . דיכטער. וועגן דער לבנה ווייסט איר יאָ, נאָר וועגן סאָלדאַטן ווייסט איר ניט. טאָ הערט. אַ סאָלדאַט איז אַמאָל געווען אַ געדונגענער, דער קייסער, דער באַראָן האָט אים געדונגען זיך גיין שלאָגן פאַר אים. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געשאַפן די פאָלקס־אַרמיי, דעם פאָלקס־סאָלדאַט, אונדזער רעוואָלוציע האָט געשאַפן דאָס אַרמיי־פאָלק, איר פאַרשטייט? איך, איר, יעדערער פון אונדז אַ סאָלדאַט, איר — אַ סאָלדאַט מיט אַ פען. לייכטער אַ ביסל, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, און פאַר דעם שמייכל, האָט אלימפּיאַן געפּילט, וואָלט ער אים פאַרפאַרן אין פּנים. אַזאַ . . . — דער אַלטער סאָלדאַט, — האָט דער בילדונגס מיניסטער ווייטער דערקלערט — האָט געדינט דעם קייסער. ער איז געווען אַ דינער, אַ משרת, און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין גאַנג, אין זיין געזאַנג. „איינס־צוויי־דריי, גייט דער אַלטער טאַראַביי" . . . אָדער עפּעס אַזעלכעס, און דער סאָלדאַט האָט מאַרשירט. מיר, די היינטיקע סאָלדאַטן, מיר זיינען

ניט קיין משרתים, מיר גייען ווי פרייע מענטשן, דיסציפּלינירט, און נאָך ווי דיסציפּלינירט, אָבער פריי, איר פאַרשטייט? און אָט דער דיסציפּלינירטער פרייהייט מאַרש דאַרף אויסגעדריקט ווערן אין גאַנג, אין געזאַנג, אין די ווערטער. איצט, גלויב איך, איז אייך שוין אַ ביסל קלאָר וואָס מיר דאַרפן. טאָ גייט און שרייבט אָן אַ ליד, אַ מאַרש. אין אַ וואָך אַרום דערוואַרטן מיר עס פון אייך. איז צום ווידערזען.

— איצטער ווייסטו שוין, — האָט אבו אלימפּיאַן אַרויסגעזאָגט הויך אויפן קול, ווען ער איז אַרויס פון מיניסטערס קאַבינעט, און ער האָט זיך „דערוואוסט" אַז ביי אים אין קאָפּ רוישט אַ ווינט — סאָלדאַט ... מאַרש ... פאָלק ... פאָלק ... און אַז אין מויל אין זיינעם האָט אַ בלאָטקעלע געהאַלטן זיך אין טריקענען, דער צונג אַזוי פאַרפּאַפּט — קעז אין שפּאַלטן זיך. אַ טרונק! אַ גוטן טרונק בראַנפן!

איין טרונק בראַנפן, און נאָך איינער, אַ טאָג און צוויי, און אבו אלימפּיאַן האָט אויסגעפונען, אַז ווען טויזנט מענטשן שטעלן מיט איין מאָל אַוועק איין פוס און אַ צווייטן הערט זיך אַ גוואַלטיקער ריטם, דערפאַר ווען ער אַליין גייט קען ער דעם ריטם ניט פילן, סיידן ער האָט געהאַט אַ היפּש ביסל בראַנפן, און ניט ער גייט, נאָר ער מאַרשירט. האָט ער גענומען אַ ביסל בראַנפן, און מיטן שטעקן אויפן אַקסל איז ער געגאַנגען, געגאַנגען און געזונגען, און געזונגען האָט ער דעם מאַרש וואָס ער האָט געהאַלטן אין שרייבן, מער ניט, אַ לאַמטערן סלופּ איז אים אין וועג, האָט ער געוואָרנט דעם לאַמטערן סלופּ: היט זיך! דאָס פאָלק גייט! און „דאָס פאָלק" איז געגאַנגען, האָט מאַרשירט, און אבו אלימפּיאַן האָט דיריגירט, אַ מאַרש, אַ פּאַראַד. ווער רייסט זיך עס אַריין אין דעם מאַרש? ווער שטערט עס דעם פּאַראַד? אַרויס! היט זיך! דאָס פאָלק גייט!

דעם פּאָליציאַנטס אַרעמס זיינען קרעפּטיקע, אַרומגענומען אַ מענטשן וועט ער זיך שוין ניט אַרויסדרייען פון זיי. — קום, ברודערל, קום ...

— איך בין דיר ניט קיין ברודער, דו ביסט מיר ניט קיין מחותן, איך בין אבו אלימפּיאַן! דער פאָלקס דיכטער אבו אלימפּיאַן, ווייסטו שוין? און איך שרייב אַ מאַרש, שרייב איך, אַ סאָלדאַטן מאַרש, אַ פאָלקס מאַרש, פאָלק ... פאָלק. היט זיך, דאָס פאָלק גייט!

— קום, קום, וועסט זיך אויסשלאָפן ...

אַ פייף, אַן אויטאָמאָביל, און ... שלאָף.

אויסגעניכטערט, האָט אבו אלימפּיאַן גענומען שלעפּן פון די קע־

שענעס פּאַפּירלעך, היעראָגליפן, וועלכע בלויז ער האָט געקענט דעשיפ־רירן. — אַ פיינע שורה! — האָט ער מיט ליבשאַפט געקוקט אויף איין צעטעלע. — גאָר אַ פיינע שורה! און די? — אַ פּאַרקוועטש צווישן די פינגער און אַ שמיץ אין דער ערד. שורות, פערזן, ווערטער. דאָס ריכ־טיקע וואָרט אויפן ריכטיקן פּלאַץ. און דער טפש דער בילדונגס מי־ניסטער, ער רעדט וועגן ווערטער! ער, אבו, פילט דעם טעם, דעם ג ע ר ו ך פון אַ וואָרט דערשפּירט ער. הערן וואָס ער׳ט זאָגן אויף דעם ליד. אַרויסגעקומען אַ גוט ליד. זיך אַליין ניט געריכט. עס זינגט! עס גייט זיך טאַנצנדיק. הער בילדונגס מיניסטער! איר זייט אַ טרוקענער פלאָקן, אַ דראָנג, אַ . . . בילדונגס מיניסטער!

אַן אויפגעלייגטער איז אבו אלימפּיאן געגאַנגען צום בילדונגס מי־ניסטער, דער סאָלדאַטן מאַרש אין קעשענע.

— פון אייער ליד שטינקט בראנפן — האָט דער בילדונגס מיניסטער אַ זאָג געטון און אַ וואָרף געטון די פּאַפּירלעך אַז איין בלעטל איז אַזש אַרונטערגעפאַלן אויף דער ערד.

אלימפּיאן האָט זיך אַ לאָז געטון, אויפגעהויבן דאָס בלעטל. דאָס בלוט איז אים אַריין אין קאָפּ. מיט פּאַרלאָפענע אויגן האָט ער געקוקט אויפן בילדונגס מיניסטער.

— דאָס איז ניט קיין מאַרש פאַר פאָלקס־קעמפער, דאָס איז אַ וואָקכאַנאַליע ליד.

— עס איז אַ גוט ליד — האָט אלימפּיאן שטיל, עקשנותדיק פאַר־טיידיקט.

— אַ גוט ליד? אפשר. שטאַרקע ווערטער, פלינקע פערזן, אָבער דער גייסט פון ליד! באַקכוס, ניט דאָס פאָלק. און ווי קען אַנדערש זיין? איר האָט די גאַנצע צייט געשיכורט. מיר ווייסן. איר׳ט זיך מוזן אָפּ־געוואוינען דערפון, אַניט וועלן מיר מוזן אַנגעמען שטרייגגע מיטלען.

— איר׳ט מיר פאַרבאָטן טרינקען?

— איז וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? דאָס וואָלט פאַר אייך געווען די גרעסטע טובה.

— מוחל די טובות. איך וויל טרינקען און שרייבן לידער.

— און אָן ווין — דאָס מיינט בראנפן — קענט איר ניט שרייבן?

— אויב איר ווילט שוין יאָ וויסן, טאָ ווייסט אַז אייער נאַציאָנאַלע הימנע האָב איך געשריבן „אונטערן גלעזל״, אין אַ שיינק האָב איך זי

געשריבן, אָבער דעמאָלט האָט קיינער ניט געהיט מיינע טריט, און אייער נאָז האָט ניט דערשפּירט קיין בראַנפן, איצט זייט איר עס דער . . .

— איצט זייט איר פאָלקס פּאָעט, איר זייט דערהויבן געוואָרן, איצט מוזט איר זיך אויפפירן אַזוי אַז דאָס פאָלק זאָל ניט פאַרלירן דעם דרך ארץ פאַר דעם פאָלקס דיכטער. „קוואד ליסעט באווי נאָן ליסעט יאווי". (דער תלמיד מעג, דער רבי טאָר ניט).

— אויף ווי וויט איך געדיינק לייענט זיך עס פּונקט פאַרקערט, „קוואד ליסעט יאווי נאָן ליסעט באווי".

— אייער זכרון איז זייער אַ גוטער, וואָס איר האָט אָבער פאַרגעסן איז אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַר אַן אויסגעלאָסענער אַריסטאָקראַ־טיע, דער פּריץ מעג, דער פּויער ניט. איצט אָבער, נעמט זיך אַריין אין קאָפּ, איז פאַרגעקומען אַ רעוואָלוציע. איר פאַרשטייט? אַ רע־וואָ־לו־ציע! דאָס פאָלק הערשט. און אַ טיטול פאָלקס־פּאָעט שלעפּט מען ניט אין רינשטאָק.

— ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן? — האָט אלימפּיאַן אויס־געפּלאַצט, אויפשפּרינגענדיק פון זיין ביינקל — נאָט אייך אייער טיטול און האָט'ס מיר אַ גוטן. — ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין, האָט זיך דאָך אָפּגעשטעלט. — האָסטו געזען? מיר אָנגעטון אַ ספּאָדיק, און כאָטש שטיי און שפּיגל זיך אַ גאַנצן טאָג. ניט לאַכן, ניט זינגען, ניט טרינקען, באַלד וועט איר מיר זאָגן מיט וועמען צו שלאָפן . . . מוחל . . . מוחל . . .

— זיצט, יונגערמאַן — האָט דער בילדונגס מיניסטער אַ זאָג געטון, און פון דעם „יונגערמאַן" איז אלימפּיאַנען געוואָרן אומהיימלעך. — איר רעזיגנירט, האַ? נו, וויסן זאָלט איר, אַז אַ קרוין, אָדער מע טראָגט זי, אָדער מע פאַרלירט זי אינאיינעם מיטן קאָפּ . . . נעמט עס גוט אַריין אין קאָפּ. איר קענט אונדז די קרוין ניט אומקערן, מיר קענען זי ביי אייך צונעמען, מאָרגן קענט איר זיין אויס פאָלקס פּאָעט און די הימנע . . .

— די הימנע איז מיינע, דאָס קענט איר ביי מיר ניט צונעמען.

— גאָר אַזוי? האָט איר געהערט פון איינעם רוזשע דע ל'יל?

— רוזשע דע ל'יל?

— זעט איר? דאָס איז דער מחבר פון דער מאַרסעליעזע. ווער ווייסט פון אים? אַן אַפּענדיקס צו דער מאַרסעליעזע, אַן אָפּגעשני־טענער אַפּענדיקס דערצו. מיר קענען זינגען די הימנע אַנאָנים.

— זי וועט ניט אויפהערן זיין מיינע.

— איר דיינקט אַזוי? נו, מיר'ן מוזן אַריינברייינגען אַ קאָרעקטיוו אין אייער דיינקען. ניטאָ קיין מ י י ן! פאַרשטאַנען? און קיין א י ך איז אויך ניטאָ. איר דיינקט נאָך אַלץ אַז די וועלט באַשטייט פון אבו אלימפּיאַן און נאָך צוויי ביליאָן מענטשן צו אים, טאָ זייט וויסן אַז עס איז געווען אַ רעוואָלוציע אין אלטאדינא, איר זייט ניט מער ווי אַ האַלב ביליאָנטל פון דער וועלט און איין צוויי הונדערט מיליאָנטל פון אייער פאָלק, וואָס דאָס פאָלק וויל . . .

— דריקט אויס דער דיכטער, דער איינצלנער דיכטער . . .

— ניטאָ קיין סאָליסטן! — האָט שוין דער בילדונגס מיניסטער אַ געשריי געטון. — דאָס פאָלק, דאָס איז אַ כאָר, אַן אָרקעסטער און מיט אים דיריגירט דער די־רעגענט . . . פאַרשטאַנען?

אלימפּיאַן האָט געשוויגן.

— און אַז מיר ריידן שוין וועגן כאָר, אָרקעסטער, טאָ הערט. אייער סאָלדאַטן מאַרש דאַרפן מיר ניט. מיר האָבן שוין אַ בעסערן, מיר דאַרפן אָבער אַ טרויער מאַרש.

— איך בין ניט קיין מוזיקער.

— אַז איך וועל דאַרפן אַ מוזיקער ווייס איך וואו אים צו געפינען. איצט דאַרף איך אייער . . . מוזע. איר האָט טאַלאַנט . . . . — דעם בילדונגס מיניסטערס קוק: נו ווי דען? פּאַר איין קאָמפּלימענט וועלן די חברה . . . — אָבער געדיינקט, טאַלאַנט אַליין איז ניט גענוג, מען דאַרף שפּירן, פילן דעם גייסט פון פאָלק, דאַן ערשט קען מען שאַפן עפּעס וואָס זאָל האָבן אַ ווערט פאַרן פאָלק. קורץ, אייער טאַלאַנט דאַרפט איר ריכטיק אָנווענדן, איר דאַרפט, אַזוי צו זאָגן, אַרויף אויף די ריכ־טיקע רעלסן. נעמט דעם טרויער מאַרש וואָס מיר ווילן איצט. טרויער מאַרשן, מענטשן זאָלן גיין מיט געבויגענע קעפּ, אַרונטערגעלאָזטע נעזער, דאָס באַלאַנגט טאָקע צו די מוזיקער און מיר האָבן גענוג פון דער סחורה. מיר דאַרפן אָבער אַ נ י י ע ם טרויער מאַרש, אַ מאַרש וואָס זאָל ניט דוקא אויסדריקן טרויער נאָכן מענטשן — אַ מענטש ד אַ ר ף שטאַרבן — נאָר באַזינגען זיינע מעשים, איר פאַרשטייט? ב אַ ז י נ ג ע ן!

דער בילדונגס מיניסטער איז ניט געווען אַזוי זיכער אַז דער נאַ־רישער דיכטער האָט גענוי פאַרשטאַנען. ער האָט אַן עפּן געטון אַ שופלאָד, ארויסגענומען אַ העפט און אַ וואונק געטון אלימפּיאַנען ער זאָל זיך צורוקן אַ ביסל נעענטער.

— איר זעט? דאָס איז גוסטאוו מאהלערס אַ סימפאָניע. אַ שטיקל

מוזיקער זייט איר דאָך. אַט די סימפּאָניע איז ניט ג ע נ ו י וואָס מיר דאַרפֿן, אָבער איר וועט אפֿשר כאַפּן וואָס איך מיין. איר זעט? „ביסט ניט אומזיסט געשטאָרבן, האָסט ניט אומזיסט געלעבט, געליטן!" פֿאַר־שטייט זיך, דאָ איז אַ געמיש פֿון מאהלער און קלאָפּשטאָק, מיט משיח, תחית המתים און דאָס גאַנצע קלאַפּער־געצייג דאָרט. דאָס, פֿאַרשטייט איר דאָך, דאַרפֿן מיר ניט. מיר דאַרפֿן דעם תמצית — דער מענטש איז געשטאָרבן, זיין אַרבעט לעבט, דאַרף פֿאַרגעזעצט ווערן. און איר זעט? דער סוף. צום סוף קומט אַ כאָר, זינגט מיטן אָרקעסטער. דאָס איז גוט. דאָס דאַרפֿן מיר, מע דאַרף די מאַסן זאָלן זיך באַטייליקן, זאָלן, ווי זאָל איך אייך זאָגן, הנאה האָבן, יאָ, הנאה האָבן, די לויה זאָל בלייבן ביים מענטשן אין זכרון, ער זאָל קריגן חשק צו אַזאַ לויה . . . איר פֿאַרשטייט? נעמט עס מיט, שטודירט עס דורך. צען טעג וועט זיין גענוג? איר קענט עס באַוויזן, גייט גלייך אַהיים און זעצט זיך אַרבעטן. מיר קענען אראַנזשירן מע זאָל אייך אַלץ אַרויפֿברענגען, אַפֿילו אַ ביסל בראַנפֿן . . . אויב איר מוזט עס טאַקע האָבן, אין אַ קליינער דאָזע, פֿאַר־שטייט זיך, אָבער גייט וואָס ווינציקער אין עפֿנטלעכע פּלעצער. דאָס איז מיין פֿריינטלעכע עצה, און איך האָף איר וועט זי אָננעמען אין דעם גייסט ווי זי ווערט אייך געגעבן . . . נו, צום ווידערזען.

צוויי פֿינגער צוגעלייגט צום שטערן־שליף, אַפֿילו די האַנט ניט דערלאַנגט, און אבו אלימפּיאַן האָט געוואוסט — ער איז אַרויסגעשיקט פֿון קאַבינעט.

אבו אלימפּיאַן איז געגאַנגען אַהיים און געפֿילט — ער גייט נאָך זיין אייגענער לויה, און אָן אַ טרויער מאַרש, ער — דער מת און דער באַגלייטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין שטוב, זיך אומגעקוקט. אַט די צוויי פֿאַרשוינען — פֿאַרדעכטיק. האָבן זיי אים באַגלייט? כאַפּט זיי . . . ער איז אַרויף צו זיך אין שטוב, אַ קוק געטון דורכן פֿענסטער און געזען די צוויי פֿאַרשוינען שטייען, קוקן ווי פֿייגעלעך פֿליען . . . ער האָט שוין געוואוסט ווער זיי זיינען . . . מיט כעס האָט ער געטון אַ צי אַרונטער דעם רולעט, זיי ניט געזען מער, ער האָט זיי אָבער גע־פֿילט, ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, און זיי האָבן אים נאָכ־געשפּאַנט, ער האָט זיך אַוועקגעלייגט, און זיי האָבן זיך געלייגט מיט אים.

טרויער האָט זיך געשפּרייט אויף אים, אין אים. זיין בלוט, האָט ער געפֿילט, איז אָנגעלאָדן מיט טרויער, אַזוי געדיכט אָנגעלאָדן אַז עס באַוועגט זיך קוים.

דורכגעזאַפּט איז מיין בלוט מיט טרויער,
פאַרסמט דאָס האַרץ, דעם מוח,
בהדרגה שטאַרבט אָפּ מיין יעדער אבר,
אַ לעבעדיקער ליג איך אין טרויער־קבר.

— קוואַטש! — האָט ער אַ שמיץ געטון דאָס שטיקל פּאַפּיר, גענומען אַרומשפּאַנען. ער האָט דערזען די סימפּאָניע אויפן טיש, גענומען בלעטערן און אַ שאַר געטון. טרויער־מאַרש. טרויער ניט נאָכן מענטשן, וואָס איז אַ מענטש? זיינע מעשים! סאָלדאַטן־מאַרש, טרויער־מאַרש, נאָכדעם וועט קומען אַ . . . חתונה־מאַרש, און אויך ניט פאַרן מענטשן, נאָר פאַר זיינע מעשים . . . מאַרשן, מאַרשן, מאַרשן! צום טייוול! איך שרייב ניט! איך שרייב ניט!

ער האָט אַן עפן געטון דאָס פענסטער. די צוויי פאַרשוינגען — צווישן טויזנטער וואָלט ער זיי שוין דערקענט — זיינען געשטאַנען אויף זייערע פּאָסטנס . . .

„ . . . מיר קענען אראנזשירן מע זאָל אייך אַלץ אַרויפברענגען אַהיים, אפילו אַ ביסל בראַנפן . . . אָבער גייט וואָס ווינציקער אַרויס . . . דאָס איז מיין פריינטלעכע עצה . . .״

אַזוי, אַזוי, הער בילדונגס מיניסטער, אפילו בראַנפן וועט איר מיר אַרויפשיקן, אין אַ קליינער דאָזע, אָבי איך זאָל אָנשרייבן אייער טרויער־מאַרש. נו, בראַנפן האָב איך דערוויל מיין אייגענעם. אַ גוט ביסל בראַנפן, מע פילט ממש ווי עס ריזלט אין די בלוטן, צעיאָגט דעם טרויער דאָרט. דערפאַר אָבער פאַרן טרויער־מאַרש וועט איר זיך מטריח זיין זוכן אַן אנדער דיכטער, איך טראַכט ניט אויף רעלסן, שרייב ניט אויף קריק, איך שרייב גאָרניט! איך רעזיגניר!

„ . . . אַ קרוין, אָדער מע טראָגט זי, אָדער מע פאַרלירט זי מיטן קאָפּ אינאיינעם״. ניט מיין קאָפּ! ער האָט אַן עפן געטון דאָס פענסטער און, פאָכענדיק מיט די קולאַקעס, האָט ער געשריען צו די צוויי פאַרשוינען: איר׳ט אים ניט קריגן! ניט מיין קאָפּ! איך . . . ער האָט פאַרהאַקט דאָס פענסטער. איך פייף אויף זיי מיט זייער בילדונגס מיניסטער. איך בין אבו אלימפּיאַן, אַ דיכטער און אַ פרייער מענטש, איך שרייב וואָס איך וויל און ט ו וואָס איך וויל. איך וויל טרינקען טרינק איך, און קיינער קען מיר ניט פאַרווערן, קיינער! „קוואַד ליסעט . . .״ לאַטיין האָט ער געערדט, אַט דער בילדונגס מיניסטער, מיט דעם אויס־

גוס־פּליך, מיט די פּייכטע, קלעפּיקע הענט, אַ רוימער איז ער! א י ך בין דער רוימער! און איך וועל עס אים ווייזן!

מיט וואַקלדיקע טריט איז ער אַריין אין באָד־צימער, מיט איין דריי געלאָזט דעם קראַן הייסע וואַסער. דאַן געעפּנט אַן אָדער, געטונקען די פּען אין בלוט און געשריבן:

. . . און דער דיקטער אבו אלימפּיאַן, אויף וועמעס קאָפּ מ׳האָט אַרויפגעזעצט די קרוין פון פּאָעט לאורעאט, האָט פאַרן טויט ארונטער־גענומען די קרוין פון זיין קאָפּ, האָט אַ שפּיי געטון אויף איר — זאָל זי טראָגן דער לומפּן־פּאָעט, וואָס קען בויגן זיין קאָפּ. אלימפּיאַן וועט זיין קאָפּ ניט בויגן, אַ שטאָלצער מענטש און אַ פרייער דיכטער, גייט ער פרייוויליק אַוועק פון דער וועלט.

אַ שעה נאָך אלימפּיאַנס טויט האָט דער בילדונגס מיניסטער גרינט־לעך איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, האָט עס פאַרזיכטיק פאַרשטעקט אין אַ קליין שופלאָדל און אַ רוף איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון בילדונגס מיניסטעריום צו די פּאָעטן פון שטאָט זיי זאָלן אָנשרייבן אַ טרויער־מאַרש נאָכן פאָלקס דיכטער אבו אלימפּיאַן, וואָס איז אַזוי פריצייטיק אַוועק־געגאַנגען פון דער וועלט. צייט — פיר און צוואנציק שעה.

אין משך פון דעם מעת לעת זיינען אַריינגעקומען אַכט און פערציק לידער. נאָך אַ מעת לעת און א מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציע איז געשאַפן געוואָרן, און אויפן דריטן טאָג האָט מען מיט דעם טרויער־מאַרש באַגלייט אבו אלימפּיאַן צו זיין אייביקער רו.

דער מחבר פון דעם טרויער־מאַרש האָט געירשנט דעם טיטול „פאָלקס פּאָעט‟, און ער שרייבט לידער, מאַרשן נאָך ביז היינטיקן טאָג.

דער בעל יובל

דער באַרימטער יידישער שרייבער מרדכי פעדער איז אַלט געוואָרן פינף און זיבעציק יאָר. דאָס מיינט ניט אַז איין פרימאָרגן האָט ער אַ קוק געטון אין אַ לוח, געזען אַז היינט, חמשה עשר בשבט לשנת....... לפ״ק איז געוואָרן פינף און זיבעציק יאָר זינט ער איז געבוירן געוואָרן. דעם טאָג האָט ער געדיינקט, חמשה עשר בשבט, אַ סימן מובהק, מיטן יאָר איז ער ניט געווען אַזוי זיכער. דער טאַטע עליו השלום האָט גע־האַלטן אַז ס׳איז גלייכער ניט צו פאַרשרייבן — אַ סגולה צום פריזיוו — און ער האָט אים טאקע ניט פאַרשריבן, ניט אין דער „אופראַווע״, און אפילו אויף אַ טאָוול פון אַ ספר ניט פאַרצייכנט, מרדכי פעדער איז גאָר ניט געבוירן געוואָרן . . . בכתב. בעל פה . . . האָט מען אויס־גערעכנט זיינע יאָרן לויט דער שרפה אין שטעטל, לויטן קאַלטן ווינטער, די מוראדיקע פרעסט יענעם ווינטער, און דער חשבון האָט געשטימט, ביי די עלטערן, מרדכי גופא האָט געהאַט צרות פון אָט די חשבונות. ער האָט באַדארפט אויסשטעלן אַן אָפיציעלן פּאַפּיר, האָט ער אָנגעגעבן אַ געבוירן־יאָר אויף טראַף, און ביים אויספילן אַ צווייטן פּאַפּיר איז ער ניט געווען אזוי זיכער צי האָט ער אָנגעגעבן דאָס זעלבע יאָר. ווען ער האָט באדארפט קריגן אַ פּאַספּאָרט איז גאָר געווען צרות — ניט געווען קיין מעטריקע. האָט ער טאקע געהאַט תרעומות אויפן טאַטן למאי ער האָט אים ניט פאַרשריבן. דער טאַטע האָט געשמייכלט: האַלסט אפנים שטאַרק פון תורה שבכתב, טאָ זיי וויסן, מיין זון, אַז לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל תורה שבעל פה . . . געדיינק דעם ברית . . . דאָס האָט ער געזאָגט ווען ער האָט אים שוין חושד געווען אין אפיקורסות. אַ קלוגער ייד געווען. ער האָט אים מוחל געווען די נאַכ־לעסיקייט, און ווען ער גופא איז אריין אין די טיפע זעכציקער האָט ער אינגאַנצן „פאַרגעסן״ דאָס יאָר. — איך בין געווען דערביי ווען איך בין געבוירן געוואָרן, — האָט ער געשפּאַסט, — אָבער ווען דאָס איז געווען, וואָסער יאָר, אסור מיר אויב איך געדיינק. — דאָס איז ניט געווען סתם אַ חנדל, ער האָט טאקע פארלייקנט זיינע יאָרן. מיט אַ יאָר

דריי צוריק, ווען ער איז פּלוצלונג פאַרשלאָפן געוואָרן און מ׳האָט אים אין איילעניש צוגענומען אין שפּיטאָל, האָט ער דאָרטן אָנגעגעבן זיין עלטער — אַכט און זעכציק יאָר. פּייגע, זיין ווייב, האָט ניט געוואוסט דערפון און זי האָט אָנגעגעבן זיינע ריכטיקע יאָרן, איז אַרויסגע־קומען אַ פּלאָנטער. ניט אָן שפּאַס האָט זי אים פאַרגעוואָרפן: מילא איך זאָל פאַרלייקענען אַ פּאָר יאָר, נו, אַ פרוי, אָבער דו . . .

— פאַרשטייסטו מיך, פּייגעלע? (זי איז נאָך אַלץ געווען ביי אים פּייגעלע) איך וועל זיי זאָגן אין שפּיטאָל אַז איך בין . . . צוויי און זיבעציק, וועלן זיי גלייך באַשליסן — ער דאַרף דאָך שוין סיי ווי זיך איבערפּעקלען אויף יענער וועלט, וועלן זיי מיר העלפן איינפּאַקן דאָס פּעקל, אַזוי בין איך נאָך נישט קיין זיבעציק, וועלן זיי ווייזן זייער בריהשאַפט, מיר העלפן דערציען ביז די זיבעציק.

די געשיכטע מיטן שפּיטאָל איז טאַקע געווען אַן אמתע, ער האָט פאַרלייקנט זיינע יאָרן מיט אַן אויסרעכענונג, דאָס איז אָבער ניט געווען דער איינציקער פאַל, אין גוטן מוט האָט ער אויך פאַרלייקנט אַ פּאָר יאָר, און וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ מער האָט ער אויסגעמיטן צו ריידן וועגן זיינע יאָרן. — וואָס איז דאָ צו ריידן דערפון? אַ גוואַלדיקער גליק, מ׳ווערט אַלט. וואָלט אַ בעלן געווען זען עמיצן וואָס ווערט יונג . . . — און ער האָט זיך טאַקע „געיונגלט”. ניט חלילה זיך שאַרן צו יונגע ווייבלעך, אָדער ענלעכע נאַרישקייטן, ניין, דאָס ניט, ער האָט אָבער געטומען בעסער אַכטונג געבן אויף זיין געזונט, יעדן טאָג גע־גאַנגען אויף אַ שפּאַציר, ניט אַזוי צוליבן שפּאַצירן, ווי צוליב דער מצוה שפּאַציר, ווייל דאָס איז גוט פאַרן געזונט. שפּאַצירנדיק, האָט ער זיך באַמיט גיין גלייך, אפילו אויסשטעלן די ברוסט, דאָס איז בעסער פאַרן אָטעם און . . . עס זעט אויס בעסער. די סטולעוואַטע פּלייצע האָט ווי אויף צו להכעיס זיך איינגעבויגן, די ברוסט איז איינגעפאַלן, דער שטערן האָט זיך געבוקט צום קין און דער קין האָט זיך גענויגט צו דער ברוסט, האָט מרדכי ראַפּטום זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעגלייכט, אַ גלעט געטון די באָרד, אַ הייב געטון דעם שטעקן . . . יאָ, ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד. ניט געגוי אַ באָרד, אַ בערדל, פיין ארומגעפּוצט, עס האָט צוגעגעבן חשיבות. אַן אַלטער מענערישער פּנים אָן אַ באָרד איז עפּעס נאַקעט, און נאַקעט לייב איז בלויז שיין ביי קינדער, יונגע מענטשן, ניט ביי עלטערע. טאָלסטאָי אָן אַ באָרד! ער קען זיך עס גאָרניט פאָרשטעלן. פון יידישע תלמידי חכמים איז דאָך אָפּגערעדט.

זיין באָרד, ניט קיין רבנישע אָדער טאָלסטאָישע, האָט דאָך צוגעגעבן אַ הדרת פּנים און אויך פאַרטושירט די קנייטשן ארום מויל, און ווען דער מויל, דער קין האָט געגומען ציטערן — פאַסירט לעצטנס — האָט ער כלומרשט אַ גלעט געטון דאָס בערדל און אָפּגעשטעלט דעם ציטער. אויך דער שטעקן האָט ארויסגעהאָלפן ביים שפּאַציר. דער קערפּער, די האַנט האָט געהאַט אויף וואָס זיך אָנשפּאַרן. די אָנשפּארעניש איז אויך געווען אַ סוד, דאָס האָט נאָר ער געוואוסט דערפון, געקומען אַ מענטש אנטקעגן, האָט ער אזוי מאַניפּולירט מיטן שטעקן אַט ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ דיריגיר שטעקעלע, עפּעס אַ טשערעטל, לגוי, ניט קיין גראָבן שטעקן לתשמיש, זיינע פיס דינען אים נאָך גאַנץ גוט. אין דערהיים האָט ער טאקע געבאָדן די פיס, געווייקט זיי אין הייסער וואַסער, גאַנץ אָפט האָט פייגע זיי געדארפט איינרייבן, אָבער פייגע איז דאָך פייגע, זי האָט געוואוסט א סך זאַכן . . . די וועלט אָבער דאַרף ניט וויסן, זי דאַרף אויך ניט ציילן זיינע יאָרן.

די „וועלט״ האָט אָבער געציילט.

— זאָגט נאָר, רב מרדכי, איר ווערט דאָך ביי אונדז אינגיכן אַ פינף און זיבעציקער, — האָט זיין פריינד דניאל פארמעט געלאָזט פאַלן כלומרשט אגב אורחאדיק ביים טרינקען אַ גלעזל טיי, — איז וואָס הערט זיך מכוח . . .

— ווער זאָגט עס? — האָט אים מרדכי פעדער שאַרף איבערגעהאַקט.

— וואָס הייסט ווער? דער קאַלענדאַר!

מרדכי פעדער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, מבטל געמאַכט דעם קאַלענדאר, און שטיל צוגעגעבן — איר מאַכט אַ טעות.

— איך מאַך שוין גאָרניט קיין טעות.

— וואָס זשע, איר ווייסט בעסער פון מיר? איך בין דאָך געווען דערביי, און איר . . .

— ביי אייער ברית בין איך טאַקע ניט געווען, אָבער דער קוואַטער ווייסט דאָך אַזוי גוט ווי איר. און דער קוואַטער . . .

— דער קוואַטער! וואָסער קוואַטער! וועגן וועמען רעדט איר?

— זלמן רייזען! — האָט דניאל פארמעט אויסגערופן ניט אָן נצחון.

אַ פריינט פון יאָרן, האָט ער געוואוסט אַז מרדכי פעדער פארלייקנט זיין עלטער. לויט דער „כראָנאָלאָגיע״ וואָס ער גופא האָט צוזאַמענגע־שטעלט פון דער „פאַמיליען כראָניק״, פון געשפרעכן מיט אים, מיט זיין ווייב, ווען זיי האָבן חתונה געהאַט, ווען געקומען קיין אַמעריקע,

ווען דער זון, דאָס אייניקל, איז געבוירן געוואָרן, האָט ער זיך משער געווען אז מרדכי איז שוין אַ ר י ב ע ר פינף און זיבעציק. איז מילא, פארלייקענען א יאָר, צוויי, דאָס מאכט ניט אויס, ער טוט עס אויך . . . אָבער איגנאנצן מבטל מאַכן! ער׳ט זיך ניט ארויסדרייען פון אים. ער׳ט אים צוקוועטשן צום וואַנט. — איר האָט דעם לעקסיקאָן? ניתי ספר ונחזה . . .

— לעקסיקאָן? ווער דאַרף אַ לעקסיקאָן?

אָט אַ ייד אַן עקשן. קען ניט זאָגן אַז ער האָט ניט דעם לעקסיקאָן. ניט איין מאָל האָבן זיי ביידע געבלעטערט דעם לעקסיקאָן, זיך אָפּגע־שטעלט אויף דעם שרייבערס יאָרן, יענעמס, און גאַנץ אָפט האָט מרדכי געלאָזט פאַלן: מיר דוכט זיין מעטריקע איז אַ פּריזיוו מעטריקע . . . לפי דעתי מוז ער שוין זיין אַ זיבעציקער, נאָך מיט אַ סמיטשיק. איצטער וויל ער זיך פשוט ארויסדרייען. דאָס וועט ניט גיין. ער האָט אַ פּיר געטון מיט די אויגן צו דער ספרים שאַפע, וואו דער לעקסיקאָן איז גע־שטאַנען אויף אַ בכבודיקן פלאַץ.

— אל תבטחו בלעקסיקאָן, — האָט מרדכי גוטמוטיק געוואָרנט. אַ שטיפערישער שמייכל האָט זיך אַ וויג געטון צווישן אויג און מויל.

— דאָס ווייס איך, — האָט דניאל צוריקגעשמייכלט. — איך האָב אָבער נאָך ניט געזען אַז ר י י ז ע ן זאָל אָנגעבן עמיצן ע ל ט ע ר ווי ער איז. זיין אַקצענט אויף די צוויי ווערטער האָט געזאָגט: האָסט אפשר אָפּגענאַרט זלמן רייזענען אויך אויף אַ פּאָר יאָר, אָבער מיך נאַרט מען ניט. — איז אָט זעט איר? דעם חמשה עשר בשבט ווערט איר פינף און זיבעציק.

— און אַז פינף און זיבעציק? איז מה בכן? דאַרף מען ברעכן שטולן?

— קיין שטולן ברעכן טאַקע ניט, אָבער אַ יובילײ . . .

— מוחל, מוחל.

— איר קענט זיך מוחל זיין, אָבער אייך פרעגט מען ניט.

— אַזוי גאָר? וואָס זשע, איך האָב שוין גאָרניט וואָס צו זאָגן וועגן דעם?

— יאָ און ניין. פאַר אייך קען זיך פינף און זיבעציק טאַקע ניט זיין אַזוי וויכטיק. וואָס איז פינף און זיבעציק לגבי הונדערט און צוואַנ־ציק? פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז עס אָבער זייער וויכטיק. דאָס איז אַ דאַטע אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ יום טוב, און דער יום טוב דאַרף געפייערט ווערן, און טאַקע פייערן אַזוי, אַז עס זאָל אַזש גיין אַ רויך . . .

— די יידישע ליטעראַטור? יידישע ליטעראַטור שאַני, דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער ענין. אויף דער יידישער ליטעראַטור בין איך ניט קיין באַלעבאָס. זי וויל פייערן, זאָל זי . . . ברענען. קיין פייער־לעשער בין איך ניט. צו די וואָלנע פּאַזשאַרניקעס קיינמאָל ניט אָנגעהערט.

דאָס איז געווען מרדכי פעדערס הסכם. מער האָט דניאל פּאַרמעט ניט געדאַרפט. מיט פייגען האָט ער אַרומגערעדט דעם ענין באריכות. ביי איר האָט ער אויסגעפונען ווי האַלט עס טאַקע מיט זייערע פינאַנצן: לויטן ווינטער צושניידן די קליידער . . . מרדכי פעדער איז אויך ניט געווען קיין בטלן, אַ מענטש וואָס ווייסט ניט קיין צורת מטבע. ער האָט שוין גאָר געוואוסט. האָט ער זיך אַמאָל דערוואוסט אַז אַ צווייטער שרייבער האָט פאַר אַ בוך, אַ דערציילונג געקראָגן מער ווי ער, איז געווען הימל עפן זיך, די באַלעבאַטישקייט האָט אָבער געפירט פייגע, און אפילו וועגן ליטעראַרישע געשעפטן האָט ער ניט איין מאָל אָפּגעשיקט צו פייגען — רעדט מיט איר, זי איז מיין פינאַנץ מיניסטער.

„דער" פינאַנץ מיניסטער האָט פאַרטרויט דניאלן אַז מיט די פינאַנצן האַלט עס שמאָל, אָבער טאַקע גאָר שמאָל. שוין אַ יאָר פינף ווי מרדכי האָט גאָרניט אָנגעשריבן, ניט אַרויסגעגעבן, און ווען ניט דער זון . . . איצטער אַ, ווען דער יובילײ זאָל אַרײַנברענגען . . .

— ניט געזאָרגט, פייגע. מירן פייערן דעם יובילײ אַז ס'וועט אַזש גיין אַ רויך, — האָט איר דניאל פאַרזיכערט און ער האָט זיך גענומען „צעלייגן דאָס פייער" . . . קודם האָט ער גענומען צונויפקלייבן די „שפּענדלעך", שאַפן דעם קאָמיטעט. אַ געניטער מענטש דניאל פּאַרמעט. אַליין פאַרזאָרגט מיט חיונה, אָן דאגות פּרנסה, האָט ער זיין גאַנצע צייט אַוועקגעגעבן לטובת הכלל, דער עיקר פאַר די וואָרט־מענטשן, שרייבער. אַמאָל, אַמאָל האָט ער אויך געחלומט וועגן ווערן אַ סופר בישראל, געשריבן קאָרעספּאָנדענצן, זיך געלאָבט מיטן „לשון" — העברעאיש. חתונה געהאַט, פאַרטון זיך אין געשעפט און, דער עיקר, אַמעריקע, האָט פאַררוקט דעם חלום העט העט, עס איז אָבער געבליבן אַ געדעכעניש, אַ ביינקעניש און, אויף די עלטערע יאָרן, די ווייב איז געשטאָרבן, די געשעפטן ליקווידירט, איז ער געוואָרן אַ משמש תלמידי חכמים, אַרויסגעהאָלפן אַלע שרייבער, און מרדכי פעדער, אַן אַלטער ידיד, זיין יובילײ! . . . ער וועט ניט דורכלאָזן קיין איין שרייבער. דאָס צעטל האָט, ווי דער שטייגער, זיך אָנגעהויבן מיט אפרים אויערבאַך און זיך געענדיקט מיט תלושן. ווער ווייסט וואָס די יידישע ליטעראַטור וואָלט געטון

ווען תלוש וואָלט געשריבן אונטער זיין אמתן נאָמען מוסעליעוויטש, אָדער ווען ער וואָלט זיך אַ נאָמען געגעבן פרוש, אחרון אָדער גאָר חלוש. אָבער, אַ דאַנקען גאָט, ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן תלוש, און דער מרדכי פעדער יובל קאָמיטעט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן כדבעי, פון אלף ביז תיו. יעדן טאָג האָט דניאל געלאָזט וויסן פייגען ווער נאָך איז צוגעקומען צום קאָמיטעט און זי האָט דאָס שוין איבערגעגעבן איר מאַן.

— שטיינפעלד האָט אָנגענומען אין קאָמיטעט, — האָט זי שיר ניט אַנאָנסירט, אַוועקלייגנדיק דאָס טעלעפאָן טרייבל.

— שטיינפעלד? וועלכער שטיינפעלד?

— אָט האָסטו דיר, ווייסט שוין ניט וועלכער שטיינפעלד, האָסט׳אָך ערשט פאַר צוויי וואָכן געקראָגן פון אים זיינס אַ בוך לידער, האָסט אים אפילו געשריבן אַ בריוו.

מרדכי פעדער האָט גאַנץ אָפּט געכיטרעוועט. באַגעגנט אַ שרייבער וועמען ער האָט געקענט, געלייענט זיינס אַ בוך און אפילו געהאַלטן פון אים, האָט ער זיך געמאַכט אַז ער קען אים ניט, געדיינקט ניט, אַזוי ארום ווייזן אים: ווער ביסטו? איך בין מרדכי פעדער! פייגע האָט געקענט אָט די שטיק, אַמאָל געשמייכלט און אַמאָל האָט עס איר פאַרדראָסן — שפּילט טעאַטער, שפּילט ער.

— קען זיין, — האָט ער צוגעגעבן, באַמערקנדיק פייגעס אומצופרידענע מינע, — קען זייער זיין. עפּעס געדיינק איך יאָ דעם נאָמען, אָבער דאָס בוך געדיינק איך ניט. קיין עין הרע, אַזוי פיל שרייבער, אַזוי פיל ביכער, און גיי געדיינק זיי אַלע. וואָס, זאָגסטו, איז דאָס געווען פאַר אַ בוך? לידער? אויב אַזוי לייגט זיך עס אויפן שכל. — ער האָט אַ שמייכל געטון, און זי האָט שוין געלייענט דעם שמייכל — ווייסטאָך, קיין לידער לייען איך ניט.

צופיל פּראָזע האָט מרדכי פעדער שוין אויך ניט געלייענט. יונגערהייד האָט ער געשלונגען ביכער. וואָס האָט ער ניט געלייענט? בעלעטריסטיק, פילאָזאָפיע, אפילו וויסנשאַפטלעכע ביכער האָט ער געלייענט, געזופט. יידיש, העברעאיש, רוסיש, דייטש, שפּעטער אויך ענגליש. די גאַנצע וועלט ליטעראַטור. וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ ווינציקער האָט ער גענומען לייענען, דער עיקר די לעבעדיקע האָט ער אויסגעמיטן, בלויז אַ פּאָר שרייבער, זיינע קאָנקורענטן, אַזוי צו זאָגן, האָט ער געלייענט, און געלייענט מיט צוויי פּאָר אויגן. האָט ער אָנגעטראָפן אַ „גוט שייטל עברי״, איז ער מקנא געווען יענעם שרייבער, ניט וואָס ער

האט יענעם ניט פארגינען, נאר ער האט געפילט: אט אזא בלעטל וואלט א י ך געוואלט אנשרייבן; האט ער ביי יענעם געכאפט א „בולבע״, האט ער בעהאט א בייזע הנאה. דעם שרייבער האט ער אנ־געשריבן א דאנק־בריוו, אים געלויבט, אין דער שרייבערישער מסיבה האט ער אבער מיט א שמייכל אנגעוויזן אויפן פעלער, אדער פעלערן, אנגעוויזן כלומרשט כלאחר יד, ער איז חלילה גארניט אויסן, ער איז אבער געווען צופרידן ווען ער האט געזען אז זיין „מבינות״ האט זיך צוגעקלעפט . . . זאלן זיי וויסן, די צוציקעס. דאס איז אבער אלץ געווען „אמאל״. די לעצטע פאר יאר האט ער כמעט ווי ניט געלייענט קיינע לעבעדיקע שרייבער; מישטיינס געזאגט, וואס זיי קענען שוין אים זאגן. ער האט אריינגעקוקט אין איוב, קהלת, אדער גאר פרקי אבות, איבער־געלייענט א קאפיטל, אמאל נאר איין זאץ און זיך פארטראכט — אלץ האבן זיי איבערגעטראכט, אלץ געזאגט. חכמים. אבער זיי האבן אויך ניט געוואוסט, אויך ניט געהאט קיין ענטפער. ניטא קיין ענטפער, ניטא, ני—ט—א, — דער קאפ האט זיך געוויגט, פאטאקעוועט — ני—ט—א, און זיך פארוויגט אין א דרימל. מרדכי איז אויף דער עלטער געווען א קנאפער לייענער, פונדעסטוועגן אז עמיצער האט אים צוגעשיקט א בוך, מיט אן אויפשריפט, ווי דער שטייגער, האט ער א בלעטער געטון, איבערגעלייענט א שורה, א זאץ, אמאל אפילו א גאנץ בלעטל, געכאפט דעם נאמען פונם „העלד״, אויב דאס איז געווען א ראמאן, און גלייך אנגעשריבן א דאנק־בריוו מיט אזעלכע אויסדרוקן ווי „אייער יואל איז ווי אויסגעהאמערט פון שטיין״, אדער „אייער נחמן איז געמאלן מיט א קרעפטיקער האנט״, אזוי אז דער שרייבער זאל דיינקען אז מרדכי האט טאקע געלייענט דאס בוך. מיט דערציילונגען, לידער האט ער זיך ווינציקער צערעמאניעט, אנגעשריבן א פאר ווערטער, געדאנקט פאר דער מתנה, פארזיכערט אז ער וועט עס איבערלייענען ביי „דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט״ און דאס בוך מער ניט גענומען אין האנט אריין. אמאל, אמאל איז ער אויך געווען יונג, אנגעשריבן א בוך, האט ער גע־שיקט, פערזענלעך געשיינקט דעם, יענעם, געווארט אויף אן ענטפער, געגארט נאך א גוטווארט, איז געווען ברוגז, אין כעס למאי יענער זאגט ניט ארויס דאס גוט ווארט, מע פארגינט אים ניט, ערגער נאך, מע האט געמאכט א פארשווערונג קעגן אים . . . ער געדיינקט יענע צייטן, אודאי געדיינקט ער, מהאי טעמא האט ער א שטיקל צייט מקרב געווען יונגע שרייבער, געפרואווט זיי מדריך זיין, ער האט אבער ניט געקענט פאר־

טראָגן זייער חוצפּה. הער אַ מעשה! קומט צוגיין אַ צוציק מיט דער „ערשטער פּרוכט פון זיין פעדער" און וויל שוין גלייך אַן אַטעסטאַט אויף געניאַליטעט, און טוסטו אים אַ פרעג: האָט איר געלייענט מיין „אויפן שייד וועג"? ניט חלילה ווייל אים איז אַזוי אָנגעגאַנגען צי יענער האָט עס געלייענט, אָדער זאָל עס לייענען, נאָר פּשוט געוואָלט אָנווייזן אַז די טעמע האָט ער שוין באַהאַנדלט, ער מעג זיך לערנען, שעמט זיך יענער ניט צו זאָגן — ניין, ניט געלייענט. ער מרדכן פעדערן דאַרף ניט לייענען, מרדכי פעדער דאַרף אים יאָ לייענען, און ניט נאָר לייענען, אים לויבן, אים . . . באַשרייבן, ס'הייסט טאַקע אויסמאָלן, אַ קאַץ, אַ הונט, אָפּגערעדט שוין פון אַ מענטשן, דאָס לאו דוקא, אָבער ער איז אַ שרייבער! האָט ער זיך מיאש געווען פון די יונגע. נו יאָ, דאָ אַ פּאָר מיט אַ שמץ טאַלאַנט, אָבער אפילו זיי . . . ניט דאָס, ניט דאָס . . . ניין, ער לייענט ניט די היינטיקע. אַי, וואָס שרייבט ער זיי בריוו? הויבט זיך אָן אַ מעשה. אַ מענטש גיט דיר אַ מתנה, ווערסטו אים ניט זאָגן אַ דאַנק? געווען אַזעלכע, ווער עמען ער האָט קיין דאַנק אויך ניט געשריבן און זיין געוויסן האָט אים ניט געפּלאָגט. אמאָל איז דער געוויסן געווען עפּעס אַ מין אינערלעכער אויסשיט, האָט אים געביסן, ניט געלאָזט רוען, איצטער . . . איצטער קימערט אים ניט אויב דער און דער שריי־בער וועט האָבן פאַראיבל, זיין ברוגז אויף אים, וועט ער אַ ברירה האָבן ניט שיקן מער קיין ביכער, אָדער גאָר ניט קומען צו זיין לויה . . . פונדעסטוועגן אַז פייגע אָדער דניאל האָט אים איבערגעגעבן אַז דער און דער שרייבער, אַלטער אָדער יונגער, האָט אָנגענומען צו זיין אין יובל קאָמיטעט, האָט זיך דערוועקט אַ פריינטלעכער געפיל צו יענעם שרייבער און, דער עיקר, געווען צופרידן וואָס די שרייבערישע וועלט רופט זיך יאָ אָפּ, גרייט זיך צו זיין יום טוב. געדיינקט מען נאָך, הייסט עס, דעם אַלטן מרדכי פעדער. ניט איין טאָג איז דורכגעלאָפן אַ גע־דאַנק — פאַרגעסן, שוין ביים לעבן פאַרגעסן. און דאָך געווען צייטן ווען מ'האָט וועגן אים געשריבן. אַלץ הייסט געשריבן. ער האָט אָפּיר־גענומען דעם „קלעפּ־בוך", וואו אַלע אַרטיקלען וועגן אים זיינען געווען אַריינגעקלעפּט און גענומען בלעטערן, כאַפּן אַ קוק, זיך אָפּשטעלן אויף איין בלאַט און ווייטער בלעטערן, אַזוי ביזן סוף, דאַן פאַרמאַכט ווי אַ פרומער ייד פאַרמאַכט אַ גמרא נאָך א סיום נאָר אָן אַ קוש. יאָ, מ'האָט געשריבן . . . איצטער . . . פאַרשטייט זיך, מ'קען וועגן אים ניט שרייבן אין די צייטונגען יעדן טאָג, האָט ער דאָך ניט פאַרוואָלטיקט קיין מיידל,

אָדער אויפגעגעסן פיר און צוואנציק אייער אויף איין אָנבייסן . . . „פובליסיטי״ . . . ווער דאַרף עס, ווער וויל עס גאָר? נאָר טאָמער האָט ער דערזען אין צייטונג אַ בילד פון אַ שרייבער, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אים, האָט מרדכי געבורטשעט: ווי מע צעלאָזט זיך עס וועגן אים! מע שמירט, מע שמירט . . . איצטער, ווען ער האָט דערזען דעם ערשטן נאָטיץ וועגן זיין יובל, האָט ער איבערגעלייענט איין מאָל, נאָך אַ מאָל און באַלד אַ פרעג געטון פייגען: געזען? פייגע האָט עס אַליין אים אונטערגעטראָגן די צייטונג, פונדעסטוועגן האָט זי, מעשה דיפּלאָמאַט, אַ פרעג געטון: געזען וואָס? און, איבערגעליינעט נאָך אַ מאָל פאַר אים אין די אויגן, אַרויסגעזאָגט: גאַנץ פיין. ניין?

— אַ נאָטיץ, — האָט מרדכי געענטפערט מיט אַ ביטול טאָן.

— נו יאָ, וואָס האָסטו געוואָלט? דאָס איז דאָך ערשט אַן אָנזאָג.

— ווער וויל דען עפּעס?

— דניאל האָט מיר געזאָגט אַז ב. קלייבט זיך שרייבן אַ גרעסערע אַרבעט.

— אַזוי? פון וואַנען ווייסט ער עס?

— פון וואַנען. אַז ער זאָגט מסתמא ווייסט ער.

— מהיכא תיתי, זאָל ער שרייבן, — איז מרדכי גרויסמוטיק איינגעגאַנגען, ווידער אַ קוק געטון אויפן נאָטיץ און פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויפן טיש — דאַרפן אַריינקלעפּן. — ווען שרייבן, וועלן שרייבן. — האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט און, ווענדנדיק זיך צו פייגען צוגעגעבן — אויך דאַרפן עפּעס אָנשרייבן. — זיין קוק אויף איר — וואָס זאָגסטו?

— האָסט נאָך גענוג צייט.

איר ענטפער האָט געקענט מיינען: האָסט זיך ניט וואָס צו איילן, דאַרפסט זיך ניט איבעראַרבעטן, און ער האָט אויך געקענט מיינען: צ י י ט האָסטו נאָך גענוג, צי וועסטו עפּעס א ו י פ ט ו ן אין דער צייט? זי געדיינקט שוין ניט דאָס יאָר ער זאָל האָבן עפּעס אָנגעשריבן, און געווען דאָך צייטן ווען ער האָט יעדן טאָג, טאָקע יעדן טאָג, עפּעס געלייענט פאַר איר, אַ ניי קאַפּיטל, אַ בלעטל . . .

— יאָ, צייט איז נאָך דאָ, — האָט ער פאַרטראַכט געענטפערט, און אינם „יאָ״, אין דער „צייט״, אין דער נעץ צווישן די ווערטער האָט זיך געצאַפּלט זאָרג, ווייטיק, און שטומערהייד געזאָגט: דאָ עפּעס וויכטי־קערס פון צייט, וואָס איז נויטיק צום שרייבן. צוויי פינגער האָבן פאַר־

קוועטשט, געקנייפּט דאָס בערדל און פייגע, זיין ווייב איז משך פון פופציק יאָר, האָט שוין געוואוסט אַז איצטער אָ זעט ער זי אפילו ניט, האָט זי אים געלאָזט אַליין. קנייפּנדיק דאָס בערדל, האָט ער נאָך גע־מאַכט אַ פּאָר שפּאַן איבערן צימער, האָט נאָך אַ מאָל איבערגעזאָגט: צייט איז נאָך דאָ, און זיך אַריינגעזעצט אין ברייטן טיפן שטול, וואו ער איז ווי פאַרזונקען געוואָרן.

— צייט איז נאָך דאָ, — האָט ער ווידער איבערגעזאָגט. שוין אַ יאָר פיר־פינף אַז ער קלייבט זיך אָנשרייבן אַ בוך, ד ע ם בוך, זיין מאגנום אפוס. פיר־פינף יאָר, און ער האָט נאָך ניט אָנגעשריבן קיין פיר־פינף קאַפּיטלען. ליגן, וואַלגערן זיך שטיקלעך, ברעקלעך. זיינע אויגן האָבן אַ בלאָנדזשע געטון צום שרייב־טיש. און געווען אַ צייט ווען ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך, שיר ניט אַ בוך אַ גאַנצן בנשימה אחת. די אויגן האָבן אַ בליק געטון צו דער שאַפע מיט ספרים, וואו זיינע אייגענע ביכער זיינען געשטאַנען. דרייסיק ביכער. דרייסיק ביכער האָט ער אָנגעשריבן אין משך פון פינף־זיבן און פופציק יאָר. די ערשטע צען ביכער האָט ער אָנגעשריבן אין וועלכע זיבן־אַכט יאָר. עס האָט זיך געשריבן. געשריבן! געגאָסן! געקענט זיך אַוועקזעצן ביים טיש און אָפּשרייבן אַ נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט, די פען האָט ניט געקענט נאָכ־לויפן, ראשי תיבות געשריבן. און וואָס איז דער חידוש? מיט יעדן בוך האָט ער אַרונטערגעריסן אַן אַנדער געביידע, אָבער אַלע געביידעס — פליגל פון איין בנין — גאָט. אַרויסגעריסן דעם ווינקלשטיין — גאָט — זיינען שוין נאָכגעגאַנגען זיינע צען געבאָט, אַלע געביידעס זיינען ווי פון זיך געפאַלן, אַלע צען ביכער, אייגנטלעך, איין בוך. די צווייטע צען ביכער, יענע האָבן אים שוין גענומען לייגער, צוועלף, און אפשר טאָקע פופצן יאָר. וואָרט נאָר . . .

ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגע־נומען איין ספר, אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ קוק געטון אויפן שער בלעטל, אויפן יאָר. זעכצן יאָר האָט עס אים גענומען, צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די ערשטע צען. און קיין חידוש: בויען איז אַ ביסל שווערער ווי צע־שטערן, אויף די חורבות פון גאָטס היכל געדאַרפט אויפשטעלן דעם מענטשלעכן פאַלאַץ. אַלע צען ביכער איין געזאַנג צום לעבן, איין אָדע צום מענטשן.

ער איז געשטאַנען ביי דער שאַפע, געשאָקלט מיטן קאָפּ צו די ביכער: ווי נאַאיוו, ווי נאַאיוו איך בין דאַן געווען. — „אויפן שייד־וועג“, — האָט

ער אַרויסגעזאָגט, אַ בלעטער געטון, זיך פאַרלייענט און, מיט די אויגן אין בוך, צוגעגאַנגען צום פאָטעל, זיך אַרונטערגעלאָזט, געבלעטערט דאָס בוך, דאַן עס פאַרמאַכט, איינקלעמענדיק די פינגער. ניין, ניט קיין סאַ־כארין. זיינע מענטשן זיינען געווען ל ע ב ע ד י ק ע מענטשן, ניט קיין מלאכים, דאָס מיינט ערלעך און פאַלש, ריין און זינדיק, גוט און שלעכט, אַ גאַלעריי אַ גאַנצע, קען זיך פאַרגלייכן מיט . . . באַלזאַקן. אָבער זיינע מענטשן זיינען ניט באַלזאַקס, ניט קיין „קאָמעדיע" האָט ער געשריבן, ער האָט ליב געהאַט דעם מענטשן, געגלויבט אין אים, „יעדער מענטש איז אַ גייענדיקער רעגנבויגן", אַזוי שיין, פּילפּאַרביק און אַזוי קאָמפּליצירט, אָט דעם מענטשן האָט ער געפורעמט, געמייסטערט. געווען שווער, ער האָט אָבער הנאה געהאַט, הנאה געהאַט אי ביים שרייבן, אי נאָכן שרייבן. וויפל לויבגעזאַנגען אין דער פּרעס, וויפל בריוו פון לייענער. יענע בריוו! יענע באַזוכן! ווי צו אַ גוטן יידן איז מען צו אים געקומען. די בעסטע יאָרן געווען. דאַן איז געקומען דאָס דריטע בוך, דער דריטער צענדליק ביכער, אַלע ביכער איין בוך פון צווייפל, צווייפל אין אַלץ, דער עיקר אינם מענטשן. די צען ביכער האָט שוין גענומען שיער ניט אַ פערטל יאָרהונדערט. מער! דרייסיק יאָר, אַרי־בער דרייסיק! נו יאָ, גאָט אַרונטערגעריסן געווען לייכט, ער האָט גע־גלויבט אין ניט גלויבן, ער האָט אַרונטערגעריסן מיט אייפער, מיט אימפּעט, אים געמוזט אַרונטערוואַרפן פון זיין טראָן, גאָט איז אים פּשוט געשטאַנען אין וועג. אַ פּאָלק זאָל צוויי טויזנט יאָר רק שרייבן וועגן גאָט! געווען שרייבער ביי יידן. אַלץ הייסט געווען! אָבער אַלע האָבן זיי געשריבן פּירושים און חידושים אויף גאָט, אויף זיין ספר — דעם תנ"ך . . . ער גופא, ווען ער זיצט נאָך אַ פּאָר יאָר אין בית מדרש, וואָלט ער אויך אָנגעשריבן עפּעס אַ פּירוש, אַ חידוש אויף מסכתא סוטה . . . מגילת מרדכי וואָלט ער עס מסתם אַ נאָמען געגעבן. אַוועק פון בית מדרש, פון גאָט, האָט ער זיך ערשט געקענט נעמען צו זיין יורש, דעם מענטשן. ווען עס איז אָבער געקומען דעם מענטשן אַרונטערוואַרפן, ד י געביידע צעשטערן, איז שוין ניט געווען דער גלויבן, דער ברען, ניט געווען דער האַמער צו שמעטערן, די האַק צום ברעכן, אַ דין שאַרף מעסערל, אפילו קיין מעסערל, עפּעס אַ ווערימל, אַ טערמיט, וואָס נאָגט און טאָטשעט, עסט דורך דעם גאַנצן בנין, עסט פּאַמעלעך, באַהאַלטן פון מענטשלעכן אויג, זיין מענטש געביידע שטייט נאָך, אָבער ער ווייסט זי איז דורכגעפרעסן דורך און דורך. מענטש אַ גייענדיקער

רעגנבויגן . . . אַ שטייענדיקער זומפּ איז ער, וואו עסווידמענען זיך שרצים און רמשים, און אויף אָט דעם פונדאַמענט האָט ער עס געבויט זיין געביידע. קריטיקער האָבן נאָך געשריבן וועגן אָט די ביכער, גע־לויבט כלומרשט, מיט אַ האַלבן מויל. פּחדנים. מרדכי פּעדער — אַליין אַ געביידע, און ווער וויל עס צעשטערן געביידעס? אָבער ער ווייסט דאָך. אים אַליין האָט זיך געוואָלט אַ שטויס טון אָט די מענטשלעכע, דורכגעפּרעסענע געביידע — אָנשרייבן נאָך איין בוך — זי אומוואַרפן, אַ געשריי טון בקול רם: איך גלויב ניט! איך גלויב מער ניט אין מענטשן! און אין גאָט אויך ניט. פאַרוואָרפן דעם שליסל איז פאַרפאַלן, ניטאָ קיין וועג אויף צוריק, איך גלויב אין גאַרניט. נאָך פופציק יאָר שרייבן בין איך געבליבן אַן אביון, אַ סך אַ גרעסערער קבצן ווי דעמאָלט ווען איך האָב אָנגעהייבן, דעמאָלט האָב איך געגלויבט אין ניט גלויבן, אינם מענטשן, איצטער — גאַרניט, ליידיק, פּוסט . . . גאָט געשטאָרבן און זיין יורש, דער מענטש? נו יאָ, ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן שרייפלעך, אָבער מ י ט זיין פּראָגרעס, ציוויליזאַציע און אפילו קול־טור, איז ער באַנקראָט, באַנק—ראָט, און איך מיט אים, הכל הבל . . . הבל הבלים . . .

דאָס בוך האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון האַנט, אַרונטערגעפאַלן אויפן דיל. די ליידיקייט אין דער האַנט, דער לייכטער קלאַפּ האָט אים אויפ־געוועקט. ער האָט אַן עפן געטון די אויגן, באַגריפן אַז ער האָט איינ־געדרימלט און האָט זיך שוין אפילו ניט פאַרשעמט, אַזוי אָפּט פּאַסירט עס מיט אים לעצטנס. ער האָט אַ וויש געטון דעם פּנים, דערזען זיין בוך אויף דער ערד, האָט ער געפּרואווט זיך איינבויגן, עס אויפהויבן, דערפילט אַ ברעכעניש אין רוקן, אַ ווייטיק אין די קני, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — זאָל עס ליגן. — פאַרקליאַקנעט, — האָט ווי אָפּגעקלונגען ביי אים אין קאָפּ, און ער האָט פּאַמעלעך גענומען רייבן די קני. — ניט גוט, ניט גוט. זבולון, ביסט גאָר קיין לייט ניט, — האָט ער אַדרעסירט זיין קערפּער. אַזוי האָט ער אַמאָל זיך אַליין צעטיילט אויף אַ ישׂשכר און זבולון. — ווילסט מער ניט שלעפּן, וואָס?

— שוין צייט, — האָט ער ווי דערהערט זבולונס טענות. — וואָס מיינסטו בין איך, אַ ייִנגעלע? צו פינף . . . ניין, נאָר זיך ניט, צו זיבן און זיבעציק שפּרינגט מען ניט איבער פּלויטן. אין דעם עלטער איז גאַנץ נאַטירלעך דאָס בלוט זאָל ניט צירקולירן ווי געהעריק, דער מאָגן

זאָל ניט אַרבעטן ווי עס דאַרף צו זיין, די פּראַסטאַטע זאָל גרעסער ווערן, דער . . .

— נאַטירלעך, אודאי נאַטירלעך, — האָט מרדכי פעדער געשאָקלט מיטן קאָפּ, — אָבער טאַקע דאָס איז די צרה. ניט אומזיסט גלויבן מענטשן אין נסים. ניסלעך גיב זיי, — האָט ער ביטער געשפּאָט, — אָבער קיין נסים געשעען ניט. ניין, ער גלויבט נישט, ער גלויבט ניט . . .

ווי אַן אַלטע יידענע, וואָס ווערט אַנדרימלט ביים אַרבעטן אַ זאָק, פאַרלירט אַן אויגל און ביים אויפכאַפּן זיך נעמט זי ווידער אויף דאָס אויגל, אַזוי האָט מרדכי פעדער אויפגענומען דעם געדאַנק ביי וועלכן ער האָט איינגעדרימלט. הכל הבל . . . נו יאָ, אין דער יוגנט זינגט יעדער איינער שיר השירים, אויף דער עלטער זאָגט יעדער איינער קהלת. טאָל־סטאָי למשל. זאָל ער אים מוחל זיין, אפילו אויף דער עלטער איז ער געווען מער בעל עבירה ווי בעל תשובה. ניין, ער האָט ניט געגלויבט, דער אַלטער. ער האָט זיך געשוואָרן ביי „איסוס כריסטאָס", אים ציטירט אויף שריט און טריט, לייענט מען אים אָבער גוט, — און ער האָט אים גוט געלייענט — זעט מען אַז ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי האָט ז י ך געהאַלטן פאַרן רבין, ישו הנוצרי וואָלט געקענט זיין זיינער אַ תלמיד. מיט זיין גאַנצער פרומקייט און כלומרשטער הכנעה איז ער געווען אַ גרויסער בעל גאוה. אונטערשטעלן די צווייטע באַק . . . י ע נ ע ר זאָל עס טון. ווייסן שוין . . .

דער צווייטער, דאָסטאָיעווסקי, ניט בעסער פון אים. ד ע ר האָט שוין אפשר טאַקע געזוכט גאָט, אָבער געזוכט האָט ער עפּעס אַ סלאַווישן גאָט, און פאַר אַ וועגווייזער האָט ער גענומען דעם שטן. אַ בריאה דאָס איז געווען. שוין איין מאָל אַ צאַצקע, אַן אַנטיסעמיט דערצו, אָבער אַ גרויסער שרייבער, גאָר אַ גרויסער שרייבער, אָבער גלויבן? ניין, זיי האָבן קיינס ניט געגלויבט. דער הויף פּאָעט וואָלפגאַנג פאָן געטהע האָט גאָרניט געוואוסט וואָס מיינט גלויבן. און נאָך וואָס גיין צו זיי? א י ו ב אפילו האָט ניט געגלויבט. ניין, דער שרייבער פון איוב האָט ניט גע־גלויבט, דאָס האָט די רעדאַקציע צוגעגעבן אַ „העפּפי ענדינג". און גלויבן אין מענטשן? „מענטש! איך נעם פאַר דיר אַרונטער די היטל". אַ ליגן. דאָס האָט ער אַרונטערגענומען די היטל פאַרן מענטשן אין שפּיגל, געווען פאַרליבט אין זיך, געוואָלט מ'זאָל פאַר אים אַרונטערנעמען די היטל. ער גופא האָט דאָך אויך „אַרונטערגענומען די היטל" פאַרן מענטשן, ניט נאָר פאַרן מענטשן דעם בעל שכל, נאָר אפילו פאַרן חומר. אין זיין

„שטימע פון בלוט” האָט ער געמאַכט כעפרא דארעא דעם יידישן אַסקע־טיזם, די תעניתים, סגופים, געפּאָדערט אויטאָנאָמיע פאַר זבלונען. טאַקע דעמאָלט האָט ער עס אַ נאָמען געגעבן דעם קערפּער זבולון. נאָכדעם האָט ער אַליין איינגעזען אַז אָט די צעטיילונג איז אַ פאַלשע — ס'איז איין מטבע מיט צוויי שטעמפּלען, זיין גאַנצער געשריי איז געווען ניט מער ווי פאַדערן אַ הכשר אויף זינד, אויף . . . זנות. יאָ, יאָ, זנות! ניין, ער איז ניט געווען קיין נואף, ניט בפועל, פייגע, זי זאָל אים געזונט און שטאַרק זיין . . . אָבער במחשבה . . . איצטער, אָפּגעריבן די מטבע, פון ביידע זייטן, און דער תוך — אַ שטיקל מעש, אַ . . .

— 'עסט טרינקען אַ גלעזל טיי?

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ בלינצל געטון מיט די אויגן, אַ ציאַמקע געטון מיטן מויל. — ווי שפּעט איז?

— שוין נאָך דריי.

ער האָט געפּרוואווט זיך אויפהייבן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן די שטול־ווענטלעך, און זיך צוריק אַרונטערגעלאָזט מיט אַ קרעכץ.
— עס גייט ניט. — פייגע האָט אים דערלאַנגט די האַנט. מיט איר הילף האָט ער זיך אויפגעהייבן.

— פאַרוואָס נעמסטו ניט די פּילן? — האָט זי ברוגזלעך אַ זאָג געטון, האַלטנדיק אים אונטערן אָרעם.

— גיב זיי א י ם, — האָט ער אַרויסגעצויגן זיין אָרעם פון איר האַנט און אָנגעוויזן אויפן קאַלענדאַר. — יאָ, יאָ, אים, דעם קאַלענדאַר! פּילן. איך שלינג פּילן און ער פרעסט די יאָרן. לאָז! כ'וועל אַליין, — האָט ער צוריקגעוויזן פייגעס הילף אים אַריינפירן אין עס־צימער, — הייב אויף דאָס בוך, אַז דו ווילסט . . .

— גוטער איינגעמאַכטס, — האָט ער זיך פאַסמאַקעוועט, — וואָס איז דאָס פאַר אַ . . .

— טרוסקאַווקעס! קענסט ניט פילן דעם טעם?

— טרוסקאַווקעס, ווייס איך, כ'מיין וואָס פאַר אַ פירמע? זייער געשמאַק.

— אַמבאַסאַדאָר. קויף אַלע מאָל אַמבאַסאַדאָר.

— זייער געשמאַק.

מרדכי פעדער האָט זיך ממש באַלעקט מיטן איינגעמאַכטס און פייגע האָט הנאה געהאַט פון זיין הנאה האָבן. — אַזוי ווי אַ קינד — האָט זי צו זיך אַליין געשמייכלט, און אָט דאָס קינד האָט זי ליב געהאַט, איצט

ווי מיט פופציק יאָר צוריק, אים אפשר שטאַרקער ווי איר בנימינען, אפילו ווי איר איציקל, דאָס איניקל. זאָל ער איר נאָר געזונט זיין. זיין גוטע לוינע ביים טיי טרינקען וויל זי נאָך פאַרבעסערן. — דניאל האָט אָנגעקלונגען.

— אַזוי? וואָס האָט ער דערציילט?

— דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג.

די „בייס”, האָט זי געזען אויף זיין פנים, האָט אים ניט אַזוי שטאַרק דערפרייט. האָט זי שנעל צוגעגעבן — באַשלאָסן אַרויסגעבן אַ בוך.

— אַ בוך! וואָס פאַר אַ בוך?

— אַ יובל בוך. אַ מרדכי פעדער יובל בוך, מיט אַרטיקלען וועגן דיר, דיין שרייבן. אַ גרויס בוך, דריי הונדערט זייטן.

— דאַרף דאָך קאָסטן אַ שלל מיט געלד.

— אודאי וועט קאָסטן, אָבער מיט דעם בוך וועט מען מ אַ כ ן געלט.

— מיינסט פונם פאַרקויף?

— פאַרקויף אפשר אויך, אָבער דער עיקר — באַגריסונגען.

— אה . . . באַ—גרי—סונ—גען . . .

— נו, וואָס דען האָסטו געוואָלט? אַ מענטש גיט געלט, דאַרף מען דאָך אים עפּעס געבן, כאָטש זען זיין נאָמען . . .

— המ'יאָ, אַ מענטש . . . — האָט מרדכי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— קען זיך ניט אַרויסדרייען פון אים. מ'נע . . . — יובילײ . . . ער'ט מוזן עפּעס אָנשרייבן, ער'ט דאָך דאַרפן ע פּ ע ס זאָגן. מוז זיך נעמען צו דער אַרבעט.

גלייך פון טיי טיש איז ער אַוועקגעגאַנגען צום שרייב־טיש. ניט געענוי זיך זעצן שרייבן, איז כאָטש „נעמען אינווענטאַר”, זען וואָס דאָרטן טוט זיך . . .

בלעטלעך, פּאַפּירלעך, צעטעלעך, אַ זאַץ, אַ פראַזע, אַמאָל בלויז אַן איינציק וואָרט. אַ זייטיקער, אַ פרעמדער וואָלט גאָרניט אַרויסגענומען פון אָט די שטיקלעך און ברעקלעך, אפילו ער גופא איז געבליבן זיצן מיט אַ צעטעלע אין האַנט, געקוקט אויפן פאַרצייכנטן וואָרט — מאי קא משמע לן? דאָס איינע וואָרט — עפּעס אַן אינזל אינמיטן ים. ערגעץ וואו אין דער טיפעניש פון ים איז דער אינזל באַהעפט צו דער ערד, אויף דער אויבערפלאַך סטאַרטשעט ער אַרויס אַזוי איינזאַם, אַליין פאַר זיך, די כוואַליעס וואַרפן זיך אויף אים און ער לאָזט ניט צו . . .

אַט דער אינזל ציט צו דאָס אויג, וואַרפט אָבער אָן אַן אומרואיקייט — ווי קומט ער אַהער? פון וועלכן געדאַנקען־גאַנג איז אַט דאָס וואָרט אַן אָנהויב אָדער אַן אָפשלוס? ער האָט אַ קנייטש געטון מיט די אַקסלען — וויס ניט. געדיינק ניט. — דאָס צעטעלע האָט ער אָבער ניט אַרויס־געוואָרפן, ער האָט עס נאָר אָפּגעלייגט אָן אַ זייט, ער וועט אויסאָרטירן, אויסדרן אַלע פאַרצייכענונגען וועט ער זען.

טאָג איין טאָג אויס האָט ער געסדרט, סאָרטירט, זיך פאַרטראַכט, אַנדרימלט געוואָרן, זיך אויפגעכאַפּט און ווידער סאָרטירט, אָדער אָפּגע־לייגט אויף מאָרגן, אַזוי טעג, וואָכן, דער יובל האָט זיך דערנענטערט, ער האָט שוין געמוזט זיך נעמען צו דער אַ ר ב ע ט, און אים איז קלאָר געוואָרן — זיין מאגנום אפּוס וועט ער שוין ניט אָנשרייבן, אפילו מיט דער יובל־בייטש איבער זיין קאָפּ. אים איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס ער האָט דאָס בוך ניט אָנגעשריבן ביז אַהער. יאָרן לאַנג האָט ער גע־שריבן ראָמאַנען, דערציילונגען; געפילן, געדאַנקען האָט ער פאַרקער־פערט אין מענטשן, האַנדלונגען, זיי האָבן גערעדט, געטון, איצטער, איצ־טער קען ער דאָס מער ניט טון. ניט ווייל ער איז צו אַלט, דער קאָפּ אַרבעט ניט מער; דער קאָפּ איז אַ קאָפּ, ער וואָלט נאָך געקענט שאַפן די מענטשן, די סיטואַציעס, אייגנטלעך — איין מענטש, דער מענטש פון שפּיגל, די איבעריקע — סטאַטיסטן, אָבער פאַר דעם בוך איז אַט די פאָרמע ניט פּאַסיק, דאָס איז דאָך זיין חשבון הנפש, נאָכוואָס זאָל ער זיך פאַרשטעלן, אויסטראַכטן, צוטראַכטן, דער מענטש וואָלט ארויסגע־קומען צו רוחניותדיק, אין אַ ראָמאַן דאַרף דער מענטש זיין בלוט און פלייש, דאָ דאַרף ער זאָגן דירעקט וואָס ער דיינקט, וואָס ער פילט, זאָגן אויפריכטיק, דעם אמת, דעם ריינעם, נאַקעטן אמת, אַן עסיי דאַרף עס זיין, אַ סעריע עסייען, די אַלע צעטעלעך, פּאַפּירלעך, ווען ער קען זיי נאָר „פאַרסטריגעווען”, אָפּשטעפּן איז שוין אַ קלייניקייט . . . די רעדע צום יובל אָוונט וועט זיין דער סקעלעט, אויף דעם וועט ער נאָכדעם אַרויפציען לייב און הויט.

דער יובל אָוונט איז שוין געווען אַט אַט און דער „סקעלעט” האָט זיך ניט צוזאַמענגעשטעלט, די „אברים” האָבן זיך ניט אַריינגעפּאַסט, וואָלט שוין געווען אַ סך גרינגער אונטערבעטן, אויב ניט מיט לייב און לעבן, איז מיט ליטעראַרישער וואַטע, איידער אויפשטעלן אַ טרוקענעם סקעלעט. ניט געווען קיין נאַר דער דזשאהן מאָרלי ווען ער האָט געזאָגט: יענער? ער איז אַ גוטער רעדנער. ער׳ט קיינמאָל ניט אַרויסזאָגן אַ

געדאַנק אין צוויי דריי ווערטער ווען ער קען אָפּקומען מיט צוואַנציק־דרייסיק. און אַז ער זאָל שוין צוזאַמענשטעלן דעם סקעלעט? אַ גלאָז טיי פון לויטער סענץ איז אפשר ד י גלאָז טיי, אָבער ווער קען זי טרינקען? ניין, ער׳ט שוין דעם סענץ ניט סערווירן, וועט שוין דעם תמצית פון זיין בוך, פון זיין . . . לעבן ניט ארויסזאָגן פאַרן עולם. טאָ וואָס דען? זיך שוין פארלאָזן אויף . . . גאָט. שוין עפּעס זאָגן. סיי ווי, ער האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן פון אָט די מאַניפאָרגעס — לייענען פון אַ פּאַפּיר, וועט זיין די שטימונג וועט ער שוין עפּעס זאָגן. און דאָס אַ, די אַלע סטריגעוואַניעס? . . . זאָל עס ליגן, אפשר נאָכדעם, נאָכן אָונט. ווי קומט מען דאָס שוין איבער. פּאָרט דאַרפן עפּעס זאָגן . . . איבער־קומען . . . דער מאַך מיט דער האנט — ניט קיין דערמוטיקונג — שוין איבערגעקומען שווערערע זאַכן, נאָר אַן הבל הבלימדיקער, בעסער, ערגער, וואָס איז די נפקא מינה? אַז וואָס ער וויל, דאַרף זאָגן, קען ער סיי ווי ניט, טאָ וואָס מאַכט עס אויס?

עס האָט טאַקע ניט אויסגעמאַכט, נאָר די לעצטע דריי נעכט פאַרן אָונט האָט ער זיך אַזוי פיל געדרייט אויף זיין געלעגער, אַזוי פיל מאָל ארונטערגעגאנגען פאַרצייכענען אַ וואָרט און . . . לאָזן וואַסער, אַז פייגע האָט שוין ברוגז־פאַרזאָרגט אים געמוסרט — נעם אַ פיל און שלאָף איין, ניט אַרומגיין גאַנצע נעכט, — און ווען ער האָט קיין שלאָף פיל ניט גע־נומען און זיך ווידער געדרייט, האָט ז י שוין געבעטן: אוי, ווי קומט מען עס שוין איבער!

אפילו די רעדע וואָס מרדכי פעדער האָט שוין ווי עס איז אויס־געסדרט ביי זיך אין קאָפּ אין די פאָר טעג און נעכט איז אים אויך אויסן געבליבן. צום אָונט זיינען, חוץ די שרייבער־פּני, אויך געווען געלאַדן אַנדערע קינסטלער. נו, האָט דער שפּילער געשפּילט, דער זינגער האָט געזונגען, דער רעציטאַטאָר האָט רעציטירט, אפילו אַ טענצערין האָט געטאַנצט, די קאָלעגן האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין וואָרט, ממילא, ווען עס איז געקומען צום „אחרון, אחרון חביב״, האָבן שוין די ווייזערס געוויזן נאָך צוועלף, און ניט נאָר דאָס זייגער־ציפערבלעטל, די פּנימער פון עולם האָבן אויך געוויזן: ס׳איז שפּעט, ס׳איז שפּעט! ניט נאָר אין דער נאַכט, נאָר אויך שפּעט אין אונדזער לעבן, ווייל אין קיין צייט פון מעת לעת זעט זיך ניט אַזוי די עלטער אויף אַ מענטשנס פּנים ווי שפּעט ביינאַכט ביי אַן „אונטערנעמונג״, און דער אַלטער, גרויקעפּיקער עולם, אויב ער איז אפילו נייגיריק געווען הערן דעם חשובן יובילאַר,

האָט ער דאָך מיט פּאַרעלטערטע מידע פּנימער געבעטן: האָב רחמנות! קורצער! וואָס קורצער אַלץ בעסער. מרדכי פעדער, אויסגעמאַטערט פונם לאַנגן אָוונט, פון שטאַרקן זיך ניט איינצודרימלען, פון אַלע דריי־ענישן און גרימעניש אין קערפּער, האָט זיך קוים אויפגעשטעלט און, מיט אַ שוואַכער שטימע, וואָס מ'האָט קוים געקענט הערן אויף די פּאָ־דערשטע בייַנקלעך, באַדאַנקט זיינע קאָלעגן שרייבער, דעם עולם. די עטלעכע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקן בייפאַל, דער עולם האָט געקלאַפּט, ווער זיצנדיק, ווער שוין שטייענדיק, און ווען דער פאָר־זיצער, דניאל פּאַרמעט, האָט מיט אַ הייב פון האַנט אויפגעהויבן דעם גאַנצן עולם, האָט דער גאַנצער עולם ערשט גענומען קלאַפּן שטייענדיק. דער שטייענדיקער עולם איז געוואָרן אַ סך לעבעדיקער פונם זיצנדיקן, און אויך דער פינף און זיבעציקער מרדכי פעדער איז ווי יונגער געוואָרן, ער איז אויך געשטאַנען, זיך געגנויגט, געשמייכלט און, דאָס ערשטע מאָל אין משך פון גאַנצן אָוונט, געווען צופרידן, אמת צופרידן. אַזאַ אָוואַציע! אַזאַ כבוד! לפני שיבה תקום. נו יאָ, ער איז ניט קיין יינגעלע, אָבער איצטער אָ פילט ער זיך אַזוי יונג, אַזוי קרעפטיק, אַזוי . . . ער האָט זיך אפילו געקושט . . .

— געווען אַ גאַנץ פיינער אָוונט, — האָט פייגע קאָמענטירט שוין ליגנדיק אין בעט. דניאל פּאַרמעט האָט איר שוין פּאַרטרויט וויפל אַן ערך עס וועט בלייבן פון אָוונט און זי איז געווען צופרידן.

— יאָ, ניט קיין שלעכטע לויה.

— אַי גיי! דו מיט דיינע שטעכווערטלעך. לויה אינמיטן דרינען.

— וואָרט, פייגעלע, אם ירצה השם, אַז דו וועסט גיין צו מיין לויה, צו דער אמתער לויה, זאָלסטו זיך צוהערן צום הספד וואָס ב. וועט מאַכן. האָסט געהערט זיין רעדע? עס וועט זיין וואָרט אין וואָרט פון דער היינטיקער דרשה. ביי אים גייט קיין זאַך ניט פאַרלוירן.

— ביסט אַ רשע! — זי האָט זיך אַזש אַ רודער געטון, זיך אָנ־געשטויסן אָן מרדכין.

מרדכיס ציטערנדיקע האַנט האָט אַ גלעט געטון אירע האָר, געבליבן רוען אויף איר קאָפּ. די רעדעס ביים אָוונט האָט ער קוים געהערט, די מערסטע האָט ער אפילו ניט געוואָלט הערן, ווען ב. האָט גערעדט האָט ער יאָ צוגעשטעלט די דלאָניע צום אויער, געכאַפּט גענוג ווערטער צו הערן אַז ער האָט גערעדט וועגן, געלויבט דעם מרדכי פון פאַר דרייסיק, פערציק יאָר, דער איצטיקער מרדכי פעדער איז גאָר ניט געווען, ער

— אַ געוועזענער. אין אים האָט געזאָטן דער כעס. זיך אויפשטעלן, זאָגן אָט דעם ב„ זיי אַלעמען, אַריינשרייען זיי אין די אויערן: איך, מרדכי פעדער, אָט דער וואָס זיצט דאָ היינט, איך ווייס זאַכן וואָס איר האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, וועט ניט וויסן, און איך וועל עס נאָך זאָגן, וועל עס זאָגן בקול רם. איר מיינט איך בין שוין געשטאָרבן, אָבער וואַרט, איר זייט נאָך ניט פאַרטיק מיט מיר, איידער איך וועל אַרויסגיין וועל איך נאָך אַזאַ קלאַפּ טון אין טיש אַז איר וועט אַלע פאַרציטערט ווערן, איר . . . ער האָט עס ניט געזאָגט, און איצט איז ער שוין אפילו ניט אין כעס אויף זיי פאַר זייער מרדכי פעדער „האָט", ניט מרדכי „וועט", אדרבה, אין אים גופא האָט זיך אויפגעוועקט דער עבר. — אַי, פייגעלע, פייגעלע, ניטאָ אַמאָליקע צייטן. געדיינקסט ווען מיין „שטימע פון בלוט" איז דערשינען?

אויב פייגעלע געדיינקט. נאָך אַ מין געדיינקען. זי געדיינקט אפילו די יונגע ווייבל, וואָס איז געקומען צו אים, כלומרשט זיך אַן עצה האַלטן צי זאָל זי זיך צעגיין מיט איר מאַן דעם קלויזניק און חתונה האָבן מיט אַ געזונטן בחור פון נידעריקערן גראַד, וואָס איז פאַרליבט אין איר. זי האָט כלומרשט געפרעגט אַן עצה און אים געגעסן מיט די אויגן. מיט די אויגן האָט זי אים געגעסן, אָט די חצופה. זי איז ניט געווען די איינציקע. געווען נאָך, מיידלעך, ווייבלעך, אָבער מרדכי, איר מאָטעלע . . .

— איצטער אויך ניט שלעכט, — האָט זי אַ וואָרקע געטון. איר אָרעם האָט זיך פאַרבייגעשלייכט זיינעם, איר באַק האָט אָנגערירט זיינע, אירע ליפּן . . . צוויי אַלטע קערפּערס, צוויי אויסגעדראָשענע זאַנגען, ווייכע, צעקנייטשטע, האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, קיינע רייפע קערנדלעך מוליען ניט, און די צוויי אויסגעהוילטע שטרויען ליגן זיך איין, ממש איינס, די שטימע פון פופציק יאָריקער געוואוינהייט איז אַזוי שטאַרק, שטאַרקער ווי די „שטימע פון בלוט" . . . און זי פליסטערט אים אין אויער אַריין: איציקל האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד. ער האָט פאַר דיר אַ מתנה. ער האָט געוואָלט דיר עס איבערגעבן ביים אָוונט, ער האָט זיך אָבער געשעמט.

— געשעמט? פאַרוואָס? וואָס אַזוינס?

— איך ווייס ניט. ער'ט מאָרגן קומען, וועט ער עס דיר געבן. זאָלסט אים אָבער ניט דערציילן אַז איך האָב דיר עפּעס געזאָגט. — אַי, ווי זי וואָלט געוואָלט אים אויסזאָגן אינגאַנצן — איציקל האָט אָנגעשריבן אַ ליד פון זיינעטוועגן, אַ יידיש ליד, ער האָט עס געוואָלט לייענען, זי

האָט אויך געוואָלט, זיך געבעטן ביי אים ער זאָל עס טון, דאָס וואָלט געווען אַזוי שיין, האָט ער אָבער דערזען אַזוי פיל מענטשן, זיך פאַרשעמט, באַין אופן ניט געקענט ביי אים פועלן, און ער האָט זי באַשוואוירן זי זאָל ניט אויסזאָגן, ער׳ט קומען ווען קיינער וועט ניט זיין, זי זאָל אויך ניט אַריינקומען. זי האָט אים צוגעזאָגט און זי וועט איר וואָרט ניט ברעכן, גיט זי בלויז צו — אַ טייער קינד, מיר זאָל זיין פאַר אים.

— יאָ, אַ וואויל יינגל, — גיט צו דער אַלטער. — און בנימין האָט שוין מער גאָרניט געהאַט וואָס צו טון, נאָר מיר קויפן אַ פען, פעלט מיר פענעס, פעלט מיר.

— קיין פענעס פעלן דיר טאָקע ניט, נאָר איינע רינט, אַ צווייטע שמירט, אַ דריטע איז פאַרטריקנט, די פערטע קען מען ניט אָנפילן. די פען רינט ניט, שמירט ניט, מ׳דאַרף זי ניט אָנפילן, קענסט אָנשרייבן אַ בוך אַ גאַנצן מיט דער פען.

— אַ גאַנצן בוך! ווילסט איך זאָל אָנשרייבן נאָך אַ בוך?

אויף דער פראַגע האָט זי געענטפערט מיט אַן אימפעטיקן קוש. האָט מרדכי געמורמלט: אָנשרייבן, פייגעלע מיינס, אָנשרייבן. און דאָס פייגעלע האָט זיך געגעסטלט ביי איר מאַטעלען, און מאַטעלע, נייִן, דער באַרימטער שרייבער מרדכי פעדער, וועמעס פינף און זיבעציק יאָריקן יובל מ׳האָט געפייערט דעם אָוונט האָט באַשלאָסן אַז, יעבור עלי מה, ער וועט אָנשרייבן זיין מאגנום אָפּוס, און דאַן . . . דאַן, נו יאָ . . . אָבער אָנשרייבן דאָס בוך דאַרף ער, גלייך אינדערפרי זעצט ער זיך שרייבן.

דאָס טאָגליכט אויף מאָרגן אינדערפרי האָט זיך געשפּיגלט אינם נאַכ־טיקן טוי באַשלוס, זיך געשפּיגלט אין אים און אים אויפגעגעסן. מרדכי האָט זיך געזעצט צום טיש שרייבן, אָנהייבן, בדאי איין בלעטל אָנשרייבן. אָבער אנשטאט אָנשרייבן איין וואָרט האָט ער גענומען איבערקוקן, אי־בערלייענען די פּאָר לידער וואָס קאָלעגן דיכטער האָבן אָנגעשריבן לכבוד זיין יום טוב, די אַרטיקלען אין די צייטונגען, וועגן אים, זיין יובל. די אַרטיקלען האָט ער אפילו שוין געזען נעכטן, אייערנעכטן, אָבער היינט דאַרף ער זיי איבערלייענען ווי עס דאַרף צו זיין, אַריינקלעפּן אין בוך. זאָל זיין . . .

ער האָט געהאַלטן אין ענדיקן אַן אַרטיקל, ווען זיין אייניקל האָט זיך אַריינגעשטעלט. מרדכי האָט אַ קוק געטון איבער דיברילן: דו? איין מינוט. — ער האָט נאָך אַ קוק געטון אויפן אַרטיקל, פאַרזיכטיק אָוועקגעלייגט די צייטונג, זיך אויפגעהויבן פון ביינקל און, אָננעמענדיק

איציקלען פאַר די אַקסל, אים געפירט צום טיפן פאַטעל. אָוועקגעזעצט זיך, האָט ער מיט אַ שטיפערישן שמייכל אַ קוק געטון אויפן אייניקל.

— האָסט זיך געפעדערט היינט! געקומען זען צי איך לעב נאָך נעכטיקן אָוונט?

— געווען זייער אַ פיינער אָוונט. מיר זייער געפעלן געוואָרן.

— ניט געוואוסט אַז דו ביסט אַ ליבהאָבער פון רעדעס.

— נו, איך קען ניט זאָגן אַז איך האַלט זייער שטאַרק פון ציצעראָן, — האָט איציקל געענטפערט שמייכלענדיק, — אָבער אַ פּאָר רעדעס זיינען געווען גאַנץ געלונגענע, און איין ליד, דעם שטיינפעלדס, איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. אַ פיין ליד!

— אוי, מיין קינד, כ׳האָב מורא אַז דו שרייבסט לידער. זאָג דעם אמת . . .

— איך . . . איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד פונדיינעטוועגן, לכבוד . . .

— נו גיב שוין אַהער! גיב שוין! — ער האָט שיר ניט אַרויס־געריסן דאָס בלעטל פּאַפּיר פון איציקלס האַנט, עס אַ טרייסל געטון, אָנגעשטעלט אויף דער געהעריקער וויט פון די אויגן, פאַרריכט די ברילן אויפן נאָז און גענומען לייענען. איבערגעלייענט, האָט ער אָפּירגעקוקט איבער די ברילן. — נו, וואָס שטייסטו? קום אַהער. קום אַהער, מיין קינד. ער האָט אים צוגעצויגן צו זיך, אַ קוש געטון. — אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק דיר. דאָס איז די בעסטע מתנה וואָס איך האָב געקראָגן. די מתנה איז ביי מיר זייער אָנגעלייגט.

— איך בין זייער צופרידן. געפעלט דיר מיין ליד?

— אוי, כ׳האָב מורא ביסט שוין טאַקע אַ שרייבער. ווילסט שוין אַ קריטיק. און ניט נאָר אַ קריטיק, ווילסט מסתם איך זאָל דיר זאָגן ביסט אַ . . . בייראָן, אַ שעללי. נו, מיין קינד, אַ זיידע איז אַ שלעכטער קריטיקער. דאָס ליד וועל איך באַהאַלטן. ניין, איכ׳ל עס פריער ווייזן דער באבע, יאָ? אָבער צי דאָס איז אַ גוט ליד וועל איך דיר זאָגן אַן אַנדערש מאָל, אפשר אַז דו וועסט ניט זיין דערביי וועל איך ניט זיין קיין זיידע, נאָר אַ לייענער, דו אַ שרייבער, אַ יונגער שרייבער, וואָס? שרייבסט?

דער טאָן פון דער פראַגע אַ קאָנספּיראַטיווער און אַ פאַרטרוילעכער: זיי זיך מודה, מיר מעגסטו דערציילן.

— איך ו ו י ל שרייבן, — האָט איציק געענטפערט און דער „וויל" האָט אויך געזאָגט: איך ו ו ע ל שרייבן.

— וועגן וואָס ווילסטו שרייבן?
— וועגן לעבן . . .
— ניט שלעכט. גאָרניט שלעכט. לעבן — נישקשה פון אַ טעמע. זאָג זשע מיר, מיין קינד, וואָס ווייסטו וועגן לעבן?
— נו, דעם אמת געזאָגט, ווייס איך דערווייל זייער ווינציק וועגן לעבן, איך ווייס אָבער יאָ אַז אַ סך זאַכן געפעלן מיר ניט.
— דאָס געפעלט מיר.
— דיר געפעלט עס? — האָט דער בחורל פאַרחידושט געפרעגט.
— וואָס געפעלט דיר?
— מיר געפעלט דיין ניט געפעלן, — האָט שוין דער זיידע גע־שמייכלט, — די פראַגע איז נאָר וואָס אַזוינס געפעלט דיר ניט?
— אָה, מיר געפעלט ניט מלחמה, אָרעמקייט, געלט . . אַ סך זאַכן.
— אַ סאָציאַליסט, וואָס?
— ניט געגוי. דאָס הייסט איך באַלאַנג ניט צו קיין פאַרטיי, אָבער איך זע זאַכן, געלייענט אַ ביסל.
— בעללאמין?
— ער איז אַן אַלטער קאַלענדאר, — האָט איציק מבטל געמאַכט בעללאמין מיט אַ שמייכל און ער האָט דערביי אַ קוק געטון אויפן זיידן. ער האָט געזען דעם זיידנס פנים איז געוואָרן ערנסטער, עפּעס ווי אומ־צופרידן, ער האָט זיך אָבער ניט געכאַפּט אַז דאָס האָט זיין „אַלטער קאלענדאר" געבראַכט די אומצופרידנקייט, און האָט ווייטער גערעדט. — איך האָב געלייענט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, אַ ביסל פון ליענינען, וועגן רוסלאַנד, פאַר און קעגן. איך וואָלט געוואָלט פאָרן קיין רוסלאַנד, זען זאַכן מיט די אייגענע אויגן, ווי גייט עס דאָרט צו, אַהין, און קיין פּאַלעסטינע.
— מיינסט ארץ ישראל.
— פּאַלעסטינע, אַזוי רופט מען עס.
— גוים רופן עס פּאַלעסטינע, ביי יידן איז עס ארץ ישראל, אַלע מאָל געווען און וועט זיין. איז יאָ, זאָג זשע מיר, וואָס ווילסטו זען אין ארץ ישראל?
— די קבוצות.
— אַהאַ, איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי. ניט שלעכט. וואָלט ניט געשאַדט.
— יאָ, אָבער . . .

דער זיידע האָט מיט די אויגן געפרעגט: אָבער וואָס?
— דער טאַטע לאָזט ניט.
— אַזוי?
— ער זאָגט, קודם דאַרף איך לערנען. דורכגיין דעם אוניווערזיטעט.
— אפשר אויך גערעכט.
— יאָ, אָבער ער וויל איך זאָל לערנען עפּעס פּראַקטישעס, אָדער, ווי ער רופט עס, עפּעס וויכטיקס. ער מיינט די עקזאַקטע וויסנשאַפטן, ווערן אַ כעמיקער, ווי ער, אָדער אויפנעמען פיזיק, און איך וויל נעמען אַן אַקאַדעמישן קורס.
— וואָס אַרט עס אים וואָס דו לערנסט?
— איך ווייס ניט, אָבער ער לאַכט פון מיינע „הומאַניטיס". — טויזנטער יאָרן, זאָגט ער, — אַז מ׳לערנט הומאַניטיס און מענטשן זיינען נאָך ווייט פון הומאַן, ווייל ניט זיי לערנען, נאָר זיי מעלה גירהן, די זעלבע זאַך ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל. דיינע גאַנצע הומאַניטיס קענסטו אויסלערנען פון דער ביבעל און פון פּלאַטאָן. וועסט איבער־לייענען דעם תנ״ך וועסטו זען אַז מ׳האַלט נאָך אַלץ ביי בראשית, אַלץ פון גאָט, נאָר פון וואַנען גאָט האָט זיך גענומען ווייסן זיי איצט פונקט אַזוי פיל ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק; וועסט איבערלייענען פּלאַטאָן, וועסטו זען אַז דער מענטש איז נאָך אַלץ אין אַ הייל, זעט שאָטנס, דער־שיינונגען, און איז נאָך אַ „הייל מענטש", אַ ווילדע בריאה, וואָס האָט ליב צו ה י י ל ן. מר. פּלאַטאָ, זאָגט ער, האָט אפילו די זכיה צו זיין דער ערשטער פאַשיסט, טעאָרעטישער פאַשיסט. — אַזוי זאָגט ער. ער לאַכט פון מיר, הייסט מיר זיך אָפּגעבן מיט עפּעס וויכטיקס, ממשות־דיקס, מיט וויסנשאַפט. דאָרטן, זאָגט ער, ווערט יעדן טאָג געשאַפן עפּעס נייס, אפילו די סאָציאַלע רעוואָלוציע ווערט קודם געשאַפן אין דער כע־מישער, פיזישער לאַבאָראַטאָריע, אַזוי זאָגט ער.
— יאָ, איך ווייס, — האָט מרדכי פעדער געענטפערט מיט אַ זיפץ.
— האָט ניט איין מאָל זיך געקריגט מיט מיר וועגן דעם. אַז מ׳וויל איז ער גערעכט, שרייפלעך האָט דער מענטש געמאַכט, דאָס מוז מען צוגעבן, אָבער צי דאַרף מען די שרייפלעך? דאָס... פאַרשטייסט וואָס איך מיין?
— איך שטויס זיך אָן. מיינסט די אַלע מעכאַנישע אויפטועכצן.
— יאָ, שרייפלעך קען ער ווייזן אַ סך, אפילו די מענטשן — שרייפ־לעך געוואָרן. מאַשין. אַלץ מאַשין. און וואָס, דו ווילסט ניט מאַכן קיין שרייפלעך?

— ניין, דאָס וויל איך ניט. איך וויל ש ר י י ב ן .

— וואָס שרייבסטו?

— אָה, איך שרייב און צערייס, און שרייב ווידער, איך . . . איך זוך אַ העלד!

? ? ?

— ניט געווי אַ העלד, זיכער ניט קיין ריטער, קיין דאָן קיכאָט, פאַרשטייסט וואָס איך מיין. איך וויל אויסמאָלן אַ מענטשן אַ קעמפער, אַ מענטש וואָס קעמפט קעגן אַלץ וואָס איז שלעכט, אַ מענטש . . . אָט ווי דיין ירחמיאל אין „אויפן שייד־וועג". נאַטירלעך, אַנדערש, אַן אַנדער צייט, אַן אַנדער לעבן . . . געפעלט דיר די אידייע?

. . . ירחמיאל . . . אויפן שייד־וועג . . . ער האָט עס געלייענט. וויל שאַפן אַן אייגענעם ירחמיאל . . .

דאָס אייניקל איז אים מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי ליב, אַזוי טייער, ער וואָלט אים צוגעדריקט צום האַרצן: מיין קינד, מיין . . . יורש. ער האָט אַ קוק געטון אויפן אייניקל, אַ יונג קינד, פול מיט גלויבן, האָפענונג, ווי ער וואַרט עס אויף אַן ענטפער, אַ דערמוטיקונג, און אים האָט פאַר־קלעמט ביים האַרצן. אים צוציען צו זיך, זיך אויסוויינען דאָס האַרץ פאַר אים, זאָגן אים, בעטן: טו דאָס ניט, מיין קינד! שאַף ניט קיין ירחמיאלס, ווערסט זיי נאָכדעם דאַרפן אָפּשאַפן, אָפּווישן, ווערסט האָבן מיין סוף. דער מויל, דער גאַנצער קאָפּ האָט געגומען ציטערן, ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און האָט ניט געקענט. ער האָט אַ גלעט געטון דאָס בערדל, אָפּגעשטעלט דעם ציטער, אַרונטערגענומען די ברילן, געווישט זיי, לאַנג געווישט, אַ וויש געטון די אויגן אויך און, אָנגעטון די ברילן, האָט ער אַ פרעג געטון: — און דיינקסט דו ווערסט געפינען דיין העלד?

— איך האָף אַזוי.

— לאָמיר האָפן, — האָט מרדכי פעדער אַ זאָג געטון מער צו זיך ווי צום אייניקל. — לאָמיר האָפן, — האָט ער נאָך שטילער צוגעגעבן און אַנשוויגן געוואָרן, דאָס שווייגן אַ שאַרפע מחיצה צווישן זיידן און אייניקל. אַ פאַרחידושטער האָט דאָס יינגל געקוקט אויפן זיידן: וואָס האָט פּאַסירט? וואָס האָט ער אַזוינס געזאָגט? אפשר ניט געדאַרפט געווען אויסזאָגן וועגן זיין שרייבן? ער וואָלט עס ניט געטון, ווען ניט די באבע. זי . . . הלואי קומט זי אַריין . . .

די באבע, אָט ווי זי וואָלט פאַרנומען איר אייניקלס שטיל געבעט, איז אַריינגעקומען מיט אַ ניט זיכערן טראָט: אפשר איז נאָך צו פרי?

דערשמעקט די קילע לופט, האָט זי פֿאַרזאָרגט אַ קוק געטון אויפֿן אייניקל, אויף מרדכין. דער מאַן האָט אויפֿגעכאַפּט איר קוק. — וואָס זאָגסטו ניט אויף אים? ער שרייבט דאָך! האָט אָנגעשריבן אַ ליד פֿון מיינעטוועגן.

— טאַקע? — האָט די באבע סימולירט איבערראַשונג און זיך איבערגעקוקט מיטן אייניקל: נו יאָ, אַ ביסל טעאַטער שאַדט ניט. אָבער זעסטו — געהאַלטן וואָרט, ניט אויסגעזאָגט.

דער אַלטער האָט איר דערלאַנגט דאָס בלעטל פּאַפּיר. — נאַ לייען, וועסטו זען.

— האָט אין וועמען זיין געראָטן, — האָט די ווייב שוין שטיפעריש געקוקט אויף איר מאַן.

— יאָ, האָט אין וועמען זיין געראָטן, — האָט דער מאַן ווייט ניט שטיפעריש געענטפערט.

איר איז ניט געפעלן געוואָרן איר מאַנס טאָן. — דו האָסט עס שוין איבערגעלייענט?

—אודאי האָב איך עס איבערגעלייענט. לייען דו, און גיב עס מיר צוריק.

— ניין, איכ׳ל עס אויסכאַפּן. איך האָב ניט די ברילן. לייען עס דו, איציקל!

— איך . . . איך . . .

די באבע האָט געזען ער שעמט זיך פֿאַרן זיידן, האָט זי אים אַרויס־געהאָלפן. — קום מיט מיר אין קיך. דאָרטן . . . איך האָב פֿאַר דיר עפּעס...

ווייב און אייניקל זיינען אַרויסגעגאַנגען, מרדכי פעדער איז געבליבן אַליין. זיצנדיק טיף אין פאָטעל, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, פֿון די ליפּן איז אַרונטערגעפאַלן: ירחמיאל . . . אויפֿן שייד־וועג . . . אַזוי גייט עס, דור הולך, דור בא, ער׳ט אויך קומען דערצו. אים געדאַרפט געוועזן וואָרענען, אים זאָגן . . . ווען ער האָט אַרונטערגעוואָרפן גאָט פֿון זיין טראָן, האָט ער כאָטש געהאָט פֿאַר זיך דעם יורש עצר, דעם מענטשן, זיין אייניקל האָט שוין לכתחילה אפילו דאָס אויך ניט, ניט דעם מענטשן, פּ אָ ל י ט י ק האָט ער. אַזוי גייט עס, טויזנטער יאָרן גאָט, עטלעכע דורות מענטש, און איצטער — גאָט האָט אַ פנים פֿון דעם ענגלישן קעניג, רבונו של עולם האָט אַ טעם „ווי היס מעדזשעסטיס גאָווערנמענט", פֿאַר ניט קיין ענגלענדער, און דער מענטש — מר. מי"ג (מענטש ׳ין גאַס), אָדער מר. איקס(?), ער שטימט און היילט, מיט איין וואָרט — פּאָליטיק. פֿון די עשרת הדברות צום קאָמוניסטישן מאַניפעסט,

פון משה רבנו, ישעיה הנביא צו ליענין און סטאַלין. סאַראַ באַרג אַרונ־טער! גאָט־מענטש־פּאָליטיק. אים אָפּשטעלן! אַ געשריי טון: גיי ניט, וועסט ברעכן האַלז און נאַקן! גיי שוין בעסער צו די שרייפּלעך, צו . . . נייך, ניט געהאַט קיין מוט, ער'ט עס אים שוין ניט זאָגן, קיינעם ניט זאָגן, ער'ט שוין זיין בוך אויך ניט אָנשרייבן, זיין מאגנום אפּוס וועט ער אָנזעצן . . . און אַז ער זאָל אים יאָ אָנשרייבן, אויסשרייען: באַנקראָט! איז בעסער? סיי ווי אַן אָנזעצער. איז שוין אפשר בעסער אָנזעצן אַ בוך. אָנזעצן . . . אָנ—זע—צער . . .

דער קאָפּ האָט זיך אַ שאָקל געטון, זיך אַרונטערגעלאָזט צו דער ברוסט. מרדכי פעדער איז אַריינגעפאלן אין זיין עלטער־דרימל.

קאָלעגן

נו, ווי געפעלט דיר דאָס ליד?

— אַ פיין ליד, — האָט שאַרפשטיין געהאַט בדעה צו זאָגן. דאָס ליד איז אים געפעלן. — גאָר אַ פיין ליד, — האָט ער געוואָלט זאָגן. מיטן „גאָר" האָט ער געוואָלט פאַרשאַפן נחת רוח זיין פריינט. דער בליק איז אָבער געקומען פאַרן דונער, דאָס אויג האָט איבערגעיאָגט דאָס מויל, זיין אויג, אַ ווינקל פון אויג, האָט דערבליקט אַ קליינינקייט — אויסשניידנ־דיק דאָס ליד פון זייער זשורנאַל „פאַראויס", האָט זיין פריינט, דער דיכטער, צעשניטן זיין, שאַרפשטיינס, דערציילונג. דער איילקער בליק האָט דער־קענט אַז דאָס איז זיין דערציילונג און דאָס מויל האָט שוין אַרויסגעבראַכט: אַ פיין ליד, מיט אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט געזאָגט: אַ פיין וועטער.

אַרויסגעבראַכט די פאָר ווערטער, האָט ער דערפילט פאַרדרוס בוליטעט זיך אין אים, אַ גאַנצע גאַמע פאַרדרוסן. הימל בלויער פאַרדרוס למאי זיין פריינט וואָס האַלט אַזוי טייער זיין אייגן וואָרט, היט אָפּ זיינע לידער פרומער ווי אַ פרומער ייד היט אָפּ שמות האָט, אויסשניידנדיק זיין ליד, ניט באַמערקט אַז ער צעשניידט יענעמס ווערטער, יענעמס שמות, זיין פריינטס אַ דערציילונג. און ווען ער וואָלט באַמערקט? ים בלויער פאַרדרוס למאי ער האָט ניט געקענט קאָנטראָלירן זיין פאַרדרוס און צוליב דעם ניט געזאָגט זיין אויפריכטיקע מיינונג. די ווערטער די זעלבע, אָבער דער טאָן — אַ פיין ליד, פיין וועטער; נייווי בלויער פאַרדרוס למאי ער האָט מיט דעם טאָן באַליידיקט זיין פריינט, דעם דיכטער וואָס איז אַזוי סענסיטיוו ווי אַ יאַשטשערקע; און מיטנאַכט בלויער פאַרדרוס פאַרפלייצט דאָס אַלעס ווען ער זעט אַז זיין פריינט, דער סענסיטיווער דיכטער, האָט זיך נ י ט באַליידיקט, האָט, קענטיק, אפילו ניט געהערט דעם ענטפער אויף זיין פראַגע. „צו דיר, מיין פריינט . . ."

— האָט ער גענומען לייענען אין דער הויך, און, איבערגעלייענט, האָט ער באַהאַלטן דאָס ליד אין קעשענע און געשוויגן, דער טעם פון די ווערטער זאָל ניט פאַרשווינדן אזוי שנעל; אַזוי האַלט אַ געוויסער

טרינקער דעם שלוק בראנפן אין מויל, וואַרימט אים אויס איידער ער שלינגט אים אַרונטער און ערשט נאָכדעם גיט ער אַ בלאָז.

דער דיקטער האָט אַ בלאָז געטון: פריינטשאַפט דאָס איז די אײדלסטע . . . מאַטעריע וואָס מיר פאַרמאָגן. הם . . . הם . . . ניט ליבע. ליבע, פאַרשטײסטו מיך, דאָס איז פייער, פלאַם, אויף אַ ווײלע אפשר שטאַרקער, שענער ווי פריינטשאַפט, אָבער בלויז אויף אַ ווײלע, נאָכן פלאַם קומט רויך, האַלאָוועשקעס. גראָבע מאַטעריע. פריינטשאַפט אָבער, פריינטשאַפט, דאָס ווערט געשפינט און געוועבט פון שפינוועבס דינע פעדים, דין און ווייך און אײדל, עס נעמט יאָרן לאַנג אויסצושפינען פון אַזעלכע פעדים אַ דיקע שטריק, דערפאַר אָבער איז אָט די שטריק שטאַרקער פון אַ קייט, פון שטאָל. פריינטשאַפט . . .

אַ פּאַסטוך פייפט אויס אַ דױנע ערגעץ ווייט אין די בערג? קלאַנג פון אַ גיטאַר אויף אַ שיפל שפּעט בײנאַכט? ניין, דאָס רעדט זיין פריינט, דער דיכטער, וועגן פריינטשאַפט. רעדט ער עס צו אים? זיינע אויגן, אַזוינע „פריינטלעכע״, אַזוינע פאַרטרוימטע קוקן אין אַ וועלט פון פריינטשאַפט, קוקן אין זיך, אָבער זיכער ניט אויף אים, זיין פריינט, וואָס זיצט דאָ דערביי, ער האַלט אַ מאָנאָלאָג. דאָס גייט ער איצט אַרום און אַרום זיין פּאָעטישן גאָרטן ביז ער וועט אַריין אינעווייניק, אויסרייסן אַ . . . פריינטשאַפט בלום. ער קען זיין פריינט, קען אים גוט. ער, אַז ער דערטאַפט אַ געפיל, אַ געדאַנק, באַנוגנט ער זיך ניט מיט אײנבײסן, פאַרזוכן, אויפעסן, צעקייען דאָס „פלייש״, ער מוז אַרומגריזען דעם ביין, אויסזויגן דעם מאַרך. פריינטשאַפט וועט שוין זיין אַ ציקל לידער, אַ פּאָעמע.

— ווי שפּעט איז? — האָט דער דיכטער מיט אַמאָל זיך אַ כאַפּ געטון. נאָך צען! איך מוז שוין גיין. אַ גוטע נאַכט. זיך זען מאָרגן.

— אַ גוטע נאַכט.

שאַרפשטיין האָט אַ שמייכל געטון. אַ ראַנדעוואו מיט דער מוזע. זיך אַריינגעריסן אין גאָרטן. עס וועלן שוין געבוירן ווערן לידער פון פריינטשאַפט, אפשר אַ פּאָעמע וועגן פריינטשאַפט, אַ פּאָעמע מיט פיינע שורות, געשליפענע ווערטער, טרעפלעכע מעטאַפאָרן, אַ וואַרעמער ריטם, אַן אויפריכטיקער געפיל פון פריינטשאַפט.

אויפריכטיק? יאָ, אויפן פּאַפּיר זייער אויפריכטיק. „צו דיר, מיין פריינט . . .״ און דער פריינט, איך, אַ צווייטער, אַ דריטער, וועט זיצן דאָ אין קאַפע, ליגן ערגעץ אין אַ בעט, גיין אין גאַס, וועט זיין אויג זען

מיך, אַ צוווייטן, אַ דריטן, זען מיט אַ מ ע נ ט ש ל ע ך אויג, מיך, דעם מענטשן, אָדער עס וועט זיין אַן אַבסטראַקטע וועלט פון פריינטשאַפט?

אַ רעטעניש, אַ „כינעזישע רעטעניש״. שרייבער, מענטש, ליטעראַ־טור, לעבן . . . אַ צעריסענער הימל. די זון גיט אַלע ווילע אַ קוק אַרויס פון הינטער די וואַנדערנדיקע וואָלקנס, אַ קוק און באַלד ווידער פאַרדעקט, אָבער זי שיינט די זון, דער מוח אַרבעט, דער טומל־שוואל פון קאָפּע גיט אַ יאָג, פאַרפלייצט דעם געדאַנקען־גאַנג, ער טוקט זיך אונטער אָבער ווערט ניט צעריסן. שוואל און פאַל, שוואל און פאַל, שוואל און . . .

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט?

— אַה, העללאָ, בעלקין!

— ווי גייט׳ס?

— אַה, אַזוי זיך.

קיין געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט, אפילו רכילות האָט ניט געקענט אויפלעבן. אַ פאַרטראַכטער איז שאַרפשטיין אוועקגעגאַנגען אַהיים. טאַקע אוועקגעגאַנגען, צופוס, אַ שאָד צעשטערן די שטימונג, פאַר־טרייבן דאָס טראַכטן. מאָדנע, ווי אָט דער אינצידענט — איין שרייבער האָט אויסגעשניטן זיינס אַ ליד, דערביי צעשניטן אַ צווייטן שרייבערס אַ דערציילונג — אַזאַ טאָג טעגלעכע, געוויינלעכע, פאַרשטענדלעכע זאַך, זאָל אים אַזוי צעשרויפן. ער טוט עס אויך. אודאי. מיט אַמאָל האָט ער דערזען זיין אויסשניט בוך. וויפל דיכטער ער האָט שוין צעשניטן! אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט עס געטון ניט אַ קלער טוענדיק, ניט אַ קוק טוענדיק אפילו וועמען ער צעשניידט, טאַקע דערפאַר טראַכט זיך עס איצט אַזוי פיל וועגן דעם ענין.

„איינעמס ברויט איז דעם צווייטנס טויט״. ניין, דאָס איז ניט דאָס. דאָס איז ניט דער עקזיסטענץ קאַמף. וועט ער אַנרירן אַ האָר פון בער־מאַנס קאָפּ? וועט בערמאַן אַרויפטרעטן אויף אַ שפּיץ פון זיינעם אַ שוך? מ׳היט זיך דאָך איינער דעם צווייטן ניט ווי צו טון מיט אַ וואָרט, אַ קוק. און דאָך האָט בערמאַן ווי געטון מיטן אויסשניידן זיין ליד, צעשניידנדיק דערביי די דערציילונג. און פאַרוואָס האָט עס ווי געטון? דאָך ניט צעבראָכן קיין לוחות, ניט צעריסן קיין מגילה, געווען אַ גוטענ־בערג, איצט איז שוין דאָ אַ טעלעטייפּ, טויזנטער, מיליאָנען קאָפּיעס ווערן געדרוקט. דער „פאָראויס״ גייט ניט אין טויזנטער קאָפּיעס, אָבער ער, ווי בערמאַן, האָט אַ קאָפּיע פאַר זיך, קען זי האַלטן, קען אויסשניידן די דערציילונג, צעשניידן דערביי בערמאַנס ליד און ער זאָל אפילו ניט

וויסן דערפון. וואַרט! דאָ איז עס! ווען ער זעט ניט וואָלט עס אים ניט געאַרט, ערשט ווען ער האָט עס דערזען האָט עס אים געאַרט. דאָס איז דאָס — דערזען.

וואָס זשע האָט ער דערזען, וואָס האָט אים אַזוי געאַרט? דערזען... דערזען... דערזען אַז מענטשן זעען ניט.

אָט דאָס איז עס. מענטשן זעען ניט. מיר זעען מענטשן, ווערן באַקאַנטע, פריינט, אָבער מיר זעען זיי פאָרט ניט. בערמאַן שרייבט „צו דיר, מיין פריינט" און זעט ניט זיין פריינט, דעם לעבעדיקן מענטשן וואָס זיצט דערביי. ער, שאַרפשטיין, שרייבט וועגן מענטשן, מאָלט מענטשן, גיט איבער ווי זיי ליידן און ליידט מיט זיי, שטעלט פאַר זייערע פריידן און פרייט זיך מיט זיי, דאָס איז אָבער אַלץ אויפן פּאַפּיר, פּאַפּירענע מענטשן, וואָס איז מכוח די לעבעדיקע מענטשן, די מיט וועלכע מ'באַגעגנט זיך טאָג איין טאָג אויס, אין גאַס, אין קאַפע? אין שטעטל האָט יעדער איינער געגעסן ביי זיין טיש, דאָך האָט איינער געוואוסט וואָס עס קאָכט זיך אין צווייטנס טעפּל, דאָ, מ'עסט אין איין קאַפע, איינער ווייסט אָבער ניט פון צווייטנס מאָגן־דאָקטאָר. וואָס ווייסט ער פון... וויטאַלין?

די געשווינד לויפנדיקע בילדער פון באַקאַנטע, פריינט זיינען פאַרשוואונדן פון עקראַן, איין בילד, אין פולער גרויס, האָט זיך פאַמעלעך באַוועגט, זיך אָנגעגרוקט אויף אים, אָט אָ בין איך — וויטאַלי!

שוין דער נאָמען אַליין. וויטאַלי. געוויס — אַ פּסעוודאָנים, ער, שאַרפשטיין האָט אויך אַ פּסעוודאָנים, איין נאָמען אַ וואָכעדיקן, פאַר זיין טעגלעכער ציַיטונגס אַרבעט, און איין נאָמען אַ שבתדיקן, פאַר זיינע קינסטלערישע דערציילונגען. אַזוי האָט ער זיך טאַקע אַ נאָמען געגעבן — שבתאי, אָבער ווער ווייסט עס ניט אַז שבתאי איז שאַרפשטיין? ער אַליין האָט שוין געזען מ'זאָל וויסן. וויטאַליס אמתן נאָמען ווייסט ער ניט, כאָטש ער קען אים שוין אַ יאָר אַכט. און וואָס ווייס ער פון זיין לעבן? אַלץ וואָס ער ווייסט פון אים איז — זיינע לידער. שרייבט גוטע לידער. אַזעלכע פיינע מעטאַפאָרן, אַזאַ איידעלער טאָן, און אַליין זעט ער אויס ווי אַ בורלאַק, הויך, ברייט־ביינערדיק, האָט קורצע, גראָבע פינגער, באַוואָקסן מיט האָר ביז די נעגל, און פון אונטער אָט די פינגער קומען עס ארויס די פיין געשליפענע ווערטער; האָט אַ באַסאָווע שטימע און ברייגנט ארויס אזא איידעלן טאָן. אַ פאַרדרייטער מענטש. זעט אויס אַ ביסל צעדרייט, איז אָבער, קענטיק, מער פאַרדרייט ווי צעדרייט. מ'דאַרף זיך באַקענען מיט

אים אַ ביסל נעענטער. אַ באַשלוס. ער הייבט זיך אָן דערנעענטערן צו מענטשן. ניט אויף פּאַפּיר. און דער אָנהייב וועט זיין וויטאלי. דערוויילדערווייל האָט ער צעריבן אַ היפשע פּאָר שעה. שוין גאַנץ שפּעט, מאָרגן אינדערפרי דאַרף ער צושטעלן אַן אַרטיקל. געטראַכט וועגן ליטעראַטור, לעבן, וויטאַלין און גאָר פארגעסן וועגן „מאַכן א לעבן". שאַרפּשטיין! וועגן דעם מעג מען אויך אַ טראַכט טון. אַן אַרטיקל!

שאַרפּשטיין האָט צוגעשטעלט דעם אַרטיקל אין צייט. נאָך אַרטיקלען, האָט שוין אפילו אָנגעשריבן אַ ליטעראַרישן אַרטיקל פאַרן „פּאַראויס" וואָס דאַרף שוין די טעג ווידער דערשיינען. וויטאַלין האָט ער אָבער נאָך אַלץ ניט געזען. אזוי ווי אויף צו להכעיס האָט ער זיך ניט געוויזן די גאַנצע צייט אין קאַפע, אָט דער צעדרייטער. דאָס מיינט אָבער ניט אַז ער האָט פאַרגעסן וויטאַלין און אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט אין פאַר־בינדונג מיט וויטאַלין. ער האָט עס שוין אפילו אַ נאָמען געגעבן — וויטאַליזם. דאָס איז ניט קיין טעמע אוועקגעלייגט אין אַ שופלאַד. הם, הם. עס גייט ניט אוועק אַ טאָג ער זאָל ניט פאַרצייכענען אין קאָפּ אָדער אפילו אין נאָטיץ ביכל עפּעס אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַ באַמערקונג אָדער אַ פּאַסירונג וואָס האָט אויף וועלכן ס'ניט איז אופן עפּעס אַ שייכות מיט אָט דעם וויטאַליזם. אָט למשל גייט די טעג שוין אַרויס דער „פּאַראויס". ער האָט אויף זיך גענומען די אַרבעט צוזאַמענשטעלן דעם זשורנאַל, שטיין ביים ברעכן די זייטן. בדרך כלל אַ גאַנץ געוויינ־לעכע זאַך, ער האָט עס שוין ניט איין מאָל געטון, און די קאָלעגן פון „פּאַראויס", אָט ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט ניט געוואָלט אַז זיין „זאַך" זאָל קריגן דעם בעסטן, אָנגעזעענסטן פּלאַץ, פאַרלאָזן זיי זיך פונ־דעסטוועגן אויף אים גיכער ווי אויף עמיצן אַנדערש, זיי ווייסן ער קען די מלאכה, ווען ער שטייט ביי דער זייט פון דעם מעטראַנפּאַזש קומט דער זשורנאַל אַרויס פיין אויסגעשטעלט. יאָ, אַ געוויינלעכע זאַך, אָבער ווען ער האָט דאָס מאָל אָנגענומען די אַרבעט האָט ער דערביי געהאַט אַ כונה — אויסשטעלן דעם זשורנאַל אזוי אַז קיין איינער זאָל ניט קענען אויסשניידן זיינע אַ זאַך, ניט צעשניידנדיק אַ צווייטנס. אָבער קיין איינער. צען מענטשן זיינען פאַרטראָטן, וויל ער זען ווי וועט יעדער איינער פון די צען, בעסער געזאָגט, די ניין, רעאַגירן ווען ער וועט זען זיינע אַ זאַך צעשניטן. אפשר איז ער גאָר דער איינציקער משוגענער וועמען עס האָט פאַרדראָסן דאָס שניידעניש.

ווען דער נומער „פּאַראויס" איז געוועזן פאַרטיק פון דרוק האָבן

אַלע מיטאַרבעטער, ווי זייער שטייגער איז געווען, זיך צונויפֿגעזאַמלט אין אַ הויז, דאָס מאָל ביי שאַרפשטיינען, באַטראַכטן דעם נומער איידער ער גייט אַרויס אין גאַס, דערביי האָט מען געווײנלעך געטרונקען אַ גלעזל טיי, צוגעביסן, אַמאָל גאַר גענומען אַ ביסל ווײן.

שאַרפשטיין האָט צוגעגרייט אַ ביסל ווײן, אַ פיינעם צוביס, אָבער בלויז איין נומער „פֿאַראויס״. פֿון אָט דעם איינעם נומער האָט ער גלייך אַרויסגעריסן איין בלעטל, מיטרייסנדיק איינס פֿון בערמאַנס דריי לידער, „לידער פֿון פֿריינטשאַפֿט״. בערמאַן, האָט ער געוואוסט, וועט זײן דער ערשטער קומען אַ קוק טון אויפֿן נומער, אויף זיינע לידער.

— וואו איז דאָס ערשטע ליד? — האָט בערמאַן נערוועז אַ פֿרעג געטון.

די פֿאַרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן. — אַרויסגעקראָגן בלויז איין נומער, — האָט שאַרפשטיין געשעפֿטסמעסיק געענטפֿערט, — גייענדיק האָט מיך אָנגעטראָפֿן גליקמאַן, האָט ער אַרויסגעריסן זײן עסיי, דערביי מיטגעריסן דיין ערשטע ליד.

— אַ בעלנות פֿון אַ מענטשן, רייסן יענעמס לידער, — האָט בערמאַן בייז אַ ברום געטון. — געדאַרפֿט געווען אים גיבן איבער די הענט. — ער האָט גענומען לייענען זיינע איבערגעבליבענע צוויי לידער. — דאָ פֿעלט אַ קאָמע, — האָט ער אַ זאָג געטון, טײטלענדיק מיטן פֿינגער. שאַרפשטיין איז צוגעגאַנגען, אַ קוק געטון. — יאָ, אַרויסגעפֿאַלן מסתּמא.

— דער נומער איז שוין אָפּגעדרוקט?

— אָפּגעדרוקט אינגאַנצן, באַדאַרפֿט בלויז איבערשטעכן מיט דראָט, די שטעך מאַשין עפּעס קאַליע געוואָרן, ניט געוואָלט וואַרטן. מאָרגן וועלן זיין אַלע.

— כ׳מיין מ׳קען שוין ניט פֿאַרריכטן?

— ניין, פֿאַרריכטן איז צו שפּעט, סיידן ביים האַנט. — אויף בערמאַנס פֿרעגנדיקן קוק האָט ער געענטפֿערט — פּשוט. צושטעלן מיט דער האַנט אַ קאָמע. אַ קלייניקייט.

— מ׳וועט עס מוזן טון, — האָט בערמאַן געשעפֿטסמעסיק אַ זאָג געטון, אַרויסגעצויגן די שפּריץ־פֿען פֿון קעשענע, פֿאַרזיכטיק צוגעשטעלט אַ קאָמע, געקוקט ווי עס זעט אויס, אָפּגעצויגן דעם זשורנאַל און אַ קוק געטון ווי עס זעט אויס פֿון ווייטן. די קאָמע — אַן אַרײנגעשטעלטער צאָן — האָט אויסגעזען כּמעט ווי פֿון מאַשין.

— איז ווער וועט עס טון?

— קענסט צוגיין אין דרוקעריי, אָדער, איך קען עס טון. אַ גע־

וואַלדיקע אַרבעט? דער „פּאַראַויס" גייט, גאָט צו דאַנקען, ניט אין די צענדליקער טויזנטער.

— איך וועל בעסער אַליין צוגיין. — בערמאַן האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט די קאַמאַ, האָט אַ ריס געטון דאָס בלעטל ניט אַ קוק טוענדיק אַפילו אויפן אָנהויב פון פעלדהאַרנס אַ דערציילונג וואָס ער האָט מיטגעריסן. צווייפלייגנדיק דאָס בלעטל, ווידער אַ בליק געטון אויף דער קאַמאַ, אַריינגעלייגט דאָס בלעטל אין קעשענע און אַ זאָג געטון: — איך דיינק איך וועל גלייך צוגיין.

— איצטער אַ? משוגענער! עס איז דאָך שוין פאַרמאַכט. וועט ניט אַנטלויפן מאָרגן. נעמען אַ ביסל וויין, באַלד וועלן קומען די אַנדערע חברה. דאָ איז אַ שוועבעלע, — האָט ער אים אָנגעוויזן, אַליין זיך אָפּגעקערט באַהאַלטן דעם שמייכל. אַ שמייכל? ער שטיקט זיך פאַר געלעכטער. „אַ בעלנות, רייסן יענעמס לידער!" און עס פעלט אַ קאַמאַ!

— אין יענעם ליד פעלט גאָרניט? — האָט בערמאַן זיך דערמאָנט.

שאַרפשטיין האָט איבערגעלייענט אויף בערמאַנס פּנים: ווער ווייסט וואָס אין יענעם ליד טוט זיך, אפשר פעלט דאָרט אַ פּינטעלע, אַן אות, אַ וואָרט!

— מיר דוכט אַז ניט. גליקמאַן וועט מסתם באַלד זיין. ער האָט געזאָגט ער וועט צוקומען.

בערמאַן איז שוין געבליבן וואַרטן אויף גליקמאַנען, געבלעטערט דעם זשורנאַל, געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן איינעמס אַ ליד, וועגן דער אויסשטעלונג פון זשורנאַל, דערווייל זיינען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר חברה.

— בלויז איין קאָפּיע!

שאַרפשטיין האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרענטפערט יענעם אָוונט, געזען ווי יעדער איינער רייסט זיך „זיינס", האָט אַפילו דערהערט ווי איינער האָט אויסגעשריען: צערייסט דאָך מיין ליד! און אַ קער טוענדיק דעם קאָפּ געזען ווי דער אויסשרייער האָט ממש אַ שטופּ געטון דעם צערייסער. — מ'רייסט זיך איבער ירושה, — האָט ער שטילערהייד געשפּאַסט, געגאָסן וויין, דערלאַנגט. די צינגער זיינען געוואָרן לויז, מ'האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור, קריטיק, קריטיקער, אַריבער אויף רכילות, רכילותלעך, אַ לעבהאַפטער געשפּרעך, געשרייען, געלעכטערס, קיינער איז ניט געזעסן אויף אַן אָרט, אַש און אַפילו שוועבעלעך האָבן זיך שוין געוואַלגערט אויפן דיל, אַ היימיש געזינדל. פאַרגייענדיק אין אַ ווינקל, האָט בערמאַן נאָכאַמאָל אַרויסגעצויגן זיין בלעטל, עס האַלב

געעפנט, אַ קוק געטון אויף דער קאַמאַ און תּוך כדי דיבור אַ פרעג געטון: ווי קומט עס וואָס גליקמאַן איז נאָך ניטאָ? — בעלקין האָט, ליגנדיק אויף דער סאָפע, אַרויסגעשלעפּט זיין בלעטל פון דער קעשענע, אַ קוק געטון און צוריק אַריינגעלייגט. אויפן טיש, צווישן גלעזער און אַש־שיסעלעך איז געליגן דאָס רעשטל פון דעם נומער „פאַראויס״ — שאַרפּ־שטיינס ליטעראַרישער אַרטיקל, די „פּיס״ אָפּגעשניטן. — דאָס האָט לעווין אַמפּוטירט די פּיס, ראַטעווענדיק זיינס אַ ליד — איין בלעטל פאַרפלעקט פון ווין; אַ בערגעלע אַש, דורכגעווייקט פון וויין, אַ פרישׁ קופּקעלע, איז אומשולדיק געזעסן אויף דעם אַרטיקל. אַנגיסנדיק אַ גלעזל ווין פאַר זיך גופא, האָט שאַרפּשטיין אַ קוק געטון אויף זיין ארטיקל, בגילופנדיק אַ וואונק געטון: ליגסט, האַ? אים האָט הנאה געטון דער אָוונט, אים האָט הנאה געטון דאָס „רייסעניש״, די קאַמאַ, און אויך וואָס היינט האָט אים ניט פאַרדראָסן פאַרן „כבוד״ פון זיין ארטיקל, נאָך אַ שמייכל צום בערגעלע אש אויפן וויין־פלעק, זיך געזעגנט מיט דעם אַ מאָך טוענדיק מיט דער האַנט און זיך דערנעענטערט צו די חברים שריי־בער, גערעדט, געשפּאַסט, געלאַכט, אינמיטן שפּאַסן האָט ער אָבער מיט אַמאָל דערפילט א שאָטן שפּרייט זיך, א וואָלקן רוקט זיך אָן, א בליץ — וויטאַלי, פאַרקנייטשט שאַרפּשטיין דעם שטערן, די ברעמען ציען זיך צוזאַמען. וויטאַלי? ווי קומט זיין שאָטן אַהער? דער וואָלקן פאַר־איבער, דער שאָטן פאַרביי, שאַרפּשטיין שמייכלט: יאָ, יאָ, וויטאַלי. אודאי, געוויס, ניט פאַרגעסן. פאַרקערט, היינט אָוונט אַ שטיק וויטאַ־ליזם. מ׳זעט אים ניט דעם צעדרייטן. די גאַנצע צייט ניט געזען, ווערט פלוצלונג פאַרפאַלן אויף וואָכן, חדשים. וואָס טוט ער? פון וואָס לעבט ער? וואו וואוינט ער? וויטאַלי.

נאָך אַ נומער „פאַראויס״ איז דערשינען. ווידער איז שאַרפּשטיין געשטאַנען ביים מעטראַנפּאַזש הינטער דער האַנט, מאַרקירט אַזוי אַז יעדער איינטייל־נעמער האָט זיך געהאַט זיין בלעטל אָדער מער, קיינער זאָל קיינעם ניט דאַרפן צערייסן, צעשניידן, ווידער געבראַכט איין נומער ניט קיין דורכגעגנייטן און צוגעזען ווי יעדער איינער האָט זיך אויסגעריסן זיינס. האָט ער געשמייכלט: אַ מנין שרייבער אָבער איין אמתן ניט איין מנין נאָר צען איינצלנע שרייבער, צען ווילד פרעמדע מענטשן, כאַטש מ׳דאַווענט אין איין „שטיבל״, לויט איין נוסח. וויטאַלי! אַלע מחשבות פון די לעצטע צוויי דריי חדשים, דער גאַנצער קנויל וואָס האָט זיך געגומען וויקלען זינט ער האָט באַמערקט ווי בערמאַן האָט

צעשניטן זיינע אַ דערציילונג האָט זיך געוויקלט צו אָט דעם איינעם מענטשן, מיט אים מוז ער אָנהויבן, אים מוז ער זען.
און ער האָט אים דערזען.

ער איז געזעסן אין קאַפע, געדוכנט איבער אַ קאַלטער גלאָז קאַווע, ווען ער האָט דערזען וויטאַליס בורלאַקישע פיגור זיך אַריינשטעלן. שאַרפשטיין האָט געמעגט שווערן ער איז געשלאָפן, געחלומט וועגן וויטאַלין, געזען אין חלום ווי ער קומט אַריין, דערנעענטערט זיך צו אים, ווייסט שאַרפשטיין אַז ער חלומט, אָבער ער זעט דאָך אים אַזוי דייטלעך. דאָס האָט ער מיט זיין שטאַרקן ווענלן אים זען אַרונטערגעבראַכט אים אַהער. — העללאָ, וויטאַלי! — ער האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן פון ביינקל ביים אויסרופן דעם העללאָ און אים איינגעלאַדן צו זיין טישל.

— העללאָ, טשאַפּסואַי (שבתאי)! — האָט אַ בום געטון וויטאַליס באַס, די גרויסע ברייטע האַנט האָט אַריינגענומען שאַרפשטיינס געכאַליעט הענטל, זיין שווערער קערפּער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ ביינקל.

— וואו זייט איר פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט שאַרפשטיין, אַן אויפגערעגטער, אים גענומען באַוואַרפן מיט פראַגן. — געווען אין שטאָט די גאַנצע צייט? טאָ פאַרוואָס האָט מען אייך ניט געזען?
— געביינקט נאָך מיר?
— טאַקע געביינקט.
— אַזוי גאָר. — אַזאַ ביטול, ווי איינער רעדט: איך האָב פיינט די נאַרישע שטיק. — נו, איז וואָס הערט זיך? שוין טאַקע לאַנג ניט געזען.
— געזען דעם לעצטן נומער „פאָראויס"?
— ניין, ניט געזען. האָט אפשר איינעם?

— מיר דוכט אַז . . . — שאַרפשטיין האָט גענומען טאַפּן אין בוזעם קעשענע, זיך דערמאָנט ביי אים ליגט בלויז איין „צענטל", זיין דערציילונג, און צוגעגעבן: — ניין, איך האָב ניט מיט זיך. אַ געלונגענער נומער.

— ביי אייך איז שוין אַמאָל געווען אַ ניט געלונגענער נומער?
— ניין, ניין, ד ע ר נומער א י ז אַ געלונגענער. אַ פיינער נומער. אַ שאָד וואָס כ'האָב אים ניט מיט זיך. — דאָס „צענטל" האָט געמוליעט אין קעשענע.
— און אויסער דעם נומער?
— אויסער דעם נומער? אויסער דעם נומער קיינע נייס, כמעט

ווי גאָרניט, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז אייער נאָמען? איך מיין אייער אמתער נאָמען.

וויטאלי האָט שווער אויפגעהויבן זיין מאָסיוון קאָפּ, זיינע טונקעלע גרויסע, אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן האָבן תמעוואַטע פארוואונדערט גע־קוקט אויף שארפשטיינען, דערזען ווי יענער רויטלט זיך, האָט וויטאלי אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער: — וואָס עפּעס פלוצלונג?

— ניט פלוצלונג, — האָט זיך שוין שארפשטיין באַהערשט. — די לעצטע צייט האָב איך ניט איינמאָל אַ טראַכט געטון וועגן אייך. זינט איך האָב איבערגעלייענט אייער לעצטע ליד, — האָט ער צוגעגעבן אַ ליגן, — און מיר איז איינגעפאַלן, אַזוי פיל יאָר אז מיר קענען זיך, זעען זיך, איך לייען אייערע לידער, איר אפשר מיינע דערציילונגען אויך, — האָט ער אַריינגעבראַקט מיט אַ שמייכל, — און אייער נאָמען ווייס איך ניט. פּשוט אַ חרפּה.

— וויטאלי איז קאַרג פאַר אייך?

— ווי אַ דיכטער איז וויטאלי גענוג פאַר מיר, אָבער איר זייט דאָך אַ מענטש אויך, האָט דאָך געהאט אַ מאַמע, אַ געוויסן טאטן אויך, זיי האָבן דאָך אייך אַ נאָמען געגעבן, און ניט וויטאלי.

— געוויס ניט וויטאלי. זיי האָבן מיר א נאָמען געגעבן חיים און זייער צווייטער נאָמען איז געווען מלמד. האָט איר עס — חיים מלמד.

— איז פון חיים מלמד ווערט עס וויטאלי? חיים וויטאלי, חיים . . . וויטאל . . . האָט עס עפּעס צו טון מיטן וויטאל?

— עס האָט ניט צו טון מיט קיינעם. קודם, די צוויי „מ"עמען. חיים מלמד, זיי פּענטען ממש די ליפּן. דאָס איז נומער איינס. נומער צוויי, פון מלמד וואָלט געקענט ווערן שוואַנץ מלמד, פון חיים וואָלט געקענט ווערן האימי, העברי, אָדער גאָר הערמאַן, נאָך אַ הערמאַן אויף דער וועלט, מאַלע וואָס מ'קען מאַכן פון חיים. פון וויטאלי קען מען גאָרניט מאַכן, וויטאלי און פּטור. אגב, דער נאָמען חיים שטאַמט טאַקע פון וויטא.

— פון שבתאי מאַכסטו פונדעסטוועגן טשאַפּסואי, — האָט א בלענד געטון שארפשטיינען. ער האָט עס ניט אַרויסגעזאָגט. ער האָט ווידער געקוקט אויף וויטאלין און געזאָגט: — איצט פאַרשטיי איך שוין. וויטאלי. וויטאלי. אַ גוטער נאָמען. איר ווייסט, פאַר אַ שרייבער איז אַ גוטער נאָמען אָדער אַ פּסעוודאָנים אַ האלבע קאַריערע. א נאָמען וואָס שניידט זיך ניט אריין דעם לייענער אין קאָפּ איז ווי א קויל ניט געטראָפן אין

ציל. יאָ, וויטאַלי איז אַ גוטער נאָמען. און אין דער אויסערלעכער וועלט נוצט איר אויך דעם נאָמען?

— אין דער א ו י ס ע ר ל כ ע ר וועלט?

— איך מיין אַזוי, ביי דער ארבעט, צי וואו?

— ביי דער אַרבעט? דאָרטן דאַרף מען ניט קיין נאָמען. דאָרטן הייס איך אַמאָל דזשאָו, מייק, ביל, ווי עס מאכט זיך, וואָס פאַר אַ נאָמען עס פאַלט אַריין אין מויל, מיר אָדער יענעם.

— וואָס, אייגנטלעך, טוט איר?

אַ פאַרדעכטיקער קוק. וואָס פרעגט ער זיך אזוי נאָך? נאָמען, באַשעפטיקונג, שיער ניט אַ צענזוס ציילער . . . — איר מוזט עס טאַקע וויסן?

— אַנטשולדיקט, — האָט שארפשטיין זיך אַזש אַ רוק געטון אויף זיין ביינקל. — איך האָב ניט געמיינט חלילה . . . איך מיין, אויב מ׳טאָר ניט וויסן איז . . . איך האָב פשוט . . .

— איר מעגט, איר מעגט, — האָט וויטאַלי ארויסגעבומט מיט זיין באַסאָווער שטימע אין וועלכער עס איז ניט קענטיק געווען קיין אָנצו־הערעניש אויף שפאַס אָדער שפּאָט. — אַ קעשענע גנב איז גוט?

— אַ קעשענע גנב?

שארפשטיינען האָט שוין פאַרדראָסן דער ענטפער. ער האָט אַ וואַרף געטון די אויגן אויף וויטאַליס דיקע, קורצע, באַוואַקסענע פינגער, פינף ביינטן באַוואַקסן מיט האָר־גראָז, זיי פאַרגליכן מיט זיינע אייגענע דינע, פאַרשניצטע, ראַזעווע פינגער און אַ זאָג געטון:

— אייערע פינגער זיינען ניט פון קיין קעשענע גנב. — דער שמייכל דערביי האָט צוגעגעבן — אַ צו איידעלע מלאכה פאַר דיר.

וויטאַלי האָט באַטראַכט זיינע פינגער, אַ צופּ געטון אַ פאַר האָר.

— וואָס מכח אַן אייז טרעגער? אויף טראָגן אייז זיינען זיי גוט, די פינגער?

— אייז טראָגן? דאָס אפשר יאָ.

— אַלזוי איז אַן אייז טרעגער.

— כ׳מיין אַן שפּאַס?

— איך מיין אויך אָן שפּאַס. היינט האָב איך געטראָגן אייז. — זענענדיק אַז שארפשטיין קוקט אַלץ אומגלויבעריש, האָט ער הנאהדיק געשמייכלט. — אַזוי די מעשה. גלייך אינדערפרי געוואָרן שטאַרק הייס, ווייסט איר דאָך. אַרונטערגעגאַנגען אין גאַס, געטראַכט — נעמען אַ גלאָז ביר, ערשט איך כאַפּ זיך, אין קעשענע — ניט אַ ניקל. שטיי איך

אַזוי און קלער, און דאָ קומט אָן אַן אייז מאַן, שלעפּט אַ גרויסע שטיק אייז, לויפט אַזש אונטער, צוריקגייענדיק שילט ער, „גאַדעם" און אָבער „גאַדעם". — „וואָס איז דער מער?" פרעג איך, „צו שווער?"

— פּרואוו דו אַרויפטראָגן הונדערט פונט אייז אויפן דריטן שטאָק וועסטו וויסן. צו שווער? און דער פאַרדאַמטער לויפער זיך ניט געוויזן צו דער אַרבעט, פאַרדאַמט זאָל ער ווערן.

— ווילסט איך זאָל פּרוּוון?

— ער האָט מיך אַ מעסט געטון און, ווייזט אויס, איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

— קוקסט אויס ווי דו וואָלסט געקענט אַוועקטראָגן די געביידע. ווילסט זיך „אָפּקילן" אַ ביסל?

— מ'קען פּרוּוון.

— קריך אַרויף.

— בין איך אַרויפגעקראָכן און . . . געוועזן אַן אייז מאַן.

— אינטערעסאַנט. זיך באַשטעלט אויף מאָרגן אויך?

— מאָרגן? מאָרגן וועל איך אפשר זיין אַ פייער מאַן. דאָ איז מיין שכר יום, — האָט ער ארויסגעלייגט אַ פּאָר צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, אַ ביסל מינץ. — הערמאַן! אַהּ, הערמאַן! איר'ט טרינקען קאַווע? צוויי גלאָז קאַווע, הערמאַן!

הערמאַן, דער קעלנער, האָט אַ שאָקל געטון מיט זיין בלאָנדן פּליי־כעוואַטן קאָפּ, צוגענומען שאַרפּשטיינס גלאָז, אַ פּעטשל געטון דעם טישטוך מיט זיין סערוועטל און זיך אָפּגעטראָגן מיט זיין פלאַכפיסיקן גאַנג.

— געמיינט איר האָט עפּעס אַ פּאַך.

— ניט געהאַט, האָב ניט, און וועל ניט האָבן קיין פּאַך, — האָט ער סענטענציעז ארויסגעזאָגט. — אַ פּאַך דאָס איז אַ שטעמפּל אויף אַ מענטשן. מיט דעם וואָס דער טאָפּ ברענט זיך אָן מיט דעם שמעקט ער, און איך וויל זיין . . . געררוכלאָז. — אַ שמייכל פון אַ שטאָלצן, אַ גראַנדי.

שאַרפּשטיינען איז דער שמייכל ניט געפעלן געוואָרן.

— פּאַכלאָזיקייט איז אויך אַ שטעמפּל. דער וואַגאַבונד איז פּונקט אַזוי געשטעמפּלט מיט זיין וואַגאַבונדישן שטעמפּל ווי . . . לאָמיך זאָגן, דער בוכהאַלטער מיט זיינעם.

— שאַרפּשטיין! איר רעדט נאַרישקייטן. די קאַווע איז קאַלט. אַ נכפה זאָל אים כאַפּן. הערמאַן! וואָס איז אַ בוכהאַלטער? אַ פאַרשניצט בלייפעדל. פאַרשרייבט מיט דינע שאַרפע ציפערן אין אַ שוואַרץ ביכעלע

וויפל עס קאָסט אים אויסהאַלטן זיין ווייב, וויפל מאָל ער שלאָפט מיט איר, אין קאָפּ צעטיילט ער די ערשטע סומע אויף דער צווייטער און ער ווייסט שוין גענוי וויפל עס קאָסט אים יעדעס מאָל שלאָפן. צו טייער? גט ער זיך. דאָס איז אַ בוכהאַלטער. ער טראַכט ווי אַ בוכהאַלטער, פילט ווי אַ בוכהאלטער, האַנדלט ווי א בוכהאלטער. רעכנט. גיב אַ גלאָז הייסע קאַווע, אָבער הייסע! איר׳ט טרינקען נאָך אַ גלאָז?

— און אַ וואגאבונד רעכנט נ י ט? דער זעלבער שטעמפּל, נאָר אויף דער לינקער זייט. היינט מיט איינער, מאָרגן מיט אַ צווייטער און, ווער ווייסט, אַמאָל רעכנט ער אויס וויפל ווייבער ער האָט שוין געהאַט.

— דאָ מאַכט איר אַ טעות. אַ וואגאבונד מיינט ניט שלאָפן יעדע נאַכט מיט אַן אַנדער פרוי. אַ וואגאבונד קען אפילו זיין פאַרליבט אין איין פרוי, וואָס ער קען ניט — איז ליגן אַלע מאָל אונטער איר פאַרטוך. דאָס איז שוין אַ שטעמפּל. דאָס זעלבע מיט ארבעטן יאָרן לאַנג ביי איין אַרבעט, דאָס לייגט שוין ארויף אַ שטעמפּל. אויב עס איז דאָ אַ בוכ־האַלטער וואָס שרייבט לידער מעגט איר זיכער זיין אַז זיי וועלן זיין אויסגערעכנט ביז צו איין אות, ער וועט ניט זינדיקן אויף איין זילבע, און די לידער וועלן האָבן זיין טעם, וועלן שמעקן מיט . . . מינוסן. פון מיינע לידער וועט איר ניט דערקענען צי איך בין אַן אייז מאַן, אַ פייער מאַן אָדער אַ מילך מאַן. אַ מאַן, אַ מענטש.

— מ׳קען אפשר ניט דערקענען דעם אייז מאַן, מ׳קען אָבער דער־קענען דעם שרייבער.

— נאָר ניט באַליידיקן. איך בין ניט קיין שרייבער. כדי אָנצו־שרייבן עפּעס רעכטס מוז מען קודם פאַרגעסן אַז מ׳איז אַ שרייבער. איך בין אַ מענטש וואָס שרייבט לידער.

— אין אַ ווערטער בוך איז דאָס מסתם די דעפיניציע פון אַ דיכטער, אַ שרייבער.

— איך האָב מיר מיין אייגענע דעפיניציע. דאָ מענטשן וואָס שרייבן לידער, פּראָזע, און דאָ שרייבער וואָס זיינען אמאָל אויך שטיקלעך מענטשן, באַטש דאָס טרעפט זייער זעלטן. שרייבער, פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, און אַקטיאָרן זיינען די ערגסטע פּאַך לייט. זייער שטעמפּל איז ניט אָפּ־צוואַשן מיט טויזנטער וואַסערן. אָט גיט אַ קוק. איר זעט? קוקט זיך צו ווי זי פירט מיטן שטיפטל איבער דער אויבערשטער ליפּ, גייט איבער די ליפּ מיט רויטן קריץ. איצטער דער נאָז. געכאַפּט דעם נאָז. פּוף, פּוף. איצטער די באַקן. און די גאַנצע צייט קוקט זי אויף אים. זעט?

מ׳זעט ממש ווי זי זאָגט: קום שלאָפֿן. ניין? אָבער דאָס איז נאָך גאָרניט. איר זעט, זי איז אַן אַקטריסע, און דאָס איז נאָך ערגער ווי אַ . . . גלח, ווי איך בין אַ ייִד. אַ גלח איז כאָטש נאָקעטערהייד ניט קיין גלח, זי, אפילו ווען זי וועט ליגן מיט אים אין בעט, וועט זי פּראַוווען אַקטיאָרסקע שטיק. ביי מיר איז רעכט אַז זי וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ פּובליקום וואָס זאָל צוזען איר ראָלע אין דעם אַקט. און שרייבער זיינען ניט בעסער. אַ שרייבער שיכורט זיך דאָך אָן בלויז צוליב דעם ער זאָל קענען אויסברעכן, מיט טינט, פאַרשטייט זיך. דעם שרייבערס גרעסטער גליק וואָלט געווען ווען ער זאָל, ליגנדיק מיט אַ פרוי, האָבן צוגעטשעפּעט אַ פסיכאָגראַף, צי אַ סעפּאלאגראף, אַ מאַשינקע אַזאַ, וואָס זאָל גענוי רעגיסטרירן זיינע אָדער אירע געפילן, נאָכדעם זאָל ער עס קענען אַראָפּשרייבן, איבערשרייבן. אויף דער מאַשינקע זאָל ער, פאַרשטייט זיך, האָבן אַ פּאַטענט. אַ שרייבער דאָס איז אַ העגטל פון אַ פען, ניט קיין מענטש.

— און דער באַלעגאָלע? לויט אייערע רייד דאַרף דער באַלעגאָלע זיין אַ . . . בייטש.

— וואָס זשע מיינט איר? איך האָב אליין געהערט אַ באַלעגאָלע ריידן אַז דריי זאַכן לייט ער קיינעם ניט — זיין שקאַפּע, זיין ווייב און זיין בורקע. דאָ האָט איר עס.

— און דער אייז מאַן?

— דער אייז מאַן? נאָך ניט געווען לאַנג גענוג צו וויסן ווי ער טראַכט, פילט. איין זאַך ווייס איך, א י ך טרינק ניט צוליב ברעכן. איך אַז איך וועל אַרומנעמען אַ מיידל וועל איך ניט פּרוּוון פאַרצייכענען אין זכרון כדי עס נאָכדעם צו באַשרייבן. דאָס מיינט אָבער ניט אַז איך פאַרגעס. אויף מאָרגן, איבעראָיאָר, צי גאָר אין פינף יאָר אַרום, וועלן מיינע אָרעמס, מיין גאַנצער קערפּער וועט געדיינקען איר לייב, איך וועל אפשר אָנשרייבן אַ ליד וועגן דעם, דאָס וועט אָבער זיין קלאָרער וויין, די הייוון אָפּגעזעצט, אָדער גאָר אַרויסגעוואָרפן פון קערפּער. דאָס איז דער חילוק צווישן מיר און אַ פּראָפעסיאָנעלן שרייבער. ניט אומזיסט קיבעצט מען מיך אַז איך בין אַ „זונטיק טרייבער", איר פּראָפעסיאָנאַלן, איר טרייבט . . . די מוזע יעדן טאָג, איר . . . וואָס דראָקעט איר דאָרט?

וויטאַלי האָט אַ צי געטון שאַרפשטיינס סערוועטקע, דערזען זיין נאָמען מיט יידישע, לאַטיינישע בוכשטאַבן, די גאַנצע סערוועטקע איז געווען פאַרדראָקעט מיט דעם איינעם וואָרט — וויטאַלי.

— אָט האָסטו דיר — אַ שרייבער! אַ נכפה זאָל אייך אַלעמען כאַפּן

און איינציקוויז. זיצסט און רעדסט ווי צו אַ מענטשן, און ער זיצט און דראַקעט. וואָס? שוין אָנגעשריבן אַ דערציילונג וועגן וויטאַלין? אַ מיתה משונה אויף אייך. טפו זאָלט איר ווערן, פּאַסקודניקעס וואָס איר זייט. הערמאַן! אָה, הערמאַן!

— הער—מאַן!

הערמאַן האָט אַ קער געטון זיין סאַלע־וויסן פּנים, געכאַפּט פון וואַנען דער באַפעלערישער רוף איז געקומען, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און, וויגנדיק מיט די אַקסלען ווי אַ וואָגשאָל, הוידענדיק די קליבעס, האָט ער זיך באַוועגט אין דער ברייט, דאָך זיך געררוקט פאָראויס. צוקומענדיק צו וויטאַלין, האָט ער אונטערגעכאַפּט די מטבע ווי אַ הונט מיט אַן אָפענעם מויל שפּרינגט אונטער נאָכן שטיקל פלייש וואָס מ׳האַלט איבער זיין נאָז. ער האָט אַ נויג געטון דאָס בלאָנדע, פליכעוואַטע קעפּל, אַ הויב געטון דאָס רעקל צו דער הינטערשטער קעשענע ווי אַ הונט טוט אַ הויב אַ פּיסל . . . די מטבע איז פאַרשוואונדן אין זיין טיפער לעדערנער קעשענע. אַ לייג דאָס האַנטוכל פון איין אָרעם אויפן צווייטן, אַ שאַר איבערן טיש און הערמאַן איז פאַרשוואונדן. פאַרשוואונדן איז אויך וויטאַלי.

אַ געפּלעפּטער איז שאַרפּשטיין געבליבן זיצן. וואָס איז דאָ געווען? דוכט זיך אַז דער בחור שפּילט טעאַטער. זיין גאַנצע וואַגאַבונדיע, דער „וויטאַלי" — אַן אָנשטעל, פּאָזע. האָט פיינט אַ שטעמפּל. שוין געזען די פרייע פויגל. האָבן פיינט דאָס שטייגל אַזוי לאַנג ווי זיי קומט אויס אַרומפליען אַ ר ו ם דעם, קומען אריין אינעווייניק, ווערן זיי פעט. וואָלט אַ בעלן געווען אים פאַרשאַפן אַ שטעלע אין אַ צייטונג, זען וואָס פאַר אַ לידל וואָלט ער דאַן געזונגען. זויערע וויינטרויבן. האָט פיינט אַקטיאָרן און אַליין שפּילט דאָס טעאַטער. דאָ האָסטו דיר דיין וויטאַלין, אַ לעבעדיקן מענטשן . . .

— וויטאַלי, — האָט שאַרפּשטיין געקוקט אויפן סערוועטל. — צוגיין נאָענט צום מענטשן. אַ שטיק צעדרייטער. אַ קאַקטוס בלום, איידער מ׳רייניקט זי אַרום פון די שטעכעלקעס קען מען זיך די פינגער צעבלוטיקן און ערשט דאַן קען אַ שטעכעלקע אריין אין דער ליפּ ווען מ׳נעמט זי צום מויל. אָבער געשמאַק, וויניק, וויניק, דאָס מיינט זיס און זויער, און דאָס איז עס — זיס און זויער, צוקער און טשעמעריציע, ליכט און שאָטן, דאָס איז דער מענטש.

שאַרפּשטיינס האַנט האָט זיך געצויגן צו דער קעשענע, צו זיין שטענדיקן באַגלייטער, דעם נאָטיץ ביכל. דאָס „צענטל" פונם „פאָראויס"

האָט זיך אריינגעגליטשט אין די פינגער. ער האָט ארויסגעצויגן זיין לעצטע דערציילונג. די אויגן האָבן אַ גיי געטון איבער די געדרוקטע שורות, דער געדאַנק האָט דערוויל שוין איבערגעלייענט די גאַנצע דערציילונג און אונטערגעזאָגט: אַ ביסעלע צו זיס . . .

— אַ ביסעלע „וויטאליזם" וואָלט ניט געשאדט, — האָט שאַרפשטיין־שבתאי באַשלאָסן. ער האָט צונויפגעלייגט די דערציילונג, זי אריינגערוקט אין קעשענע און אַ קוק געטון פאר זיך — וויטאליזם! ער וועט אָנשרייבן אַן עסיי. עס וועט טאקע הייסן — וויטאליזם! דאָס וועט שאַפן אַ שול, אַ נייע שול אין דער ליטעראַטור. עס וועט זיך טון מעשים! די קאַפע וועט גיין כאָדאָראָם!

שארפשטיין האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ. די טישלעך מיט די מענטשן ארום זיינען אונטערגעשפרונגען אים אין די אויגן, שארפשטיין האָט עס אָבער ווי ניט געזען, צוליבן טומל האָט ער ניט געהערט אַ וואָרט. וואַרט! ווען ער וועט אָנשרייבן זיין עסיי! אה, די קאַפע וועט גיין כאָדאָראָם. כאָדאָראָם וועט זי גיין!

מיט אַ מינע פון אַ פאַרשווערער האָט ער פארלאָזט די קאַפע, דעם פאראל ווייסט נאָר ער אליין — ווי—טא—ליזם!

דער כהן גדול

קיין חושן ואפוד האָט ער ניט געטראָגן. די איינציקע אָנדייטונג אויף בגדי כהונה איז געווען אַ ווינדזאָר שניפּס — אַ שטיקל שוואַרצע קרעפּ דע שין אויסגעבונדן אין אַ שליף, צוויי שמעטערלינג־פליגעלעך ביי די זייטן מיט צוויי לאַנגע שפּיצן ביז דעם קאַמזויל אויסשניט. וועגן אָט דעם שניפּס האָבן אייניקע כהנים, קאָלעגן־שרייבער, גוטמוטיק גע־שפּעט: בייראָן האָט אים געלאָזט גריסן, אַנדערע האָבן בייזוויליק גע־רעדט: רעקלאַמע! גאווה!

— רעקלאַמע? — האָט נחום כץ מיט ישוב הדעת איבערגעפרעגט.

— נו יאָ, איך רעקלאַמיר מיין . . . צעך. דער מענטש אין גאַס, אָדער דער „געשעפט עקזעקוטיוו" אין זיין אָפיס, דערזעענדיק מיין הילוך, וועט גלייך באַשליסן — עפּעס אַ צעדרייטער, מ׳טאָר אים ניט געטרויען אַ ניקל, בעסער אַז מ׳האַלט זיך פון אים פונדערווייטן. און דאָס איז ווי געוואונטשן — להבדיל בין קודש לחול. וועט, ווידער, אַ מענטש משלנו באַמערקן מיין שניפּס און ער וועט מיר שיינקען אַ שמייכל, אויב אפילו אַ שפּאָטישן, וועל איך אים אַנטקעגן שמייכלען, און די שמייכלען וועלן זיך ברידערלעך אַרומנעמען — ברידער פון איין חבריה. און גאווה? אין מיין שניפּס שטעקט ניט קיין דימענטענע שפּילקע, וואָס זאָל עמיצן שטעכן אין די אויגן: קוקט און ווער צעפּיקעט פון קנאה, אַ מכה פּאַר־מאַגסטו אַזאַ דימענט. אין מיין שניפּס פּאַסט זיך בלויז אַ באַשיידענער פּערל אויף וועלכן נאָר יודעי חן זיינען מבינים, און אויב אָט די יודעי חן שאַצן אָפּ מיינע גוטע לידער בין איך אמת צופרידן. חשיבות איז ניט פּאַרריסנקייט, שטאָלץ איז ניט גאווה, און שטאָלץ בין איך, טאַקע מיט מיינע עטלעכע גוטע לידער.

דער שטאָלץ איז געווען אַ ביסל אָנגעשטשערבעט. געזאָגט האָט ער „עטלעכע" גוטע לידער, געמיינט האָט ער מער ווי אַ דריי־פיר, צי אפילו צען־צוועלף לידער. ניט צו פּראָדוקטיוו, האָט ער פונדעסטוועגן שוין געהאַט פיר בענדער לידער, געשריבן נאָך און געפּלאָנעוועט אַרויס־געבן אַ באַנד ג ע ק ל י ב ע נ ע לידער פון אַריבער דריי הונדערט

זייטן, וואָס האָט געמיינט אויסלאָזן זייער ווינציק פון די פריערדיקע לידער.

נאָך אַ שטשערב — זיין געזונט. ער איז געווען קראַנק, אַ כראָ־נישע קריינק מיט וועלכער ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעשעמט, קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגן דעם, און האָט זיך אפילו באַמיט ארויסוויזן גבורה. זיין מי — אַמאָל אַ ביסל קאָמיש אפילו — איז ניט אינגאַנצן געגאַנגען לאיבוד. ווען זיינע הענט זיינען געווען פייכט האָט ער אויסגעמיטן דערלאַנגען עמיצן די האַנט, דערפאַר אָבער ווען טרוקן, און ער האָט יאָ דערלאַנגט אַ האַנט, איז עס געווען אַ קרעפטיקער האַנט־דרוק, געלאָזט פילן יענעם ניט אַזוי זיין שטאַרקע פריינטשאַפט, ווי זיין באַהאַלטענעם כוח, וואָס האָט זיך ניט אָנגעזען אויף אים. פאַר זיין הויך — מיטעלער וואוקס — איז ער געווען אַ ביסל צו דאַר, דער טונקעלער גאַרניטור, וואָס ער האָט מייסטנס געטראָגן, האָט אים געמאַכט אויסזען נאָך דאַרער, דערפאַר אָבער דער גאַרניטור, ווי אַלט ער זאָל ניט האָבן געווען, איז געליגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן, אַ הויט ניט קיין מלבוש, און ריין! די ריינקייט האָט ממש גערוט אויף די בגדים, האָט געוועקט אַפשיי — ריר ניט אָן, ניט מיט קיין אומריינעם פינגער און אפילו ניט מיט אַן אומריינעם געדאַנק. אָט די ריינקייט האָט ער קולטיווירט: „דאָס קלייד פון אַ תלמיד חכם טאָר ניט האָבן קיין פלעק". דער תלמיד חכם האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, טונקל ברוינע אויגן, וואָס אַמאָל האָבן זיי אַ פינקל געטון מיט אַ רויטלעכן אָפּגלאַנץ און אַמאָל זיינען זיי אַריינ־געפאַלן אין שוואַרץ, אָט בליציק, שפּילעוודיק און אָט פאַרקלערט, פאַר־טראַכט. געזעסן זיינען די אויגן אונטער אַ ברייטן, הויכן שטערן, דער שטערן אַ פרוזדור צו אַ גרויסן, מאַסיוון קאָפּ, ניט נאָר גרויס, מ'האָט פשוט געקענט זען די ש ו ו ע ר ק י י ט פונם קאָפּ. דער לאַנגער, האַרטער נאָז האָט ווי אונטערגעהאַלטן דעם שטערן און געהיט דאָס ברייט מויל. די ליפּן, דינע, סענסיטיווע, האָבן זיך אַזוי אריינגעפּאַסט איינע אין דער צווייטער ממש אַ צונויפגעניייטע נאָט, די נאָט האָט זיך אָבער לייכט געעפנט — ער האָט ליב געהאַט נעמען אַ וואָרט אין מויל, דער עיקר ווען אין געזעלשאַפט. ער האָט גערעדט גאַנץ קלוג, הנאה געהאַט דערפון, און גערעדט שוין אַ ביסל צופיל, כאָטש, אָדער ווייל, אים איז געווען שווער צו רעדן. דער דאָקטאר האָט אים געראָטן צו רעדן וואָס ווינציקער. נו יאָ, דער דאָקטאר האָט אים אויך געראָטן רויכערן וואָס וויניקער, אינגאַנצן אויפגעבן וואָלט געווען נאָך בעסער, און ער האָט געפּאַליעט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן, דערביי האָט ער זיך

אויסגעהיט ניט צו הוסטן. ער האָט אויך ליב געהאַט אַ ביסל בראַנפן. אין דערהיים האָט ער ווינציק געטרונקען, סיידן ביים עסן, דערפאַר, ווען אין געזעלשאַפט, האָט ער אַריינגעגאָסן מער ווי איין גלעזל, און האָט פּאַסירט אַז ער האָט זיך פאַרהוסט ביים אַריינגיסן, האָט ער, כאַפנדיק קוים דעם אָטעם, זיך פאַרענטפערט: אַריין ניט אין דער ריכטיקער כלי. געמיינט האָט עס: איר זאָלט נאָר חס וחלילה ניט דיינקען אַז איך הוסט ווייל איך בין . . . קראַנק. וועגן זיין קראַנקהייט האָט קיינער ניט געדאַרפט וויסן.

פון די באַקאַנטע האָבן טאָקע ניט אַלע געוואוסט. שפרה, זיין ווייב, האָט שוין גאָר געוואוסט, און דאָס איז געווען דער שאַרפסטער שטשערב אין זיין שטאָלץ. אים איז נישט אָנגעשטאַנען, עס האָט אים ממש ווי געטון וואָס זי איז די ברויט געבערן. אַ וואוילע ווייב, אַ גוטע, אַ געטרייע און אַ ליבע, אָבער ווי „זיצט מען דאָס ביי דער ווייב אויף קעסט”?

שפרה האָט אים ניט באַהאַנדלט ווי אַ קעסט־קינד. געבראַכט אירע שכירות, האָט זי אַרונטערגענומען פאַר זיך קליינגעלט, דאָס איבעריקע אים איבערגעגעבן — דו ביסט מיין קאַסירער. ביי מיר וועט עס צע־טרענצלט ווערן איינס און צוויי. — אירע פינגער זיינען גראַד ניט געווען קיין שיטערע רעשעטע נאָר אַ גאַנץ געדיכטע זיפּ, זי האָט אים געקרוינט פאַר קאַסיר כדי ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו איר בעטן ביי איר קליינגעלט, און אַז ס'האָט זיך געמאַכט זי האָט ביי אים געבעטן געלט און ער האָט אַ זאָג געטון: כ'האָב דאָך דיר ערשט נעכטן געגעבן אַ פינפערל, האָט זי שולדיק געשמייכלט און שטאַרק געקנייטשט דעם שטערן, זיך דערמאָנענען אויף וואָס האָט זי עס אויסגעגעבן, בעת זי האָט געַנוי געדיינקט וואָס זי האָט געטון מיטן געלט. אַ שפּיל אַזאַ, און די שפּיל איז איר געפעלן. זי האָט געהאַט אַ רייפן מאַן און אַ קליין קראַנק קינד; אַ גוטן חבר און א געניטן לערער; א שטריינגן קעניג און אַ הכנעהדיקן אונטערטאַן. פאַרגעניגן האָט זיך געמישט מיט פאַר־דרוס, אָבער דאָס איז געווען געשמאַק, ווייניק, זיס וואָלט איר גומען ניט פאַרנומען.

זי האָט געזען. שבת אָוונט, אַרויפגעבראַכט די זונטיק צייטונגען, יידישע און אויך ענגלישע, האָט ער איבערגעקוקט די ליטעראַרישע אָפּטיילונגען אין אַלע, נאָכדעם זיך פאַרטיפט אין דער אָפּטיילונג: אַר־בעטער פאַרלאַנגט. אפילו ווען ער איז געווען געזונט האָט ער ניט געהאַט קיין פאַך, קיין באַשטענדיקע אַרבעט, אין די יאָרן וואָס זיי האָבן געוואוינט

צוזאמען האָט ער זיך שוין צוגעוואוינט צו איר ארבעטן און זיין ניט אַרבעטן, און ווען ער האָט געפילט אַ ביסל בעסער און אים איז דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק: אפשר קען ער פאַרט עפּעס טון? האָט ער זיך ממש געשראָקן דערפאַר. וואָס קען ער טון? און גיין ארבעטן און שרייבן? סיפא און ספרא? עס גראַמט זיך ניט. עס איז אָדער אָדער. ניין, ער קאָן באַווייזן אדר ואדר, אַרבעטן און שרייבן, ניט אַזוי צוליב זיך ווי צוליב איר . . . ביי וואָס אַ שטייגער? ער׳ט שוין געפינען. צי וועט ער עפּעס געפינען איז ער ניט געווען אַזוי זיכער, דערפאַר טאַקע האָט ער געזוכט . . .

— נו, עפּעס געפונען? — קיין סימן פון שפּאַס אין דער פראַגע, אין איר טאָן.

— ניין, ניט געפונען, — האָט ער שיער ניט דעקלאַמירט די ווערטער. — יאָרן אַז איך זוך אַן אַנאָנס: פּאָעטן פארלאַנגט, גוטע שכירות גאַראַנטירט, אָבער אַלץ וואָס איך זע איז — פארלאַנגט פאַר־קויפער. אין די ערגסטע צייטן זוכט מען פאַרקויפער. אַ לאַנד וואָס וויל רק פאַרקויפן. אין גוטע צייטן זוכט מען אויך געצייג מאַכער, שטאָל טאָקער, אָדער גאָר טראַק טרייבער.

— נו, אפשר וואָלסטו אָנגענומען אַ שטעלע פון אַ טראַק טרייבער?

— איז וואָס מיינסטו?

— אַ גאַנץ פיינע פּראָפעסיע.

— בעסער ווי שרייבן לידער.

— צי בעסער ווייס איך ניט, גרינגער אודאי.

שפּאַסט זי? וואָרפט זי אים פאָר זיין „גרינגע אַרבעט״?

— שרייבן לידער איז אויך ניט אַזאַ גרינגע ארבעט.

— טאָ שרייב שוין בעסער לידער.

— שרייבן לידער איז אַ שווערע אַרבעט, די צרה איז נאָר וואָס פאַר דער שווערער אַרבעט צאָלט מען ניט קיין שווערע געלטער. ווען מ׳זאָל כאָטש צאָלן . . . אַ הונדערט דאָלאר פאַר אַ ליד. פאַר אַ גוט ליד!

— הונדערט דאָלאר!

— וואָס זשע, ס׳האָט ניט די ווערט? — אַ פראַגע פון אַ קינסטלער צו אַ הדיוט.

— ביי מיר האָט דיין ליד די ווערט אַ . . . — זי האָט אַזוי אומ־געריכט אים ארומגעכאַפּט, אַ קוש געטון, אַז ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון אויף צוריק, זיך באַפרייען פונם אָנפאַל. זי האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט,

און טרוקן, מעשה געשעפּטס מענטש אַ זאָג געטון: — ווער צאָלט עס הונדערט דאלאר פּאַר אַ ליד? ביי די גוים אפשר...

— שלום עליכם האָט אַמאָל געגעבן דוד פרישמאַנען הונדערט רובל פאַר אַ ליד, אַ פּאָעמע, און אין יענע צייטן הונדערט רובל איז געווען אַ סך מער ווי היינט צוויי הונדערט דאלאר, אָבער טאקע נאָר שלום עליכם האָט עס געקענט טון. היינט ווארפט מען דיר צו אַ צענערל, פופצן דאָלאר איז אַ סך, און מ'טוט דיר נאָך אַ טובה... — דער מאָך מיט דער האַנט ביי די לעצטע ווערטער — בעסער ניט רעדן דערפון.

— גיט מען ניט! אַ גוטע פייג וואָלט איך זיי געגעבן. בלייבן די זעלבע גבירים. אויסקומען אָן זיי...

— דיר איז גוט צו ריידן...

— ניאמע! ביסט אַ שלעכטס. וויפל מאָל האָבן מיר שוין גערעדט דערפון אַז ביי אונדז איז ניטאָ קיין מיינס און דיינס? שטעל זיך פאָר, דו גייסט אַרבעטן און איך זיץ און שרייב לידער, וואָלסטו עפּעס געהאָט קעגן מיר דערפאַר? פאַרשטייט זיך, אויב די לידער וואָלטן געווען גוטע...

אָט דער שמייכל אירער! איר פּנים אַ לענגלעכער, אַ פלוימען־אַרטיקער, דאָס שאָטנדל אויף דער אויבערשטער ליפּ — אַן אָנצווזעעניש אויף אַ וואָנצע — איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף מענערישקייט, אָבער באַלויכטן פון אָט דעם שמייכל האָט זיך אנטפּלעקט פאַר אים איר ווייבערישקייט, איר אונטערטעניקייט צו אים... איצטער אַ וואָלט ער אַריינגענומען איר אָוואל פּנים, וואָס פאַסט זיך אַזוי גוט אַריין אין זיינע הענט אָט ווי לכך נוצר און ער וואָלט זיך איינגעגעסן אין איר מויל... ער האָט עס ניט געטון, אויגן האָבן זיך בלויז אַ שפּיל געטון, אירע פינגער האָבן גענומען גלעטן זיין האַנט, ציען זיינע דינע לאַנגע פינגער.

— דו שרייב! צו די פופציק יאָר וועלן מיר ארויסגעבן די געקליבענע לידער און וועסט זען...

— מיר! ווער איז דער מיר?

— וועסט שוין זען.

ווידער אַ שמייכל, אָבער אַן אַנדערער, אַ פאַרשווערערישער.

זי נעמען אויף אַ פאַרהער, אויספרעגן, צווינגען זי זאָל אויסזאָגן. יאָ, צווינגען. וואָס פאַר אַ מאַניפאָרגעס פירט זי הינטער זיינע פּלייצעס?

דער טעלעפאָן קלונג האָט זיך אַ שאָט געטון, צעלעכערט דעם געשפּרעך, צעריסן זיינע רעיונות.

— יאָ...

— יאַ . . .

צווישן איין יאַ און דעם צווייטן אַ שווייגנדיק פעלד פאַרזייט מיט אויפרייסנדיקע מינעס, נחום וויל אַוועקשטעלן אַ פּוס, הערן, טרעפן ווער עס רעדט, איר אַנגעשטריינגטקייט וואַרנט: ריר זיך ניט! זיצט ער אַ פאַרטאַיעטער ביז ער דערהערט: וועל אַריבערקומען אין אַ . . . האַלבער שעה אַרום. נעמט אַזוי פיל פאַרן. טעקסי? מיטן סאַבוויי עס מאַכן גיכער. יאַ. יאַ. איך קום גלייך אַריבער.

— די ווײַנצוויַיגס, — האָט שפרה אַ וואָרף געטון, זיך געלאָזט אין צווייטן צימער, אויפן וועג שוין גענומען אָפּשפּיליען די בלוזקע אויף דער פּלייצע.

— ווידער אַן אַטאַקע?

— ניט געזאָגט, אָבער ווייזט אויס אַזוי.

מינוטן, און זי איז שוין געווען איבערגעטון, אַ קליין רענצעלע אין האַנט, גרייט צו גיין. — דאָס פלייש שטייט אין אייז קאַסטן. ווערסט אַנוואַרימען. פאַרנאַכט, איך ווייס ניט ווען איכ׳ל קומען, אויב עס איז אַ האַרץ אַטאַקע, און איך פאַרדעכטיק אז דאָס איז עס, וועל איך אפשר אינגאַנצן ניט קומען, סיי ווי, וואַרט ניט אויף מיר מיטן עסן. דאַ אייער, גרינס . . . וועל טעלעפאָנירן. דערווייל . . . — אַ מאַך מיטן האַנט, אַן עפן די טיר.

די צוגעמאַכטע טיר האָט שטום, איינגעשפּאַרט געקוקט אויף נחומען — אָט אַזוי איז עס. אַ קראַנקן שוועסטער. די ערשטע עטלעכע יאָר געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. טאַקע אין שפּיטאָל זיך באַקענט. דער שפּי־טאָל איז איר נמאס געוואָרן, ניט אַזוי די אַרבעט דאָרט, דאָס האָט איר ניט געקימערט, נאָר די דאָקטוירים . . . דאָס וואוינען דאָרט, עפּעס אַ געמיש פון קראַנקן און קלויסטער שוועסטער. חתונה געהאַט, האָט זי אויפגעגעבן די שטעלע דאָרט, זיך גענומען צו פּריוואַטער פּראַקטיק. זי איז געווען אַ גוטע פלעגערן. פון מיטעלן וואוקס, גוט אַנטוויקלט, די אָרעמס עטוואָס צו לאַנג, די הענט קרעפטיק, האָט זי געקענט איבער־קערן אַ פּאַציענט פון רוקן אויפן בויך, אים איבערדרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער און ער זאָל ניט פילן אַז מ׳האָט זיך געפּאָרעט מיט אים. די שיינקלען אַ קליין ביסעלע צו קורץ לויט איר קערפּער וואוקס, האָט זי דאָך זיך באַוועגט גרינג ווי אַ טענצערן, צוגעטאַנצט צום בעט, אַנגערירט דעם פּאַציענטס שטערן, באַק, איז עס געווען אַ צאַרטער גלעט, און האָט זי אַ שמייכל געטון איז געוואָרן ליכטיקער אין די אויגן, גרינגער

אויפן הארצן. אין משך פון עטלעכע יאר האט זי זיך דערוואָרבן אַ גוטע קליענטעל, אייניקע גאַנץ פּאַרמעגלעכע, זי האָט ניט געדאַרפט אָנקומען צו דאָקטוירים, דער פלעגערנס ביורא, איר אַרבעט האָט זי געקראָגן פריוואַט, פּער טעלעפאָן, דערפאַר אָבער אַז דער טעלעפאָן האָט געקלונגען . . . !

איר פּראָפעסיע איז אים ניט געווען צום האַרצן. לכתחילה האָט ער געהאַט זיינע ספקות צי קען גאר אַ קראַנקן שוועסטער ליב האָבן: אַ קראַנקן שוועסטער, אַ דאָקטאר, זעט דעם מענטשן צו נאַקעט, האַלט אים איבער, טאַפּט אים איבער צופיל מיט די הענט . . . קען זי ליב האָבן ווי אַ פשוטע מיידל, פאַר וועמען דער מאַן איז אַ פרעמדער און זי דאַרף אים ערשט דערקענען? ערשט ווען זיי האָבן זיך גוט דער־קענט, דער עיקר, ווען ער איז געוואָרן זיכער ביי זיך אַז אַ קראַנקער מאַן קען אויך זיין אַ מאַן, האָט ער איינגעזען אז אַ בעקער קען, עסנדיק אַ זעמעלע, אפשר דערזען דאָס שטיקל טייג, דעם טעם פילט ער אָבער אין זעמעלע, די „קראַנקן שוועסטער" האָט אים ליב ניט דוקא ווי אַ „ברודער" . . . ניין, די פּראָפעסיע האָט איר נישט געשטערט, אַ ווידערווילן צו דער פּראָפעסיע איז פאַרט געבליבן. גיין אַרבעטן אין אַ שאַפּ וואָלט שוין געווען בעסער, אָבער אַוועקגיין אַרבעטן ביי יענעם אין אַ הויז, אַמאָל נאָך אויף עטלעכע וואָכן, ניט קומען אַהיים אפילו נעכטיקן, דאָס איז אים ניט געפעלן, עפּעס . . . עפּעס . . .

אָט איז זי זי אַוועקגעגאַנגען, אוועקגעלאָפן צו די ווײַנצווייגס. ביי זיי איז שפרה זיכער ניט קיין דינסט. זי האָט אכטונג געגעבן אויפן אַלטן ווײַנצווייג שיר ניט אַ פול יאר ביז ער איז געשטאָרבן, נאָכדעם אויף זיין זון, שוין אויך אַ ייד אין די פופציקער, און האָט עפּעס גע־טראָפן אין הויז, ער, זי, עמיצער פון די קינדער איז קראַנק געוואָרן, האָט מען קיין אַנדער פלעגערן ניט גערופן, נאָר זי, זי איז שוין געוואָרן ביי זיי אַ „משפחה מיטגליד", ניט נאָר האָט זי געגעסן מיט זיי ביי איין טיש, מ'האָט איר פאַרטרויט משפחה סודות, זי האָט זיי אויך געמוזט אַרויסגעבן אירע „סודות", אַזוי, למשל, האָבן זיי געוואוסט אַז איר מאַן איז אַ קראַנקער און אַ . . . פאָעט! וואָס זי האָט זיי דערציילט וועגן זיין קראַנק זיין האָט אים ניט געאַרט אַזוי שטאַרק, ווען ער האָט זיך אָבער דערוואוסט אַז זי האָט זיי דערציילט וועגן זיין שרייבן איז שיער ניט געקומען צו אַ סקאַנדאַל. — וואָס דאַרפן זיי, די געלט זעק, די באַמעס, וויסן וועגן מיין שרייבן?! האָט זיך געוואָלט אויספיינען פאַר

זיי! אַ יחוס אַ גרויסער! לידער. ביכער. אַ באַנק ביכל, דאָס איז זייער בעסטער ספר היוחסין! — זי האָט דעמאָלט זיך שיר ניט צע־וויינט, דער עיקר פאַרן „אויספיינען". יאָרן אַז מ׳קען זיך, מ׳איז פריינט, ממש פריינט, זיי זיינען אָפּגהאַרציק מיט איר, פאַרוואָס זאָל זי זיך שפּילן מיט זיי אין הינטערשיסעלעך? אויספיינען טאַקע ניט, אָבער פאַרוואָס זיך שעמען? און זיי זיינען גאַרניט אַזעלכע כאַמעס, זיי זיינען גראָדע פאַראינטערעסירט אין ליטעראַטור, דער יונגער וויינצוויג, מילטאָן, שרייבט אפילו אין זשורנאַלן, אין אַ צייטונג, יידיש קענען זיי ניט, האָבן אפילו ניט געוואוסט אַז עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור, זי האָט זיי דערציילט, האָבן זיי זיך גראָדע שטאַרק פאַראינטערעסירט, מילטאָן האָט אפילו געבעטן זי זאָל אים ברייגנען נחומס אַ ליד . . .

— הו־ואַ! ער וועט אַראָפּנידערן פונם אָלימפּ צום . . . באַרג סיני, וועט אַ קוק טון און וועט אַרויסזאָגן: „איט׳ס נייס, ווערי נייס"! מ׳האָט זיי אין דר׳ערד, האָט מען זיי! זאָלסט מער ניט דערמאָנען אַ וואָרט! הערסט וואָס מ׳זאָגט דיר? אַ וואָרט זאָלסטו מער ניט דער־מאָנען. ניט זייער עסק. ביסט אַ קראַנקן שוועסטער, טוסט אָפּ דיין אַרבעט און מער האָסטו גאַרניט וואָס צו טון מיט זיי.

זינט דאַן האָט זי אים מער גאַרניט דערציילט וועגן די וויינצוויגס, כאָטש מ׳האָט זי אַ פּאָר מאָל גערופן אַהין, אָבער איר ניט דערציילן האָט אים געריצט פּונקט ווי דאָס פריערדיקע דערציילן. א י ם דער־ציילט זי טאַקע גאַרניט, דערציילט זי ניט ז י י? הלואי ווערט ער פּטור פון זיי אינגאַנצן . . . שוין לאַנג ניט גערופן, געמיינט — אַן עק, ערשט היינט ווידער, און אויב עס איז טאַקע אַ האַרץ אַטאַקע מייגט עס אַ דריי, אָדער גאָר זעקס וואָכן, טאָג און נאַכט . . . די באַלעבאַטיש־קייט וועט בלייבן אויף זיינע הענט.

אים האָט עס ניט אַזוי שטאַרק געקימערט. שוין געוואוינט געוואָרן דערצו. ערשטנס, פּשוט אַ חוב, זי אַרבעט אָפּ אַ טאָג צי אַ נאַכט זאָל זי נאָך קומען קאָכן, וואַשן געפּעס? וועט פון אים ניט אָפּפאַלן אַ שטיקל אַז ער וועט עס טון. צווייטנס, זעט ער ניט איין וואו איז דאָ דער פּחיתות הכבוד? אדרבה, מאַכן אַ גוטע גלאָז קאַווע איז אַ קונסט פאַר זיך, ער׳ט גאָר קיינעם ניט אַנטרויען, אפילו שפּרהן, פאַרבריען קאַווע פאַר אים, ער האָט זיך ז י י ן . . . סטיל דערצו. און ניט נאָר קאַווע, דאָ געריכטן וואָס ער קען צופּראַווען בעסער פון איר, ער האָט הנאה ווען ער טוט עס און עס קומט אַרויס גוט, ער באַרימט זיך אפילו פאַר

זיינע חברים מיט זיין קאָך־קונסט. וואָס ער האָט יאָ פיינט איז דאָס איינקויפן, דער עיקר, דאָס שטייןביים קצב, מיט אַלע ווייבער דאָרט. דאָס קען ער ניט פאַרטראָגן, פאַסירט טאַקע, אַז ווען זי גייט אַוועק אויף אַ פּאָר וואָכן ווערט ער אַ וועגעטאַריער אין דערהיים און אַ פליישעסער אין רעסטאָראַן, אין דער קאַפע.

ער איז געזעסן אין קאַפע. זיין שטימונג אַ דערשלאָגענע. שוין צוויי וואָכן אַז שפרה איז ביי די ווייזנצווייגס, טאָג און נאַכט. ער האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט אַזוי גוט ווי ער האָט געקענט. ראַמען דאָס הויז איז אים אָנגעקומען שווער, סטאַיעט פשוט ניט קיין אָטעם, האָט ער געראַמט אין ראַטעס — אַ צימער אַ טאָג. דאָס צוגרייטן עסן — שוין ניט אַזוי שווער, אָבער צוגרייטן עסן פאַר איין מענטשן, זיך אַליין, דריי מאָל אַ טאָג, דערעסט פשוט. אַ פּאָר טעג האָט ער איבער־געהיפּערט. אַ מנחה־מעריב האָט ער אַמאָל געמעגט איבערהיפּערן און אַ מאָלצייט ניט? נו יאָ, פון איבערהיפּערן אַ מנחה איז קיין וואָג ניט אָפּגעקומען, דאָ, זינט זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער שוין פאַרלוירן צוויי פונט, אויך קיין תכלית ניט, מיט זיין רעזערוו . . . אָבער ווער קען זיך עס עסקן דריי מאָל אַ טאָג מיט עסן? וועגן גיין קויפן פלייש איז אָפּגערעדט. האָט ער עטלעכע מאָל שוין געגעסן אין קאַפע. ער האָט געגעסן דאָס פלייש און זיך געקאַכט: פלייש איז עס? לעדער! האָט ניט קיין ידישן טעם. היינט די פּרייזן! פאַר דעם געלט וואָלט ער געקענט עסן אין הויז צוויי און אפשר דריי מאָל, און דאָס געלט איז שפרהס, וואָס זי פאַרדינט ביי די ווייזנצווייגס . . . און די קאַווע איז קאַלט, שמעקט מיט . . . שוך־וואַקס.

— אַ גלאָז קאַווע, הייסע! און, איך בעט אייך, פרישע! וועל באַ־צאָלן אַן עקסטרא דאַים, אַבי ס'זאָל זיין קאַווע, ניט אַט די זשמיגע.

דער סאַרווער האָט פאַרזיכערט אַז ער וועט ברענגען אַ זודיק גלאָז קאַווע, די בעבלעך נאָר וואָס צעמאָלן. נחום האָט ביטער געשמייכלט: קאָסט אים עפּעס טייער דאָס צוזאָגן? קאַווע געדאַרפט געווען לאָזן, טרינקען אין דערהיים, אָבער די היים . . . מאָדנע. ער האָט ליב געהאַט צו זיין אַליין אין הויז. גאַנץ אָפט האָט ער שוין אויסגעקוקט שפרה זאָל אַוועקגיין ערגעץ אויף אַרבעט, ער זאָל קענען . . . אָנשרייבן אַ ליד. זי האָט אים ניט געשטערט. חס וחלילה! אדרבה, האָט זי געזען אַז ער זיצט ביים טיש, אָדער בלויז באַמערקט אַז ער „גייט צו קינד״ האָט זי זיך ווי באַזייטיקט, זי איז געווען און ניט געווען, אָבער טאַקע

אַט דאָס „גיין אויף די שפּיץ פינגער" האָט אים גאַנץ אָפּט דענערווירט. ער האָט ניט געקענט שרייבן, אין דער שטיל זיך געכעסט אויף איר און געוואַרט אויפן טאָג זי זאָל שוין אַוועקגיין. דאָס מאָל, שוין צוויי וואָכן אַז זי איז ניט אין דערהיים און ער האָט ניט אָנגעשריבן קיין צוויי שורות, שרייבט זיך נישט . . . ער האָט געראָמט דאָס הויז אַבי זיין פאַר־נומען, און וויפל ער האָט ניט געראָמט האָט ער נאָך אַלץ געפילט אַז עס בלייבט היינגען אַ . . . צייט־וועב, ניט אָפּצוּאווישן. אין קאָפּע, זען מענטשן, קאָלעגן, הערן אַ וואָרט, זאָגן אַ וואָרט, אין הויז גייען דאָך אַוועק טעג וואָס ער רעדט ניט אויס אַ וואָרט, כאָטש רעד צו זיך אַליין.

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט?

— אָה! העללאָ שיינין! פאַרטראַכט? געטראַכט וועגן אַ גלאָז הייסער שמעקנדיקער קאַווע. אַט קומט זי. ׳עסט טרינקען? נאָך איינע! — האָט ער אַ וויַז געטון דעם סאַרווער אויף שיינינען.

— וואָס, אַ שטרויענער אלמן? — האָט שיינין פריינטלעך געשפּאַסט. דערזעענדיק נחומס פרעגנדיקן קוק, האָט ער היימיש אַ זאָגן געטון: — שפרה אויף אַ וואכטע?

— יאָ, שוין צוויי וואָכן.

— הם . . . דערפאַר זעט מען זי ניט. ווי לאַנג וועט זי נאָך זיין דאָרט?

— כ׳ווייס ניט, — האָט נחום קאַלט געענטפערט. אַלע ווייסן אַז שפרה אַרבעט, אָבער נאָכוואָס איבערפרעגן? כאַפּנדיק זיך אַז געפרעגט האָט שיינין — זיין נאָענטסטער פריינט — האָט ער שוין וואַרימער אַ פרעג געטון: — וואָס איז דען?

— דאַרף זי זען.

די ווערטער — טרוקענע, געשעפטסמעסיקע, דער קוק אויסמיידנ־דיק: ניט דיין עסק. טאַקע דערפאַר פרעגט שוין נחום ניט אָן איראָניע:

— מעג איך אויך וויסן?

— מעגסט, אודאי מעגסטו, — און אַ נעם טוענדיק די גלאָז קאַווע אַט ווי ער וואָלט זיך געלאָזט ניט טרינקען נאָר שווימען אין איר, האָט ער אַ זאָג געטון: — וועגן דיין יובילעי.

— יו—בי—ליי?!

— נו יאָ, יו—בי—ליי.

— פאָרט אויף דער חתונה, פאַרגעסן דעם חתן . . .

— שפרה האָט דיר גאָרניט געזאָגט?

— נ—יי—ן. — אויף דער צעצויגנקייט פונם וואָרט האָט זיך

געוויגט שפּרהס אָנצוהערעניש איידער זי איז אַוועק צו די ווייַנצווייגס. הייסט עס, אַז זי דרייט טאַקע עפּעס הינטער זייַנע פּלייצעס. אים געפעלט עס נישט. אים געפעלט ניט שייַנינס טאָן, און אים געפעלט אודאי ניט די מעשה יובילײ. ער'ט . . .

— האָסט אַ וואוילע ווייבל, נאָר איין חסרון — זי איז צופיל פאַרליבט אין דיר.

— דאָס דערוויס איך זיך ערשט פון דיר, — האָט נחום אָפּן איראָניזירט. — זאָג מיר אָבער וואָס עפּעס אינמיטן דרינען מיין ווייב?

— ווייל אויב דו ביסט, ווי דו זאָגסט, דער חתן, איז זי די כלה, און אפשר גאָר די הויפּט מחותנתטע. זי האָט עס באַדאַרפט רעדן מיט דיר וועגן דעם, אַפּנים אָבער אַז זי האָט מורא: אַ קשיה אויף דיר, קענסט נאָך אַ בריקע טון — ניע פּאָזוואָליאַם!

— אויב אַזוי, איז מיין ווייב אַ חכמה. טאַקע שוין אָפּגעלעבט זיבן שמיטות מיט אַ סמיטשיק, יובלען אָבער ניטאָ צוליב וואָס.

— עניוות מתוך גדלות . . .

אין נחומס אויגן האָבן זיך באַוויזן רויטלעכע פייערלעך, די דינע ליפּן האָבן זיך אַ קנייטש געטון, דאָס שאַרפע וואָרט וואָס האָט זיך געריסן איז צעריבן געוואָרן, עס האָט זיך נאָר אַרויסגעזייט: — מיינע נאָזלעכער בייַנקען ניט נאָך קטורת.

— ט'האָסטו דיר! פּטום הקטורת! די כהנים האָבן ניט געלעבט פון קטורת רויך, זיי האָבן געריבן אויף ביידע באַקן, און דער כהן גדול, ס'אַסברה, האָט נאָך געקליבן אַ ט ו ל ע ר .

דאָס ברייטע „רייבן אויף ביידע באַקן", דער דגש חזק אויפן „טולער" האָט געשפּאָט: קריך אַרונטער פון דיין הויכן פּאָעטישן פערד, שטיי מיט די פיס אויף דער ערד, איך רעד וועגן עסן! וועגן אַ פּאָר דאָלאַר! פריינט האָבן זיך אָנגעקוקט, שייַנינס שפּאָטישער, אַרויסרופערישער קוק האָט באַגעגנט נחומס פינסטערן קוק. אין די אויגן, איצטער שיר ניט שוואַרץ, האָט אויפגעבליצט אַ בייז פייערל: — דער כהן גדול, זאָגסטו, האָט געקליבן אַ טולער? פיין. „האַו מאַטש? אין קאָלד קעש"?

דער ענגליש, די וואולגאַרע געשעפּטס ווערטער — אַ האַמער, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט: איך קען זיין אַזוי ציניש ווי דו, נאָך צינישער, אויב שוין יאָ זיך מטמא זיין איז אָן קיין טהרה פּאַרטוכל. אַ יובילײ? מה יקר? אין מזומן?

שיינינס שמייכל — אָט אַזוי! איצט הערן מיר דיבורים! פון מויל האָט ער אַרויסגעבראַכט געשעפּטסמעסיק — אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר.

— פון ווען אָן איז דאָס יידישע פאָלק אַזוי רייך געוואָרן?

— וועגן יידישן פאָלק וועלן מיר שפּעטער רעדן. וועסט מיר געבן דעם אַדרעס וועל איך דעם אָנשרייבן אַ בריוול, דערוויייל האָט עס צו טון מיט אַ צוויי מנינים יידן, און זיי, אַז זיי נעמען זיך אונטער, וועלן זיי עס דורכפירן.

— מיט געזענגען, מערשע און טענצע?

שיינינס קוק — דו ווילסט דאָך מיך אַרויסברייגנען פון געדולד, וועל איך דיר וויזן.

— געזענגען, מערשע און טענצע לאו דוקא, זעסטו בי———כע!...

וואָס קוקסטו מיך אָן? ווילסט'אָך אַרויסגעבן אַ באַנד געקליבענע לידער.

— שיינינס קוק — דיך געפּאַקט!

— פון וואַנען ווייסטו עס?

דער ענין אַ באַנד געקליבענע לידער — זיינער אַ פאַרלאַנג, אַ חלום, בעיקר אַ סוד, בלויז שפרה האָט געוואוסט וועגן דעם. הייסט עס, זי... איר אויף צו להכעיס וועט ער ניט אַרויסגעבן, וועט ניט יובלען, וועט... ניין, טאַקע צוליב איר וועט ער זיך לאָזן יובלען, וועט אָנטון די טויבע היטל, אַבי אריינקריגן די פּאָר טויזנט דאָלאַר, ז י י ן געלט, זי איז ניט די באַלעבאָסטע, ער...

— וואו וואוינסטו, אין דער מידבר? אין ניו יאָרק, אַז מ'טוט אַ ניס אין די בראָנקס הערט מען אויף איסט בראָדוויי, און אויף איסט בראָדוויי ביסטו שוין אַ בעל יובל. טאָ נעם זיך צו דער אַרבעט, קלייב אָפּ וואָס דיר געפעלט, אָדער, אפשר גאָר אַ בוך נ י י ע לידער?

— איך ווייס ניט. ניט געטראַכט דערפון. אינגאַנצן ניט געטראַכט און, דעם אמת געזאָגט, ווייס איך ניט וואָס צו טראַכטן. איך...

— טראַכט אַ ביסל ווינציקער און טו אַ ביסל מער. נעם זיך צו דער אַרבעט.

ביידע האָבן פאַרקוקט צו די סאַרווער וואָס האָבן געפּאַדעט ביי די טישלעך, געוואָלט מיט די אויגן צוציען זייער סאַרוועער, ער זאָל נעמען געלט, זיי זאָלן קענען אַוועקגיין, ניט דאַרפן זיצן מער, ריידן. קאָלעגן, פריינט, איינער גערן עפּעס טון פאַרן צווייטן, פונדעסטוועגן האָט יעדע ווענדונג, שיער ניט יעדער וואָרט גערייצט, אַ קידער־ווידער געשפּרעך.

— אַ פאַרשווערונג! אַ קאָנספּיראַציע! און די הויפּט שולדיקע —

שפרה. זי וועט קומען פון די ווײַנצווייגס וועט ער . . . ביז וואָס ווען וועט ער אָנשרײַבן שײַנינען אַ פּאָר ווערטער ער זאָל זיך ניט דערוועגן עפּעס טון. קיין יובל! פײַערן דעם יובל. ווען ער דערהערט דאָס וואָרט פײַערן, אפילו אין געדאַנק בלויז, צינדט ער זיך אָן פאַר כעס. מ׳האַלט אין איין פײַערן . . . ניט אים! ער . . .

ער האָט זיך גענומען איבערקוקן, איבערלייענען, אָפּקלײַבן זײַנע לידער. געלייענט האָט אַ זײַטיקער מענטש, אַ שטרענגער קריטיקער, איין ליד גוט, אַ צווייט ליד שלעכט, דאָס גוטע ליד — גוט לכל הדעות, דאָס שלעכטע — אים געפעלט עס ניט, עס טאָר ניט אַרײַנגיין אין בוך, בײדע לידער — פרעמדע, ניט זײַנע. אַ דריט ליד. מיט דעם איז ער ניט אַזוי זיכער צי עס איז ראוי אַרײַנגיין אין בוך, אין אים וועקט זיך אָבער אויף אַ דערמאָנונג פון דער אָנרעגונג צום שרײַבן דאָס ליד, ער דערפילט אָן עכאָ פון דער שטימונג בעתן שרײַבן, און דאָס ליד ווערט אַזוי אייגן, אָן אינטימער סוד, און ווייל אַזוי וויל ער אָט דעם סוד פאַרטרויען דער וועלט . . . קיינער וועט עס ניט כאַפּן, פאַרשטייט זיך, אדרבה, אַ קריטיקער וועט זיך נאָך אָפּרייסן און אָנווייזן אַז אין אַ באַנד פון ג ע ק ל י ב ע נ ע לידער וואָלט אַזאַ שוואַך ליד ניט באַ־דאַרפט אַרײַנגענומען ווערן. זאָל ער! אָט דעם קריטיקער, דער וועלט אויף צו להכעיס מוז דאָס ליד אַרײַנגיין. „רירסט אָן אַ בוך רירסטו אָן אַ מענטש״. דאָס בוך — ער, דער תמצית פון זײַן לעבן. מער קיין ביכער וועט ער ניט האָבן . . . ער פילט עס . . .

ער האָט געזען אַ בלאַנק פון זײַן יובל קאָמיטעט. אינמיטן אַ קמץ בערדל — נחום כץ יובל קאָמיטעט — ביי די זײַטן צוויי לײַנגלעכע פּיאות, נעמען פון קאָלעגן שרײַבער און סתם „פּאַטשאַטנע״ מענטשן. אין די פּיאות האָבן זיך דורכגעוואָרפן אַ פּאָר שעטנז האָר, ראַפאַעל ווײַנ־צווייג, סעימור פּײַערסטאָן, ארטשיבאַלד ז(צ)ימערמאַן, און ער האָט פאַר־שטאַנען — דאָס איז איר אַרבעט, דאָס האָט שפרה, דירעקט אָדער אומדירעקט, זיי אַרײַנגעצויגן צוליב זייערע „פּאָר טולער״. נו, ווי דען? מיט אַמאָל איז אַר—טשי—באַלד זימערמאַן געוואָרן פאַראינטע־רעסירט אין יידישער פּאָעזיע! פונדעסטוועגן האָט ער שפרהן אַ וואָרט ניט געזאָגט. איין מאָל אין לעבן מעג אַ מענטש באַגיין אָן עוולה, אפילו קעגן זיך. ער׳ט עס איבערטאַנצן, אים וועט בלײַבן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, ז י י ן געלט, און אַ בוך, ד אָ ס בוך . . .

דאָס בוך איז שוין געווען ביים זעצער און נחום איז דורכגעגאַנגען

גלגול המלות, חיבוט הדפוס. אַ ליד אין כתב יד, די ווערטער, די אותיות — אַן אייגן קליין קינד, גלעטן, צערטלען, קושן און אויך . . . אַ פּאַטש טון איבערן הענטל. דאָס זעלבע ליד, איבערגעשריבן אויף דער שרייב מאַשין, און „דאָס קינד" איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַנדערש, די אותיות מרובעות אַן אַנדער פּנים, און דאָך אַזוי אייגן. אָבער אַט ליגן פֿאַר אים לאַנגע בויגנס פּאַפּיר, „געלליס" קאָרעקטור, און די ווערטער — דערוואַקסענע קינדער, שטייען שוין אין שידוכים, באַלד וועלן זיי חתונה האָבן, שוין זיין אינגאַנצן פֿאַר זיך, איצטער אַ, ביז זיי זיינען נאָך אין זיין רשות, מוז ער זיי גיבן עצות, אָנווייזונגען. די „געלליס" האָבן ממש גערייצט זיינע אויגן, דאָ קלינגט נישט גוט אַ וואָרט, מ'מוז עס בייטן, אפשר בייטן די גאַנצע שורה. היינט די גרייזן! אוי, די גרייזן! אוי, דער זעצער! הער אַ מעשה, דער זעצער וויל אים לערנען יידיש! און ער איז ניט סתם אַ זעצער, ער קען סינ־טאַקס! און ער פֿאַרריכט די פּונקטואַציע. טפֿש! נחום האָט זיך זיין סינטאַקס, דעם סינטאַקס פֿון זיין אָטעם־צוג. נו יאָ, ער האָט אַ קורצן אָטעם, ביי אים קומען דערפֿאַר אַרויס אַ סך פּאַסיקלעך (—), ניט גענוי על פּי כּללי הסינטאַקס, וואָס איז געגעבן געוואָרן . . . אויפֿן באַרג סיני. נו, אויפֿן באַרג סיני איז ער אויך געשטאַנען, אָבער אַ סינטאַקס קען ער זיך דערלויבן אַן אייגענעם. אָבער גיי קלאַפּ דאָס אַריין דעם זעצער אין קאָפּ.

שפּרה האָט זיך געבעטן ביי אים: וואָס דאַרפסטו לויפֿן צום זעצער? קענסט'אָך אים צוריקשיקן די קאָרעקטור פּער פּאָסט!

גיי דערצייל איר וואָס אַ זעצער איז. און ער איז געלאָפֿן צום זעצער, זיך געכעסט, זיך געקריגט מיטן זעצער, און זיך איבערגעבעטן, נאָכגעגעבן האָט, פֿאַרשטייט זיך, דער זעצער: ניט זיין סידור, ניט זיין טייטל, ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי, נחומען האָט עס אָבער געקאָסט געזונט, ער האָט געפֿיבערט מיט אַרבעט, פּשוטו כּמשמעו, געקראָגן הע־כערע טעמפּעראַטור.

— ווי גייט עס שוין אַריבער! — האָט שפּרה אין דער שטיל גע־בעטן. איר האָט שוין שיער נישט באַנג געטון וואָס זי האָט „פֿאַרקאָכט די קאַשע", צופֿיל פֿאַר אים. ווי ווערט שוין פֿאַרטיק דאָס בוך!

דאָס בוך איז שוין געווען ביים איינבינדער, נחום האָט שוין געקאָנט זיצן, ליגן רואיק אין הויז, ער האָט אָבער ניט גערוט: באַלד איז שוין

דער אָוונט, דער יובל . . . ער דאַרף דאָך עפּעס זאָגן. ניט נאָר דאַרף ער, לשם יוצא זיין, ער וויל, ער האָט עפּעס וויכטיקס צו זאָגן.

שפרה האָט געזען — אויפן טעפּיך איז שיער ניט אויסגעטראָטן אַ סטעזשקע פון זיין אַרומגיין, טראַכטן, פאַר אים, הינטער אים אַן עמוד ענגן ציגאַרעטן רויך, דאָס שרייבט ער, אין קאָפּ, זיין רעדע. ניט נאָר האָט ער געשריבן, ער האָט אויך געמעקט אין קאָפּ, אויפן פּאַפּיר דאַרף דער זאַץ אַרויסקומען אַ קלאָרער, אַן אויסגעטאָקטער.

— מוזסט עס אָנשרייבן די גאַנצע רעדע? פאַרצייכן די פּונקטן, דאָס איבעריקע וועסטו שוין דערזאָגן.

— דאָס גערעדטע וואָרט פאַרטראָגט דער ווינט, דאָס פאַרשריבענע בלייבט.

זיין רעדע דאַרף בלייבן . . .

פּאַרטיק געוואָרן מיט דער רעדע, האָט ער עס איר געגעבן איבער־לייענען, ער אַליין האָט כלומרשט זיך פאַרטיפט אין אַ בוך, זיין מישן די בלעטער, זיין אַפּירקוקן פון בוך צו איר, ממש אַ געשריי — וואָס נעמט עס דיר אַזוי לאַנג?! זי האָט געענדיקט, זיך אויפגעהויבן דער־לאַנגען אים צוריק דעם מאַנוסקריפּט, זיינען זיינע אויגן איר אַנטקעגנ־געשפּרונגען: געפעלט דיר? זי האָט אים שטאַרק אַ קוש געטון, האָט ער, מעשה בן יחיד, וואָס האָט נאָר וואָס אַרונטערגעשלונגען אַ צוקערקע און בעט: נאָך! אַ פרעג געטון — געפעלט דיר?

— עס איז וואונדערבאַר!

— נו, וואָס דען, ד י ר וועט נ י ט געפעלן.

— רשע. אַז ס'זאָל מיר נ י ט געפעלן וואָלט דיר געפעלן?

— נ—יי—ן, אָבער עפּעס אַ חסרון מוז דאָך זיין.

— דעם איינציקן חסרון וואָס איך קען זען איז, וואָס עס וועט דיר נעמען לייענען די רעדע אַ גוטע האַלבע שעה, אויב ניט מער, דיינקסטו ניט אַז דאָס איז אַ ביסעלע צופיל פאַר דיר?

— וואָס עפּעס צופיל? איך פיל זייער גוט.

— איך האָף אַז דו וועסט פילן גוט צום אָוונט. לייענען פאַר אַן עולם איז שווערער ווי סתם ריידן.

— און אַז אַן עולם איז וואָס?

טאַקע, וואָס איז אַן עולם? שפרה האָט דעריבער אַ פאַרחידושטע אויפגעריסן די אויגן, איר מויל האָט זיך אפילו אַן עפן געטון ווען זי האָט דערהערט: דאַרפן דינגען, צי גאָר באַשטעלן אַ טאַקסידאָ פאַרן אָוונט.

— אַ טאַקסידאַ ?!

— איך קען דאָך ניט אַרויפגיין פאַר אַן עולם אין אַט אַ דעם אַ!

וועגן אַ נייעם גאַרניטור האָט זי שוין געטראַכט, אָבער אַ טאַק־סידאַ! — דיינקסטו ניט אַז דאָס איז אַ ביסל צו . . . צו . . . ווי זאָל איך דיר זאָגן, צו . . . רייך? — שיער שיער האָט זי ניט אַרויסגעזאָגט צו סנאָביש, זי האָט אָבער באַוויזן אויסצומיידן דאָס וואָרט, זי האָט געוואוסט דאָס וואָלט אים אויפגעקאָכט, ווייל ער . . . איז אַ ביסל אַ סנאָב.

— קיין גבירים זיינען מיר טאָקע ניט, אָבער איין מאָל אין לעבן מעג מען זיך לאָזן וואוילגיין. וויפל קען עס קאָסטן? אַ פופציקער? איז מער. לאָמיך זאָגן אַ הונדערטער, נו איז עלעהיי איין גביר האָט ניט געגעבן זיין הונדערטער.

שפרה האָט עס אָנגענומען ווי אַ שטאָך פאַר „אירע גבירים“, וואָס אַ דאַנק איר האָט מען ביי זיי געקראָגן געלט. ער האָט איר גאָרניט געזאָגט, ניט אויסגערעדט, זי האָט אָבער געוואוסט אַז דער ענין קריינקט אים. — וואָס איז גאָר גבירים? דער עולם וועט טאָקע זיין אַ געקליבענער, אָבער מייסטנס אייגענע מענטשן, שרייבער.

— ניט קיין פראַגע אייגענע צי פרעמדע. שבת, מ׳גייט צום טיש, אייגענע מענטשן, דאָך טוט מען זיך אָן שבתדיקע בגדים. אין שול, דער חזן, טראָגט אַ חזנישע יאַרמעלקע, פון די קאַטאָליקן ביי זייער גאָטעס־דינסט איז דאָך אָפּגערעדט, זיי ווייסן אַז די קליידער, פונם גלחס שוואַר־צער סוטאַנע ביזן קאַרדינאַלס צי דעם פויפּסטס רויטער אָדער פור־פורנער פּעלערינע, זיינען זייער וויכטיק. און, איכ׳ל דיר פּאַרטרויען אַ סוד, מיר דוכט זיי האָבן דאָס אַלץ געבאָרגט ביי אונדז, אַט ווי אַ היפּש ביסל פון זייערע תפילות. האָסט אַמאָל געלייענט אין חומש וועגן די קליידער פונם כהן גדול? ביזן מינדסטן שטעכעלע אָנגעוויזן. און אַזוי דאַרף זיין. די הלבשה אַליין דאַרף אַרויסרופן דרך ארץ.

זי האָט געקענט איר ניאמען. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך קיין כבוד, דאָס איז אמת, אָבער ווי ער האָט געציטערט פאַר זיין חשיבות! אפילו צו די גאָר נאָענטע . . . האָט ער אָנגעוויזן — דיסטאַנץ! ווייטער גיי ניט. אַ פּלויט אויפגעשטעלט. נו, אַט דעם פּלויט האָט זי שוין אין אַ סך ערטער דורכגעבראָכן, און זי וועט דורכברעכן נאָך . . .

אַ שבת צונאַכט איז דאָס געווען, פּונקט אַ וואָך פאַר זיין יובל. שפרה איז אַרונטערגעגאַנגען אין גאַס, האָט געקויפט די יידישע זונטיק צייטונגען און אויך די ענגלישע צייטונג, וואו, זי האָט געוואוסט, עס

דאַרף זיין אָפּגעדרוקט נחומס אַ ליד, זיינס אַ בילד מיט אַ מעלדונג וועגן זיין יובל. דאָס האָט דער יונגער וויינצווייג, מילטאָן, „איר קינד" — זי האָט אַכטונג געגעבן אויף אים פון קינדוויז אָן, ווען ער האָט געפּאַקט און געמאָזלט, און ביז היינט צו טאָג רופט ער זי „שיפּליע", לזכר פון יענע יאָרן, ווען ער האָט נאָך ניט געקענט אַרויסריידן קיין ריש — באַדאַרפט באַזאָרגן. ביי דער ציטונגס שטעל נאָך האָט זי אָן עפּן געטון די ליטעראַרישע ביילאַגע זען צי איז טאַקע אַלץ אַריין ווי מילטאָן האָט איר צוגעזאָגט. דערזען אין דער האַלב פינסטערניש נחומס בילד, זיין ליד, האָבן זיך אירע הענט אַ טרייסל געטון. זי האָט אויף גיך פאַרמאַכט די ציטונג, פאַרקוועטשט אַלע ציטונגען אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט אַהיים. ווי זאָל זי עס אים וויזן? וואָס וועט זי אים זאָגן? דאָס ליד האָט זי „צוגעגנבעט", ער ווייסט גאָרניט דערפון. און וואָס וועט ער זאָגן? ער קען נאָך . . . אירע אויגן — צוויי שיין־וואָרפער — האָבן אַ לויכט געטון און זיך פאַרלאָשן. ניאמע. ער'ט זי ניט קעפּן דערפאַר, נייק, קעפּן וועט ער זי ניט, ער'ט . . .

זי האָט אָוועקגעלייגט די ציטונגען ווי יעדן שבת אָונט און, ווי אַלע מאָל, האָט נחום גלייך זיך געכאַפּט צו „זיין" ציטונג, צו דער ליטעראַרישער זייט דאָרט. דערזען דאָרט אַן אַרטיקל וועגן זיך, זיין יובל קומענדיקן שבת, האָט ער אַ זאָג געטון: — געזען?

— געזען וואָס?

— די חתונה האָט זיך שוין אָנגעהויבן. מיסטער . . . האָט דאָך אַן אַרטיקל וועגן מיר.

דער „מיסטער" טאַקע אַ איראָנישער, פונדעסטוועגן ווען שפּרה איז צוגעגאַנגען, האָט אַנגערירט די ציטונג, האָט ער אַ דריי געטון די זייט, ווי איינער רעדט: לאָז לייענען! זי האָט אַ שמייכל געטון: וואַרט, וועסט נאָך דערזען יענעם אַרטיקל! זי האָט זיך אָוועקגעזעצט, כלומרשט געלייענט די ענגלישע ציטונג, ערשט ווען זי האָט דערפילט אַז נחום האָט שוין געענדיקט לייענען האָט זי אַ הויב געטון דעם קאָפּ. — נו, וואָס שרייבט ער?

— נאַ, לייען! — דער טאָן, דער קוק — געקראָגן אַן עליה.

זי האָט איבערגענומען די ציטונג, געלייענט, מיט אַ ווינקל פון אויג געטשאַטעוועט ווען וועט ער זיך נעמען צו דער ענגלישער ציטונג. אין דער צווייטער יידישער ציטונג איז קיין אַרטיקל וועגן אים ניט געווען, האָט ער אַ בליק געטון אויף דער ליטעראַרישער זייט, איבער־

געמישט די אַנדערע זייטן און זיך גענומען צו דער ענגלישער צייטונג, אַ בליק אויף די נייס קעפּלעך און גלייך אַריבער צו דער ליטעראַרישער ביילאַגע. שפרה האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

— זע נאָר! זע נאָר! וואָס איז דאָס?

— וואָס? — איר שמייכל — אַ הייסע קויל אין אירע פאַרמאַכטע הענט, זי׳ט זי ניט איינהאַלטן! זי האָט איינגעהאַלטן, אָנגעשטעלט אַ פרעגנדיקן, תמעוואַטן קוק.

— קום אַהער!

שיער נישט אַ באַפעל פון אַ טאַטן צו אַ קינד עס זאָל קומען זיך אַוועקלייגן . . . זי איז צוגעגאַנגען, גרייט אויפן ערגסטן . . . ער האָט אפילו ניט אַ קוק געטון אויף איר, ער האָט געלייענט זיין ליד, ערשט ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן דערמיט האָט ער אַ קער געטון דעם קאָפּ. פון זיין קוק האָט זי געזען — אויפן ביינקעלע . . . וועט זי זיך ב י ט דאַרפן לייגן.

— אַ גוטע איבערזעצונג. זייער גוט איבערזעצט. — זי האָט געשמייכלט. — וואו האָבן זיי גענומען דאָס ליד? — דאָס איז געווען פון די נייע לידער וואָס זיינען אַריין אין בוך, פריער אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן. זי האָט ניט געענטפערט מיט קיין וואָרט. דער שמייכל האָט אויסגעזאָגט אַלץ. — גנבטע! פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט? אפשר וואָלט איך גאָר אויסגעקליבן אַן אַנדער ליד.

— מיר געפעלט דאָס ליד . . .

— עס איז אַ גוט ליד . . .

האָט זי פריער זיך אַ בויג געטון צו אים, האָט ער פריער זיך אַ צי געטון צו איר? סיי ווי, זייערע מיילער האָבן זיך באַגעגנט. דאָס איז געווען די צווייטע באַגעגעניש, די ערשטע איז פאָרגעקומען ווען ער האָט אָנגעשריבן דאָס ליד, געשריבן, ווי ער האָט געזאָגט, פון אירעטוועגן און עס איר דערלאַנגט אַ מתנה.

— ג נ ב ל ! . . .

— איך האָב עס ניט געגנבעט. עס איז מיין ליד. אונדזער ליד!

— זי האָט געבראַכן דעם פּלויט . . . מעג ער פאַר לייטן אפילו טראָגן אַ טאַקסידאָ.

זי האָט אים אָנגעמאָסטן דאָס רעקל — אַ מין רעפּעטיציע — ער האָט זיך געשפּיגלט, ליגט גוט, די פראַגע איז — אַ שניפּסל. זי איז געווען פאַר אַ „שוועלבעלע”: אויב שוין יאָ אָנגעטון ווי „ביי לייטן”

איז לויט אַלע כּללים, ער איז באַשטאַנען אויף זיין ווינדזאָר שניפּס.
— פון מיר וועט שוין קיין ל י י ט ניט זיין. — אויסגעפּירט האָט ער, און ווען זי האָט אים דערזען אויף דער בינע — זי האָט באין אופן ניט געוואָלט זיצן מיט אים דאָרט — האָט זי צוגעגעבן אַז ער איז געווען גערעכט. געווען דאָרטן אין זאַל נאָך אַ פּאָר מענטשן אין טאַקסידאָס, פון די „גבירים", אָבער אויף זיי האָבן די טאַקסידאָס, די שוועלבעלעך־שניפּסלעך איבער די אָנגעקראָכמאַלעטע ווייסע העמדער, געשריען: זעט ווי מיר האָבן זיך אויסגעפּוצט! אויף אים איז דאָס רעקל געליגן אָט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין אַנדער מלבוש ניט געטראָגן, און דער ווינדזאָר שניפּס האָט געזאָגט: איר קענט דאָך מיך! דער דיכטער נחום כץ, דאָס בין איך געקומען צו דער . . . עבודה, ניט שרייבן, צי אפילו לייענען לידער, היינט וועל איך ר י י ד ן וועגן לידער.

פּ אָ ר אים האָט גערעדט שיינין, נאָך דריי שרייבער, שפרה האָט זיי געהערט ווי דורך אַ וואַנט, פון דער ווייבערישער שול, זיי אַלע דאַוונען דאָך פון פּאָרנט, זי דאַרף הערן דעם ח ז ן! ער האָט גענומען רעדן, האָט די שטילקייט אין זאַל זיך אָנגערוקט אויף איר, פּאַרקלעמט דעם האַלז פון אינעווייניק. זיין שטימע קלאָר און שטאַרק, זי האָט זיך ניט גערעכט ער זאָל קענען אַזוי רעדן, וועט ער אָבער אויסהאַלטן? אויפן סטענדער שטייט אַ גלאָז וואַסער, גוט, זי האָט אָבער באַמערקט זיינע פינגער האָבן זיך אַ צי געטון צום ווייסן טיכעלע אין דער אויבער־שטער קעשענע, זיך אַ צי געטון און צוריק־געצויגן, ער שוויצט, אָבער דער עקשן, ער'ט אָפּגיין מיט שוויס און זיך מאַכן ניט וויסנדיק. אָפּוואַשן מיט אַלקאָהאָל, אָפּטריקענען . . . זי'ט קומען אַהיים . . .

„. . . פאָרם און אינהאַלט — דאָס איז הויט און לייב. לייב אָן הויט, אינהאַלט אָן פאָרם, איז גאָרניט, פּאָרמלאָזע מאַסע, קיין פּאָעזיע זיכער ניט. הויט אָן לייב, פאָרם אָן אינהאַלט, איז אויך גאָרניט, סיידן אפשר אַ באַלון. דער באַלון, מעג ער אפילו זיין אַ קאָלירטער, האָט ער אָבער קיין האַפּט, ווערט פאַרטראָגן פון ווינט און אַ מינדסטער שטאָך, בלייבט פון אים גאָרניט, אַ צעקנייטשט שטיקל הויט . . ."

די ווערטער געדיינקט זי, דער אופן ווי ער ברייננט זיי אַרויס, זיין שטימע, ער זאָל כאָטש ניט בלייבן אָן אָטעם . . . זי האָט אַ זוך געטון אין איר האַנט־בייטל, אַנגעטאַפּט דאָס פלעשעלע מיט די פּילן, מיטגענומען אויף הלואי זאָל מען ניט דאַרפן.

זי האָט אים דערלאַנגט איין פּיל, די גלאָז וואַסער, אַ צווייטן פּיל,

ער האָט זיך ניט געוועדט, אַרונטערגעשלונגען. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אַ זאָג געטון: אַ דאַנק, און פון אָט דעם אַ דאַנק האָט זיך איר געוואָלט לאַכן און וויינען.

— דאַנקען גאָט, איבערגעקומען, — האָט זי געענטפערט, און אַ געטרייע מאַמע, אַ געניטע קראַנקן שוועסטער, האָט זי באַשיצט איר קינד־פּאַציענט פון צופיל האַנט־דריקעניש, געשפּרעכן: אַהיים! אַהיים!

— געווען אַ פיינער אָוונט, ניין?

— ז י י ע ר אַ שיינער אָוונט.

— שיינינס עטלעכע ווערטער האָבן מיך ממש גערירט.

אין דער פינסטערניש פון דעם טעקסי חלל האָט אויפגעפליקערט אירער אַ שמייכל: ניאמע. דאָס טאַפּט ער דעם וועג צו ז י י ן רעדע...

— פון שיינינען איז דאָך אָפּגערעדט, אפילו די אַנדערע אויך גוט גערעדט, און דיין רעדע! . . . זי האָט אַ דריק געטון זיין אָרעם.

— מ׳האָט מיך כאָטש געהערט?

— יעדער וואָרט. כ׳האָב זיך ממש געחידושט . . .

— דיר פאַרטרויען אַ סוד, איין מאָמענט האָב איך געדיינקט אַז . . . אויס! ווייטער גייט עס ניט, גענומען אַ ביסל וואַסער, איז עס איבער־געגאַנגען.

זי האָט אַ נעם געטון איין קליאַפּע פון זיין מאַנטל, אַ שאַר געטון, פאַרשטעלן זיין האַלז.

— מיר איז ניט קאַלט.

— ציט פון ערגעץ אַ ווינט, — האָט זי זיך כלומרשט גערוגזט אויפן ווינט, געטראַכט האָט זי: מוז האָבן היץ, אפשר נאָך פאַרשוויצט אויך. גוט וואָס זי האָט גענומען אַ טעקסי, באַלד זיין אין דערהיים, דאָרטן וועט זי אים . . .

אויף מאָרגן נאָך זיין יובל האָט נחום כץ אויסגעזען אַ זעכציקער. די עלטער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אים, זיך באַזעצט אויף זיין פּלייצע, וואָס איז געוואָרן אויסגעקיילעכיקט, אים געמאַכט נידעריקער; ארום מויל, וואו זי האָט איינגעשניטן טיפערע קנייטשן, ממש רינוועס גאַנצע; זי האָט זיך אַריינגעקליבן, דער עיקר, אין די אויגן. אויסגעלאָשן, האָבן זיי מיד, דערשעפּט געקוקט: נו אָט, איבערגעגאַנגען די גרענעץ, פאַר־לאָזט דאָס פופציק־לאַנד, ניט צוריקצוקומען, און צום זעכציק אַזוי ווייט, אַזוי ווייט, ניט דערגיין . . . ניין, ניט דערגיין, שוין בלייבן דאָ אָ, אין דרויסן . . . און מיטגענומען אין וועג . . . גאָרניט, חוץ אָט דעם „טלית

און תפילין", דאָס בוך. איין בוך האָט מען פאַר אים איינגעבונדן אין לעדער, האָט ער עס אַ פּאָר מאָל אַ נעם געטון, אַ קוק געגעבן אויף אַ ליד, פאַרמאַכט, אַ פיר געטון מיט דער האנט איבערן טאָוול, רוקן און אַוועקגעלייגט, זיך אַליין אוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, געליגן, גע־טראַכט . . .

שייניַן איז געקומען, געבראַכט דעם ריינעם ריווח פונם יובל, פערצן הונדערט מיט פינף און דרייסיק דאָלאַר. דעם טשעק האָט ער אַוועק־געגעבן שפרהן, גערעדט מער צו נחומען, וועגן אָוונט, נחומס רעדע, וועגן דעם בוך, עס איז אָבער געווען שיער ניט שייניַנס אַ מאָנאָלאָג, נחום האָט בלויז אַריינגעשטעלט אַ וואָרט, זיין קוק דערביי — וואָס גייט עס מיר אָן? שייניַן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך ווידער צו־געשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע. שפרה האָט אים דערלאַנגט דעם טשעק, מיט צוויי פינגער האָט ער אָנגערירט דעם טשעק, די אויגן געריכט צו איר.

— דאָס האָט שייניַן געבראַכט. געבליבן פון אָוונט.

— טאָ וואָס גיסטו אים מיר? — ער האָט איר צוריקגעגעבן דעם טשעק. זי איז ניט געווען זיכער צי האָט ער אפילו געזען די סומע.

— דאָס איז דאָך ד י י ן געלט!

— פון ווען אָן איז עס ביי אונדז מיין געלט און דיין געלט?

שפרה האָט זיך נישט צעוויינט. זי האָט איינגעלייגט וועלטן, האָט געטון זאַכן וואָס זיינען איר געווען דערווידער, אַבי דאָס בוך זאָל אַרויס־גיין, עס זאָל נאָך בלייבן אַ ביסל געלט, ז י י ן געלט: זי ווייסט אַז דער ענין קריינקט אים, איצט, ווען זי דערלאַנגט אים דאָס געלט, וואַרפט ער איר פאָר אַז זי רעכנט זיך מיט אים אין געלט ענינים. — איין מאָל אין אַ יובל, — האָט זי אַ זאָג געטון מיט אַ קריינקלעכן שמייכל. זיינע דינע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט: גוט געזאָגט! גוט געזאָגט! נו, מער קיין יובל וועט ניט זיין. באַהאַלט עס, לייג עס אַריין אין באַנק. וועט צונוץ קומען.

צערייסן דעם טשעק, דאָ פאַר זיינע אויגן — נאַ, דאָ האָסטו דיר דיין טשעק, דיין יובל, דיין . . . — פאַרקנייטשט דעם טשעק אין האַנט, איז זי ארויסגעגאַנגען פון צימער. הלואי וואָלט זי ניט אָנגעדרייט דאָס גאַנצע רעדל, דאָס האָט אים זיכער קיין גוטס ניט געטון. אַזוי דער־שלאָגן. זי הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין. און דער פיבער געפעלט איר ניט, ניט צו הויך, אָבער באַשטענדיק, האַלט אָן. דאַרפן אַ רעד טון מיטן דאָקטאָר.

— קיין אַלאַרם. פּשוט צופּיל אָנשטריינגונג, אויפרעגונג, וואָס ער דאַרף איז רו, פולשטענדיקע רו. וואָס איז מכוח אַ סאַניטאַריום?

— סאַניטאַריום!

— אַ פלעגערן, דוכט זיך, אָבער אַ יידישע טאָכטער, דערהערט אַ סאַניטאַריום, דערשרעקט זי זיך.

— וואָסער שרעק? נאַדיר גאָר שרעק, אָבער וואָס עפּעס סאַני־טאַריום? איר דיינקט אַז דאָרטן וועט ער קריגן בעסערע באַהאַנדלונג, אַ געטרייערע שוועסטער?

— די „שוועסטער" איז גוט גענוג, — האָט דער דאָקטאָר גע־ענטפערט שוין מיט דעם שפּאַסיקן טאָן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן דאָקטאָר־פלעגערן געשפּרעך, — אָבער איר קענט דאָרטן אפשר קריגן אַ בעסערן דאָקטאָר . . .

— ד ע ר דאָקטאָר איז גוט גענוג. נאַדיר גאָר סאַניטאַריום. — דאָס שאָטנדל אויף איר אויבערשטער ליפּ האָט זיך אַ וויג געטון, געסטראָשעט: מיט מיר שפּאַסט מען ניט!

— ניטאָ צוליב וואָס זיך אויפרעגן. געזאָגט סאַניטאַריום, געמיינט האָב איך — רו, פולשטענדיקע רו. איר ווייסט דאָך, דאָס איז כמעט די איינציקע . . . רפואה. דאָ אין דערהיים, ער רוט, אָבער איר ווייסט דאָך, מענטשן קומען אַריין, מ'רעדט, מע אַרגומענטירט, מ'רעגט זיך אויף...

— איך וועל קיינעם ניט אַריינלאָזן. קיינעם ניט! ער'ט האָבן פולשטענדיקע רו, איך פאַרזיכער אייך.

— אויף אייך קען איך זיך פאַרלאָזן. — דער דאָקטאָר האָט איר דערלאַנגט די האַנט. — ער איז אין זיכערע הענט. און אַז ער'ט פילן אַ ביסל בעסער קומט אַרויף מיט אים צו מיר אין אָפיס, נעמען אַ רענטגען בילד, אפשר אַ קאַרדיאָגראַם אויך. ו ו ע ן איר'ט אַריינקומען וועל איך שוין געפינען צייט פאַר אייך. און איצטער — אַ גוטן.

מיטן דאָקטאָרס אַוועקגיין האָט זי געקראָגן אַ פּאַציענט. זי גייט מער ניט אַרויס צו דער אַרבעט, זי דאַרף אכטונג געבן אויף נחומען, עסן אין צייט, גיין שלאָפן אין צייט און באַזוכער? אויסקומען אָן זיי. זי'ט ניט אַריינלאָזן. קיינעם!

פאַליק ליפשיץ האָט ניט געוואַרט ביז מ'וועט אים אַריינלאָזן. פון קיין גלעקל האָט ער ניט געהאַלטן, ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיר און, ניט וואַרטנדיק אויף אַן „אַריין" אָדער „ווער איז דאָרט", האָט ער זיך אַריינ־געשטעלט. דערזען שפרהן, איז ער געבליבן שטיין מיטן רוקן צו דער

טיר, אַט ווי אַ ייִנגל וואָס איז נאָר וואָס פאַרטיק געוואָרן מיט אַ געשלעג אין דרויסן און דערוואָרט אַז די מאַמע זאָל אים נעמען אויפֿן צימבל. זיינע צעשויבערטע קופּער קאָליר האָר, דער פֿאַמידאָרן רויטער פּנים באַ־שאָטן מיט קלייען, די דיקע געעפֿנטע ליפּן וואָס האָבן אַנטפּלעקט געזונטע ברייטע ציין און, דער עיקר, די גרוי־בלויע אויגן האָבן שקאָציש גע־זאָגט: אדרבה, פּרואוו מיר עפּעס טון! איין האַנט זיינע האָט זיך אַ צי געטון צום צעכראַסטעטן האַלז, די פֿינגער האָבן געזוכט, געזוכט און באַין אופֿן ניט געקענט געפֿינען דאָס קנעפּל דאָרט.

— אָה! . . . העללאָ! איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, איך . . . איך האָב ניט דערוואָרט צו טרעפֿן א י י ך . . .

— זייט איר אַנטוישט, וואָס?

— אַנטוישט? איבערראַשט! אַנגענעם איבערראַשט, אָבער . . .

— די פֿינגער האָבן ווידער גענומען זוכן דאָס קנעפּל ביים האַלז, אָבער אַנשטאָט פֿאַרשפּיליען דאָס קנעפּל האָבן זיי גאָר אַנגעוויזן אויף די געדיכטע האָר — אַ באָרד אַ גאַנצע — וואָס האָבן אַפּירגעשריען פֿון דער צעכראַסטעטער העמד: דו קוק וואָס׳ער אַ מאַנספּאַרשוין איך בין!

— נו, וואָס שטייט איר?

— געמיינט איר זייט ניטאָ. — ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט, דערלאַנגט די האַנט. — איר אַרבעט ניט?

אירע אויגן האָבן זיך אַ זייטל געטון, די אויבערשטע ליפּ האָט לייכט אַ ציטער געטון: יעדנס עסק צי זי אַרבעט. — איך אַרבעט, אודאי אַרבעט איך, ווען איך וויל! היינט בין איך אין דערהיים. — איר דריי מיטן קאָפּ — וויל איך אַזוי! געפֿעלט דיר ניט?

— שוין עטלעכע מאָל זיך געקליבן אַריינקומען, זען אייער מאַן, אים באַגריסן, אָבער אַלץ עפּעס ניט אויסגעקומען, היינט . . ער איז דאָ אין דערהיים?

— ער איז דאָ, פּילט עפּעס ניט מיט אַלעמען.

— אַזוי גאָר? און איך האָב אים אַזוי געוואָלט זען. ניט געזען אים פֿון זיין אָוונט אָן.

— אָה, איר זייט געווען!

— אודאי געווען! וואָס דען? און לאָמיך אייך געבן אַ קאָמפּלימענט...

איר קאָפּ האָט זיך עטוואָס אַ בויג געטון, איין אויג האָט זיך פֿאַר־קנייטשט ביים ווינקל: — אַ קאָמפּלימענט? פֿאַרדעכטיק, אָבער לאָמיך הערן.

— איר זייט אַ קלוגע פֿרוי.

אַ שמייכל האָט אַ קנייטש געטון איין מויל־ווינקל אירן: קיין בעסערן קאָמפּלימענט קענסטו שוין ניט געפינען? פאַר ווייטער . . .

— ביים אָוונט. געזעסן, געקוקט אויף דער בינע, נאָכדעם אייך דערזען צווישן עולם, האָב איך געטראַכט: אָט אַ קלוגע פרוי! דאָ שרייבער, וועמעס ווייבער, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, קענען ניט קיין צלם פאַר אַן אלף, אָבער אַז עס קומט צו כבוד זיינען זיי דאָ, מ׳מאַכט אַן אָוונט פאַרן מאַן, אַהאַ, זי איז אויף דער בינע! לבנות, רופן מיר אַזעלכע ווייבער, ווילן שיינען אין דער זון־ליכט פון זייערע מענער. איר, ווייסן מיר דאָך, העלפט אַ היפּש ביסל אייער מאַן, אין שרייבן טאַקע, מיין איך, אָבער ניט קיין לבנה . . . געוואָלט עס אייך זאָגן ביים אָוונט טאַקע, אָבער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט, איר זייט פאַרשוואונדן, איר און ער,ביידע . . .

זי האָט געקוקט אויף אים, מיט די אויגן געציילט, געמאָסטן זיינע ווערטער. זי האָט אָפּגעמאָסטן — דעם פאַרשוין פאַרדריסט למאי ער איז ניט פאַררופן געוואָרן אויף דער בינע, זי קען שווערן אַז דאָס איז עס, און דאָס שפּרינגט ביי אים אַרויס דורך קאָמפּלימענטירן איר וואָס זי איז ניט געזעסן דאָרט, זי וואָלט אים געענטפערט מיט אַן ענלעכן קאָמפּלימענט . . . זי האָט אָבער מורא געקראָגן, דער פאַרשוין קען אָנהויבן שיטן נאָך קאָמפּלימענטן . . . האָט זי אַ זאָג געטון — כּך האָט געפילט ניט גוט, פאַר אים געוועזן צופיל אָנשטריינגונג. איצטער אויך...

— דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַן אָנצוהערעניש — גיי דיר געזונטערהייד, אָבער פּונקט דאַן האָט איר אויער פאַרנומען צוויי שוואַכע קלעפּ פון שלאָף־צימער, זייער פאַראַל, נחום האָט זי גערופן.

— אַנטשולדיקט! — האָט זי אויף גיך אַ זאָג געטון.

אין שלאָף־צימער איז פאַרגעקומען אַן אָפּגעריסענער געפליסטער־געשפּרעך.

— ווער איז דאָרט?

— פאַליק. פאַליק ליפּשיץ.

— ער! ווי קומט ער אַהער? — פאַליק איז געוועזן זיין ביטערסטער שונא. אַ פירער פון די יונגע שרייבער, האָט ער ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אַ שטאָך טון די אַלטע, דער עיקר אים, דעם „קלאַסיקער״.

— געקומען. אָבער דו ליג, איכ׳ל אים גלייך משלח זיין.

— זאָג אים איך גיי גלייך אַרויס.

איר קוק האָט אים ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון

געלעגער. — וואו האָסטו אַהינגעטון מיין שניפּס? אה! גוט. און דאָס רעקל? דאָס סאַמעטענע! אין שאַפע? גוט, זאָג אים איך גיי גלייך אַרויס.

— נחום קומט באַלד אַריין.

פאליק האָט אָפּירגעקוקט פונם בוך וואָס ער האָט שוין געהאַט אַרויס־געשלעפּט פון דער ספרים שאַפע, עפּעס אַ ברום געטון, און דער קוק, דער ברום — זלידנע פליג וואָס דו ביסט, וואָס דערגייסטו אַ מענטשן די יאָר, זעסט'אָך איך בין פאַרנומען! זי וואָלט אים אַרויסגעוואָרפן. אויף דריי שפּענדלעך אים אַרויסגעוואָרפן, און ער — זאָג אים איך גיי גלייך אַרויס. אַז אים איז ליב . . . זיך פאַרטיפט אין אַ בוך, האָט ער זיך . . . געקומען אין ביבליאָטעק . . . — איר'ט טרינקען טיי צי קאַווע?

— האַ?

— טיי צי קאַווע? וואָס טרינקט איר?

— איך? איך טרינק אַלץ וואָס מ'גיט מיר. בראַנפן איז בראַנפן, טיי איז טיי, איר זאָגט קאַווע? זאָל זיין קאַווע, — און ער קוקט שוין אויף איר מיט זיין פרעכן שמייכל אין וועלכן זי לייענט איבער: 'עסט געבן עפּעס אַנדערש . . . וועל איך אויך נעמען. זי האָסט דעם פאַרשוין. האָסטיק שפּאַנט זי אַוועק אין קיך אַריין. זי דאַרף ניט אונטערהאַלטן דעם גאַסט . . . ער וויל אים האָבן, זאָל ער . . .

ער, נחום כץ, איז אַריינגעקומען מיט געמאָסטענע טריט. דאָס ברוינע סאַמעטענע רעקל, ניט פאַרשפּיליעט, איז געווען ווי אָפּגעמאָסטן פאַרן ווינדזאָר שניפּס, ניט ברייטער, ביידע פאַלעס גלייך, אָט ווי אָפּ־געמאָסטן מיט אַ ווירע. אָפּגעמאָסטן איז אויך געווען דער טאָן פונם „שלום עליכם! אַ גאַסט!"

— שלום עליכם!

הענט האָבן זיך פאַרקלעמט, אויגן האָבן זיך געמאָסטן. דער זעלבער שייגעץ, צעכראַסטעט, ווי דער שטייגער. נאָך וואָס ביסטו געקומען? און — אויסגעסטראַצלט! נו, ווי דען? איך פייף אויף דיין פאַרפּוצטקייט!

— געקומען אייך אָפּגעבן מזל טוב.

אַ מאַך מיט דער האַנט האָט געזאָגט: רעד נישט קיין נאַרישקייטן. פאַליק האָט גערעדט:

— וואָס מיינט איר! אַ בעל יובל! שוין לאַנג זיך געקליבן צו אייך. דעם אמת געזאָגט ניט אַזוי צוליבן יובל, מ'פייערט ביי אונדז אַזוי פיל אַז ס'איז ממש דערשטיקט צו ווערן פונם רויך, זעט איר, אייער רעדע!...

— אה! . . .

— געהערט זי ביים אָוונט, אָבער, איר ווייסט דאָך, אַן אויער איז אַ רעשעטע, ווען איך האָב אָבער דאָ ניט לאַנג זי איבערגעלייענט אין צייטונג, האָב איך זיך געזאָגט: איך גיי אים זען.

— וואָס זשע?

— אַ פיינער עסיי. אייך זאָגן דעם אמת, ניט דערוואַרט פון אייך אַזאַ עסיי.

— אַזוי גאָר?

— איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. וואָס איך האָב געמיינט, איר, אַ קלאַסיקער! זאָלט אַזוי רעדן!

— ווידער דער קלאַסיקער? וואָס היינט איז קלאַסיש איז נעכטן געווען מאָדערן. אין פופצן־צוואַנציק יאָר אַרום וועט איר אויך זיין אַ קלאַסיקער.

— איך! איכ׳ל שוין שטאַרבן אַ שייגעץ.

— זייט נישט אַזוי זיכער. מ׳עט אייך אָנטון דאָס קלאַסישע מיצל און איר׳ט עס טראָגן.

— ניט איך. איך בין פון די בהמות, וואָס אַז די דאָיניצע וועט זיין פול וועל איך ערשט אַ בריקע טון און אַלץ אויסגיסן.

זיין הילכיקער געלעכטער דערביי, די ברייטע ציין האָבן געזאָגט: יאָ יאָ, קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. נחום האָט געהערט דעם געלעכטער, געזען דעם פּנים און אַ טראַכט געטון: אַ בהמה? יאָ, אָבער ניט קיין מעלקנדיקע קו, אַן אָקס, אַן איינגעשפּאַרטער אָקס, אַ ווילדער בוהאַי . . . און וואָס וויל ער? ער איז דאָך זיכער ניט געקומען געבן אַ קאָמפּלימענט פאַר דער רעדע.

פאַליק האָט אַפּנים דערפילט נחומס פאַרשנדיקן קוק אויף זיך.

— אייער עסיי וואָלט איך אָפּגעדרוקט אפילו אין אונדזער זשורנאַל. „דער אוואַנגאַרד”. ווי איר זעט, אַ נאָמען האָבן מיר שוין. מיר האָבן שוין אויך מאַטעריאַל פאַרן ערשטן נומער, און אפילו געלט אויך — אַ גאַנצן הונדערטער. איך וויל אָבער ניט ארויסגעבן איין נומער — אַוועקשטעלן נאָך אַ ליטעראַרישע מצבה. אויב מיר קענען ניט פאַרזיכערן דעם זשורנאַל אויף אַ יאָר צייט איז גלייכער ניט ארויסצוגעבן. איז טאַקע וועגן דעם בין איך צו אייך געקומען. אייער יובל האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער יידישער גאַס . . . אי אַ בוך ארויסגעגעבן — נאָך קיין צייט ניט געהאַט אריינקוקן אין אים — אי אַ שיינער אָוונט, זייער אַ שיינער אָוונט, די סאַמע פּער געווען פאַרטראַכטן און, ווי איך הער,

איז נאָך געבליבן אַ ביסל געלט. דאָס, זאָגט מען יאַקאָבי, איז געקומען אַ דאַנק אייערע פאַרבינדונגען מיט די רייכע יאהודים. איז מיר איינ־געפאלן אפשר קענט איר באַווירקן אַז די רייכע יידן פאַר אַ גוטן ליטעראַרישן זשורנאַל, דעם „וואנגארד". אַ טויזנט דאָלאר . . .

נחומס אויגן האָבן אַ פליקער געטון רויט, זיך גלייך אויסגעלאָשן, אַזש שוואַרץ געוואָרן. — איר רעדט אזוי ווי די רייכע יאהודים, ווי איר רופט זיי, וואָלטן געליגן ביי מיר אין קאמזויל קעשענע, אַלץ וואָס איך דאַרף איז ארויסנעמען זיי און דערלאנגען אייך. נו, רב פאליק, דער אמת איז אַז אַט די רייכע יידן האָב איך טיף טייער אין דער אדמה און זיי מיך אויך.

— געהערט אַז . . .

— יאַ, געהערט. איר הערט וואָס א י ך זאָג אייך. דעם איינציקן גביר וואָס איך קען איז נחום כץ. ער איז וויליק צו געבן זיין בייטראג פאַרן זשורנאל, אויף וויפל ער איז בכוח.

שפרה האָט שוין געהאַט פאַרשפרייט אַ טישטוך, אוועקגעשטעלט צוקער, צובייסן און דערלאנגט די קאווע, ווען פאליק האָט אַ זאָג געטון — ניין, ביי שרייבער נעמען מיר ניט קיין געלט. ביי ק י י ן שרייבער!

דער „קיין" האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער האַרטער זייט פון פאליקס האַנט און האָט אַ שאַר געטון הינטערוויילעכס. איין טעפל קאווע איז געליגן אויף אַ זייט, די ברוינע פליסיקייט האָט זיך געשפרייט איבערן טישטוך, איינצלנע טראָפּנס זיינען אַנטלאָפן פון טיש צום טעפּיך צו. דער קלאַפּ פון טעפּל, שפרהס אויסגעשריי האָבן אויפגעריסן פאליקן פון זיין ביינקל. זיין פּנים איז געוואָרן ציגל רויט. — אַנטשולדיקט! איך . . . איך . . . ניט אָפּגעבריט?

— ס'אי גאָרניט, ס'אי גאָרניט, — האָט שפרה פאַרזיכערט. מיט פלינקע, געשיקטע באַוועגונגען האָט זי אויף גיך ארונטערגעכאַפּט אַלץ פון טיש, אַנגענומען דעם נאסן טישטוך ווי אַ פעליעשקע פון אַ קינד וואָס האָט נאָר וואָס עפּעס אָפּגעטון . . . פאליק האָט זיך געדרייט ארום איר, פאַרשטעלנדיק איר דעם וועג, געמאכט באַוועגונגען ווי צו העלפן איר ביז זי האָט אים שאַרף אָפּגעשטעלט: — איר זיצט! באַלד ברייגען אַנדערע קאווע. — נחום איז געזעסן רואיק, אַט ווי קיין טעפל קאווע וואָלט גאָרניט אויסגעגאָסן געוואָרן, ער האָט גאָרניט געזען. פאליק האָט זיך אוועקגעזעצט, און ווי נאָר שפרה האָט אויסגעשפרייט אַ נייעם טישטוך, האָט ער אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן טיש, זי האָט

דערלאַנגט דעם צובייס, האָט ער גלייך אַריינגעכאַפּט אַ קיכעלע און, מיטן ביסן אין מויל, געקייט־גערעדט: — נעמען געלט ביי אַ שרייבער מיינט זיין פאַרפליכטעט צו אים, און מיר ווילן זיין פריי.

— וואָס איז גאָר פאַרפליכטעט?

— אַזוי איז עס שוין. דאָס וועל איך ניט איבערקערן, — האָט ער געשמייכלט צו שפּרהן, און צו ווייזן אַז ער מיינט עס, האָט ער גלייך אַריינגענומען דאָס טעפּל איןביידע הענט און אַ זופּ געטון. — געזען דעם „פּאַראַויס”? דאָרטן איז יעדע שורה פאַרקויפט. איר זעט — פּינק רעדאַקטאָר, מיינט עס אַ פּופּציקער.

— אפשר ניין און פערציק?

ניין און פערציק? אה! — פאַליק האָט זיך צעלאַכט, שיר ניט אויסשיסנדיק די קאַווע פון מויל. — ניין און פערציק קען נישט זיין, ווייל דער פּינק איז אַ נול. צו דעם נול שטעלט צו אַ פינפערל, האָט איר עס — אַ פּופּציקער. די אַנדערע, דער אַ צענערל, דער אַ פינפערל, און דריי דאָלאַר איז דאָרטן אויך אַ קערן. און דאָס איז אַ זשורנאַל. אונדזער זשורנאַל . . .

זשורנאַלן, ביכער, שרייבער, ניט אַזוי די שרייבער ווי וועגן זיי, רכילות און רכילותלעך . . . נחום האָט שוין געהאַט פאַררויכערט זיין צווייטן ציגאַרעט, דער רויך האָט אָבער ניט פאַרשטעלט די מידקייט וואָס האָט זיך אַרויפגערוקט אויף זיין פּנים, שפרה האָט געזען ער האַלט קוים די אויגן אָפן. זי האָט זיך גענומען אָפּראַמען פון טיש מיט דער מינע פון אַ סערווער אין אַ רעסטאָראַן, לאָזנדיק וויסן דעם קליענט אַז ער איז שוין גענוג געזעסן, עמיצער וואַרט אויפן טישל. דער קליענט . . . האָט זיך אויפגעהויבן.

— נו, זייט מיר געזונט און שרייבט גוטע לידער. אגב, אין אייער בוך זיינען דאָ אַ היפּש ביסל נ י י ע לידער. איר האָט דאָך ניט אויסגעשקראַבעט די מולטער, איך מיין, איר האָט דאָך מסתמא נאָך לידער, אויב אונדזער זשורנאַל זאָל אַרויסגיין, מיר'ן בעטן ביי אייך אַ ליד...

— מיר'ן זען . . . — נחומס טאָן — דו מיינסט'אָך ניט וואָס דו זאָגסט, זאָג איך ניט וואָס איך מיין, סתם אַזוי גערעדט, און מיר זיינען קוויט. קענסט גיין.

פאַליק האָט זיך שוין געווענדט צו שפּרהן. — און איר, באַלע־באָסטיטשקע, וועט מיר אַנטשולדיקן, איך . . .

— אייך אַריינשיקן אַ חשבון פאַר אויסוואַשן אַ טישטוך.

— אַ גוטער איינפאַל. אַ גוטער איינפאַל. — ער האָט געהאַלטן איר האַנט, אָט אָט נעמט ער זי צו די ליפּן. — איר ווייסט וואָס מ י ר איז איינגעפאַלן? אַ צווייטן מאָל אז איך וועל קומען וועל איך מיטברענגען אַן אייגענעם טישטוך! — און ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט פון זיין קלוגן איינפאַל.

— איר זאָלט עס למען השם טון.

— אָן אַ טישטוך זאָלט איר מיך ניט אריינלאָזן. בלייבט עס אַזוי. אַ גוטן.

זאָלסט אזוי זיין מיט דער נאָז צי איכ׳ל דיך אינגאַנצן אריינלאָזן, מיט אָדער אָן אַ טישטוך. זי׳ט אים מער ניט אריינלאָזן, דאָס איז זיכער.

פאַליק האָט אפילו ניט געהאַט בדעה קומען נאָך אַ מאָל. גלייך פון נחומס הויז איז ער געגאַנגען אין קאַפע „אָפּגעבן אַ באַריכט".

— נו וואָס, אַ טאַקסידא, אַ פראַק?

— ניט געטראָפן. ניט קיין טאַקסידא, ניט קיין פראַק, אַ סאַמעטן רעקל . . .

— און דער שניפּס?

— דאָס פאַרשטייט זיך, אָן דעם וועט ער דאָך ניט וויסן אַז ער איז אַ פּאָעט.

— מילא, דאָס וויסן מיר, וואָס מכוח פּעטיע מעטיע? . . .

— יעמוד הגביר נחום כץ! בעבור שנדר . . . פינעף קאַרבוינים . . .

— און דו האָסט גענומען?!

— יאָלד! אים געזאָגט: מיר פאַרקויפן ניט קיין עליות. ווילסט שלישי, ששי, אָדער גאָר מפטיר, גיי צו פּינקן, דאָס האָב איך אים געזאָגט.

— גוט געטון.

— אַ נאַרישקייט. ניט געדאַרפט געווען גיין. דאָס ערשטע מאָל געווען ביי אים און דאָס לעצטע.

שפרה האָט אויך אַזוי באַשלאָסן. — אַ דאַנקען גאָט! פּטור געוואָרן.

— נאָך אַלץ דער טישטוך?

— וואָס׳ער טישטוך! טישטוך. איך קען אים ניט פאַרטראָגן. אַ גראָבער ברודער . . .

— ניט קיין שלעכטער דיכטער.

— אפשר. איך ווייס ניט. זיינע לידער ניט געלייענט. אויב זיינע לידער זיינען ווי ער, מוזן זיי זיין ג ר אָ ב ע לידער.

— דאָס איז שוין אַ ביסעלע צו . . . גראָב. ער איז ניט קיין

א י י ד ל ע ר דיכטער, דאָס ניט, ער איז, ווי זאָל איך דיר זאָגן, ווילדער, יונגער ווין. ניט אָפּגעשטאַנען, ניט איבערגעזיגן, שלאָגט אין קאָפּ, אָבער דאָ עפּעס וויניקס אין אים. ער׳ט זיך אָפּשטיין, וועט עלטער ווערן . . .

— זאָל ער דעמאָלט קומען, איצט וויל איך אים מער ניט זען. איך זאָג עס דיר אָפּן, ער׳ט קומען נאָך אַ מאָל, לאָז איך אים ניט אַריין. נויטיק געדאַרפט.

— וואָס האָסטו דערלייגט, אַ טישטוך?

— ער מיט זיין טישטוך. דו גיב אַ קוק אין שפּיגל. גיי! גיי לייג זיך צו, רו זיך אָפּ.

ער האָט זיך נאָר וואָס אָוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, האָט זי אים דערלאַנגט דעם טערמאמעטער.

— וואָס עפּעס מיצקע דרינען?

— נעם, נעם, ס׳וועט דיר ניט שאטן. דאָס וויל איך אומישנע זען ווי הויך דיין גאָסט שטעלט דיך . . . נו, ווי דען! אַריבער הונדערט און איינס. בייטאָג!

— לאָמיך אַ קוק טון.

— גלויבסט מיר ניט?

ער האָט איר דערלאַנגט צוריק דעם טערמאמעטער אָן אַ וואָרט. דער קוק זיינער — האָב רחמנות! איר באַשלוס אים אריינלייגן אין בעט, בדאַי מיט גוואַלד, ווערט געמילדערט. שלאָגן אַ געשלאָגענעם קען זי ניט. זי גייט אַרויס.

שפרה איז גערעכט. ניט געדאַרפט געוועזן אַרויסגיין צו אים. אַ ביטערער יונג. אוואַנגאַרד. מיינט ער קערט איבער די וועלט, הרגעט אַוועק די . . . קלאַסיקער. ער׳ז גערעכט, קיין קלאַסיקער וועט ע ר ניט ווערן. ווילדער ווין? ניין, קיין ווין ניט, אַ ווילדער שטראָם וואַסער, טראָגט מיט זיך אַ סך זאַמד, בלאָטע אפילו, טרינקען פון דעם שטראָם ניט אזוי געזונט . . . אַ רואיקער טייך, וואָס שפּיגלט זיך אנטקעגן דער זון און טרינקט אָן די ערד איז אים ליבער ווי אָט דער אימפּעטיקער שטראָם. ניין, ער איז אים נישט מקנא, ניט אויף זיינע לידער, זעסטו, זיין געזונט . . . אַ פּאָר ידים דאָס האָט, אַ פּנים, אַ פּאָר גראָבע ליפּן, און די אויגן . . . אַ פּרעכער קערל. אַ גראָבער ברודער, האָט שפרה געזאָגט. זי האָט אים פיינט. שנאה — איין עק פונם האָס־ליבע שטעקן . . . יאָ, ווייבער דאַרפן אים ניט פיינט האָבן . . . מ׳נע, וואָס

גייט עס אים אָן? ער האָט זיך זיין שטעקן . . . דער טערמאָמעטער. די היץ, דאָס איז ניט אַזוי גוט . . . טויג ניט . . .

די היץ איז געשטיגן. טעג, נעכט, וואָכן, חדשים, די היץ האָט פאַרצערט זיין לייב, געבליבן הויט און ביינער, דער הוסט האָט צע־טרייסלט זיין קערפּער, אָט אָט און די ביינער וועלן זיך צעשיטן, אַ שברי כלי . . . שפרה האָט גערופן דעם דאָקטאָר.

— אַלץ וואָס איך קען אייך זאָגן — ער איז זייער אַ קראַנקער מענטש.

— דאָס ווייס איך אַליין. איר זאָגט מיר ווי האַלט עס? דעם אמת!

דער דאָקטאָר האָט אַ פּיר געטון מיט די אויגן. דעם אמת. אַלע ווילן זיי דעם אמת, רק דעם אמת, נאָר אַז דו זאָגסט עס זיי ביסטו דעם מלאך המות׳ שלטן שמש . . . — דאָס איז דער אמת, ער איז זייער אַ קראַנקער מענטש.

— דאָס האָב איך געהערט. ווי . . . ווי לאַנג . . . כ׳מיין, ווי זעט ער אויס אין אייערע אויגן?

— אין מיי—נע אויגן? מיין ליבע שוועסטער, דאָ האָט איר, ווי זאָגט מען עס, „געטראָפן דעם אָקס אין די אויגן". אַ דאָקטאָר קוקט ניט נאָר מיט ז י י נ ע אויגן, ער האָט אויך טעכנישע אויגן — דאָס רענטגען בילד, דער פלואָראָסקאָפּ, דער קאַרדיאָגראַף. טעכניש גערזען, קען ער ווייט ניט פאַרגיין. איך האָב אייך געוויזן זיין רענטגען בילד . . . אָבער דאָס איז ניט דאָס ערגסטע. וואָס מיך באַאומרואיקט איז זיין האַרץ. ביז דאָ ניט לאַנג איז זיין האַרץ ניט געווען גערירט, דער לעצטער קאַרדיאָגראַם ווייזט אָבער אַז דאָס האַרץ איז אָנגעגריפן. ניט קיין נייס אין אַזעלכע פאַלן. דאָס איז די געשיכטע, מיר האָבן שוין אָבער געזען פאַלן ווען דער פּאַציענט פייפט אויפן דאָקטאָר מיט אַלע זיינע אויגן. וואָס איז מכות אים? ווי פירט ער זיך אויף? כ׳מיין, וואָס איז זיין . . . שטעלונג, אַזוי צו זאָגן?

— איך דיינק ער האָט מורא. — האָט זי, ניט אָן מורא, שטיל אַרויסגעזאָגט.

— מורא קען אַמאָל פירן צו אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד.

— ניין, איך דיינק ער האָט רעזיגנירט.

— פון וואַנען נעמט איר עס?

— פון זיינע לידער.

— ער שרייבט נאָך?!

— דאָס איז אפשר דאָס איינציקע וואָס דערהאַלט אים ביים לעבן.

— י—אָ, דער מענטש איז אַ משונהדיקע באַשעפעניש. נו, אויב ער קען . . . אויב דאָס, ווי זאָגט איר, האַלט אים אויף, זאָל ער שרייבן, אָבער חוץ דעם ק י י נ ע אַנשטריינגונג, קיין אויפרעגונג, גיט אים אַלץ נאָך. ער רויכערט ניט מער? ער רויכערט יאָ! היינט גיי טו עפּעס. מילא נו, זאָל ער רויכערן, זאָל ער שרייבן, לאָזט אים טון וואָס ער וויל . . . אויב ער האָט ניט קיין גוטן דאָקטאר זאָל ער כאָטש האָבן אַ גוטע שוועסטער . . . דאָס איז אַלץ וואָס איך קען אייך זאָגן, און אויב עפּעס זאָל פּאַסירן, קלינגט מיר אָן. צו יעדער צייט . . .

דער דאָקטאר איז אַוועקגעגאַנגען, שפרה איז געבליבן מיט אַ שווער האַרץ. איצט, ווען דער דאָקטאר האָט איר געזאָגט, האָט זי אָנגעהויבן זען, דערקענען סמנים פון האַרץ קראַנקהייט. און ער רויכערט, און ער שרייבט . . .

— שפרה! ביסט דאָ? זיי אַזוי גוט. אויפן טישל, דאָס בלעטל דאָ. איין שורה דאָרט „דער הימל ווי אַ טלית פון כלו תכלת״. מעק אויס דעם „ווי״. אַ גאַנץ לעבן געקעמפט מיט אָט דעם „ווי״, אים געיעטעט ווי ווילד גראָז, איצטער אָ, אַ שעה פאַר ליכט בענטשן . . . ער איז דאָ! מעק אים אויס! מעק אויס די גאַנצע שורה. דאָס גאַנצע ליד טויג ניט. גיב מיר אַ ריין בלעטל פּאַפּיר. און די פּען, עפּעס שרייבט זי ניט. גיב מיר די אַנדערע, ווייסט'אַך, מ י י ן פּען.

זי האָט אים דערלאַנגט ז י י ן פּען, אַן אַלטע פּען, וואָס האָט מער געקלעקט ווי געשריבן, ער האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכקייט צו איר, שיר נישט אַן איבערגלויבן, מיט ד ע ר פּען שרייבט זיך בעסער, אַ פּאָר בלעטלעך פּאַפּיר — זיין פּאַפּיר, ספּעציעל פאַר לידער, אַוועקגע־לייגט אויפן טישל, געשטאַנען, געוואַרט. ער האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ, אַ קוק געטון אויף די שרייב כלים, אויף איר, און דער קוק האָט געזאָגט: איצט, אַז אַלץ איז גרייט צום שרייבן גיי דיר אין דיין רו. זי האָט אים געלאָזט צו רו. ווען זי האָט אים געבראַכט עסן האָט ער איר דערלאַנגט אַ בלעטל פּאַפּיר. — לייען איבער. וועסט איבערלייענען, שרייב איבער. אפשר נאָך פאַרריכטן, אָבער שרייב איבער, קענסט לייענען? איז גוט. כ'וועל עסן. כ'על אַליין. גיי שרייב איבער.

זי האָט געלייענט.

אַ גוטע נאַכט

צוקאָפּנס אַ שטריק פאַרצויגן,
צופוסנס אַ גרוב ז׳אַפּן.
ליג איך מיט פאַרמאַכטע אויגן,
טראָג זיך אין לאַנד פון שלאָפן.

דאָרטן — אַ הימל, רעגנבויגן קאָלירן,
די שיינקייט טאַקע נאָר צו באַשרייבן;
אין אָט דעם הימל זיך שטיל פאַרלירן,
פאַרשווינדן, ניט בלייבן . . .

איך עפן די אויגן, און וואונדער איבער וואונדער,
ממש צום קוקן און גאַפן:
שטריק און גרוב פאַרשוואונדן,
אַ בוך לידער — די שיף אַריינגעפירט אין האַפן.

און דאָס איבעריקע . . . הבל הבלים . . .
„און צו מאַכן פיל ספרים איז ניטאָ קיין סוף“.
אַ חלום. אַ בייזער, אַמאָל אַ זיסער חלום.
אין ספר געגוג, און איצטער — שלאָף.

אַ גוטע נאַכט.

די נאַכט איז געווען ניט קיין גוטע. אים האָט פאַרפעלט אָטעם. אַ זאָג געטון: רופן דעם דאָקטאר, איז ער געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט זיך דערשראָקן. — טוב שברופאים לגיהנום — האָט ער געהאַלטן, ניט געקענט פאַרטראָגן דעם דאָקטאר. זי האָט אים קוים איינגערעדט, אַז ער זאָל אין צוויי נעמען. — איז ניט! איז ניט! אָבער אַן איינשפּריצונג? — דאָס האָט ער געלאָזט. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ קוק געטון אויפן טישל וואו דאָס ליד איז געליגן איבערגעשריבן אויף ריין, אַ קוק געטון אויף איר, דער קוק — אַ דאַנק. איר האַנט האָט זיך אַ צי געטון אים דערלאַנגען דאָס בלעטל. — שפּעטער, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, פאַרמאַכט די אויגן. בלייבן? אַרויסגיין? ער האָט אַן עפן געטון די אויגן. — פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן?

— נאָך פרי. ווייל נאָך זיצן. דו קענסט מאַכן נאַכט. אויסלעשן?
— כ'על אַליין.
— ווערסט דאַרפן עפּעס, טו אַ קלונג, — זי האָט אָנגעוויזן אויפן גלעקל ביים בעט און אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

זי האָט דערזען אין זיין צימער איז פינסטער געוואָרן, און זי האָט זיך איינגעקוקט אַהין, זי האָט דערשפּירט די שטילקייט פון דאָרט, און זיך איינגעהערט. שאַ שטיל. שלאָפט ער? דרימלט ער? קעצישע טריט, הינטישע אויערן, סאָווישע אויגן. שאַ־שטיל. יאָ, ער אָטעמט, דאָס הערט זי. ווען זי קען נעמען זיין פּולס. ער דרימלט, שלאָפט. ניט שטערן. אַזוי שטיל ווי זי האָט זיך דערנענטערט האָט זי זיך דער־ווייטערט, מער ניט, איר אָטעם איז געוואָרן פרייער. זי'ט זיך צולייגן אַ ביסל אויף דער קאַנאַפּע, בלויז זיך צושפּאַרן . . . זי'ט הערן . . .

האָט ער זי גערופן? זי איז ניט געווען זיכער. אָבער דאָס ליכט! פון זיין צימער! ערשט אָנגעצונדן, אָדער . . . ? כהרף עין איז זי געווען אויף די פיס. אַ וויש דעם פּנים, אַ גיי אין צימער צו אים.

די שיין פון לאָמפּ ביים בעט צוקאָפּנס האָט באַלויכטן זיין פּנים און זי האָט דערזען . . . ביים בעט שוין, האָט זי געזען — אויפן צודעק איז געליגן דאָס בלעטל פּאַפּיר, דאָס ליד „אַ גוטע נאַכט", די שפּיץ פינגער פון איין האַנט האָבן גערוט אויף דעם בלעטל. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער איר קערפּער, דאָס מויל האָט זיך אָן עפן געטון, איר האָט אָבער אַרומגעכאַפּט אַ שרעק: אַ געשריי טון, וועט זי . . . אים אויפוועקן. איין האַנט האָט זיך אַ יאָג געטון צום מויל, די פינגער האָבן איינגעקלעמט די ציין, די דלאָניע דעם קין. דער ציטער איז געהאַמעוועט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אַזוי פאַרקלעמט אַז זי האָט דערפילט די אויגן לעדלעך.

ווען זי האָט געעפנט די אויגן, דערזען דעם פאַרשאַרפטן נאָז, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז אין דער קורצער ווײַלע האָט זיין פּנים זיך געביטן, געוואָרן פרעמדער, ווייטער. אירע פינגער האָבן אַ גיי געטון איבער זיין שטערן, פון מיטן צום שלייף. ק אַ ל ט . קאַלט. פרעמד . . .
— ניאַ—מע! — ניט קיין געשריי, אַ געבעט, אַ צאַרט געפּליסטער, די טרערן נאָכדעם, אַ שטילער, שטילער, וואַרימער רעגן . . .

זיך אויסגעוויינט, אויפגעהויבן זיך פון בעט, איז איר אויג געפאַלן אויפן בלעטל פּאַפּיר. די פינגער האָבן פאַמעלעך געצויגן דאָס בלעטל, זיינע פינגער זאָלן ניט פילן אַז מ'ציט ביי זיי עפּעס אַרויס . . . זי האָט

עס שוין געהאַט געלייענט, איבערגעשריבן, איצט האָט זי עס ווידער געלייענט ביים שיין פון לאָמפּ איבער זיין צוקאָפּנס.

און דאָס איבעריקע . . . הבל הבלים . . .
„און צו מאַכן פיל ספרים איז ניטאָ קיין סוף״,
אַ חלום, אַ בייזער, אַמאָל אַ זיסער חלום,
איין ספר ז׳עננוג, און איצטער — שלאָף!

אַ גוטע נאַכט.

דער „זייען״, דער אַפּאָסטראָף פאַרן „גענוג״, צוגעשריבן מיט דער פּען — שפּיזלעך אין די אויגן, און זיי שטעכן זיך אַריין אין סאַמע מאַרך — זיין לעצטע מחשבה — צושטעלן אַ „זייען״, — און די שפּיץ פינגער ווערן אָפּגענומען, דאָס בלעטל פּאַפּיר רוקט זיך ארויס, פאַלט פּאַמעלעך צו דער ערד.

זי האָט זיך אַ בויג געטון, עס אויפגעהייבן. אַ שיימע, צו הייליק זי זאָל זיך וואַלגערן אויף דער ערד, אָבער צו . . . האַרט, זי צוטראָגן צו די ליפּן, אַ קוש טון. ניט צונויפלייגנדיק דאָס בלעטל פּאַפּיר, האָט זי עס אַ שטורכע געטון אין דער פאַרטוך קעשענע און אַ קוק געטון אויף נחומען. דער הויכער פאַרקלערטער שטערן, די פאַרגליווערטע אויגן־בערגלעך האָבן מיושבדיק געלאָזט וויסן: טיר און טויער צו מיין וועלט זיינען פעסט פאַרשלאָסן; דער לאַנגער, פאַרשאַרפטער נאָז — אַ שטרייגער שומר — האָט גרים געוואַרנט: האַלט זיך פון וויטן!
זי האָט ראַש אַ צי געטון דאָס קייטעלע, אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ.

באַגנבעט זיך אַליין

מיט זיין „ביים אָפּגרונט" האָט יואל גריזל אַריינגעקלאַפּט אַ פּלעקל אינם ליטעראַרישן הימל איבער דער יידישער גאַס.

קליינע שטיפּטעקלעך האָט ער שוין געהאַט אַריינגעקלאַפּט פריער. פון אים אַליין איז אָפּגערעדט, מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געזען יעדן שטיפּטעקל, זיך געשפּיגלט אין דעם, נאָר אפילו חברים אסטראָ־נאָמען, אָדער בעסער געזאָגט, גאַסטראָנאָמען, ווייל דער ליטעראַרישער הימל איז, אייגנטלעך, געווען די סטעליע אין אַ רעסטאָראַן, וואו רייד, רויך און ריחות האָבן זיך אַזוי אויסגעמישט, אַז די רייד האָבן געשמעקט, מערסטנס ביטערלעך, און די ריחות זיינען געווען שרייענדיק, איז אָט די גאַסטראָנאָמען, חברים שרייבער, שטענדיקע זיצער ביי די טיש־לעך, האָבן אויך געזען יענע שטיפּטעקלעך — אַ דערציילונג אין . . . אַ דערציילונג אין . . . איינער האָט אים געחנפעט אין די אויגן — אַ פראַכטפולע דערציילונג! און, ווען ער איז נאָך געווען אין תחום פון הערן, אַרויסגעוואָרפן דאָס איינע וואָרט — גראַפאָמאַן! אַ צווייטער האָט אים דערלאַנגט אַ הינקענדיקן קאָמפּלימענט: גוט געמאַכט. דער הילצערנער פוס „געמאַכט" האָט געקלאַפּט הילכיקער פונם געזונטן פוס „גוט", און ער האָט געלאָזט הערן — געמאַכט! טאַקע גוט, אָבער געמאַכט, אַ גוטער סטאָליאַר. אַ דריטער האָט אינגאַנצן געשוויגן, און דאָס האָט געמיינט אַז די דערציילונג איז אים גראָדע געפעלן, ער'ט דאָך אָבער ניט אָנטון אַ מענטשן דעם נחת רוח און אים עס זאָגן גלאַט אַזוי, מיר ניט דיר ניט, עס קאָסט אים אַליין טייערער . . .

געווען צווישן דער חברה אויך איינער גאַלמוד, וואָס האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין דערציילונג גריזלס אָן אַ פריינטלעכער באַמער־קונג, און ווייל דער גאַלמוד האָט זיך געשניטן אויף אַ קריטיקער, איז זיין מיינונג געווען זייער אָנגעלייגט ביי גריזלען. גאַלמוד טאַקע האָט עס אים אַלע מאָל אונטערגעטאָרעט ער זאָל אָנשרייבן אַ גרעסערע זאַך.

— איר האָט טאַלאַנט. איר קענט שרייבן. דאָס אַליין איז אָבער ניט גענוג. אַ שרייבער דאַרף, חוץ קענען שרייבן, אויך קענען מאַכן

אַ שרייבערשע קאַריערע. אַ דערציילונג דאָ, אַ דערציילונג דאָרטן גייט פאַרלוירן. אַ נאָמען האָט איר אַ גוטן, יואל גריזל איז גוט, עס שניידט זיך אריין אין זכרון, דאָס איז זייער וויכטיק פאַר אַ שרייבער, שטעלט זיך פאַר אַ שרייבער גאָלדשטיין צי קאָהען, קיין נאָמען ניט. יואל גריזל איז גוט, אָבער וואָס האָט ער אָנגעשריבן? דאָס געדיינקט ניט דער לייענער. און אַז ער האָט איבערגעלייענט אַ דערציילונג אָדער צוויי, איז מה בכך? געדיינקט ער זי, געדיינקט ער דעם נאָמען פונם שרייבער? דערפאַר אָבער, אַז איר שרייבט אָן אַ גרעסערע זאַך, דאַן . . . דאַן איז יואל גריזל אַ פירמע. „יואל גריזל? דאָס איז דאָך דער וואָס האָט אָנגעשריבן דעם . . . „בלוטיקן געלעכטער", אָדער עפּעס ענלעכעס. נעמט דאָן קיכאָט. סערוואַנטעס איז דאַן קיכאַטס טאַטע. איר פאַר־שטייט? צוליב דאַן קיכאַטן געדיינקט מען שוין סערוואַנטעסן. צי שלום עליכם מיט זיין מחנם מענדל. דאָס איז שוין, וועלן מיר זאָגן, צוויי ברידער. אי שלום עליכם אַ גוטער נאָמען אַי מנחם מענדל. צווישן אונדז גערעדט, מנחם מענדל איז גאָרניט אַזאַ געניאַלע זאַך, דער נ אָ מ ע ן איז אָבער יאָ געניאַל. איז אָט, איר שרייבט עפּעס אָן, אַ גרויסע זאַך, דאַן . . .

יאָ, גאַלמוד האָט אים זייער אַ סך געהאָלפן. ס'הייסט, ער אַליין האָט אויך געוואָלט אָנשרייבן אַ גרויסע זאַך, ניט צוליבן נאָמען, טאַקע צוליב דער זאַך גופא, אָבער גאַלמודס רייד, זיין דערמוטיקונג איז געוועזן ווי אויל אויפן פייער, און איצט, ווען זיין „ביים אָפּגרונט" איז דערשינען, האָט דאָס פייער געלויכטן. אַלץ הייסט געלויכטן! „אַ נייער שטערן איז אויפגעגאַנגען אויפן הימל פון דער יידישער ליטעראַטור", אַזוי טאַקע האָט גאַלמוד געשריבן, און דאָס איז ניט געוועזן קיין בלאַנ־זשענדיקער שטערן, פאַרבייגעלאָפן און ניטאָ, יואל גריזל האָט אַריינ־געשטאָכן אַ שטערן אין הימל און ער וועט שוין דאָרטן שטעקן לעולם ועד. יואל גריזל? דאָס האָט ער דאָך אָנגעשריבן „ביים אָפּגרונט".

„ביים אָפּגרונט" האָט אים געגעבן ניט נאָר אַ נאָמען, נאָר טאַקע אויך ממון.

דער אַרויסגעבער פונם „עקספּרעס" האָט אַריינגערופן גריזלען, אים געגעבן זיצן. — איך הער איר האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן ראָמאַן.

דעם אַרויסגעבערס קליינע ביר קאָליר אויגעלעך, צוויי פּאַטשער־קעס, גלאַנציק, שטעכיק, האָבן געפּיקט גריזלס פּנים. — דו, אַזאַ ושמיגעגע, האָסט עס אָנגעשריבן אַ גרויסן ראָמאַן? גלויבט זיך עפּעס

נישט, אָבער די שרייבער, אַן אַנדער פּאַראַדע, אויף זיי איז אַלץ צו גלויבן. — פונם קליינעם מויל, וואָס איז ווי דערטרונקען געוואָרן אינם פּעטס אַרום קין, זיינען געפאַלן ווערטער ווי אַרבעס.

— אַ שאָד, באַדאַרפט געווען אים געבן אונדז, פאַר אונדזער צייטונג.

— איך ווייס ניט צי עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ צייטונג.

— קען זיין. קען זייער זיין, — האָט מר. שליפער פּאַטאַקעוועט. ביידע קליינע אויגלעך האָבן מיט איין מאָל אַ פּיק געטון גריזלען — אַ שרייבער און האָט, קענטיק, אַ ביסל שכל. — איך האָב עס ניט געליינענט. — די אויגלעך האָבן אָפּן געשפּאָט: משוגע בין איך? לייענען ביכער? — אָבער דער גאלמוד האָט מיר געזאָגט. כאָטש וואָס גאלמודן געפעלט מיינט נאָך ניט עס איז גוט פאַר אונדז. ער איז דאָך משוגע אויף ליטעראַטור און מיר, מיר דאַרפן ניט דוקא ליטעראַטור, מיר דאַרפן אַ ר אָ מ אַ ן, איר פאַרשטייט וואָס איך מיין. סיי ווי, איך האָב אייך געוואָלט זען אָט צוליב וואָס. מיט אייער ראָמאַן האָט איר זיך קונה שם געווען, זיך געמאַכט אַ נאָמען . . . — מר. שליפער האָט געמאַכט אַ פּאַוזע, זען ווי ווירקט זיין קאָמפּלימענט, באַלד האָבן די אויגלעך ווי געקראָגן אַ באַפעל — ניט ווייטער! אונטערגעשמירט? גענוג. ער קען זיך נאָך פאַררייסן. מר. שליפער האָט זיך געצויגן אויף צוריק. — דער נאָמען איז אָבער פאַר אַ קליינעם קרייז — די ליטעראַטן אין דער קאַפע, דער קיבעצאַרניע, מיר ווילן אייער נאָמען זאָל באַקאַנט ווערן צו די טויזנטער, צענדליקער טויזנטער לייענער פון אונדזער צייטונג. דאָס איז אַ וויכטיקער ענין פאַר אַ שרייבער, ניט אַזוי?

לויט מר. שליפערס רייד איז אויסגעקומען אַז ער וויל דאָס אַ טובה טון דעם שרייבער, און יואל גריזל האָט געוואָלט אים ענטפערן.

— אַ שרייבער . . . — האָט ער אַ זאָג געטון אָבער מר. שליפערן איז ניט אָנגעגאַנגען וואָס דער שרייבער וויל, איצט האָט ע ר געוואָלט.

— וויל איך אייך מאַכן אַ פאָרשלאָג, אָדער, — האָט ער זיך פאַר־כאַפּט, — בעסער געזאָגט, איך וויל אייך פרעגן אַ פראַגע: האָט איר נאָך אַ ראָמאַן? אַ ראָמאַן פאַר אונדזער צ י י ט ו נ ג? איר פאַרשטייט?

— נאָך אַ ראָמאַן? ווי קען איך? אַזוי שנעל!

— געמיינט איר האָט „אין סטאָק”. נו, איר האָט ניט, איז ניט. אָבער דערציילונגען האָט איר דאָך?

— דערציילונגען האָב איך אַ פּאָר.

—גוט געגוג פאַר אַן אָנהויב. וואָס איז מכוח געבן אונדז אַ דער־ציילונג אַ וואָך? אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר. טויזנט דאָלאַר.

אַרויסגעזאָגט די „טויזנט דאָלאַר" האָבן די אויגלעך אַ פינקל געטון — דער פיש וועט בייסן. נאָך אַ מין בייסן! דער האַטשעק וועט אים אַריין אין גאָרגל. נאָך ניט געזען אַ מענטש זאָל דערהערן אַ קלאַנג פון אַ מטבע און זיך ניט אומקוקן.

יואל גריזל ה אָ ט זיך אומגעקוקט. דער פאָרשלאַג איז געקומען אַזוי אומגעריכט אַז ער איז טאַקע געווען איבערראַשט. ער האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ גיריקייט ווי מר. שלייפער האָט דערוואַרט. ער האָט אפילו ניט געענטפערט גלייך, ערשט ווען מר. שלייפער האָט אַ פרעג געטון: — וואָס זאָגט איר? — האָט גריזל גענומען ציען די ווערטער.

— אייך זאָגן דעם אמת, איך ווייס ניט צי קען איך אָננעמען אייער פאָרשלאָג.

— אַזוי גאָר? — האָט שוין שלייפער געררייצט אַ פרעג געטון. זיין קליין קערפּערל אויפן גרויסן דריישטול, די דיקע קורצע פיסלעך קוים גרייכנדיק די פּאָדלאָגע, האָט זיך אַ דריי געטון, זיך אָפּגעדרייט פון גריזלען, דער דריי אַ שאַרפער, אַ ברוגזער — אַזאַ פאַרשוין ביסטו! האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו טון.

— איך האָב גאָרניט קעגן ווערן אַ מיטאַרבעטער אין אייער צייטונג, אדרבה, איר ווייסט דאָך, איך האָב אייך ביז איצט פאַרקויפט אַ קימאַ לן פון . . . פיר, ניין, טאַקע פינף דערציילונגען, און איך קען אייך געבן נאָך אַ פּאָר דערציילונגען, אָבער געבן י ע ד ע ו ו אָ ך, דאָס . . .

— הער אַ מעשה! אים געפעלט נאָך ניט! יעדע וואָך! דאָך א י י ע ר טובה! וויפל קריגט איר פאַר אַ דערציילונג, אַז איר פאַרקויפט שוין? צען, פופצן דאָלאַר איז אַ סך. און אַז איר פאַרקויפט ניט? האָט איר גאָרניט. דאָ לייג איך אייך פאַר טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, אויפן יאָר, ברעקלט ער זיך נאָך. קאָמישע מענטשן, איר שרייבער. אַזוי גייט איר נאָך, קלאַפּט אָפּ די טירן — נעמט, קויפט אַ דערציילונג, און אַז מ'לייגט אייך פאַר קויפן פופציק דערציילונגען איז . . . אַזאַלין וואָלט געווען אויפן זיבעטן הימל ווען איך לייג אים פאַר אַזאַ זאַך. און נאָר אַזאַלין?

גריזל האָט געקוקט אויף מיסטער שלייפערן און האָט בלויז געזען זיינע אויגלעך, און אפילו ניט די אויגלעך גופא, נאָר די הויט ביי די ווינקלען. אָט די הויט, סאַמע ביי די ווינקלען, איז געווען ווי פאַרנייט, שלעכט פאַרנייט, צו ענג, אים האָט זיך ממש געוואָלט נעמען אַ קליין,

שאַרף מעסערל, אַ שניט טון, עפענען די זייטן, די אויגלעך וואָלטן דאַן גרעסער געוואָרן . . . אַ מענטש האָט עס פאַרשנורעוועטע אויגלעך . . . ווען ער עפנט זיי אויף, וואָלט ער אפשר געזען, פאַרשטאַנען . . . ווען מר. שלייפער האָט געענדיקט רעדן, האָט גריזל אויך פאַרשלאָסן זיינע מחשבות מכוח שלייפערס אויגלעך: ניין, אים וועט שוין קיין אָפּעראַציע אויך ניט העלפן. דער מענטש איז . . . שמאַלזיכטיק.

— איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. אייער פאָרשלאג איז זייער און זייער אָנגעלייגט, די זאַך איז, איך בין ניט זיכער צי וועל איך קענען צושטעלן אַזוי פיל דערציילונגען. יעדע וואָך אַ דערציילונג קען אַמאָל זיין אַ ביסל צופיל פאַר מיר.

— ד אָ ס מיינט איר! זע איך דאָך אַז איר זייט אַ גרינער. יאָ, זאָלט איר מיר מוחל זיין, איר זייט אַ גרינער אין די „ביזנעס״. אַ דער־ציילונג אַ וואָך צופיל! פעפערן קענט איר? איר קענט אים. ווייסט איר וויפל ער שרייבט אַ וואָך? הערט זיך איין, הערט זיך צו מיט קאָפּ. קודם שרייבט ער יעדן טאָג צוויי קאָלומס נייס. אָבער יעדן טאָג, זיבן טעג אַ וואָך, דריי הונדערט צוויי און זעכציק טעג אין יאָר, חוץ ראש השנה און יום כפור. דאָס איז נומער איינס. צוויי מאָל אין וואָך שרייבט ער צוויי אַרטיקלען, איינעם אונטער זיין אייגענעם נאָמען און איינעם אונטער אַן אַנדער נאָמען. דאָס איז נומער צוויי. נומער דריי — גיט ער פון צייט צו צייט אַ ראָמאַן, און ווי אַ צושמעלץ צו דעם אַלעמען גיט ער יעדן פרייטיק אַ ליד. אָבער יעדן פרייטיק. שוין צוואַנציק יאָר אַז ער איז מיט אונדזער צייטונג און ער האָט נאָך ניט דורכגעלאָזט קיין איין פרייטיק. איין מאָל, איר מעגט עס הערן, אַ שיינע מעשה, — דער ארויסגעבער האָט אָנגעצונדן זיין פאַרלאָשענעם ציגאַר און, צי־ענדיק דעם רויך, גענומען ציען די ווערטער. — איין מאָל איז ער געווען אַוועקגעפאָרן, טאָקע פאַר אונדזער צייטונג, צון אַ קאָנווענשאַן אָדער קאָנפערענץ, כ׳געדיינק שוין ניט, געווען איז דאָס אין שיקאגא. ער, פעפער, האָט עס געדאַרפט דעקן די קאָנווענשאַן. האָט ער יעדן טאָג געשיקט אַ טעלעגראַמע, צוויי, ערשט דאַנערשטיק ביינאַכט, דער טע־לעפאָן קלינגט, פעפער רעדט „לאָנג דיסטאַנס״. געמיינט, כ׳ווייס, עמי־צער געפאַלן טויט ביי דער קאָנווענשאַן, דערווייילט אַ נייעם פּרעזידענט און ער וויל עס אַריינגעבן נאָך פאַרן פרייטיקדיקן נומער. אַ מאָרגן צייטונג. ערשט ער וויל רעדן צו באַבן, דעם הויפּט זעצער. וואָס איז די מעשה? זיין ליד. ער האָט ניט באַוויזן איבערלאָזן, צושיקן זיין ליד

פּאַר פּרייטיק, ווייל ער עס איצט געבן פּער טעלעפאָן דעם זעצער, די ציימונג טאָר ניט אַרויסגיין אָן זיין ליד. בעת מעשה האָב איך צו אים אויסגעבייטלט אַלע מיינע בייזע וויסטע חלומות, געהערט אַן איינפאַל? טעלעפאָנירן אַ ליד! נאָכדעם איז מיר אָבער געפעלן געוואָרן די מעשה. דער טעלעפאָן האָט טאַקע באַטראָפן אַ פּאָר דאָלאַר, אָבער מיך האָט עס ניט געאַרט, אדרבה, מיר איז עס געפעלן. אָט דאָס הייסט אַ געטרייע האַנט! יעדן פרייטיק אַ ליד? איז י ע ד ן פרייטיק. איך בין זיכער אַז ווען איך וואָלט באַשטאַנען ער זאָל דעקן די טעלעפאָן הוצאה וואָלט ער עס געטון, איך האָב אָבער אפילו ניט דערמאָנט וועגן דעם. קאָסט נאָך אַ פּאָר דאָלאַר. דער עיקר — אַ „פּיטשור" איז אַ פּיטשור. דאָס זעלבע מיט איך. עס איז ניט קיין פראַגע פון אַ דערציילונג. קען קריגן דערציילונגען, צען פּאָר איינער, וואָס מיר דאַרפן איז אַ פּיטשור, דער לייענער זאָל געוואוינט ווערן צו זען יעדן זונטיק דעם און דעם נאָמען. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי, — האָט יואל גריזל דערשלאָגן געענטפערט, טראַכטנדיק: ניטאָ מיט אים וואָס צו רעדן, אַז דער מענטש איז . . . שמאַלזיכטיק, די אויגעלעך זיינע . . . פונדעסטוועגן האָט ער זיך שוואַך געווערט. — אָבער ווי אַז איין וואָך קען מען ניט שרייבן? פשוט, עס שרייבט זיך נישט.

— אַ געוואוינהייט, מר. גריזל. פשוט אַ געוואוינהייט. פינף דער־ציילונגען אויף פינף וואָכן האָט איר? אַן אָנהויב. דאָס איז גענוג. די מעשה מיט דער מוזע, באַגייסטערונג איז דאָך, צווישן אונדז גערעדט, אַ בלאָף. — מר. שלייפערס קליין רויט פּנימל, וואָס האָט ביי די ווערטער „מוזע, באַגייסטערונג" זיך פאַרקנייטשט, איז פאַרפּלייצט געוואָרן מיט אַ שמייכל, וואָס האָט זיך צעגאָסן, זיך געריזלט אין די קנייטשעלעך, און יעדער קנייטשעלע האָט געזאָגט: מ י ר וויסן בעסער. — איר באַשטימט אַז יעדן דינסטיק מוזט איר האָבן די דערציילונג פאַרטיק. יעדן מאָנטיק מוזט איר שרייבן. איין מאָנטיק, אַ צווייטן, אַ דריטן, דעם פערטן וועט איר שוין צוגיין צום טיש און אין אַ שעה, צוויי האָט איר די צוויי קאָלומס.

— ביי איך גייט עס איינס און צוויי.

— איך? איך בין ניט קיין שרייבער. ווען איר הרגעט מיך — שרייב אָן צען שורות, קען איך ניט. איך דאַרף אַמאָל עפּעס אָנשרייבן, זאָג איך דעם, יענעם, וואָס איך וויל, און איך שרייב בלויז אונטער מיין

נאָמען, אַמאָל אפילו דאָס אויך ניט, געמאַכט אַ שטעמפּל פון מיין חתימה. ניין, קיין שרייבער בין איך ניט, אָבער וואָלט איך געווען אַ שרייבער, וואָלט איך געווען אַ . . . פּעפּער, אפשר נאָך אַ ביסל פּעפּערדיקער. יעס סיר, אָט ווי איר קוקט מיך אָן, איך אַז איך נעם זיך צו עפּעס פּיר איך עס דורך. איצט דאַרף איך פּיטשורס, און איכ׳ל זיי קריגן. ניט איר איז אַן אַנדערער, גייען מיר נאָך טעלעכענע און, איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך נעם אָן איינעם איז פאַר אַלע אנדערע די טיר פארמאכט, מער ווי איין דערציילונג דרוקן מיר ניט, איז באשליסט — יאָ, יאָ, ניט, ניט.

דער אַרויסגעבער האָט אַ פּיפּקע געטון דעם ציגאַר, געזען ער איז פּאַרלאָשן, האָט ער צום ווייפלטן מאָל אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און, מיט די אויגן צו גריזלען, געשטורכעט דאָס שוועבעלע צום שפּיץ ציגאַר, זיינע ביר קאָליר אויגעלעך האָבן, הינטערן שוועבעלע פלאָם, זיך געמיניעט, אונטערגעשפּרונגען, ער האָט קענטיק הנאה געהאָט פון זיינע רייד, פון זיינע מסחרים, אויב אפילו ליטעראַרישע, און, ווי ער האָט פיינט געהאָט די שרייבער, אָבער זיך שפּילן מיט זיי, האַלטן זיי אויפן שטריקל, פון דעם האָט ער הנאה געהאָט.

— גוט, איכ׳ל זיך מיישב זיין. אייך לאָזן וויסן.

— מאָרגן, — האָט מר. שלייפער אַרויסגעוואָרפן דאָס איינע וואָרט און פּאַרלאָשן דאָס שוועבעלע. אויך זיינע אויגעלעך האָבן זיך אויס־געלאָשן, זיי האָבן געקוקט קאַלט, פרעמד אָט ווי זיי וואָלטן געזען דעם מענטשן צום ערשטן און לעצטן מאָל. באַלד האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פונם מענטשן, אַ גיי געטון איבערן שרייב־טיש, דער מענטש איז פאַר זיי שוין ניט געווען.

— אַ גוטן.

— אַ גוטן, — האָט דער ארויסגעבער געענטפערט, ניט אומקוקנדיק זיך אפילו.

(2)

סיפא האָ ספרא. גריזל האָט געדאַרפט באַשטימען, צי ווערט ער אַ שרייבער, געבן יעדע וואָך אַ דערציילונג, לעבן פון דער פען, פּטור ווערן פון זיין שאַפּ, שעפער, זיינע אַלע מלאכות פון וועלכע ער האָט געהאָט קדחת, אָדער אַרומגיין פון שאַפּ צו שאַפּ, מאַכן אַ גוטע קריינק, נאָר זיין אַ פרייער מענטש, שרייבן ווען ער וויל, ניט צושטעלן יעדע וואָך אַ דערציילונג. דאָס צושטעלן געפעלט אים ניט. און האָבן דעם

מיסטער שליפער פּאַר אַ באַלעבאָס . . . אַ פּאָר אויגעלעך דאָס האָט. באַדאַרפט זיי אויפשניידן ביי די זייטן. אויב אויגן זיינען די פענס־טערלעך צו דער מענטשלעכער נשמה וואָלט זיך אים זייער געוואָלט . . . אויסזעצן די טאַפּליעס. יאָ, אויסזעצן די טאַפּליעס, — האָט גריזל געשמייכלט, ניט אַזוי פון מר. שליפערס אויגעלעך, נאָר פון „אויסזעצן די טאַפּליעס". ער האָט שוין ניט געוואָלט אויפשניידן די הויט ביי די אויגן ווינקלען, נאָר טאַקע אַ זעץ טון אין ב י י ד ע אויגן מיט א י י ן מאָל. ער האָט שוין פיינט זיין באַלעבאָס? סוף כל סוף, וואָס דאַרף ער האָבן צו טון מיט א י ם ? ער דאַרף אים אפילו ניט זען, ער דאַרף זען דעם רעדאַקטאָר, אפילו אים אויך ניט, אָנגעשריבן אַ דער־ציילונג, געבראַכט און פטור. דאַרף אפילו ניט ברייגנען אויך, קען אַריינשיקן דורך פּאָסט, די פּאָסט קען אים אויך ברייגנען דעם טשעק יעדע וואָך. י ע ד ע וואָך אַ טשעק! יאָ, אָבער יעדע וואָך אַ דער־ציילונג! אַ באַשטעלונג. ער מוז! ניט אַזוי געפערלעך. ווי זאָגט דער מר. שליפער — געוואוינהייט. אַ נפש. „איך אליין קען ניט אָנשרייבן קיין צען שורות". און דאָס איז אַן ארויסגעבער פון אַ צייטונג. כאַפּט אים דער רוח. וואָס גייט עס אים אָן? און אז טשעכאוו האָט געהאנדלט מיט סוואורינען? אָט, טשעכאוו, און האָט אויך געשריבן אין אַ צייטונג, נאָך אין „נאָוואָיע ווריעמיא" דערצו. זיין אַ „זונטיק טרייבער", אָנשרייבן אַמאָל אין אַ יובל אַ דערציילונג, איז אויך ניט קיין עסק. ער איז אַ שרייבער. ספרא, ניט סיפא, און אויב אפילו שלא לשמה איז עס אויך לשמה. אַי וואָס, יעדע וואָך? איז, ווי פלעגט די מאַמע זאָגן, ווי מ'פּאַרנעמט זיך אַזוי העלפט גאָט. גאָט וועט העלפן.

גאָט האָט געהאָלפן. ער האָט געשלאָסן דעם קאָנטראַקט. זיין נאָמען איז ברייט אנאָנסירט געוואָרן. ער האָט געבראַכט די ערשטע דערציילונג, דעם רעדאַקטאָר, פּאַרשטייט זיך, ניט מר. שליפערן, האָט יענער זי אָנגענומען, אַ קאָנטראַקט איז דאָך ניט שייך, גריזל אַ פירמע, און די דערציילונג טאַקע אַ גוטע דערציילונג, פּאַסיק פאר א זונטיקדיקן נומער. גריזל האָט שוין אויסגעקוקט די אויגן אויפן נומער, און ווען ער האָט אים ענדלעך געפּאַקט, נאָר וואָס פון פרעס, דערזען זיין דער־ציילונג פּראָמינענט אוועקגעשטעלט אויף דער „ליטעראַרישער זייט", האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן, ווען ער איז איבערגעלאָפן די דערציי־לונג איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן: דאָרטן האָט געפעלט אפשר אַ דרייסיק שורות.

אַן אויטאָמאָביל באַרג אַרונטער — מיט אַזאַ אימפּעט האָט יואל גריזל זיך געטראָגן צום רעדאַקטאָר אין אָפיס און, זיך אַריינגעריסן אַהין, איז ווי דער אויטאָמאָביל וואָלט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ וואַנט, געבליבן שטיין ווי אַ ליימענער גולם. אַלע רייד וואָס ער האָט געריידט צום רעדאַקטאָר אויפן וועג אין רעדאַקציע זיינען צעשמעטערט געווארן, ניט געבליבן, ער האָט ניט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. ער האָט אַ לייג געטון די צייטונג אויפן רעדאַקטאָרס טיש, געטיקעט מיטן פינגער און סוף כל סוף אַרויסגעכריפּעט: וואָס מיינט עס? וואָס . . . ער האָט געווישט דעם שוויס פון פּנים און געהערט: באַרואיקט זיך. זעצט זיך. זיצט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אונטערגערוקטן שטול און געהערט: — מיר האָבן געמוזט קירצן, פּשוט געמוזט. עס האָט ניט געקענט אַריין.

— וואָס מיינט איר ניט געקענט אַריין?

— פּשוט, ניט געקענט אַריין. איר זעט דאָך פולע צוויי קאָלומס.

— און אַז פולע צוויי קאָלומס? איך שרייב עס פון קאָלום?

— אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען. אַזוי האָט מר. שלייפער מיר איבערגעגעבן, דאָס איז דער קאָנטראַקט.

— גייט מר. שלייפער צו אַל די רוחות מיט זיין קאָנטראַקט אינאיינעם. געהערט אַ מעשה? צוויי קאָלומס! וואָס איז דאָס, אַ סדום בעטל? די דערציילונג איז אַ ביסל לענגער, קריגט ע ר דאָך די מציאה, פאַרנעמט דאָך מער פּלאַץ.

— אַי, קאָלעגע גריזל, איר זייט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ נאַיווער מענטש. פאַרנעמט מער פּלאַץ . . . — אויף לייזעראָוויטשעס פּנים האָט זיך געשפּרייט אַן אומעטיקער שמייכל, איז געגאַנגען אויף אַרויף ביז צו דעם פּליך, וואָס האָט זיך געצויגן העט ווייט צו דער פּאַטילניצע. דער פּליך האָט אַזש פאַרלוירן דעם גלאַנץ, די אויגן, גוטמוטיקע, ברוינע אויגן, האָבן געקוקט מיט רחמנות אויף גריזלען. — ווייסט איר אַז פּלאַץ אין אַ צייטונג קאָסט געלט, אַזוי פיל און אַזוי פיל פּער צאָל? — איצט האָבן שוין דעם רעדאַקטאָרס אויגן געקוקט שפּאַטיש, צווישן די ליפּן האָט מען געקענט זען אַ געקנייטשטע, געדרייטע שפּאָט ליניע.

— איר מיינט אַנאָנסן?

— אָט אָט. ווי איך זע פאַרשטייט איר יאָ אַן עסק. טאַקע אַנאָנסן. אויב אַזוי, פאַרשטייט איר דאָך שוין מסתם אַז דאַרפן וואָלט די צייטונג געדאַרפט אָנגעפילט ווערן דורכאויס מיט אַנאָנסן, דאָס ב ר י נ ג ט

געלט, ניט מיט שרייבעריי, וואָס ק אָ ס ט געלט. יעדער צאָל אַנגע־פילט מיט שרייבעריי איז פּשוט אַ פאַרלוסט פון געלט. דעריבער איז וואָס ווינציקער אָנגעשריבן אַלץ בעסער.

— טאָ גיט ארויס אַ צייטונג פון לויטער אַנאָנסן! כולו ריווח.

— מיר וואָלטן עס געטון אויך. — דער שטילער טאָן, דער עיקר, דער דריי מיטן קאָפּ אין דער ריכטונג פונם ארויסגעבערס חדר מיוחד האָט קלאָר געזאָגט: דו ווייסט דאָך וועמען איך מיין. — אויב איר דיינקט אַז אַזעלכע צייטונגען זיינען ניטאָ, מאַכט איר אויך אַ טעות. דאָ אַזעלכע צייטונגען. א ו נ ד ז ע ר צייטונג מוז אָבער אויך האָבן באַשריבענע זייטן — נייס, ארטיקלען, אַ ראָמאַן, א דערציילונג, אפילו אַ ליד, אָבער יעדע זאַך אויף איר אָרט, דער לייענער דאַרף וויסן . . .

— וואָס מיר לייענער! — האָט שוין גריזל ניט געקענט אויס־האַלטן דעם רעדאַקטאָרס שטילע, פרומע רייד. רעדט אזוי פּראָפעסאָ־ריש, די שטימע אַזאַ פּאַרעווע, אָט ווי זיין לייט אַרטיקל. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון ביינקל, גענומען ארומשפּאַנען. — וואָס גייען מיר אָן די מעשות מיט אנאָנסן, לייענער? איר דרוקט דאָך זאַכן, ניין? נייס דרוקט איר דאָך אודאי, שטעלט זיך ניט אריין דאָס שטיקל נייס אויף דער ערשטער זייט טראָגט איר עס אריבער אויף דער צווייטער, קענט איר דאָך טון מיט אַ דערציילונג דאָס זעלבע, איבערטראָגן אויף אַן אנדער זייט, ניט נעמען און אויסשניידן דרייסיק שורות. און וואָס איז דאָס פאר אַ שניידעניש ניט אָנפרעגנדיק? וואָס איז דאָס, וואָס? הפקר פּעטרעשקע?

— איבערטראָגן, זאָגט איר? לאָמיך אייך עפּעס וויזן. איר מעגט עס זען, איר׳ט עפּעס לערנען. קומט אַהער, זעצט זיך צו. הערט זיך איין:

. . . ווערטער רעדאַקטאָר . . . אַ געטרייער לייענער פון אזוי פיל יאָר, קען איך אָבער ניט פאַרטראָגן די איבערטראָגענישן. איך לייען די צייטונג פאַרנדיק פון דער אַרבעט, אין סאָבווי, וואו איבערקערן אַ צייטונג איז ווי איבערקערן אַ באַרג. האָב איך שוין געפונען אַ פּאַרטל — איך לייען איבער איין זייט, יאָ געענדיקט צי ניט, נאָכדעם לייען איך אַלע פאַרזעצונגען אויף דער צווייטער זייט. איז מיט די נייס נאָך צו דערליידן, כאָטש דאָרטן צעמיש איך אויך די יוצרות, דער בחור הזעצער פאַרבייט די קעפּלעך, אָבער מיט די אַרטיקלען, מעשות איז גאָר אַן אומגליק. גאַנץ אָפט שטוקעווע איך צו אַן אַרבל צו אַ פּאָר הויזן, אַ קאָלנער צו אַ פּאָר אונטערוועש, און איך קען ניט דערגיין קיין טאָלק.

לכן — אויב איר ווילט אָנהאַלטן אייערע לייענער — טראָגט ניט איבער, ווייל עס איז פון דעם ניט איבערצוטראָגן. זאָגט אייערע שרייבער זיי זאָלן זיך אויסלערנען נעמען אַ ריכטיקע מאָס, אַניט וועלן זיי בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט . . .

— אייזל! — האָט גריזל אויסגעשאָסן נאָך איידער דער רעדאַקטאָר האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן.

— ער איז גאָרניט אַזאַ אייזל ווי איר דיינקט. אדרבה, דער מענטש האָט הומאָר. ווען איר זאָלט פאָרן אין סאָבוויי אין די ראַשיקע שטונדן וואָלט איר אויך ניט געהאַלטן פון איבערטראָגן. ער איז ניט דער איינ־ציקער, געקראָגן עטלעכע בריוו אַזוינע, און דער לייענער, דער . . . קונה איז אַלע מאָל גערעכט.

— מ'האָט אים אין דר'ערד, דעם קונה. סוחרים. ער'ט מיך לערנען ווי צו נעמען אַ ריכטיקע מאָס . . . שניידערוק!

— דאָס יידישע פאָלק האָט אַ היפּש ביסל שניידערוקעס, ווי איר זאָגט.

— אַי, לאָזט מיך צורו מיטן יידישן פאָלק. שוין אָנגערירט דעם ספּאָדעק, האָב איך שוין. ער א י ז אַ שניידערוק. דער שרייבער זאָל זיך אויסלערנען נעמען די ריכטיקע מאָס. שרייבן אויפן אַרשין?

— אַרשין יאַק אַרשין, מאַכט עס ניט אַזוי טראַגיש. איר זעט?

— דער רעדאַקטאָר האָט א נעם געטון אַ לאַנגן שמאָלן פּאַפּיר פון גרין־בלויען קאָליר. — לויט אייער האַנטשריפט (הלואי אויף אַלע מיטאַר־בעטער געזאָגט געוואָרן) איז אַ בויגן אַ קאָלום. נעמט אַ ביסל פּאַפּיר. נעמט, נעמט! — האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ היפּש ביסל פון אָט דעם גלאַנציקן פּאַפּיר. — איר'ט זיך זעצן שרייבן טוט גוט אַ קוק אויף די צוויי בויגן. יעדער מאָלער מעסט זיין ראַם, דעם הינטערגרונט, ד אָ ס איז אייער רעמל — צוויי בויגן. מיטן רעמל פאַר די אויגן וועט שוין דאָס בילד זיין אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרציע. איין מאָל, צוויי מאָל, וועט די דערציילונג זיך שוין אויסלייגן אין קאָפּ אויף צוויי בויגן. אַ מינוט פאַר ליכט מענטשן, איר'ט זען ס'האַלט שמאָל, שטעלט אַ פּינטעלע און פאַרטיק. נעמט וויפל איר דאַרפט, — האָט דער רע־דאַקטאָר צוגעלייגט נאָך לאַנגע בויגנס. — דאָ גענוג.

א י ן רעדאַקציע האָט גריזל זיך געטראָגן מיט דער כעס פּאַרע וואָס האָט געקאָכט אין אים. פ ו ן רעדאַקציע איז ער געגאַנגען מיט אַ שווערן גאַנג, דער פּאַק פּאַפּיר אונטערן אָרעם — אַ שווערע משא. דער פּאַפּיר — גלאַנציק, גליטשיק — האָט זיך אַלע מאָל אַרויסגע־

רוקט, מ׳האָט אים באַדאַרפט אונטערהאַלטן, און יעדעס מאָל וואָס גריזל האָט איינגעמאָסטעט דעם פּאַפּיר האָט ער אויף אים אַ קוק געטון און געזען ווי דער גלאַנציקער פּאַפּיר האָט חוצפּהדיק געשריען: א י ך בין די דערציילונג, אַלץ וואָס דו דאַרפסט טון איז פאַרשמירן, ניט מער, און געדיינק, אויפן ריכטיקן פּלאַץ שטעלן אַ פּינטעלע. „אַ פּינטעלע . . .״ האָט ער דערהערט אַ זינגענדיקע שטימע.

— אַ פּינטעלע, — האָט יואל אונטערגעברומט דאָס איינע וואָרט, נאָכדעם דאָס גאַנצע ליד, און דער ניגון אַ טרויעריקער, אָן אומעטיקער, האָט אויסגעזויגן דעם כּעס, האָט איינגעשטילט דעם געמיט.

אַריבערגעגאַנגען דאָס יאָר, און יואל גריזל האָט געזען אַז ס׳איז . . . גאַרניט אַזוי שלעכט. קיין טעמעס האָבן אים ניט אויסגעפעלט, עס האָט זיך געשריבן, און אפילו מיטן „סדום בעטל״, מיטן „פּינטעלע״ האָט ער זיך אויך איינגעלעבט, און עס קומט אַרויס ניט שלעכט. אייניקע דערציילונגען גאַנץ פיינע, אָבער טאַקע גאָר פיינע, והא ראיה — דער קאָנטראַקט איז באַנייט געוואָרן. דאָס מיינט די דערציילונגען האָבן אויסגענומען ביים לייענער, אַניט וואָלט דאָך מר. שלייפער ניט אַרויסגעוואָרפן קיין געלט סתם אין דער וועלט אַריין, געוואָרן, הייסט עס, אַ „פּיטשור״. אַ פּאַסקודנע בריאה, אָט דער מר. שלייפער. זיינע אויגעלעך. ער וואָלט נאָך איצט אויך געוואָלט „אויסהאַקן די שויבן״, אָבער דער קאָפּ האָט אים ניט אויסגעדאַרט, ער ווייסט וואָס ער וויל, וואָס אַ צייטונג דאַרף. פּיטשור? זאָל זיין פּיטשור. כאָטש צוריקגע־שמועסט איז עס ניט אַזאַ מעלה. דער לייענער לייענט טאַקע, ווערט צוגעוואוינט, וואָרט שוין אויף זיין דערציילונג, דערפאַר אָבער די שרייבער, זיי, אַ נכפּה זאָל זיי כאַפּן, אַמאָל, אַז ער האָט ווען ניט ווען אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג האָבן זיי נאָך געזאָגט אַ וואָרט, גוט, שלעכט, אָבער דערמאָנט, איצטער? אַ פּיטשור, איז דאָך נישט שייך. אפילו גאַלמוד זאָגט זעלטן ווען אַ וואָרט. אַ יאָר — צוויי און פופציק דער־ציילונגען. אפשר אַרויסגעבן אין בוך פאָרם, דאַן וואָלט די קריטיק ג ע מ ו ז ט שרייבן. אויך אַ פּלאַן. דערווייל . . .

דערווייל איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר צען. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט איבער פינף הונדערט דערציילונגען, ער האָט אָבער ניט געטראַכט וועגן אַרויסגעבן אַ בוך, ביכער, ער האָט געטראַכט וועגן אַ . . . טעמע.

„פּאַר אַ שרייבער איז אַלץ אַ טעמע״. ער קען דעם פּזמון. אַלץ

איז אַ טעמע . . . ליבע. דאַרף מען נאָך אַ בעסערע טעמע ? די ליבע האָט אַ סך ציצקעס (ער האָט גערן גענוצט אַ גראָב וואָרט ווען ער האָט עס געדאַרפט), אָבער וויפל איז דער שיר צו מעלקן די ליבע ? ניט איין מאָל, אינמיטן שרייבן, האָט ער זיך געכאַפּט אַז עפּעס ענלעכעס האָט ער שוין אַמאָל געשריבן. צו זיין זיכער, האָט ער אַ בלעטער געטון דעם קלעפּ־בוך, און . . . ס'איז דאָ ! מיט כעס האָט ער דאַן צעריסן דאָס אָנגעשריבענע, אַ שמיץ געטון די שטיקלעך פּאַפּיר און אַנטלאָפן פון שרייב טיש, פון שטוב, געגאַנגען איבער די גאַסן אָן אַ צוליב וואָס, באַלד האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צו אָט יענעם מענטשן : זיין נאָז קען אים צונוץ קומען, צו יענעם הויז, און אָט די מיידל, וואָס איז נאָר וואָס פאַרבייגעגאַנגען . . . ער האָט געצויגן פון קעשענע זיין נאָטיץ ביכל, זיין „שוואַרצן שאָטן", וואָס האָט אים באַגלייט וואו ער איז נאָר געגאַנגען, פאַרצייכנט, דערביי געזוכט, אפשר איז דאָ אַ פאַרצייכענונג פון פריער וואָס ער קען נאָך היינט אויסנוצן, ער מוז אָנשרייבן אַ דערציילונג, די ציטונג . . .

ברענט זי, די צייטונג ! וואָס האָט ער גאָר זיך פאַרבונדן מיט איר ? ביי אים אַלע מאָל געווען „יאַלאָווע" פּעריאָדן. נו יאָ, אַ בהמה מעלקט זיך דאָך אויך ניט אַ קיילעכיק יאָר, אים האָט עס ניט געקי־מערט, אדרבה, ער איז גאָר געווען צופרידן : אַ פּעלד אַז עס רוט אָפּ אַ יאָר גיט עס דעם צווייטן יאָר בעסערע פּרוכט, אָבער איצט, גיי רו, אַז די צייטונג דאַרף אַ „פּיטשור" . . . אָט דער „פּיטשור" האָט ער שוין אָפּגעגעבן אַלע זיינע ערשטע דערציילונגען, קיינער האָט זיי דאַן ניט געוואָלט דרוקן, איצטער, בשעת הדחק, האָט ער זיי אַרומגעטעסעט, אָפּגעהובליעוועט און עס איז אַוועקגעגאַנגען, ניט געבליבן קיין רעזערוו, און שרייבן מוז ער !

— אייער דערציילונג „קאַיאָר", אַ פיינע דערציילונג, — האָט אים קאָמפּלימענטירט זיין „קאָנקורענט", דער דערציילונג־שרייבער אזאָלין, און גריזלס אויגן האָבן זיך פאַרשפּיצט, ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט די אויגן : וואָס מיינט דער פלוצלונגער קאָמפּלי־מענט ? די שדימלעך אין אזאָלינס אויגן האָבן נאָך פאַרשטאַרקט דעם פאַרדאַכט — עפּעס מיינט ער, אָט דער . .

— געפעלט אייך ? — די שטימע כלומרשט אַ צופרידענע, דער קוק אָבער אַ חשדיקער, אַ צעשראָקענער און אַ פיינטלעכער.

— גאַנץ פיין אָנגעשריבן. אַ ענלעכער מאָטיוו דאָ ביי טשעכאָוון.

אַט איז עס! ער שמייכלט, דער נבזה . .

שמייכלט אים גריזל אַנטקעגן. — דאָס ווייזט אַז טשעכאָוו האָט אויך געקענט אָנשרייבן אַ גוטע דערציילונג.

— יאָ, אַזוי זאָגן יאַקאָבי מבינים אויף דערציילונגען . . .

קיינע היינטערשיסעלעך. אזאַלין, דער מבין, זאָגט עס אים אַז ער האָט די דערציילונג גענומען ביי טשעכאָוון. ער האָט אים אין דר'ערד. ער נעמט ניט ביי קיינעם. אודאי לייענט ער, וואָס דען, ווי די עמי הארצים, וואָס האַלטן ניט פון לייענען יענעם, לייענען רק זיך? אַ שרייבער ד אַ ר ף לייענען, און אַז מ'לייענט, מ'זעט וואָס יענער האָט געטון טוט מען אויך עפּעס, ער טוט עס אויף ז י י ן שטייגער. און שעקספּיר האָט ניט גענומען? אַלץ הייסט גענומען! אָבער וואָס האָט ער ג ע מ אַ כ ט דערפון! ער האָט אים אין דר'ערד, דעם אזאַלין. פונדעסטוועגן האָט ער זיך שוין אָפּגעהאַלטן פון נעמען אין האַנט אַריין טשעכאָוון, מאָפּאַסאַנען, ער האָט זיך אַ נעם געטון צו די קלענערע, ניט באַקאַנטע שרייבער. געהייסן האָט עס, ער וויל זיך באַקענען מיט נייע שרייבער, זען וואָס זיי טוען עפּעס אויף נייס, נאָר נישטערנדיק אויף די פּאָליצעס פון דער ביבליאָטעק, האָט ער זיך אומגעקוקט צי זעט ניט עמיצער וואָס ער קלייבט און, שטעמפּלענדיק די ביכער ביי דער מיידל, האָט ער שטודירט איר פּנים, קוקט זי זיך ניט צו, פאַרצייכנט זי ניט אין קאָפּ וואָס ער נעמט כדי נאָכדעם איבערגעבן עמיצן? . . . אַ קליין וועלטל . . .

די מיידל האָט געשטעמפּלט די ביכער ווי אַן אויטאָמאַטישע דרוק מאַשין דרוקט צירקוליאַרן, גריזל האָט אָבער געטראָגן די ביכער ווי ער וואָלט געטראָגן אומלעגאַלע צירקוליאַרן פאַר אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, און אין צימער ביי זיך האָבן די ביכער געשריען: ג נ ב! ג נ ב! גאַנ־ וועסט! דער „גנב" האָט געשטאָכן אין די אויערן און פאַר די אויגן האָט ער געזען אזאַלינען. יענער האָט געקראָגן אַ שטעלע אין „קוריער", שטעלט אויך צו יעדע וואָך אַ דערציילונג, ווי אַז ע ר וועט אויך אַ נישטער טון אין די ביכער? מייז. ניט די מויז איז שולדיק, נאָר די לאָך . . . ער'ט עס ניט טון, אויס! ער'ט בדאי . . .

מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, און ער האָט זיין דערציילונג נאָך ניט צוגעשטעלט, ניט אָנגעהויבן אפילו שרייבן. אַז וואָס ער האָט ניט גענומען שרייבן איז אויסגעקומען אַז ער האָט עס שוין אַמאָל געשריבן. אַ מעשה מיט אַ בחור, אַ מיידל, די אַלטע געשיכטע, מער ניט אַ נייער

קנייטש, האָט ער זיך געכאַפּט אַז דער „קנייטש" איז אויך אַ „צעקנייטש־טער", געגוי דאָס זעלבע האָט ער געשריבן נאָך מיט אַ יאָר . . . צען צוריק. ער האָט אַ נעם געטון דעם קלעפּ־בוך, אַ פיר געטון מיט די אויגן איבער דער דערציילונג — פון איין טאָטן, שיר ניט וואָרט אין וואָרט. וואָס איז מכוח . . . ?

אַרומקוקנדיק זיך ווי אַ גנב, האָט ער א לייג געטון דעם קלעפּ־בוך אויפן טיש, אַ נעם געטון צוויי בויגן פּאַפּיר, און געשווינד, האָס־טיקער ווי ווען עס איז געגומען איבערשרייבן די דערציילונג. אין די נעמען האָט ער זיך געפּלאָנטערט, אָט האָט דער העלד געהייסן לוי און אויף דער צווייטער אָדער דריטער שורה האָט ער שוין געהייסן שמעון, ווי אין דער אָריגינעלער דערציילונג. מיט כעס האָט ער גע־מעקט די נעמען — אַ גנב פאַרווישט די פינגער־אָפּדרוקן. ער האָט שוין אַריבערגעצויגן אויפן דריטן בויגן פּאַפּיר, ער האָט שוין אָבער אזוי געהאַט די מאָס אין האַנט, אַז ער האָט געוואוסט דאָס איז פון האַסטיקייט, פון מעקעניש, וועט זיין ניט מער ווי צוויי קאָלומס. אי־בערגעשריבן די דערציילונג, האָט ער גענומען בייסן דעם ווייז־פינגער פון דער לינקער האַנט — אַ נאָמען! מ׳דאַרף דאָך געבן אַן אַנדער נאָמען, משנה שם זיין . . . אפשר גאָר אָן אַ נאָמען? די דערציילונג זאָל זיין אָן אַ נאָמען און אויך אָן אַ טאָטן, זיין נאָמען אויך ניט ארויפ־שטעלן? „פּיטשור"! „פּי—טשור!"

ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ נאָמען ווי מ׳פּיאַלעט אַרויף אַ פרעמדע גרויסע היטל אויפן קאָפּ, אָוועקגעשיקט, ניט אָוועקגעטראָגן, די דער־ציילונג און, ווען ער האָט דערזען די ציטונג, האָט ער ניט איבערגע־לייענט די דערציילונג, ווי ער האָט געוויינלעך געטון, ער האָט בלויז געקוקט אויף איר, געקוקט, געקוקט, דאַן אַ נעם געטון די ציטונג, זי אַ קנייטש געטון, איין מאָל, צוויי מאָל, צוזאַמענגעקנייטשט אין אַ קנויל און אַ שמיץ געטון . . .

(3)

אין קאַפע איז ער געזעסן אַ שווייגנדיקער. דאָס דריטע טעפּל קאַווע האָט ער שוין געהאַט אויסגעטרונקען, ביי זיין טישל האָבן זיך שוין עטלעכע מענטשן געביטן, שוין אַ היפּש ביסל זיך אָנגעהערט, אפילו גערעדט אויך, און ער איז נאָך אַלץ געזעסן, מיטן פינגער גע־

גלעט דעם ראַנד פונם לײדיקן קאַװע טעפּל. אויף װעמען האָט ער געװאַרט? אויף קײנעם ניט. קײנער װעט אים גאָרניט זאָגן. קײנער װײסט ניט. קײנער לײענט ניט. שוין יאָרן אַז מ׳לײענט אים ניט. אַ פּיטשור געװאָרן. אַ פּיטשור אויף אַ קוק צו טון. יואל גריזל? נו יאָ, ער איז דאָ, יעדן זונטיק אויף זײן פּלאַץ, װאָס נאָך דאַרף מען? גאַלמוד! דער פינגער אויפן ראַנד פון קאַװע טעפּל האָט זיך אָפּגעשטעלט. גאַלמוד! ער לײענט דאָך יאָ. אויף אים װאַרט ער. האָט ער דערקענט? און אַז ער׳ט אים זאָגן, פרעגן, װאָס װעט ער אים ענטפערן? זיך פאַרענטפערן? און אז יענער װעט גאָרניט זאָגן? אלײן ארויסקומען מיטן אמת, זיך אויסרײדן דאָס האַרץ? דער פינגער האָט געגלעט, געגלעט דעם ראַנד פון קאַװע טעפּל, ערשט װען די אויגן האָבן דערזען גאַלמודן האָט דער פינגער זיך אָפּגעשטעלט.

גאַלמוד איז אַרײַנגעקומען. די קורצזיכטיקע אויגן הינטער די ברילן האָבן אַ בלאַנזע געטון איבער דער קאַפע און, דערזעענדיק גריזלען, האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו זײן טיש. בידעריק געװאַקסן, דיק, אין אַ ברײטן רעקל װאָס איז קײנמאָל ניט געװען פאַרשפּיליעט, אין ברײטע, צעקנײטשטע, צו לאַנגע הויזן, האָט ער אויסגעזען װי אַ צעלעכצט פעסל, די צײטונגען אין בײדע קעשענעס פון רעקל — שטיקער קלעפּקע װאָס שטײען אָפּ, אַרויס פון די רײפן, באַלד, באַלד פאַלן זײ אַרויס, דאָס פעסל װעט זיך צעפאַלן.

דאָס פעסל האָט זיך צוגעקײקלט. די קורצזיכטיקע אויגן, ברײט צעעפנט, האָבן, הינטער די דיקע אויגן גלעזער, כלומרשט שטרײנג געקוקט, בעת פון ברײטן מויל האָט זיך ארויסגעקײקלט אַ פרײנטלע־כער: העללאָ, יואל! װאָס מאַכט מען?

אָט דער האָפערדיקער „העללאָ יואל" געפעלט אים ניט. האָט ער געלײענט, דערקענט און פרואװט דאָס פאַררײדן, פאַרשרײַען? האָט ער געלײענט און ניט דערקענט? האָט ער ניט געלײענט? לײענט ער אים שוין אויך ניט?

די פראַגן — פליגן, װאָס האָבן זיך געטראָגן פאַרבײ גריזלס אויגן, זיך געדרײט בײ אים אין קאָפּ, ניט געלאָזט אים רעדן מיט גאַלמודן װי עס דאַרף צו זײן. אים פרעגן! אַ פרעג טון: געלײענט מײן דער־צײלונג? פון מויל איז אַרויסגעפאַלן: — געלײענט מיצנערס אַרטיקל?

— עה! — האָט גאַלמוד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — קוואַטש! דער מענטש הײבט ניט אָן צו װיסן װאָס ער רעדט. אַ ייד אַ . . .

מיצנער איז געווען גאַלמודס הויפּט קאָנקורענט־קריטיקער, און גריזל האָט שוין געוואוסט, אַז איצט, ווען גאַלמוד האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף מיצנערן וועט ער שוין אויף אים שבת האַלטן. רעזיגנירט, האָט יואל גריזל כלומרשט זיך צוגעהערט צו גאַלמודס רייד, אפילו אַריינגעשטעלט אַ וואָרט, אָבער אין קאָפּ האָט געזשומעט די פליג: ניט געלייענט, ניט געלייענט . . . אים האָט זיך געוואָלט אָנבעמען גאַלמודן, אים אַ הויב טון, אַ טרייסל טון „דאָס פּעסל" און אים אַריינשרייען אין פּנים: שווייג! הער אויף ריידן וועגן מיצנערן, וועגן ליטעראַטור, דאָ זיצט לעבן דיר אַ גנב, אַ מענטש וואָס האָט זיך אַליין באַגנבעט, אַ שרייבער, וואָס . . .

— . . . אַ שרייבער, וואָס דרייט אַ פּזר צי אַ שלשלת איז אַ דרייער ניט קיין שרייבער, — האָט גאַלמוד זיך שוין געקאָכט. — אַ שרייבער דאַרף אַ שניט טון, אַ טיפן שניט, ביזן סאַמע מיט, דערגיין צום תוך, צום סאַמע תוך, ניט ווי ער, אַרום און אַרום, אַרום און אַרום, אַ ווערווערקע, דאָס וואָס ער איז, אַ ווערווערקע, — האָט גאַלמוד נאָך אַלץ געפּאַלמעסט מיצנערן. גריזל האָט געזען — פאַרפאַלן, ער וועט שוין פון גאַלמודן גאָרניט הערן וועגן זיך, וועגן דער דערציילונג, וועגן . . .

— לואי! — האָט ער נערוועז אַ רוף געטון דעם סאַרווער, באַצאָלט פאַר קאַווע און מיט אַ מאַך פון האַנט בלויז זיך געזעגנט מיט גאַלמודן.

דאָס איז געווען אין אַ זונטיק. די נאַכט איז ער שלעכט געשלאָפן. אויף מאָרגן, דער טאָג ווען ער האָט געוויינלעך געשריבן זיין דערציילונג, האָט ער אפילו זיך ניט געזעצט שרייבן, דער קאָפּ האָט זיך אים געשפּאָלטן פון ווייטיק, ער האָט ניט געקענט זיך צורירן צו די האָר, האָט ער געשלונגען אַספּירין, געדרימלט, געפּרואווט לייענען, אָבער די ווערטער זיינען ניט געקראָכן אין קאָפּ. אין אָוונט איז ער, ווי דער שטייגער, געזעסן אין קאַפע, אָבער געזעסן אַ פרעמדער, די מענטשן — ער קער זיך גאָרניט אָן מיט זיי. און אַז זיי זיינען שרייבער, איז וואָס, איז מה בכן? וואָס טומלען זיי אַזוי פיל? שרייבן! שרייבן! ריידן שוסטער אַזוי פיל פון שוסטעריי? קיין פאַך מענטש רעדט ניט אַזוי פיל „שאַפ" ווי דער שרייבער. פאַרשאָלטענע ברואים. אַ פאַרשאָלטענע פּראָפעסיע. פאַרשאָלטן . . .

די נאַכט איז ער ווידער שלעכט געשלאָפן. מיט אַ שווערן קאָפּ האָט ער זיך געזעצט צום שרייב טיש, אין לינקן שלייף האָט אַן עגבויער געבויערט, געבויערט . . . מיט צוויי פינגער האָט ער געגלעט דעם

שלייף, געקוקט אויפן טיש. פּאַפּיר, פּען, טינט. דער גאַנצער רעקוויזיט דאָ, מער ניט, דער קאָפּ . . . אין דר׳ערד מיטן קאָפּ! ער האָט אַ נעם געטון די פּען אין האַנט, איינגעטונקען אין טינטער, איין מאָל, צוויי מאָל, אפילו קיין נאָמען פּאַר א דערציילונג האָט זיך ניט באַוויזן. ער האָט אַרויסגענומען דעם „שוואַרצן שאָטן", זיין נאָטיץ ביכל, געקנייפּט, געבלעטערט. נו יאָ, מ׳קען עפּעס צוזאַמענשטוקעווען, מ׳דאַרף זיך בלויז אַ ביסל אָנשרויפן. ווען דער שרויף אין שלייף זאָל ניט שטעקן אַזוי טיף, זאָל אַזוי ניט דרייען. ער האָט אַ שאַר געטון דאָס נאָטיץ ביכל. ער האָט עס אין דר׳ערד. נעמען אַן אַספּירין, צי גאַר אַן עמפּערין קאַדעין, אפשר איינשלאָפן.

מיטוואָך האָט ער אַ קוק געטון אויפן טיש, געזען די לאַנגע גרינ־בלויע בויגנס פּאַפּיר, מיט איין האַנט באַוועגונג האָט ער א שויבער געטון דעם שטויס פּאַפּיר, אַ שטופּ געטון, מיטן מויל א העשע געטון — אַ ניט אַרויסגעבראַכטער שפּיי. ער האָט זיך אפילו ניט צוגעזעצט צום טיש. דאַנערשטיק אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען מיטן געדאַנק אַז היינט גייט ער אין רעדאַקציע. ניין, ניט צום רעדאַקטאָר. זיך פּאַרלאָזן אויף עמיצן, יענער זאָל פאר דיר אַרויסטראָגן די פּאַמעניצע, וועסטו פאַרשטונקען ווערן, מ׳מוז עס טון אַליין, צו דעם אַרויסגעבער, צו דעם מיסטער שלייפער וועט ער גיין, מיט אים וועט ער ריידן.

דער פאַרגעשמאַק פון דער זעאונג מיטן אַרויסגעבער — האַלטן אַ האַלבע גלאָז ריצנאַייל ביי די ליפּן. פאַרמאַכן די אויגן. אַרונטער־גיסן . . . ווען האָט ער אים געזען? מיט אַ פיר וואָכן צוריק. געוואָרן דרייסיק יאָר אַז מר. שלייפער האָט אָפּגעקויפט דעם „עקספּרעס", האָט „מען" געמאַכט אַ באַנקעט לכבוד אים, ער האָט באַשטעלט דעם באַנקעט און אַלע שרייבער זיינען געקומען, אָבער אַלע! פון די אינעוויניקסטע שרייבער איז דאָך אָפּגערעדט, זיי האָבן דאָך „געפּיטשורט" דעם באַנקעט אין צייטונג, נאָר אפילו די אויסנוויינקסטע שרייבער, די וואָס זיינען אפילו ניט געווען אויפן שכירות צעטל, זיינען אויך געקומען, און יעדער איינער האָט גערעדט, געזונגען שבחים. ער, גריזל, האָט אויך גערעדט.

יאָ, ער געדיינקט יעדער וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט, קען נאָך איצטער פילן דעם טעם ביים ריידן. ער האָט איינגעטונקען די הענט אין רוי־צעקלאַפּטע אייער און מיט די פינגער געשמירט איבער מר. שלייפערס פּנים. די פינגער קלעפּיק, געל, אין נאָז האָט געשלאָגן אַן אַויר, און ער האָט געשמירט דאָס געלכל איבערן פּנים, ער האָט גע־

רעדט, און מר. שלייפערס פּנים האָט געגלאַנצט, זיך געניטעוועט ווי אַ חלה אין אויוון, ער האָט אַנגעקוואָלן. אודאי חניפה. שלייפער איז קלוג גענוג צו וויסן אַז דאָס איז ניט מער ווי חניפה, ער האָט אָבער אויך געוואוסט אַז זיי קענען ניט נ י ט חנפענען! ער איז דער באַלע־באָס! און אַט דעם באלעבאָס גייט ער עס זען. וואָס וויל ער פון אים? קודם ניט ארבעטן. כאָטש אַ זעקס חדשים. אַ האַלב יאָר צייט ניט שרייבן. אַרבעטן מיט אַ גראָב און שטעך אייזן, אין אַן אייזן גיסעריי, אַבי ניט שרייבן, ניט צושטעלן יעדע וואָך אַ דערציילונג. נאָכדעם, נאָכדעם וועט מען שוין זען . . .

— אָה, העללאָ, מר. גריזל! וואָס מאַכט איר? — האָט מר. שליי־פער זיך „אַרומגעכאַפּט”, אָט ווי ער וואָלט אויסגעקוקט די אויגן נאָך זיין מיטאַרבעטער. — זיצט! ציגאַר? — האָט ער פאַרגעשלאָגן און, ווען גריזל, וואָס האָט קיינמאָל ניט פארזוכט דעם טעם פון אַ ציגאַר, האָט זיך אָפּגעזאָגט, חידושנדיק זיך: וואָס עפּעס פּלוצלונג אַזאַ פריינט־לעכע אויפנאַמע? עפּעס מוז דאָ זיין . . . האָט מר. שלייפער פּאַמעליך געצונדן זיין ציגאַר, די אויגעלעך אַנגעשטעלט אויף גריזלען. — אייך שוין ניט געזען אַ . . . ווי לאַנג אַז מיר האָבן זיך ניט געזען?

— מיר האָבן זיך געזען ביים באַנקעט.

— אָה, איר זייט געווען ביים באַנקעט?

— געדיינקט ניט? איך האָב אפילו גערעדט . . .

— גערעכט. גערעכט. איצט געדיינק איך. ווי איז אייך געפעלן דער באַנקעט? אַ פיינער אָוונט געווען, ניין? זייער פיין פון דער חברה. איר ווייסט, עס ווערט גוט אויפן הארצן ווען דו זעסט אַז דיינע מיט־אַרבעטער זיינען ניט גלאַט אַנגעשטעלטע, נאָר טאַקע פריינט. איך וואָלט זאָגן שותפים אין געשעפט. נאָך אלעמען איז אַ צייטונג דאָך ניט סתם אַ געשעפט. געשעפטן זיינען דאָ בעסערע, אַ צייטונג מיינט עפּעס מער, עס פאָדערט זיך דער גוטער ווילן, די קאָאָפּעראַציע פון יעדן איינעם. יאָ, קאָאָפּעראַציע, דאָס איז דאָס וואָרט.

וואָס וויל ער? האָט יואל גריזל געוואָלט איבערלייענען אויף שלייפערס פּנים. צו עפּעס צילט ער דאָך. אָבער גיי כאַפּ די אויגעלעך— מייזלעך.

פּוף—פּוף—פּוף.

דער ציגאַר האָט ניט קאָאָפּערירט. מר. שלייפער האָט האַסטיק אַ רייב געטון אַ שוועבעלע, געצינדן דעם ציגאַר און ערשט דורכן וואָלקן

רויך האָט זיך דורכגעזייט — געבראַכט אייער דערציילונג? וואָס האָבן מיר היינט, דאָנערשטיק? אַ ביסל צו שפּעט, ניין?

— ניט געבראַכט קיין דערציילונג, — האָט גריזל ארויסגעזאָגט און געווען דאנקבאַר מר. שלייפערן וואָס ער האָט אים ארויסגעהאָלפן, איצטער וועט ער שוין קענען רעדן.

— איר האָט נ י ט געבראַכט? דאָס איז גוט. דאָס איז פיין, — איז מר. שלייפער געוואָרן נאָך באַרעדעוודיקער ווי פריער. גריזל האָט זיך געחידושט וואָס איז דאָ אַזוי גוט, אַזוי פיין. — שוין מיט אייך געוואָלט רעדן וועגן דעם, וועגן די דערציילונגען. ווי לאַנג אַז מיר דרוקן אייערע דערציילונגען? אַ יאָר צען? ווירקלעך צען יאָר? אַ לאַנגע צייט. די צייט פליט, — האָט ער „פילאָזאָפיש" אַ זאָג געטון און איינגעוויקלט די פילאָסאָפיע אין אַ קנויל רויך. — ניט געוואוסט אַז ס'איז שוין אַזוי לאַנג. קיין חידוש וואָס דער אינטערעס איז געפאַלן. יאָ, איך מוז אייך זאָגן, דער אינטערעס איז געפאַלן. אַ נאָמען אין אַ צייטונג איז ווי אַ בילד אין אַ הויז. איר האָט בילדער? ניין? איך האָב עטלעכע בילדער, גוטע בילדער אויך, אייניקע זייער טייערע, פאַר איין בילד באַצאָלט אַ הונדערט און פופציק דאָלאַר, און אפשר טאקע צוויי הונדערט, געדיינק שוין ניט. אַ פיין בילד, עס געפעלט מיר, אָבער, ווי זאָל איך אייך זאָגן, אַז מ'קוקט אויף דעם טאָג איין טאָג אויס, אין משך פון יאָרן, דערעסט עס. ווייסט איר וואָס איך טו?

— איר וואַרפט עס אַרויס.

— ניין, דאָס ניט. ארויסוואַרפן? אַ טייער בילד! איך וואַרף ניט אַרויס, וואָס איך טו יאָ, איך שטעל עס אריין אין אַן אנדער רעמל, הייננג עס אויף אין אַן אַנדער צימער און, איר'ט זיין איבערראַשט, עס ווערט אַ ניי בילד. ווי איך בין אַ ייִד, אינגאַנצן אַן אַנדער בילד. דאָס זעלבע מיט אייערע דערציילונגען. — ער האָט אַ צי געטון דעם ציגאַר, אַרויס־געלאָזט רויך. — אייערע דערציילונגען . . . די פּיטשור איז געוואָרן אַ ביסל צו . . . נו, רופט מער ניט ארויס קיין אינטערעס ביים לייענער. ער ווייסט שוין אויך אַז מ'לייענט ניט?

— פון וואַנען ווייסט איר אַז ס'רופט ניט ארויס קיין אינטערעס?

— איר פאַרלאָזט זיך אויף אונדז. מיר ווייסן שוין גאָר. מיר ווייסן געניי ווער ס'האָט וויפל לייענער. מיר דאַרפן עס ויסן, דאָס איז אונדזער עסק. און מיר ווייסן אַז די דערציילונגען ווערן זייער ווייניק געלייענט, ניט מיט גענוג אינטערעס. אַ ראָמאַן יאָ, אויף דער פאַר־

זעצונג פונם ראָמאַן וואַרט דער לייענער, אויף אַ דערציילונג ניט. איז אַזוי, ראָמאַנען האָבן מיר געגוג, צוויי און אַמאָל דריי, נאָך אַ ראָמאַן וואָלט שוין געווען צופיל, האָבן מיר באַשלאָסן מאַכן אַ קאָמבינאַציע — דערציילונג און ראָמאַן, אַנשטאָט געבן יעדע וואָך איין דערציילונג, געבן אַ קורץ ראָמאַנדל אויף זיבן טעג.

— אַ ראָמאַנדל?

— נו יאָ, אַ ראָמאַנדל. די זעלבע דערציילונג, נאָר אויסציען אַ ביסל. די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. צוגעבן נאָך אַ בחור, נאָך אַ מיידל, מאַכן עס שפּאַנענד, דער לייענער זאָל גאַרן צו וויסן דעם סוף. איר ווייסט שוין, דאַרף איך ניט לערנען די מלאכה.

— איך ווייס ניט, — האָט גריזל געענטפערט מיט שטירדעס און אַ קוק געטון אויף שלייפערן, אויף זיינע „פּאַרנייטע" אויגעלעך. זיי אויפשניידן, אויפרייסן זיי און . . . אַריינשפּייען אהין. אַ ראָמאַנדל . . .

— גייט שוין גייט, וואָס איז דאָ צו וויסן? געזען דעם „קוריער"? זיי האָבן איינגעפירט אַזאַ פּיטשור. אַ גוטע פּיטשור. אַ שאָד וואָס זיי האָבן זיך געכאַפּט די ערשטע. אָבער מיר קענען עס מאַכן בעסער. זיי געבן עס אינעווייניק, דאָרט ווערט עס פאַרלוירן, מיר'ן עס געבן אויף דער לעצטער זייט. מיטן ריכטיקן קאָפּ, אַ פּיקאַנטן נאָמען, וועט עס זיכער זיין אַ שלאָגער. און מיר ווילן גוט באַצאָלן דערפאַר. פופציק דאָלאַר. פופציק דאָלאַר אַ וואָך.

דער ציגאַר האָט זיך שוין ווידער פאַרלאָשן, דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט געדאַרפט ניט נאָר אָנצינדן דעם ציגאַר, נאָר אויך באַלייכטן דעם ענין פופציק דאָלאַר. איין קלייניקייט, פופציק דאָלאַר אַ וואָך!

— וואָס דיינקט איר? — דער טאָן פון דער פראַגע — איר דאַרפט נאָך דיינקען.

— איך שרייב ניט קיין ר אָ מ אַ נ ד ל ע ך .

דער „דלד" פון דעם „ראָמאַנדלעך" האָט טעמפּ אַ קלאַפּ געטון שלייפערן אין פּנים.

— אַ—זוי? דאָס . . . דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש.

— מר. אזאלין וועט עס טון פאַר אייך.

— אזאלין?

— יאָ, מר. אזאלין, — האָט שוין יואל גריזל געשמייכלט מיט אַ

שפּאַטישן שמייכל. — איר'ט אים געבן פופציק דאלאר וועט ער פאַר־לאָזן דעם „קוריער".

— אַ דאַנק פאַר דער עצה. אָבער איך פרעג ניט קיין עצות ביי אייך. ביי קיינעם ניט. איך געמאַכט אַ פאַרשלאַג, און אַ פאַרדאַמט גוטן פאַרשלאַג, איר ווילט ניט? איז ניט.

— ניין, איך וויל ניט, — האָט יואל גריזל אַ זאָג, אַ קלאַפּ געטון.

— „אָ קעי"! — האָט מר. שלייפער שיר ניט אויסגעזונגען. — איר זייט אַ פרייער מענטש. — דער מאַך מיטן האַנט דערביי, די באַ־וועגונג פון די קורצע פינגערלעך האָט אַוועקגעמאַכט, אַרויסגעשאַרט גריזלען — ביסט אַ פרייער מענטש, קענסט זיך גיין צו אַל די שוואַרצע יאָר, טאקע שוין!

יואל גריזל האָט זיך אויפגעהויבן. ער איז געשטאַנען, געוואָלט עפּעס זאָגן, זאָגן אים עפּעס אַזוינס . . . אַט דעם אַ . . .

דער אַ . . . האָט זיך שוין „פּאַרטיפּט" אין זיין שרייב טיש אַט ווי קיינער וואָלט גאַרניט געשטאַנען ביים טיש, כאָטש פונם בייסן דעם ציגאַר האָט מען געקענט זען אַז שלייפער פילט שוין גאַר גריזלס אנוועזנהייט. צום ווייפלטן מאָל האָט יואל גריזל אַ מעסט געטון דאָס מענטשל מיטן קיילעכדיקן פּנימל, מיט די פאַרנייטע אויגעלעך. און די הענט זיינע, סאַראַ לאַנגע הענט. אַ מאַלפּע, יאָ, א מאַלפּע, און אַט די מאַלפּע . . . כאַפּט אים דער . . . ער האָט שוין געמאַכט אַ טראָט אַרויסצוגיין פון חדר, ווען ער האָט דערזען אין אַ ווינקל אַ שטויס פּאַפּיר, דער זעלבער גרין־בלויער פּאַפּיר, די לאַנגע בויגנס, וואָס דער רע־דאַקטאָר האָט אים געגעבן פאַר אַ מאָס . . . ער האָט א נעם געטון איין בויגן, אים אַ צי געטון אין דער לייננ, אַ פאַכע געטון און אַ שפּאַן געטון צו שלייפערן.

— וואָס אַזוינס? — האָט מר. שלייפער אַ פרעג געטון, אַ דריי טוענדיק זיך אויף זיין דריי־שטול.

— אַט דער פּאַפּיר, — האָט יואל גריזל אַ זאָג געטון גרינזענדיק.

— גוטער פּאַפּיר. נעמט עס. גוט פאַר קינוח סעודה.

— וו—אַ—ס! — איז שוין מר. שלייפער אויפגעשפּרונגען פון שטול. ערשט איצט, שטייענדיק אין זיין פולער הויך, האָט גריזל דער־זען ס'אַראַ קליין פאַרשווינדל דער מר. שלייפער איז, זיין פּעמפּיקל, זיין . . . ער האָט אים אויסגעטון נאַקעט . . .

— יאָ, יאָ, — האָט ער נאָך ברייטער געגרינזט מיט אַ משוגענעם

שמייכל, — איר קענט זיך אונטערוישן דערמיט, מיסטער . . . שלייפער. — ער האָט געמאַכט אַ מיאוסע באַוועגונג מיט דער האַנט אויף הינטן, אַ וואָרף געטון דעם פּאַפּיר, זיך קאָמיש פאַרנייגט און ארויסגעגאנגען פון אָפיס נאָך איידער מר. שלייפער האָט צייט געהאַט אַרויסלאָזן אַ קלאַנג.

דער שגעון שמייכל האָט געשפּילט אויף גריזלס מויל און מיט יעדן טראָט איז דער שמייכל ווי אונטערגעשפּרונגען — אַט אַזוי האָט זיך עס געענדיקט דיין אינטערוויו מיט מר. שלייפערן.

— נו, געענדיקט, — האָט ער אַרויסגעזאָגט אין דער הויך און אים איז גרינגער געוואָרן. פון ערגעץ ווייט איז געקומען צו אים אַ ניגון און ער האָט גענומען אונטערברומען: איך וועל שוין מער ניט גנבענען, גנ—בענען . . .

דער שמייכל איז פאַרשוואונדן, דער ניגון איז פאַרקלונגען. לעצטן דאַנערשטיק האָט ער זיך אַליין באַגנבעט, דעם דאַנערשטיק האָט ער זיך אַליין באַגזלט — אויס שטעלע. — בעסער אזוי, — האָט ער אַרויסגעזאָגט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — אָי, ואם תאמר מה נאכל, — האָט ער אויסגעזונגען מיט אַ גמרא ניגון, — איז . . . תיקו.

— תיקו! — האָט ער פאַרקוועטשט דעם קין מיט די ערשטע צוויי פינגער. — בלייבט אַ קשיא . . .

אומשטערבלעך

שמחה סינאגוב איז געווען אַ פּאָפּולערער שרייבער. ער האָט געשריבן, געדרוקט ראָמאַנען אין אַ צייטונג, און האָט אַ לייענער פּאַרפּעלט, ניט געקראָגן די צייטונג מיט דער „פּאַרזעצונג" פונם ראָמאַן, האָט ער געזוכט די צייטונג ביי זיין צייטונגס פּאַרקויפער, געפּרואווט לייען ביי אַ שכן, און אַמאָל אפילו זיך מטריח געווען צו גיין אין דער צייטונגס געביידע, בעטן יענעם נומער, ווייל ער האָט געמוזט האָבן די פּאַרזעצונג פון דעם ראָמאַן „דער אייביקער פּלאָנטער". אינם שרייבער שמחה סינאגוב איז דער לייענער געווען ניט אַזוי שטאַרק פּאַראינטערעסירט, גאַנץ אָפט האָט ער אפילו ניט געקוקט אויפן נאָמען פונם שרייבער, אָבער אינם „אייביקן פּלאָנטער", אָהאָ! נאָך ווי פּאַראינטערעסירט!

דער רעדאַקטאָר, דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג, האָבן גע־וואוסט דערפון, און שמחה סינאגוב איז געווען אַן אָנגעלייגטער בייטראָ־גער, דאָס הייסט, זיי האָבן גערן געקויפט זיינעם אַ ראָמאַן און אים אפילו גוט באַצאָלט דערפאַר, פאַר קיין מיטאַרבעטער, וואָס זאָל קריגן וועכנטלעכע שכירות, האָבן זיי פונדעסטוועגן אים ניט אָנגענומען. ער קען שרייבן, אודאי קען ער, און ער האָט לייענער, אפשר מער ווי די „חשובע מיטאַרבעטער", אָבער אַ צייטונג איז אַ געשעפט, די אַרטיקלען אין שווי־פענסטער מוז מען האָבן, ז י י פאַרקויפן די סחורה, די חשובע מיטאַרבעטער זיינען געווען מענטשן מיט נעמען, אָבער שמחה סינאגוב, ווער ווייסט ווער שמחה סינאגוב איז? איבער די ראָמאַנען וואָלטן זיי פונקט אַזוי גוט געקענט אוועקשטעלן קלמן קראַסנאַסטאַווסקי, אָדער אַן ענלעכן נאָמען.

— יענע לעבן אויף טראַמבע, — האָט שמחה סינאגוב גערעדט סאַרקאַסטיש וועגן די חשובע מיטאַרבעטער, — קיין סחורה האָבן זיי ניט, זיי האָבן נאָר די פּלאַמבע, איך? איך שטעל צו די ריכטיקע סחורה, מיין סחורה ג י י ט, איך האָב לייענער אין די טויזנטער, אין די צענדליקער טויזנטער!

פאַר אָט די צענדליקער טויזנטער לייענער האָט ער אין משך פון

זיבן און צוואַנציק יאָר אָנגעשריבן פופציק ראָמאַנען, צוויי ראָמאַנען אַ יאָר, מיט קליינע בלויזן צווישן, די בלויזן האָט ער אויסגעפילט מיט קורצע דערציילונגען, און אין די קומענדיקע זיבן און צוואַנציק יאָר וואָלט ער אפשר געווען אָנגעשריבן נאָך פופציק ראָמאַנען, ווען . . .

ווען ער האָט געהאַט אָפּגעדרוקט אַ צוואַנציק ראָמאַנען איז אים איינגעפאַלן — אַרויסגעבן איין ראָמאַן אין בוך פאָרם. ערשטנס, וויפל איז דער שיר קלעפּן? יעדן טאָג האָט ער אויסגעשניטן דעם ראָמאַן פון דער צייטונג און אַריינגעקלעפּט אין אַ קלעפּ־בוך. איז אַזוי, אַ קלעפּ־בוך איז אויך אַ בוך, געדרוקטע שורות, צוויי טאָוולען, אָבער אַ בוך נאָר פאַר איין מענטשן, פאַר אים גופא, ער׳ט אַרויסגעבן אַ בוך, טאָקע אָפּגעדרוקט ווי עס דאַרף צו זיין, וועט עס זיין פאַר טויזנטער מענטשן, דאָס אליין איז שוין אויך עפּעס, און עס וועט טאקע אריינברענגען אַ ביסל געלט אויך, ועל כולם, ער דארף זיי טאָקע אויף כפרות, די קריטיקער, פונדעסטוועגן אַז ער וועט ארויסגעבן א בוך, די קריטיקער וועלן שרייבן, זיי׳ן מוזן שרייבן, מ׳וועט נעמען ריידן וועגן אים, דאַן . . .

אַרויסגענומען דאָס ערשטע בוך פון איינבינדער, האָט ער קודם באַזאָרגט „די קריטיק״. צו יעדן איינעם וואָס האָט ווען עס איז עפּעס געשריבן וועגן ביכער, ליטעראַטור, האָט ער צוגעשיקט אַ בוך מיט אַ פריינטלעכן אויפשריפט, און געווען זיכער אַז אין אַ וואָך, צוויי, וועט אַריינקומען „דער שניט״, די פרעס וועט זיין פול מיט אים, ניט דוקא לויב־געזאַנגען, איז גינסטיקע אָפּרופן. וואָכן, חדשים זיינען אריבער און, חוץ נאָטיצן, וואָס ער אַליין האָט אריינגעשיקט אין די צייטונגען, אַז אַזאַ בוך איז ארויס, האָט קיינער פון די שרייבער זיך ניט אָפּגערופן. דאָס האָט אים שטאַרק געקריינקט, דער אָפּרוף פון די לייענער האָט אַ ביסל געלינדערט די קריינקעניש.

— אַ מיתה משונה אויף די אַלע געשוואָרענע לייענער, די קריטיקער! דער פּשוטער לייענער, ער איז דער פּוסק אחרון. ער האָט זיך יאָ אָפּגערופן.

אמת, אויך דער פשוטער לייענער האָט אים אַ ביסל אנטוישט. געדרוקט האָט ער פינף טויזנט קאָפּיעס. דער חשבון איז געווען אַ פשוטער — פון די צענדליקער טויזנטער לייענער פון זיין צייטונג, ווי וועלן זיך דאָס ניט אָפּרופן אַ דריי פיר טויזנט, היינט וואו זיינען די ראָמאַנען לייענער פון די אנדערע צייטונגען? אין איינע פינף טעג וועט די גאַנצע

אויפלאַגע זיין אויספאַרקויפט. ווען פינף . . . חדשים זיינען אריבער און עס זיינען נאָך אַלץ געווען אַ פּאָר טויזנט קאָפּיעס, האָט ער זיך מיישב געווען מיטן געשעפטס פאַרוואַלטער פון דער צייטונג.

— פאַרשטייט איר מיך, מר. סינאגוב, מ׳דאַרף קענען דעם לייענער. איר פאַרשטייט? דער צייטונגס לייענער, דאָס איז אַ . . . פינף און צען סענטיקער קונה. א י ר פאַרשטייט וואָס איך מיין? דאָ מענטשן וואָס ווען אריינגיין אין אַ פינף און צען סענט קראָם און דאָרטן אויס־געבן דריי פיר דאָלאַר, אָבער אַלץ צו פינף און צען סענט, אריינגיין אין אַ גרויס געשעפט און ד אָ ר ט ן אויסגעבן אַזוי פיל געלט, דאָס ניט. איר פאַרשטייט? ניינציק אָדער הונדערט טעג וועט ער אויסגעבן יעדן טאָג אַ ניקל אויף אַ צייטונג, לייענען דעם ראָמאַן דאָרט, אמאָל נאָך אַ שטיקל נייס אויך, דאָס וועט אים קאָסטן צווישן פיר און פינף דאָלאַר, אָבער אין נ י ק ל ס . איר פאַרשטייט? קויפן אַ בוך, באַצאָלן מיט איין מאָל דריי דאָלאַר, דאָס ניט. איר פאַרשטייט מיך?

שמחה סינאגוב האָט „פאַרשטאַנען״ (אַ מענטש זאָל עס ביי יעדן צווייטן וואָרט פרעגן: איר פאַרשטייט?), אים איז אָבער ניט געגאַנגען אין פאַרשטיין, ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די ביכער. — איז וואָס טוט מען? — האָט ער געפרעגט, אָט ווי ער וואָלט געפרעגט אַ דאָקטאָר וואָס האָט נאָר וואָס אַנאַליזירט זיין קריינק און ער איז אויסן ניט אַזוי דעם אנאַליז ווי די רפואה.

— וואָס מ׳טוט? מ׳קען טון איין זאַך — אַנאָנסירן! אָבער גרויס! דער קונה, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף וויסן אַז עס איז דאָ סחורה צו פאַרקויפן, די סחורה איז אַ מציאה, אַ ווילדע מציאה, און ער קען זי קריגן נאָר פון היינט ביז מאָנטיק, דינסטיק וועט ער זי שוין ניט קריגן. איר פאַרשטייט?

שמחה סינאגוב האָט ווידער פאַרשטאַנען און דער געשעפטס פאַר־וואַלטער האָט אַ צופרידענער ווייטער געלערנט מיט אים הלכות גע־שעפט. — אַנאָנסירן קאָסט, פאַרשטייט זיך, געלט, אָבער עס באַצאָלט זיך. ווען אנאָנסן וואָלטן זיך ניט באַצאָלן וואָלטן מיר נישט געקענט שטיין אין געשעפט, איז, אויב איר זייט מסכים, קענען מיר אָנהויבן אַנאָנסירן אויפן ריכטיקן שטייגער, גיבן די אמתע פּובליסיטי, און, אויב איר פאַרקויפט ניט אַלע ביכער, מעגט איר מיך רופן ליגנער . . . יעס סיר, אַנאָנסן! דאָס ברענגט רעזולטאַטן.

די רעזולטאַטן זיינען געווען אַז די חלה איז אוועק אויף דער המוציא.

די אַנאָנסן האָבן באַטראָפן כמעט אַזוי פּיל וויפל ער האָט אַרײַנגענומען פונם פּאַרקויף און ערשט נאָכדעם זײַנען עטלעכע הונדערט ביכער גע־בליבן, אָבער די האָט ער שוין ווי עס איז געפּטרט, געגעבן מתנות יעדן איינעם וואָס האָט נאָר געוואָלט נעמען, און געלערנט אַ לעקציע — פון די קריטיקער קען ער גאָרניט דערוואַרטן, און פינף טויזנט איז צופיל. די ניין ביכער נאָך דעם האָט ער שוין געדרוקט ניט מער ווי דריי אָדער גאָר צוויי טויזנט און זיי זײַנען ווי עס איז זיך צעגאַנגען, דאָס עלפטע בוך האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט, אין משך פון אַ יאָר צייט האָט ער קוים פאַרקויפט אַ טויזנט קאָפּיעס, דער צווייטער טויזנט — אַ מילשטיין אויף זײַנע פּלייצעס, ניט צו דערטראָגן און ניט אַרונטערוואַרפן, אָפּגערעדט דערפון וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין ריווח, נאָך אפשר געליטן היזק, האָט ער פשוט ניט באַגריפן: וואָס טוט זיך דאָ? זאָל עס זײַן אַז . . .

אָט די פינסטערע אַנונג האָט דער געשעפטס פאַרוואַלטער פון דער צייטונג אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שיין, ווען ער האָט אויף זײַן „פאַרשטענדלעכן" אופן אים אַ זאָג געטון: — איר פאַרשטייט? עס פּאַסירט מיט יעדן שרייבער. ווי פּאָפּולער ער זאָל ניט זײַן, דער לייענער ווערט מיד צו לייענען די זעלבע מעשה ווידער און אָבער אַמאָל.

— וואָס מיינט איר די זעלבע מעשה? איך . . .

— אָט האָסטו דיר! אַנגערירט דעם שרײַבערישן האָנאָר. איך האָב ניט געזאָגט אַז איר שרייבט איבער די זעלבע מעשה. איך האָב אייערע ראָמאַנען ניט געלייענט, ניט אַלע, — האָט ער זיך פאַרכאַפּט, — אָבער איך ווייס אַז זיי זײַנען גוטע ראָמאַנען, אָבער אפילו דער בעסטער ראָמאַניסט, שעקספּיר אַליין, וואָלט געמוזט זיך איבערחזרן ווען ער שרייבט לאַנג גענוג. איר פאַרשטייט? קינדער פון איין טאַטן מוזן זײַן געראָטן איינער אָן צווייטן, און דער לייענער וויל אַלע מאָל עפּעס נייס. איר פאַרשטייט? עפּעס אַנדערש!

נאָך קלאָרער איז געווען דער צירקולאַציע פאַרוואַלטער. שמחה סינאַגוב האָט געבראַכט אַ נייעם ראָמאַן, דעם איין און פופציקסטן. גע־ווײַנלעך האָט עס ניט גענומען לאַנג און דער ראָמאַן האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן. דאָס מאָל איז אַוועקגעגאַנגען אַ חודש, צוויי, און דער ראָמאַן האָט זיך ניט באַוויזן. ער האָט אַ פרעג געטון דעם רעדאַקטאָר, האָט אים יענער עטוואָס פאַרשעמט געענטפערט: — וועגן דעם ראָמאַן וועט

איר זיך דורכריידן מיטן צירקולאַציע פאַרוואַלטער, אויף ראָמאַנען איז ער דער ממונה.

דער צירקולאַציע פאַרוואַלטער האָט אַ קוק געטון אויף שמחהן, אַט ווי ער וואָלט אים געזען דאָס צווייטע מאָל און קען זיך ניט דערמאָנען וואו האָט ער עס אים באַגעגנט. — אייער ראָמאַן? וואַרט, וואו האָב איך אים ערגעץ אַוועקגעלייגט? אָה, איצט געדיינק איך שוין. — ער האָט „אויפגעזוכט" דעם ראָמאַן אין אונטערשטן שופלאַד און דער־לאַנגט שמחהן. — טוט מיר לייד, מיר קענען אים ניט דרוקן.

— וואָס מיינט איר?! — דאָס ערשטע מאָל אַז מ׳וויזט צוריק זיינעם אַ ראָמאַן.

— פּשוט, מיר קענען עס ניט דרוקן. עס וועט ניט גיין.

שמחה סינאַגוב איז שוין געווען אין כעס, ער האָט זיך דאָך קאָנ־טראָלירט. — האָט איר אים געלייענט? — זיין קוק: זאָג! יאָ צי ניין? ניין, האָסט ניט געלייענט.

— איבערגעקוקט, — האָט דער צירקולאַציע פאַרוואַלטער נאָכ־לעסיק געענטפערט.

— אָה, איבער—גע—קוקט!

— יאָ, מיין פריינט, איבערגעקוקט. איך דאַרף ניט לייענען, איך טו אַ קוק אויף אַ ראָמאַן קען איך זאָגן צום האָר וויפיל לייענער ער וועט האָבן.

— אינטערעסאַנט צו וויסן ווי אַזוי טאַפּט איר עס דעם דופּק פונם לייענער.

— דאָס איז אַ סוד פון דער רעדאַקציע, — האָט דער צירקולאַציע פאַרוואַלטער אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכל, דער שמייכל איז אָבער באַלד פאַרשוואונדן. — און אַז מיר האַלטן שוין ביי סודות, וויל איך אייך פאַרטרויען אַ סוד, איר, מיר האַלטן אין איין פאַרלירן לייענער פון אייערע ראָמאַנען. אַ יאָר, צוויי האָבן מיר געשוויגן, ווייטער קענען מיר אָבער אַזוי ניט אָנגיין, מיר דאַרפן האָבן ניי בלוט, יונגערע, פרישערע.

שמחה סינאַגוב איז געשטאַנען ניט פאַר אַ צירקולאַציע פאַרוואַל־טער, נאָר פאַר אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר, עפּעס אַ מיסטעריעזע באַשע־פעניש וואָס רעדט בלשון „מיר", האָט עס אים דערקלערט אַז ער ליידט פון טויטלעכער אַנעמיע, פאַר וועלכער עס איז ניטאָ קיין רפואה, כאָטש לייג זיך און שטאַרב. שמחה סינאַגוב האָט ניט געוואָלט שטאַרבן, ניט געפילט אַז ער האָלט דערביי.

— ווילט איר, הייסט עס, ניט דרוקן דעם ראָמאַן. האָב איך צו אייך גאָרניט. איר זאָלט אָבער ניט האָבן קיין פּאַראיבל אויף מיר אויב איך וועל אים אָפּדרוקן ערגעץ אַנדערש. — דאָס האָט ער געגעבן אַנ־צוהערעניש אויף אַ געוויסן מאָמענט, ווען דער רעדאַקטאָר פון אַ צווייטער צייטונג האָט אים אָנגעבאָטן אַ גרעסערע סומע געלט פאַר אַ ראָמאַן, ער איז געקומען צום זעלבן צירקולאַציע פּאַרוואַלטער, אים דערציילט וועגן דעם און, ניט צו פאַרלירן דעם ראָמאַן, אָדער גאָר יענעם רע־דאַקטאָר אויף צו להכעיס, האָט ער אים געהעכערט דעם פּרייז, נאָך מער ווי יענער רעדאַקטאָר האָט געבאָטן.

— געזונטערהייד, — האָט דער צירקולאַציע פּאַרוואַלטער געענט־פערט ניט אָן אַ שמייכל, און דאָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט וואָס שמחה האָט געהערט פון אים, אפילו ניט געענטפערט אויף זיין „גוטן טאָג״.

שמחה סינאַגוב איז גלייך אוועקגעגאַנגען צו יענעם רעדאַקטאָר. יענער האָט אים אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך, זיך פאַראינטערעסירט למאי ער וויל עס אַוועקגיין פון יענער צייטונג און, אויסהערנדיק שמחהס ענטפער — אַ שטאַמלדיקער, ניט גלאַטער ענטפער, — האָט ער כלאחר יד אַ זאָג געטון: — נו גוט, לאָזט עס איבער, וועל עס איבער־לייענען. אייך לאָזן וויסן.

דער „אייך לאָזן וויסן״ איז אים ניט געפעלן געוואָרן. מיט אַ יאָר צען צוריק וואָלט ער עס ניט געזאָגט, ער וואָלט צוגעכאַפּט דעם ראָמאַן מיט ביידע הענט, וואָלט אים אָפּגעדרוקט ניט געלייענטערהייד. עס וואַלגערן זיך עפּעס אַ סך ראָמאַניסטן אויף דער יידישער גאַס? ר אָ־מ אַ נ י ס ט ן, ניט סתם מעשה שפּינער. קיין סך ראָמאַניסטן זיינען ניטאָ, אָבער צייטונגען זיינען דאָ נאָך ווינציקער, אויב ד ע ר זאָל אויך ניט אָננעמען דעם ראָמאַן, איז . . . ער׳ט אָננעמען! ער׳ט זיכער אָננעמען!

ער האָט ניט אָנגענומען. און דער תירוץ כמעט ווי יענעמס — ניי בלוט, פרישע, יונגע. וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר? ווי אַלט איז ער עס? ער האָט דאָך ערשט אויסגעביטן דעם ערשטן פופציקער, ער איז געזונט אויף אַלע איברים, און זיין שרייבן איז היינט בעסער ווי מיט צען, פופצן יאָר צוריק, אָפּגערעדט שוין פון דער צייט ווען ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן, טאָ וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר? — צייטן בייטן זיך, — האָט אים דער רעדאַקטאָר געזאָגט. אודאי בייטן זיי זיך, האָט ער זיך דאָך אויך געביטן, ער איניינעם מיט זיינע לייענער, און וואו זיינען דאָס די נייע לייענער פאַר וועמען די נייע פייגל זאָלן זינגען נייע לידער?

אַ תירוץ, אַן אויסרייד, א . . . קאָנספּיראַציע קעגן אים. ער׳ט . . . ער׳ט זיי ווייזן, אַלעמען ווייזן, די רעדאַקטאָרן, די . . . קריטיקער . . . זיי, אַ מיתה משונה אויף זיי, האָבן אים אומגליקלעך געמאַכט. וועגן יעדן פּאַטשקון וואָס דרוקט אָפּ אַ פּאָר לידלעך, צעשמירן זיי זיך אויף גאַנצע זייטן, דער פּועל יוצא — זיי קריגן די פּעטע שטעלעס אינעווייניק אין ציַיטונג, זיצן צוגעשמידט צו די ביינקלעך ביזן טויט אַריין, און אים, אַ מענטש וואָס האָט אָנגעשריבן פּופּציק ראָמאַנען, פּ ו פּ צ י ק ר אָ מ אַ נ ע ן , אים האָט מען פאַרשוויגן, און איצטער אַ, נאָך דרייסיק יאָר שרייבן, וואַרפט מען אים ארויס אויף דריי שפּענדלעך, און גאָרנישט. דאָס וועט ניט גיין! שמחה סינאגוב וועט זיי ווייזן. ער׳ט זיי ווייזן וואָס ער קען! ער . . .

ער וועט אָפּדרוקן, אַרויסגעבן דעם ראָמאַן וואָס זיי האָבן צוריקגעוויזן און דער ראָמאַן וועט זיך צעגיין אין . . . צען טויזנט עקזעמפּליאַרן.

ביטערע דערפאַרונג האָט אַ שטויס געטון די פאַנטאַזיע — וואוהין שטופּסטו זיך? אַ פאַרשעמטע האָט די פאַנטאַזיע זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט, באַלד אָבער האָט זי זיך אונטערגעגנבעט, אַריינגעשושקעט אים אין אויער: ענגליש! און שמחה האָט זיך מיט איר ארומגעכאַפּט, זי געהאַלזט, געקושט. ער׳ט איבערזעצן איינעם פון זיינע בעסטע ראָמאַנען. וועלכן אַ שטייגער? אַלע זיינען גוט, אָבער פאַר דער ערשטער פּראָבע דאַרף ער געבן פּרימע דפּרימע. אַ דאגה, דאָס וועט ער שוין זען. און די שפּראַך? ער קען ענגליש אַזוי גוט ווי יידיש. און אַז אַן אדאַפּטירטע שפּראַך? אַן אדאפּטירט קינד האָט מען אַמאָל נאָך ליבער ווי אַן אייגנס. אין דריי פיר חדשים זעצט ער איבער אַ בוך, פאַרקויפט עס אַ פאַרלעגער, קריגט די שווערע טויזנטער . . . ניין, ער׳ט ניט פאַרקויפן פאַר אַ באַשטימטן פּרייז, פּראַצענטן! דאָס בוך וועט זיך צעגיין אין די הונדערטער טויזנטער, ער׳ט . . . זיי, די יידישע רעדאַקטאָרן, צייטונגס אַרויסגעבער, וועלן זיך דאַן בעטן ביי אים ער זאָל זיי עפּעס געבן, אָבער געבן וועט ער זיי אַ גוטע פייג. איך געגעבן כשרע יידישע סחורה, האָט איר ניט געוואָלט, איצטער אַז איר זעט אַ גויאישן הכשר, שרייט איר: גיב! אַ מכה!

שיר ניט ביזן ווייסן טאָג האָט ער זיך געבאָדן אין וואוילטאָג, זיך נוקם געווען אין זיינע שונאים, ניט נאָר רעדאַקטאָרן, פאַרוואַלטער, נאָר אויך חברים שרייבער, ער האָט זיי געזען מיט פּנימער גרין פון קנאה און זיין פּנים האָט געשיינט פון חדוה, ווען ער איז אָבער אויפ־

געשטאַנען אין שפּעטן פרימאָרגן נאָך אַ נאַכט פון קדחת־שלאָף, האָט ער אין שפּיגל געזען אַ גרין, צעקנייטשט פּנים, אַ פעפער און זאַלץ באָרד־סטעבליע און, מיט יעדן פיר פון גאַל־מעסער איבער די באַקן, האָט ער ארונטערגעשאַרט אַ חלום רעשטל: ער גייט אריין אין דער ליטעראַ־רישער קאַפע און ק י י נ ע ר איז ניטאָ דאָרט, קיין איין מענטש, אפילו ניט קיין קעלנער. וואָס קען דאָס מיינען? אהה, נאַרישקייטן. דאָס מעסערל איז, קענטיק, שוין טעמפּ. ער גייט אין גאַס, מיט אַמאָל כאַפּט ער זיך, ער איז אָן הויזן. אַ רעקל, אַ קאמזויל אפילו, אַ היטל אויפן קאָפּ, שיך און זאָקן, נאָר די הויזן פעלן, זעען זיך די גאַטקעס. ער כאַפּט זיך אריין אין אַ קראָם, הייסט זיך געבן אַ פּאָר הויזן, וויל זיי אָנטון, דערמאָנט זיך ער האָט קיין געלט, זיין געלט האָט ער געטראָגן אין די הויזן. דער קרעמער רייסט ארויס די הויזן פון זיינע הענט. — וואָס אַ חלום קען דיר אָנפלאָנטערן. נאַרישקייטן. דאַרפן אַריינטון אַ ניי מעסערל. זיך אָפּגאָלן, אָפּעסן, זעצט ער זיך צו דער אַרבעט.

ער האָט געעסן אָן אַפּעטיט, אָבער פּאָרט געגעסן, ווען ער האָט זיך געזעצט שרייבן, האָט אים געפעלט ניט נאָר דער חשק נאָר אויך די פיאיקייט צו שרייבן, עס האָט זיך נ י ט געשריבן. בגוואַלד האָט ער אָנגעשריבן אַ שורה, צוויי, קאלופּענדיק דאָס הענטל פון דער פען, האָט ער געקוקט פאַר זיך און געזען — הויזן, היטל, רעקל, קאמזויל, און . . . גאַטקעס. טפו זאָל עס ווערן! ער האָט פאַרקנייטשט דאָס בלעטל פּאַפּיר, עס אַ וואָרף געטון און זיך אויפגעהויבן. עס גייט ניט! טעג, וואָכן, חדשים. פוסטע טעג, שווערע נעכט, דאָס עסן אָן אַפּעטיט, דער שלאָף אַ מאַטערניש, נמאס דאָס לייענען, דערעסן דאָס רויכערן, געפּרוּוט ניט רויכערן, אָפּשטעלן אַ ביסל דעם הוסט, דער עיקר אין די פרימאָרגנס, אָבער ער קען ניט, אָן ציגאַרעטן וואָלט ער גאָר אַרונטער פון זינען, אָבער ער פאַרלירט וואָג, פערצן פונט פאַרלאָרן! אפשר גאָר אריינגיין צו אַ דאָקטאָר?

פלוּאָראָסקאָפּ, גאַסטראָסקאָפּ, רענטגען בילד, קאַרדיאָגראַף, בלוט פּראָבע, מעטאַבאָליזם פּראָבע — אַלץ האָט דער דאָקטאָר פּראָבירט, און אויסגעפונען אַז שמחה איז געזונט אויף אַלע אברים, דער הוסט אַ טאַבאַק הוסט, אויפהערן רויכערן, וועט דער הוסט אוועקגיין, די צרה איז נאָר — נערוון.

— און נערוון איז ניט קיין קריינק?

— נערוון זיינען ניט קיין קריינק פאַר וועלכער אַ דאָקטאָר קען

פאַרשרייבן אַ פּאָר טוצן פּילן, נעמען דריי א טאָג, און די קריינק וועט אַריבער.

— דאָ פונדעסטוועגן נערוון ספּעציאַליסטן.

דעם דאָקטארס אויגן האָבן אַ קאָסע געטון שמחהן. — אודאי זיינען דאָ נערוון ספּעציאַליסטן, גוטע דאָקטוירים דערצו, מער ניט, זיי האָבן די שלעכטע געוואוינהייט זיך לאָזן גוט באַצאָלן. אויב איר האָט אַ סך געלט . . . האָט ניט? זיך משער געוועזן אזוי. אגב, וואָס טוט איר? כ׳מיין וואָס איז אייער פּראָפעסיע? אָה, איך זע, א שרייבער. שטימט. ווי לאַנג אין דער פּראָפעסיע? דרייסיק יאָר! ראָמאַניסט? פּופּציק ראָמאַנען! נו, מיין פריינט, נאָך פּופּציק ראָמאַנען וואָלט אפילו אַן עלפאַנט געהאט צרות מיט די נערוון. קיין חידוש ניט. יאָ, מיין פריינט, אייער איינציקע צרה איז — נערוון, און איר קענט פון דער צרה פּטור ווערן, בתנאי איר זאָלט נ י ט גיין צו קיינע דאָקטוירים, צו מיר אויך מער ניט קומען, נאָר פאָלגן וואָס איך וועל אייך זאָגן. איר גיט אויף אייער שרייבן! איך מיין ניט אויף תמיד. חס וחלילה, דאָס וועל איך אייך ניט זאָגן, איך מיין אויף אַ געוויסער צייט, לאָמיר זאָגן אַ יאָר. רירט זיך ניט צו צו קיין פּען, און נאָך וואָס, פארלאָזט די פאַרדאַמטע שטאָט. פאָרט אוועק אין אַ שטילן פּלאַץ, אויף אַ פאָרם ערגעץ. נייך, ניט זיצן, אָדער ליגן און גאָרניט טון, אדרבה, טון וואָס מער, גראָבן קאַרטאָפליעס, שלעפּן זעק, האַקן האָלץ אפילו, דער עיקר איז, נאָכן טאָג אַרבעט זאָלט איר פּילן אַז דער רוקן ברעכט, הענט און פיס זיינען ניט אייערע, בלויז דער מאָגן איז אייערער — ער וויל עסן, און גוט עסן. נאָכן עסן זאָלט איר דערפילן אַז דער קאָפּ איז ניט אייערער, אים ציט צו דער בעט. איר׳ט אַזוי אָפּלעבן, נו, לאָמיר זאָגן, אַ יאָר צייט, קומט צו מיר, איך וועל אייך ניט רעכענען פאַרן וויזיט, איך וויל בלויז האָבן די הנאה אַ קוק טון אויף אייך דאַן.

דערווייל האָט אים דער דאָקטאר צוגעשטעלט אַ גאַנץ נישקשהדיקן חשבון, און געהאָלפן האָט ער אים ווי אַ טויטן. געהערט אַ מעשה? הער אויף שרייבן! אָט דאָס איז דאָך די צרה, וואָס ער האָט אויפגע־הערט שרייבן. פונם ענגלישן ראָמאַן האָט זיך אויך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אומזיסט געאַרבעט, אלץ וואָס ער האָט געקראָגן איז העפלעכע צעטעלעך: טוט אונדז זייער לייד . . . איז ענגליש ניט, יידיש אויך ניט, וואָס וועט זיין? דאָך קיין תכלית נישט. דאָס ביסל געלט צע־קריכט זיך, אַנגיין אַזוי נאָך אַ ביסל וועט ער דאָך טאַקע בלייבן אָן

הויזן . . . אוי, די נעכט, די חלומות, און די טעג זיינען ניט בעסער. מילא, די רעדאַקטאָרן, די אַרויסגעבער, כאַפּט זיי דער רוח, אַט אַזוי פירן זיי זייערע געשעפטן און טו זיי עפּעס, אָבער די שרייבער, חברים, פריינט כלומרשט, זיי וואָלטן דאָך זיכער געמעגט עפּעס טון. נו יאָ, זיי׳ן ניט רופן קיין סטרייק צוליב אים, דאָס קענען זיי ניט, ער איז דאָך ניט געווען קיין „אינעווייניקסטע האַנט״, פונדעסטוועגן ווי דער־לאָזט מען עס אַז נאָך דרייסיק יאָר שרייבן זאָל מען מיר ניט דיר ניט אַרויסוואַרפן אַ מענטשן און גאַרנישט, שאַ שטיל? אים אין די אויגן זאָגט מען יאָ, ס׳איז אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה, אָבער הינטער די אויגן!

— אַ מענטש האָט דרייסיק יאָר געפּעדלט מיט לייוונטענע העמדער, איצטער, אַז דער עולם האָט זיך צוגעוואוינט צו זיידענע העמדער, גייט ער ארום אין כעס אויף דער וועלט: מ׳האָט אים געקוילעט.

דאָס איז ניט אויסגעטראַכט, עפּעס אַ רכילותל, ער ווייסט ווער עס האָט עס געזאָגט, אַ ליטעראַט, און אַ חשובער דערצו. ער איז אַ ליטעראַט, אַ שרייבער, אַ קינסטלער, לויטער זייד, און שמחה סינאַגוב איז ניט קיין שרייבער, פון אַ קינסטלער איז אָפּגערעדט, אפילו ניט קיין בעל מלאכה, אַ פּ ע ד ־ ל ע ר איז ער, פּעדלט מיט לייוונטענע העמדער. ער קען זייערע פּנימער ניט אָנקוקן. אים דערעסן דאָס גאַנצע געזינדל, מיט זייער ליטעראַטור, אפילו מיט די ראָמאַנען. חסל! ער פאָרט אוועק. און ניט אויף אַ פּאָרם, אַ צוויי דריי הונדערט מייל פון ניו יאָרק, נאָר אַריבער דריי טויזנט מייל, וואָס ווייטער אַלץ בעסער, קיין לאָס אַנזשעלעס פאָרט ער! דאָרטן . . .

(2)

די שווערסטע טייל פון זיין באַגאַזש זיינען געווען די עלף אַרויס־געגעבענע ביכער און שיר נישט פיר מאָל אַזוי פיל קלעפּ־ביכער, פונ־דעסטוועגן איז קיין לאָס אַנזשעלעס אָנגעקומען ניט דער באַוואוסטער אָדער באַרימטער ראָמאַנען שרייבער שמחה סינאַגוב, נאָר סתם אַ ייד שמחה סינאַ . . . סינע . . . שמחה סיני. אַ גוטער נאָמען. אַ שאָד, אַ שאָד, געדאַרפט געווען שרייבן אונטער דעם נאָמען. געטראַכט אַמאָל וועגן דעם, אָבער דאָס איז געווען שוין נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אָנגעשריבן, אָפּגעדרוקט דריי ראָמאַנען און אים האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלירן . . . זיי. אַ נאַרישקייט. איצטער אַ . . . — זייט איר עס

דער שמחה סינאגוב, דער ראָמאַנען שרייבער אין . . . ? — ווער וועט עס אים פרעגן? ווער קען אים דאָ? קיינער קען אים ניט, ער קען קיינעם, און גוט אַזוי, אַ נייער מענטש, אַ פרעמדער, סיידן ער׳ט דאָ אויפזוכן זיינס אַ שוועסטערקינד, וואָס דאַרף דאָ ערגעץ זיין. אים וואָלט ער יאָ געוואָלט זען. אייגנטלעך איז דער געדאַנק וועגן פאָרן קיין לאָס אַנזשעלעס ארויפגעקומען טאַקע צוליב דעם שוועסטערקינד דאָרט.

איין סינאגוב איז געווען אין טעלעפאָן בוך, און דאָס איז טאַקע געווען זיין שוועסטערקינד. זיך באַגעגנט נאָך אַ דרייסיק יאָר זיך ניט זען, האָט מען זיך קוים דערקענט, דאָך זיך שטאַרק דערפרייט, ניט אזוי וואָס מ׳האָט זיך דערזען איצט, נאָר ווי מ׳האָט זיך געזען בחור׳ווייז, יינגלווייז. ווען מ׳האָט זיך אָנגעקוויקט מיט די קינדער יאָרן, מ׳איז צוריקגעקומען צום איצט, איז די פרייד אַ ביסל געדעמפט געוואָרן. אַ ביסל פאַרשעמט האָט לואי (לייזער, אַ נאָמען נאָך אַ זיידן) אַרויס־געשטאַמלט אַז ער האָט עפּעס געהערט שמחה איז געוואָרן אַ שרייבער דאָ אין אמעריקע. ער לייענט יידיש, אודאי, קריגט יעדן טאָג אַ יידישע צייטונג פון ניו יאָרק, אָבער ניט די צייטונג אין וועלכער ער האָט געשריבן, אזוי אַז ער האָט ניט געלייענט וואָס ער האָט געשריבן. ער האָט אָבער געהערט אז די שרייבער אין די צייטונגען קריגן גוט באַצאָלט, אָפּגעאַרבעט אזוי לאַנג, האָט ער דאָך געמוזט אָפּשפּאָרן אַ פּאָר דאָלאַר, און מיט געלט קען מען דאָ אויך עפּעס אויפטון. זיך דערוואוסט מיט וויפל געלט זיין קרוב איז געקומען, האָט זיין פנים, אָן ווערטער, געזאָגט: אויך מיר געלט. דערהערט: אפשר אַ פאַרם? האָט לייזער אַ קוק געטון אויף אים — דער מענטש איז דאָך ניט ביים זינען!

— אַ פאַרם! מיט אָט די אַ הענטעלעך!

שמחה האָט געהאַט שיינע הענט, לאַנגע, שמאָלע, די פינגער דינע, פאַרשניצטע, אין געזעלשאַפט האָט ער גאַנץ אָפט אויפגעשטעלט די פאַראַרעמס, פינגער צו פינגער ווי קראַקוועס פון אַ דאַך, זיך אליין געשפּיגלט אין זיי און געוואָלט אַנדערע זאָלן באַוואונדערן, איצטער האָט ער געפילט ווי באַהאלטן די הענט אין די קעשענעס, וואָס וואָס, קיין פאַרמערישע הענט זיינען זיי זיכער ניט, דאָס איז לייזער גערעכט, אָבער . . .

— איך קען טון שווערע אַרבעט. דער דאָקטאָר האָט מיר ג ע ה י י ס ן טון שווערע אַרבעט, און טאַקע אויף אַ פאַרם.

— כ׳מיין, אַז א דאָקטאָר הייסט איז דאָך ניט שייך. איז אזוי,

דיין דאָקטאר קען זיך זיין אַ גרויסער דאָקטאר, אָבער קיין שכל האָט ער ניט. שווערע אַרבעט זאָלסטו טון. פון יגיע כפּי האָט מען ניט קיין פּאַפּע. אַרבעטן אויף אַ פּאַרם. פּעלן טאקע אויס פּאַרם הענט. אין סעזאָן ברייננגט מער אַהער אריבער מעקסיקאַנער אין די טויזנטער, זיי אַרבעטן פּאַר אַ שיבוש, אָפּגעאַרבעט אַכט, צען וואָכן, פּאַקט מען זיי איין אין וואַגאָנעס און מ׳שיקט זיי צוריק. דאַרף מען טאקע דיך האָבן. מ׳וועט אַ קוק טון אויף דיינע הענט, אויפן פּרעסטל אויף דיין קאָפּ, וועט מען דיך גלייך אויסכאַפּן. זעסטו, אַן אייגענע פּאַרם, דאָס איז שוין עפּעס אנדערש. אָבער וואָס ווייסטו פון פּאַרמעריי? זיך אויס־לערנען? דאַרף מען אָבער באַצאָלן רבי געלט, און אַז דו׳סט באַצאָלן דעם שכר לימוד וועט דיר בלייבן אַ פייג אונטער דער נאָז, אויב אויף דער פּאַרם וועט זיין אַ פייגנבוים, ניט, וועט דאָס אויך ניט בלייבן. מיט דריי טויזנט דאָלאר קויפן אַ פּאַרם! שלאָג זיך עס ארויס פון קאָפּ. מיט אַזאַ קאַפּיטאל אלץ וואָס דו קענסט קויפן איז אַ ציגאַרן שטעל. דער פּרייז איז אַן אויסגעשריגענער — אַ גראָשן אַ בייגל — פּאַר יעדע טויזנט דאלאר וואָס מ׳לייגט אריין קריגט מען צען דאלאר אַ וואָך ריווח. די תורה איז אַ קנאַפּע, דער עיקר איז קריגן דעם ריכטיקן פּלאַץ, און דאָס קען איך פּאַר דיר נאָכזוכן, האָב אַ ביסל דערפאַרונג נאָך פון דער צייט ווען איך האָב געפּעדלט מיט ציגאַרעטן, צוקערקעס. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס דו קענסט טון. און מכוח שווערע אַרבעט וואָס דיין דאָקטאר האָט דיר אָנגעזאָגט וועלן מיר שפּעטער זען, קיין אַרבעט וועט דיר נישט פעלן.

אי, דער לייזער! אַ געזונט אין זיינע הענט. ניט נאָר האָט ער אים אַריינגעשטעלט אין געשעפט, אריינגעזעצט אין אַן אייגן שטיבל מיט אַ גערטנדל, אַ סעדל, ער האָט נאָך אריינגעלייגט אַ היפּש ביסל אייגענע געלט אין דעם עסק.

דאָס געשעפט, אַ געשעפט, ניטאָ וואָס נתפּעל ווערן, דערפאַר אָבער דאָס שטיבל! פּונם שטיבל האָט שמחה אָנגעקוואָלן. דאָס איז דאָך אַ פּאַרם אַ גאַנצע! מער ניט, ווי וועט ער דאָס אַלץ אויסצאָלן?

— האָסט׳אָך אונטערגעשריבן אַ „מאָרטגייזש״, צאָלן דרייסיק דאלאר אַ חודש, עלעהיי דירה געלט.

— און דיין חוב?

— מיין חוב!

— וואָס דו האָסט איינגעצאָלט!

— אה . . . . !

לייזער סינאגוב האָט אַ קוק געטון אויף זיין שוועסטערקינד אָט ווי ער וואָלט נאָר וואָס דערזען אַ האָרן אויף זיין שטערן. שיר שיר האָט ער אים ניט אַ קלאַפּ געטון אין דעם שטערן: מל—מד! דאָס גאַנצע שטיבל קאָסט פינף און דרייסיק הונדערט דאלאר, האָסט אונטערגעשריבן אַ מאָרטגייזש געגנוי אויף דער סומע, צאָלן דרייסיק דאלאר אַ חודש, קרן און עיסקא, צו דער קאליפאָרניע ריעלטי קאָמפּאַניע, און די קאליפאָרניע ריעלטי קאמפּאַניע דאָס בין איך לייזער סינאגוב. ער האָט עס אָבער ניט געטון: אַזוי ווי ער ווייסט ניט, אזוי ווועט אים ניט שאַטן. גלייכער אזוי . . .

— מיין חוב קען וואַרטן. ביסט ביי מיר אַ בטוח. דער עיקר — דעם מאָרטגייזש צאָל פּינקטלעך. וואָלסטו מיך געפאָלגט, געשטאַנען מיט מיר, וואָלט דיך געקאָסט אַ שיבוש, ווילסטו אָבער זיין פּאַר זיך, איז מהיכא תיתי, ווער ווייסט, אפשר איצט, אַז דו האָסט שוין אַן אייגן שטיבל, וועסטו אָנהויבן טראַכטן מתי אעשה לביתי . . .

לייזער האָט באַמערקט שמחהס שטערן האָט זיך אַ קנייטש געטון, די ברעמען האָבן זיך אַ בערשטל געטון — וועגן ד ע ם ענין לאָמיר בעסער ניט ריידן, האָט ער זיך קונציק אַ דריי געטון. — נאָר גאָרניט, וועגן דעם וועלן מיר נאָך ריידן, דערווייל פּאַרגעס נישט — פרייטיק!

דאָס ערשטע מאָל, אַז לייזער האָט אים פאַרבעטן צו זיך אויף פרייטיק צונאַכטס, האָט שמחה אַ פרעג געטון: — וואָס עפּעס פרייטיק צונאַכטס?

— אַן אורח אויף שבת!

— גאָר אַזוי? — שמחה איז ניט געווען זיכער צי לייזער האָט עס געמיינט ערנסט אָדער ער האָט געשפּאַסט. לייזער האָט ניט געשפּאַסט.

— פאַרשטייסטו מיך, אַ גאַנצע וואָך אין געשעפט, אין דרויסן, בין איך ניט אַזוי מקפּיד אויף יידישקייט, דערפאַר אָבער אין שטוב ביי מיר איז כשר למהדרין דמהדרין, חיה, זאָל מיר געזונט זיין, גיט שוין גוט אכטונג דאָרויף, כלים דרייערליי, פליישיקע, מילכיקע און פסחדיקע, קומט פרייטיק צונאַכטס איז פון בענטשן ליכט איז דאָך אָפּגערעדט, דאָס איז דאָך איר מצוה, איך, ווידער, מאַך קידוש און וואָלסטו באַדאַרפט זען ווי מיין מילטאָנדל, מאירל, אַ נאָמען נאָכן פעטער מאיר, וואָלסטו באַדאַרפט זען ווי אָט דער חברה מאַן, נאָך ניט אַלט קיין צוועלף יאָר, ווי ער מאַכט קידוש, בענטשט, ער איז פרומער פון

מיר. אַ כשר יידיש הויז, שבת איז שבת, אָבער קיין אורחים ניטאָ, טאָ קום פרייטיק.

פון דאַן אָן איז ער געקומען יעדן פרייטיק, און אים איז געפעלן געוואָרן דער שבתדיקער טיש, די זילבערנע לייכטער מיט די געצונדענע ליכט, דער קידוש, דאָס בענטשן. דער „מילטאָנדל" — טאָקע אַ וואויל יינגל. זיין יאַרמעלקעלע איז גיכער אַ היטעלע פאַר באָל שפּילער, צוזאַמענגעשטעלט פון קאָלירטע דריי־עקן מיט אַ קנעפּעלע אינמיטן, עס פּאַסט אים אָבער בעסער ווי די יאַרמעלקעלעך — צוקער־פּושקע דעקלעך, פּאַקרישקעלעך — וואָס די רבנימלעך דאָ אין אַמעריקע שלעפּן אַרויס פון דער הינטערשטער קעשענע און טוען אַ לייג אויפן קאָפּ. אָט איז עס געווען ביים הינטער חלק און מיט אַמאָל אַ של ראש, דאָס היטעלע זיצט אויף זיין קעפּל ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן אין דעם. און ער קען טאָקע! געמאַכט קידוש ווי אַ דערוואַקסענער, געבענטשט אָט ווי ע ר האָט געבענטשט ביי זיין טאַטן, און שמחה, דער אַלטער בחור, וואָס האָט יאָרן לאַנג געגעסן צוויי־דריי מאָל אַ טאָג אין רעסטאָראַן, האָט אין די מאכלים דערפילט אַ היימישן טעם, פון די ליכט, דעם קידוש, דעם בענטשן האָט געווייט מיט אַזאַ היימישקייט, אַזאַ שבתדיקייט, וואָס ער האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט געפילט.

איין פרייטיק צונאַכטס איז זיין היימישער עונג שבת אַ ביסל צעשטערט געוואָרן, ווען גלייך נאָכן עסן האָט זיך אריינגעשטעלט אַ מיטליאָריק פּאָר פּאָלק, לייזערס פריינט, און לייזער האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר זיי — מיינס אַ שוועסטערקינד, אויך אַ סינאַגוב, סעם סינאַגוב. דער „סעם" האָט אים אַזאַ ריס געטון אין אויער, אַז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און ביי זיך פאַרריכט — שמחה! שמחה סינאַגוב. ווען לייזער האָט נאָך צוגעגעבן — אַ שרייבער, האָט שמחה געפילט ווי דורס זיין אים. אינמיטן דרינען — שרייבער! און פאַר וועמען? עפּעס ווילד פרעמדע מענטשן. ווען דער ווילד פרעמדער מענטש האָט אַ פרעג געטון אין וועלכער צייטונג ער שרייבט (אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַ שרייבער דאַרף שרייבן אין אַ צייטונג), האָט ער ניט ווילנדיק אָנגערופן די צייטונג וואו זיינע ראָמאַנען האָבן זיך געדרוקט, און דאָ איז ער איבערראַשט געוואָרן, דעם מאַנס פרוי האָט ארויסגעלאָזט אַ פריידיקן: — אה! איר זייט דאָס דער שרייבער פון דער „פאַרכשופטער כלה"!

דאָ האָט שוין שמחה דערפילט ווי ער רויטלט זיך. — יאָ, דאָס

איז דער גוי פון דער בולבע, — האָט ער כלומרשט געשפּאָסט, אַ גוואַלדיק צופרידענער. — האָט איר, הייסט עס, געלייענט מיין ראָמאַן?

— געלייענט! ניט איין מאָל האָב איך געוויינט צוליב אסתרקען, היינט איר דוד, און דער רויטער הולטיאי, וואָרט, ווי האָט ער געהייסן? לאָמיר זיך דערמאָנען...

— ראָטקאָפּ, — האָט שמחה אונטערגעזאָגט.

— ראָטקאָפּ! טאָקע! — האָט זיך די ווייבל דערפרייט. — אַזאַ רויטער רודיק!

ד אָ ס פ אָ ל ק לייענט און געדיינקט, וויינט, פרייט זיך און האָט הנאה, האָט שמחה שוין געפירט אַן איינערלעכן מאָנאָלאָג, און איבער דער ראָזעווער ליבשאַפט צום פאָלק האָט זיך תוך כדי מחשבה פאַרצויגן אַ בלוי הייטל פון רחמנות אויפן פאָלקס שרייבער. וויפל מי ער האָט זיך עס געגומען מיט די נעמען פון זיינע העלדן. פופציק ראָ־מאַנען, הונדערטער מענטשן, זיי אלע געבן נעמען, און ניט גאָלדבערג, שטיינבערג אָדער וויסבערג, דער נאָמען דאַרף זיך פּאַסן צום העלד, אָט ווי די ווייבל האָט געזאָגט „דער רויטער רודיק", אָבער וואָס קומט אַרויס? איבער דעם בלויען רחמנות הייטל האָט זיך פאַרצויגן אַ גרויע פּליסניע פון האַס צו אלע אנדערע שרייבער, רעדאַקטאָרן, צירקולאַציע פאַרוואַלטער...

— שוין לאַנג ניט געזען אייערן אַ ראָמאַן אין...

אין די רייד, דער עיקר אין איר טאָן, האָט ער דערהערט, דערזען אַז זי וואָלט אים געוואָלט זען... און די ווייבל פון אַ יאָר צוויי דריי און פופציק, מיט קענטיקע סימנים פון עלטער אויף איר פנים, איז מיט אַמאָל געוואָרן יונגער, שענער, זי איז... ער וואָלט...

— דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרבאָטן שרייבן, — האָט ער עטוואָס שטילער מגלה סוד געווען, און ער האָט געזען ווי „דער דאָקטאָר" האָט געביטן דער פרויס קוק, פון אַ פרוי, אַ מעגלעכע געליבטע איז זי מיט אַמאָל געוואָרן אַ מאַמע, אַ... באַרמהערציקע שוועסטער.

— ער איז איצט אין געשעפט, — האָט לייזער געשעפטסמעסיק אַ זאָג געטון, — און אים וועט זיין אַ סך בעסער ווי ביי שרייבעריי.

דער געשפרעך איז אַריבער אויף געשעפט, כלערליי געשעפטן, נעמען פון געשעפטסלייט, סתם באַקאַנטע וואָס זיינען שמחהן געווען פרעמד, ער איז ארויסגעפאַלן פון געשפרעך, ער האָט אָבער נאָך געהערט

דעם „אה! זייט איר דאָס דער שרייבער" און עס איז אים געווען גוט, און עס איז אים געווען אומעטיק.

נאָך איין מאָל האָט ער געהערט אַזאַ „אה!", און ביי יענעם „אה!" האָט ער זיך שיר ניט צעלאַכט. פּאַסירט האָט עס אזוי.

אַ שבת בייטאָג. זיין געשעפט איז געווען אין אַ געביידע פון יידישע שניידער שעפער, וואו, חוץ אין ברען פון סעזאָן, האָט מען שבת ניט געאַרבעט, ממילא איז זיין געשעפט געווען געשלאָסן שבת און זונטיק. איז ער אין אַ שבת בייטאָג אַוועקגעגאַנגען אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק. אויף אַ באַנקביים אַריינגאַנג אהין איז געזעסן אַ ייד און געריכערט, לעבן אים זיינען געליגן דריי ביכער, די אותיות אויף די רוקנס — יידישע. שמחה האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים, נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטון אַ קוק צו די ביכער — יידישע. אויב אַזוי . . . — איר האָט אפשר אַ שוועבעלע? — דער ייד האָט שווייגנדיק גענומען גראָבן מיט צוויי פינגער אין אַ קאַמזויל קעשענע, דאביוועט צוויי שוועבעלעך, האָט ער שווייגנדיק זיי דערלאַנגט שמחהן. שמחה האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, כלומרשט געוואָלט פאַרשטעלן עס פון ווינט, וואָס האָט ניט געבלאָזן, זיך אָנגעבויגן, און ער האָט דייטלעך דערזען, איין בוך איז געווען זיינער אַ ראָמאַן. דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט באַלויכטן שמחהס אַ שמייכל, אָנגעצונדן זיין ציגאַרעט.

— אַ דאַנק.

—ניטאָ פאַר וואָס.

— פאַר אַ שוועבעלע.

— פייער אַ יידן זשאַלעוועט קיינער ניט . . .

— דאָס זייט איר גערעכט, קיין פייער זשאַלעוועט מען אונדז ניט. ווי איך זע האָט איר געלייענט „אין די נעגל פון דער אינקוויזיציע" — זיינער אַ היסטאָרישער ראָמאַן.

— יאָ, דאָס טראָג איך אים אָפּ צוריק. גאַנץ אינטערעסאַנט.

— געלייענט נאָך ביכער פון דעם שרייבער?

— פרעגט מיך בחרם, איך געדיינק קיינמאָל ניט די נעמען פון די שרייבער, איצטער, אַז איר האָט מיך געפרעגט, זע איך — סינאַגוב, און עפּעס געדיינק איך יאָ דעם נאָמען, געזען ערגעץ, אפשר טאַקע אויף אַ בוך. ער האָט נאָך ביכער?

— אַ היפּש ביסל. — זיין שמייכל האָט זיך געקוילערט אין די רויך קנוילן פונם ציגאַרעט, איין אויג פאַרזשמורעט, האָט דאָס צווייטע

אויג שאַרף באַטראַכט דעם יידן, דעם לייענער, וואָס ווייסט ניט די נעמען פון די שרייבער . . .

— מוז זיין אַ גרויסער שרייבער.

שמחהסביידע אויגן האָבן זיך געעפנט. — פון וואַנען נעמט איר אַז ער איז אַ ג ר ו י ס ע ר שרייבער?

— אַ מענטש האָט אָנגעשריבן, זאָגט איר, אַ היפּש ביסל ביכער.

— דאָס איז ניט אַזאַ שטאַרקער באַווייז. אַ מענטש קען אַמאָל אָנשרייבן אַ סך ביכער און אַלע זאָלן טויגן אויף כּפּרות.

— די „אינקוויזיציע" איז גאַנץ אינטערעסאַנט. איר ווייסט די נעמען פון נאָך ביכער זיינע?

שמחה סינאַגוב האָט ניט אָן שפּאַס געגומען אָנרופן איין נאָמען, אַ צווייטן, מיט יעדן נאָמען איז די שפּאַס נאָטקע געוואָרן דינער און דינער, ביז זי האָט זיך אינגאַנצן איבערגעריסן, ער האָט שוין אָנגערופן די נעמען ניט נאָר פון די ארויסגעגעבענע ביכער, נאָר שיר ניט פון אַלע זיינע ראָמאַנען וואָס ער האָט געדרוקט אין דער צייטונג.

— ווי איך זע קענט איר דעם שרייבער גאַנץ גוט, אייערער אַן אייגענער?

— אַ קרוב, זייער אַ נאָענטער קרוב, ער הייסט טאָקע דעם זעלבן נאָמען וואָס איך — שמחה סינאַגוב.

— אָה! — דער ייד האָט אַ הויב געטון דעם קאָפּ, באַטראַכט שמחהן ווי ער וואָלט ביז איצט אים גאָרניט געהאַט געזען, קוקנדיק אויף אים, האָט די האַנט, אָן זיין השגחה, אַ וואָרף געטון דאָס שטיקל ציגאַרעט, באַלד האָט ער זיך אַ הויב געטון און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, זיך געלאָזט צו דער טיר פון ביבליאָטעק. שמחה איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער. וואָס האָט פּאַסירט? האָט דער ייד זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס איז ער דער שרייבער? און אַז יאָ? איז ער איבערראַשט, דער־שטוינט געוואָרן? אפשר גאָר זיך דערשראָקן! אריינגייין אין דער יידישער אָפּטיילונג, אים דאָרטן פּאַקן, ווידער אַ רעד טון מיט אים.

ביי די פּאַליצעס מיט ביכער, ביי די טישן, קיין סימן פון יענעם יידן. פאַרשוואונדן, נעלם געוואָרן. טשיקאַווע. דער ייד איז ניט געווען, אָבער די יידישע ביכער זיינען געשטאַנען, הויכע, נידעריקע, דיקע, דינע, אַלטע, נייע, יעדעס בוך אַ שטומער שרייבער, שטום, ביז עמיצער נעמט אים אין האַנט אַריין. שמחה האָט אַ נעם געטון אויף טראַף איין בוך, אַן עפן געטון. נו יאָ, ער קען אים, דעם שרייבער, דאָס בוך ניט

געלייענט. אינטערעסאַנט צי האָט עס עמיצער געלייענט? ער האָט אַ קער געטון דאָס בוך, אויף דעם פאַרצייכענונג קאַרטל איין שטעמפּל. איין און איינציקער לייענער. ער האָט אַ נעם געטון נאָך אַ בוך — צוויי שטעמפּלען, נאָך אַ בוך — קיין איין שטעמפּל. — אַן אַלטע מויד, — איז אים דורכגעלאָפן אין געדאַנק. דערזעענדיק דעם נאָמען פונם דיכטער, האָט דער צינישער שמייכל זיך ברייטער צעגאָסן. — נו, ווי דען? אַגיט לייענט זיי עמיצער? — ניט אַן אַ ציטער אין די פינגער האָט ער גענומען בלעטערן, קוקן אויף ז י י נ ע ביכער. געפונען האָט ער בסך הכל זעקס, אָבער אַלע זעקס האָבן געהאַט עטלעכע שטעמפּלען אויף זיך. א י ם לייענט מען.

אַ פּאָר שעה האָט ער אַזוי ארומגעבלאנקעט אין דער ביבליאָטעק, געקוקט אויף יידישע, רוסישע, פּוילישע, דייטשישע, פראַנצויזישע ביכער, אויף די שטעמפּלען, וויפל לייענט מען ביי „זיי"? ער האָט זיך ניט געאיילט אַהיים, כאָטש דאָרט האָט אויף אים געוואַרט אַרבעט — אויפ־ראמען דאָס שטיבל, באַאַרבעטן דעם גאָרטן, און אפילו ווען ער איז שוין געקומען אהיים האָבן די הענט זיך עפּעס ניט געהייבן צו דער אַרבעט. די שטעמפּלען אויף די ביכער האָבן שימערירט פאַר זיינע אויגן. אים לייענט מען, אָבער וואָס קומט אַרויס? ער האָט אַ נעם געטון די ציטונג. די יידישע ציטונג — אַ פּלאַסטערל צון אַ בלאָטער. לכתחילה האָט ער גאָרניט געוואָלט צולייגן דאָס פלאַסטערל, וואָס זשע, ער האָט דען אַ בלאָטער? ער איז אויס שרייבער! וואָס גייט אים אָן די יידישע ציטונג? די אַלט־געבאַקענע נייס, וואָס קומט אָן אין פינף טעג אַרום? צי די „ל י ט ע ר אַ ט ו ר" דאָרט? פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעשריבן די ציטונג, און טאַקע צוליב דער „ליטעראַטור", ווער שרייבט דאָרט, וואָס דרוקט מען. אַ נעם געטון די ציטונג, האָט ער אַ קוק געטון אויף איין ראָמאַן, אַ לייען געטון, דעם צווייטן ראָמאַן, און אַ וואָרף געטון די ציטונג, מיט אַמאָל אַ ריס געטון דאָס פלאַסטערל, דער בלאָטער האָט גענומען זיך יאָטערן. ניט איבערטוענדיק זיך אין די אַרבעט קליידער, האָט ער אַ כאַפּ געטון דעם גראָב־אייזן און גע־נומען צעגראָבן די ערד ארום די בלומען. צעגראָבן, האָט ער מיט די הוילע הענט צעריבן די ערד אויף דינעם שטויב, נאָכדעם גענומען באַגיסן, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, די ערד זאָל בהדרגה איינזאַפּן דאָס וואַסער. וואַסער, לופט און, פאַרשטייט זיך, זון, וועלן די בלומען אַ וואַקס טון אַז ס'וועט זיין אַ מחיה צו קוקן.

אפשר טאַקע געדאַרפט געווען ווערן אַ פאַרמער? ניין, ציען חיונה פון דעם וואָלט ניט געטויגט, ער וואָלט קיין הנאה ניט געהאַט, פון ד ע ר פאַרם, אי ער האָט הנאה, אי ער איז אַזוי פאַרנומען אַז ער האָט פשוט קיין צייט ניט צו טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן, שרייבעריי . . . שמחה סינאַגוב אַ ראָמאַנען שרייבער? קיינמאָל ניט געווען און וועט זיכער ניט זיין. אָט דער הויף, די פאַרם . . . דאָס איז זיין ראָמאַן . . .

(3)

אין שטאָט זיינען פון צייט צו צייט געקומען שרייבער, געהאַלטן לעקציעס, געלייענט לידער, די שרייבער — באַקאַנטע, שמחה סינאַגוב איז אָבער ניט געגאַנגען הערן זייערע „דרשות" — וואָס זיי קענען אים שוין זאָגן! — אָדער הערן זייערע לידער: ווער קען דאָס אויסזיצן אַן אָוונט הערן לידער? און וואָס קער ער זיך אָן מיט זיי? וואָלטן זיי געקומען אים זען, נו, מוז מען שוין, אָבער אַזוי? ער האָט זיי ערגעץ אַנדערש . . . אַן אויסנאַם האָט ער געמאַכט ווען ער האָט דערזען אַז שמואל קורצמאַן קומט צופאָרן. — ער פאַרט שוין אויך אַרום פּראַווען רבנות? גיי ווייס! — שמואל קורצמאַן איז געווען זיינער אַ פּראָטעזשע, ער האָט עס אים פאַרגעשטעלט פאַרן רעדאַקטאָר, אים געהאָלפן אָפּזעצן זיין ערשטע דערציילונג. זינט דאַן האָט ער שוין אָפּגעדרוקט אַ היפּש ביסל דערציילונגען. ווען שמואל האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך האָט ער אים געבראַכט איינס מיט אַן אויפשריפט: מיין מדריך און פריינט . . . אָט שטייט עס נאָך איצט אין שאַפע לעבן זיינע אייגענע ביכער. איצט איז ער דאָ, מע אַנאָנסירט שוין זיינע „לעקציעס", וועט ער קומען אים זען? ער ווייסט גאָר מסתם ניט אַז ער איז דאָ. מאַלטיך, די ליטעראַרישע שמשים וועלן אים שוין דערציילן. סיי ווי, אים וועט ער יאָ צוגיין זען.

דער גאַנצער „קבלת פנים" איז געשטאַנען אין דרויסן, ביים אַריינ־גאַנג אין זאַל. נאָך ניט געווען קיין ניין אַזייגער, טאָ וואָס איז די איילעניש? דערווייל קען מען זיך דורכריידן מיט פריינט, באַקאַנטע, נאָך וואָס גייט מען צון אַ לעקציע אויב ניט „אויף יענעם אַ קוק טון, זיך אַ וויז טון"? דער גאַסט גופא איז נאָך אויך געשטאַנען אינדרויסן, אַ רעדל אַרום אים, טאָ פאַרוואָס זאָל דער עולם אַריינגיין?

שמחה סינאַגוב האָט שוין געזען קורצמאַנען אין רעדל און האָט

געהאַט בדעה זיך דורכשפּאַרן, צוגיין, דערלאַנגען די האַנט. יענער וועט זיך דאָס ארומכאַפּן! דער עולם וועט זיך ארומקוקן . . . און אפשר נאָך צואוואַרטן, דאָס רעדל וועט ווערן אַ ביסל שיטערער . . . חיים שוואַרצ־מאַן, אַ ליטעראַרישע שמש, וואָס פירט זיך ארום מיט יעדן שרייבער וואָס קומט, האָט באַמערקט שמחהן און, פון זיין פּנים, פון זיין ליפּן באַוועגונג, האָט שמחה געזען ווי שוואַרצמאַן זאָגט קורצמאַנען אַז ער, שמחה, איז דאָ, און באַלד האָט ער דערהערט קורצמאַנס קול רם: — וואָס! ער לעבט נאָך?

קורצמאַן האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ אין דער ריכטונג וואָס שוואַרצמאַן האָט אָנגעוויזן, שמחה סינאַגוב האָט שוין אָבער געהאַט איינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל ווי אַ שנעק וואָס דערפילט געפּאַר ציט אריין דאָס קעפּל אונטער דער שאָל, און אָט אזוי אָ, מיט אַן אַריינ־געצויגענעם קאָפּ, ניט אַ קער טוענדיק אים, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער גאַס, און פּאַמעלעך אָבער אנטשלאָסן גענומען זיך ארויסרוקן פון צווישן עולם. דערפילנדיק זיך פריי פון מענטשן, האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט: אַזוי, אַזוי . . . מ׳נא . . . און צו וועלכע שוואַרצע יאָר איז ער עס גאָר געגאַנגען? זיין טראָט איז געוואָרן האַסטיקער. ווהעמען גייט עס אָן? לעקציע! קורצמאַן־לעקציעס! ער׳ט ניט אַוועק־געבן איין רויז בוימל, איין גרעזעלע פאר דעם גאַנצן קורצמאַן, דער גאַנצער ליטעראַטור. חסל! אויס!

דער קבלת פּנים פאר שמואל קורצמאַן איז געווען פרייטיק צו־נאַכטס, זונטיק נאָכמיטיק, שמחה סינאַגוב האָט געאַרבעט אין גאָרטן, ווען שמואל קורצמאַן האָט זיך אריינגעשטעלט. ער האָט זיך אַרומגע־כאַפּט מיט שמחהן. — ווען איך וויים אַז איר זייט דאָ וואָלט איך געווען געקומען גלייך פון באַן. ערשט היינט, פּאַרנדיק מיט דעם יידן, איר קענט זיך? מר. שוואַרצמאַן, זאָגט ער מיר אַז איר וואוינט דאָ דערביי. אגב, האָט מען מיר איבערגעגעבן אַז מ׳האָט אייך געזען ביי מיין קבלת פּנים, אייך געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך . . .

— איך האָב זיך געלאָזט גיין, — האָט שמחה אַ זאָג געטון, ארויס־געשלעפּט דערביי אַ רויט טיכל מיט שוואַרצע שפּרענקעלעך פון דער הינטערשטער איבערהויזן קעשענע, כלומרשט אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים. — שוין געווען ביים זאַל, מיט אַמאָל האָב איך זיך אָבער דערפילט עפּעס ניט מיט אַלעמען, האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים. ווי איז עס צוגעגאַנגען?

— פיין! זייער פיין! געווען אַ גאַנץ פיינער עולם. ווי מ׳גיט מיר איבער איז די גאַנצע סמעטענע פון שטאָט געווען.

— זייער פיין.

— און איר, הער איך, מישט זיך גאָרניט דאָ אין שטאָט אין די אַלע זאַכן, גייט אין ערגעץ נישט, היתכן?

— איך? וואָס האָב איך צו טון מיט די אַלע זאַכן . . . ?

— וואָס הייסט, וואָס האָט איר צו טון? איר זייט דאָך אַ שרייבער!

— אַ שרייבער? דער שרייבער שמחה סינאַגוב איז שוין לאַנג גע־שטאָרבן. געשטאָרבן אָן אַ הספּד. מיינע קונסטווערק איצט זיינען אָט דאָס אָ! — האָט ער אַנגעוויזן אויף די בוימעלעך, בלומען.

— דאָס איז זיך גאַנץ פיין. איר האָט אַ שיינעם גאָרטן, אָבער וואָס האָט עס צו טון מיט ליטעראַטור?

— איר זעט אָט די בלימלעך? בעגאָניאַס רופט מען זיי, אַ ביליקע משקה, און, איר הערט? אין אָט דער בעגאַניא איז דאָ מער וואונדער ווי אין אַן עראָפּלאַן און זיכער מער שיינקייט ווי אין דער שענסטער ליד.

— ס׳אָ משל נו, אַ בלום איז אַ בלום און אַ ליד איז אַ ליד, אַ בלום איז זיך שיין און פיין, איר׳ט דאָך אָבער ניט נעמען ל י י ע נ ע ן אַ בלום!

— ווער דאַרף עס לייענען?

— אָט האָסטו דיר, מ׳דאַרף שוין גאָרניט לייענען. און איך האָב זיך עס געקליבן אייך געבן מיין בייעם בוך, ערשט אַרויסגעגעבן.

— דאָס, זעט איר, רעדט איר שוין סתם אין דער וועלט אַריין. אייערס אַ בוך וועט ביי מיר זיין זייער און זייער אַנגעלייגט. מיר׳ן אַריינגיין אין שטוב וועל איך אייך ווייזן אייער ערשט בוך שטייט ביי מיר אין שאַפע לעבן מיינע אייגענע ביכער און, אויב איר געדיינקט, האָב איך מיט אייך גערעדט וועגן דעם, און אַז איר׳ט מיר איצט געבן אַ בוך . . .

— אודאי וועל איך אייך געבן! געהערט אַ מעשה? א ו י ב איך וועל געבן . . . ווען איך ווייס אַז מיר׳ן זיך דאָ אָפּשטעלן וואָלט איך געווען מיטגענומען אַ בוך פאַר אייך, און טאַקע א דע לוקס אויך. איך האָב דאָ מיט זיך, ביי חבר שוואַרצמאַן אין אויטאָמאָביל, אַ זעקס ביכער, דאָס האָבן מיר זיך היינט אַרויסגעלאָזט „כאַפּן פיש״, און מיר דאַרפן נאָך זען אַן אַכט־צען יידן, און אַז מ׳כאַפּט אַ יידן, דאַרף מען אים גלייך דערלאַנגען די סחורה, הא גברא והא טרסקא, נאַדיר

אַ בוך און גיב די פּאָר סענט, וועל איך די טעג ספּעציעל קומען צו אייך, ברענגען אַ בוך און טאַקע זיך דורכשמועסן אַ ביסל, עפּעס איז מען דאָך אַלטע גוטע ברידער.

— איר'ט קומען, וועט איר קומען, דערווייל קומט אַריין אין שטוב.

— איצטער אָ? איך ווייס ניט. — ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם חבר שוואַרצמאַן מיט אַ קוק — אַ געבעט: ברודער, ראַטעווע! און דער ברודער האָט ארויסגעראַטעוועט.

— מיר דאַרפן פאָרן. עס ווערט שפּעט. דער עולם גייט אַרויס, פאָרט ארויס . . .

— וועלן מיר עס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. די טעג וועל איך זיין ביי אייך, אפשר נאָך מאָרגן, דערווייל אַ גוטן . . . באמת געווען צופרידן אייך צו זען.

שמואל קורצמאַן איז אַוועקגעגאַנגען און מער ניט געקומען.

נו ווי דען? ער האָט דען ניט געוואוסט אַז אַזוי וועט זיין? געזשאַלעוועט אַ בוך, האָט ער געזשאַלעוועט. מ'שטייט און מ'וואַרט אויף זיין קונסטשטיק. ליטעראַט. ניו יאָרקער ליטעראַטן. ער האָט זיי אַלע טיף טייער אין דער אדמה, ער האָט קיין שייכות מיט דער ליטעראַטור מיט זייערער, מיט ניו יאָרק, ער איז אַ לאָס אַנדזשעלעסער, דאָ האָט ער אַ געשעפט, אַ שטיבל, אַ גאָרטן . . . דער וואָלטעיר, אַ קלוגער גוי געווען — קולטיוויר דיין גאָרטן . . .

שמחה סינאַגוב איז שוין געווען אויף אַזוי פיל אַ לאָס אַנזשעלעסער אַז ער האָט זיך שוין פאַרענטפערט פאַר ניי־געקומענע למאי די זון באַווייזט זיך ניט גלייך אינדערפרי, אַן ערד ציטערניש האָט ער גאָר מבטל געווען: כ'ווייס, גיט אַמאָל אַ טרייסל, איז מה בכך? מורא האָבן זיך לייגן שלאָפן צוליב דעם? שמחה סינאַגוב איז געשלאָפן רואיק אין לאָס אַנזשעלעס, געחלומט האָט זיך אים אָבער: ער גייט אויף איסט בראָדוויי. אָנגעטון איז ער אין אַ שוואַרצן פראַק, גרויע הויזן מיט שטרייפן, שיך מיט גערטעס, אַ בלום אין לאַץ, אַ ווייס טיכעלע אין דער אויבערשטער קעשענע, אַ צילינדער הוט, אַ שטעקן מיט אַ זילבערנער גאַלקע אין האַנט. גייען מענטשן, קוקן אויף אים, שמייכלען, שמייכלט ער צוריק — זאָלן מענטשן הנאה האָבן, זיי זעען דאָס אַזוי אָפט אַ פראַק און צילינדער הוט אויף איסט בראָדוויי, אַ צרה איז מיט די יינגלעך. — מיסטער! מיסטער! — זיי טאַנצן ארום אים, פון פאָרנט, פון הינטן. — מיסטער! מיסטער! אייער פלייצע! אייער רוקן! —

וואָס איז מיט זיין רוקן? גאָרניט. פונדעסטוועגן טוט ער אַ רוק די האַנט. דאָרטן גאָר ניטאָ. — העכער! העכער! — שרייען די ייִנגלעך. ווער הערט זיי? די האַנט קריכט אָבער ווידער איבערן רוקן, די פינגער טאַפּן עפּעס אָן. מיט שוועריקייט נעמט ער עס אַרונטער — אַ פּאַפּי־רענע שילד: צום פאַרדינגען. („פאַר רענט")

טפו זאָל עס ווערן! אַזאַ מין חלום גאָר! פראַק, צילינדער הוט און „פאַר רענט". וואָס אַ חלום קען דיר אָנפּלאָנטערן. ער'ט זיך ניט פאַרנעמען מיט אויספּלאָנטערן עפּעס אַ נאַרישן חלום, אים פּלאָנטערט זיך גאָר אין קאָפּ אַ . . . דערציילונג.

שיר ניט ביזן ווייסן טאָג האָט ער געשריבן די דערציילונג (אין קאָפּ), דעם גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען אין געשעפט ווי אַ נעבכטיקער, קומענדיק אַהיים, האָט ער זיך . . . געזעצט שרייבן, ערשט ווען ער האָט געענדיקט די דערציילונג, שוין געווען האַלב נאָך איינס, איז ער אַוועקגעפאַלן שלאָפן.

ער האָט איבערגעשריבן די דערציילונג, וירא כי טוב, אַזאַ דער־ציילונג האָט אפילו ער ניט אָנגעשריבן ביז אַהער. די פראַגע איז — וואוהין שיקן? אין דער צייטונג וואו ער האָט געדרוקט די ראָמאַנען? אַ מכה וועט ער זיי געבן! אויך ניט צום רעדאַקטאָר פון דער צווייטער צייטונג וואָס האָט צוריקגעוויזן זיין לעצטן ראָמאַן, ער'ט עס גאָר שיקן אין . . . יאָ אַהין. נאָך אַ פראַגע — אונטער וואָס פאַר אַ נאָמען, סינאַגוב, אָדער גאָר סיני, אַ נייע צייטונג, אַ נייער נאָמען, אינגאַנצן ניי. האַ? שמחה סינאַגוב, דער מחבר פון איין און פופציק ראָמאַנען און אַריבער הונדערט דערציילונגען האָט אים פשוט פאַרשריען: מערדער! אָט אַזוי אַ, מיר ניט דיר ניט אויסמעקן מיין נאָמען? אַ שמייכלענדיקער האָט ער איינגעשטילט יענעמס געשריי. אַ יידישער גזלן. ער האָט אַרויפגעשטעלט דעם נאָמען שמחה סינאַגוב, אַ קוק געטון ווי דאָס וועט אויסזען אין אותיות מרובעות:

ווען די בעגאָניאַס בליען
פון
שמחה סינאַגוב

און אַ צופרידענער איינגעפּאַקט די דערציילונג אין אַ קאָנווערט.

אויף דעם ליידיקן פעלד פון זיין אייגן בריוול צום רעדאַקטאָר, וואָס ער האָט געשיקט מיט דער דערציילונג איז געווען צוגעשריבן מיט אַ

צעוואָרפענער האַנטשריפט: מיר ק ו י פ ן ניט קיין דערציילונגען פון אומבאַקאַנטע שרייבער. געחתמעט — ח. ד.

די דערציילונג איז געליגן אַ פאַרגעסענע, אין האַנט האָט ער גע־האַלטן דאָס בריוול. ח. ד. — ח. ד. ווער, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, איז עס דער ח. ד. ניט דער רעדאַקטאָר, טאָ ווער איז דער ח. ד.? חיים דרוקער? ניטאָ דאָרטן קיין חיים דרוקער. חנא דימענט? חנא גייט אים צו חלום. טאָ ווער דען? ערשט ליגנדיק אין בעט, נאָך אַלץ ברעכענדיק זיך דעם קאָפּ ווער איז דאָס דער ח. ד., האָט ער דערהערט: וואָס גייט דיר אָזוי אָן דער ח. ד.? דער עיקר איז דאָך דער א ו מ ־ ב אַ ק אַ נ ט ע ר ש ר י י ב ע ר , אָט דאָס . . . !

איין נאַכט, נאָך אַ נאַכט, נעכט, און ביי אים איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן. אומבאַקאַנטער שרייבער? ער׳ט זיי ווייזן! ער׳ט . . . ניין, אַרויסגעבן די פערציק ראָמאַנען און די דערציילונגען קען ער ניט, אום—מעג—לעך! ער קען אָבער יאָ . . .

נעכט איז ער געזעסן, געמאָסטן זייטן, געציילט שורות, ווערטער, שיר ניט אותיות, און ער האָט אויסגעמאָסטן, אויסגעציילט צו דער שורה, צום אות. לויט דער גרויס פון אַ זייט אין זיינע עלף ביכער וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, קען אַריינגיין זעקס און דרייסיק שורות, צווייענדיקער קאַלום אויף אַ זייט, אַרויפקלעפנדיק פון ביידע זייטן, אַט ווי אין אַ געדרוקטן בוך, וועט אַ ראָמאַן כאַפּן אומגעפער דריי הונדערט צוויי און פופציק זייטן. די ריכטיקע מאָס פאַר אַ בוך, דער איינציקער חסרון, אַרויפקלעפן פון ביידע זייטן וועט דאָס בוך זיין צו דיק, נוצן דינעם פּאַפּיר, וועט זיך דורכזען, אָבער מ׳קען געפינען אַ וועג, ער׳ט זיך דורכרעדן מיט אַן איינבינדער.

דער איינבינדער האָט תחילת אַ פרעג געטון: — איר ווילט צוויי און פערציק „דאַממיס״?

— ניט קיין „דאַממיס״, צוויי און פערציק ב י כ ע ר ! יעדעס בוך האָט אַן אַנדער נאָמען, דער נאָמען דאַרף זיין איינגעפּרעסט מיט גאָלד, איר פאַרשטייט?

דער איינבינדער, געוואוינט צו האַנדלען מיט אַלערליי משוגעים אַרויסגעבער, שרייבער, האָט ניט אָן אַ שמייכל צוגעגעבן אַז איצט פאַר־שטייט ער, אָבער פאַרוואָס עפּעס צוויי און פערציק, פאַרוואָס ניט פופציק, עס וועט קאָסטן כמעט דאָס זעלבע געלט?

שמחה סינאַגוב איז שוין שיר ניט געשפּרונגען פון כעס — ווייל

עס איז געגוי צוויי און פערציק ביכער, דאָס הייסט, צוויי און פערציק נ י י ע ביכער און דערצו נאָך עלף אַלטע ביכער, אויף די אַלטע בלויז אַרויפּציען טאָוולען פון דער זעלבער סחורה, אָבער יעדעס בוך האָט אַן אַנדער נאָמען, ער שטעלט צו די קלישעס, דער איינציקער נאָמען וואָס דערשיינט אויף אַלע ביכער איז זיין אייגענער — שמחה סינאגוב, ער איז דאָס דער שרייבער.

— אה, איצט פאַרשטיי איך שוין, — האָט דער איינבינדער גע־שמייכלט. אים האָט געשטיקט אַ געלעכטער: וואָס מער מע לעבט אַלץ מער לערנט מען, איינבינדן ניט קיין געדרוקטע ביכער. מ׳נע, וואָס גייט עס אים אָן? ער האָט שוין איינגעבונדן ביכער אין די טויזנטער, וואָס וואָלטן געמעגט זיין ניט קיין געדרוקטע . . .

— און דאָס פּאַפּיר דאַרף זיין דין, זייער דין, אָבער ניט דורכזיכטיק.

— דין און ניט דורכזיכטיק?

— עס מוז זיין אַזאַ פּאַפּיר, דין, אָבער געדיכט, לאָזט ניט דורך קיין ליכט.

— אַזאַ פּאַפּיר איז זייער טייער.

— האָב איך עפּעס געזאָגט וועגן פּרייז? וויפל עס וועט קאָסטן וועט עס קאָסטן, דער עיקר איז מאַכן געגוי ווי איך וויל.

דער איינבינדער האָט צוגעשטימט, דערביי רעזערווירט אין גע־דאַנק: דאָס וועט דיך קאָסטן . . . זיין רעזערוואַציע איז געווען איבעריק. אַ גוטער בעל מלאכה, האָט ער איינגעבונדן די דריי און פופציק ביכער . . . געגוי ווי שמחה האָט געוואָלט, און ניט נאָר האָט שמחה באַצאָלט וויפל דער איינבינדער האָט געבעטן, ער האָט אים נאָך געגעבן אַ מתנה אַ קעסטל ציגאַרן.

חדשים נאָכאַנאַנד האָט שמחה סינאגוב געאַרבעט אויף זיינע ביכער. ניט געווען אַזאַ גרינג שטיקל אַרבעט. קודם אַרונטערנעמען פון די קלעפּ־ביכער. ער האָט געמוזט איינווייקן אַלע בלעטער, זיי לאָזן ליגן אַ פּאָר שעה אין וואַסער, ערשט נאָכדעם אָפּשיילן די געדרוקטע קאַלומס פון די בלעטער, אַכטונג געבנדיק ניט צעררייסן, ניט איבערפירן חלילה אַ שורה. נאָכדעם האָט ער „אויסגעהאַנגען די וועש״, געלאָזט אויסטרי־קענען, און ערשט נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה קלעפּן, געגוי זעקס און דרייסיק שורות אויף אַ זייט, און ריכטיק געצענטערט, אָט ווי פון דרוק מאַשין. אַ שערל, אַ מעסערל, אַ ווירע און אַ בערשטל — די איינציקע שטיקלעך געציג, חוץ די פינגער . . . און ווען ער האָט

אַרויפגעקלעפּט צוויי זייטן, זיי אויסגעגלעט מיטן בערשטל, האָט ער זיך געשפּיגלט אין זיי — זאָלסט עס זאָגן אַ קנייטשעלע! ער האָט גענומען דאָס בלאַט אַנטקעגן דער ליכט — עס זעט זיך ניט דורך, ניט מער ווי אין אַ געדרוקטן בוך. פּאַרטיק געוואָרן מיט אַ גאַנץ בוך, האָט ער עס פאַרגליכן מיט איינעם פון די געדרוקטע ביכער, צוויי שוועסטער פון איין טאַטע מאַמע. פון די טאָוולען איז דאָך אָפּגערעדט, דאָס האָט דער איינבינדער באַוואָרנט, נאָר אפילו די דיק כמעט דאָס זעלבע, אַ ק ל י י ן ביסעלע דיקער, אָבער דאָס שאַדט ניט, אדרבה, נאָך בעסער . . .

פּופּציק ראָמאַנען, דריי ביכער דערציילונגען, און ווען אַלץ איז פאַרטיק געוואָרן, ער האָט אויסגעשטעלט אַלע דריי און פּופּציק ביכער אויף צוויי פּאָליצעס פון זיין ביכער שאַפע, האָבן די דריי און פּופּציק שמחה סינאַגובס געקוקט אויף אים מיט בלישטשענדיקע אויגן, געשמייכלט מיט אַ גאָלדענעם שמייכל — זה חלקי מכל עמלי, אַלע ווערק פון שמחה סינאגוב. ד ר י י א ו ן פּ ו פּ צ י ק ב ע נ ד ע ר! זאָלן זיי אים ווייזן נאָך אַ לעבעדיקן יידישן שרייבער מיט דריי און פּופּציק בענדער. נו יאָ, ער האָט נאָך געקענט אָנשרייבן מער, אָבער אפילו אַזוי — ד ר י י א ו ן פּ ו פּ צ י ק ב ע נ ד ע ר! אָט שטייען זיי, און זיי וועלן שוין שטיין און שטיין ביז . . . אייביק. יאָ, אָבער דער מענטש לעבט ניט אייביק, און ווי אַז ער טוט פּלוצלונג אַ שטאַרב אַוועק? דאָס וועט ער באַוואָרענען, ער וועט אָנזאָגן מ׳זאָל די ביכער אוועקגעבן אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק — שמחה סינאגובס קאָלעקציע. דער עולם וועט לייענען. א י ם לייענט מען, ער האָט עס אַליין געזען, ער איז ניט פון די ניו יאָרקער ליטעראַטן . . . יאָ, לייענען וועט מען, דאָך . . . דאָס איז דאָך ניט סתם ביכער, אָפּגעדרוקט און אַוועקגעגעבן, דאָס איז דאָך אַ זעלטנקייט, אַ . . . אוניקום, אַזעלכע ביכער, אַזאַ אויסגאַבע . . . דאַרף ניט נאָר אַ לייענער, עס דאַרף זיך געפינען עמיצער וואָס זאָל אָפּשאַצן אי זיין שרייבן, אי זיין מי . . .

„ . . . נאָך מיין טויט זאָל מיין געשעפט, אויב איך וועל אַזוינס נאָך האָבן, און מיין הויז וואו איך וואוין, וואָס געפינט זיך אויף . . . די לעגאַלע באַצייכענונג דערפון . . . און וויפל געלט און שוה כסף איך וועל באַזיצן צו יענער צייט, זאָל עס אַלץ איבערגיין צו מיין שוועס-טערקינד לייזער, המכונה לואי סינאגוב. אויך מיינע הויז חפצים זאָלן איבערגיין צו אים, חוץ די דריי און פּופּציק ביכער מיינע, די וואָס איך האָב אַליין אָנגעשריבן, ניט צוזאַמענמישן מיט די אַנדערע ביכער וואָס

איך פֿאַרמאָג. אַט די דריי און פופציק ביכער זאָל דער אויבנדערמאָנטער שוועסטערקינד מיינער, לואי סינאגוב, אַוועקשיקן אין יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט, באַקאַנט ווי „ייוואָ״, אין ניו יאָרק, דער אַדרעס איז דאָ בייגעלייגט צוזאַמען מיט אַ בריוו, טאַקע אין דעם קאָנווערט. דאַרויף חתמע איך זיך מיט מיין אייגענער האַנטשריפט.

שמחה סינאגוב״.

— — — — — — — —

אין איינעם פון די נומערן „ידיעות״, אַרויסגעגעבן פון „ייוואָ״ איז געוועזן אָפגעדרוקט:

מיר האָבן דאָ ניט לאַנג אַריינגעקראָגן אַ זעלטענע קאָלעקציע ביכער פון דעם פאַרשטאָרבענעם ראָמאַניסט און דערציילער שמחה סינאגוב ז״ל. די קאָלעקציע באַשטייט פון דריי און פופציק ביכער, פופציק ראָמאַנען און דריי ביכער דערציילונגען. פון די דריי און פופציק ביכער זיינען עלף געדרוקט אויפן געוויינלעכן שטייגער, די איבעריקע צוויי און פערציק בענדער זיינען אָנגעפילט מיט אויסשניטן פון צייטונגען, וואו די ראָמאַנען זיינען לכתחילה געדרוקט געוואָרן, די אויסשניטן זיינען אָבער אַזוי קינסטלעך אַריינגעקלעפּט געוואָרן, אַז ס׳איז פשוט ניט אונטער־צושיידן פון אַ געוויינלעך געדרוקטן בוך. עס איז ממש צו באַוואונדערן די געדולד, פלייס און מי, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט זיך גענומען אַריינצובריינגען אַלע זיינע ווערק „תחת כנפי הספר״. זאָלן די אַלע דריי און פופציק ביכער זיין אַ חשובער מאָנומענט נאָך שמחה סינאגוב, זכרונו לברכה.

אַזוי אַרום האָט „די וועלט״ זיך דערוואוסט אַז דער ראָמאַניסט און דערציילער שמחה סינאגוב, דער מחבר פון דריי און פופציק ביכער, איז געשטאָרבן, און אין הונדערט יאָר אַרום וועט עפּעס אַ בוך־וואָרם זיך אפשר דערוויסן אַז שמחה סינאגוב האָט געלעבט אויף דער וועלט.

מפילעך

געווען איז דאָס אין יענע צייטן, ווען יידישע דיכטער האָט מען געקענט איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, און האָט זיך באַוויזן אַ נייער דיכטער, האָט אָפּגעדרוקט איין ליד, האָט די „קריטיק" אויסגערופן בקול רם: מאַכט אַ וואַרע! אַ נייער דיכטער קומט!

אָט אין יענער צייט האָט עס אפרים גאָלדשטיין אָפּגעדרוקט אַ ליד „גוט מאָרגן, וועלט!".

„די קריטיק", זלמן קן־צפור (קאנציפּער), אַ יונגערמאַן אין די פריע צוואַנציקער, וואָס האָט זיך פאַרלאָזט וואָנצעס ער זאָל אויסזען אַ ביסל עלטער, חשובער . . . ווי עס פּאַסט פאַר אַ קריטיקער, איז געווען אַ געבוירענער קריטיקער, דאָס הייסט, ער האָט אָנגעהויבן שרייבן ניט קיין לידער, דערציילונגען אָדער ראָמאַנען און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט איינגעזען, אָדער מ'האָט אים געלאָזט וויסן, אַז די לידער א. אַ. וו. טויגן ניט, האָט ער זיך גענומען שרייבן קריטיק. זיין ערשטן פאַרזוך צו שרייבן האָט ער געמאַכט ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר פופצן. ער האָט איבערגעלייענט בייראָנס „קין", אין איבערזעצונג, און ער איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון דעם גרויסן ענגלישן דיכטער וואָס דער איבערזעצער האָט פאַר אים אַנטדעקט, אַז ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער פּען און אָנגעשריבן אַ לאַנגן אַרטיקל וועגן בייראָנען, פּאָעזיע אין אַלגעמיין. זינט דאַן איז שוין אַ סך טינט אויסגעגאָסן געוואָרן, ער האָט שוין געלייענט די ענגלישע דיכטער אין ענגליש, פראַנצויזישע אין פראַנצויזיש, דייטשישע אין דייטש, פון רוסישע איז דאָך אָפּגערעדט, ער האָט געלייענט, פאַרצייכנט זיינע איינדרוקן פונם געלייענטן, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ הנאה, אז ער האָט באַשלאָסן ער וויל הנאה האָבן פון . . . לעבן, און ער איז געוואָרן אַ קריטיקער, און דווקא פון דער יידישער ליטעראַטור.

זיי, „די גוים", האָבן רייכע ליטעראַטורן, קיין קריטיקער פעלן זיי אויך ניט, כאָטש אפילו ביי זיי איז אַ ג ו ט ע ר קריטיקער אַ יקר המציאות, די יידישע ליטעראטור האַלט זיך ערשט אין אויספּיקן און

ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף די יונגע אפּרוחימלעך איז ניטאָ, אָבער טאַקע ניטאָ, קיינער נישט, איז עס ניט זיין חוב ממש צו ווערן דער קריטיקער? נו יאָ, די עופהלעך זיינען קליין אין צאָל און קוים קוים וואָס זיי פּישטשען, אָבער זיי פּישטשען! זיי'ן אויסוואַקסן, עס וועלן צוקומען בייע, מ'דאַרף אַכטונג געבן אויף זיי, קעכלען זיי אפילו...

און ווען ער האָט זיך געזעצט שרייבן וועגן אַ יידישן דיכטער האָט ער אַוועקגעלייגט אַן אַ זייט זיין ליטעראַרישן אַרשין, אויסגעאַרבעט פאַר זיך ניט אָן דער הילף פון בעלינסקין, טעינען און סענט בעוון, מיט וועלכן ער האָט געמאָסטן די וועלט ליטעראַטור, און אַנגעווענדעט אַ פּאַפּירענע, בויגעווודיקע מאָס, אָט ווי אַ היימישער שניידער, און ביים מאַכן אַ קאַרב, אַ קנייטש אין דער מאָס, האָט ער צוגעלאָזט אַ ביסעלע — נישקשה, דאָס קינד וועט אויסוואַקסן...

ווען אָט דער קריטיקער האָט איבערגעלייענט אפרים גאָלדשטיינס ליד „גוט מאָרגן, וועלט!" האָט ער געקוקט דאַרויף ווי אַ גאָלד גרעבער אויף אַ שטיקל גאָלד רודע נאָר וואָס אַרויסגעדלובעט: אַ ק ע ר נ ד ל גאָלד זעט זיך, אָבער טאַקע ניט מער ווי אַ קערנדל, לוינט זיך גראָבן ווייטער? אין דעם גאַנצן ליד פון זעכצן שורות איז געווען איין שורה אַ גוטע, די איבעריקע... דער גאָלד גרעבער האָט זיך ניט צעזונגען פאַר פרייד: גאָלד! געפונען גאָלד! ער האָט אָבער אויך ניט אַוועק־געוואָרפן דאָס שטיקל רודע, ניט אַוועקגעלייגט זיין גראַבאייזן. גראָבן ווייטער, זען. דער קריטיקער האָט אַוועקגעלייגט אפרים גאָלדשטיינס ליד אין אַ שופלאד באַצייכנט מיט אַ וואָגשאָל. אַ סיסטעמאַטישער מענטש, דער קריטיקער, האָט ער אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַ סיסטעם, אפילו אַ מין שיפר, און באַשלאָסן — וואַרטן, אפשר וועט דער אפרים גאָלד־שטיין אָפּדרוקן נאָך אַ פּאָר לידער. ווער איז ער דאָס, דער אפרים גאָלד־שטיין?

קיינער פון די שרייבער האָט ניט געוואוסט, אפילו דער רעדאקטאָר פון דער צייטונג, וואו דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויך ניט. — אַריינגעשיקט. — מער קיין לידער פון אפרים גאָלדשטיין האָבן זיך ניט באַוויזן און דאָ האָט זיך דערנעענטערט ראש השנה, דער קריטיקער האָט געדאַרפט אָנשרייבן אַן אַרטיקל, מאַכן אַ מין ליטעראַרישן סך הכל פונם יאָר, האָט ער, פאַרשטייט זיך, געמוזט נעמען אינווענטאַר. אַריינ־געקוקט אין דעם שופלאד מיט דער וואָגשאָל, האָט ער דערזען ווי אפרים

גאָלדשטיין מיט זיין „גוט מאָרגן, וועלט!" קוקט אים גלייך אין די אויגן: פאַרגעס נאָר ניט אָן מיר.

דער קריטיקער האָט ניט פאַרגעסן. ער האָט נאָכאַמאָל איבער־געלייענט דאָס ליד. קיין דיקער גאָלד־אָדער טאַקע ניט, אָבער אַ קערנדל גאָלד זעט זיך יאָ, און אין אַן אָרימער באַלעבאַטישקייט איז אַ קערנדל אויך אַ קרן. האָט ער צום סוף פון זיין אַרטיקל צוגעשריבן אַ פּאָר שורות:

. . . אונדזער סך הכל פאַרן יאָר . . . וואָלט ניט געווען פולשטענדיק ווען מיר זאָלן ניט דערמאָנען דעם נאָמען אפרים גאָלדשטיין. בלויז איין ליד האָבן מיר געזען „גוט מאָרגן, וועלט!", און ווי גייט דאָס ווערטל — איין שוועלבעלע ברייננט ניט דעם פרילינג, פון דעם איינעם ליד ווייעט אָבער אַזוי פיל לעבנספרייד, אַזאַ געזונטער אָפּטימיזם, אַז מיר פילן ווי צו ענטפערן אפרים גאלדשטיינען אויף זיין גוט מאָרגן מיט אַ האַרציקן גוט יאָר און אים פאַרבעטן אין שטוב אַריין, קומט, זעצט זיך אוועק ביים טיש פון דער יידישער ליטעראַטור.

איבערגעלייענט די פּאָר שורות, האָט דאָס קריטיש אויג זיך אַ קאָסע געטון אויף דעם „זעצט זיך אַוועק ביים טיש . . .", די פּען האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצומעקן, דאָס יידיש האַרץ . . . האָט אָבער ניט דערלאָזט: האָסט עס אַזוי פיל יידישע דיכטער אַז דו האָסט מורא עס וועט ווערן ענג ביים טיש? אַ מזומן בענטשן קען מען נאָך, אָבער צון אַ מנין פעלט נאָך דערווייל, מעג מען אים מצרף זיין, אַי וואָס, זיינע ציצית זיינען אפשר ניט כשר? וועט מען דאַן זען. אַזוי האָט געזאָגט דאָס האַרץ, דאָס יידישע, און דאָס האַרץ האָט אויסגעפירט. דער ארטיקל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ערב ראש השנה און . . . בראש השנה יכתבו וביום צום כפור יחתמו, אַ פּאָר טעג נאָך ראש השנה האָט אפרים גאָלד־שטיין זיך אַריינגעשטעלט ביים קריטיקער אין הויז דאַנקען אים פאַר די פּאָר שורות, פאַר דער חתימה וואָס ער האָט ארויפגעלייגט אויף זיין שרייבן, אויף אים גופא — אַ פּאָעט!

געוואוינט האָט דער קריטיקער ביי זיינער אַ שוועסטער, אַ יונגע אַלמנה, וואָס האָט געקראָגן בירושה פון איר מאַן אַ קליין שטיבל אין ברוקלין. אין אָט דעם שטיבל האָט זי איין צימער אַוועקגעגעבן איר יונגערן ברודער. זי וואָלט אים אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע הויז, וואָס איז ער, אַ פרעמדער „באָרדער", וואָס דאַרף זיך פאַרשטעקן אין זיין קוטשקע? ער איז דאָך אַ ברודער, און נאָך וואָס פאַר אַ ברודער! זי האָט אים זייער ליב געהאט און איז אויסגעשטאַנען פון אים אַלע זיינע

משוגעתן . . . אַ מענטש זאָל נעמען אַ גוטן, ליכטיקן, ריינעם צימער און מאַכן פון אים אַ ביבליאָטעק! אָנגעקלאַפּט פּאָליצעס און אָנגעשטעלט ביכער, ביכער . . . ער לייענט, אודאי לייענט ער, זי לייענט אויך אַמאָל אַ בוך, אָבער ש ל אָ פ ן אין אַ ביבליאָטעק מיט אַזוי פיל ביכער, עס קלייבט זיך דאָך שטויב אויף זיי! אָבער ער האָט געוואָלט דווקא שלאָפן דאָרטן, און גיי טו אים עפּעס. ביי אים איז דאָך רעכט אינמיטן נאַכט אַרונטערגיין פון בעט, נעמען אַ בוך פון פּאָליצע און זיך פאַר־לייענען ביזן ווייסן טאָג, אָדער גאָר זיך זעצן שרייבן. עס איז ניט די עלעקטרע וואָס ער ברענט, ער פירט זיך דאָך איבער די אויגן, צע־שלאָגט זיך דעם שלאָף, אַזוי איז ער שוין. אפשר ווען ער האָט חתונה . . . און וואָס וועט זי טון? פאַרדינגען דעם צימער אַ פרעמדן מענטשן? הם . . . הם . . . סיידן זי . . . מאַכט זיך ניט עפּעס לייטיש, די חברה וואָס קומען צו אים, איינער ערגער פונם צווייטן, קומען צוגיין, „דרייען אָפּ דעם קראַן” און מע רעדט, און מע רעדט, און מע רויכערט אָן אַזוי פיל אַז נאָכדעם דאַרף זי עפענען אַלע פענסטער, קערן און ראַמען די ציגאַרעט אָפּשניצלעך, דעם אַש, נאָך גוט וואָס זיי שפּייען ניט אויפן טעפּיך, אַ גלאָז טיי גיסן זיי יאָ אויס גאַנץ אָפט, און אַז זי זאָגט אים עפּעס וועגן דעם, שמייכלט ער: נו יאָ, אַזוי זיינען זיי, צעטראָגענע ברואים, אָבער פיינע שרייבער. פיינע שריי־בער! קיין פיינע לייט זיינען זיי זיכער ניט. דער, ווי הייסט ער, פאַר־געסן דעם נאָמען, אַ פּאָעט, האָט אפילו געפּרוּווט זי אַרומנעמען, אַ קוש טון. און ער האָט אַ ווייב, אַ קינד. מאָלט'יך, זי האָט אים געגעבן די וועלט צו זען . . . אַן אַנדערער וואָלט זיך שוין געשעמט ווייזן דעם פּנים, און ער, אין אַ וואָך אַרום, ער איז ווידער דאָ: העללאָ, ברושקע (ברכה)! די ריכטיקע חברה . . . זי האָט ניט געהאַלטן פון דער חברה, און ווען אפרים האָט זיך אַריינגעשטעלט, האָט זי אָפּגעמאָסטן דעם נייעם פאַרשוין — אפשר אים גאָר ניט צולאָזן, זאָגן דער ברודער איז ניטאָ, אַוועקגעגאַנגען, ערשט ווי זי ישובט זיך, אַהאַ, זיאָמע עפנט די טיר פון זיין חדר מיוחד. פאַרפאַלן. — צו דיר . . . מיסטער גאָלדשטיין.

— א פ ר י ם גאָלדשטיין, — האָט דער גאַסט פאַרבעסערט די פאָרשטעלונג, און מיט צופרידנקייט דערהערט: אָה! קומט אַריין! קומט אַריין.

דעם קריטיקערס אויערן האָבן פאַרנומען רייד. אַ פאַרפלייצונג פון דאַנקעניש. דאָס „וואָסער” אין די אויערן האָט פאַרקלאַפּט די

אויער־פויקן, אָט האָט ער געהערט וואָס אפרים גאָלדשטיין האָט געזאָגט, אָט ניט, זיינע אויגן האָבן געמאָסטן, געזוכט, געפרעגט: גאָלד, אָדער ...?

דער קריטיקער איז ניט נאָר געווען אַ בוחן ביכער, ער האָט געזוכט דעם מענטשן הינטערן בוך. איבערגעלייענט אַ בוך, האָט ער זיך געשאַפן אַ בילד פונם שרייבער. פון גאָלדשטיינס איין ליד האָט ער זיך אויך געשאַפן אַ בילד פון אים, איצט, ווען דער אָריגינאַל איז געשטאַנען פאַר אים, איז ער געווען אַנטוישט — שטימט ניט. אַ מענטש וואָס זאָגט: גוט מאָרגן, וועלט! דאַרף האָבן אַן אָפן פנים, קוקן מיט גוטע אויגן, באַגיטיקן די וועלט, און דער — אַ שאַרף געשניטן שפּיציק פּנים, דער גאַנצער קאָפּ אַ לאַנג שפּיציק איי, דער נאָז אויך לאַנג און שפּיציק, אפילו די אויגן קליין און שפּיציק, מער ניט, דער מויל אַ ברייטער, און פון דעם מויל גיסט זיך, גיסט זיך, דאַנק, לויב, חניפה ... הם־הם ... ניט זיין מענטש ... אָבער ...

— ער האָט געלערנט אויף אַדוואָקאַט, האָט ער געלערנט, האָט אָבער אויפגעגעבן, אים ציט צום שרייבן. טאַקע אַ פּראָפעסיע. ניט נאָר לידער. ווער קען עס ציען חיונה פון לידער? פּראָזע. מעשות, ראָמאַנען, גאָר אָנשרייבן אַ דראַמע, פון דעם קען מען מאַכן אַ פאַרמעגן, דאַן וועט ער זיך ערשט קענען אָפּגעבן מיט לידער, פּאָעזיע, דאָס איז זיין „ליבלינג״.

פון אָט דעם „ליבלינג״ האָט ער געבראַכט אַ גאַנץ פּעקל. לאַנגע, קורצע, ברייטע, שמאָלע בלעטלעך פּאַפּיר, באַשריבן אויף איין זייט,ביידע זייטן, אפרים גאָלדשטיין האָט זיי געצויגן פון דעם גרויסן קאָנווערט, און דער קאָנווערט — ער׳ט זיך קיינמאָל ניט אויסליידיקן. אפרים גאָלדשטיין האָט אַ טרייסל געטון איין בלעטל פּאַפּיר, גרייט צום לייענען, האָט דער קריטיקער אַ שטעל געטון איין האַנט פלאַך — לאָזט עס איבער. מיט די אויערן בין איך אַ שוואַכער לייענער, איך מוז לייענען מיט די אויגן. לאָזט עס איבער.

— וועט איר איבערלייענען? איבערלייענען איגנאַנצן?

— איך וועל עס איבערלייענען. איך לאָזן וויסן.

דער „לאָזן וויסן״ האָט געלאָזט וויסן — און איצט גיי געזונטערהייד.

די שפּיציקע אויגן האָבן אויפגענומען דעם באַפעל, זיי האָבן אַ שטאָך געטון דעם קריטיקער: ביסט אַ ... די ליפּן, ברייטע, דינע, בלוטלאָזע, האָבן זיך אויסגעקרימט אין אַ קריינקלעכן שמייכל: — גוט. איז ווען זאָל איך קומען?

— איך לאָזן וויסן. — פאַרעוו, גאָרניט צוגעזאָגט.

— נו, איך וועל אייך לייגער ניט האַלטן, שוין אַזוי אויך צוגע־נומען ביי אייך צופיל ווערטפולע צייט. אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק אייך. אַ גוטן.

— אַ גוטן. — „ווערטפולע צייט". ווען ער קען אים נאָכוואַרפן דעם קאָנוווערט. מע . . .

דער שוועסטער האָט אפרים גאָלדשטיין אפילו קיין גוטן טאָג ניט געזאָגט. אַרויפגעזעצט די צעקנייטשטע היטל אויפן קאָפּ, האָט ער כלומרשט אַ מאַך געטון צו איר מיט דער האַנט, אַן עפן געטון די טיר, און ניטאָ אים. דער ברודער האָט אים ניט באַגלייט צום טיר, הייסט עס . . . ער געפעלט איר אויך ניט, אַ האָפנונג אַז ער'ט מער ביישט קומען.

דער קריטיקער האָט אויך ניט געוואָלט אפרים גאָלדשטיין זאָל קומען צו אים נאָכאַמאָל. באַלד ווי יענער איז ארויסגעגאַנגען האָט ער אַ נעם געטון איין בלעטל פּאַפּיר, אַ צווייטס, אַ דריטס, און דאָס בלעטל פּאַפּיר אין האַנט — אַ בילי־עט וואָס ער האָט געקויפט, אַ געוועט אויף אַ פערדל, געמיינט עס וועט „אַריינקומען", און דאָס פערדל איז ניט אַריינגעקומען, און עס וועט ניט אַריינקומען. ניין, עס וועט ניט אַריינ־קומען, ניט קיין רייט־פערד, אַ קליאַטשע. זיך אָפּגענאַרט. ווייטער וועט ער אַזוינס ניט טון, וועט ניט שטעלן אויף טראַף. און אפשר מאַכט ער פאַרט אַ טעות? מיט די פלינקע אויגן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן לייענער איז ער איבערגעלאָפן אַלע לידער, און זאָל כאָטש זיין איינס אַ לייטישס. דער „גוט מאָרגן" איז, ווייזט אויס, געוועזן אַ צופאַל. טרעפט דאָך אַמאָל, ביי אַ קאַליקע אַ שניידער כאַפּט זיך אַרויס אַ בגד ביים דרך, און ווער ווייס, די איינע שורה אין יענעם ליד, אפשר איז זי גאָר ניט זיינע . . . ער איז אַ פערזן פלעכטער, ניט קיין דיכטער, דאָס איז קלאָר. יאָ, זיך אַ ביסל צוגעאיילט. זאָל עס זיין אַ לעקציע — בעסער זיין אַ קורצ־זיכטיקער קריטיקער, ניט דערזען פון ווייטן . . . איידער אַ וויכ־האַרציקע הייבאַם, אָפּנעמען אַ מפּילע . . .

— מפּילע — מפּילע — מפּילע, — האָט דער קריטיקער געדראַ־קעט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר ביז די האַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט, די אויגן האָבן אַ שאַר געטון דעם שרייב־טיש. פּאַמעלעך, מיטן צונג נאָכגייענדיק דער פען, האָט ער אויסגעכתבעט אויף אַ שטיקל קאַרדאָן „ מ פּ י ל ע ד ", געוואַרט ביז דער טינט האָט זיך אויסגעטריקנט, צוגעשניטן צו דער מאָס, עס אַריינגעשטעקט אינם בלעכל אויף אַ ליידיקן שופלאד גאָר אונטן, אריינגעלייגט אַהין גאָלדשטיינס ליד און

פאַרהאַקט דעם שופלאַד. אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איז זיין אויג געפאַלן אויף די לידער וואָס גאָלדשטיין האָט איבערגעלאָזט. ער האָט זיי אַריינ־געשטורכעט אין קאָנווערט, אַ וועג געטון אויף דער האַנט, דאַרף קאָסטן ווער וויסט וויפל פּאָסט געלט, אָבער איידער ער זאָל קומען אַהער איז שוין בעסער אָפּשיקן, אים אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער . . .

די עטלעכע ווערטער וואָס דער קריטיקער האָט אים געשריבן „איך ווייס ניט צי די יוריספּרודענץ וועט געווינען, איך בין אָבער זיכער אַז די יידישע ליטעראַטור וועט גאָרניט פאַרלירן אויב איר וועט ניט שרייבן קיין לידער און טאַקע לערנען אויף אַדוואָקאַט", האָט אפרים גאָלדשטיין קיינעם ניט געוויזן, דערפאַר אָבער דעם קריטיקערס אַרטיקל מיט די פּאָר שורות וועגן אים האָט ער געוויזן וועמען ער האָט נאָר געקענט. האָט מען אים פאַרגעשטעלט פאַר עמיצן — מר. בערנשטיין, מר. גאָלדשטיין — האָט ער שאַרף צוגעגעבן: אפרים גאָלדשטיין, און דער „אפרים" האָט געשריען: איך בין דיר ניט אבי ווער אַ גאָלדשטיין, איך בין א פ ר י ם גאָלדשטיין, און אויב דער, וואָס האָט דערהערט דעם אפרים, האָט פאַרט ניט געוואוסט מיט וואָס איז ער דאָס אַזאַ ילד שעשועים, האָט אפרים גאָלדשטיין אַרויסגענומען דעם אַרטיקל פון בוזעם קעשענע און געוויזן — איצט זעסטו שוין מיט וועמען דו האָסט צו טון?

מיט דעם אַרטיקל איז ער אויך אַוועקגעגאַנגען צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער צייטונג. געזען אַז דער רעדאַקטאָר קווינקלט זיך איבערלייענען דעם גאַנצן אַרטיקל, האָט ער אים אָנגעוויזן אויף די לעצטע פּאָר שורות. איבערגעלייענט, האָט דער רעדאַקטאָר אַ גלאָץ געטון אויף אים מיט די ברילן, מיט איין פינגער פאַרריכט די דוהע איבערן נאָז בריקל און סאַרקאַסטיש אַ זאָג געטון: אַה, אַ פּאָעט! קיין פּאָעטן פעלן אונדז ניט. מיר דאַרפן אַ לעבעדיקן יונגנמאַן וואָס זאָל קענען שרייבן נייס, מאַכן סענזאַציע.

דער „זייען" פון דער סענזאַציע (דער רעדאַקטאָר האָט באַין אופן ניט געוואָלט שרייבן סענסאַציע) האָט אַ זעץ געטון אפרימען אין פּנים.

— אַ מאַן פאַרגוואַלטיקט אַ פרוי, צעהאַקט זי אויף שטיקער און פּאַקט זיי איין אין אַ קאַסטן; אַ פרוי פאַרסמט איר מאַן כדי חתונה צו האָבן מיט איר געליבטן; גיינגסטערס דערשיסן אַ גיינגסטער וואָס האָט געמסרט; אַט אַזעלכע נייס, איר פאַרשטייט? סענזאַציע! אַט דאָס, אויב איר קענט . . .

אפרים גאָלדשטיין האָט געקענט. אין די ערשטע פיר וואָכן האָט

ער באַווייזן צו שאַפן סענזאַציע, אַ מעשה מיט אַ גיינגסטער, און ניט נאָר האָט ער באַשריבן דעם מאָרד, ער האָט געבראַכט די בילדער פון דעם גיינגסטערס עלטערן, דער טאַטע אַ פרומער ייד, גייט אין שול יעדן טאָג, דער גיינגסטער איז אין שול ניט געגאַנגען, אָבער אויפן האַלז האָט ער שטענדיק געטראָגן אַ מזוזהלע, וואָס האָט אים אויסגעהיט פון אַלערליי צרות, דאָס מאָל האָט ער דאָס מזוזהלע ניט געטראָגן, ער האָט עס פאַרלאָרן און ניט באַוויזן צו קויפן אַן אַנדער מזוזהלע.

דער רעדאַקטאָר האָט אַזש געוווישט זיינע געדיכטע וואָנצעס, אַזוי האָט ער זיך פאַסמאַקעוועט מיט דער געשיכטע, דער עיקר — דאָס מזוזהלע. אַי, דאָס מזוזהלע! ער האָט גלייך געהעכערט אפרים גאָלד־שטיינס שכירות פון ניין אויף צוועלף דאָלאַר אַ וואָך און איז אפילו איינגעגאַנגען צו דרוקן יעדן פרייטיק גאָלדשטיינס אַ ליד. פאַרן ליד, פאַרשטייט זיך, וועט ער ניט קריגן באַצאָלט, ווער דאַרף עס לידער? נאָר אַז אים גייט עס אין לעבן, איז מע . . .

אפרים גאָלדשטיין איז געוואָרן ד ע ר צייטונג מענטש. ניט נאָר האָט ער געשריבן נייס וועגן גיינגסטערס, מאָרדן, חתונות און גטן, ער האָט שוין אפילו געשריבן אַרטיקלען פאַרוואָס מיידלעך האָבן חתונה אין יוני מער ווי אין אַן אַנדער חודש; פאַרוואָס מאַן און ווייב גטן זיך אַממערסטן; אין וואָס באַשטייט אמתער פרויען־רייץ און נאָך אַזעלכע אַרטיקלען פון „מענטשלעכער נאַטור״, אים איז אָבער געגאַנגען אין לעבן צו שרייבן און דרוקן לידער, ער׳ט אים ווייזן, דעם קריטיקער, דעם . . .

צוויי יאָר צייט האָט עס אים גענומען, און ער האָט אים געוויזן — אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער, טאַקע פון די לידער וואָס ער האָט יעדע וואָך געדרוקט אין דער צייטונג, אַ בוך פון הונדערט און צוועלף זייטן, פיין געבונדן, אַ בוך — אַ פראַכט! און דעם ערשטן ווע‌מען ער האָט אַרויסגעשיקט אַ בוך איז געווען דעם קריטיקער זלמן קן־צפור.

ער האָט זיך געיישובט: אַוועקטראָגן פערזענלעך אָדער צושיקן דורך פּאָסט? פערזענלעך איז אודאי בעסער, דורך פּאָסט קען יענער אים נאָך צושיקן אַ פּאָר ווערטער . . . ער האָט זיי ניט פאַרגעסן . . . ער האָט אָבער אויך געדיינקט וואָס ער האָט געענטפערט אויף די פּאָר ווערטער . . . און אים האָט ניט געסטאַיעט קיין מוט זיך ווייזן פאַר אים. האָט ער אָנגעשריבן אויפן בוך „אַ מתנה זלמן קן־צפורן, דעם געניאַלן יידישן קריטיקער, וואָס האָט דער ערשטער מיך אָנגענומען

פאר דער האַנט און אריינגעפירט אין היכל פון דער יידישער ליטע־ראטור" און אַוועקגעשיקט. חוץ דעם האָט ער נאָך געשיקט אַ בריוו באַזונדער.

"... איר האָט מיר טאקע אָפּגעזאָגט די יאָר, געהייסן ניט שרייבן, איך האָב אייך אָבער ניט געפאָלגט, און אָט איז מיין בוך, וואָס וועט אייך צווינגען בייטן אייער מיינונג. אַ מענטש, אפילו אַ געניאַלער קריטיקער, קען אמאָל מאַכן אַ טעות, און איר האָט זיכער געמאכט א טעות, ניט וועו איר האָט אזוי פריינטלעך אויפגענומען מיין ערשט ליד, נאָר שפּע־טער, און איך האָף אַז איר וועט דעם טעות פאַרריכטן מיט אַ וואַרימען אָפּרוף אויף מיין בוך".

דערזען די אויפשריפט אויפן בוך, דעם "געניאַלן", דעם "היכל", האָט דער קריטיקער אַ שמייכל געטון, איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער אַ צי געטון איין וואָנצע — אַ כיטרער יונג, קלאפּט אויף מיין טעות. — נו, ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות, אפילו דאַן האָט ער געצווייפלט, פּשוט געוואָלט זיין "גוט צו יידן", אָבער ניט מער, וויטער וועט ער אַזעלכע זאַכן ניט טון. ער האָט אַ בלעטער געטון דאָס בוך, אַ לייען געטון איין ליד, צוויי, דריי, פאַרקלאפּט דעם טאָוול און עס אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל אויף דער ערד, וואו עס איז געווען אָנגע־קלאָפּט אַ צעטעלע וו. ג. (ווילד־גראָז). אויפן בריוו וועט ער ניט ענטפערן, ער'ט ניט פירן קיין קאָרעספּאָנדענץ וועגן אַזעלכע ביכער, מיט קיינעם, און מיט דעם גאָלדשטיין אודאי ניט.

ביי אַ טוצן בריוו האָט אפרים גאָלדשטיין געקראָגן פון קאָלעגן שרייבער וועמען ער האָט צוגעשיקט זיין בוך במתנה, בריוו מיט אַ דאַנק, אַ קאָמפּלימענט, אַפילו מיט לויב פאַרן בוך, און ער האָט הנאה געהאט פון די בריוו, אויב אפילו ער האָט פאַרדעכטיקט אַז די קאָמפּלימענטן זיינען געמאַכט געוואָרן מן השפה ולחוץ, די חברה האָבן אפילו ניט געלייענט, אָבער אריינגעקוקט האָבן זיי? גוט איז דאָס, דער קן־צפּור — דער אמתער פויגל — ער האָט דאָך אפילו ניט אריינגעשיקט קיין צוויי ווערטער — בוך געקראָגן. אויף אַזאַ גראָבקייט האָט ער זיך ניט געריכט. ער'ט . . .

אַ וואָך, צוויי, דריי, צען וואָכן. היינטיקע וואָך וועט זיכער זיין דער אַרטיקל. ניין, היינטיקע וואָך וועט ער שרייבן . . .

אפרים גאָלדשטיין האָט אויסגעשטעלט דעם קריטיקערס פּראָגראַם, וואָס, ווען יענער דאַרף שרייבן, און לויט אָט דער פּראָגראַם מוז ער די וואָך שרייבן וועגן זיין בוך. יאָ, די וואָך מוז עס זיין. צו זיין זיכער האָט ער פרייטיק שפּעט ביינאַכט גענומען אַ פּעשל קאָרטן און אויס־

געלייגט אַ סאַליטעיר. אויב ער געווינט דריי קאָנען נאָכאַנאַנד מיינט עס אַז זונטיק דערשיינט דער אַרטיקל, אויב ניט . . . דעם ערשטן קאָן האָט ער געוואונען. נו, ווי דען! דעם צווייטן, דריטן קאָן האָט ער פאַר־שפּילט. ער׳ט שפּילן זיבן מאָל, אויב פון די זיבן געווינט ער פיר . . . ער האָט פאַרלאָרן, געוואונען, שוין פאַרגעסן דעם חשבון. דאָס איז דער לעצטער קאָן. ווען ער האָט דעם „לעצטן קאָן" פאַרשפּילט, האָט ער ווידער געשפּילט. נאָך איין מאָל! ער מוז געווינען! ווען ער האָט ענדלעך געוואונען אַ קאָן האָט ער אויפגעהערט שפּילן. אַניט גלויבט ער אין דעם? נאַר גאָרניט . . . דעם לעצטן קאָן האָט ער געוואונען, דאָס מיינט אַז זונטיק וועט זיין קאַנציפּערס אַ קריטיק וועגן זיין בוך.

דעם זונטיק, און זונטיקס נאָכדעם, איידער ער האָט געעפנט די צייטונג, איז ער געווען זיכער — היינט! ביי דער גאַנצער זיכערקייט האָבן די פינגער פונדעסטוועגן געציטערט און, ווען ער האָט מיט אַ שאַרפער, נערוועזער באַוועגונג אַן עפן געטון די צייטונג, אַ קוק געטון אויף דער ליטעראַרישער זייט, און דערזען קן־צפּורס אַרטיקל וועגן . . . שלמה עטינגער אָדער אייזיק מאיר דיק, האָט ער אַ קנייטש געטון די צייטונג, זי אַ שמיץ געטון.

— אַ קריטיקער איז ער? — האָט אפרים גאָלדשטיין געדעדט ביי אַ קאַפע טישל, — אַ ליטעראַרישע מויז איז ער, ניט קיין קריטיקער. אַן אמתער קריטיקער דאַרף האַלטן אַן אויג אויף יונגע טאַלאַנטן, זיי אויפנעמען, אויפמונטערן און, פאַרשטייט זיך, אָנווייזן חסרונות אויך, קריטיקירן. איך דאַרף עס זיינע קאָמפּלימענטן? געהאַט גענוג לויב־געזאַנגען, געדרוקטע, געשריבענע, איכ׳ל אייך באַלד ווייזן, אָבער שרייב! און ער! ער שרייבט, אודאי שרייבט ער, וועגן סערקעלע, שמערקעלע, דיק, ביק — אַ ליטעראַרישע מויז, גריזשעט שמות, גריזשעט ער, און דאָס רופט זיך קריטיקער. נאַט, לייענט אומישנע . . .

דער קאָלעגע דיכטער האָט געלייענט: „אפרים גאָלדשטיינס לידער זיינען אַזוי קלאָר אַז אַ „ ב י י ב י " קען זיי פאַרשטיין, ניט ווי די אַנדערע פּאָעטן וואָס דרייען אַ ספּאָדיק און קיינער פאַרשטייט זיי ניט . . ."

דאָס האָט געשריבן דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג וואו אפרים גאָלדשטיין איז שוין געווען אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער.

— גאַנץ פיין, — האָט דער קאָלעגע דיכטער פּאַטאַקעוועט ניט אָן אַ שמייכל, — טאָ וואָס ווילט איר?

— אודאי פיין, אָבער פאַרוואָס שרייבט ע ר ניט?

— איך וואָלט אים אָנגעפּרעגט אין אַ בריוול.
— דיינקט אַזוי ?
אפרים גאָלדשטיין האָט עס שוין לאַנג געוואָלט טון, נאָר עפּעס . . . איצטער אָ, אַז דער זאָגט אויך . . . אים געפעלט ניט זיין שמייכעלע . . . אָבער ער'ט עס טון.
דעם בריוו האָט אפרים גאָלדשטיין אדרעסירט ניט צו דער „ליטעראַרישער מויז", נאָר צום „באַרימטן קריטיקער", און ער האָט געשריבן ניט וועגן זיך דוקא, ער האָט זיך מיט אים אויסגעטענהט סתם:
„איר שרייבט וועגן שרייבער וואָס זיינען הונדערטער יאָרן טויט, ווען אייער קריטיק וועט העלפן ווי . . . באַנקעס, וועגן די לעבעדיקע אָבער, וועגן די וואָס זוכן אַ וועג אין דער ליטעראַטור, וואָס נויטיקן זיך אין אַ וואָרט פון דערמוטיקונג, זיי פאַרזעט איר, איר דערמאָנט זיי אפילו ניט. שיקט זיך עס אַז אַ דאָקטאָר זאָל זיך אָפּגעבן נאָר מיט פאַלמעסן טויטע און ניט געבן קיין רפואה צו די לעבעדיקע? וואו איז יושר ?"
פאַרענדיקט האָט ער מיט דער האָפענונג אַז דער באַרימטער קריטיקער וועט איינזען די עולה וואָס ער באַגייט און וועט זי פאַרריכטן גאָר אינגיכן . . .
דער קריטיקער האָט די עולה ניט פאַרריכט, קיין אַרטיקל וועגן גאָלדשטיינס בוך ניט אָנגעשריבן, און זיין בריוו האָט ער אריינגעלייגט אין . . . אַרכיוו. ניט דער איינציקער בריוו פון דעם מין. פאַר אים האָבן זיי טאַקע אַ קנאַפּן ווערט, זיי קענען אָבער ווען עס איז צונויף קומען פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, די געשיכטע וואָס ער וועט נאָך אָנשרייבן אין אַ דרייסיק־פערציק יאָר אַרום. אָה, עס וועט זיין אַ גרויסע געשיכטע וועגן אַ גרויסער יידישער ליטעראַטור, כאָטש עס וועלן ניט פעלן קיין אפרים גאָלדשטיינס . . . ווילד־גראָז. געדאַרפט אפשר אויסרייסן, אָבער עס העלפט ניט, עס לאָזן, וועט אַליין אָפּשטאַרבן. אים ניט ענטפערן. איין מאָל האָט ער אים שוין געשריבן, גענוג.
אפרים גאָלדשטיין האָט ניט געוואוסט אַז דער קריטיקער האַלט זיינע בריוו, אים גופא, פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור וואָס וועט געשריבן ווערן אין אַ פערציק יאָר אַרום, ער האָט געוואָלט אַן ענטפער אויף זיין בריוו, אַ קריטיק אויף זיין בוך דאָס יאָר, דעם קומענדיקן זונטיק. ביז אַהער האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם וואָס די „ליטעראַרישע מויז" גריזשעט בלויז אַלטע שמות, דערזען אָבער

זונטיק קן־צפורס אַ קריטיק איבער משה שטערנבערגס אַ בוך לידער וואָס איז אַרויסגעקומען שפּעטער פון זיין בוך, האָט שוין געפּלאַצט זיין גערודלד, ער׳ט . . .

וואָס האָט ער אים ניט אַריינגעזאָגט, דעם קריטיקער, אויפן וועג צו זיין הויז? ער האָט אים אַזוי דערלאַנגט, אַז יענער האָט זיך ממש געבעטן רחמים ביי אים: חטאתי! און . . . קומענדיקע וואָך שרייבט ער וועגן זיינע לידער. ערן וואָרט! ער האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר, דעם קריטיקערס שוועסטער האָט געעפנט, אירע אויגן — צוויי לעמפּלעך, געל, רויט, בלינצלען, וואָרענען — גיי ניט ווייטער. זי דערקענט אים אפילו ניט.

— אפרים גאָלדשטיין. — צו זיין זיכער אַז זי ווייסט מיט וועמען זי האָט צו טון, האָט ער איר דערלאַנגט זיין וויזיט קאַרטל. דעם קרי־טיקערס שוועסטער האָט געהאַלטן דאָס קאַרטל ביי איין שפּיץ און איבערגעטראָגן די אויגן פון קאַרטל צו אים: נו יאָ, אפרים גאָלדשטיין, ווייס איך שוין, אָבער וואָס ווילסטו?

— איך וויל זען מר. קן־צפּור.

— ער איז גראָדע איצט ניטאָ. ווילט אַריינקומען?

אפרים גאָלדשטיין האָט תחילת ניט געגלויבט דער שוועסטער. אַ פּילטער, לאָזט ניט דורך צום פּריץ. זיך אַריינרייסן אין הויז, אַן עפן טון די טיר פון זיין אַרבעט צימער, כאַפּן אים ביי דער אַרבעט. דער־הערט דעם „איר ווילט אַריינקומען", האָט ער זיך אַ ישוב געטון — אַריינגיין? אַז ער איז ניטאָ? ער איז דאָך אַריינגעגאַנגען.

— זיצט.

— איר דיינקט ער׳ט באַלד קומען?

— אייך זאָגן דעם אמת, ווייס איך ניט. ניט ער זאָגט מיר וואוהין ער גייט, ניט איך ווייס ווען ער קומט. שוין באַלד צוויי שעה אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, קען זיין ער זאָל באַלד קומען. אויב איר דאַרפט אים נויטיק, וואַרט צו. אַנטשולדיקט. — האָט זי עטוואָס פאַרשעמט אַ זאָג געטון, צונעמענדיק פון דעם געבעטן שטול איר אַרבעט, געמאַכט פּלאַץ פאַר אפרימען.

אפרים האָט פאַררויכערט. די באַלעבאָסטע האָט אריינגעשטופּט אַ גלאָז אין אַ זאָק, האָט אריינגעשטעקט און ארויסגעצויגן די נאָדל און מיטן שפּיץ נאָדל האָט זי אַ וויז געטון — דאָרטן האָט איר אַן אַש־

שיסעלע. — זי קען שוין די חברה, אַלע רויכערן און אַלע שיטן אַש וואו עס מאַכט זיך.

אפרים איז געוואָרן אַנגעדרודלט. נאָכוואָס איז ער געגאַנגען? און אַז ער איז שוין יאָ געגאַנגען, דאַרף ער אים ערשט ניט טרעפן, ניט געטראָפן, האָט ער געדאַרפט פאַרקירעווען — השיבנו באַזאַד, אפשר אַ סימן אַז ער האָט גאָר ניט געדאַרפט גיין. ער איז ניט איבערגלויבעריש, אָבער אַז מ׳גייט צו עמיצן צוגאַסט און מע פאַרטשעפּעט זיך ביים אַריינגיין וואָלט בעסער געווען ווען מע גייט ניט אַריין. זיצן דאָ און קוקן ווי זי . . . האָ? בעסער אַזוי? אפשר . . .

אפרים גאָלדשטיין האָט זיך אַ רוק געטון אַז דאָס אַש פון ציגאַרעטל האָט אַ פאַל געטון צו דער ערד. דער באַלעבאָסטעס אויגן האָבן אַ שפּרונג געטון פון דער מאַרעזשע צו גאָלדשטיינען, צו דעם ביסל אַש. אירע אויערן האָבן דערהערט: אין אַמעריקע מאַרעזשעט מען אויך זאָקן?

— וואָס זשע, אין אַמעריקע גיט מען זאָקן אומזיסט? (ניט אויסצוהאַלטן פון זיי. ערשט אויסגעקערט.)

— כ׳מיין . . . כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען דאָ אין אַמעריקע . . .

— אַ פּאָר זאָקן קאָסט צען סענט, און אַמאָל גאַנצע פופצן. ארויסוואַרפן אַ פּאָר זאָקן צוליב אַ קליין לעכעלע? נגידים קענען זיך עס אפשר פאַרגינען, מיר וואַרפן גאָרניט ארויס. איך פאַרמאַרעזשע זאָקן, פאַרצירעווע אַ העמד, און אַז מ׳דאַרף דריי איך איבער דעם קאָלנער און ס׳איז אַ נייע העמד. לעצטן מאָל געגאַנגען קויפן צוויי העמדער, ער איז שוין געבליבן, ווי זאָגט מען עס, אין איין העמד, איז די ביליקסטע געווען ניין און פופציק סענט, און פאַר עטוואָס אַ בעסערער האָט מען זיך נישט געשעמט בעטן אַ דאָלאַר. אַ דאָלאַר פאַר אַ העמד! ווער קען זיך עס פאַרגינען?

„פון זיינע קריטיקן מאַכט ער ניט קיין גליקן״, איז ביי אפרים גאָלדשטיינען געבוירן געוואָרן אַ גראַם, דער שמייכל אויף זיין פּנים האָט זיך אָבער צעשפּילט ניט צוליבן גראַם. גאָט אַליין האָט אים אַריינגעשפּילט אין די הענט.

— אַ דאָלאַר אַ העמד איז טאַקע אַ סקאַנדאַל. איר זעט אָט די העמד? — ער האָט אַ צופּ געטון זיין העמד, אָט שלעפּט ער זי ארויס, ווייזט זי איר, — זייד, אמתע זייד! און ווייסט איר וואָס איך האָב באַצאָלט דערפאַר? אַנו טרעפט!

— איך ווייס? איך האָב מורא צו זאָגן, אַ דאָלאַר און אַ האַלב?

— נײַן און זעכציק סענט!

— נײַן און זעכציק סענט? פֿאַר אָט דער העמד! — אָט אָט, גייט זי צו אַ טאָפּ טון די זײַדענע העמד. — וואו קריגט איר עס אַזעלכע מציאות? זאָגט מיר אויבעט.

— אַזוי די מעשה. אָט די העמד וועט איר פֿאַר קיין צוויי דאָלאַר אויך ניט קריגן. איך האָב אַ באַקאַנטן, אַ פֿרײַנט מײַנער, וואָס איז אין די געשעפֿטן: העמדער, אויבערשטע, אונטערשטע, זאָקן, די אַלע זאַכן. אַרײַנגיין צו אים קויפֿן קען מען ניט, ער פֿאַרקויפֿט ניט לאחדים, ער האַנדלט נאָר מיט קרעמער, אָבער אַז איך קום אַרײַן, איז ניט נאָר פֿאַרקויפֿט ער מיר, נאָר רעכנט מיר נאָך ביליקער ווי דעם קרעמער, פֿאַרקויפֿט מיר קאָסט פּרײַז. איז אויב איר ווילט וועל איך אײַך געבן זײַן אַדרעס, ער געפֿינט זיך אויף . . . דאָ האָט איר מײַן קאַרטל מיטן אַדרעס פֿון זײַן געשעפֿט. איר׳ט אַרײַנגיין, אים דערלאַנגען דאָס קאַרטל, זאָגן אַז איך האָב אײַך געשיקט, וועט ער אײַך רעכענען ניט טײַערער ווי מיר. ווען דײַנקט איר גיין, מאָרגן, איבערמאָרגן? איך וועל נאָך הײַנט מיט אים אַ רעד טון. איך דאַרף טאַקע שוין גיין.

— וואָס, איר גייט שוין? — האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט, — זיצט נאָך אַ פּאָר מינוט, אפֿשר וועט ער באַלד אַרײַנקומען.

ווען זי האָט, ביי זײַן אַרײַנקומען, אים געבעטן זיצן, איז דאָס געווען ניט מער ווי העפֿלעכקייט, איצט האָט זי עס טאַקע געמיינט. הער אַ מעשה, אַ מענטש קומט צוגיין, שלאָגט איר פֿאָר אַ טובה און אַנטלויפֿט. אפֿרים, ווידער, וואָס איז געגאַנגען אַהער מיטן געדאַנק יעבור עלי מה, ער מוז רעדן מיט דעם „פֿויגל״, דעם קן־צפּור, און זיך אָני־דערגעזעצט ווי ביי אַ דענטיסט אין וואַרט־צימער, ער׳ט בדאי זיצן מי יודע לאַנג אַבי אַרויסרײַסן דעם צאָן, האָט איצט מיט אַמאָל פֿאַרלאָרן דעם צאָנווייטיק, ער דאַרף אים גאָר ניט רײַסן, ווען חלילה, חלילה, דער דענטיסט קומט טאַקע איצט אַרײַן, נעמט טאַקע רײַסן דעם צאָן . . . נײַן, איצט וויל ער אים ניט זען. — איך מוז שוין גיין. דאָס קאַרטל האָט איר? איז אַלרײַט. אַ גוטן.

אפֿרים איז געגאַנגען אַהיים מיט אַ פֿעסטן טראָט: ער האָט עפּעס אויפֿגעטון. נו יאָ, זיך באַרימען דערמיט פֿאַר עמיצן קען מען ניט, דאָס ניט, אָבער . . . „וההאָט אַ העלל״? אָט אַזוי ווערן געטון זאַכן אין דער וועלט, אַז מען שמירט פֿאַרט מען . . . ער׳ט פֿאָרן . . . דער „פֿויגל וועט זינגען״ . . .

„דער פויגל״ האָט טאַקע געזונגען, נאָר ניט קיין הלל צו אפרים גאָלדשטיין, ער האָט אים געשריבן אַ בריוו.

געקומען אַהיים, האָט ער, ווי דער שטייגער, אַ פרעג געטון: — געווען בריוו?

— קיין בריוו ניט געווען, אָבער געווען אַ גאַסט, גאָלדשטיין.

— גאָלדשטיין?

— אפרים גאָלדשטיין. — זי האָט אים דערלאַנגט דאָס קאַרטל.

— אה, דער . . . וואָס האָט ער געוואָלט?

— וואָס האָט ער געוואָלט. געוואָלט זען דיך. קוקט אויס צו זיין אַ וואויל מענטשל.

— קען זיין. אַ פּאָעט איז ער גאָרניט קיין וואוילער.

— וואָס, ער קען טאַקע ניט? אַ רחמנות אויף אים. אַ וואוילער מענטש.

ברודער האָט אָנגעקוקט שוועסטער. וואָס זי קען דיר אַ זאָג טון. רחמנות אויף אַ מענטשן למאי ער קען נישט שרייבן קיין לידער. ע ר האָט נ י ט קיין רחמנות אויף אַזעלכע, ער האָט זיי . . . פיינט. דאָס איז דער אמת. דעם גאָלדשטיינען האָט ער נאָך מער פיינט, ער האָט אים אָפּגענאַרט, און לויטן איינדרוק וואָס ער האָט געקראָגן פון אים ביים ער׳שטן באַזוך, פון זיינע בריוועלעך איז צו זען אַז ער איז שוין גאָרניט קיין וואוילער מענטש, און זי . . . ער האָט אַ דריי געטון אפרים גאָלדשטיינס קאַרטל, ווי ער וואָלט דאָרטן געזוכט זיין וואוילקייט, און דערזען דאָס אָנגעשריבענע, האָט ער מיטן קוק געפרעגט דער שוועסטער: וואָס איז דאָס? ווען זי האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער מיט צוויי פינגער אַ ריס געטון דאָס קאַרטל אין דער ברייט, צוזאמענגעלייגט די צוויי העלפט און אָנגעשטריינגט גענומען רייסן אין דער לייננ, אויף שטיקלעך, ברעקלעך.

— וואָס איז דער מער? וואָס . . .

די שטיקלעך פּאַפּיר — קליינע שטיינדלעך, וואָס דער ברודער האָט אַ שמיץ געטון, טאַקע ניט אין פּנים, צו די פיס בלויז, אָבער אַ שמיץ געטון.

— פּאַסקודניק!

דער שוועסטערס קוק — אַ פרעגנדיקער: וואָס איז? און אַ בעטנדיקער: וואָס ווילסטו פון מיר?

— וואָס אַזוינס?

— וואָס אַזוינס, פרעגט זי. מאַכט זיך טאַמעוואַטע.

— זיא—מע! — אַט אַט צעוויינט זי זיך.

— כאַבאַר האָט ער געוואָלט געבן. העמדער, זאָקן . . . אַבי איך זאָל שרייבן אַ קריטיק איבער זיין בוך. איצט פאַרשטייסטו שוין?

— אַזוי גאָר? גיי וויס!

איך אימפּולס זיך אָנבייגן, אויפקלייבן די שטיקלעך פּאַפּיר איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, מיט אַ שפּיץ שוך האָט זי אַ שאַר געטון איין שטיקל פּאַפּיר, און ווען דאָס האָט זיך ניט גערירט, האָט זי עס אַ שטויס געטון. ערשט ווען דער ברודער איז אריין צו זיך אין צימער האָט זי אויפגעקליבן די שטיקעלעך פּאַפּיר, אָפּגערייניקט דאָס אַש און איר האָט זיך נאָך געוואָלט עפענען אַלע פענסטער, אויסלופטערן, אויסרייניקן דעם צימער . . .

דער ברודער האָט זיך געזעצט צום שרייב־טיש.

„. . . מיין שוועסטער האָט מיר איבערגעגעבן אַז איר האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט און אַז איר האָט איר געדעדט אַ שידוך: זאָקן, העמדער, נאָך אַזעלכע זאַכן. אַ שאַד, אַ שאַד, וואָס איך בין אָנגעקומען שוין נאָכדעם ווי איר זייט אוועקגעגאַנגען, איר וואָלט מיר פארשאַפט דעם צווייפלהאַפטן פאַרגעניגן אייך ארויסצואווארפן פון הויז. פאַרפאַלן. איר זייט אליין ארויסגעגאַנגען פון מיין הויז, און איך האָף אַז דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, מער זאָלט איר מיין שוועל ניט איבערטרעטן. און נאָך אַ זאַך — אייערע קונסטווערק, געשריבענע, געדרוקטע, אָדער אין בוך פאָרם זאָלט איר מיר מער ניט שיקן, איך וועל עס ניט לייענען, ניטאָ וואָס צו לייענען. זייט מיר געזונט פון דערווייטן . . .“

אפרים גאָלדשטיין האָט אים געענטפערט. וואָס מיינט ער? באשר ער איז אַ קריטיקער האָט ער דאָס לעצטע וואָרט? ניט ביי אפרימען!

„. . . אַז איך האָב פּרובירט אייך באווירקן לטובת מיין בוך וועל איך גאַנץ אָפנהארציק צוגעבן, אָבער אונטער די אומשטאַנדן איז עס גאַנץ נאַטירלעך און לאָגיש. איך זע ניט איין קיין עוולה דעריין, די עוולה זייט איר באַגאַנגען, איר . . .“

ער האָט אים שוין געזאָגט וואָס ער איז, ער האָט אים דערלאַנגט אַזוי ריכטיק, מער ניט, פון דעם געשלעג הינטער די אויגן איז אפרים גאָלדשטיינען געבליבן אַ „שוואַרץ אויג“, און דאָס אויג האָט געביסן, געשמאַרצט. ווי אויף צו להכעיס האָט דער מיטטרינקער ביים טישל געשאָטן זאַלץ אויף דעם אויג.

— וואָס זאָגסטו ניט צו דעם ווי דער קאָנציפּער האָט זיך עס

צעגאָסן איבער שטערנבערגס בוך. גאַנצע צוויי קאָלומס אָוועקגעגעבן...

— „ביזנעס, מאַי באַי, ביזנעס"!

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין טאַקע ביזנעס. צי דער שטערנבערג קען שרייבן לידער איז נאָך אַ פּראַגע, אָבער אַז ער איז אַ גוטער ביזנעסמאַן דאָס ווייסן מיר. אַרויסגעגעבן דאָס בוך, האָט ער דאָס ערשטע גענומען און אָוועקגעטראָגן אים אַ בוך. טאַקע אָוועקגעטראָגן, בכבודו ובעצמו, אַזוי און אַזוי... נאָכדעם האָט ער אים אויסגענומען אין אַ גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן, מכבד געווען מיטן אמתן מאַלצייט, אפילו מיט אַ גלעזל שאַמפּאַניער, מ'דאַרף דאָך באַנעצן אַ בוך, ניט אַזוי? פון דאָרט איז מען אָוועקגעגאַנגען זען אַ פאָרשטעלונג, אַלץ על חשבון הגביר, נאָכדעם אים אָפּגעפירט אַהיים אין אַ טעקסי און, אויב דו ווילסט אים באַגעגענען, דעם פויגל, און זען ביי אים אין שניפּס אַ שפּילקע מיט אַ דימענטל אָדער אַ פּערל, זאָלסטו וויסן פון וואַנען דאָס שטאַמט... ער איז דאָך אין די צירונג געשעפטן, דער שטערנבערג. איצט פאַרשטייסטו שוין? יאָ, ברודערקע, אַז מ'שמירט פאָרט מען... נו, מהיכא תיתי, זאָל אים וואויל באַקומען, איך האָב מיר מיין וועג, איך שרייב לידער, צי זיי געפעלן יאָ ד ע ם קריטיקער אָדער ניט קימערט מיך זייער ווינציק, איך שרייב, און די געשיכטע וועט אַרויסטראָגן איר אורטייל.

אפרים גאָלדשטיין האָט מיט פאַרחלומטע אויגן געקוקט אויף דער געשיכטע. אַ געשלעכטלאָזע, עלטערלאָזע פרוי מיט אַ הויכער פּאָמ־פּאַדור פון אַש קאָליר האָר, זיצט ביי אַ גרויסן, גרויסן טיש, מיט אירע לאַנגע אײדעלע פינגער בלעטערט זי אַ בוך לידער, שטערנבערגס בוך, אַ בלעטער, און אַ לייג אַן אַ זייט — ניט דאָס! דערפאַר אָבער אַז זי נעמט אַריין ז י י ן בוך לידער גלעטן אירע לאַנגע פינגער די זייטן, די ליפּן מורמלען עפּעס, אויף איר לענגלעכן פּנים צעשפּילט זיך אַ שמייכל — דאָס איז עס! אָט די געשיכטע איז עס געוואָרן זיין מוזע, פאַר איר האָט ער עס געשריבן, יעדע וואָך אַ ליד, יעדע צוויי יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך, און יעדן בוך געשיקט צום קריטיקער זלמן קן־צפּור, אָן קיין אויפשריפט, ווי איינער רעדט: נאַ, וואַרג זיך! און אפשר? אפשר וועט ער וועגן ד ע ם בוך יאָ שרייבן, און ניט נאָר שרייבן וועגן דעם בוך, נאָר זיך שלאָגן על חטא למאי ער האָט וועגן די פריערדיקע ניט געשריבן. אַזוי האָט ער געשיקט פינף ביכער

ביז . . . אין איין שיינעם טאָג האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם, געשטאָרבן פּלוצלונג פון האַרץ שלאַג.

דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג האָט אים מספּיד געווען אין אַ לאַנגן אַרטיקל. ער האָט אויסגערעכנט גאָלדשטיינס אַלע מעלות, וואָס פאַר אַ שאַרפן נאָז ער האָט געהאַט פאַר סענזאַציע, וואָס פאַר אַ טייערע האַנט ער איז געווען אין רעדאַקציע, אַלץ האָט ער געקענט שרייבן, פון אַ שרייאיקן שטיקל נייס ביז אַ שטיל ליד. — שטילע לידער האָט ער געשריבן, — האָט דער רעדאַקטאָר זיך צעגאָסן אין געזאַנג, — שטילע, האַרציקע לידער, און אַזוינע איינפאַכע אַז אַ „בייבי" האָט זיי געקענט פאַרשטיין, דאָס האָט אָבער ניט נושא חן געווען ביי די אָפּיציעלע קריטיקער אונדזערע, וואָס לאָבן זיך דווקא מיט פאַרדרייטע לידער, מי־שטיינס געזאָגט, וועלכע קיינער קען ניט צעקייען. זיי, אָט די קרי־טיקער, האָבן פיל בייגעטראָגן צו זיין פריצייטיקן טויט. ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן למאַי זיי האָבן אים פאַרשוויגן און, מ׳קען זאָגן, זיי האָבן אים פאַרשוויגן צום טויט, זיין איידל האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן . . .

דער קריטיקער זלמן קן־צפור האָט געלייענט דעם אַרטיקל, אַ קוועטש געטון די ברילן ביים נאָז בריקל, אַ צי געטון איין וואָנצע און, אַוועקלייגנדיק די צייטונג, אַ מורמל געטון: נו יאָ, דזשאַהן קיעטס איז דאָך ניט געשטאָרבן פון שווינדזוכט, נאָר פון אַ שלעכטער קריטיק. פאַטשקון. ער האָט אַ שפּאַן געטון צום ווינקל פון צימער, וואו עס האָט זיך געהויפנט אַ בערגל ביכער. ער האָט געוואוסט דאָרטן ליגן דעם גאָלדשטיינס ביכער, די האַנט האָט זיך אָבער ניט געהויבן אַרויסציען אַ בוך, ער איז צוגעגאַנגען צום שופלאַד מיטן אויפשריפט „מפּילעך" און פון דאָרט אַרויסגעצויגן אפרים גאָלדשטיינס ערשט ליד „גוט מאָרגן, וועלט!"

אַ היפשע פאַר יאָר זינט ער האָט איבערגעלייענט דאָס ליד, אָנגעשריבן די פאָר שורות וועגן דעם. אין די צען־צוועלף יאָר זיינען צוגע־קומען אַ צען־צוועלף דיכטער, אַ פאָר גאָר פיינע; אויך קריטיקער זיינען צוגעקומען, ווען קען דאָס ניט קריטיקירן? דאָ אפילו קריטיקער־אַסטראָ־נאָמען וואָס אַנטדעקן שטערן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק . . . זאָלן זיי, ער יאָגט זיך ניט נאָך קיין שטערן . . . ער גייט האַרט ביי דער ערד, און דאָ אויף דער זינדיקער ערד, אַז אַ מענטש אפרים גאָלדשטיין איז געשטאָרבן איז אַ שאָד, אָבער אַ דיכטער? אַ מפּילע! און בעסער זיין אַ קורצזיכטיקער קריטיקער, ניט צו דערזען נייע טאַלאַנטן פון דער־

ווייטן איידער אַ ווייכהאַרציקע הייבאם אָפּנעמען מפּילעך. יאָ, ער קומט אים אַ דאַנק, דעם אפרים גאָלדשטיינען, זיין „גוט מאָרגן" האָט אים געגעבן אַ גוטע לעקציע. אם ירצה השם אַז ער'ט שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור וועט ער אים אָפּגעבן דעם דאַנק, איין קאַפּיטל וועט ער אוועקגעבן פאַר אָט די מפּילעך, אַזוי וועט טאקע הייסן דאָס קאַפּיטל — מ פּ י ל ע ך.

חובות

איך געפין זיך איצט אין אייערע מקומות, אפשר פאַרפאָרן נאָך אייך, גיין צוזאַמען כאַפּן אַ בייס?

דערהערט דעם ענטפער: איך וואַרט דאָ אויף עמיצן, אַ דאַמע דאַרף צו מיר באַלד קומען, האָט מאַרגאַלין אַ קנייטש געטון דעם פּנים, און אַ נס וואָס עס איז נאָך ניט געווען קיין טעלעוויזיע פאַרבונדן מיט טעלע־פאָן, און חסיד ביי זיין טעלעפאָן טריבל האָט ניט געקענט זען ווי אַזוי זיין „דאַמע״ איז צעקנייטשט געוואָרן.

— קומט צו שפּעטער אַ ביסל, אין אָוונט, — האָט מאַרגאַלין גע־הערט עפּעס אַ לעבלעכע איינלאַדונג, פון יוצא וועגן, אָדער גאָר אַ מין זיך פאַרענטפערן צוליב דער „דאַמע״. האָט מאַרגאַלין אויך לעבלעך געענטפערט — איכ׳ל זען, אפשר צוקומען. דערווייל אַ גוטן, — און אויפגעהאנגען דאָס טרייבל.

אַ מיידל, אַ ווייבל, אַ פרוי, אָדער גאָר אַ יידענע, דאָס ניט, אַ . . . ד אַ ־ מ ע! אָנשטעל, פּאָזע, און מאַרגאלין האָט פיינט געהאַט אָנשטעלן. אַ ייד אַן אלמן, אַריבער זעכציק, צוריקגעצויגן פון געשעפט, פאַרזאָרגט מיט חיונה, האָט ער, חוץ פאַרברייינגען, זיך שפּילן מיט זיינע אייניקלעך, זיך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אויך אַריינגעקוקט אין אַ ספר, געלייענט העבּרעאיש, יידיש, ענגליש, געגאַנגען צו קאָנ־צערטן, לעקציעס, פאַרלעזונגען. ביי איין פאַרלעזונג — חסיד האָט גע־לייענט זיינע לידער אין אַ פּריוואַטער הויז — האָט ער זיך עס באַקאַנט מיט אים און געוואָרן, וואָס מ׳רופט, גוטע פריינט, דאָס הייסט, מאַרגאלין איז געוואָרן דער פריינט און חסיד האָט זיך געלאָזט פריינטלען, ארויסגיין אַמאָל עסן אינאיינעם, אין אַ טעאַטער, צון אַ קאָנצערט, על חשבון מאַר־גאלין, פארשטייט זיך, און חסיד האָט אפילו געלאָזט זיך געבן עטלעכע דאָלאַר, בתורת הלוואה . . . מאַרגאלין האָט ניט איין מאָל אים געוואָלט אַ זאָג טון: וואָס דרייסטו אַ ספּאָדיק הלוואה? דיינע שיפן וועלן אַרייג־קומען? זאָג אַז דו דאַרפסט אַ פּאָר דאָלאַר און פּטור! ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט, אָפּגעקומען מיט אַ שמייכל, אַ באַהאַלטענעם דערצו: נו יאָ, עס איז עפּעס אַזוי ניחא נעמען געלט ביי יענעם? סתם נעמען.

אַז דיר איז ניחא אַן הלוואה, איז מיר ליב. ער האָט אים ניט געזשאַ־לעוועט די פּאָר דאָלאַר. וואָס זאָל טאַקע טון אַ יידישער דיכטער אין זיינע יאָרן? מוז שוין זיין אַריבער זעכציק, גיין ווערן אַ . . . סטאָליאַר, אַ מוליאַר? שאַדט ניט אַז מ'העלפט אַרויס מיט אַ פּאָר דאָלאַר, קיין לאָך אין קעשענע וועט דערפון ביי אים ניט ווערן, צו פיל האָט ער ניט געגעבן, ער האָט אָבער אויך ניט געפירט קיין חשבון פון די הלוואות . . . האָט חסיד, נאָך אַן הלוואה, אַ זאָג געטון: — איך קום אייך שוין אַ שלל מיט גאָלד, — האָט מארגאָלין אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — איר'ט אַריינקריגן דעם נאָבעל פּרייז וועלן מיר זיך שוין אויסרעכענען.

— דעם נאָ—בעל פּרייז? — האָט חסיד צעצויגן דעם „נאבעל", און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שמועס מכח פּרייזן, ליטעראַטור. גערעדט האָט חסיד, עס איז אָבער ניט געווען קיין מאָנאָלאָג — א י ד רעד! אויך ניט קיין לעקציע פון אַ פּראָפעסאָר פאַר אַן אוידיענץ פון הדיוטים, חסיד האָט זיך פשוט צעוואָרימט, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין ליטע־ראַריש פערדל, און ער האָט געקענט פאָרן און פאָרן, ער האָט גערעדט זייער אינטערעסאַנט. געקומען צו אַ פלויט, אַ גרובן, דאָס פערדל איז געבליבן שטיין, איז געווען גענוג מארגאָלין זאָל אַ קיצל טון דאָס פערדל, מאַכן אַ באַמערקונג וועגן אַ דיכטער, אָדער אומדירעקט קאָמפּלימענ־טירן חסידן גופא, און דאָס פערדל איז געלאָפן ווייטער. פון אָט די אַ געשפּרעכן, ניט אַלע מאָל וועגן ליטעראַטור, סתם שיחות חולין, אַמאָל אפילו דורכגעמישט מיט רכילות, האָט מארגאָלין אמת הנאה געהאַט, דאָס איז געווען דער שכר פאַר זיינע הלוואות. טאַקע אַ דיכטער, און אַ גוטער דיכטער, אָבער רעדט ווי אַ מענטש, אַן אַנשטעלן, אַן פּאָזע, און דאַ, נאַדיר גאָר, אינמיטן דרינען — אַ דאַ—מע! אַ נייער „דאַמען־קאַוואַליער"! לפי עניוות דעתו — אַ קנאַפּער דאַן זשואַן, קיינמאָל ניט געווען, ווער שמועסט איצטער, אַן אַלטער ייד! און ווידער, ווער ווייסט? אַ דיכטער, און די חברה, איז כבדהו וחשדהו . . . אין אָוונט האָט ער זיך אַ ישוב געטון: צופאָרן צו חסידן אָדער ניט, און באַשלאָסן — צופאָרן! הערן וואָס איז מיט זיין דאַמע . . . זען זי וועט ער דאָך ניט, סיידן . . . אפשר איז זי געבליבן נעכטיקן . . . שיין וואָלט געווען . . . נאַרישקייטן.

די דאַמע איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען, אַ סימן פון איר האָט ער יאָ דערוויסט. ניט קיין אָפּדרוק פון געפּאַרבטע ליפּן אויף חסידס פּנים, אפילו ניט קיין ריח פון פּאַרפום, אויפן טיש איז געליגן געלט — אַ צענערל און צוויי איינציקע דאָלאַר. מארגאָלין האָט שוין געקענט

חסידס שוואַכקייט — האָט אים עמיצער דערלאַנגט געלט, האָט ער ניט צוגענומען, אַריינגעלייגט אין קעשענע אָדער אַ בייטעלע, נאָר אַ זאָג געטון: לייגט אַוועק. מארגאלינען האָט עס דערמאָנט אָן די יידישע דאָקטוירים אין רוסלאַנד, וואָס אַז זיי זיינען געקומען צום חולה האָבן זיי גענומען פאַרן וויזיט „בלינדערהייד", אָט ווי מ'וואָלט זיי אַריינגעשטעקט כאַבאַר, און אַז דער חולה איז געקומען צום דאָקטאָר האָט ער אַריינגעלייגט דאָס געלט אין אַ „קערה" — אַ טעצל אויפן טיש, אַ דאָקטאָרס הענט דאַרפן זיין ריין, ניט אָנרירן קיין געלט . . . דאָרטן אויך געווען אַ היפש ביסל אָנשטעל, און חסיד . . .

— וואָלגערט זיך ביי אייך געלט אויבנאויף. — האָט מארגאָלין ניט אָן אַ שמייכל אַ זאָג געטון.

— ווער וועט ביי מיר גנבענען, ווער? איך לייג אַריין אין קעשענע, לייג איך עס אַלע מאָל ניט אין דער ריכטיקער, אין די אַלטע הויזן, דער סוף איז, איך גיי אַרויס עפּעס קויפן, כאַפּ איך זיך כ'האָב קיין געלט ניט. שוין אַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ רעסטאָראַן, אָפּגעעסן, כאַפּ זיך באַצאָלן, איך האָב ניט אַ פּרוטה. בין איך צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס, אים דערקלערט. האָט ער מיך באַטראַכט און געענטפערט: איר קוקט ניט אויס ווי אַ „באָם", וואָס וויל „באָמען" אַ מאָלצייט. מאַכט ניט, איר'ט אָפּגעבן אַן אַנדערש מאָל. אויף מאָרגן בין איך שוין אומישנע געפאָרן באַצאָלן, גענומען עפּעס עסן, כאָטש איך בין ניט געווען הונגעריק, ביים באַצאָלן פרעג איך דעם באַלעבאָס: און וואָס טוט איר טאָקע מיט אַ „באָם"? — מיט אַ „באָם", — מאַכט ער, — זיינען מיר זיך נוהג גאַנץ פּשוט. מיר שטעלן אים אַוועק וואַשן געפעס אָדער די פּאָדלאָגע, נאָכדעם אַ קני אין הינטן און גיי! ער'ט שוין מער נישט קומען. — דאַרף איך נאָך ווערן אַ געפעס וואַשער? אַזוי, ליגט עס, איך דאַרף נעם איך. שוין ארונטערגענומען דריי דאָלאר, — האָט ער מיט די אויגן אָנגעוויזן אויפן געלט. מארגאָלינס אויגן האָבן אויך אַ קוק געטון אויפן געלט און עס איז אויסגעקומען ווי די אויגן פוןביידן האָבן זיך געטראָפן דאָרט. מארגאָלינס אויגן פרעגנדיק: פון וואַנען דער אוצר?

— דאָס האָט אַ דאַמע מיר געבראַכט .. .

אין ד ע ר דאַמע האָט שוין מארגאלין דערזען בלויז אַ נעגאַטיוו פון דער „דאַמע" פער טעלעפאָן און האָט, ניט אָן ליצנות, אַ זאָג געטון:

— גיי ווייס אַז דאַמען ב ר י נ ג ע ן געלט, געווינלעך נעמען זיי צו געלט.

— ווי ביי וועמען. אַ „פּימפּ״ ב ר י י נ ג ע ן זיי געלט.

די צוויי פּייען פון דעם „פּימפּ״ האָבן אָפּגעקלאַפּט אַזוי פּאַסקודנע אין מאַרגאָלינס אויער אַז ער האָט אַזש אַ דריי געטון דעם קאָפּ.

— איר׳ט אפשר נעמען אַ ביסל בראַנפן ?

מאַרגאָלין איז ניט געווען קיין טרינקער, ניט געווען קיין מבין אויף בראַנפן און אויך ניט אויף טרינקער. ערשט ווען חסיד האָט אים אַ פרעג געטון צי וויל ער אַ ביסל בראַנפן, האָט ער זיך געכאַפּט אַז יענער איז, נו ניט שיכור, אָבער שוין אונטערן גלעזל. — אַ ביסל בראַנ—פן ?

— דער „בראַנ—פן ?״ אַ וואָגשאָל, און מאַרגאָלין האָט אַרויפגעלייגט אויף דער וואָג אַ „יאָ״, אָט ווי אַ קצב וואַרפט צו אַביינדל — זאָל מיינס איבערגיין. ע ר וויל טאַקע ניט טרינקען, אָבער חסיד, זעט ער, וויל יאָ, מסתם איז אים שוין גוט אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן, זאָל ער נעמען נאָך אַ גלעזל, זיך אַרונטעררעדן פון האַרצן, זאָגט מען דאָך — וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג ביים שיכור אויפן צונג. שיכור ניט, אָבער . . .

— נו, לחיים! לחיים! עפּעס פאַרבייסן ? אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ ? ניין ? טאָ לאָמיר פאַררויכערן. אָט אַזוי. וועט איר דאָך פרעגן וועמעס יאָרצייט איז עס ? זע שוין, ביט קיין חסיד. חסידים, פאַרשטייט איר מיך, טרינקען בראַנפן געוויינלעך צון אַ יאָרצייט, מער ניט, זיי האָבן אַלע מאָל יאָרצייט, און איך בין, ווייסט איר דאָך, אַ . . . חסיד, האָב איך אויך יאָרצייט, איז ניט נאָך קיין רבין, נאָך אַ רביצין . . . איר האָט זי באַדאַרפט זען, די רביצין, די דאַמע, מיין איך. די גרויס איז עס ווי אַ הונט זיצנדיק, און אַ פיגור ! אַ זייען ! עפּעס אַ וויזליק, דערפאַר אָבער אַ פּיסקל ! פּערפּעטואום מאָבילע ! צוויי שעה צייט האָט זיך איר ניט צוגעמאַכט דאָס מויל, איך האָב געמיינט איך וועד אַזש הייזעריק פון איר רעדן. וויפל „לידיס אוקזילערים״ עס איז דאָ אין שטאָט צון אַזוי פיל באַלאַנגט זי, האָט זי מיר גענומען דערציילן וועגן אירע ווייבער, חצי יענקיס, פּאַלאווינע היברוס, יידיש דאַרפן זיי, פאַרשטייט זיך, אויף סים טיסעטשי כפרות, קריגט זי זיך מיט זיי, און ז י האָט אויסגעפירט — די „מילטשינער לידיעס עיד סאָסייעטי״ האָט גענומען מיינע פינף ביכער. געקויפט ? חס וחלילה ! ווער דאַרף עס קויפן אַ יידיש בוך, נאָך לידער דערצו ? מ׳נעמט עטלעכע ביכער, ביי יעדן מיטינג פלעט מען אויס אַ בוך, און מיטן געלט פון די פלעטן פלעט מען דעם שרייבער דעם קאָפּ. פינף ביכער ביי מיר גענומען, איך האָב שוין גאָר פאַרגעסן אָן דעם, אַ מעשה פון באַלד אַ יאָר, איר

איז דאָס אָבער געליגן אויפן קאָפּ, האָט זי מיר געבראַכט דאָס געלט. גאַנץ פּיין פון איר זייט. כ׳מיין זי איז עס משה מחויב זיך עסקן מיט מיינע ביכער? נאָר אַז זי האָט גענומען ריידן, דערציילן, איז מיר גע־וואָרן . . . קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. וואָס גייט עס מיר אָן צי אַ מיסעס גרינבערג אָדער אַ מיסעס שטיינבערג וועט לייענען מיינע לידער אָדער ניט? אוודאי וויל איך מ׳זאָל לייענען מיינע לידער, כי לכך נוצרת, דאַרויף גיב איך דאָך אַרויס אַ בוך, נאָר ווען איך בין קייסער וואָלט איך מיר אויסגעקליבן מיינע לייענער, ד ע ם לייענער וויל איך יאָ, און דעם ניט, בפירוש ניט. אַ לייענער מעג זיך אויסקלייבן זיינע שרייבער? מעג דער שרייבער אויסקלייבן זיינע לייענער, און סתם אַ מיסעס גרינבערג צי אַ מ י ס ט ע ר שטיינבערג איז ניט מיין לייענער. אָבער ניט אין דעם גייט עס, גיט אַ שרייבער אַרויס אַ בוך גייט עס אַרויס פון זיין רשות, די תורה האָט געלערנט דער . . . ווילנער גאון און עפּעס אַ וויסטער מיסיאָנער אַ משומד, משה רבנו וועט אים דער־פאַר צו קיין דין תורה ניט רופן . . . ביין, ניט וועגן דעם האַנדלט זיך עס. איך בין געזעסן, געהערט, אויב אפילו מיט אַ האַלבן אויער, וואָס זי האָט מיר דערציילט וועגן די ווייבער, זייער קאָרטן שפּילן, רכילות טרייבן, קנאה, שנאה, און איך האָב געטראַכט: דאָס איז זיך גאַנץ ריכטיק און גאַנץ . . . מענטשלעך. אָבער דו דערציילסט עס דאָך מיר ניט נאָר איך זאָל זען ווי מיאוס י ע נ ע זיינען, נאָר אויך ווי לייטיש ד ו ביסט און, דער עיקר, וואָס ד ו האָסט אויפגעטון פאַר מ י ר, פאַר מיין בוך, און דאָס . . . דאָס איז אויך גאַנץ ריכטיק, זי ה אָ ט טאַקע אויפגעטון, אויף איר שטייגער, זי האָט זיך שיער ניט אויסגעעסן די גאַל ביז מ׳האָט גענומען די עטלעכע ביכער צום . . . פלעטן, נאָר טאַקע דערפאַר האָב איך געפילט ווי צו פלעטן איר דעם קאָפּ. איר פאַרשטייט? זי האָט מיר געטון אַ טובה און אַ טובה, דאָס איז אַ „סטענדינג מאָרטגעדזש", קיינמאָל ניט אויסצאָלן, צאָלן פּראָצענט ביזן טויט אַריין, און ערשט בלייבן אַ בעל חוב. עבד לוה לאיש מלוה. נאָך ערגער. לייסט ביי עמיצן געלט קענסטו אָפּגעבן, אָפּגעבן מיט פּראָצענט, און, חלילה, אַז מ׳גיט ניט אָפּ איז אויך ניט אַזוי געפערלעך, אין געשעפט מעג מען אָנזעצן? האָב איך אָנגעזעצט! טוט דיר אָבער אַ מענטש אַ טובה, האָט ער דיר אָנגעטון איין בראַסלעט אויף דיין האַנט, אַ צווייטן בראַסלעט אויף זיין האַנט, די בראַסלעטן פאַראייניקט מיט אַ קייטעלע, און קענסט זיך ניט אָפּקייטלען, קענסט ניט זיך אָפּטשעפּען. געמיינט זי׳ט שוין בלייבן דאָ נעכטיקן. געזען זי האָט זיך אויפגעהויבן גיין,

האָב איך זיך נאָך אַלץ ניט געגלויבט — גייט זי טאַקע? צו זיין זיכער האָב איך זיך אָנגעבאָטן זי באַגלייטן. איז זי, פאַרשטייט זיך, געווען לעילא ולעילא, איין קליניקייט, דער באַרימטער יידישער דיכטער ב. חסיד גייט באַגלייטן די מיסעס פּריסיפּקע! (אַזוי הייסט זי) ווען אָט די מיסעס פּריסיפּקע האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און, פאַרשטייט זיך, שטאַרק געדריקט מ י י ן האַנט, האָב איך געפילט אַז ניט נאָר בין איך אַ ליגנער, אַ שווינדלער, נאָר אַ . . . אָט ווי איך האָב אייך געזאָגט, אַ פּימפּ. אַ נס, וואָס פון די פופצן דאלאר וואָס זי האָט מיר געבראַכט האָב איך אַריינגעכאַפּט אַ פּינפּערל, געדיינקט, איך גיי אַרונטער, וועל איך שוין איינקויפן אַ שטיקל קעז, פּוטער. איז קיין קעז מיט קיין פּוטער האָב איך נישט געקויפט, דערפאַר אָבער בין איך אַריין אין אַ באַר, גענומען אַ שנעפּסל און איינגעהאַנדלט אָט דאָס פלעשל. נאָך אַ גלעזעלע?

— ניין, אַ דאַנק, איינס איז גענוג פאַר מיר. — געוואָלט האָט ער נאָך צוגעבן: און פאַר אייך איז שוין אויך גענוג, ער האָט אָבער געזען אַז חסיד האָט שוין גענומען דאָס גלעזל צום מויל, האָט ער זיך מיישב געווען — זאָל ער. רופעט אים קענטיק גאַנץ שטאַרק דער עסק. ווי אַ באַשטעטיקונג אַז דאָס איז אַזוי, האָט ער דערהערט: — שווער צו זיין אַ בעל חוב. איר האָט אַ שוועבעלע?

חסיד האָט אַרויסגעבלאָזן אַ מויל רויך — דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט פּאַרע — פּאָרן!

— איך האָב דאָ געהאַט אַ לאַנדסמאַן. ס׳הייסט לאַנדסלייט האָב איך דאָ אָן אַ שיעור, מיר דוכט אַז דאָ געפינען זיך מער טשאַרנאָסטאַווער ווי עס איז ווען געווען אין טשאַרנאָסטאַוו. עפּעס ניט קיין שטעטל, נאָר אַ טייך, וואו מער וואַסער גייט דורך ווי עס בלייבט, יידן אַ פליסיקער עלעמענט, איך האָב זיך אָבער מיט זיי ניט אָנגעקערט. בין איך געבוירן געוואָרן אין טשארנאסטאוו, אַ גליק האָט מיך געטראָפן! כ׳מיין, און אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין 1876 האָב איך אַ שייכות מיט אַלע זעקס און זיבעציקער? סיידן אַ סטאַטיסטישע שייכות, מיט די טשאַר־נאסטאווער — אַ געאָגראַפישע שייכות, ניט מער. איז יאָ, האָב איך דאָ געהאַט אַ לאַנדסמאַן, גאָדל האָט ער געהייסן. איך ווייס ניט צי איז עס פאַרקירצט געוואָרן פון גדליה אָדער פאַרצויגן געוואָרן פון גד, סיי ווי, גערופן האָט מען אים גאָדל יונה דעם באָנדערס, אָדער גאָדל דעם באָנדערס, ווייל מער ווי איין יידישער באָנדער איז אין טשאַר־נאָסטאָוו ניט געווען. מיט אָט דעם גאָדל בין איך אין איין חדר געגאַנגען,

זיך געחברט מיט אים, ס׳הייסט ער האָט זיך געחברט מיט מיר, ער — גאָדל יונה דעם באַנדערס און איך — ברוך משה אהרנס! איין קליינקייט משה אהרן ברוך הערצ׳ס! יחוס איז דאָך נישט שייך. פונדעסטוועגן האָב איך זיך געחברט מיט אים, געשפּילט אין קנעפּלעך, אינאיינעם געגאַנגען רייסן שיקסע־באַרלעך, האָזן־ניסלעך, נאָך אַזעלכע יינגלשע שטיק. עלטער געוואָרן, זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט, האָב איך פֿאַרגעסן אָן גאדלען, אָן טשאַרנאָסטאַוו, דאָס שטעטל עפּעס אַ חלום, און ד ע ר חלום, ווי אַלע חלומות, ווייט ניט קיין שיינער. איר קוקט מיך אָן? חלומות זיינען שיין? יאָ, אַזוי זאָגן די . . . דיכטער, זיי זיינען אָבער גרויסע ליגנער, אָט די דיכטער, זאָלן זיי מיר מוחל זיין. — גוטמוטיקע איראָניע האָט אַ שטיף געטון אין די בורשטינענע אויגן. — ווען מענטשן זאָלן קענען געדיינקען און זיין ערלעך גענוג צו פֿאַר־צייכענען ריכטיק זייערע חלומות וואָלט ניט איין רעפּוטאַציע פֿון גאָטס־פֿאַרכטיקע, גלויביקע, אנשטענדיקע בירגער און סתם שיינע מענטשן, רואינירט געוואָרן. אָבער, ווי זאָגט מענדעלע, ניט דאָס בין איך אויסן. דעם גאָדלען האָב איך אפילו אין חלום ניט געזען. פֿאַרגעסן! אינגאַנצן פֿאַרגעסן. ערשט ע ר האָט זיך דערמאָנט.

געווען איז עס מיט אַ יאָר . . . זעקס צוריק, יאָ, זעקס יאָר. איך האָב זיך געהאַט אַריינגעקליבן אין אַ שטיבל ערגעץ אויף אַ באַרג. דאָס שטיבל — אַ חורבה, צוויי צימערלעך מיט אַ באָד, פֿאַרוואָרפֿן טאָקע הינטער די הרי חושך, קענט זיך פֿאָרשטעלן, דירה געלט עלף דאָלאַר אַ חודש, דער עלפֿטער דאָלאַר איז עס געווען פֿאַר וואַסער, דערפֿאַר אָבער אָן אויסזיכט פֿון דאָרטן! נאָך היינט צו טאָג בענק איך נאָך יענעם אויסזיכט, געווען אויסערגעוויינלעך שיין, אָבער, איר ווייסט דאָך, אַ געשמאַק שטיקל הערינג קען מען עסן בדאי מיט די אויגן, מיט אַ שיינער לאַנדשאַפֿט קען מען דעם מאָגן ניט אָנשטאָפּן, מ׳דאַרף טאָקע עפּעס עסן, איז מיטן עסן טאָקע געווען אַ ביסל צרות. אַמאָל איז עמיצער געקומען מיט אַן אויטאָמאָביל, איז מען געפֿאָרן, איינגעקויפֿט פּראָוויאַנט אויף אַ וואָך צייט, אַמאָל האָב איך זיך אַליין אַרויפֿגעשלעפּט מיט אַ גאַנצן פּאַק, און דאָס איבעריקע האָט מען אויסגעשטוקעוועט מיט פֿעדלער. אָט ווי פֿאַרוואָרפֿן דאָס שטיבל איז געווען, און דער באַרג גאַנץ משופּע, איז פֿונדעסטוועגן איין מאָל אין צוויי טעג אַרויפֿגעקומען אַ מילך־מאַן, אַ ברויט־מאַן, אַנדערע „מענער״, פֿון הונגער האָט מען ניט געדאַרפֿט אויסגיין אויף יענעם בערגל.

איינעם אַ נאָכמיטיק, איך האָב געפֿילט עפּעס ניט מיט אַלעמען,

ליג איך אויפן געלעגער, ערשט איך הער: ע—פּאָל, ע—פּאָל, ע—פּאָל! אָט אַזוי ווי איר הערט, טאַקע קמץ אַלף אָ, ע—פּאָל. די שטימע אַ באַסאָווע, אַן אָנגעשפּאָלטענע, אַן איבערגעריסענע, שוין גאָר קיין שטימע ניט, קען שוין אָבער שרייען אַ גאַנצן טאָג און ניט ווערן הייזעריק. מסתמא אַן אַלטער פּעדלער שוין, טראַכט איך. קיין ע—פּאָל . . . האָב איך ניט געדאַרפט, אָבער אַז ער האָט עפּל מסתם האָט ער אויך ערד־עפּל — קאַרטאָפּליעס, מערן, שאר ירקות, צי איך אַרויף די שטעק־שיך און גיי אַרויס אין דרויסן. דערזען אַ מענטשן, האָט דער „ע—פּאָל" געטון אַ שטעל אָפּ דעם לאַסט אויטאָ ווי ער וואָלט אַ צי געטון די פערד לייצעס. — יעס סיר, וואַט קען אַי דו פאָר יו? — פרעגט ער מיך, אויף ענגליש, פאַרשטייט זיך, און קוקט אפילו ניט אויף מיר, נאָר נעמט זיך אויססאָרטירן זיין קראָם. באַדאַרפט זען אַ קראָם! מכל מאמינים שהוא. זאָג איך אים: רב ייד, ע—פּאָל, האָב איך געהערט, האָט איר, וואָס איז מכח תפוחי אדמה, ערד־עפּל? „ערד עפּל!" דער ייד האָט זיך אַזוי פאַרחידושט אַז ער האָט אַזש אַ הויב געטון דעם קאָפּ, אַ קוק טון ווער איז דאָס דער משוגענער, האָט געטון אַ שאַר אַרויף דעם לאַנגן דאַשעק פונם קורצן היטעלע און אַ געשריי געטון: ב ו — ז י ?!

איך האָב שוין נישט געהערט דעם נאָמען זינט די מאַמע מיינע איז געשטאָרבן. פאַרן טויט איז דאָס געווען איר לעצט וואָרט — בו—זי . . . און מיט אַמאָל, נאַדיר — בוזי! טו איך שוין גוט אַ קוק אויפן יידן וואָס „בוזיט" מיך, איך קוק זיך איין — גאָדל! ער האָט אַרויפגעשאַרט דעם דאַשעק, האָב איך דערזען דעם בלויען פליאָם אויף זיין לינקן שלייף. דאָס האָט מען זיין מאַמען אונטערגעוואָרפן אַ מייזל, צי אַ הייסע קויל ווען זי האָט געטראָגן, אַזוי האָט עס געהייסן אין חדר, און צוליב אָט דער „אסאבי פרימעטע" האָב איך עס אים דערקענט און, ווי זאָל איך אייך זאָגן, אויף דער מינוט זיך אפילו דערפרייט. גאָדל האָט זיך גאָרניט געקענט אָפּוואונדערן, ער האָט אַראָפּגעשאַרט דעם דאַשעק, אים אַרויפגעשאַרט און ווידער אַרונטערגעשאַרט, ער האָט אפילו אַ וויש געטון דעם נאָז. — הער אַ מעשה! ווי געפעלט עס דיר? וואָס טוסטו דאָ?

— וואָס הייסט וואָס איך טו? איך וואוין דאָ.

— הער אַ מעשה, ער וואוינט דאָ און מ'הערט ניט און מ'זעט ניט, איך קום דאָך דאָ אַ טאָג איבער אַ טאָג, שוין לאַנג דאָ? וואָס מאַכסטו?! וואָס טוסטו?

אַט דער „וואָס טוסטו?", זיין טרייסל מיט דער האַנט דערביי, האָט קלאָר געפרעגט פון וואָס ציסטו חיונה? אַט די פראַגע האָט מיך אַלע מאָל געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, גיי דערציילן יענעם פון וואָס איך לעב, פונדעסטוועגן האָב איך ניט אָן שפּאָס — וואָס וועט גאָדל זאָגן — אַזוי כלאחר יד אַ זאָג געטון: איך שרייב לידער, אַט ווי איך וואָלט געזאָגט: איך אַרבעט ביי „קלאָוקס".

— לידער?! „סאָנגס" מיינסטו?

פון אַט דעם „סאָנגס" איז מיר געוואָרן זייער פריילעך. — הם יאָ, „סאָנגס", אָבער ניט צום זינגען, אַזוי זיך, לידער . . .

— מיינסט אין די „פּייפּערס"?

די „פּייפּערס" האָבן מיר אויך געקלונגען גאַנץ אַנגענעם, פרעג איך אים: — לייענסט אַ „פּייפּער"?

— אַמאָל. דער שכן קריגט דעם „אַמעריקאַנער", כאַפּ איך אַמאָל אַ קוק. פאַרקויפסט אַמאָל דיינע שטיקלעך דאָרט?

— ניין, אַהין פאַרקויף איך ניט מיינע „שטיקלעך", — האָב איך זיך פאַרענטפערט און בין איבערגעגאַנגען אין אַטאַקע, גענומען אים פרעגן, ווי איז געשעפט? האָט אַ ווייב, קינדער? און איך האָב זיך דערוואוסט אַז גאָדל האָט אַ ווייב, דריי קינדער, אַלע אויסגעגעבן, האָט שוין אייניקלעך, און געשעפט? מ'מאַכט אַ לעבן.

אַ נס וואָס גאָדל האָט געמאַכט אַ לעבן, ער האָט געדאַרפט פאַרן צו נאָך קונים, האָט ער מיר שוין געגעבן זיינע ע—פּאַל, קאַרטאָפליעס, מערען, אַלץ מיט דער ברייטער האַנט. איך נעם אים באַצאָלן, שטעלט ער אויף די האַנט — ניט מאַטיען! ביי מיר נעמט ער נישט קיין געלט. הייב איך אָן אָוועקלייגן צוריק די סחורה. ווילסט מיך האָבן פאַר אַ קונה, טאָ נעם געלט, אַניט נעם איך אינגאַנצן ניט. געשעפט איז גע־שעפט. — קוק אים אָן! געשעפטסמאַן! — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַזאַ ביטול, אַז איך האָב אַליין אָנגעהויבן צווייפלען אין מיינע געשעפטס־פייאיקייטן, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, פאַרשטייט זיך. — אָלרייט, גיב מיר אַ קוואָדער. דאָס איז אַלץ וואָס סע באַטרעפט. מיר'ן זיך שוין זען. — מיט אַ זייט האָט ער זיך אַריינגערוקט אין אויטאָ, זיך אַ בויג געטון, אָפּגעלאָזט דעם טאַרמאַז, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אָפּ־געפאָרן. אין נאָז האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אַ גאַזאָלין געשטאַנק און אויפן געמיט האָט זיך אַרויפגעלייגט אַ וואַרימע, שווערע קאָלדרע, אי וואַרים, אי שווער. טשאַרנאַסטאַוו, גאָדל, סאָנגס, פּייפּער . . .

איבערמאַרגן איז עס שוין געווען ניט ע—פּאַל! נאַר א—כאנ—זשעס! געוואוסט האָב איך — דאָס איז גאדל, שוין דערקענט זיין שטימע, און באַשלאָסן איך גיי ניט אַרויס, נויטיק האָב איך גאַרניט געדאַרפט, גע־פילט האָב איך עפּעס ניט גוט, געבראָכן די ביינער, און אַרויסגיין זיך שטעלן ריידן מיט גאדלען האָב איך ניט געהאַט קיין חשק. ליג איך און מיט די אויערן מעסט איך די „אכאנזשעס" — ווי ווייט איז עס גאדל פון מיין שטיבל, און ווען ער איז שוין געווען גאַר נאָענט האָב איך זיך פאַר־טאַיעט, אַט ווי קינדער באַהאַלטן זיך שפּילנדיק אין בלינדעניש, וועט ער פאַרבייפאָרן? ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געוואַרט אויף די „אכאנזשעס". וועט ער אַ געשריי טון, הייסט עס אַז ער וואַרט איך זאָל אַרויסגיין, און איך וועל ניט אַרויסגיין, כ'מיין, איך בין ניט מחויב קויפן יעדן מאָל און . . . איך קען דאָך אַמאָל ניט זיין אין דערהיים אויך. די „אכאנזשעס" האָב איך ניט דערהערט, איך האָב אָבער דער־הערט מע גייט, די טריט נאָך ניט באַקאַנט, איך האָב שוין אָבער געוואוסט — גאדל. ער'ט אָנקלאַפּן, ענטפערן אָדער ניט ענטפערן? מילא איך האָב יאָ געענטפערט, און נאָך איידער איך האָב אַרויסגעזאָגט דעם „אַריין", איז שוין גאדל געשטאַנען אין טיר. — „וואָטסעמערע"?

— וואָס זאָל זיין דער מער?

— וואָס זשע ליגסטו? פילסט ניט גוט?

— גאָרניט. מסתם צוגעקילט אַ ביסל. וועט איבערגיין.

— אפשר רופן אַ דאָקטאר?

— איך דאַרף ניט קיין דאָקטוירים.

— איז ניט קיין דאָקטאר, דאַרפסט עפּעס עסנוואַרג?

— גרינס, פּרוכט האָב איך גענוג.

— וואָס איז מכוח ברויט, פליש?

— ברויט? ברויט, דיינק איך, האָב איך נאָך, און פליש? אפשר גלייכער אַז ניט, זעסטו, פאָרסט אפשר פאַרביי אַן אַפּטייק? איז אַז דו'סט קומען, ווען קומסטו? איבערמאָרגן? טאָ ברייננ מיר אַ קעס־טעלע, נייין אַ פלעשל אַספּירין. וועסטו ניט פאַרגעסן?

— „אָקי־דאָקי"!

איך האָב דערהערט דעם „אָקי־דאָקי", דעם ניגון ווי ער האָט עס אַרויסגעזאָגט, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער, מיין יענקי־גאָדל האָט שוין אָבער ניט געסטאַיעט, איך האָב שוין געהערט ווי דער לאָסט־אויטאָ האָט זיך ארונטערגעלאָזט. יענקי־גאָדל!

טשאַרנאָסטאַוו, אַמעריקע, יענקי־גאָדל, יידן, יידישע ליטעראַטור, דאָס אַלעס האָט זיך געפּלאָנטערט ביי מיר אין מוח יענע נאַכט, עפּעס אַזוי מאָדנע געפּלאָנטערט, ניט אַנדערש איך האָב היץ, האָב איך אַ טראַכט געטון. גענומען דעם טערמאָמעטער — עס איז דאָ! ניט הויך, אינגאַנצן אַריבער אַ הונדערט, אָבער ניט נאָרמאַל. איבערגעציילט מיינע אספּירין פּילן, סך הכל פינף שטיק, נעמען איצטער צוויי וועט אויף מאָרגן בלייבן ווינציק, גאָדל וועט ערשט קומען איבערמאָרגן, האָב איך גענומען איין פּיל, אָפּגעשלאָפן אַ צוויי שעה, נאָכדעם זיך געדרייט די גאַנצע נאַכט, אַ שלעכטע נאַכט. אינדערפרי, איך בין נאָר וואָס פאַרטיק געוואָרן מיט דער קאַווע, זיך צוריק אָוועקגעלייגט, אַהאַ — מע קלאַפּט אין טיר. ווער קען עס אנטראָגן אַזוי פרי? — אַריין! שריי איך איין מאָל, נאָכאמאָל, און איך הער ווי עמיצער טוט אַ דריי דאָס טיר־הענטל, כאַפּ איך זיך ס׳איז פאַרשלאָסן. שלעפּ איך זיך ארונטער פון בעט און, אין די תחתונים, גיי איך צו, עפן די טיר — אַ פרוי! אנטשולדיק איך זיך, צי אַרויף אויף גיך דעם כאַלאַט, קום צוריק, און איך הער: מיין זשאָרזש האָט מיר געזאָגט אַז איר פילט נישט גוט, דאַרפט אספּירין, בין איך געגאַנגען אין אַפּטייק, דאָ האָט איר עס, פּופּציק. וועט זיין גענוג? און דאָ האָב איך אָפּגעקאָכט אַ שטיקל עוף, אַ ביסל זופּ, מ׳דאַרף עס בלויז אָנוואַרימען אַ ביסל.

פון אָנהויב האָב איך זיך ניט געכאַפּט ווער איז דאָס דער זשאָרזש, זי האָט דערמאָנט דעם אַספּירין, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, דאָס איז דאָך גאָדל! יענקי־גאָדל, זשארזש, אָקי־דאָקי. שיער ניט שיער האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט אַ אָקי־דאָקי, ווען ניט די פרוי, אירע אויגן. אַן עלטערע פרוי, אַ יאָר זעכציק, אָבער גאַנץ געזונט, אַ ברייטלעכע קאָזאַק, און אַ פּאָר אויגן! די גוטסקייט אַליין האָט ארויסגעקוקט פון אָט די פּאָר בלויע אויגן. איך האָב ווידער גענומען זיך אַנטשולדיקן, האָט זי אַ שמייכל געטון אַז איך האָב זיך ממש פאַרשעמט. — נאַרישער מאַן, — האָט דער שמייכל געזאָגט, — שוין געזען אַזעלכע זאַכן, דו זאָג מיר בעסער . . .

— אַן אייז קאַסטן האָט איר?

נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט ענטפערן איז זי שוין געווען אין קיך. איך האָב געוואָלט „פּראָטעסטירן”: אין קיך איז געווען ניט צו ריין, געפילט ניט גוט, אָבער איך האָב געהערט דאָס וואַסער לויפט שוין דאָרט, זי האָט שוין געוואַשן די פּאָר גלעזער, טעלער . . .

וואָס טויג אײַך מעשׂות, איך האָב זיך אָװעקגעלייגט מיט אַ לונגען אָנצינדונג. געבראַכט אַ דאָקטאָר, האָט ער געהייסן מיך נעמען אין שפּיטאָל. אָבער איך האָב פֿײַנט אַ שפּיטאָל. נו יאָ, מ׳גיט גוט אַכטונג, ניין און זיבעציק, צי איין און אַכציק, אָדער איך ווייס דאָרט וויפֿל פּראָצענט גייען אַרויס פֿון שפּיטאָל געזונטע, אָבער מיר ווילט זיך ניט זײַן איינער פֿון די איין און צוואַנציק צי ניינצן פּראָצענט, צי אַפילו פֿון די ניין און זיבעציק אָדער איין און אַכציק, איך וויל זײַן איינער, אָן קיינע פּראָצענטן. איך מוז אײַך אָבער זאָגן אַז ווען ניט זיי, גאָדל און זײַן ווײַב ציפּע, אָדער צילי, וואָלט איך אָדער ג ע מ ו ז ט גיין אין שפּיטאָל אָדער איך וואָלט גאָר אומגעקומען. וואָס זיי האָבן ניט געטון פֿאַר מיר! זי ווי זי, נאָר ער! וואָס האָט ער ניט געטון? שעהן לאַנג איז ער געווען בײַ מײַן בעט, און אַז איך האָב אים געזאָגט: גיי אַהיים, דאַרפֿסט דאָך אויפֿשטיין — ער פֿלעגט אויפֿשטיין פֿיר פֿאַרטאָג, פֿאָרן אין מאַרק אײַנקויפֿן — האָט ער געענטפֿערט: זיך אויסשלאָפֿן, זאָרג זיך ניט, וואָס איך שלאָף איין אין דרײַ שעה וועסטו ניט אײַנשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט, איך אַז איך לייג זיך אַנידער איז ווי אַ שטיין. האָט ער געפּאַדעט אַרום מיר, מיך געוואַשן, געבאָדן, געגעבן מיר עסן, טרינקען און . . . גערעדט. און ווייסט איר וועגן וואָס? וועגן טשאַר־נאָסטאַוו. דער גאַנצער טשאַרנאָסטאַוו איז געווען די גרויס ווי אַ גענעץ, מענטשן, עס הייסט יידן, קיין גויים איז דוכט זיך גאָרניט געווען, אפשר אַ צוויי טויזנט נפֿשות, אנשים, נשים וטף, און דאָס לעבן דאָרט — אויך אין גרויסער גענעץ, נאָר אַז גאָדל האָט גענומען רעדן וועגן טשאַרנאָסטאַוו איז עס געוואָרן אַ כּרך גדול, און די מענטשן דאָרט איינער אינטערעסאַנטער פֿונם צווייטן. און ניט נאָר האָט ער זיי געקענט אַלעמען, געוואוסט זייערע געשיכטעס, ער האָט אַפילו געוואוסט וואוהין זיי זײַנען מגולגל געוואָרן, דער איז אין באָסטאָן, יענער אין פֿילאַדעלפֿיאַ, דער אַזוי, יענער אַזוי. איך בין געליגן און איך האָב זיך געחידושט: וואָס טוט זיך דאָ? פֿון וואַנען נעמט זיך צו דעם גאָדל אַזאַ זכּרון, אַזאַ . . . פֿאַנטאַזיע? איך בין געווען זיכער אַז דאָס פֿאַנטאַזירט ער מער ווי ער געדיינקט אָדער ווייסט, אין חדר האָט ער זיך ניט אויסגעצייכנט מיט אַזאַ גוואַלדיקן זכּרון . . . געהאַט אַ פֿאַר־שטאָפּטן קאָפּ, אָבער ניין, ער האָט טאַקע געדיינקט. איין מאָל, ער האָט עפּעס ווידער אַ רעד געטון וועגן מײַנע לידער, די „סאָנגס”, האָב

איך אויף טשיקאַווען אים געגעבן מיין בוך „קרייץ־ווינטן", פון מיינע ערשטע לידער, — נאַ, לייען איבער!

— שרייב עפּעס אָן! — האָט ער אַ דריי געטון מיטן אַנוויז פינגער.

— ווייזן מיין צילין . . . — און אַז איך האָב אָנגעשריבן, ער האָט איבערגע־לייענט „מיין יוגנט חבר גאדלען אַ מתנה", האָט ער צוגענומען דאָס בוך פון מיינע הענט אָט ווי מע נעמט איבער אַ ריינקייט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, איך זע גאָדל שוויגט, זאָגט גאָרניט וועגן מיין בוך, האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, מבטל געווען, גאדל אַ מבין אויף „סאָנגס" . . . פונדעסטוועגן האָט עס מיך פאַרדראָסן, און איך בין אויך געווען טשיקאַווע צו וויסן וואָס דיינקט אַ . . . גאדל וועגן מיינע לידער, טו איך אים אַ פרעג: — נו, גאָדל, אַריינגעקוקט אין מיין ספר?

— איבערגעלייענט. אינגאַנצן איבערגעלייענט, ׳ז דאַשקי לדאָשקי.

— נו, געפעלט דיר?

ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר — אַ יינגל, וועמען דער רבי האָט אַ פרעג געטון די טייטש, ער ווייסט נעבעך ניט און בעט רחמים: טשעפּע מיך נישט. אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען זיין קוק, זיין ענטפער איז געווען ניט ג ע נ ו י ווי איך האָב פאַרשטאַנען.

— דיר זאָגן דעם אמת? איין מאָל האָב איך געלייענט און נישט פאַרשטאַנען. האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: גוי־גאָדל, געהאַט אַ גויאישן קאָפּ און געבליבן דערביי, פונדעסטוועגן האָב איך גענומען לייענען נאָכאַמאָל, דאָך יידיש, ניט קיין גמרא מיט תוספות, אָבער כאָטש צעהאַק מיר דעם קאָפּ, כ׳פאַרשטיי נישט. צוויי לידער האָב איך יאָ פאַרשטאַנען.

— טשיקאַווע, וועלכע צוויי לידער?

— די פון טייך, דאָרט וואו דו זאָגסט: „און דער ברעג מיט די שטיינער, אַ ליפּ פאַרשטשעמעט מיט ציינער, אַ צאַם פּאַר דער וואַסער צונג". דאָס האָסטו דאָך געמיינט אונדזער טייך, דאָרט ביי דער רויטער יאַדיקע.

ביים פייער פון אויסגערויכערטן ציגאַרעט האָט חסיד אָנגעצונדן אַ נייעם ציגאַרעט, אַ בלאָז געטון רויך.

— ער האָט עס מיר אַ זאָג געטון, האָב איך אויפגעריסן די אויגן. הער אַ מעשה! מיך האָבן די פּאָר שורות געקאָסט אַ היפּשע פּאָר שעה, דער „ברעג מיט די שטיינער, אַ ליפּ פאַרשטשעמעט מיט ציינער", דאָס איז ניט געווען ביי מיר סתם גראַמען, איך האָב זיך געמאַטערט אַרויס־

ברייִנגען ד ו ק א אָ ט ד ע ם ב ר ע ג , מיט גרינע ווערים איז עס מיר אָנגעקומען, און אַז איך האָב שוין סוף כל סוף אָנגעשריבן אָט די פּאָר שורות, האָב איך געפילט ווי . . . ווי . . . נו, ווי אַ געווינערין צו איר נאָר וואָס געבוירן קינד, דאָס שענסטע קינד אין דער וועלט. קען דען זיין עפּעס ווינציקער ווי דאָס ? בעת מעשה האָב איך אָבער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דער „רויטער יאדיקע״. עד היום ווייס איך ניט פאַרוואָס יענער ברעג טייך האָט עס געהאָט אַזאַ נאָמען, ערשט גאָדל קומט צוגיין, טוט אַ קוק, דערקענט עס גלייך, און אַז ער האָט עס אַרויסגעזאָגט האָב איך גלייך דערזען ד ע ם ברעג, ד ע ם טייך. איך האָב ממש געשטוינט.

— און די צווייטע ליד ?

— די צווייטע ליד, וואו דו באַשרייבסט דעם וואַלד. דאָס איז דאָך מעזניצאווס וואַלד.

מעזניצאוו, דאָס איז דער פּריץ צו וועמען דאָס גאַנצע שטעטל מיטן וואַלד האָט באַלאַנגט.

— פון וואַנען נעמסטו עס אַז דאָס איז מעזניצאווס וואַלד ?

— וואָס הייסט פון וואַנען ? איך האָב אים דערקענט ! ווי זאָגסטו דאָרט ? „דער . . . מאַכיקער דעמב . . . ״

— דער קנאַכיקער דעמב, — האָב איך אים פאַרריכט.

— קנאַכיקער, זאָגסטו ? אויפן דעמב איז אונטן געווען אַ סך מאָך, סיי ווי זייער אַן אַלטער דעמב, אָט שטייט ער מיר איצט פאַר די אויגן, און „די שטעכיקע סאָסנעס . . . ״ געדיינקסט, מיר זיינען געגאַנגען קלייבן שישקעס, דו האָסט זיך אויסגעטון באָרוועס און האָסט זיך פאַר־שטאָכן אַ פוס, און איך האָב אַרויסגעשלעפּט די נאָדל ?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב זיך דערמאָנט אַז איך בין געגאַנגען מיט גאָדלען קלייבן שישקעס, און איך האָב זיך דערוואוסט, טאַקע ערשט דאַן, אַז דער וואַלד וואָס איך האָב באשריבן איז געווען מעזניצאווס, און די סאָסנעס, וואָס איך האָב לכתחילה באַצייכנט „שטאָל־טיקע״, אויסגעמעקט, און געשריבן „שטעכיקע״, איז עס געווען דערפאַר ווייל איך האָב זיך פאַרשטאָכן אַ פוס. גאָדל האָט מיר דאַן געגעבן ניט נאָר אַן אויפריכטיקע רעצענזיע אויף מיינע לידער, ער האָט מיר גע־געבן אַ לעקציע אין פּסיכאָלאָגיע. ער איז אַוועקגעגאַנגען, בין איך געליגן און געטראַכט : גאָדל איז אויסגעוואַקסן זיין פולן וואוקס אין טשאַרנאָסטאַוו און מער נישט געוואַקסן, אַריינגענומען טשאַרנאָסטאַוו

אין מוח, אַריינגענומען כדבעי, און פֿאַרמאַכט, מער גייט גאָרניט אַריין, דערפֿאַר אָבער ווען עס קומט צו טשאַרנאַסטאַוו, איז אַן עפֿן געטון דאָס „קעסטעלע" און ס'איז דאָ. אַלץ הייסט דאָ! איך, ווידער, האָב אויך אַריינגעלייגט טשאַרנאַסטאַוו אין „קעסטעלע" — אַ ברירה האָב איך געהאַט? אָבער עס ניט פֿאַרמאַכט, אַנגעשטאָפּט אַהין אַזוי פֿיל אַנדערע זאַכן אַז צו טשאַרנאַסטאַוו איז גאָר ניט צוצוקומען, ערשט ווען גאָדל איז געקומען, אַ ריע געטון דאָרט, האָב איך זיך שוין אויך דאַביוועט צו אַ שטיקל טשאַרנאַסטאַוו.

איז עס געווען טשיקאַווע, זאָגן אָבער אַז איך בין געווען שטאַרק צופֿרידן דערפֿון האָב איך ניט געקענט. ביז איך בין נאָך געווען אַ חולה, געלעגן אין בעט, איז מע! גאָדל האָט גערעדט, איך האָב געהערט, אַמאָל מיט אַ גאַנצן, אַמאָל מיט אַ האַלבן אויער, ווען איך בין שוין אָבער אַרויס פֿון דער קרענק, גענומען צוביסלעך אַרומגיין און גאָדל איז נאָך אַלץ געקומען און ווידער גערעדט וועגן טשאַרנאַסטאַוו איז מיר דער עסק שוין געוואָרן דערווידער. כ'מיין, וויפֿל איז דער שיעור? קרעפּלעך עסן ווערט דאָך אויך נמאס, אָבער גיי מאַך אַז גאָדל רעדט פּאָרט וועגן טשאַרנאַסטאַוו.

איך האָב געהאַט אַן אָנונג אַז גאָדלען אַליין איז שוין אויך ניט געגאַנגען אַזוי אין טשאַרנאַסטאַוו, אים איז געגאַנגען אין מ י ר. מיינע לידער האָט ער טאַקע ניט פֿאַרשטאַנען און אַ לידער שרייבער, ווען עס קומט צו אַזעלכע ענינים ווי מאַכן געלט, צי אַפֿילו מאַכן אַ לעבן, איז אַ ייד אַ בטלן, אַ מלמד, אַ . . . טויגענישט, עס איז אָבער פּאָרט אַן אַנדער בריאה, פֿאַר אים בין איך געווען בוזי משה אהרונס מיט נאָך עפּעס . . . און מיט אָט דער בריאה האָט ער קיין אַנדער באַרירונג פּונקט ניט געהאַט חוץ טשאַרנאַסטאַוו. געפּרוּווט מיט אים אַ רעד טון וועגן זיינע זאַכן, זיין פּרנסה, האָט ער מיר אין איין מאָל אויסגעלייגט די גאַנצע תורה, און זאת התורה, מער ניט געווען וואָס צו ריידן, און ריידן האָט זיך געוואָלט, ריידן, זיך חברן כקדם. איך בין שוין אַרומ־געגאַנגען, געווען געזונט, האָט ער מיך פֿאַרבעטן צו זיך אויף אַ מאָלצייט, אַ שבת. שבת פֿאָרט ער ניט אַרום. אַז ביי מיר האָט ניט געפּלאַצט דער בויך פֿון יענעם מאָלצייט בין איך אַן אייזערנער. זיין צילי־ציפּע, ווען זי קען מיר אַריינשטאָפּן דעם גאַנצן אויוון וואָלט זי אים אַריינגעשטאָפּט און נאָך מיטגעגעבן אַ קליין אויוועלע אַהיים. ביידע וואוילע מענטשן, האָבן געמיינט גוט, אָבער אויף אַ ז י י ד ן שטריקל איז עס אַזוי

אנגענעם צו הײנגען? זײנע װיזיטן, ניט אַזױ אָפט װי פֿריער, זײַנען מיר געפֿאַלן אַזױ שװער, אַז איך האָב גענומען טראַכטן װעגן עוקר זײַן, זיך אַרױסקלײַבן אין אַן אַנדער געגנט, אפֿשר גאָר אַװעקפֿאָרן פֿון שטאָט, פֿון גאָדלען, פֿון טשאַרנאַסטאַװ. נו יאָ, ער האָט מיר געראַטעװעט דאָס לעבן, אָבער מישטײנס געזאָגט, װיפֿל האָט עס די װערט מײַן לעבן? אַ דרײַער? נאָדיר אַ דרײַער און לאָז מיך צורו. אָבער זאָגן אים: גײ דיר! האָב איך ניט געקענט, אַ מענטש האָט דיר אַ טובה געטון, געראַטעװעט דאָס לעבן, איז דאָך ניט שײַך, צוגעבונדן, צוגעשמידט.

איך װײס ניט װאָס עס װאָלט געװען, צי װאָלט איך אױסגעהאַלטן ייִדישקײט, אים ניט באַלײדיקט, איך האָב עס באין אופֿן ניט געװאָלט, מײַן געדולד איז שױן אָבער געװען אַזױ אָנגעשפּאַנט אַז אַ ליאַדע װאָס װאָלט עס געפּלאַצט. איך האָב נאָר דערהערט זײַן „ע—פּאַל, אכאַנזשעס״, האָבן מיר שױן גענומען ציטערן הענט און פֿיס, און אָט װי איך האָב געציטערט דערפֿאַר, בין איך שױן געליגן און געװאַרט, איר הערט? איך האָב שױן געװאַרט אױף אים, זאָל ער שױן קומען, זאָל ער שױן זײַן, אַבי איבערקומען. ליג איך אַזױ אײן טאָג און װאַרט אױפֿן ע—פּאַל, ערשט ניטאָ. אײן טאָג, צװײ — ניטאָ. װערט מיר שױן דער ענין אַ ביסל קשה. אפֿשר דער אױטאָ צעבראָכן, עפּעס ניט געזונט, ניט מער װי אַ מענטש. אין אַ װאָך אַרום, איך הער עפּעס אַן „ע—פּאַל״, די שטימע ניט גאָדלס, אָבער עפּעס באַקאַנט. גײ איך שױן אַרױס אין דרױסן אַ קוק טון, ערשט איך זע — ציפּע, זײַן װײַב, טרײַבט עס דעם אױטאָ. מאַך איך שױן אַ טראָט צו איר, שטעלט זי זיך אָפּ און דערצײלט מיר: זשאָרזש ליגט שױן אַ װאָך צײַט. לכתחילה זיך אַװעקגעלײגט מיט אַ לײַכטער פֿאַרקילונג, איז ער אָפּגעליגן דרײַ טעג, מער האָט זי אים שױן ניט געקענט אײַנהאַלטן אין בעט, און ער איז אַרױסגעפֿאָרן, נו, האָט ער זיך נאָך ערגער פֿאַרקילט, איצט ליגט ער שטאַרק קראַנק. גערופֿן אַ דאָקטאָר, האָט ער געהײסן אים נעמען אין שפּיטאָל. װײַל ער ניט גײן. די עלטערע טאָכטער קומט צוגײן אױף אַ פּאָר שעה, זי אַלײן גיט אױך אַכטונג אױף אים, אָבער זי מוז דאָך אַרױספֿאָרן, װײַל ניט פֿאַרלירן די קונים. מאָלטיך ניט אַלע קונים קען זי באַזאָרגן, אָט אױף דעם באַרג איז זי ניט געפֿאָרן, האָט ער איר אָבער אָנגעזאָגט זי זאָל למען השם אַרױפֿפֿאָרן, בוזי דאַרף מסתּם עפּעס האָבן און ער׳ט איבערטראַכטן אױך.

— טאָקע שױן איבערגעטראַכט . . .

— איז זי אַרױפֿגעפֿאָרן, און אַז זי איז שױן דאָ, װאָלט זי זײער

געוואָלט אים עפּעס בעטן. — דאָ האָט זי אָנגעשטעלט אויף מיר אירע צוויי בלויע אויגן, — איך זאָל אַריבערגיין צו זשארזשן, אַ רעד טון מיט אים מכּוח גיין אין שפּיטאָל, מיך וועט ער פאָלגן.

— אוודאי, אוודאי! איך קאָן שוין פאָרן, טאַקע גלייך מיט אייך.

— זי דאַרף זיך נאָך אָפּשטעלן אין אַ פּאָר פּלעצער, און היינט . . . היינט . . . בעסער מאָרגן. מאָרגן אינדערפרי, זי פאָרט אַרויס, איידער די טאַכטער קומט, ער בלייבט אַליין . . .

מאָרגן, גלייך אינדערפרי האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צו מיין גאָדלען. ער האָט מיך דערזען, איז ער שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. אָט אָט, ווישט ער אָפּ פאַר מיר אַ ביינקל צום זעצן זיך, אָדער ער בעט גאָר אויס פאַר מיר די בעט א י ך זאָל זיך לייגן. אַניט איז ער קראַנק? כ׳וויים סע שטעכט אים דאָרט עפּעס אין אַ זייט און אַ הוסט האָט זיך זאַנאַדיעט, קען פון אים נישט פּטור ווערן. דער הוסט דערגייט אים די יאָר. ס׳הייסט ווען ער קען הוסטן וואָלט שוין געווען גוט, אָט דאָ אַ ליגט עפּעס אַ קנויל אַ גאַנצער, ווען ער קען אים אַרויסרייסן, איז אָבער אַז ער טוט אַ הוסט גיט אים אַזאַ שטאָך אין זייט . . . ער האָט זיך צעהוסט, זיך געכאַפּט פאַר דער זייט, און ווען עס האָט אים אָפּ־געלאָזט, האָט ער, מיט אַ „אוי", אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן.

ליגט אַ חולה, ווי קראַנק ער זאָל ניט זיין, קוים ליגט ער מיט אָפענע אויגן, איז ער אַ מענטש, אַ קראַנקער מענטש, אָבער אַ מענטש, מאַכט ער צו די אויגן, ניט ער ווערט אַנשלאָפן, נאָר מאַכט זיי צו און ליגט אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אַ פרעמדער מענטש זיצט דערביי, דערזעט ער גלייך אַ בר מינן. מע זאָגט אַמאָל: אַ מת זעט אויס שענער פון אים. גאָדל מיט די פאַרמאַכטע אויגן איז ניט געליגן אין בעט ביי זיך אין דערהיים, נאָר אין אָרון, אין בית הקברות, און איך האָב „גע־האַלטן וואַך". מיר איז געוואָרן אומהיימליך, איך האָב זיך גענומען דרייען, און ווען ער האָט אַן עפן געטון די אויגן האָב איך גלייך גענומען ריידן, ניט אַזוי צוליב די רייד, נאָר ער זאָל ווידער ניט פאַרמאַכן די אויגן. — וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— דער דאָקטאָר! — האָט גאָדל אַוועקגעמאַכט דעם דאָקטאָר מיט דער האַנט. — האָסט׳אַך געהאָט אַ דאָקטאָר, געדיינקסטו? שפּיטאָל! געמעגט שווערן אין שפּיטאָל שטאַרבט מען נישט. האָב איך נאָך אַ פּאָר יאָר צום לעבן, וועל איך דאָ אויך געזונט ווערן, אַלאַ מיר איז,

חס ושלום, באַשערט צו שטאַרבן, טאָ לאָמיך כאָטש שטאַרבן אויף מיין בעט, ביי מיר אין שטוב. ציפע . . . זי אויך — שפּיטאָל און שפּיטאָל. איר פּאָלט עס טאָקע נעבעך זייער שווער. אַרויספּאָרן מוז זי, די פּאָר סענט וואָלט איך שוין מוחל געווען, עס ווילט זיך אָבער נישט פֿאַר־לירן די קונים, די אַנדערע פּעדלער זיינען גערן אַז זיי קענען אַרויסרייסן דעם ביסן פון מויל, היינט די שטוב. האָסט באַדאַרפט זען, זי האָט נעכטן געערדט מיט דיר זאָלסט קומען, נו נו, פרעג שוין נישט, ממש איבער־געקערט די שטוב.

— גאָר אַזוי?

— איין קלייניקייט! פאַר דיר וועט זי ניט אַוועקגעבן אַ זאַק באַרשטש. געווישט און געוואַשן, געמעגט שווערן זי האָט שוין כ׳ווייס ווי לאַנג ניט געראַמט, בסך הכל איז די שטוב ריין ווי אַ שפּיגל, אַ זעל־טענע באַלעבאָסטע, אַ ציכט, זי זאָל מיר נאָר זיין געזונט און שטאַרק, וואָס זי צעטוט, וואָס זי צעאַרבעט, און דאָ דאַרף זי נאָך אַרומגיין אַרום מיר, צופּיל! ניט פאַר אירע כוחות!

— און די טאָכטער?

— די טאָכטער? קומט אויף אַ שעה, צוויי. וואָס קען זי טון? האָט פיר פּיצלעך קינדער. דיר זאָגן דעם אמת, איך וויל גאָרניט זי זאָל קומען, קינדער, ווייסט׳אָך . . .

דאָס ריידן איז שוין געווען פאַר אים צופּיל, האָט ער ווידער אַ לייג געטון דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן. אויפן שטערן האָט זיך געזען שוויס.

— אפשר דיך אַרומווישן? מיט אַ שוואָם. אַלקאָהאָל איז דאָ?

— אַלקאָ—האָל? — האָט ער אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — וואָס׳טו זיך עסקן? זי׳ט קומען . . .

— וואו שטייט דער אַלקאָהאָל?

— דאָרטן . . .

איך האָב אים אויפגעזעצט, אַרומגעוואַשן, אַרומגעווישט. אַ וואָרטס־פּרוי וואָלט, פאַרשטייט זיך, דאָס געטון אַ ביסל בעסער, גאָדל האָט אָבער, קענטיק, הנאה געהאַט דערפון און איך בין אויך געווען צופרידן; אַבי ער זאָל ניט ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— אַי, אַ געזונט אין דיינע הענט. מיך ממש דערקוויקט. דער אַלקאָהאָל פרישט אָפּ. ניטאָ קיין כוח. איך ווייס ניט, עפּעס גייען מיר אויס די כוחות, איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס, מיט אַמאָל דערפיל איך

— איך זינק, אַט אַזוי ווי דו הערסט, אַט אַט גיי איך אויס. ווילסט אַזוי גוט זיין ? דערלאַנג מיר אַ ביסל „אַראַנזש־זשוס", זי האָט דאָ אָנגעגרייט...

איך האָב אים דערלאַנגט זאַפט, אים געגעבן עסן, די טאָכטער איז געקומען, נאָכדעם איז שוין ציפּע אויך געקומען, זיך געוואָלט אויפהויבן, אַוועקגיין, האָבן זיי מיך באַין אופן ניט געלאָזט, אי ער אי זי, איך מוז עסן וועטשערע מיט זיי. בין איך שוין געבליבן. אַזוי איין טאָג, צוויי, דריי, איך בין געוואָרן אַ „נוירס". און דער פּאַציענט ? דער פּאַציענט, האָב איך געזען, האַלט שמאָל. דער דאָקטאָר האָט געטענהט — שפּיטאָל, ציפּע האָט גערעדט מיט אים, איינמאָל ניין! איז זי צוגעשטאַנען צו מיר : רעדט איר מיט אים, אייך וועט ער פאָלגן. האָב איך אַ רעד געטון. ער האָט מיך אויסגעהערט, געקוקט אויף מיר, זיין מויל, האָב איך געזען, האָט זיך אַ קרום געטון.

— ד ו האָסט אין שפּיטאָל נ י ט געוואָלט גיין. גיי! איך דאַרף דיך נישט האָבן. אויסקומען אָן דיר.

אַט ווי ער וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ דאָבניע איבערן קאָפּ. ניין, אַ פּאַטש אין פּנים, און אפשר נאָך ערגער, ווי גייט דאָס ווערטל : אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט. איך האָב, ווי זאָגט מען עס, אָפּ־געווישט די ליפּן און געשוויגן, ווייל . . . ווייל ער האָט געטראָפן אין ריכטיקן פּונקט. ער האָט דערשמעקט. דוכט זיך גוט ? ער האָט אַכטונג געגעבן אויף מיר, איצט גיב איך אַכטונג אויף אים, דער חילוק איז אָבער געווען דער, וואָס ער האָט אַכטונג געגעבן ווייל ער האָט ג ע ־ ו ו אָ ל ט עס טון, ער האָט ממש הנאה געהאַט דערפון, איך בין אָפּ־געקומען אַ חוב, און עס איז געווען פאַר מיר אַן אָפּקומעניש, דערפאַר האָב איך עס געוואָלט ער זאָל גיין אין שפּיטאָל. צי אים וואָלט בעסער געוואָרן ווייס איך ניט, מיר וואָלט אָבער זיכער געוואָרן גרינגער.

מער האָט ער צו מיר ניט גערעדט. געקומען אויף מאָרגן איז ער שוין געווען אין אַ קאָמאַ, און אין צוויי טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. די לוויה איז געווען אין אַ זונטיק. זיך געישובט — גיין צו דער לוויה אָדער ניט ? דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געוואָלט גיין, איך בין אָבער יאָ געגאַנגען, אפשר צוליב איר, ציפּען, אַ וואוילע יידענע. איך קום צוגיין — גאַנץ טשאַרנאַסטאַוו ! מענטשן, וואָס איך האָב ניט געזען יאָרן, זיי פאַרגעסן, אָדער גאָר ניט געקענט, זיי מיך — יאָ, ניט נאָר האָבן זיי מיך געקענט פון טשאַרנאַסטאַוו, זיי האָבן געוואוסט וועגן מיר דאָ — אַ דיכטער. ס׳הייסט, וואָס ער „דיכטעט" דאָרט פרעג זיי בחרם,

זיי קענען זיך באַגיין אָן „סאָנגס", נאָר אַז אַ מענטש פֿורקעט זיך דאָרט אין די שוואַרצע פֿינטעלעך איז ער פֿאַרט עפּעס . . . האָט דער אַרייַנגעשטעקט אַ האַנט, דער האָט דערלאַנגט אַ ברייטן שלום עליכם, אַ נס וואָס ס'איז פֿאַרט אַ לוויה, האָט מען עס געמאַכט, אַזוי צו זאָגן, בלחש און בקיצור, נאָר וואָס דען, ס'איז דאָך אַ לוויה, לכן דאַרף איך זאָגן עטלעכע ווערטער, האַלטן אַ דרשה.

— איך? ניט קיין רב, ניט קיין חזן, קיין בעל דרשן אודאי ניט, דאָ אַ רב, אַ חזן, מאַכן אַ מלא, אַ הספּד, געגנוג.

— קדיש, אַ מלא, אַ הספּד, דאָס פֿאַרשטייט זיך, אָבער דאָס איז, ווי זאָגט מען עס, קאַזיאָנגע, אַ לאַנדסמאַן, אַ פּאַ—יעט — אָט אַזוי ווי איר הערט, אַ פּאַ—יעט — דאַרף זאָגן אַ פּאָר ווערטער, דאָס ניט טון וועט זיין אַ בזיון פֿאַרן מת.

מילא וואָס טויג אייך מעשׂות, איך האָב זיך נישט געקענט אַרויסדרייען. וואָס איך האָב דאָרטן געזאָגט, ניט איך געדיינק, ניט עס איז וויכטיק, איך געדיינק יאָ, אַז ווען איך בין געקומען אַהיים, זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין בעטל, האָב איך געפֿילט ווי הענט און פֿיס גייען מיר אָפּ, מיר איז געוואָרן גרינגער, דער ריינער אמת — איך האָב געזאָגט: ברוך שפּטרני.

איך וויל איר זאָלט מיך פֿאַרשטיין. וואָס „יענקי־גאָדל" דער פּעדלער, ציפּעס מאַן, אַ טאַטע פֿון דריי טעכטער, אַ זיידע פֿון פֿיר אייניקלעך, איז געשטאָרבן, האָט מיך פֿאַרדראָסן. וואָס איז דער שׂכל פֿון נעמען און אַוועקשטאַרבן? נאָך ניט געווען קיין אַלטער מאַן, דוכט זיך נאָך מיט אַ פּאָר חדשים יונגער פֿון מיר, האָט נאָך געקענט לעבן און לעבן, נאָר וואָס גאָדל יונה דעם באַנדערס, גאָדל מיין לאַנדסמאַן פֿון טשאַרנאָסטאַוו, און דער עיקר, גאָדל מיין בעל טובהניק, וואָס ע ר איז געשטאָרבן, האָט מיר . . . נו, ניט הנאה געטון, נאָר, ווי זאָל איך אייך זאָגן, איך בין געווען צופֿרידן וואָס ער האָט שׂכל געהאַט דאָס צו טון, ווען ער שטאַרבט ניט וואָלט איך שוין געווען צוגעבונדן צו אים מיין גאַנצן לעבן, איך און גאָדל — געשמידט מיט איין פּאָר האַנט־קייטלעך. אַזוי, איז אויס גאָדל! איך בין אים גאָרניט שולדיק, און אויב אפֿילו יאָ, איז לא המתים יהללו יה, וואַרגן מיך וועט ער ניט קומען. אויס בעל חוב! דערפֿאַר האָב איך אייך געזאָגט — בעסער טון טובות איידער האָבן חובות. ניין, איך וויל קיינעם גאָרניט שולדיק זיין! — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַז דאָס זיילעכל אַש האָט זיך אָפּגעטיילט פֿונם ציגאַרעט

און אַ פּאַל געטון צו מאַרגאַלינען אויף זיינע הויזן, ביים קנייטש פון דער דיך. — אַנטשולדיקט! — האָט חסיד זיך אַ כאַפּ געטון.

מאַרגאַלין האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטרייסלט דאָס אַש פון די הויזן. — ס'איז גאָרניט, — האָט ער פאַרלעגן אַ זאָג געטון און אַ קוק געטון אויף חסידן מיט אַ צעקנייטשטן שמייכל. חסיד איז אויך אויפגעשטאַנען, האָט, דוכט זיך, געקוקט אויף מאַרגאַלינען, אין זיינע אויגן איז אָבער ניט געווען קיין סימן אַז זיי האָבן אויפגענומען מאַרגאַלינס שמייכל, זיי האָבן געקוקט ניכטער, שטריינג: ווער ביסטו? וואָס טוסטו דאָ? און וואָס האָב איך דאָ גערעדט צו דיר? גיי דיר! פאַרשווינד!

— נו, איך גלויב, איכ'ל גיין. זייט מיר געזונט, — האָט מאַרגאַלין אַ זאָג געטון און ניט דערלאַנגט די האַנט ווי ער האָט עס געוויינלעך געטון. ער האָט אַ נעם געטון די היטל. די היטל האָט געגרייכט צום פּלאַץ אויף די הויזן וואו דאָס ביסל אַש האָט זיך צעשאָטן, האָט ער אַ וויש געטון דעם ראַנד, אַ קוק געטון אויף די הויזן און זיך געלאָזט אַרויסגיין.

— אַ גוטן, — האָט חסיד צוגעוואָרפן, אַט ווי מ'וואָרפט אַרויס אַן אַלטן טראַנספער וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין קעשענע.

זיצנדיק שוין ביים רעדל, האָט מאַרגאַלין געהאַלטן דעם שליסל פון אויטאָמאָביל, אים ניט אַריינגעשטעקט . . . דער חסיד . . . מוז זיין אַ היפּשער בעל חוב. „בעסער טון טובות איידער האָבן חובות". דער אמתער בעל טובה . . . צווייפל זייער שטאַרק צי האָט ער ווען עס איז ווען אַ טובה געטון, זיכער איז אַז חובות, די בעלי חוב, האָט ער פיינט, ווען זיי שטאַרבן אַלע אויס וואָלט ער געווען צופרידן. טובות, חובות . . . ער וואָלט אים געקענט דערציילן פון מענטשן וואָס טוען טובות ניט דערוואַרטנדיק קיין דאַנק דערפאַר; ער וואָלט אים אויך געקענט דערציילן פון . . . מאַרגענשטערנען, וואָס איז געווען אַזוי דאַנקבאַר פאַר אַ טובה, און אויפריכטיק דאַנקבאַר, אַז עס איז פּשוט געווען שווער צו פאַרטראָגן זיין דאַנקבאַרקייט. וואו וואָלטן מענטשן אָנגעשפּאַרט אָן טובות און חובות? דאָס איז דאָך אַזוי מענטשלעך. אָבער וואָס וועט העלפן דאָס דערציילן? ניט קיין גוטער מענטש. ווייט פון אַ גוטן. אָבער אַ דיכטער אַ גוטער. און אפשר? לידער, זאָגט מען, זיינען דער שליסל צום דיכטער, אָבער נאָך ריכטיקער איז — דער דיכטער איז דער שליסל צו זיינע לידער. היינט, זיצנדיק ביי אים, אויסהערנדיק זיין מעשה, האָט אים די גאַנצע צייט געקלאַפּט אין קאָפּ — טערפּקע!

טערפקע באַרלעך, געשמאַק, אָבער די ציין ווערן היילִיק, איין באַרל, צוויי, מער דאַרף מען אויף איין מאָל ניט עסן, אַזוי ווי ער, אַזוי זיינע לידער. יאָ, אַ טערפּקער מענטש און, ווי שטייט דאָרט אין משלי: הקר רגליך מבית רעך, און ער קאָן גאָרניט זיין קיין חבר, קיין פריינט, ער האָט פיינט מענטשן. אַמאָל אין אַ יובל אַריינקומען איז געַנוג. יאָ, ער האָט געקראָגן דעם שליסל צו דעם חסיד . . .

מארגאלין האָט אַריינגעשטעקט, איבערגעדרייט דעם שליסל, אַ טראָט געטון אויף איין פּעדאל, אַ צווייטן, דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט — ווּעל שוין אַהער קיינמאָל מער ניט קומען! דו הערסט? די הענט האָבן געדרייט, געקירעוועט דאָס רעדל, איינגעשטילט: קיינ־מאָל איז אַ ביסעלע אַ צו לאַנג וואָרט, ווען ס׳ניט איז מעג מען פאַרזוכן אפילו אַ טערפקע באַרל, זיך מאַכן אַ צימעס דערפון? דאָך ניט מער ווי אַ מענטש . . .

אַרונטערגעפּאַלן

אין סטובענוויל, אָהייאָ, האָט מאַטעס גרינבערג קיין יידישן שרייבער ניט געזען. אגב, קיין גויאישן שרייבער אויך ניט. דאָס מיינט אָבער ניט אַז ער האָט ניט געקענט קיין יידישע שרייבער. מאַטעס גרינבערג איז ניט געבוירן געוואָרן אין סטובענוויל. ווען ער איז געווען אין קליוו־לאַנד, דער נאָענטסטער גרויסער שטאָט, האָט ער איין מאָל געזען שלום אַש, געהערט אים רעדן. אַ שיינער, שטאַלטנער מאַן, האָט אָבער גערעדט מיט אַזאַ פּוילישער אויסשפּראַך, אַז אים איז געווען שווער צו פֿאַר־שטיין. געקענט די שרייבער האָט אָבער מאַטעס גרינבערג פֿון זייערע ביכער. קיין סך ביכער האָט ער אפילו אין קליוולאַנד אויך ניט גע־לייענט. וויפֿל קען דאָס אַן ארבעטער לייענען ביכער? מ׳קומט פֿון דער אַרבעט מיד, פֿאַרמאַטערט, אמאָל וויל מען נאָך גיין אין אַ „מואווי״, אַ טעאַטער, פֿאַרברייניגען מיט אַ מיידל, אָבער אַ ביסל האָט ער געלייענט, געדיינקט דאָס געלייענטע, די נעמען פֿון די שרייבער, האָט זיך געשאַפֿן אַ פֿאָרשטעלונג ווי יעדער שרייבער זעט אויס.

ווען ער האָט זיך איבערגעקליבן קיין סטובענוויל, געעפֿנט דאָרט אַ גאַלאַנטעריי קרעמל, האָט ער אויפֿגעהערט צו לייענען יידישע ביכער. פֿון דעם טאָג אין קרעמל איז ער ניט געווען אַזוי מיד ווי נאָך אַ טאָג אַרבעט, קינאָס זיינען אין סטובענוויל בלויז געווען צוויי, מיט קיין מיידל האָט ער ניט באַדאַרפֿט אַרויסגיין, חתונה געהאַט, און גיין מיט אַן אייגענער ווייב אין קינאָ אָדער צוגאָסט מיינט ניט דאָס אייגענע וואָס אַרויסגיין מיט אַ מיידל, נעמט זיכער ווינציקער צייט. געווען צייט צום לייענען, אָבער סטובענוויל, אָהייאָ, איז ניט קיין פּלאַץ צו לייענען ביכער, יידישע נאָך דערצו. אין סטובענוויל יידישע ביכער! צייטונגען האָט ער אָבער יאָ געלייענט, און אויך אַ יידישע צייטונג. איין מאָל אַ יאָר איז געקומען דער אַגענט פֿון דער צייטונג, האָט צוגענומען די עטלעכע דאָלאַר און די צייטונג, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר ווי אַ מת אין תכריכים, איז יעדן טאָג אָנגעקומען, אמאָל צוויי צייטונגען מיט אַמאָל, און מאַטעס גרינבערג האָט געלייענט די צייטונג. ניט אין קראָם. אין

קראַם האָט עפּעס ניט געפּאַסט צו לייענען אַ יידישע צייטונג, כאָטש ער האָט געקענט אָפּזיצן שעהן לאַנג און ניט געהאַט וואָס צו טון, אָבער דאָרט לייענען אַ יידישע צייטונג האָט ער עפּעס געפילט אַז . . . אַז . . . מ׳דאַרף זיך ניט שטופּן מיט דער יידישקייט פון פּאָרנט. דערפאַר אָבער אין דערהיים האָט ער געלייענט די יידישע צייטונג, זי אויסגעלייענט פונם אָנהויב ביזן סוף, אפילו די אנאָנסן — אַן אויספּאַרקויף פון כשרע מאַנטלען אין ניו יאָרק . . . ניו יאָרק! אפילו מאַנטלען כשרע! שדכנים פירן צוזאַמען די ריכטיקע פּאַרטיעס, „אַ מאַן פון סטערלינג כאַראַקטער מיט אַ מיידל לויטער גאָלד, אַ ברילִיאַנטענער שידוך . . .״

אַ געטרייער לייענער געווען מאָטעס גרינבערג, אויף אַזוי ווייט געטריי, אַז ווען ער האָט איבערגעלייענט אַן אַרטיקל וואָס איז אים געפעלן געוואָרן האָט ער באַהאַלטן די צייטונג און, גייענדיק צו די סעברינס מיט אַ וויזיט, געגעבן מר. סעברינען די צייטונג ער זאָל עס אויך לייענען. מר. סעברין, אויך אַן אבאָנענט פון אַ יידישער צייטונג, נאָר אַן אַנדערער, האָט שוין געפונען אין ז י י ן צייטונג אַן אַרטיקל מכבד צו זיין מר. גרינבערג. האָט מאָטעס גרינבערג געלייענט דעם פאַרגעלייגטן אַרטיקל, אָבער עס האָט ניט געהאַט דעם טעם פון דעם אַרטיקל איז ז י י ן צייטונג. — זיין צייטונג. — האָט זיך מאָטעס איבערגענומען, — האָט די בעסטע יידישע שרייבער, ד ע ר, און ד ע ר, און דער . . . באַדאַרפט לייענען וואָס ד ע ר שרייבט! אַי שרייבט ער, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין! איך זאָג אייך, א מחיה צו לייענען, היינט וואו זיינען די זאַכן פון אָט דעם אַ . . . גיי ווייס אַז איציקל דעם שוחטס וועט ווערן אַ שרייבער. אַמעריקע!

— צי קען ער אים? קען אים! אין איין חדר געגאַנגען! צו שמואל אבא פּאַלירטשיק. אַזוי האָט מען אים גערופן, דעם מלמד, האָט ליב געהאַט פּאַלירטשיקעס, ניט נאָר פּסח, זיין ווייב האָט אים געמוזט מאַכן אַ פּאַלירטשיק יעדן פרייטיק. איז יאָ, ער מיט אָט דעם יצחק רעזניק, איציקל דעם שוחטס, זיינען ביידע געגאַנגען אין חדר צו דעם שמואל אבא פּאַלירטשיק, און אַז עס איז געקומען צו מעביר זיין די סדרה האָט ער געכאַפּט קלעפּ, דער איציקל, האָט דער שמואל אבא געדרייט אַ פּ—אַ—ז—ע—ר פאַר די אויערן דעם איציקל! אָדער דאַנערשטיק, ביים איבערזאָגן די פרשה חומש מיט רש״י. ער געדיינקט איין מאָל, מ׳האָט געלערנט די סדרה ויחי, אַ שווערע סדרה געווען, ווען עס איז געקומען צום ואני יעקב, ווען איך האָב געטון קומען פון פּדן

ארם, עפּעס האָט מען דאָרט באַדאַרפט אויסרעדן, קומט צום אויסרעדן, מיין איציקל איז געבליבן שטיין, פאַרגעסן. איך האָב געקענט די סדרה ווי אַ וואַסער, האָב איך געפּרואווט אונטערזאָגן, ערשט אַז דער שמואל אבא פּאַלירטשיק גיט אויף מיר אַ קוק: דו, דו! וואָס פּאַר אַ אונטערזאָגעכץ? ניט קראַנק אַליין צו זאָגן, אזא פאַרשטאָפּטער קאָפּ, אַ גראָבער גוי . . . טאַקע געהאט אַ טעמפּן קאָפּ. און גיי וויים, געוואָרן אַ שרייבער. אַמעריקע!

— זייט איר זיכער אַז דאָס איז דער זעלבער איציקל דעם שוחטס? אפשר איז דאָס גאָר אַן אַנדער איציק?

— צי ער איז זיכער?!

די געשיכטע מיטן פּ—אָ—ז—ע—ר און מיטן אונטערזאָגן ביים „אויסריידן" אין דער סדרה ויחי, ביים ואני יעקב, האָט מאַטעס גרינבערג אפשר ניט אַזוי פּינקטלעך איבערגעגעבן. אויב איציק רעזניק, איציקל דעם שוחטס, געדיינקט נאָך דעם שמואל אבא פּאַלירטשיק און די סדרה ויחי וואָלט ער אפשר געקענט דערציילן ווי אַזוי שמואל אבא האָט געדרייט אַ פּזר מאַטעסן, מאַטעס גוי, ווי מ'האָט אים גערופן, אָבער אַז יצחק רעזניק איז איציקל דעם שוחטס, דאָס האָט מאַטעס גרינבערג ניט אויסגעטראַכט, סתם אַזוי צוליב אויספּיינען זיך, ער ווייסט עס געננוי, שייך וויסן גענוי, ער האָט עס שוואַרץ אויף ווייס. איבערלייענענדיק אַן אַרטיקל פון אָט דעם יצחק רעזניק, האָט ער דאָרט באַגעגנט איין וואָרט וואָס ער האָט ניט געהערט זינט ער איז אַוועק פון זיין שטעטל און אים איז איינגעפאַלן אַז אָט דער שרייבער קומט טאַקע פון דאָרטן. וויפל מענטשן ער האָט ניט געפרעגט צי וויסן זיי וואָס אַזוינס איז אַ „פּאַרמיגע" האָבן זיי ניט געוואוסט, און ווען ער האָט זיי דערקלערט — דאָס איז אַ זייטיק אייוועלע אין וואַנט פון דעם אויוון, אַריינצושטעלן עפּעס עס זאָל האַלטן וואַרים, האָבן זיי געזאָגט: קיינמאָל ניט געהערט. דער יצחק רעזניק מוז זיין אַ קאָרעצער. האָט ער געגומען טראַכטן ווער אין קאָרעץ איז געווען יצחק רעזניק? יצחק, מילא נו, איציק חיים דודס, איציק ישראל מעמציס, אָבער רעזניק, רעזניק? וועמעס פאַמיליע איז געווען רעזניק? רעזניק? רעזניק. אַ שוחט, איציקל דעם שוחטס! ער האָט ממש דערזען פאַר זיך איציקל דעם שוחטס און ער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט אים אַז ער האָט גלייך געכאַפּט און אים אָנגעשריבן, טאַקע אויפן אַדרעס פון דער צייטונג, אַ בריוול און אָט איז דער ענטפער. זיגעריש דערלאַנגט ער דעם

בריוו וואָס איציקל דעם שוחטס, יצחק רעזניק, האָט אים צוגעשיקט און בעת מר. סעברין לייענט דעם בריוו, קוקט מאטעס גרינבערג אויף אים: נו, וואָס זאָגסטו? האָ? דער, צי ניט דער?

— יאָ, — גיט צו מר. סעברין, דערלאַנגענדיק דעם בריוו, און מאטעס גרינבערג לאָזט זיך אוועק צוריק אין קינדערלאַנד, דערציילט וועגן זיך, וועגן איציקל דעם שוחטס. איצט קומט שוין איציקל דעם שוחטס אַרויס מיט אַ שאַרף קעפּל, אַ ייִנגל אַ ממזר, אַ דורכגעטריבענער חברה מאַן, מר. סעברין באמערקט אָבער ניט דעם ווידעראנאנד, ער הערט מיט אַ האַלבן אויער, און ווען דער גראד היץ מיט וועלכן מאטעס דערציילט פאַלט אַ ביסל נידעריקער, רוקט סעברין אַריין: נו, וואָס איז מכוח אַ פינאקל? מאטעסעס קינדער יאָרן, איציקל דעם שוחטס, דער שרייבער יצחק רעזניק קריכן אַרונטער אונטערן קאַרטן טישל, ליגן דאָרט ווי אַ געהאַרכזאם הינטל, דרימלען, דערפאַר אָבער ווען מאטעס מיט דער ווייב גייען אַהיים, כאַפּט זיך דאָס הינטל אויף, גייט זיי נאָך. מאטעס גרינבערג האָט אפשר ניט אַזאַ גרויסע קראַם ווי מר. סעברין, כאָטש אויב עס וועט גיין נאָך אַ שטיקל צייט ווי עס גייט וועט ער דאָס אויך האָבן, דערפאַר אָבער איז מאטעס גרינבערג אויך ניט אַבי ווער, ער האָט אַ לאַנדסמאַן אַ שרייבער, זיינע לאַנדסלייט, ער . . .

פון זיין לאַנדסמאַן האָט ער שוין מער דירעקט ניט געהערט. אים געשריבן נאָך אַ בריוו אָבער קיין ענטפער ניט געקראָגן, אומדירעקט, דורך דער צייטונג, געהערט, געזען, געלייענט די אַרטיקלען. אמת, די אַרטיקלען זיינען אים שוין ניט אַזוי געפעלן געוואָרן, אָבער, צוריק גערעדט, ער האָט שוין מער גאָרניט וואָס צו טון, איציקל, ווי זיצן און שרייבן בריוו צו זיינע לאַנדסלייט? נו טאַקע. אַ שרייבער האָט גענוג צו שרייבן אָן בריוו. מר. סעברינען האָט ער שוין מער ניט דערמאָנט וועגן „זיין" שרייבער, ער ווייסט דערפון — גענוג.

מאַכט זיך, איין טאָג קומט אים אָן אַ בריוו, טאַקע פון דעם יצחק רעזניק. היות ער האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן אַ בוך, אַ בוך לידער, שיקט ער אים אַ בוך אַ מתנה אין אָנדיינק פון קינדערישער חברשאַפט, דערביי שיקט ער אים נאָך פינף ביכער פאַר נאָך פינף יידן אין סטר־בענוויל, זאָלן זיי אויך לייענען אַ יידיש וואָרט. דער פּרייז פון בוך איז צוויי דאָלאַר און ער בעט אים, באַלד ווי ער וועט פאַרקויפן די פינף ביכער, זאָל ער אים צושיקן די צען דאָלאַר, ווייל דעם דרוקער האָט

ער שוין אפילו באַצאָלט, אָבער דעם איינבינדער קומט נאָך געלט. מיט דער צווייטער פּאָסט איז אָנגעקומען דאָס פּעקל ביכער.

מאטעס גרינבערג האָט קודם געכאַפּט דאָס בוך מיטן אויפשריפט: מיין חבר פון די קינדער יאָרן, מאטעס גרינבערג, אַ מתנה. יצחק רעזניק — איציקל דעם שוחטס.

מאטעס האָט אַ פּיר געטון מיט דער האַנט איבערן בלעטל, באַטראַכט דעם אויפשריפט. אויסגעשריבן אַ שיינע האַנט! נאָכדעם האָט ער באטראכט דעם איינבונד. פיין געבונדן! ערשט נאָכדעם גענומען אַריינקוקן אין בוך, לייענען די לידער.

די לידער „צו מיין שטעטל" האָט ער נאָך פאַרשטאַנען, הנאה געהאָט פון זיי. אַי גוט! טאַקע, טאַקע. ווי ער געדיינקט דאָס אַלץ! ווען עס איז אָבער געקומען צו אַנדערע לידער האָט ער דערפילט אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט מחזור, אָן קוצץ. די ווערטער פאַרשטייט ער יאָ, יידיש, ווער פאַרשטייט עס ניט? אָבער עפּעס . . . פונדעסטוועגן די פינף ביכער דאַרף מען פאַרקויפן, כאָטש ווען ער קען דאָ אין סטובענוויל פאַרקויפן פינף יידישע ביכער, אסור אויב ער ווייסט. דאָ מער ווי פינף יידן, אין בני ברית לאדזש דאָ אַ פופצן יידן, אָבער . . . פּרוּאוון צוערשט סעברינען.

גייענדיק צו סעברינען מיט אַ וויזיט, האָט ער איינגעפּאַקט אַ בוך, אַ פיין פּעקל — וויס פּאַפּיר מיט אַ דין רויט שנירל — ביי אַ געלעגנהייט וועט ער עס דערלאַנגען. די געלעגנהייט האָט זיך גלייך געמאַכט. צונעמענדיק ביי אים דעם מאַנטל, האָט מר. סעברין אויך געוואָלט נעמען דאָס פּעקל אָוועקלייגן. האָט מאטעס גרינבערג אַ שמייכל געטון: דאָס איז פאַר אייך. אַ בוך. מיין לאַנדסמאַנס אַ בוך. — ער האָט גלייך אויפגעבונדן דאָס שנירל, ארויסגענומען דאָס בוך, דערלאַנגט סעברינען.

— דאָס האָט ער אייך צוגעשיקט?

— מ י ר האָט ער צוגעשיקט אַ בוך מיט אַן אויפשריפט, דאָס האָט ער געשיקט נאָך אַ פּאָר ביכער פאַר די סטובענווילער יידן.

— מער פעלט שוין ניט די סטובענווילער יידן ווי נאָר ביכער, יידישע ביכער. — מר. סעברין האָט אַ בלעטער געטון. — נאָך לידער דערצו.

— נעמט אַ בוך.

— וואָס וועל איך טון דערמיט?

— וואָס איר׳ט טון, אַריינקוקן אַמאָל.

— וויפל קאָסט עס? — האָט סעברין אַ פרעג געטון, דערביי אַ לייג געטון דאָס ביכל אויפן טיש. דער קלאַנג פון דעם בוך אָן טיש, דער טאָן פון סעברינס „וויפל קאָסט עס?" האָט געזאָגט: וויפל ווילסטו אויסצאַפּן ביי מיר? נאָך געקומען צו מיר צו גאַסט!

— וויפל עס קאָסט? — האָט מאטעס איבערגעפרעגט, — עס קאָסט גאָרניט, נעמט עס.

— אָלרייט, — האָט מר. סעברין אַ זאָג געטון, גענומען דאָס בוך פון טיש, אַ טראַכט געטון וואו פאַררוקט מען עס און, ניט געפינענדיק גלייך קיין פּאַסיקן פּלאַץ, עס צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אַרויסגעזאָגט אַ דאַנק ווי ער באַדאַנקט אַ פרוי וואָס קומט אַריין גאַנץ פרי אין קראָם צעבייטן אַ פינפערל.

מאטעס גרינבערג האָט שוין מער קיינעם ניט פאַרגעלייגט קיין בוך. ער האָט פונדעסטוועגן אויסגעפילט אַ טשעק אויף צען דאָלאַר, אָנגעשריבן אַ וואַרים בריוול און אַוועקגעשיקט צו זיין לאַנדסמאַן דעם שרייבער, דאָס מאָל שוין אויף אַ היימישן אדרעס וואָס איציקל האָט אים טאקע צוגעשיקט.

עס האָט ניט גענומען קיין צוויי וואָכן און אים איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַ וואַרימער בריוו, אין וועלכן ער האָט אים הארציק באַדאַנקט פאַר דער גוטער מיינונג וועגן דעם בוך ווי אויך פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַרקויפט די פינף ביכער, דאָס איז ניט נאָר אַ טובה פאַר אים, נאָר אויך פאַרן יידישן בוך אין אַלגעמיין, וואָס האָט ניט קיין קויפער, טיילוויז דערפאַר ווייל עס זיינען ניטאָ קיין פאַרקויפער, און אזוי ווי ער האָט באוויזן אין אַזאַ קורצער צייט צו פאַרקויפן די פינף ביכער, שיקט ער אים איצט נאָך פינף און ער האָפט אַז ער וועט אויך די פאַרקויפן.

— עה, בחור, דאָס איז שוין צופיל! וואָס דיינקט ער, איז ער, אַ פריץ? — אָנגעקומען דאָס פּעקל ביכער, האָט ער עס אפילו ניט געעפנט, פאַררוקט עס אין אַ ווינקל און ער האָט שוין ניט געענטפערט אויפן בריוו.

דאָס פּעקל ביכער האָט קיין עסן ניט געמאָנט, פאַררוקט אין אַ ווינקל, האָט עס אויך ניט געמוליעט די אויגן, יעדעס מאָל אָבער וואָס ער האָט אָן עפּן געטון די צייטונג און געזען דעם נאָמען יצחק רעזניק איז דאָס פּעקל אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן, ווי אַ סגולה דאָס פּעקל זאָל פאַרשווינדן האָט ער ניט געלייענט דעם ארטיקל. דאָס האָט אַ ביסל

געהאָלפן, אָבער דאָס פּעקל ביכער — אַ פּיפּקעלע ערגעץ אויף דער ליטקע, אַזוי גייט עס ווינציק וואָס אָן, נאָר אַז מ׳נעמט אַ באָד, מ׳דערזעט עס, ווילט זיך עס אָפּרייסן, כאָטש ווי טון טוט עס ניט ווי.

אויף יעדער זאַך קומט אַ צייט, און אויך אויף מאטעס גרינבערגס פּיפּקעלע איז געקומען די צייט. מאטעס גרינבערג האָט באַדאַרפט פאָרן קיין ניו יאָרק, פאָרן צוליב געשעפט. מ׳קען ניט זאָגן ער האָט געמוזט פאָרן. העמדער, שניפּסן, אַנדערע אַרטיקלען האָט ער מייסטנס געקראָגן טאַקע פון ניו יאָרק, אָבער צוליב דעם האָט ער ניט געדאַרפט פאָרן. פאַרקויפער קומען, ווייזן מוסטערן, מ׳שיקט צו וויפל מ׳וויל נאָר, אַבי געלט. מאטעס פאַרווירקלעכט זיין פּלאַן, פאַרגרעסערט זיין קראָם, דאַרף ער אַריינבעמען פאַרטיקע גאַרניטורס, מענערשע, און אויך פרויען קליי־דער. דאָס וואָלטן די פאַרקויפער אויך געקענט צושטעלן, אָבער דאָס ערשטע מאָל איז בעסער אַז מ׳פאָרט אַליין, מ׳זעט סחורה אין פאַר־שיידענע פּלעצער. אגב, זיין אין ניו יאָרק. אָט דער אגב — אַ זייטיקע זאַך, אַ טראָפּעלע זאַפרען, אָבער די חלה האָט שוין אַן אַנדער קאָליר, אַן אַנדער טעם. אַ מענטש איז שוין אַזוי פיל יאָרן אין אַמעריקע און ניט געווען אין ניו יאָרק, אפילו אָנגעקומען ניט אין ניו יאָרק, נאָר אין באָסטאָן. און ניו יאָרק, איין קלייניקייט, ניו יאָרק! ער האָט אפילו דאָרטן קיינעם . . . וואָס הייסט קיינעם? און יצחק רעזניק, איציקל דעם שוחטס! דאָס פּעקל . . . דאָס פּעקל ביכער . . . ניט געענטפערט אויפן לעצטן בריוו.

האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו. ניט גע־ענטפערט אויפן לעצטן בריוו ווייל ער האָט זיך אַלץ געקליבן קומען קיין ניו יאָרק, אָבער זיך ניט אויסגעקליבן. דערפאַר אָבער איצט פאָרט ער אויף זיכער. ער׳ט אים טעלעגראַפירן ווען ער קומט אָן און בעט אים טאַקע ער זאָל אים באַגעגענען ביים באַן ווייל ער איז דאָך אַ „גרינער״ אין ניו יאָרק.

ביים באַן האָט אים יצחק רעזניק ניט באַגעגנט. אַ פאַרווירטער האָט מאטעס געקוקט, געזוכט מיט די אויגן, אפשר וועט ער דאָך זיך באַווייזן, אים אַרויסראַטעווען פון אָט דעם קעסל, פון אָט די פאָרטערס וואָס ווילן רק אים העלפן טראָגן זיין רענצל, וואָס וועגט אפשר אַ לויט. אפשר איז ער דאָ, נאָר ער דערקענט אים ניט? פאַרפאַלן. באַשלאָסן אַז ניטאָ איציקל, האָט ער זיך דערמאָנט אינם געשעפטס כלל — דער דאָלאַר איז דער בעסטער פריינט, אַ פאָרטער, אַ טעקסי, אַ האָטעל —

דאָס אַלעס מיינט דאָך בלויז דאָלאַרן, און דאָס האָט ער גאָט צו דאַנקען. אין האָטעל האָט ער פונדעסטוועגן דאָס ערשטע גענומען זוכן אין טעלעפאָן בוך רעזניק, יצחק רעזניק. דאָ אַ סך רעזניקס, י. רעזניקס אויך, אָבער ווער פון זיי איז יצחק רעזניק, איציקל דעם שוחטס? שאַ! ער קען דאָך אָנקלינגען אין רעדאַקציע! ער האָט אַליין אָנגעקוואָלן פון זיין איינפאַל. פון רעדאַקציע האָט אַ מיידלשע שטימע געענטפערט אַז מר. רעזניק איז איצט ניטאָ. ווען ער וועט זיין ווייסט זי ניט. ער האָט ניט קיין באַשטימטע שטונדן. זיין היים אַדרעס קען זי אים ניט געבן, פאַקטיש ווייסט זי ניט זיין היים אַדרעס. אויב ער דאַרף אים זייער נויטיק קען ער אים אפשר כאַפּן אין קאַפע. וואָסער קאַפע? ראַיאַל קאַפע. ראַיאַל, ראַיאַל! סעקאָנד עוו. און צוועלפטע גאַס. יאָ, סעקאנד עוועניו און צוועלפטע.

קאַפע? אויך אַ פּלאַן. סעקאָנד עוועניו און צוועלפטע. שוין טרעפן אַהין. אַ טעקסי טרעפט איבעראַל. דאָ אַזוי ביליק די טעקסיס. די פראַגע איז צי וועט מען זיך גאָר דערקענען. אַזוי פיל יאָרן, שוין אַ געשיכטע פון אַ יאָר . . .

טומל. אַ טומל כוואַליע האָט ניט נאָר א קלאַפּ געטון אין די אויערן, ניט געלאָזט הערן, פאַרנעמען איינצלנע קלאַנגען, נאָר האָט זיך געכוואַליעט פאַר די אויגן, ניט געלאָזט זען. אָט גיט די כוואַליע אַ טרעט אָפּ אויף צוריק און ער דערזעט דייטלעך איין פּנים. אַ לאַנגער פּנים, אַ שיינער קאָפּ, אַ לומדישער שטערן שיינט ארויס פון די שוואַרץ מיט זילבער געמישטע האָר, אַ שוואַרץ־זילבערן פיין אַרומגעשוירן בערדל פאַרענדיקט דאָס רעמל אַרום פּנים. דאָס שנירל פון דער פּינסנע איז שוין אויסערן רעמל, אַ זייטיקע זאַך, דאָך פּאַסט זיך עס אַזוי פיין. מוז זיין אַ געבילדעטער מאַן, אָט דער אָ, לעבן אים זיצט . . . ווער ווייסט זיי דאָ, איציק! יצחק רעזניק, איציקל דעם שוחטס! וואו איז ע ר? אויגן בלאָנדזשען איבער פּנימער, טישן, שטולן, אָט יענער אָ, ביי יענעם טיש, ניט? . . . ער לאָזט זיך צו יענעם טיש, האַלטנדיק דעם טיש מיטן מענטשן פאַרן אויג, דאָס שנירל צווישן אים און טיש ווערט אַלץ קלענער, די אויפרעגונג שטאַרקער. איז דאָס . . . ?

— אַנטשולדיקט, זייט איר . . . ? רופט מען אייך . . . ? איציק!

פאַרזשמורעטע אויגן, אַ פאַרשנדיקער קוק, און . . . — מאָטעס!

ס'האָט געקענט אַרויסקומען אַ צעקושן זיך, פון דעם ווי יצחק רעזניק האָט זיך געטון אַ שטעל אויף, ווי מאָטעס גרינבערג האָט זיך געטון אַ

לאַז, אַרויסגעקומען איז בלויז אַ האַלבע אומארמונג, אַ לאַנגער, וואַרימער האַנטדרוק.

— איך קוק און קוק, זוך . . .

— ווען ביסטו געקומען ?

— היינט, היינט אינדערפרי.

— ווען דו לאָזסט וויסן . . .

— דאַך טעלעגראַפירט, געמיינט דו׳סט מיך באַגעגענען ביים באַן, איך בין דאַך דאָ אַ גרינער.

— האָסט געשיקט אַ טעלעגראַמע ? אויף וועלכן אַדרעס ? אָה, קיין וואונדער ניט, איך וואוין שוין דאָרט ניט אַ חדשים . . .

דאָס פעקל ביכער, דער בריוו ניט געענטפערט דאַן שווימט אַרויף.

— מילא, אַבי געטראָפן, איז וואָס זשע מאַכסטו ?

יאָרן — באַריערן, איין באַריער העכער פון צווייטן, געדאַנקען, ווערטער דאַרפן אריבערשפּרינגען, צוקומען צום קינדערלאַנד, צו שמואל אבא פאלירטשיק. דער ערשטער, דער צווייטער שפּרונג אַ געלונגע־נער, אַ שפּרונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַ לויף צוריק צו דער קעגנ־וואַרט, אַ קריטישער, באַטראַכטנדיקער קוק. נאָכן צווייטן שפּרונג איז דער שטח שוין אַזאַ לאַנגער, די באַריערן אויסגעוואַקסן, צווישן די צוויי מענטשן ניט אַ ווינקל פון אַ טיש אין אַ קאַפע, נאָר אַ קייט בערג. יצחק רעזניק איז דער ערשטער פאַרמאַטערט געוואָרן שפּרינגענדיק, מיט אַ ווינקל פון אויג האָט ער געקוקט, געכאַפּט ווער עס קומט אַריין, גייט אַרויס. ווער עמיצער צוקומען זיך אוועקזעצן ? דאָס וואָלט געווען גוט. און אפשר ניט אַזוי גוט, זיצן מיט אָט דעם . . . פּראָווינצער . . . מאַטעס גרינבערג האָט נאָך כוח צום שפּרינגען, ער וואָלט גאָרניט געלאָפן צוריק, געבליבן דאָרטן אין קינדערלאַנד, אָבער איציקלען, זעט ער, ציט עס דווקא אַהער, און אליין שפּרינגען האָט עפּעס קיין טעם, זיצט ער מיט יצחק רעזניק אין דער קעגנוואַרט, און דאָ איז שוין ניטאָ דער דערפרייטער, צוגעלאָזענער איציקל, נאָר אַ צוריקגעצויגענער, צע־שטרייטער יצחק רעזניק.

— איז ווי לאַנג דיינקסטו דאָ צו פאַרבלייבן אין ניו יאָרק ?

— אָה, אַ פּאָר טעג. איינקויפן סחורה, דערוויל טאָקע אַ קוק טון אויף ניו יאָרק. נישקשה פון אַ שטעטל. דאָ וואָס צו זען, האַ ?

— זעסט׳אָך !

מאַטעס האָט שוין באַמערקט ווי זיין מיטזיצער וואַרפט זייטיקע

בליקן, כאַפּט ער איצט אויך אַ קוק, ניט צו זען ווער עס קומט אַריין אָדער גייט אַרויס, נאָר ווער עס איז דאָ דאָ. אָט דער אָ מיט די וואָנצעס ביי יענעם טישל, געמעגט שווערן עס איז . . . — ווער איז אָט יענער אָ? דאָרט, ביי יענעם טיש, דער מיט די וואָנצעס?

יצחק רעזניק שעמט זיך אפילו אונטער פאַר זיין לאַנדסמאַנס פינ־גער, דאָך גיט ער אַ קוק אין דער ריכטונג פון דעם פינגער — יענער? רייזען, אברהם רייזען.

— דער אָ, אברהם רייזען? ניט דערקענט!

— וואָס זשע?

— געטראַכט אַז דאָס איז ער, געזען אַמאָל זיין בילד, אָבער עפּעס זיינען די וואָנצעס גרעסער, דער פּנים קלענער, און איך האָב זיך אים פאַרגעשטעלט אַ סך העכער, גרעסער, אָט ווי . . . שלום אַש.

אַ שמייכל טוט אַ שימער אין יצחק רעזניקס אויגן, אַ שמייכל ניט נאָר אויפן חשבון פונם פּראָווינצער וואָס איז געקומען אָנקוקן די גרויסע מענטשן, נאָר טאַקע אויפן חשבון פון די „גרויסע מענטשן”, ווי זיי שניידן אָפּ ביי דעם וואָס דערזעט זיי אין זייער „גרויסקייט”. מיט אַ שמייכלענדיקער מחשבה נעמט ער אויף זיך די ראָליע פון אַ פירער, אַ זיצנדיקן פירער, און ווייזט אָן זיין לאַנדסמאַן: אָט יענער אָ, דער בלאָנדער, דער מיט די ברילן אויפן קאַרפּאַטן נעזל, דאָס איז ל. שאפּירא.

— אָט דער אָ איז ל. שאפּירא?

— נו יאָ, וואָסי?

— אַזאָ . . . מילכיקער.

— זיך פאַרגעשטעלט אַ פליישיקן?

דער שמייכל אין יצחק רעזניקן צעוואַקסט זיך. — און אָט דער אָ איז מנחם.

— מנחם? מנחם? אַמאָל געהערט דעם נאָמען. געמיינט אַ ייד מיט אַ באָרד.

— מנחם איז גראַדע אָן אַ באָרד, אַ באָרד איז זרובבל.

— מיינסט אָט יענער אָ אין ווינקל, מיט דער באָרד, מיט די פּינסנע?

— יענער? ניין, דאָס איז עפּעס אַ דאָקטאָר, אַ בטלן.

„עפּעס אַ דאָקטאָר, אַ בטלן”. אָט דער ערשטער פּנים וואָס איז אַרויסגעשוואומען פאַר זיינע אויגן פון די טומל כוואַליעס, אָט דער שיינער קאָפּ, לומדישער שטערן, אָט דער „געבילדעטער מאַן” — ע פּ ע ס אַ דאָקטאָר, אַ בטלן. מאַטעסן האָט עס פאַרדראָסן.

צווייען זיינען צוגעקומען, פאַרדעכטיק אַ קוק געטון אויף מאטעס גרינבערג. יצחק רעזניק האָט מיט אַ קוק זיי פאַרזיכערט: מ׳מעג, און מיט אַ האַנט אַ שאַר געטון אַ ביינקל, איינלאַדנדיק זיי זיך אַוועקזעצן.

— זייט באַקאַנט, — האָט ער א זאָג געטון. — מאטעס גרינבערג פון סטובענוויל, אָהייא, מיינער אַ לאַנדסמאַן, און . . . דער קוק ביים פאַר־שטעלן האָט געזאָגט: איר פאַרשטייט דאָך שוין.

די צוויי האָבן אָפּגעגעבן שלום עליכם. — עפּעס אַ גרויסע שטאָט סטובענוויל, אַ סך יידן דאָרט?

— צופיל יידן איז דאָרט ניטאָ, דאָ אַ ביסל.

— יידישע יידן?

— ? ? ?

— אַזוינע וואָס רעדן יידיש, לייענען אַ יידישע צייטונג, אַ יידיש בוך?

— ריידן יאָ, לייענען? אַ צייטונג קומט נאָך אַריין, אַ בוך אָבער . . . דאָס איינציקע בוך וואָס איז אַריינגעקומען אַהין זינט איך בין דאָרט איז זיין בוך, און דאָס אויך נאָר דערפאַר ווייל איך בין דאָרט, ווייטער . . .

— אה . . .

דער הינטערטאָן פון אָט דעם „אה . . .״ — קארבאַן פון אַן אויטאָ־מאָביל וואָס האָט זיך נאָר וואָס פאַרבייגעטראָגן און הויערט איבערן טישל.

— געלייענט . . . ׳ס אַרטיקל? — פאַרטרייבט יצחק רעזניק דעם קארבאַן.

— געלייענט.

— נו?

— קוואַטש.

— דער ייד הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין אַ ליד. אַ ייד גיט זיך אַ זאָג...

דריי מענטשן זיצן און רעדן וועגן לידער, ליטעראַטור, דער פערטער איז פאַרגעסן געוואָרן, אָבער ער האָט הנאה צו הערן ווי מענטשן רעדן וועגן הויכע ענינים.

— און זעסט׳אַך. הערסט, קענסט ניט לייענען, קענסט ניט שרייבן, ווער אַ קריטיקער.

— מיינסט צו זאָגן קריג אַ דזשאָב פון אַ קריטיקער. דער ייד קריגט מסתם אַ פּופּציקער פאַר זיין שמירעריי.

— ווייטער גייט ניט דיין השגה? דער ייד זיצט אויף אַ הונדערטער אַ וואָך!

פופציקער, הונדערטער — באַקאַנטע ווערטער פאַר מאטעס גרינ־בערג. אַזוי די מעשה, פופציק, הונדערט — געשעפט. זיין געשעפט . . . געשעפט, סטובענוויל, זיין הויז, די ווייב. מוז שוין שלאָפן איצט.

די דריי האָבן שוין גערעדט ניט וועגן דעם קריטיקער, נאָר וועגן דעם קריטיקירטן דיכטער.

— יענער איז אַ וויסטע קאַליקע, אַ גראפאָמאַן, אַ פשוטער גראַ־פאָמאַן, נאָר גאָרניט, מ׳דאַרף טאַלאַנט? אַ צד, ברודערקע, מ׳דאַרף זיך קענען שטופן.

— אַזוי, דוכט זיך, אַזאַ ניונקע . . .

— ער האָט שוין ווער עס זאָל זיך פאַר אים שטופן . . . האָסט זי געזען? דוכט זיך אַ כשר לעמעלע, אָבער זי קען די שפּיל. אַ דורכ־געטריבענע שטוקע. אַ ווייב זאָל מען האָבן.

— אַ ווייב, דאָס איסט ריכטיק, אַבער ווען מאַן א ווייב האָט דאַן מוס מאַן אויך איין „העמדכען" האבן, הע . . . הע . . . הע . . .

ווער איז דאָס דער פאַרשוין, דער דאַטש?

— ביסט שוין דאָ?

— נו יאָ, שוין דא. איך האָבע אַ ביסכען וואארע. גוטע ווארע. „לוסטיקע וויטוועס" . . . אַ קנאַק מיט צוויי פינגער, אַ וואונק מיטן אויג.

— גיי דיר צו אַל די קלאגן מיט דיינע „וויטוועס".

— זען זי מאַל . . .

מאטעס גרינבערג האָט דערזען „די לוסטיקע וויטווע", זיינע אויגן האָבן אַ שפרונג געטון איבער די פנימער פון זיינע מיטזיצער, אַרויפ־געשפרונגען צום פאַרקויפער און ארונטערגעפאַלן צום קאווע באַפלעקטן טישטוך. ער האָט דערפילט אַ היץ אין פנים, זיך געשעמט וואָס ער ווערט רויט, זיך געשעמט וואָס ער זעט דאָס „העמדכען", די קונים.

— פיש הויט, אמתע פיש הויט. פילן זיי עס.

— גיי דיר מיט דיין פיש הויט.

— דאָס איז דאָס בעסטע, קיין בעסערס גיבט עס ניכט. און ביליק.

— ווי ביליק?

— וויפיל? אַ טוצן? צוויי? וואָס מער אַלץ ביליקער. אָט אַזוי. און איר?

— איך האָב נאָך.

— און דיזער דזשענטלמען?

— איך . . . איך . . . — האָט מאטעס גרינבערג גענומען שטאַמלען,
— איך . . .
— לאָז צורו! — האָט יצחק רעזניק שוין אומגעדולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — ער איז ניט קיין היגער.
— אַך! סאָ?

דער „העמדל" פּאַרקויפער האָט זיך אָפּגעטראָגן. מיט אַ ווינקל פון אויג האָט מאטעס גרינבערג געזען ווי ער שלאָגט פאַר זיין „וואַארע" ביי אַ צווייטן טישל. דער „קארבאַן" וואָס איז פריער געהאנגען איבערן טישל, געררייצט יצחק רעזניקס נאָז, איז איצט געהאנגען געדיכטער אי־בערן טישל און מער פון אלעמען געשטיקט מאטעס גרינבערגן. אַזאַ מלאָסנעקייט האָט אים באַשלאָגן, נאָר צום ברעכן. זיך אויפהויבן, אַרויס־גיין אין דרויסן, אויף דער פרישער לופט.

די צוויי האָבן זיך אויפגעהויבן. איינער האָט מיט די פינגער אַ נעם געטון יצחק רעזניקס אָרעם, אַזוי אָרום זיך געזעגנט מיט אים, ביידע האָבן צוגעוואָרפן אַ קאָפּ־נויג מאטעסן און זיך דערווייטערט פון טישל.
— איז ווען, זאַגסטו, פאָרסטו?

ס'אָראַ פריש ווינטל! מאטעס האָט אויפגעאָטעמט. — איך דיינק איך פאָר מאָרגן, מאָרגן אינדערפרי, שפּעטסטנס אין אָוונט. איבערגע־לאָזט די געשעפטן אַליין. ווי שפּעט איז איצט?
— אַ פערטל צו איינס.
— מוז איך שוין גיין. שפּעט. מאָרגן אַ שווערער טאָג.
— ווועלן מיר זיך שוין מער ניט זען?
— איך ווייס ניט צי מיר וועט אויסקומען, ווייסט'אַך, געשעפט . . .
— נו, טאָ פאָר געזונטערהייד . . .
— זיי געזונט.
— אגב, מיינע לעצטע פינף ביכער, האָסט זיי אפשר . . . געבראַכט מיט זיך?
— די ביכער? — דאָס פעקל האָט גענומען טאַנצן פאַר די אויגן.
— ניין, ניט געב . . . וואָס הייסט ברענגען? איך . . . האָסט אַ פען?

מאטעס גרינבערג האָט מיט אַ זייט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ביינקל, מיט ציטערנדיקע פינגער אַרויסגעריסן אַ טשעק פון ביכל, די פען האָט ניט געוואָלט שרייבן, האָט ער זי אַ קלאַפּ געטון אויף אַרונטער, פאַרפלעקט דעם טישטוך, איינגעריכט די פינגער, האָט אָבער אויף שנעל אָנגעשריבן דעם טשעק, דערלאַנגט יצחקן, פאַרשרויפט די פען און אויך

דערלאַנגט. יצחק האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם טשעק און ערשט נאָכדעם צוגענומען די פּען ביי מאַטעסן. — אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק. נו, פאַר געזונטערהייד.

— זיי געזונט.

— אפשר דיך צופירן צום האָטעל?

— כ׳וועל שוין טרעפן. אַ גוטן.

מאַטעס גרינבערג האָט שוין מער ניט געזען זיין לאַנדסמאַן, דעם שרייבער יצחק רעזניק. ווען ער איז געקומען צוריק פון ניו יאָרק, געעפנט זיין רענצל, אַרויסגעלייגט די זאַכן, האָט ער זיך געכאַפּט ער זוכט עפּעס, אָבער ער געדיינקט ניט וואָס. עפּעס האָט ער דאָך געזוכט. טאַפּנדיק אין די קעשענעס האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס טשעק ביכל, עס אַרויסגענומען און געעפנט. געעפנטערהייד איז שוין דאָס טשעק ביכל געוואָרן אַ קעגנשטאַנד פאַר זיך. ער האָט גענומען בלעטערן די „קעפּלעך״ פון די טשעקס. וואָס איז דאָס פאַר אַ טשעק, אַן אַ סומע? וועמען האָט ער אים געגעבן? אויף וויפל? מאַטעס האָט פאַרקנייטשט די אונטערשטע ליפּ. געדיינקט נישט. האָט ער נאָכאַמאָל גענומען בלעטערן. די פּאַראַמאָונט קלאָוק, די סטייל דרעס קאָ., ד ע ם טשעק געביטן אין האָטעל. אָה, דאָס איז דאָך אים! דאָס „העמדל״, דער שרייבער! ער האָט אַ לייג געטון דאָס געעפנטע טשעק ביכל, אַ קוק געטון אין אַ ווינקל, צוגעגאַנגען אַהין, אַרויסגעשלעפּט דאָס פּעקל ביכער און האַלטנדיק עס פאַרן שטריקל מיט בלויז צוויי פינגער האָט ער געווופן: — מילדרעד! אָה, מילל! נעם אָט דאָס פּעקל. לייג עס אַוועק מיט די צייטונגען, וועט קומען דער שמאַטע פּעדלער גיב עס אים אַוועק. — דאַרפן אָפּשטעלן די צייטונג אויך, — האָט ער אַ זאָג געטון צו זיך. ער האָט אַ פּאַטש געטון איין האַנט אין דער צווייטער, אָפּגערייניקט די הענט און גענומען ווידער אויספּאַקן זיין רענצל, אויספּאַקן ניו יאָרק.

אויספּאַקנדיק האָט ער דערזען אַ קאַרטל: זשאַרזש ווינטערס. זעסט, אָט דאָס זוכט ער דאָך. זשאַרזש ווינטערס וועט שוין פאַר אים איינקויפן אַלץ. ער פאָרט שוין מער ניט קיין ניו יאָרק. ניט מאַטעס גרינבערג.

ווענוס פון מיללער סטריט

ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ טומאַן אין קאָפּ. ניט קיין קאָפּ ווייטיק. קאָפּ ווייטיקן האָט ער געהאַט פינפערליי, און לכל הפחות צו איינעם פון זיי — מיגרען — איז זיין בעסטער מיטל געווען זיך זעצן ארבעטן אויף דער שרייב מאַשין, אַרבעטן מיט אַלע צען פינגער, קלאַפּן וואָס הילכיקער, איבעררוקן דעם שאַלטער מיט אַ קנאַק; קורץ, מאַכן וואָס מער טומל, איבערשרייען דעם קאָפּ ווייטיק, אַזוי אַרום האָט ער מקיים געווען דעם פסוק: חש בראשו יעסוק בתורה. אמת, די „תורה״ האָט זיך אָנגעהויבן פון דער „תוכחה״, ער האָט זיך פאַרשאָלטן דאָס געביין וואָס ער האָט זיך גאָר גענומען צו אַזאַ פאַרשאָלטענער פראָפעסיע, ווי שרייבעריי; וואָס ער האָט אַ קאָפּ און וואָס דער קאָפּ טוט וויי; פון דעם גאַנצן עסקן זיך מיט דער „תורה״ איז אים געבליבן ניט מער ווי צוויי־דריי שורות — טאַקע ניט מער ווי דאָס — פונדעסטוועגן איז ער געווען צופרידן: אי דעם מיגרען איבערגעשריען, אי צוויי־דריי שורות אָנגעשריבן. ניט שלעכט, גאָרניט שלעכט, אויב אפילו די צוויי־דריי שורות סולת האָט ער אויסגעקליבן פון אַ פופצן־צוואַנציק זייטן פסולת. דאָס איז געווען מיגרען. גאַנץ אַנדערש איז געווען מיטן „טומאַן״. דאָ איז שוין ניט שייך געווען נעמען קלאַפּן אויף דער מאַשין, אַז יענע „מאַשין״, דער מוח, האָט נישט געאַרבעט, אָבער לחלוטין ניט. האָט אויפגעפליקערט אַ געדאַנקען־פונק, איז ער גלייך דערטרונקען געוואָרן אין אָט דעם טומאַן, און פון דרויסן האָט קיין שטראַל ניט אַריינגעדרונגען, דער טומאַן האָט ניט געלאָזט. ניט נאָר שרייבן, לייענען האָט ער ניט געקענט, די אויגן האָבן פאַרנומען, דער מוח האָט ניט באַנומען. „די באַטערייע איז טויט״, האָט ער זיך אליין געזאָגט בלשון אויטאָמאָביל טרייבער, כאָטש ער האָט זייער ווינציק געהאַלטן פון דעם מעכאַניס־טישן וועלט באַנעם, און גלייך קאָרעגירט, ניין, די באַטערייע איז ניט טויט, די פונקען־שטעפּסלעך זיינען נאַס, פּירכען, ניסן, לאָזן ניט אַרויס קיין פונק, און רייסט זיך שוין יאָ אַרויס אַ פונק, ווערט ער דערטרונקען אינם טומאַן. אויסטריקענען דעם טומאַן! אָבער גיי געפין אַ זון, אַז

לייענען אַ בוך איז געווען ווי אַריינקוקן פון דער ליכטיק אין אַ פינסטערן צימער, און אפילו מוזיק איז געווען אַ רעגן געגאָסן אויף אַ פויק, עס האָט אָפגעקלאַפט און ניט אַריינגעדרונגען. מיט אַזאַ קאָפ האָט ער נאָר געקענט: זיצן און שפילן סאָליטאַר; אַריינגיין אין אַ קינאָ, זיצן אַ שעה צייט און, אַרויסגייענדיק ניט מיטנעמען קיין איין פנים, קיין איין סצענע, אָפגערעדט שוין פון אינהאַלט, אויב אַזאַ אינהאַלט איז אפילו געווען; אָדער גיין, סתם גיין, גיין ביז די פיס זיינען געוואָרן ווי קלעצער, דער גאַנצער קערפער דערשעפט, געחלשט רו, און דער קאָפ — אַן אַפענדיקס צום קערפער — האָט זיך נאָכגעשלעפט: רוען? איז רוען.

רגלוהי דבר אנש אינון ערבין ביה, לאתר דמתבעי תמן מובלין יתיה.

צי אַ מענטשנס פיס זיינען טאַקע ערב פאַר אים און זיי פירן אים וואוהין ער דאַרף, איז ער ניט געווען אַזוי זיכער, אָבער אַז פיס האָבן געוואוינהייטן האָט ער געקאָנט שווערן, אַניט ווי האָט ער עס „פאַרבלאָנזשעט" אין מוזעאום? אַרויסגייענדיק פון שטוב האָט ער אפילו נישט געטראַכט וועגן מוזעאום, ער האָט ג אָ ר נ י ט געטראַכט — אויב אַזוינס איז מעגלעך — ערשט דער מוזעאום איז אויסגעוואָקסן, אים אַ שפרונג געטון פאַר די אויגן, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אַ קוק טון אויף דער געביידע האָבן שוין זיינע פיס באַטראָטן די טרעפ, ער איז שוין געווען אינעווייניק, און טאַקע אין דער אָפטיילונג פון די מאָדערנע מאָלער.

מיט די מאָלער, דער עיקר די מאָדערנע, האָט ער געהאַט פערזענלעכע חשבונות, אַזוי צו זאָגן. פון די עטלעכע מאָלער וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער באַשלאָסן אַז דאָס פאָלקס ווערטל — „חזן" מאַכט: חזנים זיינען נאַראָנים — האָט פונקט אַזוי גוט געקענט געזאָגט ווערן: „מזן" מאַכט — מאָלער זיינען נאַראָנים. די פינף־זעקס מאָלער מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט, דאָס הייסט, ער האָט באַזוכט זייערע, אַזוי גערופענע אַטעליעס, געקוקט אויף זייערע בילדער, אַמאָל געלאָזט פאַלן אַ גוט וואָרט וועגן זיי אין דעם זשורנאַל מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן (זיי האָבן זיינע ביכער נישט געלייענט, ק י י נ ע ביכער), אָט די אָ מאָלער זיינען געווען קנאַפע חכמים, טאַקע טפשים, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אָט די אָ טפשים האָבן פונדעסטוועגן געמאָלן גוטע בילדער, און ניט נאָר האָבן זיי סתם געמאָלן, ז י י האָבן א י ם געוויזן ווי צו שרייבן, כאָטש זיי האָבן גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט וואָס זיי טוען. זיין אימפּערסיאָניזם אין שרייבן איז זיכער געקומען צו אים דורך מאָלעריי,

כאָטש די אימפּרעסיאָניסטישע „שול" איז געשאַפֿן געוואָרן ניט פֿון די מאלער. זיי האָבן געמאָלן ווי זיי האָבן געזען, נאָכדעם איז געקומען דער שרייבער און געזאָגט: דאָס איז אימפּרעסיאָניזם. פֿינף־זעקס מאלער זיינען, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַלע מאלער, ער האָט ניט געקאַנט זאָגן אַז לעאָנארדא איז געווען אַ טפּש, צי רעמבראַנדט, אָבער דאָס זיינען די אויסנאַמען וואָס באַשטעטיקן דעם כּלל. קוקן אויף די בילדער פֿון די מאָדערנע מאלער האָט אים גאַנץ אָפֿט אויפֿגערעגט, וויפֿל מאָל האָט ער זיך געקריגט, טאַקע געקריגט, מיט די מאלער, מיט שרייבער, וועגן פּיקאַסאָן, פֿאַר סאַלוואַטאָרע דאַלי האָט ער גאָר קיין אַנדער נאָמען ווי „דער פּאַסקודניק" ניט געהאַט. טאָמער האָט אַ מאלער געפּרוּווט פֿאַרטיידיקן דאַלין, האָט ער שוין מיט כּעס געענטפֿערט: איר לייענט זיינס אַ בוך, וועט איר זען אַז ניט נאָר איז ער אַ פּאַסקודניק, ער איז אַן אויסוואורף, אַ . . . ע ר האָט טאַקע אומישנע געליינט דאַליס בוך כּדי זיך איבערצייגן אַז ער איז אַ פּאַסקודניק. אָט דער דאַלי, אַנדערע מאָדערניסטן האָבן אים אויפֿגערעגט, דערפֿאַר אָבער אויך אָנגערעגט, איצטער, מיטן טומאַן אין קאָפּ, איז ער געשטאַנען פֿאַר די בילדער אַ גלייכגילטיקער, די בילדער — לייוונטן פֿאַרשמירט, ניט מער. ער איז איבערגעגאַנגען צו די אַלטע, און די אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער די בילדער, אַ טיציאַן האָט אים אויסגעזען . . . גרוי, אַ רעמבראַנדט — מאַנאָטאָן. ער האָט פֿאַרלאָזט די בילדער, איז איבערגעגאַנגען צו די סקולפּטורן. גרוי, לויטער גרוי, און טויט, ראָדענס „דיינקער" אַזוי טויב ווי זיין „טויבער", ער אַליין טויב, בלינד, נייך, ניט בלינד, דער טומאַן אין קאָפּ אַן עמוד ענן וואָס גייט אים פֿאַראויס.

וואָס האָט עס אַ בלישטשע געטון?

ער האָט זי שוין געזען, די ווענוס פֿון מילאָ, אודאי האָט ער זי שוין געזען, צענדליקער מאָל, אָבער די אויגן האָבן ניט געזאָגט: שוין געזען, זיי האָבן געקראָגן אַ באַפֿעל: קוקט!

ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט, ניט געפֿילט שוין אַז ער שטייט אויף די פֿיס, די אויגן האָבן געקוקט און אין מוח, ניט די פֿונקען שטעפּסלעך האָבן געשאָסן פֿונקען, אַ מילדע זון האָט געלויכטן, געוואָרימט, אויפֿגעעסן דעם טומאַן, אים איז גראַם געוואָרן אין קאָפּ, ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. שטראַלט עס אַרויס דאָס ליכט פֿון איר, באַלויכטן עס זיינע אויגן די פֿיגור? ער האָט זיך געבאָדן אין ליכט, און עס איז אים געווען אַזוי וואַרים, אַזוי ליכטיק, אַזוי גוט, אַז . . .

ווי לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען? ער האָט אַליין ניט געוואוסט, און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון מוזעאום האָט ער ניט געפילט זיינע פיס, דערפאַר דער קאָפּ, אין אָט דעם קאָפּ, וואו ניט לאַנג צוריק איז געשטאַנען אַ טומאַן, האָט איצט שימערירט און געפינקלט, געדאַנקען האָבן געיאָגט, ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן — וואַרט! איז וואו האָלטן מיר? יאָ, ביי די גריכן. ער האָט שוין שפּאַצירט אין . . . גריכנלאַנד. אָט די אַלטע גריכן — אַ רעטעניש. אין איינע עטלעכע הונדערט יאָר צעבליט זיך אַ פאָלק, גיט אַרויס דיכטער, דיינקער, קינסטלער, בליט אָפּ און שטאַרבט, די היינטיקע גריכן עפּעס ווייטע, ווייטע יורשים, אָבער ׳סאַראַ ירושה! מילא דיכטער, דיינקער האָבן מיר, אַנדערע פעלקער, אויך געהאַט, אָבער ווער, ווער (?!) נאָך האָט איבערגעלאָזט אַ ווענוס פון מילא? אָ די ווענוס . . .

די ווענוס איז שוין מער נישט געשטאַנען אין מוזעאום, זי איז געגאַנגען טריט־וואַסער אויף צוריק, ער איז איר נאָכגעגאַנגען, אָט אָט דערגרייכט ער זי, כאַפּט זי אָן, דערגייט דעם סוד פון איר חן, איר . . . כישוף, און כהרף עין גליטשט זי זיך אַרויס פון אים, טענצלט ווידער פאַר זיינע אויגן: דו קוק זיך בעסער גוט צו, נאָכאַמאָל!

קוקט ער און חידושט זיך: וואו האָט דער קינסטלער גענומען זיין מאדעל? האָבן אין מעלאס, אין אַטהען אַרומגעשפּאַצירט ווענוסעס? אָט די ווענוס, „אָן הענט און אָן פיס״, די הענט פעלן, די פיס, שיינקלען פאַרשטעלט, און ׳סאַראַ גראַציע, ׳סארא שיינקייט! וואו האָט עס דער קינסטלער געזען? געחלומט, אויספאַנטאַזירט, ווענוס אַ אידעאַל, אַ גאָט. האָבן דאָך זייערע דיכטער און דיינקער אויך גערעדט — מסתם אויך נאָר פאַנטאַזירט — וועגן שיינקייט און אמת, שיינקייט איז אמת, אמת איז שיינקייט. און ווי, ווען דער חלום זאָל אויף וועלכן עס איז אופן פאַרווירקלעכט ווערן, ווענוסעס זאָלן טאַקע אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן, וואָלט דאָס לעבן טאַקע שענער געוואָרן, אמתער . . . ? זיבן טעג שבת נאָכאַנאַנד איז אַ . . . וואָך . . . שבת איז דערפאַר שבת ווייל ער איז איין טאָג אין זיבן, אַ שטאָט פול מיט ווענוסעס איז אַ קוגל פון לויטער שמאַלץ, ניט צום פאַרדייען, און דאָך, זיך פאַרשטעלן אַ שטאָט, וואו עס שפּאַצירן אַרום ווענוסעס, אדאניסעס . . . וואַרט נאָר, אָט דאָס פאָר פאָלק, אויב ער מאַכט קיין טעות, זיינען לייבלעכע קרובים פון דער „גרינער״ אסתר מיטן „רויטן״ תמוז, אישטאַר־תמוז, ווענוס־אדאניס, און . . . ווענוס פון מילא, און מגילת אסתר, אַ גוט שבת און

אַ פּאַטש. נו יאָ, לא תעשה לך פסל. נאָך אַ נס וואָס זיי האָבן ניט פאַר־באַטן צו שרייבן מגילות . . . צוריק גערעדט, אַ ווענוס, אַן אַפּראַדיטע, אַ יופּיטער קען מען אויסמאָלן, אויסהאַקן פון שטיין, אָבער גיי האַק אויס אַ . . . אהיה אשר אהיה. אַט האָט מען אויסגעהאַקט משהן, איז עס משה? נעם צו די לוחות, איז עס יופּיטער, זעאוס, טהאָר, ניט משה דער עבד יהוה, היינט וואָס וואָלט שוין דער יידישער סקולפּטאָר געקאָנט טון מיט יהוה'ן גופא, מיטן אהיה אשר אהיה? אַז דאָס איז דאָך א י נ ־ ג אַ נ צ ן אויסגעטראַכטס! געטער קאָנען נאָך אַרומגיין אין גאַס, אָבער גאָט! ווען גאָט זאָל אַרונטערקומען אין גאַס . . . ווען גאָט זאָל, חלילה, חלילה, אַרונטערקומען אין גאַס . . .

די גאַס האָט אים מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געטון אין פּנים. וואו געפינט ער זיך? עפּעס באַקאַנט. וואַרט נאָר, דאָס איז דאָך . . .

— מיללער סטריט, — האָט די שילד געזאָגט.

— מיל—לער סטריט? מילא . . . מיללער . . .

— מיללער סטריט! די גאַס, וואו אסתר וואוינט! פאַרגעסן?

— אסתר? גערעכט. דאָ דאַרף דאָך עס ערגעץ זיין. געהערט זי איז . . . קראַנק, אַריינגיין, געוואוירע ווערן, שוין ניט געזען . . .

(2)

ער האָט יאָ געהערט אַן „אַריין" און ניט געהערט, אַ דריי געטון דאָס הענטל פון טיר, האָט ער שוין געצווייפלט צי האָט ער געהערט אַן „אַריין" — פאַרשלאָסן. קיינער ניטאָ? ער האָט נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ געטון. „איין מינוט!" דאָס האָט ער שוין געהערט דייטלעך און, ניט קיין טריט, נאָר עפּעס אַ רעדלען, אַ שליסל דרייט זיך איבער, די טיר האָט זיך אַן עפן געטון, און . . .

דערזעט מען אַ מענטשן מיט איין לידיקן אַרבל, פאַלט דאָס אויג דוקא אויפן אַרבל, און עס דוכט זיך יענער מענטש שרייט: וואָס קוקסטו אויפן אַרבל, וואָס? שיינפּעלד האָט זיך אויסגעהיט פון „קוקן אויף אַן אַרבל", האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון איבעריאָגן אַ הינקענדיקן, אָדער אַ מענטשן מיט אַ קוליע, און דאָ איז אים אונטערגעשפּרונגען אונטער די אויגן אַ גאַנג־שטול, אַ טראָט אין דער אָפענער טיר, איז אַרויפ־טרעטן אויפן שטול, אויף אסתרן אין שטול. דער קערפּער האָט זיך ממש אַ צי געטון אויף צוריק, פון מויל איז שיר ניט אַרויסגעפאַלן

„אַנטשולדיקט". אסתר האָט אים גערעטעוועט מיט איר פריידיקן אויס־רוף: זע נאַר! ביינוש! ווי קומסטו אַהער? נו, וואָס שטייסטו? קום אַריין! דער גאַנג־שטול האָט זיך אַ רוק געטון אויף צוריק, געשאַרט פאַר אים אַ וועג. זיינע פיס האָבן בלינד באַטראַכטן דעם וועג, די אויגן האָבן געטאַפּט אסתרן, דעם שטול, זיין האַנט האָט אָנגעטאַפּט אסתרס האַנט.

— זיץ! — זי האָט אַ שאַר געטון אַ שטול פאַר אים און, אַוועקגע־זעצט זיך, איז ער עפּעס געווען זיכער אַז אָט אָט וועט ז י י ן שטול זיך אַ רעדל טון, אַ פאָר טון. אַז זי . . . איר שטול . . .

— שוין ניט געזען אַ שאָק מיט יאָרן. וואָס מאַכסטו?

די מעלאָדישע שטימע האָט געזאָגט: די זעלבע אסתר פון פאַר צען, פופצן יאָר, דער פינקל פון די אויגן אויך דער זעלבער, ניין, אַ ליכט־פלאַם הינטער אַ פּראַסטיק גלאָז, עטוואָס טושירט, דער בוזעם אַ סך פולער, די אָרעמס אויך, די הענט, די זעלבע שיינע הענט מיט די לאַנגע, פאַרשניצטע פינגער, די נעגל ניט געפאַרבט, דערפאַר די פיס . . . אַ געקעסטלטע שאַל האָט פאַרדעקט שיינקל, פיס, שפּיץ שיך האָבן געזאָגט: דאָ פיס, אָבער ווער דאַרף זיי? דער שטול . . .

— וואָס זאָל מען מאַכן? מע לעבט . . . וואָס מאַכסטו?

— זעסט'אָך . . .

צוויי שפּיאָנען האָבן „אין געהיים" שפּיאָנירט איינער דעם צווייטן און, געטראָפן זיך פּנים אל פּנים, האָבן ביידנס אויגן פאַרשעמט געקוקט: געכאַפּט! זי האָט אים געמוסטערט נאָך שאַרפער, גרינטלעכער ווי ער זי, אָט ווי זי וואָלט באַטראַכט אַ ניי קלייד אויף אַן אַנדער פרוי, כאַפּן געענוי וואָס פּאַסט דאָרטן נ י ט. פאַרשעמט האָט ע ר זיך, ניט זי, און ער האָט גענומען רעדן, שטאַמלען: . . . געהערט דו ביסט געווען ניט געזונט, זיך געקליבן צוקומען, אָבער עפּעס אַלץ ניט אויסגעקומען, היינט . . .

ער האָט איר נישט דערציילט אַז דאָס גייט ער פון מוזעאום; אַז ער איז געגאַנגען אַהין מיט אַ טומאַן אין קאָפּ; אַז ווענוס, די ווענוס פון מילא, האָט דעם טומאַן צעזייט, אויסגעטריקנט. ביי אים אין קאָפּ איז גאָר קיינמאָל קיין טומאַן ניט געווען, איצט אודאי ניט, איצט שיינט דאָרטן די זון, און אַנטקעגן דער זונשיין טראָגט זיך אַ ראַי בינען, זיי שימערירן אַנטקעגן ליכט און זיי זשומען: אסתר . . . אסתר . . . געדיינקסט? זי איז דאָך שיר ניט געוואָרן דיין ווייב . . .

וויפל קאָלירן די בינען אַנטפּלעקן עס קעגן דער זון! איבער אסתרס

אויגן לאָזן זיך אַרונטער די לעדלעך מיט די לאַנגע וויעס — פאַרהאַנגען פאַרצויגן איבער העל באַלויכטענע פענסטער און, אין דער פינסטער... גנבענען זיך אַריין אירע לאַנגע פינגער אין זיינע האָר, צופּן, רייסן, און אירע ליפּן אין זיינע — אַ בין אין בלומען־בעכער, „די בלום" — אַ שנאַפּער־שלאַנג — טוט אַ שנאַפּ וויל אַריינכאַפּן אירע ליפּן, איר מויל, זי אײַנגאַנצן, ווען אסתרס הענט, אַט די איידלע, לאַנגע הענט טוען אים אַ שטופּ אַפּ, אַ פאַרשאַר די שקאַצעוואַטע האָר און אין די אויגן טאַנצן שוין שדימלעך. אסתר טאַנצט מיט אים, אַ ווילדער וויכער און אַ רייק־שפּיל: כאַפּ מיך! ווּעסט מיך נ י ט כאַפּן, ווּעסט מיך נ י ט כאַפּן! אסתר אויפן שטול, די פיס פאַרדעקט, דער בוזעם פולער, דער פּנים אויך, די ליפּן, דוכט זיך, נאָך סענסועלער, ער וואָלט זי איצטער אויך אַ קוש געטון . . . די אויגן — שטילער אַ ביסל, ניט אַזוי פאַרשייט, פינקלען נישט ווי אַמאָל אָבער זיי לויכטן מיט אַזאַ מילדער וואַרימער ליכט, זיי זאָגן: וואָס ווייסטו? וואָס ווייסטו ווי גוט מיר איז! ווילסט. וועל איך דיר דערציילן. ער האָט אַ פרעג געטון: ווי גייט עס דיר? און אַרום שטול האָט גענומען אַרומטאַנצן אַ שמייכל, און זי האָט אָנגעהויבן דערציילן:

(3)

אַז זי האָט געהאַט צרות מיט די פיס ווייסט ער דאָך. געגאַנגען צו איר דאָקטאָר, דאָקטאָר זיסקינד . . .

— צו דעם משוגענעם?

צו דעם משוגענעם. הלואי אַ סך אַזעלכע משוגעים, הלואי וואָלט זי אים געווען געפאָלגט. ער האָט איר געזאָגט: אסתר! איך קען דיר גאָרניט טון, דאָס איז אַרטרייטיס, אויף פּשוטן יידיש, דער אַלטער, אַלטער רעוומאַטיזם, און דערצו איז דערווייל ניטאָ קיין רפואה, וואַרימ־קייט שטילט אַ ביסל דעם ווייטיק. די זון, אַ לאַמפּ, אַן אויוון, פּשוטע הייסע וואַסער, אָבי וואַרים; טוט ווי, נעם אַן אַספּירין צי אַן אַנדער פּיל דאַרט און, דער עיקר, געוואוין זיך צו דערצו, אַ קריינק איז ווי אַ מאַן, געוואוינסט זיך צו קענסטו מיט איר אָפּלעבן דיינע יאָר. אַזוי האָט ער געזאָגט. עס האָט אָבער ווי געטון, אַלץ הייסט ווי טון, גע־מיינט זי ווערט משוגע פון ווייטיק, איז זי געגאַנגען צו אַ צווייטן דאָקטאָר, אַ דריטן, אַ „ספּעציאַליסט", און די ספּעציאַליסטן, קיין גוטער ייד זאָל

זיי ניט קענען. פון געלט איז דאָך אָפּגערעדט, דאַרויף איז ער דאָך אַ ספּעציאַליסט, אויף צאַפּן געלט, ער האָט זיך אונטערגענומען אויסהיילן! ער האָט שוין אויסגעהיילט הונדערטער מענטשן, ער, נאָר ער, האָט אַ געוויסע איינשפּריצונג, וואָס טוט אויף וואונדער. דרייסיק דאָלאַר אַן איינשפּריצונג. זאָל זיין דרייסיק דאָלאַר. עס זאָל זיך נאָר אויסלאָזן צו געלט. האָט ער געגעבן איין איינשפּריצונג, צוויי, דריי, די ווייטיקן זיינען געוואָרן שטילער — מסתם געגעבן מאָרפין צי וואָס, ווער ווייסט זיי, די שווינדלער, וואָס זיי טוען — צען איינשפּריצונגען גענומען, און איין פרימאָרגן, זי האָט געפּרואווט אַרונטערגיין פון בעט, די פיס רירן זיך נישט.

וואָס אַ מענטש איז. מ׳כאַפּט זיך אויף פון שלאָף גייט מען אַרונטער פון בעט, אַזוי נאַטירלעך אַז מ׳טראַכט גאָר אפילו ניט וועגן דעם, אַ מענטש האָט פיס גייט ער, אַז פיס קענען אַמאָל נ י ט גיין טראַכט ער גאָרניט, וואָס איז דאָ צו טראַכטן דערפון? אויך ניט געטראַכט ביז...

דאָס איז געווען אַ דינסטיק. קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם דינסטיק אינדערפרי. ברוך איז נאָך געשלאָפן, זי האָט געוואָלט אַרונטערגיין פון בעט, ווי אַלע טאָג, מאַכן קאַווע, צוגרייטן אָנבייסן, זי וויל אַ ריר טון די פיס, זיי רירן זיך נישט, ניט קיין פיס, קלעצער...

— אירע פיס קלעצער? זי האָט דאָך פיסלעך... איר טאַנצן...

דער קאָמפּלימענט — אַ גלעט איבער אַ קוים פאַרצויגענער וואונד, דאָס לייב טוט זיך אַ צאַפּל און באַרואיקט זיך גלייך.

יאָ, אָט די פיס, וואָס האָבן אַזוי גוט געטאַנצט, האָבן זיך ניט געקענט אַ ריר טון, אָבער טאַקע גאָרניט! זיך אַליין ניט געגלויבט. וואָס הייסט פיס קענען זיך ניט רירן? טוט וויי אַז מ׳גייט, אָבער ניט קענען אַרונ־טערגיין פון בעט, ניט קענען גיין, זאָל ער איר מוחל זיין, וואוהין דער קייסער גייט צופוס?

זי האָט געפּרואווט איין מאָל, נאָכאַמאָל, איר איז שוין געגאַנגען אין עקשנות, זי האָט זיך ווי עס איז אַרונטערגערוקט פון בעט, זיך אָנגעהאַלטן אָן דער פאַרענטשע, גענומען אַרויפציען אויף זיך דעם שלאָפ־ראָק, זיך פאַרפּלאָנטערט אין איין אַרבל און... אומגעפאַלן.

ברוך האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט, זי אויפגעהויבן. — וואָס איז דער מער? וואָס איז דער מער?! וואָס האָט פּאַסירט?

זי האָט ניט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. זי האָט זיך איינגע־

קלאַמערט אין אים און געציטערט — ער זאָל זי נאָר ניט אָפּלאָזן, זי זאָל ווידער ניט אַנידערפאַלן.

— דיר ניט גוט געוואָרן?

— איר האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, — האָט זי, איין גאָט ווייסט פאַרוואָס, אָפּגעזאָגט אַ ליגן און, דערהערט: גיי, לייג זיך אַוועק, כ׳וועל מאַכן אַ טעפּל קאַווע. האָט זי נאָך שטאַרקער זיך צוגעדריקט צו אים — ער זאָל זי נאָר ניט אָפּלאָזן.

— זיך ניט צעקלאַפּט?

ווען ער פרעגט איר דאַן נאָך איין פראַגע וואָלט זי, זי ווייסט אַליין ניט וואָס אים געטון, אָבער, אַ דאַנקען גאָט, ער האָט מער ניט געפרעגט. ער האָט זי אַרײַנגעלייגט אין בעט, ער איז אָבער געשטאַנען לעבן בעט.

— גיי, מאַך זיך אָנבייסן, — האָט זי אים ממש אַוועקגעטריבן.

ברוך איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, האָט זי אַן עפן געטון די אויגן. דער צימער, ברוכס בעט, דער קאָמאָד — אַנדערש, עפּעס אַלץ אַנדערש, אַזוי ווי עמיצער וואָלט עס איבערגעדרייט. פאַרן שפּיגל האָט זי זיך פּשוט דערשראָקן, זי האָט דערזען זיך און ד ע ר ז ע ן ווי דער שפּיגל זאָגט איר: ביסט געפאַלן, איך האָב אַליין געזען.

זי האָט זיך אויפגעזעצט, גענומען קוקן אויף די פיס, שיינקלען, גענומען באַטאַפּן, אַ קוועטש געטון דאָ, דאָרט, ניט נאָר גאָרניט אָנגע־טאַפּט, עס האָט אפילו ניט וויי געטון. זי האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט, מיט די אויערן געזען ברוכס באַוועגונגען אין קיך, ער גיסט שוין אַרויף וואַסער אויף דער קאַווע, ער׳ט שוין באַלד אַרײַנגיין, און זי האָט מורא געהאַט פאַר זיין אַרײַנקומען, און זי האָט געוואָלט ער זאָל אַרײַנקומען, שוין, די מינוט, ווייל . . .

— ווילסט פריער אַ ביסל מאַראַנצן זאַפט, אָדער קאַווע?

— נעם מיך . . . אַהין . . .

אַ קינד האָבן איז געווען ניט אַזוי שווער ווי אַרויסברײַנגען אַט די דריי ווערטער. דוכט זיך וואָס, אַ מענטש, שטייט אויף אינדערפרי, איז גאַנץ נאַטירלעך, נאָר אַז ער קען נישט ג י י ן, מ׳דאַרף אים נ ע מ ע ן, א ו ו ע ק ז ע צ ן . . .

יענע „רייזע״ וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַרויסגענומען פון וואַש־צימער האָט ברוך ניט קיין מענטשן, נאָר עפּעס אַ צעבראָכענע כלי, אַ שמאַטע, אַ . . .

אָרימער ברוך. וואָס ער איז זיך אויסגעשטאַנען פון איר יענעם

פריִמאָרגן! אָבער וואָס האָט זי געקענט טון? פון עסן איז אָפּגערעדט, זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די שיין, האָט ניט געקענט קוקן אויף ברוכן און, דערהערט: רופן אַ דאָקטאר? האָט זי זיך אַזוי צעכעסט אויף אים, אַז ער איז, נעבעך, געבליבן אָן לשון. ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום טיר, האָט זי אויסגעפּלאַצט אין אַזאַ געוויין, אַז זי האָט ממש געפילט איר גאַנצער קערפּער ווערט צעשאָטן, און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז זי האָט דערהערט זיך וויינען, און זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן דערפאַר, אַז זי האָט שיר ניט אויסגעשריען: ברוך! ברוך, קום אַהער! זי האָט זיך אַ זעץ געטון אויפן בעט, אַט אַט שפּרינגט זי אַרונטער, לויפט אים נאָך . . .

אַרונטערשפּרינגען פון בעט. זי האָט עס געוואָלט טון. זי האָט שוין מער ניט געוויינט. זי האָט אַ מעסט געטון מיט די אויגן ווי הויך איז די בעט איבערן דיל, ווען זי זאָל זיך אַרונטערוואַרפן . . . זי האָט אַמאָל געלייענט וועגן אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך אַרונטער־געוואָרפן פון זיין נאַרע אויפן שטיינערנעם דיל מיטן קאָפּ אַרונטער . . . מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי געזען דעם אַרעסטאַנט, די נאַרע, דעם דיל, נאָר ווי אַזוי ער וואַרפט זיך אַרונטער מיטן קאָפּ צום דיל, דאָס, דאָס האָט זי ניט געקענט זען. ניין, דאָס האָט זי ניט געקענט זען, זי ה אָ ט דערזען דאָס מעדיצין שאַפקעלע אין וואַש צימער. אַספּירין, אנאסין, עמפּערין־קאָדעאין, אַלץ פּילן צו שטילן די ווייטיקן, אַן איינ־אונציק פלעשעלע יאָד, האַלב פול, גענוג אויף צעברענען דעם מויל, ניט מער, און ווי דערשלעפּט מען זיך צום שאַפקעלע? זיך דערמאָנט אָן איר „נסיעה" אַהין פריער, ווי ברוך האָט זי ממש אַריינגעטראָגן אַהין, זי אָוועקגעזעצט, דער געדאַנק אַז אָט אַזוי אָט וועט זי שוין דאַרפן לעבן, איז איר אַזוי מיאוס געוואָרן, אַזוי דערווידער, אַזוי אָפּשטויסנדיק, אַז איר האָט גענומען עקלען פון זיך, און פונם באַוואוסטזיין אַז ס'איז ניטאָ קיין אויסוועג, האָט איר אַזוי צוגעדריקט, אַז זי האָט זיך ווידער צעוויינט, זיך ממש געוויקעט אין טרערן.

— וואָס רעוועסטו ווי אַ בהמה, וואָס? — האָט זיך דאָקטאר זיסקינד צעשריען. מיט די ווערטער. אַ משוגענער דאָקטאר, אָבער ווען ניט ער . . . — ליגט און רעוועט. וואָס ביסטו, וואָס? אַ בהמה, אַ פערד? האָסט אַמאָל געזען אַ בהמה צי אַ פערד אויף דריי אָדער צוויי פיס? אַ פערד אויף קוליעס? ניט געזען. ווייל אַ בהמה, אַ פערד, אַז עס ווערט צעבראָכן אַ פוס איז אויס בהמה. דו ביסט דאָך אָבער אַ מענטש, און

אַ מענטש איז . . . דאַרף ניט זיין קיין בהמה, ליגן און רעוועז, געמעגט שווערן די וועלט גייט אונטער . . .

— אוי, דאָקטאר . . .

זי האָט זיך אויף ס'ניי צעוויינט און דער דאָקטאר, אַ משוגענער דאָקטאר, האָט זיך צוגעבויגן, אַ קוש געטון אין איין אויג, אין צווייטן

— נו שאַ, וויין ניט, קעצעלע . . .

דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַזוי פּלוצלונג, אַז זי האָט אויפ־געריסן די אויגן.

— נו, וואָס פאַר אַ שכל ליגן און וויינען? קענסט ניט גיין? טוט וויי? טוט ניט וויי? הם, טוט ניט וויי . . . מאַכט ניט אויס, כ'מיין, איז דאָך אודאי גוט.

— זי קען זיך ניט רירן! אפשר קען ער עפּעס טון זי זאָל זיך שטעלן אויף די פיס.

— טון קען ער גאָרניט. די ספּעציאַליסטן . . . זיי האָבן שוין געטון אַלץ . . . זי זאָל מער ניט גיין צו זיי, צו קיינעם! זי וועט גיין צו זיי, וועט זיין פוס מער ניט אַריינשמעקן אַהער. ער האָט איצט אויך ניט געוואָלט קומען, ווען ניט ברוך. ער האָט אים ממש פאַרשלעפּט אַהער. קום אַהער, ברוך. דו גיי אַוועק צו די ראַבערטס, ווייסט וואו זיי גע־פינען זיך? וועסט אַ קוק טון אין טעלעפאָן בוך, וועסטו שוין געפינען. ראָבערטס, אַזוי רופן זיי זיך. וועסטו אַוועקגיין אַהין און קויפן, אָדער, אויב דו ווילסט ניט גלייך קויפן, איז דינגען אַ גאַנג־שטול. דאָ עט־לעכערליי, קלייב אויס דעם פּאַסיקסטן, כ'מיין אַזאַ, וואָס זאָל זיין צוגע־פּאַסט צו איר און וואָס גרינגער צו אפּערירן, וועסט שוין דאָרטן זען, און ברייננג אים גלייך אַהיים, וואַרט ניט ביז זייל'ן צושטעלן. און דו, וועסט זיך אַריינזעצן אין שטול, וועסט זיך נעמען באַוועגן, וועסטו גאָר פאַר־געסן אַז דו האָסט פיס, אַז מ'דאַרף גאָר האָבן פיס. מיט דער צייט וועלן מענטשן גאָר געבוירן ווערן אָן פיס, אַזוי פיל אויטאָמאָבילן . . . ניט געזאָרגט, מיין פריינט, מיט פיס, אָן פיס, אַ מענטש קען זיין געזונט און הנאה האָבן פון לעבן. וועסט שוין זען, דו פאַרליר נאָר ניט דעם קאָפּ. געעסן האָסטו שוין? עס, זאָגט מען דיר! שוין זאָלסטו נעמען עפּעס עסן! מאַכט ניט, דיין ברוך האָט ברייטע פּלייצעס, קענסט זיך פאַרלאָזן אויף אים, ער'ט שוין אַכטונג געבן אויף דיר, דער עיקר איז דו זאָלסט נאָר זיין אַ מענטש. זאָגסטו מיר צו? אָט, אַזוי האָב איך דיך ליב.

געווען זיכער אַז באַלד קומט נאָך אַ קוש, ער איז אָבער אָפּגע־

קומען מיט אַ פּעטשל אין באַק, אַ כאַפּ געטון זיין רענצעלע מיטן היטל און אַנטלאָפן, ניט נעמענדיק אפילו פאַרן וויזיט. משוגענער דאָקטאָר.

ברוך איז אַוועקגעגאַנגען, געבראַכט אַ שטול. ניט דעם. ער האָט זי אַריינגעזעצט — פּאָר! צום טיש! צום אויוון! צו דער בעט! ער האָט מושטירט ווי מע מושטירט אַ סאָלדאַט, אַליין נאָכגעגאַנגען, געקוקט, באַטראַכט. — שוין זיין גוט.

צוויי וואָכן איז ער אָפּגעליגן אין שאַפּ, געאַרבעט, געמייסטרעוועט, געלאָפן אַהער, אַהין. זי האָט געוואוסט ער מייסטרעוועט אַ שטול פאַר איר, אָבער וואָס אַזוינס האָט ער איר ניט געוואָלט זאָגן. — וועסט שוין זען. — פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אַריינגעבראַכט דעם שטול. — אַנו, זעץ זיך נאָר אריין. — זעץ זיך אַריין . . . ער האָט זי אַ נעם געטון אונטער די פּאַכוועס, זי אַריינגעזעצט, אַ שטופּ געטון: פּאָר! האָט זי אַ פאָר געטון און זיך צעלאַכט: עפּעס האָט עס איר דערמאָנט אָן דער צייט ווען זי איז געווען אַ קינד, זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ שלי־טעלע, דאָס ברודערל האָט אַ שטופּ געטון און זי איז געפלויגן באַרג אַרונטער. — פאָרט גוט? איצטער קום אַהער, דאָ צום טיש. ריכטיק. איצטער צום אויוון. גוט. און ווי אַשטייגער אַז ז׳יט וועלן דערלאַנגען אַ טעלער פון דער פּאָליצע? נו יאָ, נו, די ערשטע, צווייטע פּאָליצע. דאָס הענטל טו אַ קוועטש! אָט דאָס הענטל . . .

אסתר האָט אַ קוועטש געטון איין הענטל פון שטול און ביינוש שיינפעלד האָט ממש געזען ווי אסתר האָט זיך אַ הויב געטון, איז אויס־געוואָקסן אין שטול. זי האָט אַרונטערגעלאָזט דאָס הענטל און אַ קוק געטון אויף אים: וואונדער, האַ?

דער שטול איז אַזוי געמאַכט געוואָרן, אַז זי האָט זיך געקענט אויפ־הייבן, דערלאַנגען די צווייטע פּאָליצע אין קיך, אָבער דאָס איז נאָך גאָרניט, די ווענטלעך פון שטול לייגן זיך אָפּ, זי קען פון דעם שטול זיך איבערזעצן אויף אַ צווייטן, קען זיך אַריינלייגן אין בעט, זי האָט געקענט זיך אַוועקזעצן . . . דאָרטן.

מענטשן ווערן פאַרכאַפּט פון אַ טראַגעדיע, אַ דראַמע, ליבע, איי־פערזוכט, טויט, מאָרד, עפּעס שטאַרקעס, אויסערגעוויינלעכעס, זי וואָלט אָבער אַ בעלן געווען זען אַ שרייבער וואָס זאָל באַגרייפן די טראַגעדיע פון אַ דערוואָקסענעם מענטשן, אַ געזונטן דערוואָקסענעם מענטשן, וואָס איז אָבער געבליבן אָן פיס און קען ניט גיין אין נויטיקן מקום. אַ קליי־ניקייט, האַ? די פאָר וואָכן, ביז דער שטול איז פאַרטיק געוואָרן, האָט

זי זיך פאַרשאָלטן דאָס געביין. נו יאָ, מענטשן ליגן אין שפּיטאָלן, גייען ניט אַרונטער פון בעט, איז ערשטנס ווייסט מען נאָך נישט ווי ז י י פילן, צווייטנס, זייַנען זיי דאָך חולאים, זייל'ן געזונט ווערן, וועלן אַרויסגיין, וועלן זיי זיין צוריק מענטשן, דאָ . . . זי איז אַליין אַרייַנגעפאָרן אין וואַש צימער, אַליין זיך אַרייַנגעזעצט צוריק אין שטול, אַרויסגעקומען און דערזען ברוכן, האָט זי זיך אַ רעדל געטון צו אים, אָנגעכאַפּט אים פאַרן העמד, און אויב זי האָט אים דאַן ניט דערשטיקט, ניט צעבראָכן זיין נאַקן מיט אירע אָרעמס, איז ער אַן אייזערנער . .

גילדענע הענט האָט ער. ער איז אפשר ניט קיין קינסטלער, קען אפשר ניט שאַפן עפּעס אָריגינעלעס, אויסטראַכטן, דערפאַר אָבער אַז ער מאַכט עפּעס, איז עס אַ גוט שטיקל אַרבעט, באמת אַ קונסטווערק. אַ יאָר צוויי צוריק האָט ער געמאַכט אַ גאַרניטור מעבל פון אַן עס צימער פאַר די וויטנים. מיליאָנערן. אַ טיש מיט צוועלף שטולן, אַ בופעט און אַ וועגעלע אויף פירן די כלים. אַלץ האַנט געשניצט. אַן אַנטיק! עס איז געווען אַזוי שיין, אַז . . . מ'קען זיך פאָרשטעלן, זיי האָבן אים באַצאָלט דערפאַר פיר טויזנט דאָלאַר, און ער האָט זיך אָפּגענאַרט, געדאַרפט געווען נעמען פינף. אים האָט עס גענומען דריי חדשים צייט. אַזאַ פיינע אַרבעט, טאַקע נאָר צום באַוואונדערן. נו, דאָס איז דאָך זיין פאַך, דאָ — אַ שטול, אַ גאַנג־וועגעלע, ווי זיי רופן עס אין שפּאַס, זי וואָלט אים דערפאַר . . .

— איצטער ארונטער פון קעסט! — האָט ער זי „געוואָרנט", — זי קען טון אַלץ וואָס זי דאַרף און ער וועט איר ניט ארויסהעלפן פון דאַנען ביז אַהין, אָבער טאקע גאָרניט, חוץ איין זאַך — אין וואַנע מוז ער זי אריינזעצן. געטראכט וועגן דעם אויך, אָבער ניט געקענט אויסמייסטרעווען, באין אופן. טאָ זאָל זי ניט מאַכן קיין שהיות און זיך פאַרטיק מאכן פאַר דער וואנע, ווייל דאָס וואסער איז שוין באלד אָנגעגאַנגען.

ער האָט זי אריינגעזעצט אין וואַנע, זי האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך גוט ארומוואַשן, אַהאַ, ער איז דאָ! האָט זי גענומען שרייען ער זאָל ארויסגיין, זי'ט אים דאַרפן וועט זי אים לאָזן וויסן.

— דאָס, מיידעלע, וועט ניט גיין. ער'ט זי אַריינזעצן אין וואַנע, זי ארויסנעמען פון דאָרט, און זי אים גאָרניט? ניט ביי ברוכן! שוין פופצן יאָר אז ברוך חלשט, גייט אויס עמעצער זאָל אים אויסרייבן, גוט גוט אויסרייבן דעם רוקן, ער האָט ניט געבעטן זי זאָל עס טון, פאַר־

וואָס זאָל זי? איצטער אָבער, ער האָט זי אַרייַנגעזעצט אין וואַנע, איז אויב זי וויל ער זאָל זי אַרויסנעמען, טאָ זאָל זי זיין אַזוי גוט און אויס־רייבן, גוט גוט אויסרייבן די פּלייצע.

ניט נאָר האָט זי אויסגעריבן די פּלייצע, זי האָט זיך אַזוי איינגעביסן אין איר אַז ער האָט אַזש אויסגעשריען פון ווייטיק. נאָכדעם האָט זי שוין געמוזט „פאַרהיילן" דעם ביס, אָפּווישן, אָפּטריקענען זיין פּלייצע, און ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער אַ שאַר געטון די הענט אונטער אירע שיינקל, אַ געשריי געטון: האַלט זיך אָן, און „באַראַנטשיק" זי אַוועקגעטראָגן אין בעט. און ווען ער האָט זי אַרייַנגעלייגט אין בעט, האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביים נאַקן, אים אַרייַנגעצויגן צו זיך, און . . . אויב זי האָט וועמען עס איז ליב געהאַט, אויב זי האָט ווען עס איז ליב געהאַט ברוכן, האָט זי אים ליב געהאט יענע נאַכט . . .

ער פאַרשטייט? ניט נאָר האָט ער געוויזן אַז זי איז אַ מענטש באַגלייך מיט אַלע מענטשן, קען טון אַלץ פאר זיך, ער האָט איר געוואָלט וויזן אַז זי קען עפּעס טון פאר אים, פאר עמיצן אַנדערש. ער איז אַזאַ גוטער! זי האָט אים ליב!

איר קוק דערביי האָט געזאָגט: די אַלע ליבעלייען מיט דיר אַמאָל — דאָס איז געווען אַ שפּיל, כ'וויס דאָרטן, עלעהיי פאַנדן, צום אַמוזירן זיך, דאָ, פאַרשטייסטו מיך, איז עס ערנסט, די ליבע איז דורכגע־גאַנגען אַ שווערע פּראָבע, און איך האָב ליב, ליב!

און זי טוט טאַקע. פון הויז איז אָפּגערעדט, זי אַליין קאָכט, באַקט, ראַמט, יאָ, זי ראַמט אַליין די הויז, טאַקע פאַרנדיק אויפן שטול. זי קען אַרייַננעמען אַ פרוי, אָבער זי וויל ניט, בלויז ווען זי דאַרף אויסוואַשן אַלע פענסטער נעמט זי אַריין אַ מענטשן אויף אַ טאָג צייט. יאָ, די הויז אַרבעט טוט זי אינגאַנצן אַליין, זי טוט אָבער אַרבעט חוצן הויז אויך.

אַזוי די מעשה. זי באַלאַנגט צון אַ פרויען פאַראיין, באַלאַנגט זי. שוין עטלעכע יאָר. יעדן יאָר מאַכן די פרויען אַ באַזאַר און זי פלעגט אַרייַנברייינגען צום באַזאַר אַ צוויי דריי הונדערט דאָלאַר, ווען זי איז אָבער „געפאַלן אויף די פיס" האָט זי, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אַרויסגיין. מיט ברוכן פאָרט זי יאָ אַרויס. ער שטעלט אַריין דאָס „גאַנג־וועגעלע" אין אויטאָמאָביל און זי פאָרט. אפילו צון אַ קאָנצערט גייט זי. זי פאָרט צו צו איר ביינקל, זעצט זיך איבער, מ'נעמט צו דעם שטול, נאָכדעם ברייינגט מען אים צו. דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט ווי אויף

אַ בייז וואונדער, געמעגט שווערן זי איז געקומען צום קאָנצערט מיט פּאַרנייטע אויערן. איצט איז זי שוין געוואוינט דערצו, מענטשן, טפּשים. יאָ, מיט ברוכן גייט זי, אָבער גיין קליבן זאַכן פאר א באזאר, דאָס האָט זי ניט געקענט. איז איר איינגעפאַלן זי׳ט עפּעס מאכן פאַרן באַזאר.

אַז זי האָט אמאָל געצייכנט ווייסט ער דאָך. קיין גוואלדאָוונע צייכנערן טאָקע ניט געווען, אָבער אַן אויג פאר קאָליר, ליניע האָט זי דאָך, די פינגער זיינען ניט קיין „ווילדע״, פינגער און אויג אַרבעטן האַרמאָניש, און די הענט דינען דאָך. האָט זי געבעטן ברוכן ער זאָל גיין אין אַ שניידער שאָפּ און איר ברייגנען אָפּשניטלעך פון סחורות, וואָס פאלן ארונטער ביים שניידן. אַ גאַנצן זאַק האָט ער געבראַכט. און קאָלירן! זי האָט אומישנע איבערגעציילט — פיר און צוואַנציק קאָלירן! האָט זי גענומען און פון די שטיקלעך צוזאמענגעשטעלט אַ פיל־קאָלירטע קאָלדרע. אזוי ווי דאָס געלט פון באַזאַר גייט פאַר ארץ ישראל, האָט זי פון די שטיקלעך טאָקע אויסגעאַרבעט אַ חלוץ, ווי ער גייט נאָך דעם אַקער אין פעלד מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. ארויסגעקומען אַ פיין שטיקל אַרבעט. זי דאַרף עס אפשר ניט זאָגן, אָבער זי׳ט אים אומישנע וויזן וואָס אנדערע האָבן געזאָגט.

זי האָט זיך אַ רעדל געטון אין אַ צווייטן צימער, אריינגעבראַכט אַ בריוו פון דער אָרגאַניזאַציע, וואו מ׳האָט איר באַדאַנקט פאַר דער מתנה און שטאַרק געלויבט איר אַרבעט. דער אופן ווי זי האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו — אַ שרייבער וואָס וויזט א צווייטן שרייבער אַ גינסטיקע רעצענזיע וועגן זיינעם אַ בוך.

— הלואי קריג איך אַזאַ רעצענזיע וועגן מיינעם אַ בוך, — האָט ביינוש געשפּאַסט. — פיין, זייער פיין, — האָט ער צוגעגעבן ניט אָן אַ שמייכל.

— זי זאָל עס דיינקען אַזוי. ווייסט ער וויפל די קאָלדרע האָט אריינגעבראַכט? ער׳ט ניט טרעפן. פיר הונדערט דאָלאר! תחילת האָבן זיי געדיינקט זי פאַרקויפן. קיין בעלנים האָבן ניט געפעלט, יעדער איינער, פון די נאָענטע גראַדע, האָט זי געוואָלט אויסכאַפּן און כאַפּן אַ מציאה, פאַרשטייט זיך, האָט דער באַזאַר קאָמיטעט באשלאָסן אז גלייכער וועט זיין — פלעטן. אַ דאָלאר א פלעט. אין משך פון צוויי טעג איז פאַר־קויפט געוואָרן דריי הונדערט פיר און פופציק פלעטן. אייניקע האָבן גענומען צו צען פלעטן. געוואונען האָט זי איינער, עפּעס אַ פרעמדער, וואָס האָט געקויפט איין פלעט, די קאָלדרע איז אים אָבער אזוי געפעלן

געוואָרן, אַז ווען עס איז געקומען צום אַרויסנעמען האָט ער דערצאָלט די זעקס און פערציק דאָלאַר און געמאַכט אַ גלייכן חשבון — פיר הונ־דערט. ניט שלעכט? דאָס איז נאָך אָבער גאָרניט. די קאָלדרע האָט געמאַכט אַ רושם אין שטאָט. גלייך נאָכן באַזאַר זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, זיי מאַכן אויך באַזאַרן, מוז זי געבן זיי אויך קאָלדרעס, אַפילו פּריוואַטע מענטשן זיינען געקומען, זיי זיינען וויליק גוט באַצאָלן, אַבי זי זאָל פאַר זיי מאַכן די „משוגענע קאָלדרע״, ווייסט'אָך, פון שטיקלעך.

— זי קען אַנטוויקלען אַן אינדוסטריע . . .

— נו, קיין אינדוסטריע אַנטוויקלען וועט זי שוין נישט. פאַר געלט וועט זי גאָרניט מאַכן פאַר קיינעם. וואָס דאַרף זי געלט, וואָס? ברוך פאַרדינט גאַנץ פיין, איז אַזוי לאַנג ווי ברוך איז דאָ דאַרף זי וועגן געלט אַפילו נישט טראַכטן, ניט זי וויל עס, און ער אודאי ניט, און טאָמער, חלילה, זאָל עפּעס פּאַסירן מיט ברוכן, וועט זי שוין אודאי קיין געלט ניט דאַרפן. דאָס ווייסט זי שוין אויף זיכער. איצטער, מיט אַט דעם שטול, קען זי שוין עפּעס טון, ניט טראַכטן וועגן דעם האַלבן פלעשל יאָד אין שאַפּקעלע און ניט קענען צו דעם צוקומען . . . אָבער זי טראַכט גאָרניט וועגן דעם, ברוך, זאָל ער איר געזונט און שטאַרק זיין, איז ביי זיינע פולע כוחות. אַן געלט, פאַר עפּעס אַ גוטן צוועק, דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך. א מענטש לעבט דאָך ניט נאָר פאַר זיך, ער דאַרף דאָך עפּעס טון פאַר אַנדערע אויך, און טאַקע עפּעס ט ו ן, ניט סתם ריידן . . . אָבער זי האָט אים שוין אַנגערעדט אַ פולע קאָפּ, און אַלץ וועגן זיך, וואָס ט ו ט ע ר ?

— ער? ער . . . רעדט, שרייבט ביכער . . .

— דאָס איז אויך עפּעס געטון. עפּעס אַרויסגעגעבן לעצטנס?

— ער קלייבט זיך איינגיכן אַרויסגעבן אַ בוך.

— וועט ער איר צושיקן אַ קאָפּיע? זיין לעצטן בוך האָט זי.

— ער'ט עס זיכער טון, און ער איז צופרידן, זייער צופרידן וואָס ער האָט זי געזען.

ביינוש שיינפעלד האָט עס ניט געזאָגט סתם אַזוי זיך, מן השפה ולחוץ. ער א י ז געווען צופרידן וואָס ער האָט געזען אסתרן, און געזען זי אַזאַ. גערעכט האָט ער זיך טרעפן אַ קראַנקן, עגאָצענטרישן מענטשן, ווי די מייסטע קראַנקע, און געטראָפן האָט ער אַ . . . גליק־לעכן מענטשן. אַרויסגעגאַנגען פון איר הויז, איז שוין פון טומאַן אין

קאָפּ קיין זכר ניט געבליבן, אַ העלע תמוז זון האָט אים אַ בלענד געטון אין די אויגן, און אין קאָפּ האָט אַ בליץ געטון: דאָרטן אין מוזעאום — ווענוס פון מילא, דאָ, אויף מיללער סטריט, אויך אַ ווענוס. דאָרטן ווענוס־אדאניס, דאָ זייערע „טאַטע־מאַמע״ — אסתר־אישטאר־תמוז. אַ נייע מגילת אסתר, און גאָרנישט קיין שלעכטע מגילה. „שרייבער זוכן טראַגעדיעס, דראַמעס, ליבע, אייפערזוכט, מאָרד . . . די טראַגעדיע פון אַ מענטשן, אַ געזונטן מענטשן, וואָס קען ניט גיין אַהין וואו „דער קייסער גייט אַליין״. אי, אסתר, אסתר, דו ווייסט גאָרניט וואָס דו האָסט געזאָגט. ניט נאָר די טראַגעדיע, די שיינקייט, די . . . געטלעכקייט דערפון. יאָ, אַז גאָט וויל נידערט ער אַרונטער אַהין, וואוהין דער קייסער גייט אַליין. יענע ווענוס, אָן הענט, אַ שטיינערנע, ליכט און שיינט און גיט חשק צום לעבן, די ווענוס, אָן פיס, באַוועגט זיך, טוט זאַכן פאַר זיך, פאַר אַנדערע, און זי גיט כוח צום לעבן...

אַ קאַליידאסקאָפּ פון בילדער פאַר די אויגן, אַ וויכער פון געדאַנקען אין מוח, איז ביינוש שיינפעלד געגאַנגען, געלאָפן צו זיין שרייב טיש. איין קליניקייט! ער האָט געזען גאָט! גאָט האָט ער געזען! אַ גריכישן, אַ יידישן, אַ מענטשלעכן גאָט, און דערזעט מען גאָט, ווערט ליכטיק אין די אויגן . . .

אָפּערע

דאָקטאָר גבריאל צעדערבוים האָט געהאַט אַ נאָמען אין שטאָט, ביי סתם מענטשן און אויך צווישן דאָקטוירים, פון אַ מאַרך ספּעציאַליסט. אויסגעצייכנט האָט ער זיך אין שניידן. עטלעכע מענטשן אין שטאָט זיינען אַרומגעגאַנגען מיט „פּענסטערלעך" אין זייערע שאַרבנס, דאָס האָט דר. צעדערבוים אויסגעשניטן אַ געוויקס, וואָס איז געוואָקסן אויפן מאַרך און געלאָזט אַ „פּענסטערל". מיט זיי האָט ער שטאָלצירט. היפּשע עטלעכע מענטשן האָט ער אויך געהאַט אויפן בית עולם, ער האָט אָפּערירט אויף אַ געוויקס א י ן מאַרך. מיט זיי האָט ער ניט שטאָלצירט, זיי זיינען אָבער אויך ניט געווען אויף זיין געוויסן: דר. פרימאַן פון וואַשינגטאָן וואָלט זיי אויך ניט געראַטעוועט פון טויט, און ער האַלט זייער פון דר. פרימאַן, נוצט אפילו דעם מעסער, וואָס יענער האָט אויסגעאַרבעט פאַר מאַרך אָפּעראַציעס. טאָ פאַרוואָס האָט ער געשניטן? ווייל ס'איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען, און אויב עס איז נאָר דאָ איין שאַנס אין טויזנט דאַרף מען דעם שאַנס נעמען און, אַגב אורחא, אויך עפּעס לערנען. ער האָט גענומען שאַנסן און אויך . . . געלט, אפילו אַ סך געלט, דאָס מינדסטע וואָס ער האָט גערעכנט פאַר אַ מאַרך אָפּעראַציע איז געווען אַ טויזנט דאָלאַר, ניט זעלטן צוויי און אפילו דריי טויזנט, אויב יענער האָט נאָר געקענט באַצאָלן, דערפאַר אָבער האָט ער ביי אַ קבצן גענומען אפילו אַזאַ קליינע סומע ווי הונדערט דאָלאַר, אָפּגערעדט פון זיין אַרבעט אין שטאָטישן שפּיטאָל, וואו ער האָט גאָר קיין געלט ניט געקראָגן. דאָס שניידן, די פּראַקטיק אין אָפיס — אַ וויזיט איז געווען ניט ווייניקער ווי פינף און צוואַנציק דאָלאַר — האָט אים אַריינגעבראַכט אַ היפּשלעכן קאַפּיטאַל. אַ ביסל געלט האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ קאָמערציעלער געביידע, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אַ גאַנץ פיינע חודשלעכע הכנסה, אַ ביסל האָט ער אַריינגעלייגט אין ווערט-פּאַפּירן אָן וועלכע ער האָט „פאַרגעסן", דאָס הייסט, ניט מיט דער דעה צו פאַרקויפן, ספּעקולירן, אַזוי אַז ער איז

שוין געווען באַזאָרגט מיט אַ הכנסה אויף זיין גאַנצן לעבן, אויב ער האָט פּאָרט פּראַקטיצירט מעדיצין, האָט ער עס געטון ווייל ער איז נאָך געווען צו יונג זיך צוריקציען פון פּראַקטיק, איינגאַנצן אַ יאָר זעקס און פערציק, און, דער עיקר, ווייל ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט, אפילו שניידן האָט ער ליב געהאַט. אמת, ביי דער אָפּעראַציע איז ער אָפּגעגאַנגען מיט שווייס, אַן אָפּעראַציע האָט אמאָל געקענט נעמען צוויי־דריי שעה, און די גאַנצע צייט איז ער געווען אַזוי אָנגעשטריינגט, ממש אַן אָנגעצויגענע ספּרונזשינע. זיינע ברעמען, גרויסע פּאַרקיילעכיקטע ברעמען, צוויי געשריבענע „רישן", איינער קעגן אנדערן, האָבן בעתן שניידן אָט זיך אויפגעהויבן ווי צוויי קראַקוועס וואָס האָבן אונטער־געהאַלטן דעם געקאָרבטן שטערן, געוואָרן צוויי „ת", און שיר זיך ניט צוזאַמענגעגאָסן ביים נאָז בריקל, וואו אַ טיפער קנייטש האָט זיך איינ־געשניטן, און עס האָט זיך געדוכט אַז פון אָט דעם אַ איינשניט האָט זיך עס אויסגעשניטן דער לאַנגער אויסגעצויגענער נאָז. דער נאָז, מויל איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרשטעלט ביים שניידן, די אַסיסטענטן, די וואָרט־פרויען ביים שנייד טיש האָבן אָבער געקענט זען ווי דער שפּיץ נאָז רייסט זיך אויף אַרויף, דער מויל פאַרציט זיך, צעציט זיך, אָט ווי זיי וואָלטן מיטגעמאַכט די באַוועגונגען פון די הענט, די פינגער, אָפּגערעדט שוין פון די אויגן, אָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, זיי, צוזאַמען מיטן לאַנצעט, שניידן זיך אריין אין דער „גרויער מאַטעריע", און אָט האָבן זיי זיך געיאָגט פון איין ווינקל צום צווייטן, ווי נאָכ־יאָגנדיק, וועלנדיק עפּעס כאַפּן. אָט די באַוועגונגען פון די פנים מוסקולן זיינען געווען אַזוי אינטענסיוו אַז זיי האָבן זיך געוויזן אויף זיין פנים שוין אפילו נישט ביים שנייד טיש, נאָר אויך אין זיין אָפּיס, אין זיין „ציווילן" לעבן. ניט איין פּאַציענט, צוזעענדיק אָט די מימיק, האָט ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטון: אָט דער אַ איז עס אַ מאָרך ספּעציאַליסט? מיט אַזעלכע „משוגענע שטיק"! זיין רעפּוטאַציע איז אָבער געווען אַ פעסטע, אַן איינגעפונדעוועטע, כאָטש ער איז נאָך ניט אלט געווען קיין פופציק יאָר און בלויז אויף זיין פּאַטילניצע האָט זיך געזען ניט מער ווי אַ גרויער שמיר, אָט ווי אַ פאַרבער וואָלט אַ לייג געטון אַ בערשטל מיט גרויער פאַרב, אַ לייג געטון און צוגענומען.

די רעפּוטאַציע האָט דר. צעדערבוים געהאַט הויפּטזאַכלעך צוליב זיין שניידן, „גאָלדענע פינגער". ער אליין האָט אָבער באַטראַכט דאָס שניידן ווי אַ טעכנישע זאַך, דער עיקר איז ביי אים געווען ניוראָלאָגיע,

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גוטן פּסיכאָלאָג און ווינציק וואָס געהאַלטן פון . . . פרוידן.

— פרוי—ד, — האָט ער געצויגן דעם נאָמען, אַ דריי טוענדיק דערביי מיטן מויל, און דער דריי האָט געקענט אָנגענומען ווערן אי פאַר אַ פּנים א גרימאַסע, אי פאַר אַ שפּאָטישן שמייכל, — האָט גענומען דעם אַלטן יצר הרע, וואָס איז ביז אים ארומגעגאַנגען פראַנק און פריי איבער דער גאָרער וועלט און האָט אים איינגעשפּאַרט אין די . . . הויזן. פון קאָפּ, ווידער, האָט ער ארויסגעטריבן דעם יצר טוב און אריינגעזעצט אהין אַ צענזאָר. איך האָב שוין געשניטן אַ היפּשע פּאַר מאַרכעס און, איך זאָג אייך, דאָרטן איז ניטאָ קיין יצר טוב, ניט קיין צענזאָר, דאָ גרויע מאַטעריע, דאָס אַלעס. ווי עס אַרבעט? דאָס איז די פראַגע. דאָס איז די גרויסע פראַגע, — האָט ער אַ רייב געטון דעם קין, אַ דריי געטון מיט די אויגן.

— מיר האָבן דעם עלעקטראָענסעפאַלאָגראַף, מיר'ן האָבן אַ פּסי־כאַגראַף, סערעבראַגראַף, דעמאָלט וועלן מיר אפשר עפּעס וויסן, דער־ווייל ווייסן מיר זייער ווינציק, פאַרדאַמט ווינציק. אָט איצטער אַ עקס־פּערימענטיר איך מיט עלעקטרישע צעטרייסלונגען. נו, אין אייניקע פאַלן אַרבעט עס, בעסער ווי אינסולין אָדער מעטראַזאַל, ברייגגט גוטע רעזולטאַטן און טוט ווינציק שאָדן, אויף ווי ווייט מיר קענען זען, אָבער עס איז נאָך צו פרי צו זאָגן: דאָס איז עס! אַלץ וואָס איך קען זאָגן — עס איז מער ממשותדיק ווי פרויד'ס חלומות . . . אַ ביסל אדרע־נאַלין, אויב מ'זעט נאָר ווי עס ווירקט, איז מער ממשותדיק ווי פּותר חלום זיין . . . פאַרשטייט זיך, עס זיינען דאָ אַ היפּש ביסל קלאָרע משוגעים, אַזוי באַצייכן איך זיי, מענטשן וואָס ריידן זיך איין אַ קריינק. אָט די קריינק, ווייל זי איז אַן איינגערעדטע, קען מען זי ארויסריידן. קומט צו מיר אַזאַ קראַנקער, בעסער געזאָגט, אַזאַ „קריינק", שיק איך אים, מערסטנס זי, צו אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער, זאָל ער איר פּותר חלום זיין. איך האַלט פון דער „גרויער מאַטעריע" . . .

אָט דער „גרויער מאַטעריאַליסט" האָט דאָך מאַרקירט אַז די לעצטע אָפּעראַציע פון וואָך זאָל זיין אין אַ דאָנערשטיק, כדי ער זאָל האָבן פולע דריי טעג פאַר זיך, און די פרייע צייט האָט ער אָוועקגעגעבן אויף לייענען פאַך ליטעראַטור, פּסיכאָאַנאַליז אריינגערעכנט, און דער עיקר אויף מאָלן. ער האָט זיך געשפּילט אין מאַלעריי, געצייכנט מערסטנס קעפּ, און דווקא הוילע, האַרלאָזע. — אַז מענטשן ווייסן דאָך ניט ווי אַ

קאָפּ זעט אויס! אַ קאָפּ? אַ באלעם! ווען זיי זאָלן זען קעפּ ווי ער זעט זיי! קעפּ מיט בערג און טאָלן, קעפּ מיט טרעפּ, קעפּ . . . — ער האָט געהאַט אַ גאַנצע קאָלעקציע קעפּ, און ער גופא איז ניט געווען זיכער ביי זיך צי זיינע קעפּ זיינען הוילע קונסט אָדער אויך אַ בייטראַג צו דער וויסנשאַפט. ער האָט אויך שטודירט פּסיכאָלאָגיע פון „פרייע מאדעלן", ניט קיין פּאַציענטן. איין אָוונט אין וואָך האָט ער פּאַרבראַכט אין דזשאַק'ס קאפע, וואו די מייסטע געסט זיינען געווען מענטשן פון דער טעאַטער וועלט, שוישפּילער, דראַמע און סצענאַריא שרייבער, אַרומהיינגער, באשפּרינקלט אויך מיט אנדערע קינסטלער, קורץ — באהעמע אלאַ האליוואוד. זיי זיינען דאָס געווען זיינע לעבעדיקע מאדעלן. — דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער אומה, א באזונדער מין מענטש. דוכט זיך אלע מאָל פאַרשטעלט, צי אין גרים אויף דער בינע אָדער אָן גרים אין קאפע, אָבער אַלץ פאַרשטעלט, שפּילן טעאַטער, און דאָך זיינען זיי אַן אָפענער בוך, מ'דאַרף נאָר קענען לייענען ריכטיק.

פאַרשטייט זיך, דר. צעדערבוים האָט געקענט לייענען. ניט נאָר די אקטיאָרן, אפילו די קעלנער אין דער קאַפע זיינען אויך אַן אָפּצווייג פון דער שוישפּילער משפחה. ער האָט זיך געשפּילט מיט דער טעאָריע אַז שוישפּילער, שרייבער, קעלנער, טעקסי טרייבער, צייטונגס ייִנגלעך און . . . פראָסטיטוטקעס האָבן עפּעס געמיינשאַפטלעכס. אין קיין באָרדעל איז ער ניט געגאַנגען „שטודירן", אין דזשאקס קאַפע האָט ער אָבער געהאַט גענוג געלעגענהייטן צו שטודירן, באָאָבאַכטן, און ניט איין בּיליקע שוישפּילערן האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין ניט מער ווי אַ טייערע, דאָס הייסט אַ קאָסטבאַרע פּראָסטיטוטקע. יעדער באַזוך אין דזשאקס קאפע האָט אים געווינלעך געקאָסט עטלעכע דאלאר, ניט דוקא ווייל ער איז געגאַנגען שלאָפן מיט אַ ביליקער אַקטריסע, עס האָט זיך אַלע מאָל געפונען אַ פאַרשוין, אַ ער אָדער אַ זי, וואָס קוקט אויס אויף עמיצן ער זאָל באַצאָלן פאַר אַ מאָלצייט, כאַפּן א גמילות חסד, אַ חסד של אמת, קיינמאָל ניט אָפּצוגעבן, און ער האָט עס גערן געטון, אויב אפילו ער האָט געקענט דייטלעך זען אַז ער אָדער זי באַטראַכט אים ווי אַ בהמה וואָס לאָזט זיך מעלקן. — זיי קריגן אַ ביסל מילך, איך נעם אָבער אַראָפּ די סמעטענע, — האָט ער געשמייכלט צו זיך, געמאַכט נאָטיצן, ווען עס איז וועט ער זיך צוכאַפּן, אָנשרייבן זיין בוך, און עס וועט זיין אַן אינטערעסאַנט בוך. דאָס בוך איז דערווייל געווען אַ כאַאָטישער הויפן צעטעלעך, שטיקלעך פּאַפּיר, פּאַפּיראָסענע סער־

וועטלעך מיט אַ וואָרט אָדער צוויי פאַרצייכנט, אָדער גאָר אַ צייכענונג פון אַ פּנים, אַ קאָפּ, אָן אויער, בלויז אַן אויער, אַראָפּגעכאַפּט ביים עסן טאַקע, גאַנץ אָפּט דעם „מאָדעל" אין די אויגן. דר. צעדערבוים האָט זיך ניט געאײַלט מיט זיין בוך, דאָס שטודירן גופא איז געווען אינטערעסאַנט. ער האָט שוין געהאַט זיין טיש אין קאַפע, אַ קליין טישל, בלויז פאַר צוויי, ביים סאַמע סוף פון דער קאַפע, פון וואַנען ער האָט געקענט זען, באַטראַכטן דעם עולם, דאָס האָט ער גערופן זיין „מיז-אַנ-סאַן", גאַנץ אָפּט האָט זיך עמיצער צוגעזעצט צו זיין טישל, איז דאָס שוין געווען אַ „טעט-אַ-טעט" שטודיע.

אַרײַנגעקומען אין קאַפע און דערזען אַז ביי זיין טישל זיצט אַ פרוי, האָבן זיינע ברעמען זיך אַ ציי געטון, דער קאָפּ האָט זיך אַ דריי געטון אָן אַ זייט: וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי פאַרנעמען זיין טישל? די אויגן האָבן אַ לאָף געטון איבער די אַנדערע טישלעך, איינצלנע ביינקלעך זיינען געווען ליידיק, אָבער ניט קיין טישל. אויב בלויז אַ ביינקל איז שוין בעסער דאָס ליידיקע ביינקל ביי זיין טישל. גייענדיק צום טישל האָט ער אַרונטערגעכאַפּט בילדלעך פון דער פרוי וואָס איז געזעסן דאָרט. צוויי צעפּ, זאַמד קאָליר האָר, פאַרפלאָכטן, אויסגעלייגט ווי אַ בייגל אַרום קאָפּ. אין אַ צייט פון געשווירענע האָר, יינגלשע פריזורן, זיינען די צוויי צעפּ געווען אַ דייטלעכער אָנזאָג אויף אָריגינאַליטעט, די פולע, דייטלעכע, ניט אויסגעצופּטע ברעמען האָבן שאַרף אָפּגעטיילט דעם אויבערשטן האַלבן פּנים, אָקצענטירט די לייגלעכע פאָרמע פון קאָפּ. — דאָליכאָסעפאַלעס, — האָט ער אַ טראַכט געטון אין אַ פּסעוודאָווויסנשאַפטלעכן טערמין. די בלייכקייט פון פּנים האָט ער אָנגענומען ווי אַן אויסדרוק פון נערוועזיטעט. אַ נערוועזע בריאה. געזען ווי אירע צוויי פינגער האָבן געגלעט, געריבן דעם שליף, האָט ער באַשלאָסן — מיגרען, זיליידט פון מיגרען, און דער כעס אויף איר למאי זי האָט פאַרנומען זיין טישל איז אָפּגעגאַנגען, ער איז שוין גאָר געווען צופרידן — באַשערט אַ „טעט-אַ-טעט".

— מעג איך זיך צוזעצן? — האָט ער אַ פרעג געטון נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אויפגעהאַנגען זיין היטל אויפן הייגער דערביי, אַ קלאָרע אָנצוהערעניש: צי דו ווילסט, צי נישט, איך זעץ זיך צו.

— אודאי, — האָט זי שטיל געענטפערט. אירע דינע, עטוואָס צוגעפאַרבטע ליפּן האָבן זיך אַ ציי געטון אין אַ זויערלעכן שמייכל, אירע אויגן, גרויע מיט ברוין געפלעקט, האָבן רואיק אַרײַנגענומען דעם פּנים

פון דעם אַריינדרינגער, וואָס איז געקומען איר פאַרשטעלן דעם אויס־זיכט, שטערן אירע מחשבות.

— איך זע איר האַלט שוין ביי דער קאַווע?

האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר איר למאַי ער האָט זיך צוגעזעצט דווקא דאָ? האָט ער זי אונטערגעיאָגט: טרינק שוין גיכער אויס דאָס ביסל קאַווע און גיי דיר? אירע גרויע אויגן האָבן זיך אַן עפּן געטון, פאַרדריסלעך אַ קוק געטון אויף אים און גלייך זיך ווידער פאַרצויגן, געוואָרן שמעלער, די דינע, קוים מערקבאַרע קנייטשעלעך ביי די אויגן ווינקלען האָבן אַ וויבריר געטון, דער ציטער האָט זיך איבערגעטראָגן צום מויל און, מיט די מויל ווינקלען פאַרשפּיליעט, האָט זי אַרויסגע־בראַכט: — ס׳איז בלויז קאַווע.

דער שפּאָט אין די פּאָר ווערטער, איינם טאָן האָט אַ דריי געטון זיין קאָפּ, דער אויסגעצויגענער נאָז האָט געטייטלט איר אין פּנים אַריין: דו, דו! זיינע אויגן האָבן באַגעגנט איר שמייכלענדיקן קוק: איך שפּאָט ניט, איך שמייכל בלויז. דער שמייכל האָט אים אַ רייץ געטון, איין אויג האָט זיך פאַרקנייטשט און פונם צעקרומטן מויל איז אַרויסגעפאַלן — וואָס, מיגרען? — איצטער האָבן זיך שוין זיינע אויגן פאַרזשמורעט, שפּאָטיש געפּיקט איר פּנים — דיך געפּאַקט!

דאָס געדרייטע, דינע, בלוילעך בלוט־געפּעס ביים שלייף האָט קוים באַמערקבאַר אַ ציטער געטון. אירע צוויי פינגער האָבן זיך אַ יאָג געטון צום שלייף, אַ גלעט געטון דאָס בלוט געפּעס, געבליבן רוען דארויף, ווי באַפעלנדיק: ליג רואיק! פון צווישן די ליפּן קוים געעפנט האָט זיך דורכגעזייעט אַ זויערער — איר זייט אַ דאָקטאָר?

— גראָדע האָט איר געטראָפן! — האָט ער שוין טריאומפירט. — דאָקטאָר צעדערבוים, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, כלומרשט קאָנווענ־ציאָנעל, אגב אורחאדיק, אָבער דער צייגערדיקער „צע", זיין קוק נאָכן אַרויסזאָגן דעם נאָמען האָט אים אַרויסגעגעבן אַז ער האָט דערוואַרט צו הערן: אה, דאָס זייט איר דער דאָקטאָר צעדערבוים! דערהערט האָט ער — מרים סאַפּיר, — אַ מין „גוט שבת, גוט יאָר", און איר נאָמען האָט אים געזאָגט פּונקט אַזוי ווינציק ווי זיין נאָמען איר. ווער איז מרים סאַפּיר? ניט ענטפערנדיק אפילו דעם קאָנווענציאָנעלן „צופרידן צו קענען אייך", האָט ער ווייט ניט העפלעך, שיר ניט גראָב אַ פרעג געטון: — אַן אַקטריסע?

— וואָס פעלט אייך איין אַן אַקטריסע?

— אַ פּנים איז אַ מסור.

איר ליינגלעכער מאַטאָווער פּנים האָט זיך קוים קוים אַ רויטל געטון, די לאַנגע וויעס האָבן זיך אַ הויב געטון, די גרויע אויגן האָבן שפּאַטיש געשפּילט, די דינע ליפּן האָבן זיך אַ קנייטש געטון. — ווען דער צונג זאָל אייך ניט האָבן פריער פאַרמסרט מיט אייער איבעראיילטן דיאַגנאָז: מיגרען, וואָלט אייער פּנים אייך פאַלש געמסרט אַז איר זייט אַן אַקטיאָר. איר האָט אַן אויסדרוקפולן פּנים, — האָט זי שוין צוגעגעבן אַן שפּאַט.

מענער, ווער שמועסט אַלטע בחורים, אפשר דערפאַר ווייל זיי קריגן עס אַזוי זעלטן, זיינען מער עמפּינדלעך אויף קאָמפּלימענטן וועגן זייער פיזיק ווי פרויען. דר. צעדערבוים איז ניט געווען פון די מענטשן וואָס שפּיגלען זיך אין זייער שיינקייט, ניט געווען אין וואָס זיך צו שפּיגלען, אָבער ניט איין מאָל, קוקנדיק אין שפּיגל, האָט ער מיט צופרידנקייט געפּסקנט פאַר זיך אַז אויב ער איז ניט קיין יפה תואר, האָט ער אָבער אַן א י י ג ע נ ע ם פּנים, און ער איז געווען צופרידן דערפון. דער קאָמפּלימענט אויפן חשבון פון זיין פּנים איז אים דאריבער אַזוי געווען צום האַרצן אַז ער האָט ממש אָפּגעבראָכן דעם שפּיץ פון דער שפּילקע וואָס זי האָט אים אַריינגעשטאָכן אין זיין צונג. ער האָט ניט געפילט קיין שטאָך, זיין ברייט מויל, די ליפּן פאַרמאַכט, האָט זיך אַ דריי געטון און מיט אַ צופרידן זיפצל אַ זאָג געטון — ניין, איך בין ניט קיין אַקטיאָר, איך בין אַ דאָקטאָר, אָבער איך האָב האָלד אַקטיאָרן, דאָס גאַנצע בינע געזינדל, שוישפּילער, זינגער . . .

וויל ער דאָס איר געבן אַן אומדירעקטן קאָמפּלימענט?

— וואָס אַזוינס געפעלט אייך אין דעם בינע ג ע ז י נ ד ל? — דאָס „געזינדל" איז אַרויסגעקומען ניט אָן איראָניע.

— ווי זאָל איך אייך זאָגן? זיי געפעלן מיר מיט זייער פרייקייט, זייער לעבעדיקייט, רירעוודיקייט, נאַטירלעכקייט. מ׳קוקט זיך צו צו אַק־טיאָרן, זעט מען זיי זיינען די אמתע מענטשן.

— אַקטיאָרן אמתע מענטשן?

דער שמייכל — אַ שאַרף פון אַ גאַל מעסערל — האָט זיך אויסגע־שניטן אויף אירע ליפּן, די גרויע אויגן האָבן קלוג באַדויערט: ביסטו אַ טפש! דער שמייכל, דער קוק איז געווען אַזוי אָפן, אַזוי דייטלעך, אַז ער האָט דערפילט ער מוז פאַרטיידיקן זיין „טעאָריע". — יאָ, זיי זיינען די אמתע מענטשן. איך ווייס אַז זיי שפּילן טעאַטער. זיי שפּילן טעאַטער אפילו ווען אַרונטער פון דער בינע, אָבער וואָס מיינט שפּילן

טעאַטער? דער ערשטער באַדינג איז אַרונטערוואַרפֿן אַלע אינהיבי־ציעס, אַלע צאַמען, לאָזן פֿריי די עמאָציעס. און דאָס וואָס זיי טוען. זיי זיינען עמאָציאָנעל, און זיי שעמען זיך ניט דאָס צו ווייזן. דעם גע־ווינלעכן מענטשן, דעם קליינבירגער מיט זיין קליינבירגערלעכער עטי־קעט זעען זיי אויס משונהדיק, אָבער זיי זיינען די אמתע, רעאַלע מענטשן.

— אָפּערע, — האָט זי אַ וואָרף געטון דאָס וואָרט, און די לאַנגע וויעס האָבן אַנטפּלעקט אירע קלוגע גרויע אויגן ווי פֿאַרצויגן מיט אַן אומעטיק הייטל.

דער קעלנער איז צוגעקומען, אַן עפּן געטון די מעניו פֿאַרן דאָקטאָר, אָנגעשטעלט דעם בלייפֿעדער אויף זיין קאַיעט, און דער בלייפֿעדער האָט באַפֿוילן: קלייב אויס! זאָג וואָס דו ווילסט.

דר. צעדערבוים האָט אַ דריי געטון די שפּייז קאַרט, די אויגן זיינען געשפּרונגען, דער מויל האָט זיך אַ דריי געטון. — גיט מיר אַ ווערמוט, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַן אומצופֿרידענער מינע, אַט ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס בעסערס און ניט געפֿונען.

— איין ווערמוט, — האָט דער קעלנער איבערגעזאָגט, אַ קראַץ טוענדיק אויפֿן קאַיעט און ווי אַ פֿויגל מיט אַמאָל אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו מרימען.

— איך . . . — האָט זי אַ שטאַמל געטון, ווייזנדיק מיט די אויגן אויפֿן טעפּל מיטן ביסל קאַלט געוואָרענער קאווע.

— נעמט עפּעס! — האָט זי דערהערט דר. צעדערבוימס ראַט, באַפֿעל.

זי האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ צום קעלנער, זייער שטיל אַרויס־געזאָגט „אָלד אָוועראָלט” און אַרונטערגעלאָזט די אויגן. דר. צעדער־בוים האָט אַ קוק געטון אויף איר, אויפֿן קעלנער, האָט נאָך פֿאַרכאַפּט ביים קעלנער אַ שאָטן פֿון אַ נאַטירלעכן שמייכל, וואָס איז כּהרף עין אָבער איבערגעגאַנגען אין אַ דינערישן, קעלנערישן שמייכל.

— צובייסן?

ווידער האָט דר. צעדערבוים אַ דריי געטון די מעניו און ווידער אַן אומצופֿרידענער אַרויסגעזאָגט: — שרימפּ קאָקטייל.

— שרימפּ קאָקטייל, — האָט געעכאָט דער קעלנער און אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו מרימען.

— איר האָט אַ שטיקל הערינג? — האָט זי געפֿרעגט־געבעטן, און דער קעלנער האָט מיט אַ שמייכל געענטפֿערט: — הערינג, מיט ציבעלעס . . .

— מיט ציבעלעס, — האָט זי צוריקגעשמייכלט, און דער שמייכל אַרום מויל, אין די אויגן האָט געגלעט דעם קעלנער: ביסט אַ וואוילער בחור.

— איר האָט הערינג? — האָט דר. צעדערבוים פאַרחידושט אַ פרעג געטון.

— עס איז ניטאָ אויף דער מעניו, אָבער אַז מ׳פרעגט דארויף האָבן מיר עס, — האָט ער רעספעקטפול געענטפערט דעם דר. צעדער־בוים און פאַרשווערעריש זיך איבערגעקוקט מיט מרימען.

— טאָ גיט מיר אויך הערינג, גוטן שמאַלץ הערינג. און יאָ, מיט ציבעלעס. דאָס איבעריקע שפּעטער, — האָט ער גראָבלעך צוגעוואָרפן דעם קעלנער, וואָס האָט שוין געוואָלט נעמען די גאַנצע באַשטעלונג.

— מאָדנע, — האָט דר. צעדערבוים ווי צו זיך אַליין גערעדט, נאָכ־דעם ווי דער קעלנער האָט אַוועקגעטענצלט פון טישל. — קום אַריין אַהער שוין אַזוי לאַנג און קיינמאָל ניט געוואוסט אַז זיי סערווירן הערינג. איר מוזט דאָ זיין אַ גאַנץ אָפטער אַריינגייער, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ חשד טאָן און פאַרשעריש אַ קוק געטון אויף איר. ווער ביסטו? פון וואַנען אַזאַ געניטקייט, אַזאַ פאַרשטענדעניש מיטן קעלנער? עפּעס איז דאָ. ער מוז עס דערגיין. וואו האָט ער געהאַלטן מיט איר איידער דער נאַרישער קעלנער איז צוגעקומען? אה, אָפּערע. — וואָס רופט איר אָפּערע?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון ווי די שטימע וואָלט זי אויפגעוועקט און דאָס וואָרט אָפּערע האָט געקלונגען אַזוי פרעמד. דערקענט דאָס וואָרט, האָט זי אַ שמייכל געטון, זי האָט זיך אָבער נאָך ניט אינגאַנצן אָריענטירט און האָט דאַריבער איבערגעפרעגט — וואָס רוף איך אָן אָפּערע? אָט די זעלבע שוישפּילערישע וועלט וואָס איר רופט אָן רעאַל, רוף איך אָן אָפּערע.

— איך כאַפּ איך ניט. — די שטירדע אויגן, די גרויסע רעדער־ברעמען, אפילו דער אויסגעצויגענער נאָז האָט געפּאָדערט: דערקלער! רעד קלאָרע דיבורים. ביי אונדז גייען ניט קיינע רמזים.

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט זי, מעשה לערער וואָס רעדט צו אַ תלמיד מיט אַ שוואַכער תפיסה, גענומען דערקלערן, — א י ר זעט אַ קעניג אויף דער בינע און איר טראַכט: דאָס איז אַ קעניג. ווען איר זעט נאָכדעם דעם זעלבן קעניג שוין ניט אויף דער בינע, זאָגט איר: דוכט זיך אַ געוויינלעכער מענטש, אָבער פאָרט אַ קעניג, דאָ

עפּעס קעניגליכעס אין אים. ווען א י ך זע דעם קעניג אויף דער בינע ווייס איך אַז דאָס איז אַן אָפּערע קעניג, די קרוין איז אַ פּאַפּירענע, דער טראָן באַדעקט מיט גאָלד פּאַפּיר און אפילו דעם קעניגס רייד זיינען אויך פּאַפּירענע, ער האָט זיי קוים אויסגעלערנט זאָגן אָדער, נאָך ערגער, אויסזינגען. איז נו, אויף דער בינע איז נאָך צו דערליידן, דאַרויף איז דאָך עס אָפּערע . . . דערזע איך אָבער דעם זעלבן קעניג אין גאַס, צי דאָ אין רעסטאָראַן, און ער שפּילט ד אָ דעם קעניג, איז עס שוין אפילו ניט קיין אָפּערע, סיידן אַ גילבערט און סאַליוואַן אָפּערע.

— ווי איך זע זייט איר ניט שטאַרק פאַרליבט אין אָפּערע.

— ניין, ניט צו שטאַרק. — אין אירע אויגן אַ שמייכל, אָבער אַזאַ פאַרביינקטער — אַ שטריך פון דער פאַרגייענדיקער זון הינטער אַ ווייסן אָבער געדיכטן וואָלקן.

— און איר?

— איך בין אַן אָפּערע פּאַטריאָט. לאָז קיינמאָל ניט דורך אַ גוטע אָפּערע, — האָט ער שוין אַרויסרופעריש געענטפערט, ווי איינער רעדט: ווייסטו שוין?

אירע אויגן האָבן געזאָגט: זאָל דיר וואויל באַקומען, געענטפערט האָט זי גאָרניט. צווישן זיי איז געשאַפן געוואָרן אַ חלל, אין דעם חלל האָט זיך געשפּרייט אַ שוויגן, מאַכנדיק אים אַלץ ברייטער, נאָך אַ ביסל און דאָס שווייגן וועט צערוקן די שטולן, דאָס טישל — אַ אינזעלע אין אַ טייך פון שווייגן. אַ נס דער קעלנער איז צוגעקומען, אוועקגעשטעלט די משקאות, די טעלער, די כלי מאכל און, פאַרטיק מיט זיין אַרבעט, האָט ער פאַרזיכטיק אַ פרעג געטון: — אייער באַשטעלונג?

דר. צעדערבוים האָט אויף אים בייז אַ קוק געטון און גלייך געכאַפּט די מעניו. מרים האָט שטיל אַ זאָג געטון: הינערשע לעבערלעך, און דערהערנדיק דעם קעלנערס עכאָ „הינערשע לעבערלעך", האָט דר. צעדערבוים פאַרגעסן וואו ער האָט געהאַלטן אין דער שפּייז קאַרט. פאַרדאַמט זאָל זי ווערן! וואָס איר פאַלט איין! הינערשע לעבערלעך. ניין, ער'ט ניט באַשטעלן קיין הינערשע לעבערלעך, שוין גענוג אַז ער איז איר נאָכגעגאַנגען מיטן הערינג. — גיט מיר אַ שטיקל פילעי, אָבער גוטע, דיקע, איר ווייסט ווי איך האָב עס ליב. — ער האָט אַ לייג געטון די מעניו און, ווי נאָכיאָגנדיק דעם קעלנער, אים צוגעוואָרפן — און גיט מיר אַ פלעשל בורגונדי, אַ קליין פלעשל, נאָר גוטן בורגונדי, ניט קיין געפּעס וואַסער. — מיט אַ דריי פון מויל האָט ער געלאָזט וויסן דעם

קעלנער אַז ער האָט געענדיקט און אויך מרימען קלאָר געמאַכט: וועסט ביי מיר טרינקען בורגונדי, וואָס א י ך האָב באַשטעלט, וועסט ניט וועלן, איז נישט. דו גייסט מיר ווינציק וואָס אָן.

קענטיק זי איז אים יאָ אָנגעגאַנגען. דאָס גלעזל ווערמוט צווישן די פינגער, האָט ער עס אַ הויב געטון און ניט אָן איראָניע אויסגערופן:

— פאַר דער אָפּערע!

ער האָט געזען איר האַנט מיטן גלעזל בראַנפן האָט זיך געהויבן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. וועט זי עס הויבן ביזן שטערן? ער האָט גע־וואָלט כאַפּן אירע אויגן, אָבער זיי זיינען געווען פאַרריסן אַרויף, האָבן געקוקט ערגעץ ווייט אַריבער. גייט זי צום טייפל! ער האָט אַ קער געטון דאָס גלעזל ווערמוט אַט ווי דאָס וואָלט געווען שאַרפער בראַנפן, עס אַ שטעל געטון צוריק און דערזען איר גלעזל איז שוין אויך געווען ליידיק. ווען האָט זי דאָס אַריינגעקערט? קען הפנים די מלאכה. ווער איז זי? כאַפּט זי דער . . .

ער האָט אַטאַקירט דעם הערינג מיטן גאָפּל, מיטן מעסער, ענדלעך מיט די ציין. די ליפּן האָבן פעט געגלאַנצט, אויך די אויגן זיינען געווען גלאַנציק. — דער הערינג איז פיין! — זיין טאָן, זיין קוק — ביסט אַ קלוגע מיידל.

די קלוגע מיידל האָט געשמייכלט מיט די אויגן בלויז. קליינ־שטעטלדיקער באַהעם. גייט צו דזשאַקן שוין כ׳וויס וויפל יאָר, זיך באַגעגענען מיט קינסטלער, פרייע מענטשן, און האָט מורא פרעגן אויף אַ שטיקל הערינג. נו טאַקע, הערינג מיט . . . אָפּערע. ווי זי מיט זיאמען פלעגן דאָס האָבן שפּאַס ביים קוילען אַ הערינג. נעמענדיק זיאמען פאַר אַן עדות, זאָגט זי ארויס, ניין, זי זינגט אויס: — הע—רינג מיט ציי—בעלעס! אָהאָ, הע—רינג מיט צי—בע—לעס!

— וואָס איז דאָס?

— אָפּערע!

מעסער, גאָפּל, די הענט זיינען געבליבן רוען אין טעלער, דער פּנים האָט זיך אַ ריס געטון אויף ארויף, פאַרריסן געקוקט אויף איר. שווער געווען באַשטימען צי וועט ער ארונטערלאָזן דעם פּנים, זיך ווידער נעמען צום הערינג מיט די ציבעלעס, אָדער ער וועט גאָר אַ כאַפּ טון דעם טעלער און איר אַ וואָרף טון אין פּנים אַריין. דאָס שטיקל הערינג אַרויפגעשטעקט אויפן גאָפּל האָט זיך דערנעענטערט צו אירע ליפּן, מיטן ביסן אין מויל, פאַרדעמפּנדיק אַ ביסל דעם געלעכטער, האָט זי

אַ פרעג געטון: — איר האָט אמאָל געזען באַליעעוון מיט זיין שאוו סורי? ער האָט איין נומער . . .

— באַליעעוון האָב איך שוין גאָר געזען, — האָט ער ווי אויס־געשאָסן, און זי האָט געזען, דער שטורעם האָט זיך איבערגעבראָכן.
— איך מוז אייך אָבער זאָגן אַז א י י ע ר „אָפּערע״ שטאַמט נישט פון באַליעעוון. נייץ, איך פאַרדעכטיק אַז אייער באַציאונג צו דער אָפּערע איז פון אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. איר האָט עפּעס אַ פּ ע ר ז ע נ־ל ע כ ע קריוודע אויף דער אָפּערע. האָב איך רעכט?

איר קוק — ער איז ניט אַזאַ נאַר ווי זי האָט געדיינקט, פון מויל האָט זיך פאַמעלעך געצויגן: — קריוו—דע? נייץ, ניט קיין קריוודע, איך האָב פּשוט זיך . . . געגעט מיט דער אָפּערע, — האָט זי געשמייכלט, אַ צופרידענע פון איר „געגעט״.

— דאָס מיינט אַז איר זייט געווען פּ אַ ר ה י י ר אָ ט , — האָט ער שוין, מעשה פּראָקוראָר, וואָס האָט געכאַפּט דעם עדות ביים וואָרט, אים געקוועטשט צו דער וואַנט: ענטפער, יאָ צי ניין!
— יאָ, זעקס יאָר, — האָט זי שטיל געענטפערט.

זיינע אויגן, אויפגעבלישטשעט, האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף איר ווי אויף אַ קערפּער, אַ מאָרד, אין וועלכן ער איז גרייט אַריינשניידן זיין לאַנצעט. זיי האָבן שאַרף געשטאָכן: רעד ווייטער!

— יאָ, זעקס יאָר צייט בין איך געווען אין דער אָפּערע. מאַכט ניט קיין טעות, ניט קיין פּרימאַדאָננאַ, אַ פּשוטע כאָר מיידל. — זי האָט געזען ווי זיין מויל האָט זיך אַ קרום געטון, אירע דינע ליפּן האָבן זיך פאַרשטייפט. געפעלט אים ניט, דעם פאַרשוין. — ניט געווען קיין טעטראַזיני, — האָט זי שוין ווידער געשמייכלט, — אָבער איך האָב געהאַט אַ גאַנץ פיינע קאָנטר־אַלטאַ. דער פאַקט איז, איין מאָל האָב איך שוין אפילו געזונגען די הויפּט ראָלע, — זי האָט געזען זיין מיסטרוי־אישן קוק, אָבער איר האָט עס ניט געקימערט, איר האָט עס אפילו אַמוזירט אַ ביסל. — די פּרימאַדאָננאַ איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, געוועזן אַ פּראַגע — בייטן די פּראָגראַם אָדער געפינען אַ במקום. איך האָב געקענט די ראָלע. אַ איילקע רעפּעטיציע און איך בין אויפגעטראָטן.
— און?

זי איז געווען צופרידן וואָס ער וויל וויסן דעם סוף. — איין מוזיק קריטיקער האָט אויף מאָרגן געשריבן: מרים סאַפּיר, הגם זי האָט ניט באַהערשט די ראָליע, מוז עס אָבער צוגעשריבן ווערן צו איר נערווע־

זיטעט, זי איז דאָך געווען ניט מער ווי אַ במקום מיט אַ קנאַפּער צו־גרייטונג. איר שטימע איז אָבער אַ גאַנץ קלאָרע, דער טאָן אַ לויטערער, כאָטש עס מערקט זיך אַז זי איז ניט גענוג געשולט. גענוי די ווערטער.

— און איר האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט . . . ניט געווען ווער עס זאָל שולן, קולטיווירן די שטימע, — האָט ער ווייטער געצויגן אירע רייד.

— מיין טייערער מענטש, איר זייט צו ראָמאַנטיש. אַן אָרימע זינגערין, אַ מיליאָנער דאַרף זיך פאַרליבן אין איר, זי שיקן קיין איטאַליע . . . זייער ראָמאַנטיש, ניין? נו, צוגעגאַנגען איז עס אַ ביסל איינפאַכער ווי דאָס. אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין אויפטריט האָב איך דערפילט עפּעס איז דער מער מיט מיין האַלז. געגאַנגען צום דאָקטאָר און ער האָט ארויסגעגעבן זיין אורטייל — לאַרינזשייטיס. און דאָס איז געווען דער סוף פון דער אָפּערע.

— הייסט עס אַז עס איז יאָ געווען אַ פּערזענלעכע קריוודע.

— פּערזענלעכעס איז געווען, קריוודע? ניין. אדרבה, אַוועק פון דער אָפּערע, האָט זי מיר אויסגעפּעלט. אויסגעפּעלט אין אַ סך וועגן. קודם — חיונה. ווען מ'איז אָפּ אַ זעקס יאָר אין אָפּערע, מעג עס זיין ווי אַ כאָר מיידל, איז שוין זייער שווער אַוועקגיין אַרבעטן אין אַן אָפּיס, אַ שאַפּ. די בינע מאַכט קאַליע אַ מענטשן, אָבער וועגן דעם וויל איך ניט ריידן, מיר האָט אויסגעפּעלט די אָפּערע גופא, בין איך געגאַנגען. די טיר־שטייער האָבן, פאַרשטייט זיך, מיך אריינגעלאָזט אָן אַ בילעט. פּאַסירט איין מאָל, אַ מאַן וואָס איז געזעסן לעבן מיר האָט אַ נאָס געטון, איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל. און ווען האָט ער גענאָסן? פּונקט דאַן ווען קארוזאָ האָט געזונגען זיין באַרימטע אַריא אין „לא זשוויוור״. ניט ווילנדיק האָב איך אַ קוק געטון אויף דעם מאַן, ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אָפּגעקערט דעם קאָפּ און געבליבן זיצן ווי אַ קינד וואָס האָט עפּעס אָפּגעטון . . .

— איך האָב שוין ניט געהערט מער קארוזאָן. איך האָב געטראַכט וועגן דעם מאַן, דעם ניסער, דעם גאַנצן פּובליקום, זיך אריינגערעכנט. אַז מ'שטעקט אַליין אין דער קינסטלעכער וועלט פילט מען נישט די קינסטלעכקייט, איצטער אָ, זיצנדיק אין אודיענץ, הערנדיק דאָס ניסן, אַזא נאַטירלעכע פּאַסירונג ביי אַ מענטשן, האָב איך מיט אַמאָל דערפילט די גאַנצע אומנאַטירלעכקייט פון דער אָפּערע, וואו אַ מענטש שטעכט זיך אַריין אַ מעסער, גייט כלומרשט אָפּ מיט בלוט און גייט אויס זינגענדיק אויף נאָטן, מ'לאַכט אויף נאָטן, מ'וויינט אויף נאָטן,

נ י ס ן אויף נאָטן, דאָס קען מען ניט, און אַט דאָס ניסן איז מיט אַמאָל געוואָרן וויכטיקער פאַר מיר ווי די אָפּערע, קארוזא מיט זיין זינגען — אַן אָנשטעל, אַ . . . בלאָף. אָפּערע — אַ לופט שלאָס, דער שלאָס אַ שיינער, אָבער היינגט אין דער לופטן, האָט נישט קיין באַדן אונטער זיך.

דער סאַרווער האָט דערלאַנגט דאָס עסן, דעם וויין.

— פאַר דער אָפּערע! — האָט דר. צעדערבוים שפּאַסיק אַ זאָג געטון, אויפגעהויבן זיין גלעזל. זי האָט אונטערגעהויבן איר גלעזל, גאָרניט געזאָגט. ער האָט אַ זשליאָק געטון דעם וויין, אַ שטעל געטון דאָס גלעזל און גענומען אַטאַקירן דאָס פלייש אויפן טעלער, דער דינער ראַנד פון איר גלעזל האָט זיך קוים אריינגעשניטן צווישן אירע ליפּן, זי האָט פאַרזוכט ווי פון אַ קידוש גלעזל, עס אוועקגעשטעלט און גענומען מאַניפּולירן מיטן גאָפּל צווישן די לעבערלעך, אָט ווי זי וואָלט געקליבן פאַטשערקעס, ניט געעסן קיין מאָלצייט.

— איך האָב ליב אָפּערע. לאָז ניט דורך קיין גוטע אָפּערע ווען זי קומט אַהער, — האָט ער אָפּגעריסן געוואָרפן ווערטער, אָט ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעריסן פון צווישן די ציין, וואָס זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען. געעסן האָט ער ניט נאָר מיט די ציין פון מויל, דער קאָפּ, דער גאַנצער קערפּער האָט זיך באַטייליקט אין דער אכילה.

— צוגעגעבן אַז אָפּערע איז ניט קיין רעאַלע וועלט, אָבער ווער וויל דאָס די רעאַלע וועלט? איך האָב גענוג רעאַלע וועלט יעדן טאָג, איך וויל אַנטלויפן פון איר, און די אָפּערע, דער טעאַטער, אפילו די קינא פירט אַוועק פון דער רעאַלער וועלט.

— וואוהין?

— וואוהין? — מעסער און גאָפּל זיינען געבליבן שטעקן אין די הענט, דער קאָפּ, ווי צוגעשרויפט צו די הענט, איז אויך געבליבן שטעקן, קוקנדיק אויף איר, און זי האָט מיט די אויגן בלויז אומברחמנותדיק געפּאָדערט: נו יאָ, וואוהין?

— וואוהין איז ניט וויכטיק. ווען גייט עס אָן? דער עיקר איז אַנטלויפן.

— אַזוי גאָר?

— יעס מאַ׳ם. איר האָט זיכער געזען טשאַרלי טשאַפּלינס אַ בילד, ניין? נו, דאָס איז די בעסטע אילוסטראַציע. אין זיינס אַ בילד איז גאָר ניטאָ, אָבער טאַקע גאָרנישט, איר קענט אפילו נישט איבערדערציילן די מעשה דערפון, ניטאָ גאָר קיין מעשה, אָבער איר לאַכט. אַלץ הייסט

לאַכן. און איר גייט אַרויס אַ צופרידענע — זיך אָנגעלאַכט. וואָס נאָך ווילט איר?

— אייך געפעלט טשאפּלין?

— אודאי געפעלט ער מיר. אייך ניט?

— וואָס אַזוינס געפעלט אייך אין אים? — האָט זי געפרעגט אנשטאט ענטפערן.

ער האָט שוין איצט געעסן פּאַמעלעכער, קיין פליש איז שוין ניט געווען, ער האָט שוין אָנגעגאָסן דאָס דריטע גלעזל ווײַן און אויך דער־פילט איר ערשט גלעזל, אַזוי אַרום יאָגנדיק איר זי זאָל אויך טרינקען.

— וואָס אַזוינס געפעלט אים אין טשאַפּלינען? אַלץ. זיין קאַפּעליושל, זיין רעקל, זיינע זעקל־הויזן, די צעקרימטע שיך, זיינע וואָנצעס, זיין שטעקעלע, זיין גייענגעלע, אַלץ . . .

— דאָס נעמט שוין אַריין זיין פּנים?

ער האָט געקענט הערן, זען דעם שפּאָט אין איר טאָן, אין אירע אויגן.

— יאָ, זיין פּנים אויך, — האָט ער שוין בײַזלעך, חוצפּהדיק גע־ענטפערט, ווי זאָגנדיק: און טו מיר עפּעס!

— וואָס אַזוינס געפעלט אייך אין זיין פּנים?

— וואָס איז דאָס? אַן עקזאַמען? — האָט ער שוין כעסיק אַ זאָג געטון. זיין קאָפּ האָט זיך אַ דריי געטון אָן אַ זייט, איין אויג פאַר־זשמורעט, האָט ער געקוקט אויף איר, געשטאַכן איר פּנים: ווער צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ביסטו? אַזאַ . . . פרעגט אים . . .

— ניין, ניט קיין עקזאַמען. גלאַט אַזוי, מיר עפּעס איינגעפאַלן . . .

דער שמייכל, נאָר וואָס שפּאַטיש, שאַרף, האָט פאַרלוירן די שניי־דיקייט, די אויגן, וואו ער האָט נאָר וואָס געזען שדימלעך אַרומשפּרינגען, האָבן איצט פאַרטרוימט געקוקט, און ניט אויף אים.

— וואָס אַזוינס איז אייך איינגעפאַלן? — אומבאַמערקט פאַר אים אַליין האָט ער פאַרלוירן דעם כעסיקן טאָן, ער האָט זיך אונטערגעגעבן איר פאַרטרוימטקייט, ער האָט שוין ניט געמאָנט, נאָר געבעטן: רעד, דערצייל. ער האָט אַ טרונק געטון פון גלעזל, זי האָט אויך צוגעטראָגן דאָס גלעזל צו די ליפּן, פּאַמעלעך געצויגן דעם ווײַן, ווען זי האָט אַוועק־געשטעלט דאָס גלעזל האָט זי גענומען רעדן ווי צו זיך אַליין.

— דאָס איז געווען מיט אַ יאָר . . . איין און צוואַנציק צוריק. יאָ, איין און צוואַנציק יאָר. איך בין אַריין אין אַ מואווי. מ'האָט געוויזן טשאַפּלינס אַ בילד. איך בין אַרײַנגעגאַנגען, הינטער מיר איז עמיצער

נאָכגעגאַנגען. דער שמש האָט אַ בלענד געטון מיטן שיין־וואָרפער, אַ פרעג געטון: צוויי? און אָנגעוויזן אויף צוויי ביינקלעך. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, דער וואָס איז געגאַנגען הינטער מיר האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט. ביים אַוועקזעצן זיך, אין דער טונקל, האָב איך בלויז געכאַפּט אַ בלאַס פּנים, אַ צעשויבערטער קאָפּ האָר. ניט צעפּאַטלט וואָס קומט פון ניט פאַרקעמען, נאָר צעשויבערט, האָר, וואָס ווי דו זאָלסט זיי ניט פאַרקעמען בלייבן זיי דאָך צעוואָרפן, צעשויבערט. מער האָב איך ניט געזען. איך האָב געקוקט אויפן לייוונט, געזען טשאַרלין דעם טרעמפּ און געלאַכט. ווער האָט ניט געלאַכט? מיין שכן האָט נ י ט געלאַכט. ער האָט אַזוי ניט געלאַכט, אַז איך האָב ניט איין מאָל אָפּגעריסן די אויגן פון לייוונט און אַ כאַפּ געטון אַ קוק אויף אים. וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? דער מענטש איז געזעסן אָנגע־בויגן, זיין קאָפּ, זיין פּנים האָט זיך ממש געצויגן צום לייוונט, זיך איינגעעסן מיט די אויגן, מיט אַמאָל זיך אַ צי געטון אויף צוריק, ווי אויסצוגלייכן זיין רוקן, איין האַנט זיינע האָט מיך פאַרטשעפּעט, האָט ער אַ זאָג געטון: פאַרדאַן! ניט קוקנדיק אפילו אויף מיר און זיך ווידער איבערגעבויגן. ער איז מיר ניט געפעלן געוואָרן, ער האָט מיך אָבער פאַראינטערעסירט, אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז ווען דאָס טשאַפּ־לין בילד האָט זיך געענדיקט און ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפהייבן, האָב איך אויך זיך אויפגעהייבן אַרויסגיין, כאָטש געוויינלעך פלעג איך אויסזיצן ביידע בילדער וואָס מ׳האָט געוויזן. ער איז געגאַנגען מיט אַ שנעלן טראָט צום אַרויסגאַנג, האָב איך פאַרשנעלערט מיין גאַנג און די פּרוי אין מיר האָט דיקטירט: זע ער זאָל זיך אומקוקן אויף דיר! איך האָב אים געשיינקט אַ קוק, ניט דווקא קיין שמייכל, זיכער ניט קיין איינלאַדונג, נאָר אַ מין: ווילסט רעדן צו מיר, וועל איך דיר טון די טובה, דיך אויסהערן. און עס האָט געאַרבעט!

— נו, שכנה, ווי איז אייך געפעלן דאָס בילד?

— איר ווייסט אַז מיר איז עס זייער געפעלן.

— פון וואַנען זאָל איך עס וויסן?

— איר האָט מיך געהערט לאַכן.

— אה. נו, איך ווייס ניט צי איך האָב געלאַכט, דאָך איז עס מיר אויך געפעלן.

— קאָמיש, — האָב איך אַ זאָג געטון.

— טשאַפּלין מיינט איר?

— ניין, איר, — האָב איך אַרויסגעזאָגט, און תוך כדי דיבור זיך דערשראָקן: און ווי אַז ער גיט אַ הויב אונטער זיין צעקנייטשטן קאַפּעליוש, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און גייט אַוועק אָן אַ זיי געזונט? און איך האָב ניט געוואָלט ער זאָל אַוועקגיין. איצט האָב איך שוין געזען זיין פּנים בעסער, אָן איידלער, סענסיטיווער פּנים, דער קאָפּ אַזוי פיין פאַרמירט, נאָר פאַר אַ סקולפּטאָר צום קלעפּן, די האָר, אפילו אונטערן קאַפּעליוש האָבן ניט איינגערוט, זיך ארויסגערוקט דאָ און דאָרט, און די ווידערשפּעניקע האָר האָבן האַרמאָנירט מיטן צעקנייטשטן קאַפּעליוש, וואָס איז דוקא געווען אַ גוטע פעדאָרא. ער איז אַ קינסט־לער, האָב איך באַשלאָסן, און מיט די אויגן געבעטן אים: גיי ניט אַוועק. און ער האָט פאַרנומען מיין געבעט.

— וואָס עפּעס קאַמיש? — האָט ער איבערגעפרעגט שמייכלענ־דיק און, ניט וואַרטנדיק אויפן ענטפער, האָט ער אַ פרעג געטון — וואָס איז מכוח אַ טעפּל קאַווע?

איין טעפּל קאַווע, אַ צווייטס, איין ציגאַרעט, אַ צווייטער, אַ דריי־טער, מיינע אויערן, מיינע אויגן האָבן געשלונגען זיינע רייד, זיין פּנים, זיין מימיק. אַזאַ לעבעדיקן פּנים האָב איך נאָך ניט געהאַט געזען.

— וואָס געפעלט אייך אין טשאַפּלינען ?— האָט ער מיך אַ פרעג געטון, אַט ווי איך אייך, און איך האָב געענטפערט געננוי ווי איר — זיינע וואָנצעלעך, שטעקעלע, שיך . . . ער האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי אַוועקשאַרנדיק מיינע רייד. — דאָס אַלץ איז אַקסעסואַרן, טעכנישע מיטלען, איר פאַרשטייט? דאָס איז ניט הומאָר, דאָס איז קאָמיזם, בוף קאָמיזם, בלויז אַזאַ גרויסער קינסטלער ווי ער קען אפילו דאָס פאַרוואַנדלען אין קונסט, שאַפן אַ סטיל אַזאַ, טשאַפּלי־נעסק. אָבער דאָס איז קלייניקייטן. אפילו זיינע איינפאַלן, קלוגע איינ־פאַלן, דאָס האָט אָבער ניט צו טון מיט שוישפּילעריי, דאָ איז ער, אַזוי צו זאָגן, דער שרייבער, אָבער ער איז אַ שוישפּילער! אַ גרויסער שוישפּילער! זיין פּנים! אַי, זיין פּנים . . . — אַרום זיין אייגענעם פּנים האָט זיך געקרייזלט דער רויך פונם ציגאַרעט, דאָס האָט אים געמאַכט אויסזען עפּעס פאַרביינקט, און געזעדט האָט ער אויך ווי פאַרביינקט.
— אַ פּנים וואָס רעגיסטרירט אַ שפּליטער פון אַ געפיל, אַ דינאַמישער פּנים, אפילו ווען ער איז, דוכט זיך, רואיק, קען מען זען ווי ער וויברירט. אַ גאָט געבענטשטער פּנים. אַ טאַלאַנט! אַ גרויסער טאַלאַנט!

איך האָב געקוקט אויף זיין פּנים און, ווי פאַרטון ער איז ניט

געוועזן אין קוקן אויף טשארליס פנים, האָט ער קענטיג באמערקט אַז זיין פּנים געפעלט מיר בעסער ווי טשארליס. ער האָט אַ שמייכל געטון, און איך האָב זיך אַזוי פאַרלאָרן אַז איך האָב מיט אַמאָל ארויסגעפּלאַצט: זייט איר אַ שוישפּילער? ארויסגעזאָגט די פּראַגע, איז ווי איך וואָלט מיט אַמאָל אַריינגעשפּרונגען אין אַ קאַלטער וואַנע.

— אנטשולדיקט, — האָט ער שמייכל געטון, — דאָ זיצן מיר און מיר ריידן און מיר זיינען נאָך אפילו ניט באקאנט. מיין נאָמען איז זיאמע סאפּיר.

— זיאמע סאפּיר האָט דאַן פאַר מיר געמיינט פּונקט אזוי פיל ווי מרים סאפּיר פאַר אייך היינט.

— אָדער דר. צעדערבוים פאַר אייך, — האָט דר. צעדערבוים ניט פאַרגעסן זיין קריוודע.

מרים האָט אַ קוק געטון אויף אים. איר קוק: ו ו ע ר א י ז דר. צעדערבוים?

— דערציילט, דערציילט! — האָט דר. צעדערבוים מוותר געוועזן אויף זיין באַרימטקייט.

— טוט מיר לייד, — האָב איך זיך אַנטשולדיקט, — אייך קיינמאָל נישט געזען, — האָב איך געזאָגט, אָט ווי איך וואָלט געוועזן זיכער אַז ער איז טאַקע אַ שוישפּילער.

— וואָלט איר מיך געוואָלט זען?

— מיט פאַרגניגן. עס וואָלט געוועזן אַ גרויסער פאַרגניגן . . .

— טרעט ניט איידער איר זעט. נאָט! — האָט ער מיר דערלאַנגט אַ קאַרטל. — קומט דינסטיק אָוונט. נאָכן צווייטן אַקט — איך טרעט אויף בלויז אין די ערשטע צוויי אַקטן — וואַרט אויף מיר ביים זייטיקן אַרויסגאנג. דאַן וועט איר מיר זאָגן צי עס איז געוועזן אַ פאַרגניגן . . .

— דינסטיק בין איך, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען און נאָכן צווייטן אַקט געשטאַנען און געוואַרט. דעם אמת געזאָגט, איז דאָס שטיין און וואַרטן געווען פאַר מיר אַן אָפּקומעניש. ווי זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב געוואָלט אים זען, און ניט געוואָלט. מיט אַ ציטער האָב איך דערוואַרט — אָט גייט ער ארויס! און איך האָב אויך געציטערט — אָט גייט ער אַרויס און דערקענט מיך אפילו ניט. אקטיאָרן. שוין געזען געגנוג אזוינע זאַכן אין דער אָפּערע, הינטער די קוליסן. ניט קיין נאַאיווו מיידעלע, און דאָ שטיי איך ווי אַ שול מיידל וואָס וואַרט אויף איר . . .

גאָט. און ער איז ניט געווען קיין גאָט אויף דער בינע, ער האָט גע־שפּילט אַ טרעמפּ, און איך בין ניט געווען באַגייסטערט פון זיין שפּילן. בין איך געשטאַנען, געשטאָכן די שווערע טיר מיט די אויגן און זיי גלייך צוגעכאַפּט, געזען מענטשן אָנקומען, פאַרבייגיין, האָב איך גע־קוקט אויפן הימל . . . זיך געשעמט וואָס איך שטיי ביי דער זייטיקער טיר, וואַרט אויף מיין . . . גאָט. די טיר האָט זיך גאָרניט געעפנט, ער איז אַרויסגעקומען ווי פון דער וואַנט, אַזוי פּלוצלונג האָב איך אים דערזען לעבן זיך, און דערזען זיין פּנים, האָט מיין האַרץ זיך געטון אַ שטעל אָפּ, דאַן גענומען קלאַפּן אַז איך האָב מורא געהאַט ער הערט מיין האַרץ. איך האָב געפילט אַז דאָס בלוט האָט אַ לאָף געטון אין פּנים אַריין, מיר האָט געגרוישט אין קאָפּ, אָט אָט פאַל איך אום, איך זאָל נאָר אַריינפאַלן . . . צו אים אין די אָרעמס, וואָלט מיר שוין ניט אויסגעמאַכט. אין יענער רגע האָב איך געוואוסט, מיט מיין גאַנצן קערפּער דערפילט — איך בין ניט באַלעבאָס איבער זיך, ער . . .

— אַ דאַנק וואָס איר זייט געקומען, — האָב איך דערהערט און איך בין ניט געווען בכוח אַרויסברענגען אַ וואָרט. איך האָב בלויז געפילט זיין האַנט, ווי זי האָט געהאַלטן מיינע און איך האָב שטיל געבעטן ער זאָל מיך האַלטן, אונטערהאַלטן . . .

— נו, ווי איז דאָס געווען? — האָט ער גוטברודעריש, חבריש אַ פרעג געטון און זיין אָרעם האָט זיך אַריבערגעצויגן אַריבער מיין אַקסל. אָט דער חברישער אַרומנעמען האָט מיך אַ ביסל גע־שטאַרקט. איך האָב אַ דריי געטון דעם קאָפּ, דערזען זיינע אויגן, אַזעלכע גוטע אויגן, זיי האָבן מיך ממש געגלעט. איך האָב געמוזט אַרונטערלאָזן מיינע אויגן. וואָס זאָל איך אים זאָגן? אַז איך בין נישט געווען באַגייסטערט פאַר זיין שפּילן? ווי האָב איך עס אים געקענט זאָגן? און . . . איך בין שוין גאָרניט געווען אַזוי זיכער אין דעם, און יאָ שפּילן, ניט שפּילן . . .

—פון אָנהויב האָב איך אייך נישט דערקענט, — האָב איך אָנגע־הויבן גיין אַרום און אַרום.

— ווירקלעך! דאָס איז גוט! פיין!

— ער האָט שיר נישט געטאַנצט אַרום מיר. דאָ, ביים טעאַטער. איך האָב זיך פּשוט געשעמט פאַר די פאַרבייגייער. ער האָט מיך גע־נומען אונטערן אָרעם, און זיין מויל אַזוי נאָענט צו מיין אויער אַז איך האָב געקענט פילן זיין אָטעם, האָט ער שנעל גערעדט.

— דאָ אַקטיאָרן וואָס נעמען ז י ך מיט אויף דער בינע. ער איז מיט זיך פון איין שטעטל און ער רירט זיך ניט אָן זיין „לאַנדסמאַן“. ער שפילט אַ פּרינץ צי אַ בעטלער, ער איז ער, דער גרויסער שויִ־שפּילער האָצמאַך בן קראַצמאַך. זעסט אַזאַ אַקטיאָר ארויפגיין אויף דער בינע, בלויז ארויפגיין, מעגסטו גלייך ארויסגיין פון טעאַטער, האָסט אים געזען איין מאָל איז גענוג. די קונסט פון שוישפּילעריי איז יעדן מאָל אַרויסגיין פון זיך, אויסטון זיך פון דער אייגענער פעל, אַריינשפּרינגען אין יענעמס שיך און שטעקן אין זיי.

— האָט ער דערפילט אַז ער לויבט זיך צופיל? איך ווייס ניט. אַקטיאָרן זיינען ווייט פון באַשיידן. סיי ווי, ער איז אנטשוויגן געוואָרן, אָבער באַלד אַ פרעג געטון: און נאָכדעם?

— נאָכדעם? נאָכדעם, ווען איך האָב אייך שוין יאָ דערקענט האָב איך זיך אַלץ ניט געגלויבט אַז דאָס זייט איר, איך . . . איך האָב מורא געהאַט פאַר אייך, — האָב איך אויסגעפּלאַצט, און ־דערמיט פאַר־שטעלטערהייד געזאָגט: ביסט מיר נישט געפעלן געוואָרן. היינט שטעלט זיך פאַר מיין איבערראַשונג ווען איך האָב מיט אַמאָל דערפילט ווי ער גיט מיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ אַרום און טוט מיר אַ קוש, אָבער אַזאַ שטאַרקן הילכיקן קוש, און נאָכן קוש האַלט ער די הענט אויף מיינע אַקסל, קוקט אויף מיר, קען זיך גאָר ניט אָנקוקן. איך האָב ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן. ער האָט מיך אַ נעם געטון: קומט!

— אין דער אַקטיאָרן קאַפע זיינען מיר געזעסן, געעסן, געטרונ־קען, ער האָט גערעדט און איך האָב געשלונגען זיינע רייד, זיין פּנים.

— איר ווייסט גאָרניט וואָס פאַר אַ גוטע קריטיק איר האָט אַרויס־געגעבן וועגן מיין שפּילן. געדיינקט איר ווען מיר האָבן געזען טשאַפּ־לינען? אויך אַ טרעמפּ. געדיינקט איר ווי די מיידל פון הויז קומט אַרויס צום טויער, דערזעט אים? זי האָט זיך ב אַ ד אָ ר פ ט דער־שרעקן. פאַר א טרעמפּ מוז מען זיך דערשרעקן, מעג ער אפילו זיין אַ גוטער מענטש, אַן אומשולדיקע בריאה, ער איז אָבער אַ טרעמפּ, אַ מענטש פון אַן אנדער וועלט, א פרעמדער וועלט, ער באַלאַנגט נישט צו דער געזעלשאַפט, ער איז אַן ארויסגעשטויסענער, אַן אָפּגעשפּאָל־טענער, ניט קיין אייגענער, זי מוז זיך פאַר אים דערשרעקן, אָבער טשאַרליס הילוך קען גיכער ארויסרופן געלעכטער ווי שרעק און, וואָס נאָך וויכטיקער, אויך זיין פּנים האָט ניט ארויסגערופן קיין שרעק.

דאָס איז שוין אַ חסרון. אַ גרויסער חסרון. אזא גרויסער קינסטלער און צוליב דעם ס ט י ל האָט ער פאַרזען דעם ת ו ך. איר פאַרשטייט?

— איך האָב אים פארשטאַנען, אויב ניט מיטן קאָפּ איז מיטן האַרצן.

— דאָ שוישפּילער — מאַסקעס, גיפּסענע שיידלעך, אזוי רוף איך זיי. איר וועט זיי געפינען צווישן די גרויסע, די גאָר גרויסע, די שעקספּיר שפּילער. זיי שטודירן איין אַ ראָליע ביז צו דער מינדסטער באַוועגונג. דער גאַנג, די שטימע, יעדע באוועגונג פון האַנט, פון פּנים איז אויסגעמאָסטן, ריכטיק אויף אַ האָר, נאָר דאָס טוט אַלץ די מאַסקע, דער מענטש הינטער דער מאַסקע האָט דערמיט גאָרניט צו טון, רייסט ארונטער די מאַסקע, טוט אַ קוועטש דעם גיפּס בלייבט אַ האַלץ, אַ פלאַקן. איר האָט דאָך געזען דעם . . . ער איז איינער פון די פלעקער. אַ „סטאַר״, אודאי, נו ווי דען? אָבער אַ מאַסקע. דאָ די אנדערע, די קוועקזילבער אקטיאָרן, דראַליעס רוף איך זיי. לאַכט ניט. איר זעט אַט דעם אַ? — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ רירעוודיקן פּאַרשוין. — איר זעט? אַלץ באַוועגט זיך אין אים, דראַליעס, ער האַלט אין איין שפּילן טעאַטער. ער׳ט גיין וואו דער קייסער גייט אַליין וועט ער אויך גיין מיט זיין אַקטיאָרישן גאַנג, און אויף דער בינע! דאָרטן שפּילט ער דאָך אודאי. דאָרטן וועט ער ביי אַ לויה אַריינפלעכטן אַ קופּלעטל, ביי אַ חתונה וועט ער אָפּזינגען אַן אל מלא רחמים, און עס וועט אַלץ ארונטערגיין גלאַט, צען בולבעס וועט ער מאַכן און ער׳ט זיך אפילו ניט פאַרהיקען, ער׳ט זיך אפילו איבערווערטלען מיט אַ מיטשפּילער אויף דער בינע און איר׳ט אים נישט כאַפּן, גיי כאַפּ דראַליעס. הינטער דער בינע, אין קאפּע טראָגט ער רכילות ווי אַ בין, ער האַנדלט פּשוט דערמיט און, לאָמיר אייך זאָגן, עס איז נישט קיין שלעכט געשעפט. איר זעט ווי ער פּאַדעט אַרום דעם אַ פּאַרשוין? ווי זיין שמייכל ציט זיך פון איין אויער צום צווייטן? דאָס פּארקויפט ער אַ רכילותל דעם טעאַטער רעצענזענט. וואָס אַרט אייך, ער׳ט שוין דערמאָנט ווערן צום גוטן. ניט נאָר אַ רכילותל, די ווייב זיינע וועט ער פארקויפן אויף אַ נאַכט אַבי זיין נאָמען זאָל זיין געדרוקט פּראָמינענט. זיין נאָמען דאַרף שרייען, ציטערן ווי דאָס ליכט פון אן עלעקטרישער שילד, קורץ — דראַליעס.

— איר זייט אַ ביסל צו שאַרף וועגן אייערע קאָלעגן.

— מ׳יאָ, קאָ—לעגן . . .

— איר זייט אויך אַ שוישפּילער, ניין?

— ניין, איך בין נישט קיין אַקטיאָר. איך בין אַ מענטש. אַ מענטש אין דערהיים, אין גאַס, און אויך אויף דער בינע.

— איר זייט נאָר וואָס געווען אַ טרעמפּ.

— אָט אָט, טאַקע דאָס איז עס. אויף דער בינע בין איך געווען אַ טרעמפּ, אַ נאַטירלעכער טרעמפּ, מיט אַלע פּיטשעווקעס, ניט קיין מאַס־קירטער טרעמפּ און ניט קיין דראַליעס, אַ טרעמפּ, אַן אמתער טרעמפּ.

— איר האָט אָבער ג ע ש פּ י ל ט דעם טרעמפּ, ניט אַזוי?

— אַי, מיין טייערע, איר ווייסט גאָרניט וויפל שוישפּיל קונסט מ׳דאַרף אַריינלייגן, ווי גוט מ׳דאַרף שפּילן עס זאָל ארויסקומען נאַ־טירלעך. איינעם אַ רעזשיסאָר איז איינגעפאַלן אַ געניאַלער געדאַנק — ער האָט געדאַרפט עטלעכע מענטשן פון דער אונטערוועלט; וואָס דאַרף ער נעמען אקטיאָרן, איינשטודירן מיט זיי, זיך אויסעסן דאָס האַרץ, אַמער וועט ער אַרויסגיין אויף דער באָוערי, נעמען עטלעכע אונטער־וועלט פאַרשוינען און זיי אַרויפלאָזן אויף דער בינע, זיי׳ן שוין שפּילן די ראָלן ווי עס דאַרף צו זיין, זיי זיינען דאָך ד י אונטערוועלט. ווייסט איר וואָס דער סוף איז געווען? מ׳האָט זיי אויסגעפייפט, ארונטערגע־יאָגט פון דער בינע. וואָס איז די מעשה? אַרויף אויף דער בינע, האָבן זיי פאַרלאָרן זייער נאַטירלעכקייט, זיי האָבן גענומען ש פּ י ל ן און, פאַרשטייט זיך, שלעכט שפּילן. איר פאַרשטייט? מ׳דאַרף זייער גוט שפּילן כדי צו זיין נאַטירלעך, ניט קיין מאַסקע, ניט קיין דראַליעס . . .

יענעם אָוונט האָט ער אַ סך גערעדט. ניט אַלץ געדיינק איך, איך געדיינק אָבער יאָ, אַז ווען ער האָט מיך צוגעפירט אַהיים, האָב איך זיך ניט געקענט אָפרייסן פון אים, איך האָב געחלשט אים אַרויפנעמען צו זיך און איך האָב געציטערט — איך וועל אים אַרויפנעמען וועל איך אים פאַרלירן, אַן אַקטיאָר, היינט די ראָליע, מאָרגן אַן אַנדערע. איך האָב אים ניט אַרויפגענומען און ער איז באַשטאַנען אַז ער מוז מיך זען. איך בין געווען גליקלעך. דאָס האָב איך געוואָלט. אין קורצן האָבן מיר חתונה געהאַט. ניט קיין בינע חתונה, מיר האָבן געהייראַט געזעצלעך, אפילו ביי אַ רב אויך, ווי גוטע קליינבירגער, און מיר האָבן אָפּגעלעבט זיבעצן יאָר. זיבעצן יאָר . . . ווען איך טו אַמאָל אַ טראַכט דוכט זיך מיר ערשט נעכטן איז דאָס געווען, און אַמאָל טראַכט איך: דאָס איז דאָך שוין אַ געשיכטע פון אזוי לאַנג, אזוי לאַנג . . .

איר האַנט האָט אַ בלאָנזע געטון צום ־גלעזל. דר. צעדערבוים האָט אָנגעפילט איר, זיין גלעזל.

— פֿאַר דער בינע! פֿאַרן טעאַטער! — האָט ער אַ הויב געטון זײַן גלעזל.

זי האָט פֿאַמעלעך געזויגן איר ווײַן מיט קוים געעפֿנטע ליפּן.

— יאָ, פֿאַר דער בינע, — האָט זי אַ שטעל געטון איר גלעזל.

— איך בין אַרויף אויף דער בינע. אין זײַן זכות, פֿאַרשטייט זיך. ער האָט זיך פֿאַרנומען מאַכן פֿון מיר אַ גוטע שוישפּילערן. און ער איז געווען אַ שטרייַנגער לערער. אַלץ הייסט שטריינג. צען פּופּצן מאָל האָב איך געמוזט איבערשפּילן אַ סצענע ביז עס איז ארויסגעקומען ווי ער האָט געוואָלט. דיקציע האָב איך געהאַט, דאָס האָט אים אָבער ניט צופֿרידנגעשטעלט. „דאָס איז נישט קיין אָפּערע. אין אָפּערע זינגט מען אויף נאָטן, פּורציעס דעקלאַמירן, אַ שוישפּילער, אַ גוטער אַקטיאָר דאַרף ריידן, רעדן ווי א מענטש!" און ער האָט מיך געלערנט ריידן, זיך באַוועגן, „די הענט זאָלן זיך ניט פּלאָנטערן פֿאַר די פֿיס" . . . אָבער דאָס איז אַלץ געווען, ווי זאָגט מען עס, קמץ אַלף אָ, די אמתע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן ווען עס איז געקומען צו מימיק . . . דאָ, דאָ . . . איין מאָל האָט ער מיך אַ פּאַטש געטון. אַזוי געווען. איך האָב באַדאַרפֿט אויסדריקן דערשטוינונג. אין טאָג פֿון מײַן חתונה קומט פּלוצ־לונג מײַן געוועזענער געליבטער און איך דערזע אים אַ שעה פֿאַרן גיין צו דער חופּה. איך ווער דערשטוינט. דאָס האָב איך באַדאַרפֿט אויסדריקן אָן איין וואָרט, מיטן פּנים בלויז, און ווי דערשטוינט איך בין ניט געווען האָט אַלץ ניט געטויגט, אַזוי ניט געטויגט, אַז ער האָט פּלוצלונג מיר ארונטערגעלאָזט אַ פּאַטש אין פּנים, ניט קיין בינע פּאַטש, נאָר טאַקע אַן אמתן פּאַטש. דאָ בין איך ווירקלעך דערשטוינט גע־וואָרן. דערשטויגט! פֿאַרשטיינערט! איך האָב עס ניט געקענט באַ־נעמען. און ער, אַז ער טוט מיך ניט אַ דריי פֿאַר די אַקסל צום שפּיגל: זעסט? איצטער ביסטו דערשטוינט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטון אויף אים, מיט די קולאַקעס אים געקלאַפּט, געשטורכעט, און ער האָט געלאַכט, געלאַכט ביז ער האָט זיך גענומען בעטן ביי מיר: כ'האָב שוין מער ניט קיין כוח צו לאַכן. ער האָט מיך באַדעקט מיט קושן, און האָב איך אים דאַן ליב געהאַט!

— בלויז דאַן?

— געריכט, ניט בלויז דאַן. ביי מענטשן איז אָנגענומען: אַק־טיאָרן, הײַנט אין בעט, מאָרגן צום גט, אויב נישט צוליב קיין אַנדער זאַך, איז צוליב „פּובליסיטי". נו, איך מוז אײַך זאָגן, אין די אַלע זיבעצן

יאָר, איך און ער, ביידע אויף דער בינע, איך האָב זיך געקושט מיט מענער, ער מיט פרויען, בינע קושן, איר ווייסט דאָך, אָבער איך קען אייך פאַרזיכערן אַז קיין איין מאָל אין די אַלע יאָרן האָב איך ניט אַ קוק געטון אויף אַ מאַן מיט גלוסטונג, און איך קען גאַראַנטירן פאַר אים אויך. ער איז געווען בלינד צו פרויען. זיין איינציקע ליידנשאַפט איז געווען די בינע. איך האָב עס געוואוסט, גאַנץ אָפט אפילו געליטן דערפון, אָבער איך האָב גאָרניט געקענט טון.

זי האָט ווידער אַ זופּ געטון וויין.

— ער איז קראַנק געוואָרן. דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן שפּילן. איך האָב זיך געבעטן ביי אים, עס האָט ניט געהאָלפן. אַלץ וואָס ער האָט זיך דערלויבט איז זומער וואַקאַציע, געקומען דער סעזאָן — איז צוריק אויף דער בינע. געווען טעג ווען דער מענטש האָט ניט גע־קענט כאַפּן דעם אָטעם, אָט ווי אַ פיש אויף דער יבשה, געקומען די צייט גיין אין טעאַטער, האָט ער זיך געגומען קלייבן. — אָבער דו קענסט דאָך ניט גיין, קענסט דאָך ניט כאַפּן דעם אָטעם, וועסט'אָך ניט קענען אויסרעדן אַ וואָרט! — כ'וועל קענען. גיב מיר אַ פּיל און נעם מיט אַ ביסל בראַנפן. — איינגעשלונגען אַ פּיל, פאָרן ארויפגיין אויף דער בינע אריינגעגאָסן אַ גלעזל „אָלד אָווראָלט" . . . און קיינעם אין דער אוידיענץ האָט ניט געקענט איינפאַלן אַז דער מענטש האָט מיט אַ האַלבער שעה צוריק געפּאָכעט מיט דער נשמה. איך אליין האָב זיך עס ניט געקענט גלויבן. נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען זיינע קליידער געווען נאַס אויסצודרייען, איך האָב אים געמוזט איינקוטען ווי אַ קליין קינד, אין אַ טעקסי אים אוועקפירן אַהיים און, ווי אַ קינד אין וויגל, אים באַלייגן שלאָפן, אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן מאָרגן ווידער גיין שפּילן. ער איז הייזע־ריק געוואָרן. זיך אריינגעכאַפּט אין האַלז. דער דאָקטאָר האָט ניט נאָר פאַרבאָטן שפּילן, ער האָט פאַרווערט רעדן אפילו, און ער האָט זיך געריסן צו דער בינע. ערשט ווען דער דירעקטאָר האָט אים גע־געבן אַ פּולע אָנצוהערעניש אַז מ'הערט נישט וואָס ער רעדט, מענטשן אין דער ערשטער רייע הערן ניט, האָט ער אַ דערשלאָגענער זיך צו־ריקגעצויגן פון דער בינע. איך האָב אויך געוואָלט אָוועקגיין, זיין מיט אים, אַכטונג געבן אויף אים, ער האָט ניט געלאָזט. — גיי אין טעאַטער! קום! — האָט ער מיך געשלעפּט, געפירט אַהין און געזעסן די גאַנצע צייט אין טעאַטער. דאָס האָט ניט געטויגט, פאַרשטייט זיך, פלעג איך

זיך שוין ממש אַרויסגנבענען פון אים, ער זאָל ניט מיטגיין און איך זאָל ניט זען דעם צער — איך גיי, ער ניט. געקומען צוריק אַהיים, איז ער אַלע מאָל געווען וואַך, געליגן אָדער גאָר געזעסן, געוואַרט, און איך האָב געמוזט איבערגעבן ווי עס איז צוגעגאנגען, די מינדסטע קליי־ניקייטן.

דער טעאַטער האָט אים אויפגעעסן. ער איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. ענדלעך האָב איך געמאַכט אַ פאַרשווערונג מיטן דאָקטאר ער זאָל אים פארזיכערן אַז ווען ער פאָרט אוועק קיין אריזאָנא אָדער אַהער אין קאַליפאָרניע אויף אַ זעקס חדשים וועט ער געזונט ווערן, ניט גענוי געזונט, אָבער ער׳ט ווידער קענען שפּילן. דער עיקר שפּילן. אַ רחמנות געווען צו קוקן אויפן אַלטן דאָקטאר האלפּערן ווי ער האָט זיך געוואָרגן מיט זיינע רייד. ער האָט איינגעשטימט. מיר זיינען גע־קומען אַהער. די ערשטע פּאָר וואָכן איז ער געליגן, גערוט און, איך ווייס ניט, דער איבערבייט, די רו, אָבער ער האָט ווירקלעך אַרויסגע־וויזן אַ פאַרבעסערונג, די שטימע אפילו געוואָרן בעסער, ניט נאָר איך, זייטיקע האָבן געקענט הערן וואָס ער זאָגט. אָט די בעסערונג האָט אים אוועקגעהרגעט. ער איז געוואָרן אומרואיק. וואָס׳ט ער דאָ ליגן? טעאַטער! איך האָב אויפגעזוכט אַ פּאָר פריינט, באַקאַנטע פון דער טעאַטער וועלט, ער האָט גענומען ארויסגיין אין טעאַטער, מואוויס, אַהער אין קאפע, ער האָט אויפגעלעבט, אפילו מיט לואין, דעם הויפּט קעלנער דאָ, האָט ער זיך ארומגעכאַפּט, איין קלייניקייט, זיינער אַן אַלטער פּאַט־ריאָט! ער האָט אויפגעלעבט און גענומען אונטערגיין. פינף וואָכן פאַרן טויט האָב איך אים געמוזט ארויסנעמען אין אַ מואווי, נאָך דער מואווי זיינען מיר אריין אַהער, געזעסן אפשר אַ שעה צייט און, ווען מ׳האָט זיך געלאָזט גיין אהיים, האָט שוין לואי געמוזט מיר העלפן אים אַריינ־זעצן אין טעקסי.

— דאָס לעצטע מאָל וואָס איך באַדער דיך, לואי, — האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַרן קעלנער. און דאָס א י ז געווען דאָס לעצטע מאָל. אויף מיינע הענט איז ער אויסגעגאַנגען. אַנשלאָפן געוואָרן ווי אַ קינד. היינט איז דריי יאָר, צום טאָג.

— יאָ, דריי יאָר, און די דריי יאָר זיינען לייגער ווי די זיבעצן. געהאַט געגוג ציים צום טראַכטן, איבערטראַכטן . . .

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און דר. צעדערבוים האָט געקראָגן דעם געפיל אַז אירע מחשבות שוועבן אַרום דאָ איבערן טיש.

— און וואָס האָט איר אויסגעטראַכט?

— אויסגעטראַכט? — האָט זי איבערגעפרעגט ווי צוריקקומענדיק פון ערגעץ. — כ'האָב גאָרניט אויסגעטראַכט. אָט היינט בין איך געזעסן דאָ און האָב געטראַכט: שוין דריי יאָר אַז איך קום אַהער. אַמאָל פלעג איך קומען גאַנץ אָפט, לעצטנס זייער זעלטן. די באַקאַנטע דערקענען זיך שוין ניט צו מיר, דער איינציקער וואָס דולדעט מיך איז לואי, אָבער טאַקע ניט מער ווי געדולדעט. ניט קיין צו גוטער קונה. און אַז איך נעם שוין אַ טעפּל קאַווע, לאָז איך אים צען סענט, ער פאַרליערט אין מיר געלט, אָבער פאַרהאַלט זיך גאַנץ העפלעך. היינט, צום יאָרצייט, האָב איך געפילט אַז איך מוז קומען אהער, בדאַי גיין צופוס. געהאַט אַ קוואָטער ביי זיך. — זי האָט אַרויסגעלייגט דאָס פּערטעלע אויפן טיש ווי אַ קינד וואָס גייט אין קראָם קויפן צוקערקעס און לייגט אַרויס דעם גאַנצן פאַרמעגן. — פופצן סענט קאַווע, צען סענט לואין. גייענדיק האָב איך נאָר געציטערט טאָמער פאַרליר איך אים. יאָ, כ'האָב זייער מורא געהאַט דערפאַר, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ קינדערישן שמייכל. — ניט פאַרלאָרן. בין איך געזעסן און געטראַכט: נאָכוואָס קום איך אַהער? צוליב זיאַמען. יאָג זיך נאָך אַ שאָטן, וויל אויפכאַפּן אַ שאָטן פון אַמאָל, איך אַליין — זיאַמעס אַ שאָטן. וואָס האָב איך צו טון מיט די אַקטיאָרן, אַקטריסעס דאָ? יאָ, איך בין געווען אַן אַקטריסע, אָבער נאָר אין זיאַמעס זכות, זיאַמע געשטאָרבן בין איך מער אויף דער בינע נישט געגאַנגען. זיי וואָלטן מיך אפשר גענומען, איך דיינק אַזוי, אָדער איך נאָר זיך, אָבער איך האָב אפילו ניט געפּרואווט. פאַרלוירן זיאַמען, האָב איך פאַרלוירן אַ ליבהאָבער, אַ מאַן, אַ פריינט, אַ קינד, דעם פאָדעם פון לעבן האָב איך פאַרלוירן, אָפּגערעדט שוין דעם אינטערעס צו דער בינע. טעאַטער — אויך אָפּערע. מ'ברייגגט אַרויף פאַרפּלאָנטערטע מענטשן, אָדער פּשוטע מענטשן אין פאַרפּלאָנטערטע סיטואַציעס און אויף דער בינע ווערט אַלץ אויסגעפּלאָנטערט, מ'שיסט זיך, מ'טרינקט זיך, אָדער, נאָך בעסער, מ'האָט חתונה, און אַלץ איז געלייזט. אין לעבן גייט עס צו אַ סך איינפאַכער, אָבער טאַקע דערפאַר איז עס אַזוי פאַרדאַמט קאָמפּליצירט. אַלץ וואָס דו קענסט איז זיך וואונדערן און פרעגן: וואו קום איך דאָ אַריין? און טראַכטן, טראַכטן . . .

— און האָט איר ניט געקראָגן קיין ענטפער?

— מענטש איינער, אויף פראַגן וואָס מ'שטעלט זיך אַליין איז ניטאָ

ווער עס זאָל ענטפערן . . . אפשר ווען איך טראַכט ביזן סוף, איר פאַר־שטייט? ביזן סוף . . . אָבער ביזן סוף איז שווער צו טראַכטן, אפשר ווייל מ'האָט מורא פאַרן ענטפער, איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, עס איז עפּעס אַ מין טראַכטן ניט אין דער לייִנג, אין דער טיף, נאָר אין אַ מין קרייז, מ'קען זיך ניט אַרויסרייסן. איך ווער מיד פון אַזאַ טראַכטן. זייער מיד. איך בין געזעסן דאָ אַ, געטראַכט אפשר אַ שעה צייט, גע־וואָלט זיך אויפהייבן, אַוועקגיין, און ניט געקענט, צו מיד. זייט איר אַריינגעקומען. דאַנק איך אייך. געוועז גוט צו רעדן, זיך אויסריידן, אָבער . . . — זי האָט זיך פאַרהאַקט, איר פּנים האָט זיך גענומען רויטלען, די לאַנגע וויעס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט, פאַרשטעלט די אויגן, — איר'ט שוין מוזן באַצאָלן פאַר מיין מאָלצייט. — די וויעס האָבן זיך אַ הייב געטון, די גרויע אויגן האָבן אומעטיק געשמייכלט, געבעטן: האָב קיין פאַראיבל . . .

— פאַרשטייט זיך, — האָט ער אונטערגעכאַפּט, — נאַטירלעך, דאַרפט גאָרניט רעדן דערפון. אַלץ וואָס איך וויל פון אייך, — האָט ער אַ דריי געטון מיטן מויל, — איז גיט מיר אייער קוואָטער.

זי האָט געהאַלטן די מטבע מיט די שפּיצן פינגער, געקוקט אויף אים ניט פאַרשטייענדיק. ער האָט שמייכלענדיק אַרויסגענומען די מטבע פון אירע פינגער, קונציק איר אַריינגעשפּאַרט אַ פינף דאָלאַרדיק פּאַפּירל און פאַרמאַכט אירע פינגער אַרום דעם.

— שלעכטע בלוט צירקולאַציע, — האָט ער נאָטירט אין קאָפּ, דערפילנדיק אירע קאַלטע פינגער. — געעסן, געטרונקען, און די פינגער קאַלט.

ער האָט דאָס אָפּגעטון זייער געשיקט. ניט זי האָט אים געזען אַרויסנעמען דאָס פּאַפּירל פון קעשענע, אפילו ניט אין זיין האַנט, ערשט ווען זי האָט עס דערפילט, האָט זי אַן עפן געטון די האַנט, און דאָס צעקנייטשטע פּאַפּירל אין דער אָפענער האַנט, די געעפנטע אויגן האָבן געפרעגט: וואָס איז דאָס?

— אַן אויסטויש, — האָט ער קורץ אַ זאָג געטון. — אַ בייט. איר האָט מיר געגעבן אַ זילבערנע מטבע, איך אייך אַ פּאַפּירענע. נעמט עס, נעמט עס! — האָט ער שוין באַפעלעריש געזאָגט, זיין טאָן — מאַך זיך ניט נאַריש!

— איך האָב מורא איך קען עס נישט נעמען. — זי האָט אַ לייג געטון דאָס פּאַפּירל אויפן טיש.

— וואָס מיינט איר, איר ק ע נ ט נישט?
— איך צווייפל צי איך וועל קענען אָפּגעבן.
— אָה! נו, איז ערשטנס, גיט מיר „דעם בענעפיט פון צווייפל״, דאָס איז נומער איינס, נומער צוויי, אַז איר׳ט עס מיר ניט אָפּגעבן וועט ביי מיר אין קעשענע קיין לאָך ניט ווערן. איך בין אַ רייכער מענטש.
— האָט ער צוגעגעבן ווייט אָן באַרימעריי, אדרבה, עפּעס מיט אַ טאָן פון באַדויערן: נעבעך, אַ רייכער. — נעמט עס, — האָט ער שוין חבריש געבעטן. איר׳ט האָבן וועט איר מיר אָפּגעבן.
— מעג איך האָבן אייער אַדרעס? — האָט זי געפרעגט צונע־מענדיק דאָס פּאַפּירל.
— מיין אַד—רעס? דאָ איז מיין . . . קאַרטל. — ער האָט גע־נומען טאַפּן אין דער אויבערשטער קעשענע,ביים זוים האָבן זיך די פינגער ווי מיישב געווען. — וואו? . . . האָב ניט קיין קאַרטל מיט זיך. פאַרגעסן אין צווייטן אנצוג. — די פינגער האָבן אָפּגעלאָזט די קעשענע. אַ כלל געווען ביי אים ניט צו געבן קיין וויזיט קאַרטל צופעליק באַ־קאַנטע . . . פרויען. — איר דאַרפט ניט קיין קאַרטל. איר׳ט אַ קוק טון אין טעלעפאָן בוך, דר. צעדערבוים. דאָ בלויז איין דאָקטאָר צעדערבוים.
מיט דעם איין דר. צעדערבוים האָט ער געזאָגט: ניט נאָר אין טעלעפאָן בוך, אין שטאָט דאָ, אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ נאָך אַזאַ דר. צעדערבוים. — אַלץ וואָס איר דאַרפט איז געדיינקען דעם נאָמען.
— איך וועל אים זיכער געדיינקען. און איך דאַנק אייך. געווען גוט צו רעדן. און איצטער אַ גוטן. — זי איז געשטאַנען, געהאַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט.
— וואָס איילט איר זיך? וואו גייט איר? אין וועלכער ריכטונג? איך האָב דאָ מיין אויטאָמאָביל, וועל אייך נעמען אַהיים.
— אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק. עס איז ווירקלעך פיין פון אייער זייט, אָבער איך וויל ג י י ן אַהיים, טאַקע גיין צופוס, איך וויל זיין . . . אַליין.
אויף איר פּנים האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אַ מידקייט, וואָס האָט זי עלטער געמאַכט אויף עטלעכע יאָר. דער מידער פּנים, די טונקל געוואָרענע אויגן, די אָפּענע האַנט האָט געבעטן: לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך גיין. ער האָט אָנגענומען איר האַנט. — אַ גוטן.
— איך דאַנק אייך, — האָט זי ווידער אַ זאָג געטון מיט אַ וואַ־רימען קוק.

— איך דאַרף אייך דאַנקען. געווען ווירקלעך אַ פאַרגניגן צו פאַר־ברייגגען מיט אייך. איך האָף מיר'ן זיך נאָך זען.

— מעגלעך. — דער טאָן האָט געזאָגט: איך צווייפל. — דערווייל, אַ גוטן.

— צום ווידערזען, — האָט ער פאַרטרווילעך אַ זאָג געטון. זיינע גרויסע רעדער־ברעמען האָבן זיך אַ צי געטון, די שאַרפע אויגן האָבן געפיקט איר פּנים, אָט איצטער אָ, אין דער לעצטער מינוט, גוט אָנקוקן, אים אַראָפּכאַפּן.

איר גאַנג אין דער לייַנג פון גרויסן רעסטאָראַן האָט ווייט ניט האַרמאָנירט מיט איר מידן פּנים. די אַקסל גלייך, דער קאָפּ אויפ־געהויבן, די פיס אויף די הויכע קנאָפּל האָבן שנעל און דאָך פעסט געטראָטן, די קליבעס האָבן זיך ריטמיש געוויגט. ער האָט נאָך געזען ווי מיט אַ לייכטן דריי פון פּנים האָט זי אָנגעוויזן דעם קעלנער אַז ער, דר. צעדערבוים, וועט באַצאָלן. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט.

דר. צעדערבוים האָט זיך ראַש אַ דריי געטון. אויסגעליידיקט דאָס פלעשל, אַ זופּ געטון פון גלעזל, האָט ער אַ דריי געטון דעם קאָפּ אָן אַ זייט, איין אויג האָט פאַרקוקט אַרויף: אָט האָסטו עס. דער מויל, דער נאָז האָט זיך אַ קנייטש געטון. — ניין, ניט דאָס. — ער איז שוין געווען געוואוינט צו הערן אַ „ביטער מזל" געשיכטע און געוואוסט באַלד קומט דער „טאַפּ" — אַ גמילות חסד. ניין, זי איז ניט קיין געלט־צאַפּער. און זי האָט אויך נישט געשפּילט קיין טעאַטער, כאָטש זי האָט געמוזט זיין ניט קיין שלעכטע אַקטריסע. לאָמיך זען.

ער האָט אַ שאַר געטון די אויבערשטע קעשענע, ארויסגעצויגן אַ בלייפען, אַ קאָסע געטון דעם טיש מיט די אויגן און, ניט געפינענדיק וואָס ער האָט געזוכט, גענומען צייכענען אויפן טישטוך איר פּנים. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז ווען ער האָט דערפילט עמיצן שטיין ביים טיש, האָט ער דערשראָקן אַ קער געטון דעם קאָפּ.

— אה! — האָט ער אַ ברום געטון, דערזעענדיק דעם קעלנער און אויף גיך אַ רוק געטון אַ טעלער צום געמעל אויפן טיש. — הערט! — האָט ער אַ שטעל געטון אַ פינגער צום קעלנער, — קענט איר די פרוי? — האָט ער אַ וויַז געטון אויפן פּלאַץ וואו מרים איז געזעסן.

— די שוואַרצע אלמנה? אודאי קען איך זי.

— וואָס עפּעס שוואַרצע אלמנה? איז זי אַ שוואַרצע אלמנה? (אַ געפערלעכע שפּין).

— נו, דאָס איז מיין נאָמען פאַר אַלע אלמנות. איך האָב זיי ניט ליב, די אלמנות.

— וואָס איז דער מער מיט די אלמנות? — האָט שוין דר, צע־דערבוים פאַראינטערעסירט געפרעגט.

— זיי זיינען אַן אַנשיקעניש. נעמט די למשל, זי איז אפשר אַ גוטע פרוי. איך בין זיכער אין דעם. איר מאַן האָב איך געקענט זייער גוט. איך און זיאמע — מיר זיינען געווען גוטע פריינט! ער איז געווען אַ גרויסער אַקטיאָר און אַ גוטער ספאָרט. איך האָב קיינמאָל ניט פאַר־פעלט זיינע אַ פאָרשטעלונג און קיינמאָל ניט געצאָלט פאַר קיין בילעט אויך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. — ער איז געווען אַ ספאָרט אַ בחור. ניט נאָר אַ בילעט אין טעאַטער, דער דאָלאַר איז געווען ביי אים אַ ממזר. אפילו דאָ, איך מיין, ווען ער איז געקומען אַהער, שוין געווען אַ חורבה פון אַ מענטשן, אָבער אַלץ דער זעלבער ספאָרט. יאָ, ער איז געווען אַ פיינער בחור, און קעגן איר האָב איך אויך גאָרניט, אָבער גיט אַ קוק, אַ מענטש קומט צוגיין, זעצט זיך אַנידער ביי אַ טישל, אמאָל פלעגט זי נאָך באַשטעלן אַ מאָלצייט, לעצטנס טוט זי דאָס אויך ניט, אַלץ וואָס זי נעמט איז אַ גלאָז קאַווע. איך שטעל מיר פאָר, זי פאַרמאָגט ניט דעם פרייז פון אַ מאָלצייט. זי איז נאָך אַ ספאָרט, לאָזט איבער אַ דאַים, אָבער ווער, צון אַלדי גוטע יאָר, דאַרף עס איר דאַים? פירט מיר איבער אַ טיש. איך וואָלט איר געגעבן אַ קוואָטער זי זאָל ניט קומען זיצן דאָ און . . . איר ווייסט, אייניקע מאָל אַז איך לויף פאַרביי איר טישל, באַגעגן איר פנים, אירע אויגן . . . האָט איר געזען אירע אויגן?

— שיינע אויגן.

— שיין זיינען זיי, קיין צווייפל, אָבער איך קען זיי ניט פאַרטראָגן. איך קען זען ווי זי מאָנט ביי מיר: גיב מיר צוריק מיין זיאמען! גענוי אָט אַזוי פיל איך, און, איין גאָט ווייסט, איך קען איר ניט געבן איר זיאמען. איך פאַרשטיי ווי זי פילט, אָבער וואָס בין איך שולדיק? זאָגט אייך וואָס איר ווילט, איך האָב זיי ניט ליב, די אלמנות.

— איך גלויב איר זייט גערעכט. וויפל באַטרעפט עס? גוט. דאָ האָט איר עס. האַלט דאָס קליינגעלט. און יאָ, דער טישטוך דאָ . . .
— האָט ער אַ רוק געטון דעם טעלער, געוואָלט זאָגן דעם קעלנער, אפשר קען ער נעמען דעם טישטוך מיט זיך, אָפשניידן דאָס שטיקל בלויז.

— עס מאַכט ניט, — האָט דער קעלנער פּאַטראָניזירנדיק אַ שמייכל געטון, — גייט סיי ווי אין דער וועשעריי.

— אַזוי. נו . . . — דר. צעדערבוים האָט אויף שנעל גענומען דראַקען, פֿאַרדראָקעט די צייכענונג אַזוי אַז עס איז געבליבן איין גרויסער בלייענער פלעק און אויף שנעל אַרויסגעגאַנגען פון רעסטאָראַן. גייענדיק האָט ער זיך אַליין פֿאַרזיכערט אַז ער טראָגט מיט איר בילד. יאָ, ער האָט געכאַפּט איר פּנים, און דאָס איז אַלץ וואָס ער דאַרף. איר געשיכטע? נו, עס שטימט אפילו ניט מיט זיין טעאָריע, אַן אַקטריסע איז זי, קיין פּראָסטיטוטקע ניט, זיכער ניט, זי איז אויך ניט פון די „פרייע קינסטלער״, וואָס פֿאַרלירן זייער „אינהיביציע און געפינען עקזיביציע״, נייך, זי פּאַסט זיך ניט אַריין אין דער טעאָריע, און אפשר? נאָך ניט אַזוי זיכער. ווען ער זאָל זי זען נאָכאַמאָל, זי דערקענען נאָך אַ ביסל בעסער . . . ער׳ט עס נאָך טון. דערוויל דאַרפן פֿאַרצייכענען.

אין זיינע קאָנווערטן, אין די קעסטלעך מיט מאַטעריאַלן פֿאַר זיין בוך איז צוגעקומען נאָך אַ „נומער״ — מרים סאַפיר, אַ רויער אָנוואורף פון איר פּנים מיט אַ פֿאַרצייכענונג:

אַט די אַלע „געוועזענע״ טראָגן זיך אַרום מיט שליסעלעך צו די אוצרות וואָס ליגן באַגראָבן אויף די פעלדער פון זייער פֿאַרגאַנגענהייט. זי האָט געזונגען מיט קארוזאָן! אַ כאַריסטקע, אָבער האָט געזונגען מיט קארוזאָן; האָט געשפּילט טעאַטער ביי ריינהאַרטן. אַ סטאַטיסטן, אָבער געשפּילט ביי ריינהאַרטן! קארוזאָ איז טויט, ריינהארט איז טויט, זי איז אויך . . . טויט, אָבער זי קלאַמערט זיך אָן די שליסעלעך פון די אוצרות. קען זיין זי האָט נאָך ערגעץ אַ בילד פון אַ קארוזאָ אָפּערע, און מיט אַ מיקראָסקאָפּ און אַ שטאַרקער פֿאַנטאַזיע קען מען אפשר דערזען מרים סאַפיר פון . . . וויפל יאָר צוריק? ווי אַלט קען זי זיין? (זי מוזן זען נאָכאַמאָל).

אין קאַפּע האָט ער זי מער ניט געטראָפן. זוכן זי וועט ער ניט, האָט אפילו ניט איר אַדרעס, זי זיין אַדרעס האָט יאָ געבעטן, אָבער זי׳ט אים אויך ניט גיין זוכן. אַ געוויינלעכע . . . שוואַם, אַריינגעזויגן אַ פינפערל. מילא, ניט די ערשטע, האָט ער זי אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אינגיכן פֿאַרגעסן אָן איר.

איין פרימאָרגן, עפענענדיק די בריוו, האָט ער דערזען אַ קאָנווערט אָן אַן אַדרעס אויף צוריק, זיין אַדרעס, ניט ריכטיק, אויסגעשטראָכן, פון פּאָסט אַ באַמערקונג: פּרואוו . . . זיין ריכטיקער אַדרעס. האָט ער

געקוקט פֿאַרדעכטיק אויפֿן בריוו איידער ער האָט אים געעפֿנט. אויפֿ־געריסן דעם קאָנווערט, האָט ער דערזען אַ האַלב בלעטל פּאַפּיר, אַ פּאַפּירן פֿינפֿערל און: „געערטער דר. צעדערבוים! אַזוי ווי איך קליײב זיך אויף אַ ווייטער רייזע פֿון וועלכער איך וועל וואַרשיינלעך ניט צו־ריקקומען אַהער, שיק איך אײַך דאָ אײַערע פֿינף דאָלאַר, און אַ דאַנק אײַך. מרים סאַפּיר".

דר. צעדערבוים האָט אַ הויב געטון דעם קאָפּ, דאַן פֿאַרקנייפּט דעם קין אין זײַן האַנט רערל. — האָט זי אָפּגעשיקט דאָס פֿינפֿערל. ווי אַ גוטער קליינבירגער. גיי ווייס. די פֿרוי, די פֿרוי, זי א י ז אַנדערש. זי איז אפֿשר ניט געווען קיין גרויסע אַקטריסע, מסתּם אויך ניט קיין וואָזשנע זינגערין, אָבער . . . „אָפּערע" — האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ איר ווערטל, און ער האָט דערזען איר שפּאָטישן קוק.

— גייט זי צו אַלדי גוטע יאָר. וואָס איז דאָ אין דער צײַטונג?

איבערגעלאָפֿן מיט די אויגן די גרויסע קעפּ פֿון דער ערשטער זײַט, האָט ער אַ מיש געטון די צײַטונג אויף דער צווייטער זײַט, אַ דריי געטון אויף דער דריטער זײַט און . . . ער האָט דערזען מרים סאַפּיר. די אויגן האָבן אַ שפּרונג געטון פֿונם בילד צום „קעפּל" נייס און ער האָט שנעל געלייענט: מרים סאַפּיר, געוועזענע אַקטריסע און אָפּערע זינגערין, ווײַב פֿון דעם אַמאָל באַוואוסטן אַקטיאָר זיאַמע סאַפּיר איז געשטאָרבן פֿון אַ צו גרויסער דאָזע שלאָף פּילן. קיין צעטעלע איז ניט געפֿונען געוואָרן, בלויז דאָס ליידיקע שאַכטל איז געווען אַן אָנדייטונג דאַרויף. דאָס פֿאַלמעסן האָט באַשטעטיקט. פּאָליציי גלויבט עס איז געווען זעלבסטמאָרד. די הויז פֿרוי, וואו מרס. סאַפּיר האָט געוואוינט האָט איבערגעגעבן אַז די לעצטע צײַט איז מרס. סאַפּיר געווען זייער מעלאַנכאָליש.

— אָט האָסטו עס! — האָט דר. צעדערבוים אַ זאָג געטון אין דער הויך, אַ לייג געטון די צײַטונג, און זי ווידער אַ נעם געטון. — אַ גרויסע דאָזע שלאָף פּילן. — איז זי, הייסט עס, באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. זײַן פּנים, זײַן מויל האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ מאָדנער גרי־מאַסע און ער האָט שיר נישט אויסגעשריען: אָפּערע! דאָס איז אָפּערע! — האָט ער שוין זשעסטיקולירט. — לעבן האָט זי געוואָלט, אמת לעבן. אין אמתן לעבן האָט זי געקענט ווערן אַ שאָפּ פֿרוי, ווערן אַלט, זײַן אַ פּעדער־פּליקערן, שטאַרבן אין אַ מושב זקנים, אָבער זי האָט אויסגעקליבן . . . אָפּערע. יאָ, מײַן טײַערע פֿרוי, — האָט ער

שוין גערעדט צום בילד אין צייטונג, — צי דיר געפעלט עס צי ניט, אָבער דו האָסט אויסגעקליבן אָפּערע, און „פּובליסיטי" האָסטו געקראָגן נאָכן טויט אויך צוליב דער אָפּערע . . . פּאָליציי, רעפּאָרטערס האָבן געזען די בילדער, פון דער אָפּערע, טעאַטער, און אַט איז עס . . . גוט וואָס ער האָט איר דאַן נישט געגעבן זיין וויזיט קאַרטל. פּאָליציי וואָלט עס נאָך אפשר געפונען, אים געפּרוּאווט צושפּיליען צום זעלבסט־מאָרד, שלאָף פּילן . . . אַ דאָקטאָר . . .

— די קאַר איז גרייט, — האָט ער מיט אַמאָל דערהערט. ער האָט דערשראָקן אַ דריי געטון דעם קאָפּ. דערזען זיין דינער, דעם פיליפּינער, האָט ער שטוינענדיק אַ פרעג געטון — וואָס אַזוינס?

— די קאַר איז גרייט, — האָט דער דינער נייטראַל איבערגעחזרט.

— די קאַר?

— איר דאַרפט גיין אין שפּיטאָל, ניין?

— אָה!

דר. צעדערבוים האָט אַ וואָרף געטון די צייטונג, אַ דריי געטון דעם האַנט געליינק און דערזען עס איז צען מינוט נאָך ניין. עלף אַזייגער האָט ער געהאַט אַן אָפּעראַציע. ער האָט אַ כאַפּ געטון זיין רעקל, הוט. זיין אויג איז געפאַלן אויף דער צייטונג וואָס איז געליגן צעוואָרפן אויפן טעפּיך, ער האָט זיך אַ ישוב געטון: אויפהייבן? און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — זיך באַגיין אָן איר. אין איילעניש האָט ער זיך געלאָזט צום אויטאָמאָביל אויפן וועג אין שפּיטאָל, צום אָפּעראַציע טיש, וואו פונקט עלף אַזייגער האָט ער געדאַרפט שניידן „גרויע מאַטעריע", אַ מענטשלעכן מאָרך.

אַ פּאָר פּאָלק

יעדן דאָנערשטיק אָוונט האָט מען געקענט זען אַן עלטער פּאָר פּאָלק
גיין פון זייער שטיבל צו אַ צווייטן שטיבל אומגעפער אַ מייל און אַ
האַלב ווייט. דאָס איז פּראָפעסאָר דוד שטערן און זיין ווייב מרים גע־
גאַנגען צוגאַסט צו זיין פריינט דעם קאָמפּאָזיטאָר נתן באַכראַך, אָדער
נתן באכראך און זיין פרוי לאָרא זיינען געגאַנגען צוגאַסט צו פּראָ־
פעסאָר דוד שטערן.

פריינט פון יאָרן, האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג — גיין יעדן
דאָנערשטיק איינער צום צווייטן שפּילן אַ ברידזש, אַזוי האָט עס גע־
הייסן, און דער וויזיט האָט אין משך פון יאָרן אָנגענומען אַ מין ריטואַל.
גלייך נאָך די באַגריסונגען האָט די באַלעבאָסטע פון הויז צוגענומען
די אויבערמאַנטלען, היטלען, די מענער האָט מען געלאָזט זיך דורכ־
ריידן אינם מאַנס אַרבעט צימער, די פרויען האָבן זיך פאַרקליבן אין
אַן אַנדער צימער, גערעדט, אויסגעפרעגט וואָס מאַכן די קינדער, די
אייניקלעך, געוויזן די קליידלעך וואָס מ׳האָט געמאַכט אָדער געקויפט
אַ מציאה, אנדערע ווייבערישע זאַכן, אַזוי ביז זיי האָבן דערהערט די
קולות וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון דער „מענערישער שול״. דאַן
האָבן זיי באַשלאָסן אַז עס איז שוין צייט אריינגיין צו די מענער, „צע־
נעמען די הענער״, און מ׳האָט זיך געזעצט שפּילן אַ ברידזש. אָפּגע־
שפּילט אַ שעה אָדער צוויי, האָט מען געטרונקען קאַווע, צוגעביסן,
גערעדט, געשפּאַסט, נאָכדעם האָט מען אַ ביסל מוזיצירט. דער קאָמ־
פּאָזיטאָר האָט געוויינלעך געשפּילט עפּעס פון זיינע באַליבטע דריי
„ביתן״ — באַך, בעטהאָווען, בראַהמס — דער עיקר די ערשטע צוויי,
אַמאָל זיינע אַן אייגענע קאָמפּאָזיציע, אָדער גאָר אימפּראָוויזירט; פּראָ־
פעסאָר שטערן, אַ פיזיקער און ניט קיין שלעכטער פידל שפּילער,
האָט געשפּילט פידל און באכראך האָט באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ; אַמאָל
האָט אויך לאָרא באכראך געזונגען. אין אירע יונגע יאָרן האָט זי
געהאַט אַ פיינע קאָנטראַלטאַ. מרים שטערן האָט געהאַט די באַשיידענע

ראָלע צו זיין די אוידיענץ. אָפּגעשפּילט, האָט מען זיך געלאָזט גיין אַהיים, זיך געזעגנט ביז קומענדיקן דאָנערשטיק.

אויך דעם דאָנערשטיק איז עס צוגעגאַנגען ווי געווייגלעך, מער ניט די „העגער האָבן זיך שוין צופיל געריסן".

גלייך ביים אַריינקומען האָט דער קאָמפּאָזיטאָר באַמערקט אַז זיין פריינט דער פּראָפעסאָר איז עפּעס צו אויפגערעגט.

פּראָפעסאָר שטערן איז ניט געווען פון די רואיקע, קאַלטע פּראָפעסאָרן, וואָס וועגט און מעסט זיינע רייד אויף אַן אַפּטייקערשער וואָג און, זאָגט ער עפּעס אַרויס, איז ווי ער וואָלט גערעדט עקס קאַטהעדרע. אפילו פאַר זיינע סטודענטן — מייסטנס וויכטיקע וויסנשאַפט־לייט — איז ער נישט געשטאַנען אָדער געזעסן רואיק און גערעדט קאַלט, דער־קלערט טרוקן און זאַכלעך זיין ענין. די קאַטהעדרע — אַ געוויינ־לעכער שרייב טיש, אויף וועלכן עס זיינען געליגן אָנגעוואָרפן זיינע נאָטיצן — איז טאָקע געשטאַנען אויפן אָרט, דער פּראָפעסאָר איז אָבער ניט איינגעזעסן אָדער געשטאַנען הינטערן טיש, ער איז אַפּירגעגאַנגען, אַרומגעגאַנגען, גערעדט, געמאַכט מיט די הענט, דאַן אַ שפּאַן געטון צו דער גרויסער שווארצער ברעט אויפן וואַנט, דאָרט אַ כאַפּ געטון אַ שטיקל קרייד, האַסטיק געשריבן מאטעמאטישע פאָרמולעס, זיי באַ־זאַלצן מיט אָפּגעריסענע ווערטער און, אַוועקגעלייגט דאָס שטיקל קרייד, האָט ער פאַרענדיקט: ווי איר זעט איז עס גאַנץ פּשוט. דערביי האָט ער אָפּגעווישט די פינגער אַן די הויזן אָדער רעקל . . .

די סטודענטן האָבן געשמייכלט. זיי האָבן שוין געוואוסט אַז ביי פּראָפ. שטערן זיינען די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען גאַנץ פּשוט, און וואָס קען נאָך זיין איינפאַכער ווי אָפּווישן די קרייטיקע הענט אַן די הויזן? אַ סך איינפאכער ווי נעמען זוכן, שלעפּן אַ טיכעלע פון קעשענע, וואָס ער האָט אפשר גאָר פאַרגעסן אַריינלייגן אַהין.

פּראָפעסאָר שטערן איז אין זיין אָנטון געווען אַ שטיקל נאַכליהע. קליידער זיינען געווען ביי אים עפּעס אַ פרעמדע זאַך. נו יאָ, מ'דאַרף זיך אָנטון, איז ביי אים געווען רעכט ארויפציען דעם גרויסן וואַרימען סוועטער מיט וועלכן ער האָט זיך געשיידט בלויז אין די הייסע זומער־דיקע טעג און אַזוי גיין אין אוניווערסיטעט. זיין פרוי האָט שוין יעדן פרימאָרגן געמוזט אַכטונג געבן ער זאָל זיך אָנטון ווי עס באַדאַרף צו זיין, זי האָט אויך פאַרקעמט זיינע געדיכטע גרויע האָר, אין אוני־ווערסיטעט איז ער פונדעסטוועגן געקומען אַ צעפּאַטלטער: די האָר

האָבן ניט געוואָלט איינליגן, חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט אַ טבע אַריינפּאָרן מיט די פינגער אין די האָר, זיי דרייען, אָדער גאָר אַ רייב טון דעם שאַרבן. אפילו ווען ער האָט געדרויכערט די ליולקע — זיינע רואיקסטע מינוטן — איז אַזוי לאַנג ווי ער איז געזעסן האָט ער די האָר ניט געטשעפּעט, קוים האָט ער אָבער זיך אויפגעהויבן, געגומען אַרומשפּאַנען, איז שוין אין האַנט געקראַכן אין די האָר, די צווייטע האָט געהאַלטן די ליולקע, מייסטנס אָן אויסגעגאַנגענע, אָפּטמאָל מיטן מויל אַרונטער, באַשפּרינקלענדיק דעם טעפּיך מיט אַש, טאַבאַק. האָט אים די ווייב געכאַפּט ביי דער עובדא, האָט ער מיטן פוס אַ רייב געטון דעם טעפּיך — ניטאָ קיין אַש . . . קיין טאבאק . . . שרייען, האָט זי שוין געוואוסט, העלפט ניט. אָן ווערטער האָט זי ארויסגענומען די ליולקע, זי אַוועקגעלייגט אויפן רויכער טישל, וואו עס זיינען געהאַנגען אַ פּאָר טוצן אַנדערע ליולקעס און ארויסגעגאנגען אונטערבורטשענדיק: ניט אויסצוהאַלטן. ׳עט נאָך מאַכן אַ פייער. באַלד נאָך איר אַרויס־גיין האָט דער פּראָפעסאר גענומען אַ צווייטע ליולקע, אָנגעשטאָפּט טאַבאַק, געצונדן איין שוועבעלע, אַ צווייטס, אַ דריטס, ביז דאָס פייער אין ליולקע האָט באַלויכטן זיין פּנים, געגעבן אַ פּאָר צי, האָט ער ווידער פאַרגעסן אָן דער ליולקע.

אַ צעטראָגענער פּראָפעסאָר? ער איז ניט געווען צעטראָגן, ער איז געווען פאַרטראָגן אין זיינע געדאַנקען, דאָס איז געווען זיין אופן פון טראַכטן. — זעסט׳אָך, איך אַרבעט! — האָט ער ניט איין מאָל אַ זאָג געטון צו זיין פרוי, אָפּשטעלנדיק זיך אינמיטן צימער, ניט ענט־פערנדיק אויף איר פראַגע וואָס זי האָט אים געשטעלט, און זי איז ניט ברוגז געוואָרן, זי האָט שוין געוואוסט — אָט אַזוי אַרבעט ער, גייט אַרום, טראַכט, טראַכט, גייט צו צום גרויסן טיש, וואו עס זיינען אָנגעוואָרפן פּאַפּירן מיט פּאפּירלעך, שטיקלעך, ברעקלעך פּאַפּיר, דוכט זיך אָן אַ סדר, אָן אַן אָרדנונג, אָבער זאָל זי נאָר פּרובירן ברייננגען די פּאַפּירלעך אין אָרדנונג איז הימל עפן זיך. זי, אפילו די דינסט האָט שוין געוואוסט אַז דעם טיש טאָר מען נישט טשעפּען, זי האָט זיך נאָר געחידושט: ווי טרעפט ער עס דאָס ריכטיקע פּאַפּירל? און שטאָלץ געשמייכלט צו זיך — ער טרעפט! זי האָט געוואוסט איר מאַן איז אַ גרויסער וויסנשאַפט מאַן, איינער פון די גרעסטע פיזיקער, און אַ . . . גוטער מאַן, אַ קינד אויף ווענען מ׳דאַרף אכטונג געבן, נאָר ניט צופיל, גיט זי צופיל אַכטונג, מאַכט זי אַ לאַד אויף זיין שרייב

טיש, נעמט זי ארויס די ליולקע פון זיין מויל ווען ער האָט נאָר וואָס פאַררויכערט, ווערט ער אַזוי אין כעס אַז זי דערשרעקט זיך ממש, ניט ווייל ער שרייט, נאָר ווייל דאָס וועט אים שאַטן צום געזונט. לעצטנס איז זיין האַרץ עפּעס ניט אין אָרדענונג, דער דאָקטאָר האָט געהייסן אינגאַנצן אויפהערן רויכערן, אָבער ער הערט ניט דעם דאָקטאָר. „וואָס ווייסן זיי, די דאָקטוירים? אַ ק ר י י נ ק פאַרשטייען זיי", אַקצענטירט ער די „קריינק", און גיי מאַך מיט אים עפּעס. גלויבט ניט די דאָקטוירים, און אליין אַ וויסנשאַפט מאַן, נאָך אַ מין וויסנשאַפט מאַן! ערשט די וואָך זיינען די צייטונגען געווען פול מיט זיינעם אַן אויפטו. און ער? ער זאָל עס אפילו אַ קוק טון אין זיי. זי האָט אים דערלאַנגט אַ צייטונג, האָט ער אַ בליק געטון און אוועקגעוואָרפן. „בהמות! קענען ניט קיין צלם פאַר אַן אַלף און שמירן אויף וואָס די וועלט שטייט".

פּראָפעסאָר דוד שטערן האָט געהאַלטן אין ארומשפּאַנען, ווען זיין פריינט דער קאָמפּאָזיטאָר מיט זיין פרוי זיינען אריינגעקומען.

דער מוזיקער איז אין זיין אויסזען, האַלטונג און קליידונג געווען ווייט פון אַ באַהעם, ווי מ'שטעלט זיך אים געוויינלעך פאָר. זיינע שטאָל־גרויע האָר זיינען געווען קורץ געשוירן און דער קליינער יאָזשיק אַזוי גלאַט פאַרקעמט אויף ארויף אַז קיין איין האָר האָט ניט ווידערשפּעניק זיך ארויסגערוקט. די קורץ געשאָרענע האָר, זיין גלייכע פּלייצע, די אַרויסגעשטעלטע ברוסט, דער פעסטער טראָט האָבן ארויסגערופן די פאָרשטעלונג פון אַ סאָלדאַטישן, אָפיצערישן גאַנג. נתן באַכראַך איז געווען אַמאָל אין דער אַרמיי און דער סאָלדאַטישער שטעל איז אים געבליבן אויף אַזוי פיל, אַז אפילו ווען ער איז ארויסגעקומען אויף דער בינע „צונעמען" די אַפּלאָדיסמענטן האָט ער קוים קוים זיך פאַרנייגט. ער האָט געטראָגן אַן אַלטן גאַרניטור, איז ער געווען אַזוי ריין, אַזוי גוט אויסגעפּרעסט, אַז מ'האָט געקענט דיינקען דער גאַרניטור איז נאָר וואָס אַרויס פון דער נאָדל. האָט ער, ווידער, אָנגעטון אַ נייעם גאַרניטור, האָט מען ניט באַמערקט די נייקייט, דער גאַרניטור איז געווען געוואָרן און אויסגעוואַקסן מיט אים צוזאַמען. אין זיין פיגור, האַלטונג, קליידונג איז ניט געווען קיין „קינסטלערישעס", בלויז די הענט זיינען געווען שמאָל, די פינגער לאַנג, דין און ווי אַ בלייפעדער פאַרשניצט ביי די שפּיצן.

פּראָפעסאָר שטערן האָט זיך אָפּגעשטעלט און איין אויגנבליק געקוקט אויף זיין פריינט ווי ער וואָלט אים ניט דערקענט, ערשט ווען

די פרויען האָבן זיך באַגריסט. האָט ער פריידיק אויסגערופן: — גוט נאָוונט, גוט נאָוונט! — אָנגעכאַפּט זיין האַנט, זי שטאַרק געדריקט:
— וואָס מאַכסטו? גוט געטון וואָס דו ביסט געקומען.
— וואָס זשע, געביינקט נאָך מיר?
— טאַקע געביינקט. זיך. זיצט, — האָט ער ווי ערשט באַמערקט לאַרא באַכראַך.
— מיר'ן גיין צו זיך, — האָט מרים געענטפערט מיט אַ שמייכל — און איר דאָ טוט זיך אייערס. — שמייכלענדיק זיינען ביידע פרויען אַרויסגעגאַנגען.
— וואָס הערט זיך עפּעס נייס?
— גרויסע נייס. גרויסע נייס, מיין פריינט. גאָר גרויסע נייס, — האָט פּראָפעסאָר שטערן זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין פריינטס שטול.
— לאָמיך שוין הערן.
— געזען די צייטונגען?
— דו ווייסט גאַנץ גוט, איך קוק ניט אַריין אין די „פּלאַכטעס".
— חוץ דער מוזיק אָפּטיילונג, — האָט דער פּראָפעסאָר אַ זאָג געטון, און אין זיינע אויגן האָט אַ שפּיל געטון אַ שטיפערישער שמייכל.
— דאָס איז „שאַפּ".
— „שאַפּ" איז ריכטיק. דאָס מאָל איז אין מיין „שאַפּ" דאָ נייס. געזען, ניו מעקסיקאָ?
— מיינסט די באָמבע?
— די באָמבע, דאָס איז גאָרניט, — האָט דער פּראָפעסאָר אַ קנייטש געטון דעם פּנים אָט ווי ער וואָלט פאַרזוכט אַ רויען, עסיק־זויערן עפּל און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — דער אַטאָם! אַטאָמישע ע נ ע ר ג י ע! דאָס איז דער עניין, און אַ וויכטיקער עניין, מיין פריינט, זייער אַ וויכטיקער.
— דאָס גלויב איך דיר. לויט די צייטונגען וועט מען מיט איין באָמבע קענען פאַרניכטן אַ שטאָט, אויסהרגענען טויזנטער מענטשן.
— גייען זיי צו אַלדי שוואַרצע יאָר די צייטונגען מיט זייערע שרייבאַרעס. מיר איז ניט גוט פון זיי. אַלץ וואָס זיי ווייסן איז באָמבעס. דיר געזאָגט, די באָמבע, דאָס איז גאָרניט, דאָס איז . . .
— וואָס מיינסטו גאָרניט? אַ באָמבע וואָס הרגעט טויזנטער מענטשן...
פּראָפעסאָר שטערן האָט גענומען פאָכען מיט דער האַנט — שווייג! שווייג! די באָמבע, מענטשן . . . . דאָס איז, דאָס איז, ווי זאָל איך

דיר זאָגן? דאָס בלוט ביים געבורט. ווערט אַ קינד געבוירן גייט די מוטער אָפּ מיט בלוט, אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַ געבורט באַגלייטונג. דער עיקר איז דאָס קינד, דער אטאָם, אטאָמישע ע נ ע ר ג י ע.

דעם פּראָפעסאָרס באַלעבטקייט, אויפרעגונג האָט זיך ניט איבערגעגעבן צו זיין פריינט דעם קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט קאַלט געקוקט, אפילו ניט געפרעגט פאַרוואָס איז די ענערגיע אַזוי וויכטיק. ער האָט גאָר אַרויסגעצויגן פון בוזעם קעשענע אַ שווערן זילבערנעם פּאַרטסיגאַר — אַ מתנה פון אַ קעניגלעכן הויף — אַרויסגענומען אַ ציגאַרעט פאַר זיך, דערלאַנגט דעם פּאַרטסיגאַר דעם פּראָפעסאָר. יענער האָט צעשטרייט גענומען אַ ציגארעט און, ווען ביידע האָבן שוין גערויכערט, האָט דער פּראָפעסאר גענומען אַרומשפּאַנען. — פאַרשטייסט? מיר האָבן שוין לאנג געוואוסט דערפון, אָבער וויסן איז איין זאַך און עס דורכפירן איז אַ צווייטע. איצטער איז עס דורכגעפירט, מ'האָט באַפרייט די אטאָמישע ענערגיע. ווייסטו וואָס דאָס מיינט?

— איך ווייס ניט, — האָט דער מוזיקער ניט אָן שפּאָט געענטפערט. — און דו רעדסט און רעדסט און זאָגסט גאָרניט. אַלץ וואָס איך הער איז אטאָם, ענערגיע, אטאָם, ענערגיע, און מיר דוכט דו פאַרשטייסט ענערגיע אומזיסט, איך פאַרשטיי ניט אַ וואָרט.

— אָט דאָס איז עס, מיין פריינט, אטאָמישע ענערגיע. דאָס מיינט אַ נייע עפּאָכע, די אטאָמישע עפּאָכע.

— מיינסט צו זאָגן אַ נייע מלחמה, אַן אטאָמישע מלחמה.

— דו מיט דיינע מלחמות! — האָט דער פּראָפעסאר, אַן אויפגעקאָכטער, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — האָב איך געאַרבעט פאַר דער מלחמה? ניט איך, ניט ווער עס איז פון די וויסנשאַפט לייט האָבן געאַרבעט צוליב דער מלחמה.

— אָבער די באָמבע איז דאָ.

— און זי וועט אָפּשטעלן די מלחמה, וועט אָפּשטעלן אַ ל ע מלחמות.

— נאָבעל מיט זיין דינאַמיט האָט אויך אזוי געדיינקט, אָבער דאָס איינציקע גוטע וואָס ער האָט אפשר אויפגעטון איז וואָס דו האָסט געקראָגן דעם נאָבעל פּריין, וויטער אַזוי . . .

— אַ פאַרגלייך! דינאַמיט און אטאָמישע ענערגיע! הערסט? אויב מענטשן וועלן זיין אַזעלכע אידיאָטן אַז זיי וועלן נאָך פאַרפירן אַ מלחמה מיט אטאָמישע באָמבעס האָבן זיי אפילו ניט פאַרדינט דעם שנעלן טויט וואָס די באָמבעס וועלן זיי ברענגען. נייז, זיי'ן עס ניט טון, עס

וועלן ניט זיין קיין אטאמישע מלחמות, עס וועט אָבער זיין אטאמישע ענערגיע. איצטער איז עס אוראניום, טהאָריום, איין פונט אוראניום קען געבן מער ענערגיע ווי אַ מיליאָן טאָן קוילן, עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן אַז אינגיכן זאָל מען קענען נעמען אַ ביסל זאַמד, אַ פּשוטע זשמעניע זאַמד, און עס פאַרוואַנדלען אין ענערגיע. מיט אַזוי פיל אטאַמישער ענערגיע, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן פינגער, — וועט מען קענען באַלייכטן אַ הויז, באַטרייבן אַ פאַבריק . . .

— וועט מיר שוין זיין גוט ווי דער וועלט. אנשטאט צאָלן דער אמעריקאַן עלעקטריק קאָמפּאַניע וועל איך צאָלן דער אמעריקאַן אטאמיק אסאָסיאיישאָן.

— אַי גיי, רעדסט נאַרישקייטן, — האָט דער פּראָפעסאָר מבטל געווען זיין פריינט. דאָס וועט מאַכן אַ רעוואָלוציע.

— אַ רעוואָלוציע אויך? ביסטו דאָך גאָר אַ קאָמוניסט, באַהיט גאָט, — האָט דער מוזיקער שוין אָפן געשפּעט.

— קאָמוניסט, צי ניט קאָמוניסט, אטאמישע ענערגיע וועט ברענגען אַ רעוואָלוציע.

— און דו אַ צווייטער קאַרל מאַרקס, וואָס?

— איך בין ניט קיין צ ו ו י י ט ע ר קאַרל מאַרקס, — האָט ער ניט אָן פאַרדראָס אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „צווייטער". — פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז ניט מיין פאַך, איך מוז דיר אָבער זאָגן אַז קאַרל מאַרקס האָט געשריבן זיין „קאַפּיטאַל" אין לאָנדאָן. אָן מעכאַנישער קראַפט, קוילן, עלעקטריציטעט, אויל איז מאַרקס' טעאָריע בלויז ווערטער, דערפאַר טאַקע וועט די אטאמישע ענערגיע ברענגען די גרעסטע, גרינטלעכסטע רעוואָלוציע וואָס איז ווען געווען. אָבער אַפילו דאָס איז פאַר מ י ר אַ נעבן־זאַך, דער עיקר איז, עס האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט, מיר'ן זיך איצט דערוויסן אַזוי פיל, אַז דאָס ביז איצטיק וויסן וועט אויסזען ווי אַ קינדער שפּיל. ערשט איצט וועט מען אָנהויבן זיך עפּעס דערוויסן.

— וויסן. וויסן. דאָס אַלץ וואָס דו ווייסט.

— וואָס דען?

— ווייסט, מיין פריינט, — האָט שוין דער קאָמפּאָזיטאָר אויך אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען, — אויף אונדז מוזיקער זאָגט מען אַז מיר זיינען שטיקלעך מאַניאַקעס, מיר האָבן אינזינען בלויז מוזיק, ווען איך קוק

זיך אָבער צו צו דיר, דיינק איך אַז דער אמתער מאַניאַק ביסטו. אַלץ וואָס דו ווייסט איז — וויסן. וויסן וואָס? צוליב וואָס?

— אַ מאַניאַק זאָגסטו? אפשר ביסטו גערעכט. איך ווייס ניט ווי אַנדערע, די ענגלענדער למשל, זיי האָבן גוטע קעפּ, אָבער מיט זייערע לאַנגע פּיס גייען זיי פּאַמעליך, זיי האָבן צייט, איינגעמען די וויסנשאַפט איז ווי זייער אימפּעריע — שטיקלעכווייז. איך בין אַ ייד און לייד קענטיק אויף דער יידישער קרענק — מאַניזם, איך וויל מיט איין שפּרונג געפינען דעם איינעם שליסל, דעם מייסטער שליסל, וואָס זאָל עפענען אַלע טירן.

— און אַז דו'סט שוין געפינען דעם איינעם שליסל, וואָס דאַן?

— דאַן ווייס איך ניט. צייטנווייז, ווען איך טראַכט וועגן דעם, דער־שרעק איך זיך, איך האָב מורא אַז ערשט דאַן וועל איך זיך דערוויסן אַז איך ווייס גאָרניט, אָבער נאָך שרעקלעכער איז דער געדאַנק טאָמער דערוויס איך זיך טאַקע יאָ אַלץ, דאַן איז אויס, ניטאָ צוליב וואָס צו לעבן אויף דער וועלט.

— גיי ווייס, צוליב וואָס אַ מענטש לעבט אויף דער וועלט — צוליבן ניט וויסן. און דאָס רופט זיך וויסנשאַפט מאַן.

— ניט צוליבן ניט וויסן, נאָר צוליבן דערוויסן זיך, דערוויסן זיך וואָס מער, כי יתרון האדם מן הבהמה איז — וויסן. דאָס וועלן וויסן, דאָס האַלט מיך אויף. דעם מייסטער שליסל וועל איך שוין, ווייזט אויס, ניט געפינען, אָבער זוכנדיק דעם מייסטער שליסל געפינט מען אַ זייטיקן שליסל, נאָך אַ טיר עפנט זיך און עס ווערט ליכטיק אין די אויגן. אַט האָבן מיר געזוכט ווי צו באַפרייען די אַטאַמישע ענערגיע און דערווייל געפונען אַ זייטיקן שליסל — איין עלעמענט פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטן. הונדערטער יאָרן האָט דער אַלכעמיקער עס געזוכט, איצט זיינען מיר די אַלכעמיקער, כעמיע האָט איינגעשלונגען די אַלכעמיע. אַסטראָנאָמיע האָט אָוועקגעהרגעט די אַסטראָלאָגיע, און אַ האָפנונג איז אַז די פיזיקע וועט אָפּווישן די מעטאַפיזיק.

פּראָפעסאָר שטערן האָט אָנגעשטאָפּט, אָנגעצונדן אַ ליולקע, באַכראַך האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט.

— נאָך דיין אַלכעמיקער וועל איך קיין שבעה ניט זיצן. אַלץ וואָס איך ווייס פון כעמיע איז אַ וויסקי מיט סאָדאַ. צי די אַסטראָלאָגיע איז טאַקע טויט ווייס איך ניט, איך אַליין האָב אין קוני איילאַנד אָנגעציילט אַ האַלבן טוצן אַסטראָלאָגן, זעסטו, ווען דו הרגעסט אָוועק די מעטאַ־

פיזיקער וואָלט איך דיר געשיינקט אַ נייע יאמעשאווע ליולקע. אַמאָל פאַרזוכט אָט די מעטאפיזיקע. אין די סטודענטישע יאָרן נאָך, געווען דאַן פארקאָכט אין וואַגנערן, צוליב אים טאקע גענומען ניטשעס אַ בוך: וואגנער אין ביירוטה. אריינגעשטעקט אין פוס, בין איך שוין געקראָכן מיט דער צווייטער, גענומען שאפענהויערס „די וועלט ווי אַ ווילן און אַ אידייע". וואס זאָל איך דיר זאָגן? כ'וועל שוין בדאי בעסער הערן סטראווינסקיס מוזיק איידער לייענען די פילאָזאָפן.

— שאפענהויער איז נאָך צו דערליידן, ער האָט כאָטש געשריבן ווי אַ מענטש, וואָלסט באַדאַרפט פאַרזוכן העגעלן, קאַנטן . . .

— מוחל, מוחל.

— איך בלעטער יאָ אַמאָל זייערס אַ בוך. האָב זיי ניט ליב, די מעטאפיזיקער. זיי זיינען אַלע אָנגעשטעקט מיט געטלעכקייט. אָט רעדט ער דוכט זיך ווי אַ מענטש, מיט אַמאָל כאַפּסטו זיך — אַ מעקלער, אַ שדכן, וויל צונויפפאָרן וויסנשאַפט מיט טעאָלאָגיע, גיט מיר אַריין אין נדן גאָט, אַנדערע זאָגן נאָך צו שטענדיקע קעסט אין גן עדן. ניין, איך האָב זיי ניט ליב, די מעטאפיזיקער.

— פונמיינעטוועגן קענסטו זיי אָוועקהרגענען, די מעטאפיזיקער, זעסטו, אויב דיין קאָפּ, אָט אָ דאָס קעפּעלע, — האָט ער אים געטיקעט אין שטערן, — וועט איינשלינגען דאָס האַרץ, וועל איך דיר צעשפּאַלטן דעם קאָפּ. דעם קאָפּ וועל איך דיר צעשפּאַלטן.

— אַי, מיין פריינט, דו ביסט ווי מאַליער'ס מר. זשאָרדין, רעדסט מעטאפיזיקע און דו ווייסט גאָרניט דערפון. קאָפּ, האַרץ. דאָס גוטע ווייכע האַרץ, דער גרויזאַמער, האַרטער שכל. אָדער, אָדער. אין דער פיזיקע אויך געהאט די זעלבע צרה — מאַטעריע און גייסט. נו, גאָט צו דאַנקען, אין דער פיזיקע זיינען מיר פּטור געוואָרן דערפון. וועט קומען אַ צייט מ'וועט פּטור ווערן פון קאָפּ־האַרץ אויך. די צרה איז וואָס די פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע ליגן נאָך אין די וויקעלעך. שרעק זיך ניט, איך טשעפּע ניט דיין האַרץ, איך אַליין האָב אויך אַ „שטיקל" האַרץ. וועסט פרעגן מיין וויב וועט זי דיר זאָגן איך האָב גאָר קיין קאָפּ ניט, בלויז האַרץ, ציטערט איבער דעם.

— ווי האַלט עס טאקע מיט דיין האַרץ?

— נישקשה, — האָט דער פּראָפעסאָר אויסמיידעריש געענטפערט.

— נו יאָ, דו האָסט נאָך, ווי זאָגסטו, אַ שטיקל האַרץ, אָבער די וויסנשאַפט לייט, בעסער געזאָגט, די וויסנשאַפט, איז האַרצלאָז. אַלץ

וואָס זי טוט אויף איז — נאָך אַ שרייפּל, נאָך אַ מאַשין, און דער רע־זולטאַט — דער מענטש איז געוואָרן אַ מאשין, אפילו קיין מאשין ניט, אַ שרייפּל, און אַן אויסגעריבן שרייפּל דערצו. זאָג מיר, זאָג מיר אָפּנ־האַרציק וואָס האָט דיין גאַנצע ווינסשאַפט אויפגעטון פאַרן מ ע נ ט ש ן? איך ווייס, איך ווייס, — האָט שוין דער מוזיקער געפּאָכעט מיט די הענט, זיינע לאַנגע פינגער האָבן געקעמט די לופט. — אויטאָמאָביל, עראָפּלאַן, נאָך אַזעלכע שמאָכטעס, אַלץ שרייפלעך, איז דעם מענטשן געוואָרן ב ע ס ע ר?

— אומוויסנהייט איז אַ ברכה, — האָט דער פּראָפעסאר לאַקאָניש געענטפערט. — ניט אַזוי? דער נאָבעלער ווילדער, וואָס? האָסט אפשר אַריינגעקוקט לעצטנס אין רוסאָ׳ס אַ ביכל?

— קיינמאָל ניט געלייענט רוסאָן און וועל ניט לייענען, זעסטו, איך האָב אָבער יאָ געלייענט פרוידן.

— אה! פרויד . . .

— וואָס זשע, געפעלט דיר ניט פרויד?

— ער געפעלט מיר שוין גאָר. די עטלעכע מאָל וואָס איך האָב מיט אים פאַרבראַכט האָב איך אמת הנאה געהאַט. געווען אַ קלוגער אַלטער ייד, אפשר דער קלוגסטער מענטש וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט.

— און וואָס האָט דער קלוגסטער מענטש דיר געזאָגט?

— כ׳פאַרשטיי ניט דיין פראַגע.

— איך מיין, אויב דו קענסט פרוידן, געלייענט זיינע ביכער מוזסטו דאָך וויסן אַז דיין וויסן, דיין קאָפּ האָט ניט די ווערט אַ שמעק טאַבאַק ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשלעכע ענינים. מיטן קאָפּ קענסטו אָנ־שרייבן אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע, מוזיק שרייבט מען ניט מיטן קאָפּ.

— מוזיק שרייבט מען מיטן . . . וואָס?

— קענסט זיך לאַכן, פרויד האָט געוואוסט מער פון אַלע אייערע ווינסשאַפט לייט.

— צי מער פון אַ ל ע וויס איך ניט, געווען אַ פּאָר זאַכן וואָס ער האָט ניט געוואוסט, — האָט פּראָפעסאר שטערן גוטמוטיק, ווייסעריש געשמייכלט. — דאָס וואָלט ניט אויסגעמאַכט: ווער קען דאָס וויסן אַ ל ץ? די צרה מיט פרוידן איז אָבער וואָס ער האָט אויך געשריבן ניט קיין פּסיכאָלאָגיע, נאָר מעטאַפּסיכאָלאָגיע. ווען ער וואָלט נאָר גע־קענט געווען אַרויסזאָגן, אַרויסברענגען זיינע געדאַנקען ניט אין ווערטער,

נאָר אין פּאַרמולעס. קיין סך מענטשן וואָלטן ניט גערעדט וועגן אים, נאָך ווייניקער וואָלטן אים געלייענט, דערפאַר אָבער די, וואָס וואָלטן אים יאָ געלייענט וואָלטן אים פארשטאַנען ריכטיק, ווי עס איז, איז קיין מענטש אַזוי שלעכט ניט פּאַרשטאַנען געוואָרן ווי דער אַלטער פרויד, נעבעך.

— איך פּאַרשטיי אים אַזוי גוט ווי דו.

— דאָס לייקן איך ניט, אָבער נאָר אַ העלפט.

— אַ העלפט? וואָס מיינסטו?

— יאָ, אַ העלפט, בלויז די ערשטע העלפט, וואו ער רעדט וועגן דעם ניט־שכל. דער ניט־שכל איז איצטער אין מאָדע, און דו, אַלע אַנדערע, האָבן פּאַרזען אין קלייניקייט, אַז צו אָט דעם געניאַלן געדאַנק איז פרויד געקומען מיטן שכל, טאַקע מיטן זעלבן שכל וואָס איר אַלע מאַכט אַזוי אַוועק מיטן האַנט. און וואָס נאָך, ער האָט געלערנט, אַז דער ניט־שכל אין אונדז דאָס איז אַ מין זומפּ, וואָס מ׳דאַרף אים נאָר אַנט־בלויזן, לאָזן אריינשיינען דעם שכל און דער זומפּ טריקנט אויס.

— דאָס איז שוין דיין פּשטל. מיט דיין מוחל אויסגעפּשטלט. מיר ווייסן שוין. דער אמת איז, אַז דער שכל שטעלט אַלע מאָל צו שכלדיקע אַרגומענטן צו באַרעכטיקן ניט־שכלדיקע פּאַרלאַנגען.

— דו פּאַרגעסט, מיין פריינט, אַז אויך דאָס ווייסטו בלויז על פּי שכל. און וואָס נאָך, פרויד איז געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין. מענטשן וואָס האָבן געליטן פון געדיכטער איבערזומפּיקייט האָט ער געהיילט דורך דעם וואָס ער האָט אויפגעגראָבן דעם זומפּ, געלאָזט אויף אים פאַלן אַ פּאָר שכל שטראַלן. אָט דאָס פארגעסט איר אַלע. אָט די שכל שטראַלן זיינען אפשר אַזוי מעכטיק ווי די קאָסמישע שטראַלן.

— קאָסמישע שטראַלן, דאָס איז דיין עסק. וועגן דעם ווייס איך גאָר גאָרנישט.

— וואָס מכוח קאָסמישע קלאַנגען? דאָס איז דאָך שוין דיין געביט,

— האָט פּראָפעסאָר שטערן ניט אָן שפּאַס געפרעגט.

— פּאָר מיר זיינען גענוג פיאַנאָ קלאַנגען. — זיינע פינגער האָבן אַ בלאָנזע געטון איבער די קלאַווישן.

— די קאָסמישע שטראַלן האַלטן מיר אין פּאַקן און, עס איז נישט אויסגעשלאָסן, מיין פריינט, מיר זאָלן אויך כאַפּן די קאָסמישע קלאַנגען. גאַנץ מעגלעך אַז אין אַ דור, צוויי זאָלן יענע מוזיקער באַטראַכטן די היינטיקע ווי טויבע.

— גאָר אַזוי, טויבע? נו, איך׳ל שוין אויסקומען מיטן טויבן בעטהאווען. — ער האָט אַ שפּיל געטון די דערעפענונג פון בעטהאווענס פינפטער סימפאָניע. — דיר אַוועקגעבן דיין גאַנצע וויסנשאַפט, דיינע אַלע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס פאַר אָט דער דערעפענונג, ווער שמועסט שוין באַכ׳ס אַ פוגו.

— אַי, מיין פריינט, ביסטו אריינגעפאַלן! ביסטו אריינגעפאַלן!

— ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט, דער פּראָפעסאָר האָט געשמייכלט. — באַכ׳ס אַ פוגו איז אַ פיינע געאָמעטרישע קאָנסטרוקציע.

— געאָמעטרישע קאָנסטרוקציע! באַך — געאָמעטריע! ביסט משוגע! — דער מוזיקער איז ממש אַרומגעלאָפן איבערן צימער, ברוי־מענדיק — באַך־געאָמעטריע . . .

— יאָ, יאָ, באַך־געאָמעטריע. אין מוזיק איז דאָ מער מאַטעמאַטיק ווי דו שטעלסט זיך עס פאָר. דער אַלטער פּיטהאגאראס האָט עס שוין געוואוסט, ער האָט שוין גערעדט וועגן קאָסמישער האַרמאָניע און יוקליד, דער „טאַטע פון דער געאָמעטריע״, האָט, ס׳אַ סברא, אויך אָנגעשריבן די „עלעמענטן פון מוזיק״.

— אַזוי! עלעמענטן פון מוזיק האָט ער געשריבן! אַ דאַנקען גאָט זיי ניט געבליבן, די עלעמענטן, און וועל זיי ניט לייענען. דיר מוחל דיין יוקליד. מוזיק און געאָמעטריע!

— מ י י ן יוקליד. — דעם פּראָפעסאָרס אויגן האָבן שטיפעריש געשמייכלט. — ס׳אַ סברא אַז איך מיט יוקלידן זיינען ניט אַזוי שוה בשוה, אָבער אַז ער האָט געוואוסט וואָס אַזוינס איז מוזיק, וועגן דעם איז ניטאָ קיין צווייפל.

— וואָס א י ז מוזיק? — האָט שוין באַכראַך מיט שטירדעס אַ פרעג געטון, געבליבן שטיין אַ שראַמער, אַ שטריינגער, די שטירדעס אין זיין טאָן, אין זיין שטעל אָן אָנצוהערעניש — איך האָב אַ פאַרדאַכט אַז ניט נאָר יוקליד, נאָר דו פאַרשטייסט אויך ניט וואָס מוזיק איז.

פּראָפעסאָר שטערנס מוזיקאַלישער אויער האָט אויפגעכאַפּט די גרויסהאַלטערישקייט פון דער פראַגע. פאַרזשמורנדיק איין אויג, באַ־האַלטנדיק דאָרט די איראָניע, האָט ער בכיוון געררייצט דעם מוזיקער. — מאַטעמאַטיש גערעדט, איז מוזיק אַ סעריע וויבראַציעס, כוואַליעס, לייגגערע, קירצערע, געניי אויסגעמאָסטן. געהערט אפשר פון איינעם אַ מ י ס ט ע ר הערץ? — אין אָט דעם „מיסטער״ האָט שוין אַ

טויבער געקענט דערהערן די איראָניע, באַכראַכן האָט זי א קלאַפּ געטון אין אויער.

— מאַטעמאַטיש גערעדט, — האָט ער איבערגעקרימט. — ווער דאַרף דיין מאַטעמאַטיק, ווער? געאָמעטריע, וויבראַציעס. די שפּין קען ניט קיין געאָמעטריע און שפּינט אויס דעם פיינסטן געוועב. דיין מיס־טער הערץ, צי אַן אַנדער טיפּש אַ וויסנשאַפט מאַן, קען וויסן אַלץ וועגן וויבראַציעס, קען זיי גענוי אויסמעסטן, קען ער אפשר אָנשרייבן אַ ניינטע סימפאָניע?

— דאָס ניט. פּונקט ווי דו, קענסט דעם אַלף בית, דאָס מיינט אָבער ניט אַז דו קענסט אָנשרייבן אַ שיר השירים.

— טאָ וואָס רעדסטו? וויבראַציעס! די ניינטע סימפאָניע און מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, בעטהאָווען און אַ מיסטער הערץ.

— אַ דאַנק דעם מיסטער הערץ קענסטו הערן אויף דער ראַדיאָ בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע.

— און אַן אַנאַנס וועגן ריצנאַייל, — האָט באַכראַך אַ וואָרף געטון.

— נו יאָ, און אַן אַנאַנס וועגן ריצנאַייל, — האָט פּראָפעסאָר שטערן גוטמוטיק געשמייכלט. — האָסט שוין אַמאָל געזען אַ מענטשן אָן אַ מאָגן? איך ניט. און עס וואָלט ניט געשאַדט אין די העכסטע מאָמענטן, אַזוי צו זאָגן, זיך דערמאָנען אָן אַ ביסל ריצנאַייל, דאָס פּירט אָפּ דאָס ביסל . . . גדלות אין יעדן פון אונדז. מענטשן זיינען צו פאַרריסן, דיינקען אַז די גאַנצע וועלט איז געשאַפן געוואָרן נאָר צוליב זיי. פאַר דיר, דעם מוזיקער, איז די גאנצע וועלט אַ וועלט פון קלאַנגען, און טאַקע נאָר סימפאָניעס, קאָנטשערטאָס און סאָנאַטאָס. די לופט כוואַ־ליעס זיינען, גאָט צו דאַנקען, נייטראַל, זיי לאָזן דורך די שטימע פונם ריצנאַייל אַנאַנסער פּונקט אזוי גוט ווי אַ סימפאָניע און זיי וויברירן ווייטער . . .

— ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיינע וויבראַציעס. ניט אויס־צוהאַלטן פון דיר! — דער מוזיקער האָט שוין ווידער אַרומגעשפּאַנט.

— דו זאָלסט אַזוי רעדן, דו . . .

— נו, נו, נאָר ניט אין כעס. וועסט׳אָך צוגבן אַז א י נ ג אַ נ צ ן אַן עם הארץ אין מוזיק בין איך ניט, וועל איך דיר צוגעבן אַז מוזיק איז וויבראַציעס און נאָך עפּעס . . .

— אַ שיינעם דאַנק פאַרן צ ו ג אָ ב .

— דו וועסט מיר אָבער מוזן צוגעבן אַז מאַטעמאַטיק, פיזיק איז

קאַלקולאַציעס און נ אָ ך ע פּ ע ס. אין ב י י ד ע פאַלן נאָך עפּעס. און אָט דער „נאָך עפּעס" איז האַרמאָניע. דאָס איז דער סוד פון דיין מוזיקע, אַזוי גוט ווי פון מיין פיזיקע. פאַרשטייסטו מיך, מיין פריינט, מיר שעפּן ביידע פון איין קוואַל, נאָר דו שעפּסט מיט דיין עמער, איך מיט מיינעם. מוזיק איז ניט לויטער האַרץ, וויסנשאַפט איז ניט נאָר קאָפּ, דער וויסנשאַפט מאַן האָט אויך אַ האַרץ, איך פאַרזיכער דיך.

— דאָס ווייס איך ניט. דעם אמת געזאָגט זייט איר וויסנשאַפט־לייט אַ גאטונג פאַר זיך, אַ ציפערן פאַמיליע, ציפערן, ניט מער. וואָס איר קענט ניט אויסמעסטן עקזיסטירט ניט פאַר אייך, און גיי מעסט מוזיק! קענסט עס ניט טון! וויל ער דוקא מעסטן. מוזיק—געאָמעטריע! לאָמיך דיר זאָגן, איר זייט אַן אָנשיקעניש, אַן אומגליק פאַר דער מענטש־הייט זייט איר.

— ניט מער און ניט ווינציקער — אַן אומגליק.

— יאָ, מיין פריינט, אַן אומגליק. אַלץ ווערט ביי אייך רעדוצירט צו פאָרמולעס. שרייפלעך. דאָס קעפּעלע. דער קאָפּ געשוואָלן, דאָס האַרץ איינגעשרומפּן. קיין וואונדער ניט וואָס דער מענטש איז געוואָרן אַזוי טרוקן, אַזוי האַרט. איר׳ט אַזוי אָנגיין וועט די גאַנצע וועלט ווערן אַ מאַשין, אַ טרוקענע, הארצלאָזע מאשין, די מענטשן — שרייפלעך, די בעסטע פון זיי — מאַשינען־טרייבער, ניט קיין מענטשן. פאַר אזעלכע מענטשן איז די פאַבריק־סירענע, דער עראָפּלאַן־גערודער די צאַרטסטע מוזיק.

— דאָס, פאַרשטייט זיך, איז אייך, מוזיקער, ניט צום האַרצן. און טאַקע, איר, אַזעלכע צאַרטע, אַזעלכע האַרציקע . . .

— קענסט זיך לאַכן, אָבער לאָמיך דיר זאָגן אַז אַ מענטש וואָס קען, וואָס גיט זיך אָפּ מיט מוזיק, קען ניט זיין אַזוי טרוקן, אַזוי האַרט, אזוי שלעכט ווי דער טרוקענער מאַטעמאַטיקער, ביי וועמען דער עיקר איז עס זאָל שטימען. דער מוזיקאַלישער מענטש . . . וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

— גאָרניט. נאַ, לייען אָט דאָס אָ, — האָט פּראָפעסאר שטערן דערלאַנגט זיין פריינט אַ בראָשור און גענומען ארומשפּאַנען איבערן צימער.

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געלייענט:

". . . בעת דער ליקווידאַציע פון דער ווילנער געטאָ האָט קיטעל, אַן אַרטיסט, אַ זינגער, באַפוילן זיינע משרתים מ׳זאָל אים אַרויסטראָגן אין דרויסן אַ פּיאנאָ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, גענומען שפּילן. דער־

ווייל האָבן כאַפּונעס געבראַכט אַ יידישן בחור. דער בחור האָט געוויינט, זיך געבעטן מ׳זאָל אים לאָזן לעבן. קיטעל האָט ארויסגעצויגן זיין רע־וואָלווער און, ווען איין האַנט האָט געשאָסן אין בחור, האָט זיין צווייטע האַנט ניט אויפגעהערט שפּילן״.

נתן באכראַך האָט שטיל אָוועקגעלייגט די בראָשור. פּראָפעסאר שטערן האָט זיך אָפּגעשטעלט. — איבערגעלייענט? זעסטו? קען זיין ער האָט געשפּילט וואַגנערן אָדער גאָר באַכן. אויב דו דיינקסט אַז מיינע ווויסנשאַפט לייט זיינען בעסער מאַכסטו אויך אַ טעות. מיינע פּראָפעסאָרן האָבן ניט וואָס צו שעמען זיך קעגן דיינע מוזיקער. דיין מוזיקער האָט געשפּילט וואגנערן צי באכן און צווישן מיינע פּראָפעסאָרן זיינען געווען גאַנץ וויכטיקע וויסנשאַפט לייט, איינער, דוכט מיר, אפילו אַ נאָבעל פּרייז געווינער. ניין, מיין פריינט, מוזיק העלפט ניט. דערצו העלפט ניט קיין מוזיק און קיין וויסנשאַפט. און דער קאַטעגאָרישער אימפּע־ראַטיוו, די עשרת הדברות און אַ אבינו מלכנו, צי אַ פּאַטער נאָסטער העלפן אויך ניט. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

— אַ טרויעריק קאַפּיטל.

— יאָ, ניט פריילעך, גאָרניט פריילעך. און דאַך טאָר דער וויסנ־שאַפט מאַן ניט פארניכטן זיינע פּאָרמולעס און דער קאָמפּאָזיטאָר זיינע נאָטן, ווייל אָן דעם איז גאָר ניטאָ, אָבער טאָקע גאָר גאָרניט, אַלץ וואָס בלייבט פון אונדז איז אָט דאָס אָ, אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ פּאָרמולע, אַ נאָטע. עפּעס אָנגעשריבן לעצטנס?

— אַ קליין זאַכעלע.

— געבראַכט?

— האָב עס מיט זיך.

— גוט, וועסט עס שפּילן.

— פאַר דיר אויך געבראַכט עפּעס.

— וואָס אַזוינס?

— וועסט שוין זען.

— ווייז.

נתן באכראַך האָט שוין געוואָלט פאַנאַנדערוויקלען די נאָטן וועןביידע פרויען האָבן זיך אַריינגעשטעלט.

— אַזוי שטיל געוואָרן. געמיינט איינער האָט דעם צווייטן דערהרגעט.

— אַזוי ווייט גייט עס נישט.

— פריער האָט איר געשריען, די קולות האָבן געקענט שפּאַלטן דעם הימל, מיט אַמאָל געוואָרן שטיל, געמיינט . . . אַ קשיה אויף אייך?
— זיך דורכגערעדט. ווי דער שטייגער.
— דאָס הייסט ביי זיי זיך דורכגערעדט. מ׳רייסט זיך ווי די הענער, און זיך דורכגערעדט.
— און איר?
— מיר האָבן זיך אויך דורכגערעדט. איר האָט ניט געהערט?
— מסתּם באַרעדט די וועלט, דערפאַר אַזוי שטיל.
— די וועלט יאָק די וועלט, די מענער האָבן געקראָגן זייער חלק.
— הערסט? מ׳האָט אונדז געוואָשן די ביינער.
— און איר האָט גאָרניט געוואוסט דערפון. נו, ווי איר האָט ניט געוואוסט אַזוי וועט אייך ניט שאטן. וואָס מכּוח אַ ברידזש?
— מיר זיינען גרייט.
— זיי זיינען גרייט. ווען מיר קומען ניט אַריין וואָלט איר דאָך זיך געריסן ביז האַלבער נאַכט. דרייען אָפּ די קראַנען פאַרגעסן זיי צו פאַרדרייען. דערפאַר אָבער ביים ברידזש טישל איז ניט גערעדט, איר הערט?
— ווער עס רעדט.
אַן רייד איז עס ביים ברידזש טישל אויך ניט צוגעגאַנגען. פּראָ־פעסאָר שטערן האָט געמאַכט אַ שלעכטן גאַנג, ארויסגעלייגט ניט די ריכטיקע קאָרט. זיין שותּף — מאדאם באכראך — האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אויסגערופן: — אָבער, הער פּראָפעסאָר!
— וואָס אַזוינס? וואָס האָב איך געטון?
— האָט איר ניט געזען די קאָרט וואָס איך האָב אַרויסגעשפּילט?
— געזען, אודאי געזען. אהה, איצט זע איך שוין. גערעכט. איר זייט גערעכט. מיין טעות. פאַרפאַלן. דאָס מאָל וועט איר מיר מוזן אַנטשולדיקן.
— דאָס מאָל, לארא, מוזסטו אים אַנטשולדיקן. פאַרשטייסט, זיין קאָפּ איז היינט אָנגעשטאָפּט מיט מאַטעמאַטישע, אטאמישע פאָרמולעס, אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ, קען קיין ברידזש ניט שפּילן . . .
— נא—טאַן! ווי דו רעדסט! — האָט לארא געמוסרט איר מאַן און גלייך זיך געווענדט צו פּראָפעסאר שטערן. — איר הערט זיך ניט צו צו אים. זאָגט מיר בעסער וואָס איז דאָס אַזוינס די אטאמישע באָמבע? אַלע רעדן דערפון, דערמאָנען אייער נאָמען, געטראַכט, איכ׳ל אייך אַ פרעג טון, איר׳ט מיר געבן די ריכטיקע אינפאָרמאַציע.

— אודאי, אודאי, — האָט פּראָפעסאָר שטערן כלומרשט ערנסט צוגעגעבן, — איך וועל עס זיכער טון, נאָר ניט איצט. איצטער אָ, הערט איר דאָך, האָב איך אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. זעט איר, די מוזיקער, זייערע קעפּ זיינען אויסגעהוילט ווי אַ פידל, דערפאַר אָבער אַז עס קומט צום שפּילן — מוזיק אָדער ברידזש — זיינען זיי גאַנצע בריות.

— ד—וי—ד! — האָט שוין מרים מיט פאָרוואורף אַ זאָג געטון.

— דאָס איז גאָרניט, טייערע, — האָט דער פּראָפעסאָר באַרואיקט זיין פרוי, מיט די פינגער געפּעטשלט איר פאָראָרם, — בלויז אַ שפּיל פון ווערטער.

— מיר שפּילן קאָרטן, ניט אין ווערטער. נאַ, טאַש!

— קאָרטן און ווערטער, — האָט דער קאָמפּאָזיטאָר זיך אָנגערופן, ווייט ניט געטראָפן פון זיין פריינטס קיבעץ. — ווייסט, דוד, די טעג האָב איך געזען אַן אינטערעסאַנט שטיקל נייס. אַ צייטונג האָט געמאַכט אַן אָנפראַגע: אַ מענטש דאַרף אוועקפאָרן אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינזל, זיין דאָרטן איינער אַליין, אַ מין ראָבינזאָן קרוזאָ, און קען מיט זיך מיטנעמען נאָר איין בוך, וואָס פאַר אַ בוך וואָלט ער מיטגענומען? האָבן געענטפערט אַ סך מענטשן, דער האָט געזאָגט — די ביבל, דער — שעקספּיר, יענער — געטהע, איינער האָט געענטפערט ער וויל אַ ביכל פון הונדערט און פיר זייטן, געדרוקט אויף איין זייט — אַ טעשל קאָרטן.

— ווירקלעך! — האָט פּראָפעסאָר שטערן אויסגערופן. — אַזוי האָט ער געענטפערט? וואָס איז זיין נאָמען, דעם מענטשנס?

— געדיינק ניט. וואָסי?

— איך וואָלט אים געשיקט אַ טעלעגראַמע, אים באַגריסט פאַר זיין ערלעכן, אויפריכטיקן ענטפער.

— אויך אַזוי געדיינקט. כאָטש איין מענטש ניט קיין היפּאָקריט אָדער קולטורעלער סנאָב. פּשוט, אַ טעשל קאָרטן, שפּילן ביחידות. כאָטש, צוריקגערעדט, ווען דו אַשטייגער זאָלסט אָפּזיצן אַ טאָג מיטן טעשל קאָרטן וואָלסטו פון די איינסן, צווייטלעך און דריטלעך שוין אויסגעטראַכט עפּעס אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע, ניט אַזוי?

— הם . . . דאָס ווייס איך ניט. טראַכטן קען איך אָן קאָרטן, זעסטו אויף ניט טראַכטן קומען קאָרטן צונוץ. איך שטעל מיר פאָר אַז פון די מיידלעך, ייִנגלעך, מלכות און מלכים וואָלסטו געקענט צוזאַמענשטעלן אַ קעניגלעכע קאָמפּאָזיציע, אפשר גאָר אַ הערויִקאַ. וואָס דיינקסטו?

— מ'האָט דאָך אָפּגעמאַכט ניט רעדן!

מ׳האָט יאָ גערעדט, די ווייבער אַזוי גוט ווי די מענער, טאַקע שלעכט געשפּילט, געמאַכט טעותן, זיך געהיצט און הנאה געהאַט פונם היצן זיך אפילו, ביז די דינסטפּרוי איז אַריינגעקומען און געמאָלדן אַז דער צובייס איז פאַרטיק.

נאָכן צובייס האָט מען מוזיצירט. נתן באַכראַך האָט געשפּילט זיין ניי געשאַפענע קאָמפּאָזיציע, געוועץ צופרידן ווען פּראָפעסאָר שטערן האָט אים געבעטן ער זאָל זי איבערשפּילן נאָכאַמאָל און שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם פּראָפעסאָרס פריינטלעכע באַמערקונגען.

— איצט וועלן מיר זען וואָס דו קענסט, — האָט ער מיט אַ באַ־האַלטענעם שמייכל אויסגעשפּרייט אַ בלעטל נאָטן. — דאָס האָב איך היינט געפונען צווישן אַן אַלט פּעקל נאָטן.

— סקאַרלאַטי?

— יאָ. אַ קורץ זאַכעלע, פאַר פידל און פּיאַנאָ. גיב אַ קוק, זע צי קענסטו מיט דיין מאַטעמאַטישן מוח עס באַנעמען.

— דער מאַטעמאַטישער מוח ווי דער מאַטעמאַטישער מוח, מיינע „פּיזיקאַלישע״ פינגער! זעט מיר אויס אַ שווערע זאַך.

— דאָס געשפּילט אַמאָל?

— געדיינק ניט איך זאָל עס האָבן געשפּילט, אָדער אפילו געהערט אַמאָל.

— פּרואוו. איכ׳ל אַקאָמפּאַנירן.

פּראָפעסאָר שטערן האָט גענומען די פידל, נאָכאַמאָל דורכגעלאָפן מיט די אויגן די נאָטן.

— פאַרטיק? — האָט באַכראַך ווי געיאָגט אים.

פּראָפעסאָר שטערן האָט גענומען שפּילן. נאָך איין איבערגאַנג האָט נתן באַכראַך אַ הייב געטון די הענט צו די אויערן. — סטאָפּ! סטאָפּ!

— גערעכט. גערעכט, — האָט דער פּראָפעסאָר שולדיק צוגע־געבן. — נאָכאַמאָל, איבערשפּילן נאָכאַמאָל, יאָ?

ער האָט איבערגעשפּילט די גאַנצע זאַך פון אָנהייב אָן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן האָט דער קאָמפּאָזיטאָר אים געקלאַפּט אין פּלייצע.

— פיין! פיין! פאַרן ערשטן מאָל גאָר פיין. זיך ניט גערעכט אויף דיר. וויפל סטודענטן איך האָב ניט געהאַט, די פּייאַניסטע, האָבן עס ערשט צום דריטן מאָל געשפּילט ווי עס דאַרף צו זיין. איר ווייסט, מרים, אַ שאָד וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין פיזיקע־מיזיקע,

געקענט פון אים אויסוואַקסן אַ גוטער מוזיקער. אָבער פֿאַרפֿאַלן, איצטער איז שוין צו שפּעט.

— יאָ, ער'ט שוין אַזוי אָנגיין, — האָט די ווייב שמייכלענדיק געענטפֿערט. זי האָט ליב געהאַט אָט דעם שפּאַסיקן טאָן פֿון די צוויי חברים, אויב זיי האָבן אפֿילו גאַנץ אָפֿט איבערגעטראָטן די גרעניצן פֿון העפֿלעכקייט. — קינדער, — האָט זי ביי זיך געפֿסקענט, — אַזוי ווי הינטלעך, אָט רייסן זיי זיך, אָט קושן זיי זיך. דער מוזיקער איז אויך אַ קינד, כאָטש לאַרא . . .

מ'האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען. אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט. שטייענדיק שוין אין דרויסן האָט דער מוזיקער געזאָגט: — איז ביז קומענדיקן דאָנערשטיק. הער! — האָט ער זיך פּלוצלונג געכאַפּט, — אַז דו וועסט קומען דאָנערשטיק ברענג מיר די פֿ אָ ר מ ו ל ע פֿון די קאָסמישע קלאַנגען. וועסטו ניט פֿאַרגעסן?

— וואָס טויג דיר אַ פֿאָרמולע? האָסט'אָך אפֿילו קיין שכל ניט איבערלייענען.

באַכראָך האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ צום הימל. די פֿולע לבנה, שטערן — אַזוי ווייט און אַזוי נאָענט . . . אַ סדר נאַכט. דער פֿרומער טאַטע זינגט: השמים שמים לאדני והארץ נתן לבני אדם . . . הימל, ערד . . . מיט אַ פֿאַרביינקטן, ווייטן שמייכל האָט ער אַ זאָג געטון — דעם שכל בין איך דיר מוחל. דו ברענג מיר נאָר קאָסמישע קלאַנגען וועל איך שוין מאַכן דערפֿון אַ סימפֿאָניע פֿון די ספֿערן. גייט עס?

— אָפּגעמאַכט.

— אָלרייט, דייוו. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, בייט.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

די שטערן האָבן זיך איבערגעוואונקען: וואָס זאָגסטו ניט אויף די צוויי? די לבנה האָט געשמייכלט: נישקשה פֿון אַ פּאָר פֿאָלק . . .

אַ גאַסט אויף אַ ווײַל

פּראָפעסאָר אַרטשיבאַלד פּ. הענדערסאָן האָט זיך האַרציק געפרייט מיט זײַן גאַסט, דאָקטאָר העגרי מ. דיקינסאָן.

— העללאָ, העגרי!

— העללאָ, אַרטשי!

אַ קרעפּטיקער האַנט דרוק און זיך אַפילו צעקושט. פּראָי הענדערסאָן איז געשטאַנען, האָט געשמייכלט און, מ׳קען זאָגן, זיך געוואונדערט: איר מאַן זאָל זיך אַזוי פרייען! און מיט אַ מענטשן! אַ מאַטעמאַטישע פּראָבלעם געלייזט וואָלט דאָך אים ניט אַרײַנגעבראַכט אין אַזאַ התפּעלות. מסתּם אַ נאָענטער, גאָר נאָענטער פרײַנט.

— זייט באַקאַנט. מײַן ווײַב — דאָקטאָר דיקינסאָן.

— זייער צופרידן אײַך צו קענען, — האָט דאָקטאָר דיקינסאָן פרײַנט־לעך און העפלעך אַרויסגעזאָגט, כּמו צוגעלייגט די שפּיץ פינגער צום שלייף און וואַרעם געדריקט דער פרוים האַנט, געשמייכלט דערבײַ גוטהייסנדיק. — אַ גאַנץ שיינע פרוי, — האָט געזאָגט דער מאָמענטאַ־לער שמייכל. — און אַזאַ יונגע דערצו, — האָט צוגעגעבן דער לאַנג דויערנדיקער קוק. פּראָי הענדערסאָן האָט אַפילו נישט געקוקט דאָקטאָר דיקינסאָן גלײַך אין די אויגן, אָבער אַ פרוי דאַרף נישט אַרײַנקוקן דעם מאַן אין די אויגן צו דערזען, זי קאָן דערפילן, אַז זי האָט נושא חן געווען, און זי איז געווען צופרידן, רויטלענדיק זיך פון הנאה.

— אַ אוניווערזיטעט חבר, — האָט פּראָפעסאָר הענדערסאָן, אַ צופרידענער פון זײַן ווײַבס פאַררויטלען זיך, פון זײַן גאַסט, פון זיך אַליין, דערקלערט. — איין אַלמא מאַטער געהאַט. שוין פופצן יאָר, האַ? יאָ, פופצן יאָר. געדיינקסט, העגרי? . . .

— און געדיינקסטו, אַרטשי? . . .

אַרטשי, העגרי. דער ערנסטער, פאַרעולמטער אַסטראָנאָם פּראָ־פעסאָר אַרטשיבאַלד פּ. הענדערסאָן איז רעדוצירט געוואָרן צו אַרטשי, און פונם בכבודיקן דאָקטאָר העגרי מ. דיקינסאָן איז געבליבן העגרי. אויסגעטון זיך פון פופצן יאָר, האָט מען אויך אַרונטערגעוואָרפן די פאַרמאַלע הענטשקעס — די טיטולן מיט די צווייטע נעמען, געבליבן

אין די הוילע אַרבל אַ ביסל פאַרקאַטשעט — די ערשטע נעמען פאַר־קירצט. אַזוי באַקוועם. מ'האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום נעכטן און, געקוקט מיט היינטיקע אויגן, איז אַלץ געווען אַזוי קינדיש און אַזוי גוט. איבערלעבונגען וואָס ביים איבערלעבן זיינען זיי געווען אַ ביטערע פּיל אַרונטערצושלינגען, ווי למשל דאָס איינגעשוואָרן ווערן אַלס „פרישע" סטודענטן, זיינען אין דער כעמישער לאַבאַראַטאָריע פון דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיסע דערמאָנערונגען פון יענע גוטע טעג ווען מ'איז געווען יונג.

פרוי הענדערסאָן איז אויך אַמאָל געווען יונג, וואָלט אויך געקענט עפּעס דערציילן, אָבער די בעסטע דריטע שטימע איז איבעריק אין אַ דועט, האָט זי באַשיידן זיך צוריקגעצויגן אין קיך אַריין — צוגרייטן עפּעס עסן פאַרן גאַסט און אין איין וועג פאַר זיך מיטן מאַן אויך. אַ מזלדיקער גאַסט, געקומען פאַרן עסן. ער איז איר געפעלן דער גאַסט. שיין געבויט, און אַזאַ אָפענער פּנים, מוז זיין אַ גוטמוטיקער, און אַ פריילעכער אויך.

— הייסט עס, ביסט פאַרהייראַט! — האָט זי דערהערט ביים אַריינ־קומען זאָגן אַז עסן איז פאַרטיק.

— געוויס! וואָס דען ווי דו, אַן אַלטער בחור! און דאָ איז זי מיין קליין ווייבעלע. געקומען זאָגן אַז עסן איז פאַרטיק? נו גוט. גיי וואַש זיך אַרום, הונגעריק ביסטו דאָך מסתם, וועלן מיר צובייסן.

ביים עסן איז שוין דער געשפרעך געווען איינגעהאַלטענער. פרוי הענדערסאָן האָט געפרעגט דאָקטאָר דיקינסאָנען וואָס ער טרינקט, קאַווע אָדער מילך, ווען זיינע אויגן האָבן אַ בלאַנדזשע געטון איבערן טיש האָט זי געפרעגט וואָס דער דאָקטאָר זוכט. האָט דאָקטאָר דיקינסאָן געדאַנקט מאַדאַם הענדערסאָן, געלויבט אירע מאכלים און דאָס האָט ניט פאַר־פעלט צו האָבן די גוטע ווירקונג, די באַלעבאָסטע איז געווען צופרידן. צו איר צופרידנקייט האָט זי באַמערקט אַז דער גאַסט האָט גוטע מאַניערן. זי האָט זיך אויך געהאַלטן מאַנירלעך, מער ווי אין אַ „וואָכעדיקן טאָג", גערופן דעם מאַן ביים פולן נאָמען, אַרטשיבאַלד, און דער מאַן האָט זיך אויך באַמיט אָפּצוהיטן אַלע כללים פון טיש עטיקעט, עפּעס וואָס ער האָט שוין כמעט ווי פאַרגעסן זינט מ'האָט זיך באַזעצט דאָ אויפן באַרג, לעבן דער אָבסערוואַטאָריע.

דער געשפּרעך — מער פון היינט ווי פון נעכטן, מ'האָט גערעדט וועגן די פּראָפעסיעס.

— און דו האָסט זיך גענומען צו באָטאַניק גאָר. איז עס אינטערעסאַנט?

אין דעם פרעגן האָט מען געקענט דערהערן אַז דער פּראָפעסאָר פון אַסטראָנאָמיע באַציט זיך נישט מיט אַזאַ יראת הכבוד צו זיין חברס פּראָפעסיע, צו ד ע ר אָפּטיילונג פון דער וויסנשאַפט. אַ סענסיטיווער מענטש וואָלט גלייך דערפילט אַ גרינגשאַצונג צו זיין פּראָפעסיע, צו זיך. דאָקטאָר דיקינסאָן האָט אָבער גוטמוטיק געענטפערט: איך האָב אמת הנאה פון מיין אַרבעט.

— אויב דו האָסט הנאה דערפון איז גוט, — האָט דער אַסטראָנאָמער אַ זאָג געטון מיטן טאָן פון אַ קריטיקער וואָס קען נישט זאָגן קיין גוט וואָרט און איז צופרידן וואָס ער קען אָפּקומען מיט ניט זאָגן קיין שלעכטס.

— און ווי איז עפּעס אַסטראָנאָמיע?

— דער אינטערעסאַנטסטער שטודיום וואָס אַ מענטש קען נאָר אויפ־נעמען. איך זאָג דיר, עס איז עטוואָס וואונדערבאַר. וועסט זיך עס נישט גלויבן. קיינער גלויבט עס נישט. מענטשן דיינקען געוויינלעך אַז ציפערן זיינען טרוקן, טויט. נו . . . איך האָב אויף זיי קיין פּאַראיבל. זיי ווייסן פשוט ניט וואָס דאָס מיינט. איך וואָלט נישט פאַרביטן מיינע ציפערן אויף קיין זאַך אין דער וועלט. זיצן איינער אַליין ביינאַכט אין דער אָבסערוואַטאָריע, קוקן, זען, פאַרשטיין, נאָכדעם אַלץ אויסרעכענען, זען דייטלעך — אָט איז עס, דאָס איז איינער פון די גרעסטע פאַרגע־ניגנס. קוקנדיק אין רוים, זעענדיק וואָס דאָרט טוט זיך, פאַרשטיי־ענדיק, אויסרעכענענדיק, אויסמעסטנדיק אַלעס באַגרייפט מען ערשט וואָס עס מיינט לעבן אויף דער וועלט, דאַן כאַפּט מען זיך ערשט ווי קליין איז אונדזער וועלטל אין וועלכן מיר לעבן, מיר אַליין, און ווי גרויס מיר זיינען. אַ פּאַראַדאָקס האַ? אָבער אַזוי איז עס, זעענדיק ווי קליין, זעען מיר אויך ווי גרויס מיר זיינען. כמ . . . עס זיינען דאָך נאָך דאָ היינט צו טאָג מענטשן וואָס דיינקען אַז די וועלט באַשטייט פון דעם שטיקל ערד אונטער זייערע פיס און דעם פּיצל הימל איבער זייער קאָפּ, ווייטער פון זייער נאָז קענען זיי גאָרניט זען. אָט די מענטשן וואָלטן באַדאַרפט לערנען אַ ביסל אַסטראָנאָמיע. יעדער מענטש וואָלט עס געדאַרפט, אַנישט ווייסט ער נישט וואו ער איז אין דער וועלט. דו מוזסט גיין מיט מיר אין אבסערוואַטאָריע. מירן אַלע גיין.

אַלעמען — פרוי הענדערסאָן — האָט אויך אָנגענומען אַ חשק צו גיין אין אבסערוואַטאָריע. געוויינלעך גייט זי אַהין ניט ווילנדיק. אָדער זי גייט רופן איר מאַן עסן אָדער זי טראָגט אים אַהין עסן. זי האָט שוין אפילו פּרובירט אים נישט רופן אָדער ניט ברייגנגען אים קיין עסן, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן — ניט ער איז געקומען, ניט ער איז געווען

ברוגז למאי זי איז ניט געקומען. ווען ער אַרבעט איז ער ניט הונגעריק און ניט שלעפעריק. אָפּזיצן אַ נאַכט אָדער אַ טאָג אין אבסערוואַטאָריע איז ביי אים איינע פון די גרינגסטע זאַכן. פּאַר איר איז אָבער שווער צו זיין דאָרטן אפילו מינוטן. זי קוקט אויף די אינסטרומענטן און וואונדערט זיך צו וואָס דאַרף מען זיי און די אינסטרומענטן, דוכט זיך איר. קוקן אויף איר: וואָס דאַרפסטו דאָ? ער, ווידער, קוקט ניט אויף איר, ניט אויף די אינסטרומענטן. נישט איין מאָל האָט זי זיך שוין געוואונטשן אַז אויפשטייענדיק אין דער פרי זאָל זי זוכן די אבסערוואַטאָריע און זי ניט געפינען, אָפּגעווישט, איינגעזונקען. קומען דאָך פּאַר ערדציטערנישן אין די געגנטן, פאַרוואָס זאָל ד ע ר באַרג נישט אַ ציטער טון? פאַרשטייט זיך, ארטשי זאָל חלילה ניט ליידן, אָבער זיין אבסערוואַטאָריע...

דאָס מאָל, לכבוד דעם גאַסט, האָט די אבסערוואַטאָריע פאַרלאָרן איר טאָג טעגלעכע באַדייטונג. היינט איז עס אַ פּלאַץ וואו איר מאַן איז קעניג, אַן אויסשטעלונג וואו מ׳קען זען איר מאַנס ווערק און זי האָט אַ חלק דאַריין . . .

פּראָפעסאָר הענדערסאָן האָט זיך געפּילט ווי אַ יונגער טאַטע. יעדער אינסטרומענט איז אַ געראָטן קינד פול מיט מעלות, און בעט ער דאָס קינד ווייזן וואָס עס קאָן, פאַרגעסט עס ניט, פאַרשעמט זיך ניט מיט אַ פינגער אין מויל . . . עס ווייזט גלייך, מ׳דאַרף נאָר וויסן ווי אומגיין דערמיט. — זאָל נאָר הענרי אַ קוק טון דורך דעם „אויג״. ווייסט ווי גרויס דאָס אויג איז? הונדערט צאָל אין דיאַמעטער. דער צווייטער טעלעסקאָפּ אין דער וועלט. נישקשה פון אַן אויג, האַ? מ׳קען עפּעס זען דערמיט. אָבער דאָס איז גאָרניט. די הויפּט זאַך זיינען איצט אָט די דריי שפּיגלען. שפּיגלען? כמ . . . מיט אָט די אָ שפּיגלען מעסט ער די שנעלקייט פון אַ שטראַל אין לויפן. ווי געפעלט אים דער מעטער? וואָס פּאַר אַ מאָטאָר אזא מעטער. אַ הונדערט מייל אַ שעה פּאַר אַן אויטאָמאָביל איז כאָטש ברעך האַלז און נאַקן אָבער דאָס איז, פאַרגעס ניט, אַ שטערן און ער באַוועגט זיך אין רוים. יאָ, דאָס איז אַ וועלט. און דער איינשטיין איז אַ מענטש מיט מאַרך, ער פאַרשטייט די וועלט, ער ווייסט וואָס ער רעדט, און ער איז גערעכט. אַ דאַנק אים האָב איך שוין אויסגעפונען אַז אַ שטראַל טראָגט זיך מיט א שנעלקייט נישט פון הונדערט זעקס און אכציק טויזנט מייל אַ סעקונדע נאָר הונדערט זעקס און אכציק טויזנט און דריי הונדערט און פיר מייל. געמאַכט דריי הונדערט און פיר מייל! און איך בין נאָך נישט פאַרטיק. איך וועל

נאָך קריגן אַ געגויערן ציפער. ווען נישט מאַרס וואָלט איך שוין איצט געהאלטן אַ סך וויטער. דער מאַרס האָט מיר איבערגעשלאָגן.

— וואָס דיינקט ער וועגן מאַרס?

— וואָס מיינט ער?

— אָ, מ׳זאָגט דאָרט זיינען דאָ לעבעדיקע באַשעפעניש, מענטשן.

— נאַרישקייטן. געלייענט אין די צייטונגען מסתם. זיי ווייסן נישט וואָס זיי ריידן. מענטשן פעלט זיי. נאָך אויפן מאַרס.

— און וואָס זוכסטו דאָרט?

— וואָס מ׳זוכט אין אַלע שטערן, אין דער גאַנצער גרויסער וועלט, זען, פאַרשטיין, באַגרייפן וואָס דאָס מיינט. היינט קען איך זוכן אַ שטערן, מאָרגן קען איך זוכן אַ קאָליר פון אַ שטערן, נאָכן קאָליר פונם שטערן באַשטימען ווי אַלט ער איז אָדער גאָר וועלכע מעטאלן געפינען זיך דאָרט. מאַלע וואָס מ׳זוכט. זיכער נישט קיין מענטשן. ד אָ ס דאַרף מען ניט זוכן. דאָ געגוג. צופיל! איצט ווילן מיר מאכן פאָטאָגראַפיעס פון מאַרסן אויב עס וועט געלינגען. ביי גאָט, היינט איז אַ גינסטיקע נאכט צו ארבעטן. דו וועסט דאָך קיין פּאַראיבל האָבן אויב איך וועל ארבעטן אַ ביסל היינטיקע נאַכט. און דו אויך, ווייבעלע מיינס, יאָ? זי איז מיין ערדישער מלאך, ווען נישט זי וואָלט איך צייטנווייז גאָר פאַרגעסן אַז ס׳איז דאָ אַ ערד אויף דער וועלט. וועסט צוגרייטן אַ צימער פאַר הענרין. איך וועל זיך לאנג ניט זאמען.

אַ שטילער אויסגעשטערנטער הימל האָט אַרונטערגעקוקט אויף דער שלומערנדיקער ערד. די שטילקייט פון דער נאַכט האָט באַגריסט דאָק־טאר דיקינסאָן און פרוי הענדערסאָן ווען זיי זיינען ארויס פון דער אָבסערוואטאָריע.

— אַזוי שטיל דאָ, אַזוי גוט.

— יאָ, ס׳איז זייער שטיל, — האָט פרוי הענדערסאָן געענטפערט און מער איז די שטילקייט ניט איבערגעריסן געוואָרן.

אויף מאָרגן האָט דאָקטאר דיקינסאָן, וועלכער איז געקומען אויפן באַרג ווילסאָן בלויז אויף אַ קורצער צייט, פאַרבריינגען זיין וואַקאַציע, זיך ארויסגעלאָזט איבערן באַרג זוכן אויב ער וועט געפינען אַ ניי בלימל, א געוויקס א נייעם, וואָס ער האָט ניט באַגעגנט אין זיינע מקומות, אין די ניו העמפּשייר בערג. ער האָט איינגעלאַדן פרוי הענדערסאָן מיט־גיין און זי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. קיין נייע פלאַנצונגען האָט ער דעם ערשטן טאָג ניט געפונען, דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט געגוג וואָס צו ריידן וועגן די באַקאַנטע גראָזן, בוימער. אַ מחיה מתים איז

ער געווען פֿאַר איר. דאָס גראָז וואָס זייערע פֿיס האָבן באַטראָטן האָט ער אויפֿגעהייבן **פֿאַר איר און איר געוויזן: זע דאָס לעבן אין דעם.** דאָס איז לעבן. און וואָלט דאָס גראָז געווען טויט וואָלט עס אין זיינע הענט לעבעדיק געוואָרן, אַזוי לעבהאַפֿט האָט ער גערעדט. און אַזוי גראַציעז געגאַנגען, אַזוי געשיקט געקלעטערט, אַזוי פֿלינק געשפּרונגען ווען מ׳האָט געדאַרפֿט אַרונטערשפּרינגען. אַפֿילו זי איז אויך מיטגע־שפּרונגען, מיט דער הילף פֿון זיין אויסגעשטרעקטער האַנט.

ער איז צופֿרידן געווען פֿון זיין ערשטער עקסקורסיע און געפּלאַ־נעוועט מאָרגן, איבערמאָרגן, אַזוי לאַנג ווי ער וועט דאָ פֿאַרבלייבן מאַכן אַזעלכע עקסקורסיעס טעגלעך. ער איז געווען זיכער ער וועט געפֿינען אַ נייע פֿלאַנץ אין די בערג. זי וועט זיין די וועג־וויזערן זיינע. זי קען דאָך דעם געגנט.

— זי וואָלט שוין געקענט זיין אַן אָפֿיציעלע וועג־וויזערן, — האָט פּראָפֿעסאָר הענדערסאָן גוטמוטיק געשפּאַסט וועגן זיין פֿרוי. — זי ווייסט מער וואָס אויף די בערג טוט זיך ווי איך אין הימל.

— און וואָס הערט זיך עפּעס אין הימל?

אויפֿן הימל איז געווען אַ יאַריד. דער שטערן מאַרס האָט „פּאָזירט" און פּראָפֿעסאָר הענדערסאָן מיט זיינע אַרויסהעלפֿער זיינען געווען שטאַרק פֿאַרנומען. ער איז געווען מער אין אָבסערוואַטאָריע ווי ביי זיך אין הויז. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר זיין פֿריינט למאַי ער פֿאַרנאַכ־לעסיקט אים אַזוי, אָבער וואָס זאָל ער טון אַז ער האָט נאָך אַ גאַסט, אַזאַ זעלטענעם און אַזאַ בחפֿזונדיקן, כאַפּט מען אים נישט אין דער ריכטיקער צייט איז פֿאַרפֿאַלן. פֿאַרפֿאַלן. די אַרבעט קען ניט אָפּגע־לייגט ווערן. דייזי — מאַדאַם הענדערסאָן — וועט שוין אַכטונג געבן אויף אים, אים אונטערהאַלטן.

דאָקטאָר דיקינסאָן האָט אים פֿאַרזיכערט אַז ער לאַנגווייליקט זיך ניט, ער האָט פֿאַרגניגן פֿון דעם אַרומגיין, זוכן, און מאַדאַם הענדערסאָן

— ניטאָ זיך וואָס צו באַקלאָגן — זי איז די בעסטע וועגווייזערן וואָס ער האָט זיך נאָר געקענט ווינטשן.

— שוין עפּעס געפֿונען?

— דערווייל נאָך נישט, בלויז אַ געוויסן בערג־לאַרבער וואָס מ׳זעט ניט אין די ניו העמפּשייר בערג. אָבער ער האָפֿט צו געפֿינען. און ווען אַפֿילו נישט איז ער אויך צופֿרידן. ער האָט הנאה ניט נאָר פֿון געפֿינען נייע פֿלאַנצן, נאָר פֿון זען, זיך צוקוקן צו די אַלטע. קוקנדיק אויף אַ בלימל אין וואַקסן, זעט מען ערשט אין וואָס פֿאַר אַ גרויסער וועלט מיר

לעבן. יעדעס בלימל, גרעזל האָט זיך איר לעבן, קינדהייט, יוגנט, עלטער, טויט. וואָס איז פאַר דער גרויסער וועלט אפשר אַזוי וויכטיק אָדער פונקט אַזוי אומוויכטיק ווי זיין לעבן. ניט אַזוי?

פּראָפעסאָר הענדערסאָן האָט געקוקט אויף זיין פריינט ווי אַ דערוואַקסענער אויף אַ קינד וואָס פאַרט רייטנדיק אויף אַ בעזים, שפּילט זיך אין פערדלעך. מילא, יעדער טוט וואָס ער קען. ער דאַרף גיין אין אבסערוואַטאָריע.

פּראָפעסאָר הענדערסאָן אין אבסערוואַטאָריע און דאָקטאָר דיקינסאָן אין באַגלייטונג פון מאַדאַם הענדערסאָן אויף די בערג, זוכנדיק אַ ניי בלימל. זוכנדיק איז מען מיד געוואָרן, האָט מען זיך צוגעזעצט אָפּרוען. געזעסן, געשוויגן, ביז דאָקטאָר דיקינסאָן האָט אַרויסגעזאָגט:

— אונדזער לעצטער טאָג, מאָרגן . . .

— מאָרגן ?!

— יאָ, מאָרגן, זיין וואַקאַציע ענדיקט זיך.

— עס טוט איר אַזוי לייד. זי איז שוין אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן צו...

זי האָט זיך געכאַפּט, אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אויך געשוויגן, אָנגעשטריינגט געקוקט אויף איר. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באַגעגנט זיין קוק. זי איז צעטומלט געוואָרן, גענומען שטאַמלען . . . — און ער האָט אפילו קיין איין ניי בלימל ניט געפונען.

— ער האָט יאָ געפונען.

— יאָ ? ווירקלעך !

— יאָ, געפונען אַ שיין בלימל. אַ . . . „דייזי״. (מאַרגאַריטקע)

— אַ דייזי, דאָ ?

— אַ דייזי! — האָט ער זי געקושט אין מויל, אַ דייזי, אַ שיינע, זיסע, ליבע, קליינע דייזי . . .

ווען פּראָפעסאָר הענדערסאָן איז נאָך אַ נאַכט זיצן אַליין אין אבסערוואַטאָריע געקומען צו זיך אין הויז, האָט ער אויפן קישן פון בעט געפונען אַ צעטעלע:

„ס'טוט מיר זייער לייד דיר ווי צו טון, מיין טייערער אַלטער חבר, דו ביסט אַ וואוילער בחור, אָבער „דייזי״ באַלאַנגט אין אמתן צום באָטאַניקער מער ווי צום אַסטראָנאָמער. הענרי״.

— טכויר! — האָט פּראָפעסאָר הענדערסאָן אַ וואָרף געטון דאָס צעטעלע און גענומען אַרומלויפן, אַרומזוכן. אַרומלויפנדיק האָט ער אויפגעהויבן דאָס צעטעלע, געשטאַנען, באַטראַכט עס, אַרומגעגאַנגען מיטן צעטעלע אין האַנט, זיך אַנידערגעזעצט, געקוקט דאַרויף, עס

אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש, געזעסן און געטראַכט. וואָס פּראָפעסאָר הענ־דערסאָן האָט דאַן געטראַכט איז גרינג צו טרעפֿן, שווער צו דערציילן. ער האָט וועגן דעם מיט קיינעם ניט גערעדט. אַלץ וואָס מ'ווייסט איז אַז נאָך דעם אינצידענט האָט פּראָפעסאָר הענדערסאָן געלעבט לעבן דער אָבסערוואַטאָריע איינער אַליין אַ פּאָר יאָר צייט ביז ער איז געשטאָרבן פֿון אַ פֿאַרקילונג.

נאָך זיין טויט האָט מען צווישן זיינע וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען געפֿונען אויך דאָס צעטעלע מיט פֿאָלגנדיקן צושריפֿט:

„אויף טויזנטער מיילן ווייט קען זען אפֿילו אַן אַסטראָנאָם; אויף אַ מייל, זאָגט מען, קען זען אַ גאַסט, אַ באַטאַניקער, אָבער וואָס אונטערן נאָז טוט זיך, דאָס קען קיינער נישט זען, סיידן אפֿשר דער . . . כעמיקער".

דער וויין איז זויער געוואָרן

זכריה פרידבערג האָט ליב געהאַט אַ ביסל וויין, און ער האָט געהאַט אַ גוטן גומען. אַ זופ געטון אַ ביסל וויין, האָט ער ניט געקענט זאָגן גענוי: דער וויין איז פון דעם און דעם יאָר, פון דעם און דעם פעלד, ווי פּראָפעסיאָנעלע וויין פאַרזוכער טוען עס. ניין, אַזוי שאַרף איז זיין גומען ניט געווען. פרידבערג איז אפילו געווען סקעפּטיש מכוח דעם צי וויין פאַרזוכער קענען טאַקע אַזוי פּינקטלעך טרעפן. דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ מאַשין, אָבער אַ מענטש איז ניט קיין מאַשין, ער רעגיסטרירט נישט, אַ מענטש פאַרזוכט, און פאַרזוכן אַ ביסל וויין, דאָס קען ער פּונקט אַזוי גוט ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער וויין פאַרזוכער. דער סקעפּטישער שמייכל אויפן חשבון פון די פּראָפעסיאָנעלע וויין פאַרזוכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א צופרידענעם שמייכל: איך ווייס וואָס אַ ביסל וויין איז, און די ברוינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן דערביי.

אַ גוטער גומען פאַר וויין איז נאָך זעלטענער ווי אַ גוטער אויער פאַר מוזיק, און זכריה פרידבערג מיט זיין גוטן גומען האָט געהאַט אַזוי פיל דרך ארץ פאַר וויין הדיוטים ווי דער מוזיקער פאַר מוזיק עמי הארצים. שטייט אַ קאָנצערטיסט, אַ פידל שפּילער, שפּילט, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײלע, וואַרט אויף דער פּיאַנא באַגלייטונג אָדער אָרקעסטער, און דער עולם, מיינענדיק אַז ער האָט געענדיקט, מ׳דאַרף שוין אַפּלאָדירן, נעמט קלאַפּן. שווייגט דער שפּילער, שטייט אויסגעצויגן ווי די סטרונעס אויף זיין פידל, כאָטש זיין גאַנצער קערפּער זידט, ציטערט פון כעס, פאַראַכטונג: אייזלען! שפּיל פאַר זיי. אַניט הערן זיי מיט זייערע אייזלשע אויערן? זיי הערן מיט די אויגן, זעען ער שפּילט ניט — איז געקלאַפּט. פונדעסטוועגן, ווען די פּיאַנא קומט אונטער, טוט ער אַ לייג די פידל אונטערן קין און שפּילט ווייטער. ער׳ט ניט איבערהיפּערן, חלילה, אַ נאָטע. זיין ארבעט איז שפּילן, גוט שפּילן. זכריה פרידבערג האָט ניט איין מאָל געזען ווי זיינע פריינט מיטטרינקער האָבן אַרויסגעוויזן עם הארצות אין וויין, אָדער זיי האָבן מיט איין מאָל אַריינגעקערט דאָס בעסטע גלעזל וויין אָט ווי עס וואָלט געווען אַ גלאָז וואַסער נאָך אַ ביסל ריצנאייל, מ׳דאַרף פאַרטרינקען, אָדער זיי האָבן, מעשה

מבינים, כלומרשט פאַרזוכט, זיך פאַסמאַקעוועט אפילו, פאַרקנייטשט אײַן אויג און אַרויסגעזאָגט: אַ גוט ביסל ווײַן, בעת ער האָט זיי לכתחילה געגעבן עפּעס אַ ביסל זשמיגע, און ער האָט געשמייכלט מיט אַ פאַר־אַכטנדיקן שמייכל — גיב זיי ווײַן צום טרינקען. אַ קאַנע דאַרף מען זיי מאכן מיט ווײַן, האָט ער טאַקע געזשאַלעוועט זײַן גוטן ווײַן. ער איז ניט געווען קאַרג. אדרבה, דער יצר הרע זיך אויספּיינען מיט אַ גוט ביסל ווײַן איז געווען זייער שטאַרק, ער האָט געגעבן צו פאַרזוכן, זעענדיק אָבער ווי ז י י טרינקען, האָט ער געבורטשעט: גיב אַ חזיר מאַראַנצן. פּשוט עובר אויף בעל תשחית, אַניט ווייסן זיי וואָס ווײַן איז?

— מענטשן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָלן טון אַזעלכע זאַכן!

— האָט זיך געקאָכט ל. שטיינבערג, האַלטנדיק אַ ליידיק ווײַן גלעזל.

— וואָס ווילט איר? — האָט פרידבערג געלאָסן געענטפערט. — יונגער ווײַן — ווילדער ווײַן.

— וואָס מיינט איר? — האָט שטיינבערג געפרעגט, ניט פאַרשטייענדיק.

— גאָר פּשוט, — האָט זכריה פרידבערג, מעשה לערער, וואָס ווייסט בעסער, געענטפערט.

— ווי אַלט איז עס אייער מענטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט? ווי ווייט זײַנען מיר פון דעם נעאַנדערטהאַל, דעם פּיטהעקאַנטראָפּאָס מענטש? אַ הונדערט טויזנט יאָר, ניט מער. יונגער ווײַן, שפּילט, יוירט, ווילד, גייט אין קאָפּ אַריין. וואַרט, דער ווײַן וועט זיך אײַנשטעלן, וועט אַלט ווערן, לאָמיך זאָגן, אַ . . . פערטל מיליאָן יאָר, דאַן . . .

— אה, אַז—ו—י?

דער אויסגעצויגענער „אַז—ו—י" האָט געזאָגט: אַ מענטש רעדט. אַ פערטל מיליאָן יאָר, ווײַן. ניטאָ מיט אים וואָס צו ריידן. גיי רעד מיט אים וועגן אַ וויכטיקן ענין, ווען אים ליגט נאָר ווײַן אינזינען. און ער האָט טאַקע מער ניט גערעדט.

— וואָס דען מיינט איר? — האָט זכריה פרידבערג פּאַטראָניזירנדיק געענטפערט. — אַזוי איז עס, יונגער ווײַן — ווילדער ווײַן. וואַרט, דער ווײַן וועט אַלט ווערן, דאַן . . . און זעענדיק זײַן מיטרעדנערס פּנים איז אים שוין אָפּגעפאַלן דער חשק צו ריידן ווײַטער, זאָגן וואָס דאַן . . . גיי רעד צו אַ סריס וועגן ביאה . . .

דער איינציקער פון זײַנע באַקאַנטע וואָס ווייסט יאָ וואָס אַ ביסל ווײַן איז, איז לוי סיגל, אָדער, ווי ער רופט זיך, סעגאַל. געמיינט ער איז אַ רומעניִשער, ערשט ער איז אַ בעסאַראַביער, פון בריטשאַן. ע ר קען יאָ טרינקען, די צרה מיט אים איז, ער קען שוין גאָר אַריינטרינקען,

און אַריינעסן אויך, אַ זולל וסובא. מיט אַ קעזל, א פּאָר קאַרנאַצלעך, אָדער גאָר הייסע פּאַסטראַמע, קען ער אויסטרינקען אַ פלאַש וויין, און לא נודע כי בא אל קרבנו. דער פּנים, אַ גוט צוגעניטעוועטער ברויט ערשט פון אויוון אַרויס, ווערט נאָך אַ ביסל גלאַנציקער, די ליפּן אויך גלאַנציק, פעט, און זיינע מעשות, וואָס ער נעמט דערציילן זיינען אויך מיסטנס פעטע . . . ער קען שוין סעגאַלס מעשות, פונדעסטוועגן הערט ער אים אַלע מאָל מיט פאַרגניגן. זכריה פרידבערג, נאָך ווייט פון פּופּציק, האָט שוין אָבער געגוג דערפאַרונג צו וויסן, אַז נאָכדעם ווי מ׳האָט פאַרבראַכט מיט אַ מענטשן עטלעכע אָוונטן ביי אַ גלעזל וויין, איז זייער זעלטן אַז מ׳הערט פון אים עפּעס נייס. אייניקע מענטשן פאַר־געסן אַז זיי האָבן שוין דערציילט די מעשה; אַנדערע געדיינקען יאָ, נאָר זיי פארלאָזן זיך אויפן צוהערער אַז ע ר האָט פארגעסן; אַנדערע, ווידער, זיינען אַזוי פאַרליבט אין זיך, מיינען אז וואָס זיי דערציילן איז אַזוי גוט, אַז, נישקשה, מ׳מעג עס הערן נאָכאמאָל און נאָכאמאָל. אַ ליד מעג מען זינגען עטלעכע מאָל? מ׳דאַרף נאָר קענען זינגען, און סעגאַל ק ע ן דערציילן אַ מעשה, אלע מאָל גיט ער צו עפּעס נייס. פון דעם אליין קען מען זען אַז די מעשות זיינען נישט געשטויגן און נישט גע־פלויגן, אָבער אַ שיינער ליגן, און ער אליין לאַכט אזוי געשמאַק. אַ פריילעכער ייד, אַ געזונטער ייד, קען גוט אריינעסן, אריינטרינקען, און שפּילט אַ נישקשהדיקן שאָך אויך. און ווי קען מען נאָך בעסער פאַר־ברייננגען אַן אָוונט ווי טרינקען אַ גלעזל וויין, שמועסן, שפּילן אַ שאָך, און ביים שפּילן טאַקע אַ זופּ טון אַ ביסל וויין, אזוי זיך, כלומרשט בהיסח הדעת? די צרה איז נאָר, וואָס ער האָט זיך ניט זאַפּאַסעוועט מיט געגוג וויין אין קעלער. ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן אַז אַזאַ אידיאָטסטווע ווי „פּראָהיבישאָן״ וועט טאַקע ווערן אַ געזעץ? שטייען אין קעלער נאָך עטלעכע קעסטלעך וויין, אָבער וואָס איז עטלעכע קעסטלעך? די „פּראָ־היבישאָן״ איז, ווייזט אויס, אַ געשיכטע אויף יאָרן, און קריגן וויין, אַ גוט ביסל וויין, איז זייער שווער. די משקה־שוואַרצער — פון זיי איז אָפּגעראַטן. זיי ווייסן בלויז איין זאַך — בראַנפן, און, פאַרשטייט זיך, שלעכטער בראַנפן דערצו. מ׳קען קריגן וויין אויף „מאַכן קידוש״, איז, ערשטנס, איז דאָס אויך ניט קיין וויין, דערמאָנט אים אָן יין צמוקים, דערמאָנט עס אים, און, צווייטנס, גיי האָב צו טון מיט „רבנים״, וואָס זיינען אין תוך משקה־שוואַרצער אין אַ רבנישן קאַפּעליוש. ניט פאַר אים דער עסק. דאָס זעלבע מיט די דאָקטוירים. אויך געוואָרן אַ חברה משקה־שוואַרצער אין אַ לאַטיינישער טאָגא. „רעסיפּע״ — אַ פלאַש . . .

פאַרט. פאַר יעדן „רעצעפּט" באַצאָל, און טרינק פאַרט. גוט פאַר סעגאַלן. „אַ פּעטינקען ווייַן". ניט אַנדערש, נאָר אַ פּעטינקען. ע ר וויל אַ פלאַש ווייַן, אַ גוטע פלאַש ווייַן, ניט קיין . . . רעצעפּט. ער האָט זיך שוין אַרומגעקוקט אין „קליין איטאַליע", געמיינט דאָרטן וועט ער עפּעס קריגן, גערעדט מיט איין איטאַליענער, אַ צווייטן, יעדערער האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלאָז ווייַן. באָרשטש! היינט געשטעלט מאָרגן גע־טרונקען. זיי זיינען ניט קיין ווייַן טרינקער. דער פראַנצויז, ווי הייסט ער דאָרט? בולאַרד, יאָ, דער בולאַרד, ער ווייסט שוין יאָ וואָס אַ ביסל ווייַן איז, דאָס גלעזל ווייַן וואָס ער האָט אים געגעבן פאַרזוכן איז געווען נישט שלעכט, אָבער צום פאַרקויפן האָט ער ניט, מאַכט ווייַן בלויז פאַר זיך און אים געראַטן ער זאָל אויך טון דאָס זעלבע — שטעלן ווייַן.

— איך ווייס אָבער ניט ו ו י צו מאַכן ווייַן.

— אַ ווייַן טרינקער און ווייסט ניט ווי צו מאַכן ווייַן.

— אָט עסט איר אייער, כאָטש לייגן לייגט איר זיך ניט.

— אויך אמת, — האָט דער מאָסיע בולאַרד געלאַכט, אָבער פאַר־געסט ניט, איר זייט אין „גאָטס לאַנד", וואו פאַרקויפן אָדער קויפן אַ פלאַש ווייַן איז אַ פאַרברעכן, כאָטש טרינקען ווייַן מעג מען, איז די איינציקע זאַך וואָס איר קענט טון, איז מאַכן ווייַן און אים טרינקען.

— מ'דאַרף דאָך אָבער ק ע נ ע ן מאַכן ווייַן. וואָס איז דאָס ערשטע וואָס מ'דאַרף וויסן ווי צו מאַכן ווייַן, ג ו ט ן ווייַן?

— ווען עס קומט צו ווייַן מאַכן האָט זיך יעדער איינער זיינע זאַבאַבאָנעס, זיינע סודות . . . איינער דיינקט אַז אַן אַלטע פאַדעשוועס, אַרייַנגעלייגט אין פעסל ווייַן, גיט צו אַ גוטן טעם, אַ פיינעם אַראָמאַט . . . ; אַ צווייטער האַלט זייער שטאַרק פון אַ ציגענער פעל; אַ דריטער וועט בדאי אַרייַנלייגן אַ געפּגרעטע קאַץ, דער אמת איז דער, איר ווילט האָבן גוטן ווייַן, קריגט אַ גוטן ווייַנטרויב.

— קיין ווייַנטרויבן פעלן ניט.

— אַ ג ו ט ן ווייַנטרויב האָב איך געזאָגט, און דאָס איז שוין ניט אַזוי לייכט צו קריגן. יאָ, איר פאַרט פאַרביי זעט איר מיילן מיט ווייַנטרויבן, ווייסט איר אויף וואָס זיי טויגן? אויף ראָזשינקעס, ניט אויף ווייַן. אַן אמת גוטן ווייַנטרויב איז שווער צו קריגן. איך קען אייך אָבער רעקאָמענדירן מיינעם אַ פריינט, אַ פאַרמער, מר. פעלעטיער, אין וויסטאַ, דאָס איז אַ הונדערט מייל פון דאַנען. זיינער אַ ווייַנטרויב איז ווירקלעך עפּעס, וואָס לוינט זיך פאָרן נאָך דעם. איר פאָרט זיך דורך צו אים, זאָגט אים אַז איך האָב אייך געשיקט, ער זאָל אייך געבן עטלעכע

קעסטלעך ג ו ט ע וויינטרויבן. וואָס איך מיין איז אָט וואָס. זייגע וויינטרויבן זיינען אַלע גוטע, זיין פאָרם ווערט ניט באַוואָסערט, אין יענע מקומות האָבן זיי געגוג רעגן. רעגן אליין איז אָבער ניט אַלץ, מ׳דאַרף אויך האָבן זון. איר פארשטייט? זון! וואָס מער זונשיין דער וויינטרויב נעמט אַריין אַלץ מער פרייד אינגם ווייז. פאַרן מאַרק מאַכט ניט אויס, מ׳שניידט דעם וויינטרויב נאָך איידער ער ווערט צייטיק. האַלט זיך לייגגער. פאַר וויין מוז מען אים ארונטערנעמען ווען ער איז אינגאַנצן רייף, אריינגענומען וואָס מער זון. איר פארשטייט? מיר טרינקען זונשיין, טרינקען מיר. געגוי דאָס, זונשיין. פליסיקע זונשיין. איז, אַז איר׳ט אים זאָגן, דעם פריינט מייגעם, מר. פעלעטיער, ער זאָל אייך געבן עטלעכע קעסטלעך פון אָט דעם וויינטרויב, און אַ גוט פעסל דערצו, דאַן זייט איר מער ווי אַ העלפט זיכער מיט אַ גוט ביסל וויין.

— פארקויפט ער אפשר וויין?

— ער האָט מסתם אַ ביסל וויין, דער אלטער, אָבער איך צווייפל צי וועט ער פאַרקויפן. ניט אזוי צוליבן געזעץ. ער וויל זיך פשוט ניט שיידן מיט אַ גוט ביסל וויין, ער האָט עס צופיל ליב . . .

איז ער געפאָרן צו דעם מר. פעלעטיער.

מר. פעלעטיער האָט אים אויפגענומען זייער פריינטלעך: קומט ער דאָך פון זיין פריינט מסיע בולארד. ער האָט געשטעלט וויין, מ׳האָט גענומען צו ביסעלעך, געשמועסט וועגן וויין, וויינטרויבן, פרידבערג האָט אפילו געקויפט עטלעכע קעסטלעך, דער עיקר אָבער, ער האָט אויסגעמאַנטעט ביים אַלטן אַ פלאַש וויין. ניט מער ווי איין פלאַש, אָבער די ריכטיקע פלאַש וויין, אכט און צוואנציק יאָר אַלט! אמת, ער האָט אים אָפּגעשונדן אַ הויט, אכט און צוואנציק דאָלאַר! אַ דאָלאַר אַ יאָר, אַנדערש האָט ער זי ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון האַנט. אַן אלטער רמאי! אָבער וואו קריגט מען איצט אַזאַ פלאַש וויין? ער האָט אים געוויזן נאָך אַ פלאַש וויין, ממש אַן אַנטיק, מיט יענער האָט ער אָבער טאַקע ניט געוואָלט זיך שיידן. פאַר קיין געלט. אַ בעלנות פון אַ גוי, אַ פלאַש וויין אין איין עלטער מיט אים! מוז שוין זיין אַ יאָר זעקס־זיבן און זעכציק. דער פאָטער האָט זי אַוועקגעלייגט פאַר אים דאָס יאָר ווען ער איז געבוירן געוואָרן. צו יעדן געבוירן־טאָג וויל ער זי עפענען, טרינקן, און האַלט זיך פונדעסטוועגן אָפּ, טרינקן ביים ל ע צ ט ן געבוירן־טאָג.

— און ווי ווייסט איר ווען עס וועט זיין דער לעצטער?

— אָט דאָס איז עס טאַקע. די בעסטע זאַך וואָס גאָט האָט געטון

פאַרן מענטש, איז וואָס ער זאָגט אים ניט אויס ווען דער געבוירן־טאָג וועט זיין דער לעצטער. האַלט איך טאַקע די פלאַש וויין, אַ משכון פאַרן מלאך המות. אַזוי לאַנג ווי איך האָב זי ניט אויסגעטרונקען צום געבוירן־טאָג, וועט ער שוין מוזן וואַרטן ביזן צווייטן.

— און אַז ער׳ט קומען אינמיטן יאָר?

— נו, האָב איך שוין אָפּגעמאַכט מיט מיין אַלטער, אַז ווען זי׳ט רופן דעם גלח זאָגן ווידוי מיט מיר, זאָל זי עפענען די פלאַש וויין, געבן מיר אַ גלעזעלע, דעם גלח איינס, און דאָס איבעריקע בלייבט פון אירעטוועגן, זי האָט אויך ניט פיינט אַ ביסל וויין.

— אַ מענטש שטאַרבט אַמאָל פּלוצלונג, אין שלאָף.

מר. פעלעטיערן איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. — אויב גאָטס ווילן וועט זיין אַזוי, איז פאַרפאַלן, קען מען גאָרניט טון, אָבער ער׳ט עס ניט וועלן. איך בין אַ גוטער קאַטאָליק און וועל ניט שטאַרבן אָן אַ גלח, אָן ווידוי.

מ׳האָט זיך געזעגנט גאַנץ פריינטלעך. מר. פעלעטיער האָט אים אפילו איינגעלאַדן קומען נאָכאַמאָל.

די פלאַש וויין פאַרשטעקט אַז קיין פּראָהיבישאַן אַגענט וואָלט זי ניט געפונען, האָט זכריה פרידבערג רואיק גערדייט דאָס רעדל אויפן וועג צוריק אַהיים, זיינע געדאַנקען האָבן זיך גערדייט אַרום פראַנצויזן, וויין טרינקער, קליידל שמעקער, עולם הזהניקעס, פרייע מענטשן און „גוטע קאַטאָליקן", ווידער געקומען צו דער פלאַש וויין, וואָס ער האָט געפירט, צו וויין אין אַלגעמיין, און ווען ער איז געקומען אהיים בשלום האָט ער שלום געמאַכט מיט די פראַנצויזן, די קאַטאָליקן, פונזיינעטוועגן מעג ער זיין אַ טערק, דער מר. פעלעטיער, אַ פלאַש וויין האָט ער געקראָגן? אַ כ ט און צוואַנציק יאָר אַלט! פאַרזוכן? עפענען, וועט ער שוין מוזן אויסטרינקען. לאָזן שטיין? ער איז נישט מר. פעלעטיער, כאַטש דער איינפאַל — האַלטן אַ פלאַש וויין ווי אַ משכון פארן מלאך המות — איז אים איצטער גאַנץ גוט געפעלן געוואָרן. ניט קיין שלעכטע אידייע. נו, די פלאַש וויין איז ניט אין איין עלטער מיט אים. ער׳ט פאַרזוכן. בלויז פאַרזוכן. ער האָט פאַרזוכט און זיין גומען האָט געזאָגט: גוט. אַ צופרידענער האָט ער געקוקט אויפן גלעזל וויין, זיך געשפּיגלט אין דער מראה, מיט דער נאָז געצויגן דעם אַראָמאַט און ווידער געזופּט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. — דער „רומענער" וואָלט זיך באַלעקט, — האָט ער צופרידן געשמייכלט, און געזען ממש ווי סעגאַל טרינקט איין גלעזל, בעט מיט די אויגן אַ צווייטס, אַ דריטס.

— אַ מכה וועל איך אים געבן ד ע ם וויין, — האָט ער באַשלאָסן.
— וועט זיך באַגיין מיט אַ ביסל פּאַרט.

די אַכט און צוואַנציק יאָריקע פלאַש וויין — אַ שיינע, יונגע ווייב, קיינער טאָר זי ניט אַ קוש טון, זי אָנרירן אפילו, אָבער זען זאָלן זי אַלע, זאָלן זיי אים מקנא זיין. ער האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן, און ווען אין פלאַש האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, האָט ער מיט אַ רמאַישן שמייכל, צוזאַמען מיט נאָך אַ פלאַש, אַוועקגעשטעלט דאָס באלד לײדיקע פלעשל און כלומרשט אגב אורחאדיק מכבד געווען סעגאלן: — נעם אַ ביסל פון ד ע ם . ניט קיין שלעכט ביסל וויין.

— וואו האָסטו עס געקראָגן? — איז סעגאל שיר ניט אויפגעשפּרונגען פון ביינקל.

זכריה פרידבערג איז געווען צופרידן, אַזוי צופרידן אַז אים האָט שוין נישט געקימערט וואָס ער האָט נאָכדעם פאַרלאָרן די פּאַרטיע שאַך מיט סעגאלן. דעם שאַך האָט ער טאַקע פאַרלוירן, ער האָט אָבער גע־וואונען דעם . . . וויין. דאָס פלעשל איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעלײדיקט געוואָרן, אַ טראָפּן ניט געבליבן, סעגאל האָט זיך אָבער פאַסמאַקעוועט, זיך נאָכגעפרעגט, געזאָגט ער׳ט אויך קריגן אַ פלאַש וויין, אַ גוטע פלאַש וויין, אָבער זכריה פרידבערג האָט געוואוסט דאָס איז באַרימעריי, פאַנ־טאַזיע, אָט ווי זיינע מעשות וואָס ער דערציילט. ו ו י י ן , וועט ע ר , פרידבערג, קריגן. מ׳רעדט יאַקבי אַז ביי די קומענדיקע וואַלן זאָל „פּראָ־היבישאָן" דורכפאַלן, אָפּגעשאַפט ווערן, אַזוי שנעל ווי דאָס פאַסירט שאַפט ער זיך איין אַ גוטן זאַפּאַס וויין, בדאי פאָרן קיין פראַנקרייך.

קיין פראַנקרייך איז ער ניט געפאָרן. אָפּגעשאַפט „פּראָהיבישאָן", זיינען, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, אויסגעוואָקסן משקה געשעפטן, בראַנפן, וויין לרוב, זכריה פרידבערג האָט געקויפט אַ ביסל וויין, אָבער טאַקע נאָר אַ ביסל, אויף צו באַנעצן דעם גומען, אַ ג ו ט ביסל וויין, אַלטן וויין איז נאָך געווען שווער צו קריגן. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט איין וויין פאַרקויפער ער זאָל פאַר אים קריגן פון פראַנקרייך, פון איראָפּע, אַ פּאָר קעסטלעך גוטן וויין, אָבער טאַקע גוטן, אַלטן וויין, אַ גוטן שפּאַ־נישן שערי, אַן אמתן אונגאַרישן טאָקעי, אַ פיינעם פראַנצויזישן בורגונדי, אָבער בורגונדי, ניט די היגע בורדע . . . ער האָט זיך פאַרקרימט דערביי.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער וויין הענדלער האָט אים געלאָזט וויסן אַז ער האָט פאַר אים אַ גוט ביסל וויין, איין פלאַש — אַן אַנטיק, אָבער טאַקע אַן אַנטיק.

די פלאַש וויין א י ז געווען אַן אַנטיק. אכט און פערציק יאָר

אַלט. דערזען דאָס יאָר אויף דער פלאַש, האָט ער שוין ניט געהערט די מעלות פון דער שאַטאָ, וואָס דער ווײַן הענדלער האָט פאַר אים אויס־געדערצײלט. אכט און פערציק יאָר! אים איז אויך נאָר וואָס געוואָרן אַכט און פערציק. דער אַלטער מר. פעלעטיער, דער פראַנצויז, וואָס האָט אים דאָן פאַרקויפט די פלאַש ווײַן, איז אויפגעשפרונגען פאַר זײַנע אויגן. לעבט ער נאָך דער אַלטער? האַלט נאָך דעם משכון? ער האָט געקויפט די פלאַש ווײַן, באַצאָלט אַ גרויסן פרײַז, אָבער געקויפט און געווען צופרידן. און ער האָט אפילו ניט געטראַכט פון עפּעס באַלד די פלאַש ווײַן, פאַרזוכן. ניין, די פלאַש ווײַן וועט ער האַלטן. ער וועט זי האַלטן ביזן פופציקסטן געבוירן־טאָג, האָט ער באַשלאָסן, ער איז אָבער ניט געווען אזוי זיכער אז אין צוויי יאָר ארום וועט ער זי טאַקע עפענען. סיי ווי, איצטער דאַרף ער זי באַהאַלטן, גוט באַשטאַטן, זי זאָל חלילה . . .

. . . אויב עס זאָל פאַרקומען אַן ערד ציטערניש, דאָס הויז זאָל איינפאַלן . . . ניין, דעם קעלער וועט עס נישט שאַטן. דער קעלער, די פלאַש ווײַן וועט בלייבן, — האָט ער באַשלאָסן, ליגנדיק אין בעט, „צוהערנדיק" זיך אויב די ערד ציטערט נישט.

— ניין, פאַר אַן ערד ציטערניש איז ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן, זעסטו, אַ פייער, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. זאָל, חלילה, אויסברעכן אַ פייער . . . פון דער היץ אליין קען די פלאַש פּלאַצן, קאַליע ווערן . . . דאַרפן אוועקלייגן אַזוי, אַז ווען, חלילה, אַ פייער ברעכט אויס, זאָל ער גלייך זיך קענען דערלאַנגען צו איר.

ער האָט געלייגט, איבערגעלייגט די פלאַש ווײַן פון איין אָרט אויפן צווייטן, אויסגערעכנט געגנט זי זאָל אַלע מאָל זײַן צו דער האַנט, צו זיכער איז ער אָבער ניט געווען, און יעדער מאָל וואָס ער איז אַרונ־טערגאַנגען אין קעלער האָט ער אָפּגעשטאַט אַ ספּעציעלן וויזיט דער פלאַש ווײַן. ניט אַלע מאָל האָט ער זי גענומען אין האַנט אַרײַן, צופיל ידלען טויג אויך ניט, די פלאַש דאַרף ליגן רואיק, איז ער אָפּגעקומען מיט בלויז אַ טאָפּ טון, טאַקע נאָר אַ טאָפּ, אפילו ניט קיין ריר, אַ טאָפּ געטון, אַט ווי אַ מאַמע טוט א טאָפּ דאָס קאַלדרעלע איבער איר שלאָפנ־דיק קינד, און אוועקגעגאַנגען מיט אַ פרומער מינע: ליג רואיק, ליג . . .

די פלאַש ווײַן איז געליגן רואיק, זכריה פרידבערג איז אָבער ניט געווען אינגאַנצן רואיק. ער האָט געהאַט אין קעלער אַן אוצר, אַ סוד, און ווער קען עס פאַרטראָגן אַ סוד, א גוטן סוד? מ׳מוז אים ע מ י צ ן פאַרטרויען! איינעם בדאי, אָבי נאָך עמיצער זאָל וויסן און . . . ניט וויסן. ער קען נאָך וועלן ז ע ן די פלאַש. ד אָ ס ניט! ער האָט

געגעבן אָנצוהערעניש דעם מר. סעגאַל אַז ער האָט אריינגעקראָגן אַ פלאַש וויין, פּרימע, אַן אַנטיק, ער האָט אָבער ניט אָנגעגעבן די שאַטאָ און אודאי ניט דאָס יאָר. ווען יענער האָט, ווי דערוואַרטעט, געוואָלט זען די פלאַש, האָט ער סודותדיק צוגעגעבן: אַז די צייט וועט קומען וועסטו זי זען, פאַרזוכן, איצטער? איצטער טרינקען מיר אַ ביסל טאָקעי, גוטער טאָקעי, אמתער אונגאַרישער, ניט קיין געבלאָפטער.

די צייט, האָט זכריה פרידבערג באַשטימט, וועט זיין צו זיין פופ־ציקסטן געבוירן־טאָג. בכלל האָט ער ניט געהאַלטן פון געבוירן־טאָג פייערונגען, דאָס איז אַן עסק פאַר קינדער, און ווערן פופציק יאָר איז גאָרניט אַזאַ יום טוב, דער אמתער שונא פונם מענטשן איז דער קאַ־לענדאַר, שפּאַנט מען אריבער פופציק, גייט מען אריבער די גרענעץ, אָדער, בעסער געזאָגט, עס הויבט זיך אָן דער באַרג אַרונטער, און באַרג אַרונטער גייט זיך שנעלער ווי באַרג אַרויף . . . אָבער ער האָט באַשלאָסן אַז ווערנדיק פופציק יאָר ציט ער זיך צוריק פון געשעפט. יאָ, ער ציט זיך צוריק. גענוג. קוקנדיק אויף צוריק, מאַכנדיק אַ חשבון, וואָס ער האָט אויפגעטון אין די עטלעכע און צוואַנציק יאָר זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס, איז ער געווען צופרידן. ניט געוואָרן קיין מיליאָנער, אָבער ער האָט גאָרניט געוואָלט קיין מיליאָנען. ער האָט געוואָלט זיך פאַרזיכערן, און דאָס האָט ער דערגרייכט, מער דאַרף ער ניט, איצטער אַ נאָך פירן געשעפטן וואָלט עס שוין געווען טאַקע ניט מער ווי צוליב געלט, און געלט, סתם געלט, דאַרף ער ניט, וויל ער ניט. קיין ווייב און קינדער דאַרף ער ניט פאַרזאָרגן, „עולמות" וועלן זיך שוין באַגיין אָן אים, ער וועט קענען לעבן, טרינקען אַ ביסל ווייַן . . . הנאה האָבן פון לעבן.

דער פופציקסטער געבוירן־טאָג איז פאַר זכריה פרידבערגן גע־וואָרן אַ מעטע פאַרן לויפער, אהין דאַרף ער דערלויפן, אריבערשפּרינגען, דער פּרייז — די פלאַש ווייַן אין קעלער. ער'ט ארויסנעמען די פלאַש ווייַן . . . אפילו דער מר. שטיינבערג וועט דערפילן אַ טעם אין דעם, און דער רומענער . . . ער'ט . . .

די פינף זעקס פריינט האָבן שוין געהאַט אָפּגעעסן צו זאַט, גע־טרונקען לרוב, אַלע האָבן אָבער געוואוסט אַז עפּעס דאַרף נאָך קומען, דער „עפּעס" אַ זעלטענע פלאַש ווייַן. דער סוד, ווי אַלע סודות אויב צווייַ מענטשן ווייסן דערפון, איז אויסגערונען, אַלע האָבן געוואַרט אומגע־דולדיק: לאָמיר שוין זען וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנטיקל.

זכריה פרידבערג האָט שוין ארויפגעבראַכט די פלאַש ווייַן פון קעלער.

געטראָגן האָט ער זי ווי אַ קוואַטער דאָס קינד צום ברית, עפּענען האָט ער זי נאָך אַלץ ניט געעפנט, ער האָט בלויז געלאָזט אָנקוקן דעם עטיקעט, ניט אַרויסלאָזנדיק די פלאַש פון האַנט, יעדער איינער האָט זיך געמוזט צובויגן, אַ קוק טון דאָס יאָר, די פירמע.

— עפן שוין, נו! — האָט סעגאַל אומגעדולדיק געפּאָדערט.

— הלעיטני נאַ! — האָט אים זכריה פרידבערג גוטמוטיק פאַר־געוואָרפן, — ווילסט שוין זשליאָקען, ווילסטו. אַ מכה. איין גלעזעלע קריגסטו, ניט מער.

— זאָל זיין אַ גלעזעלע, אַ לעק, אָבער גיב שוין, גיב, צי נישט די עצמות.

זכריה פרידבערג האָט גוט באַטראַכט דעם גרייצער, צי איז ער ראוי מיט אים דורכבויערן דעם קאָרעק און, אַריינגעשטעקט, געגומען בויערן, האָט ער עס געטון פּאַמעלעך אָבער גרינטלעך, ער זאָל דורכ־גיין דורך און דורך, ער זאָל אָבער זיצן שטייף, ניט לויז ווערן, דער קאָרעק זאָל אַרויס גאַנץ, ניט, חלילה, דאַרפן שלעפן שטיקלעכווייז. האַלטנדיק איין אין האַנט דאָס הענטל פון גרייצער און מיט דער צווייטער די פלאַש ווייך צווישן די קני, האָט ער איינגעצויגן דעם אָטעם און ערשט דאַן גענומען ציען, ציען . . . אַרויס!

מיט אַ זיגערישן קוק האָט ער באַטראַכט די פריינט אַרום. — נעמט די גלעזלעך! — האָט ער קאָמאַנדעוועט. ער אַליין, זיין גלעזל וועט זיין דאָס לעצטע. ער האָט דערווייל געקוקט אויפן דינעם רויכל וואָס האָט זיך געצויגן פון פלעשל און, ניט קימערנדיק זיך וועגן די געסט, צו־געטראָגן דאָס העלזל צום . . . נאָז. זיינע ברעמען האָבן אַ צוק געטון, דער נאָז האָט זיך אַ קרום געטון, די זיגערישע מינע איז פאַרשוואונדן. ער האָט אַ טרייסל געטון דעם קאָפּ. דערזען די גלעזלעך אין די הענט, ווי זיי האָבן געוואַרט: פיל אָן! האָט זיך אויף זיין פּנים אויסגעשניטן אַ שמייכל. אַ הינקענדיקער שמייכל, דער שמייכל איז געשפּרונגען — שרעק און דערוואַרטונג. ער האָט ראַש אַ בויג געטון די פלאַש, באַלד זיך קאָנטראָלירט, גענומען גיסן פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק, זיין קוק איז אָבער ניט געווען אויפן גלעזל, נאָר אויפן קאָליר פונם וויין. דער קאָליר . . .

— אָה! — האָט ל. שטיינבערג אויסגערופן און אויפגעשטעלט די האַנט־פלאַך ווי אַ טראַפיק פּאָליציסט. — דו פאַרגיסט!

זכריה פרידבערג האָט ראַש אַ הויב געטון דאָס העלזל. צום צווייטן גלעזל האָט ער שוין צוגעלייגט דאָס העלזל, אַזוי אַרום געוואָלט באַ־האַלטן דעם ציטער אין דער האַנט. דער גערוך, די מראה געפעלט אים

ניט. נײן, עס געפֿעלט אים ניט. ער האָט דאָך אָנגעגאָסן אַלע גלעזלעך, זיך אויך, אַ הייב געטון זײַן גלעזל, געוואָלט אויסרופֿן לחיים, עפּעס זאָגן, דער קאָליר פֿונם ווײַן האָט אָבער געליימט זײַן צונג, אים האָט געשווינדלט אין די אויגן.

— לחיים! — האָט ער דערהערט און ער האָט געזען ווי אַלע האָבן צוגעטראָגן די גלעזלעך צו די ליפּן, ער האָט עס אויך געטון, זײַנע אויגן זײַנען אָבער געווען פֿאַרריסן אויף אַרויף, זען ווי טרינקען זיי, וואָס . . .

ל. שטיינבערג האָט אַ טרונק געטון, זיך פֿאַרקרימט.

— נו, ער. אויך מיר אַ מבין. ער'ט אַליין פּאַרזוכן.

ער האָט אַ זופּ געטון, אַ גרעסערן זופּ ווי געוויינלעך, צעקייט דאָס ביסל ווײַן. זײַן האַנט האָט זיך אַ וויג געטון, דער ווײַן האָט זיך אַ פּליוסקע געטון, די פֿינגער זײַנען לויז געוואָרן, דאָס גלעזל האָט אַ פֿאַל געטון צו דער ערד, זכריה פֿרידבערג האָט גענומען גיין „טריט־וואַסער" אויף צוריק, אָט אָט פֿאַלט ער . . .

— אַ ביסל וואַסער!

— לאָז! — האָט לוי סעגאַל אַ שאַר געטון שטיינבערגן. — גיס אָן אַ ביסל קאָניאַק. פֿון אָט דעם פֿלעשל, — האָט ער קאָמאַנדירט און, געקראָגן דאָס גלעזל קאָניאַק האָט ער עס אַרײַנגעשטופּט זכריה פֿריד־בערגן צווישן די ציין, אַרײַנגעגאָסן אין מויל, האַלז . . . — שוין אַלרייט . . . — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: ווען עס קומט צו די זאַכן, לאָז מעך!

זכריה פֿרידבערג האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, געעפֿנט די אויגן, זיך געפּרוּווט אַ הויב טון, דערפֿילט עמיצער האַלט אים אונטער, האָט ער זיך אומגעקוקט, דערקענט סעגאַלן. מיט זײַן הילף האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און אַ פֿיר געטון מיט די אויגן איבער די אַנדערע, אַרונ־טערגעלאָזט די אויגן און דערזען דעם טעפּיך, דאָס גלעזל דאָרט, דעם נאַסן פֿלעק . . .

— איבערגעגאַנגען, — האָט סעגאַל מעשה פּראָפֿעסאָר באַשטעטיקט.

— שוין אַלרייט. וועט שוין זײַן אַלרייט. אַ טעפּל קאַווע. אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע, דאָס אַלעס, — האָט ער גערעדט צו אַלעמען און צו קיינעם.

— זויער געוואָרן, — האָט זכריה פֿרידבערג שוואַך אַרויסגעבראַכט, און אין דער שוואַכער שטימע האָט זיך געהערט: אַז אָך און ווי איז מיר.

— זויער געוואָרן, — האָט ער איבערגעחזרט שוין קוקנדיק אויף אַלעמען, אָבער ניט ער האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר זיי, נאָר געבעטן רחמים: איר זעט דאָך, זויער געוואָרן . . .

— מילא נו, — האָט שטיינבערג אַוועקגעמאַכט דעם גאַנצן ענין.

— פּאַסירט אַמאָל, — האָט ער שוין צוגעגעבן מיט אַ שמייכל פון אַ דער־וואַקסענעם, וואָס וויל פאַרווישן עפּעס ניט שיינס וואָס אַ קינד האָט אָפּגעטון.

— יאָ, עס פּאַסירט — האָבן אַלע צוגעגעבן כלומרשט טרויעריק, נאָר דער שמייכל אויף זייערע פּנימער האָט געשריען: אי, גוט! גוט אַזוי!

זכריה פרידבערג האָט זייערע שמייכלען ניט געזען, די ווערטער האָבן געגרייכט די אויערן, זיינען אָבער ניט אריינגעדרונגען אין זיין מוח, שטיל, פאַר זיך האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן: זויער גע־וואָרן... זויער געוואָרן...

זכריה פרידבערג האָט זיך שטאַרק אַ רוק געטון. בלויז איין יאָר איז אַוועק פון זיין פופציקסטן געבוירן־טאָג, אויסגעזען האָט ער ווי פריער, מער ניט אַרום מויל האָט זיך געוויזן אַ שאַרפער קנייטש. אָנ־געהויבן האָט זיך דער קנייטש צווישן באַק און נאָז־פליגל, זיך געצויגן אויף אַרונטער, דאַן איבער דער רעכטער זייט פון דער אויבערשטער ליפּ ביזן מויל ווינקל, ממש אַ סערפּ איינגעשניטן. אָט דער קנייטש האָט צוגעגעבן זיין פּנים אַ שאַרפע זויערקייט. זיין לעבנס שטייגער האָט זיך ווינציק וואָס געביטן. ווי פריער האָט ער די אָוונטן פאַרבראַכט מיט סעגאַלן, אַנדערע פריינט ביי אַ גלעזל ווין, אַ פּאַרטיע שאָך, טרינקענדיק איז ער געוואָרן אַ ביסל באַריידעוודיקער, ווען עמיצער האָט זיך אָבער באַקלאָגט אויפן מענטשן פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט ער ניט געענטפערט מיט זיין אַמאָליקן וויסנדיקן שמייכל: יונגער ווין — ווילדער ווין, נאָר מיט אַ שאַרפן, זויערן שמייכל „געטרייסט": ניט געזאָרגט. דער מענטש פונם א י י ן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט ניט זיין בעסער. אָפּגעזאָגט, האָט ער פאַרטראַכט געקוקט אויפן פלעשל ווין דערביי. ער האָט געטרונקען ווין, אפילו הנאה געהאַט דערפון, אָבער זיך יאָגן נאָך אַן אַלטער פלאַש ווין, ציטערן איבער איר, קעכלען זי, שטאַלצירן דערמיט, דאָס ניט. ער האָט פאַרלוירן דעם ג ל ו י ב ן אין ווין. זויער געוואָרן...

דער ווין איז זויער געוואָרן...

ט ו י

(תזל כטל אמרתי . . .)

פּראָפעסאר פּאול מ. סטיוועגס האָט געטון דריי זאַכן מיט אַמאָל — ער האָט געגעסן אָנבייסן, געקוקט אין דער מאָרגנצייטונג און געהערט זיין ווייב רעדן. זי האָט גערעדט קודם וועגן דעם אַז ווען ער עסט, דערצו נאָך ווען זי רעדט צו אים, זאָל ער ניט לייענען זיין צייטונג. דארויף האָט ער געענטפערט, ווי יעדן פרימאָרגן: איך הער. איך הער. — און ווי־דער געלייענט. האָט זי געשוויגן אַ ווײַלע. זעענדיק אַז איר אָנגעבלאָזן שווייגן האָט נאָך ניט ארויסגעקלאַפּט די צייטונג פון איר מאַנס האַנט, האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן. — און האָסטו געזען די מ׳קדאָנאַלדס?

— מ׳קדאָנאַלד? וואָס איז מכוח די מ׳קדאָנאַלדס?

— איך פרעג צי האָסטו זיי געזען?

— געזען, אודאי געזען, אָבער זאָג שוין וואָס האָסטו געוואָלט איך זאָל האָבן געזען?

— האָסטו געזען איר ניי קלייד?

— אה, דאָס! ניין, ניט געזען, ניט באַמערקט.

— פאַרשטייט זיך, דו ווערסט באַמערקן אַזעלכע ק ל ײ נ י ק ײ ט ן. איך זאָל דיך פרעגן וואָס פאַר אַ קלייד א י ך האָב נעכטן געטראָגן ווערסטו אויך ניט וויסן.

— דו?

דאָ האָט שוין פּראָפעסאר סטיוועגס אַ קוק געטון אויף זיין ווייב, געקוקט האָט ער אָבער ניט אויף דער היינטיקער פרימאָרגנדיקער ווייב זיינער מיטן ציצענעם קליידל, וואָס האָט אַזוי שאַרף אַקצענטירט איר לאַנגן, דאַרן האַלז, אַ האַלז פון אַן אָפּגעפליקטער הון, נאָר אויף זיין נעכטן אויפדערנאַכטיקער ווייב, דער אויסגעפוצטער, גרייט צו גיין צו דעם אלומני צוזאַמענקום, און זיינע אויגן האָבן זיך דערמאָנט דעם קאָליר פון איר קלייד.

— די ווייַן קאָליר קלייד האָסטו געטראָגן, מיטן שאַרף אויפן האַלז.

— נו? האָט שוין שפּאַטיש אויפגעפאָדערט זיין קוק, זעסטו?

די ווייב איז געווען צופרידן וואָס ער האָט געדיינקט וועלכע קלייד

זי האָט געטראָגן, אָבער ניט דאָס האָט זי דאָך געוואָלט אַרויסברייינגען.

— נו, ווען דו זאָלסט געווען אַ קוק טון אויף דער מ׳קדאנאלדס קלייד און מיינער . . .

— אַהאַ, איך פאַרשטיי. נו, מיין ווייב, ערשטנס זיי צופרידן וואָס דיין מאַן קוקט ניט אויף אַנדערע ווייבער אין אָדער אָן זייערע קליידער; צווייטנס, טו דאָס זעלבע וואָס איך — קוק ניט אויף אַנדערע מענער מיט אָדער אָן זייערע געלט בייטלען. איך בין נישט קיין זייף פאַבריקאַנט, מיין טייערע ווייב, איך בין אַ כעמיקער, אַ פּראָפעסאָר פון כעמיע, דו ווייסט עס, און עס איז שוין צייט דו זאָלסט עס גוט וויסן און געדיינקען.

אַ לייג דאָס סערוועטל אויפן טיש האָט צוגעקלאַפּט — דער געשפּרעך איז געענדיקט. געענדיקט אויך דער אָנבייסן. אַ קוק אויפן האַנט זייגערל האָט דערמאָנט דעם פּראָפעסאָר אַז זיינע מינוטן זיינען געציילטע. ער האָט נאָך אַ כאַפּ געטון די צייטונג פון טיש און זיך געלאָזט אין פּאָדער־צימער וואו זיין מאַנטל און היטל זיינען געהאַנגען.

— איך גיי. אַ גוטן.

אַרויפגעשלעפּט דעם ראָק, דערפילט דער קאָלנער איז אַריינגעקראָכן אינעווייניק צום נאַקן צו, האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג אים אַרויסגעשלעפּט, פאַרריכט, גענומען צוזאַמענקנייטשן די צייטונג, זי אַריינלייגן אין קעשענע, ערשט ווי אויף צו להכעיס האָט זי ניט געוואָלט אַריין אַהין, ער האָט זי דאָך מיט גוואַלד אַריינגעשטופּט, אַרויפגעזעצט די היטל און זיך געלאָזט צום טראַמוויי, וואָס האָט אין פינף און דרייסיק מינוט אים געדאַרפט ברייינגען צום אוניווערזיטעט. אַרויף אויפן טראַמוויי, איז זיין גראָבער און אָנווייזנדיקער פינגער אַריינגע־קראָכן אין דער קאַמזויל קעשענע, וואו דאָס פאַר־געלט האָט זיך גע־דאַרפט געפינען. כדי צו זיין זיכער אַז ער וועט האָבן דאָס פאַר־געלט גרייט גלייך ווי ער גייט אַרויף אויפן טראַמוויי, ניט ווי די ווייבער, וואָס אין געדיכטסטן געדריינג שטעלן זיי זיך אַוועק גריבלען אין זייערע תהומיקע בייטלען, האָט פּראָפעסאָר סטיווענס געמאַכט זיך אַ געוואוינהייט פאַרן שלאָפן גיין אַריינלייגן אין דער קאַמזויל קעשענע דעם ניקל, אַ געוואוינ־הייט וואָס איז שוין געוואָרן אַזוי געוויינלעך ווי ארונטערנעמען די ברילן פאַרן אַריינלייגן זיך אין בעט. עס האָט אָבער ניט איין מאָל פּאַסירט אַז פּראָפעסאָר סטיווענס האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, פאַרגעסנדיק זיי אויסצוטון, און עס האָט אויך פּאַסירט אַז לעצטע נאַכט האָט ער פאַרגעסן אַריינלייגן דעם ניקל. גאַנץ איינפאַך, צו דעם אלומני אָוונט האָט ער זיך

אויסגעפּוצט אין זיינע יום טובדיקע בגדים, געקומען שפּעט, אַ מידער, אַ צעררייצטער: נו, געגאַנגען אין איין קלאַס מיט אַ מ׳קדאנאלד אָדער אַ פּיצפּעטריק, איז דאַריבער? נאַרישער מנהג. מע שפּילט זיך אין דרייען די ווייזערס אויף צוריק. צוריק אין צייט גייט מען ניט. דערצו נאָך האָט זי אָנגעהויבן מיט איר „האָסטו געזען? האָסטו געהערט?״ . . . האָט ער זיך קוים אַריינגעכאַפּט אין בעט, זיינע וואָכעדיקע קליידער האָט זי צוגעגרייט און, פאַרשטייט זיך, דעם ניקל ניט אַריינגעלייגט. און איצט . . . איצט האָט ער אָנגעהויבן טאַפּן אַלע פיר קאָמזויל קעשענעס, אין דער הויזן קעשענע, סוף כל סוף זיך דערשלאָגן צום פּאָרטמאָנע, אַרויסגעצויגן אַ דאָלאר. דער קאָנדוקטאָר, עפּעס אַ נייער פאַרשוין, ניט דער שטענדיקער, וואָס באַגריסט זיך יעדן פרימאָרגן: העללאָ, פּראָפעסאר, האָט אַ צי געטון דעם דאלאר מיט אַ בייזער מינע. — האָט איר נישט קיין קליינגעלט? — און נאָך איידער דער פּראָפעסאר האָט באַנומען וואָס מ׳האָט אים געפרעגט האָט שוין דער קאָנדוקטאר אים אַריינגעשאָטן אין האַנט דאָס קליינגעלט, געקוקט אויפן פּאַסאַזשיר, אים געטריבן מיטן קוק: נו שוין! נו! זע נאָר ווי לאַנג עס נעמט אַ מענטשן איבערציילן אַ דאלאר, אַריינוואַרפן דעם ניקל. וואַרף שוין אַריין אַמאָל און גיי, שטיי מיר ניט פאַר די אויגן, שטיי ניט אין וועג. דער פּראָפעסאר האָט סוף כל סוף אַריינגעוואָרפן איין ניקל אין געלט קעסטל און אַ צווייטן ניקל אַריינגעלייגט אין קאָמזויל קעשענע, זיין אויף צוריקוועג, פאַרשפּאָרן זוכן. מיטן אָנגעשטריינגטן קוק פון אַ קורצזיכטיקן האָט ער אַ זוך געטון אַ פּלאַץ און, געכאַפּט מיט די אויגן אַליידיק אָרט, איז ער באַלד אַריינגעפאלן אהין, מאָמענטאַל אַ שלעפּ געטון די צייטונג פון קעשענע און אין טראַמוויי איז שוין געווען אַ באַזונדער קאָמפּאַרטמענט, פאַרנומען פון פּראָפעסאר פּאול סטיוועגס. קיין צעטל „פּריוואַט״ איז אויף דעם קאָמפּאַרטמענט ניט געהאַנגען, דאָך האָט דעם פּראָפעסאר שוין קיינער ניט געקענט שטערן, די צייטונג — אַ שירמע, ניט צו זען אויב עמיצער „הייגנט״ איבער אים, אַ פרוי נאָך דערצו, און, דער עיקר, ניט דאַרפן קוקן אויף די אַנאָנסן. — אָרימע אויגן, — האָט ער ניט איין מאָל זיך באַקלאָגט, — מוזן נעבעך אַלץ זען אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען אָפן. — דאָ, מיט דער צייטונג, אי די אויגן זיינען אָפן, אי ער זעט נישט וואָס ער וויל נישט. לויט זיין ל י י ע נ ע ן האָט עס אויסגעקוקט אַז ער האָט אפילו די ווערטער פון דער צייטונג ניט געזען, די גאַנצע צייט וואָס ער איז געזעסן האָט ער אפילו ניט איבערגעקערט אַ בלאַט. וואָס ער האָט יאָ געטון, איין האַנט

זיינע האָט בלינד זיך אַ צי געטון צו דער אויבערשטער קעשענע פון רעקל, אַרויסגעצויגן אַ בלייפעז, שנעל פאַרצייכנט אויפן ראַנד פון צייטונג אייניקע בוכשטאַבן, ציפערן, אַ הויב געטון די אויגן אַרויף פרעגנדיק: האַ? ריכטיק? די אַנאַנסן נאָענט צום דאַך פון טראַמוויי האָבן חוצפּהדיק געשמייכלט: קוק אים נאָר אָן, דעם . . . האָט ער אַ וואָרף געטון אַ בליק צו דער טאַפליע פון טראַמוויי, אַ כאַפּ געטון די צייטונג, זי געשטופּט אין קעשענע, זיך געאיילט צום קאָנדוקטאָר. — איך דאַרף דאָ אַרונטערגיין. — לויט זיין אימפּעט האָט עס אויסגעזען אַז אָט אָט שפּרינגט ער ארונטער אין סאַמע לויף פון טראַמוויי. — איר ווילט ארונטערגיין ביים נעקסטן אָפּשטעל? — האָט דער קאָנדוקטאָר מיט באַהאַלטענעם שפּאָט געפרעגט.

— איך האָב געדאַרפט אַרונטערגיין דאָ אָ.

דער קאָנדוקטאָר האָט אַ צי געטון דאָס שנירל און מיט אַ פּאָנפּעוואַטער שטימע אויסגעזונגען: — נעקסט סטאָפּ — באקינגהעם! באקינגהעם — נעקסט סטאָפּ! ווען דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים „נעקסט סטאָפּ" האָט דער קאָנדוקטאָר באַגליט דעם אַרונטערגייענדיקן פּראָפעסאָר מיט אַ שמייכל: זעסטו, זיך טאַקע אָפּגעשטעלט, ספּעציעל צוליב דיר, בלויז אַ צוויי גרויסע בלאָק ווייטער ווי דו האָסט געדאַרפט. טפשים! קענען זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען ארונטערצוגיין פון אַ קאַר אין צייט. נו, קריך שוין אַרונטער! אָט אַזוי. פּטור.

דער פּראָפעסאָר האָט געדאַרפט גיין פולע צוויי בלאָק צוריק. ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — פאַרפאַלן. שוין סיי ווי שפּעט. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיין געוויינלעכן גאַנג.

(2)

אין לאַבאָראַטאָריע. די אויגן האָבן זיך דערפרייט. אָט שטייען זיי דאָך, די אַלע רעטאָרטן, אָט זיינען די אַלע רערן און רערלעך, קעסלען. דער גאַז האָט געצויגן די לופט — אַ באַקאַנטער ריח. פיין. גוט. דער שרייב טיש האָט אַ שפּרונג געטון צו די אויגן: און איך? מיך זעסטו ניט? פּראָפעסאָר סטיוועגס האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט ביים שרייב טיש, אַריבערגעלייגט אַ בלייפעז פון טיש אויפן שרייב געצייג, אַ רוק געטון דאָס שרייב געצייג, אַ נעם געטון אַ בלעטל פּאַפּיר, אַ נעם געטון כלאחר

יד, דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט אָבער ארויסגעוויזן קראַפט פון אַ לעבעדיקן עלעקטרישן דראָט. פּראָפעסאָר סטיוועגס האָט זיך אַ צאַפּל געטון, פאַר־שטייפט דאָס שטיקל פּאַפּיר, אַ וואָרף געטון מיט די אויגן איבערן שרייב טיש און מיט אייליקע טריט זיך געלאָזט פון לאַבאָראַטאָריע, זוכן זיין מאַנטל, די צייטונג דאָרט, די פאַרצייכענונגען אויפן ראַנד . . .

צוריק איז ער אַריינגעקומען מיט בלינדע טריט — די אויגן פאַר־טיפט אין דעם שטיקל פּאַפּיר און אין דעם צייטונגס אָפּריס. טייטלענדיק מיט אַ בלייפעדער אין די שטיקלעך פּאַפּיר איז ער צוגעגאַנגען צו זיין שרייב טיש, אָפּגעשאַרט דאָס ביינקל, זיך אַרונטערגעלאָזט דארויף, פאַר־מאַכט די אויגן, די האַנט איז געבליבן רוען אויף די פּאַפּירלעך. נאָך אייניקע סעקונדן האָט ער אַן עפן געטון די אויגן, אַ צי געטון אַ בלעטל פּאַפּיר און כהרף עין אָנגעוואָרפן אַ פאָרמולע.

ער האָט זיך אָפּגעוואָרפן אויפן ביינקל־רוקן, באַטראַכט דאָס אָנ־געשריבענע פון דער ווייטן, אַ לייג געטון דארויף דעם בלייפעדער, די אויגן האָבן געשמייכלט, געשמייכלט האָט אויך דאָס פאַרמאַכט מויל. אויגן און מויל האָבן שמייכלענדיק געזאָגט: אָט האָסטו עס! זעסט? און דו האָסט עס געזוכט און געזוכט. אָט איז עס. ער האָט זיך צוגעבויגן צום שרייב טיש, פאַרריכט אַן עקעלע פון אַ בוכשטאַב, זיך געשפּיגלט אין די בוכשטאַבן. יאָ, דאָס איז עס.

פּראָפעסאָר פּאול מ. סטיוועגס האָט ארונטערגענומען די ברילן, זיי פּאַמעלעך געווישט, האַלטנדיק די אויגן אויפן שטיקל פּאַפּיר. אויסגע־ווישט, האָט ער זיי אָנגעזאָטלט אויפן נאָז, פאַרריכט אין האַלאָבליע הינטערן אויער, נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן בלעטל פּאַפּיר. דורך די אויסגעווישטע פענסטער האָט ער דייטלעכער געזען די בוכשטאַבן, איינס און איינס זיינען זיי בולט געשטאַנען פאַר די אויגן. יאָ, ער האָט עס! דאָס איז עס! ער האָט פּאַמעלעך צוזאַמענגעלייגט דאָס בלעטל פּאַפּיר, אַריינגערוקט עס אין בוזעם קעשענע, זיך אויפגעהויבן און גענומען אַרומ־שפּאַנען איבער דער לאַבאָראַטאָריע.

— העללאָ, פּראָפעסאָר!

— אה, העללאָ, העללאָ!

— נו, וואָס נייס?

— גרויסע נייס, מיין פריינט! גרויסע נייס! — האָט דער פּראָ־פעסאָר באַטאָנט אַזש מיט אַ טרייסל פונם אָנווייזנדיקן פינגער.

— צופרידן צו הערן. וואָס אַזוינס? אויב איך מעג וויסן.

— וואָס אַזוינס ?

אַ קוק. זאָל איך אים ווייזן ? אַ קוק פון אַ ייִנגל וואָס האָט געקראָגן אַ שפּאָגל נײַ שפּילכל, זעט פאַראויס ווי יעדער איינער וועט אים מקנא זײַן, נאָר טאַקע דערפאַר איז אַזוי גוט אָפּצוציען, זיך רייצן. אַ קוק פון אַ מענטשן, וועמען מ׳האָט נאָר וואָס פאַרטרויט אַ סוד, אַ סוד וואו עס געפינט זיך אַן אוצר, ניין, מ׳האָט אים געוויזן דעם אוצר, ער האָט אים שוין געזען, ער איז זײַנער, און ס׳איז אַזוי גוט צו האָבן אַ באַהאלטענעם אוצר, אָבער כדי צו געניסן פון אים קען מען ניט בלויז שטיין און קוקן אויף אים, אַזוי קאַרג איז ניט פּראָפעסאָר סטיווענס, ער מוז כאָטש אַ טייל פון דעם אוצר אויסברייינגען. כדי צו געניסן פון זײַן סוד מוז ער, ווי אומלאָגיש דאָס זאָל ניט זײַן, ע מ י צ ן אויסזאָגן דערפון. פּראָפעסאָר פּאול סטיווענס קען אַזאַ רייכקייט אליין ניט פאַרטראָגן. — נאָט ! — האָט ער דערלאַנגט די פאָרמולע.

— נו, וואָס זאָגט איר ? — די צוויי אויגן, צוויי פראַגע־צייכנס, האָבן געוואַרט, געמאָנט : נו שוין !

— וואָס איז עס ? — האָט דער לייענער ענדלעך געפרעגט.

— הם . . . הם . . . געדעכט, וואָס איז עס ? ווייסט ניט ?

— ניין, איך ווייס ניט.

— פאַרשטייט זיך אַז ניט. ווילט וויסן וואָס דאָס איז ? עס איז דער אַלטער אַרסעניק. דייקלאָראַרסין ווינילכלאָרייד, נאָר ע פּ ע ס צוגעגעבן.

— און וואָס טוט דער עפּעס אויף ? איך מיין וואָס נ י י ס ?

— דער עפּעס טוט אויף אַזוי פיל אַז דריי טראָפּן, איר הערט, דריי טראָפּן, אויב זיי זאָלן נאָר באַרירן וועלכן עס איז טייל פון דער הויט פון אַ מענטשן, דאַרפן זיי אים אָוועקהרגענען. איין טייל פון דעם אין צען מיליאָן טיילן לופט איז גענוג אָוועקצולייגן אַ מענטשן, אים אַראָפּשלאָגן פון די פיס, אַרויסשלאָגן אים פון די רייען, און, מערקט אײַך, מ׳קען עס קוים זען מיטן אויג און עס איז געררוכלאָז.

— זייט איר זיכער אין דעם ?

— דאָ איז די פאָרמולע.

— פאָרמולע איז פאָרמולע און פּראָבע איז פּראָבע. האָט איר עס אויסגעפּרואווט ?

— ניין, דאָס נאָך ניט.

— פּרואווט עס בעסער אויס פריער.

— איר צווייפלט?

— איך צווייפל נ י ש ט , אָבער איר זייט דאָך אַ וויסנשאַפטמאַן, ניין? די לאַבאָראַטאָריע איז איבער יעדער טעאָריע.

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך. געוויס. די צרה איז וואָס דאָ אין לאַבאָראַטאָריע קען איך עס ניט אויספּרואוון.

— וואָסי, ניטאָ קיין קראָליקלעך?

— קיינע קראָליקלעך פאַר ד ע ם . פאַר ד ע ם דאַרף איך . . . מאַלפּעס, פערד, לכל הפחות, שאָף, און ניט איינע, נאָר אַ גאַנצע טשערעדע.

— די רעגירונג וועט געבן איר פּראָבע פעלד.

— זיכער?

— איך קאָוויר דערפאַר. ווען קענט איר מאַכן פּראָבע? איר באַשטימט דעם טאָג, דאָס פעלד וועל איך שוין באַזאָרגן.

(3)

פּראָפעסאָר פּאָול מ. סטיוועגס' ווייב האָט זיך געריבן די אויגן. איז דאָס איר מאַן? דער זעלבער מאַן וואָס האָט היינט אינדערפרי גערעדט צו איר אַ ז ו י נ ע רייד? עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן. אַ העכערונג אין דער שטעלע? — נו זאָג שוין, זאָג שוין וואָס האָט פּאַסירט?

— איך האָב עס! ענדלעך געקראָגן!

— וואָס אַזוינס האָסטו געקראָגן? אַ העכערונג?

— אַ העכערונג? וואָס מיינסטו אַ העכערונג אין דער שטעלע? געהאַלט? דאָס איז אַלץ וואָס דיר ליגט אינזינען. געהאַלט! געהאַלט! היינט גיי רעד צון אַ פרוי, דערצייל איר עפּעס. איך האָב געקראָגן עטוואָס, . . .

— טאָ זאָג שוין וואָס!

— איך האָב געקראָגן אַ נייעם גאַז!

— גאַ—אַ—אַז?

— נו, ניט געגוי גאַז, אפשר דאַרף מען עס גאָר רופן אַ פליסיקייט, אָבער אַזוינס וואָס קיינער, דו הערסט? קיינער, האָט עס נאָך ביז איצט ניט געפונען, כאָטש געזוכט האָבן עס אַלע.

— און וואָס קענסטו אויפטון דערמיט?

— דאָס איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס יאָרן אַז איך האָב עס

געזוכט, אַלע האָבן עס געזוכט, און היינט האָב איך עס געפונען. דו ווייסט, גרייס, עס איז מאָדנע. אַרבעטסט אַפּ יאָרן, זוכסט, דרייסט זיך אויס די מאזגעס און גאָרניט, ניטאָ, מיט אַמאָל, אַ בליץ, און עס איז דאָ. דאָס איז ווי, ווי זאָל איך דיר זאָגן, ווי דער . . . טויט, מ'שטאַרבט דאָס גאַנצע לעבן און דער טויט איז דאָך פּלוצלונג.

— אָבער וואָס האָסטו געפונען? וואָס איז עס?

— דיר געזאָגט דאָך, אַ גאַז, אַ נייעם גאַז, אַ פּליסיקייט. דאָ איז די פאָרמולע . . . .

מאַדאַם סטיוועגס האָט כלומרשט געלייענט די פאָרמולע. פּראָפעסאר סטיוועגס האָט זיגעריש געקוקט אויף זיין פרוי: נו, זעסטו! זי האָט נאָכלעסיק אים דערלאַנגט צוריק דאָס שטיקל פּאַפּיר. — איך בין ניט קיין כעמיקער. וואָס איז עס? וואָס קען עס אויפטון?

— וואָס קען עס אויפטון? אַ וועלט קען עס אויפטון! ווייסט וואָס דאָס מיינט אַ גאַז, אַ פּליסיקייט, דריי טראָפּן פון וועלכן זיינען גענוג צו דערהרגענען אַ מענטשן גלייך אויפן פּלאַץ?

— דאָס אַלעס? אויב אַזוי האָסטו עס געמעגט ניט אויסגעפינען. דאָ גענוג מאָרד מיטלען.

— און אַז אַן אַנדערער וואָלט עס אויסגעפונען?

— אַ היינקער זאָגט אויך דאָס זעלבע. ניט ער, וועט אַן אַנדערער זיין דער היינקער, דאריבער מעג ער אויך.

— בין איך שוין אַ היינקער אויך.

— ערגער! דו הערסט, ערגער פון אַ היינקער! ווען דער היינקער זאָגט אַז אויב ניט ער וועט אַן אַנדערער טון די אַרבעט איז ער טיילווייז גערעכט. מ'דאַרף גאָרניט קענען דערצו. פאַרוואַרפן די שטריק, אַרויסקלאַפּן דעם געשטעל פון אונטער די פיס קען יעדער איינער, און דאָ גענוג אָרימע קערלען וואָס וואָלטן זיכער ביי אים אויסגעכאַפּט דעם ביסן, אַ וועלט וואו מ'זאָל ניט געפינען קיין היינקער איז נאָך דערווייל ניטאָ, אָבער דו ביסט דאָך אַ כעמיקער, אַ וויסנשאַפטמאַן, ווען דו, ווען איר אַלע וויסנשאַפטלייט וואָלטן איין מאָל פאַר אַלע מאָל ניט געזוכט, ניט אויסגעפונען אָט די אַלע מאָרד מיטלען . . .

— מאָרד מיטלען, אַרסעניק, קאַרבאָליק, יאָדאָפאָרם, כלאָראָפאָרם קענען אויך אַוועקהרגענען אַ מענטשן אויב ער זאָל זיך פריי באַנוצן דערמיט, דאָך זיינען די אַלע זאַכן אַ גליק פאַר דער מענטשהייט. שטעל זיך פאָר אַן אָפּעראַציע אָן כלאָראָפאָרם. ניט לאַנג צוריק האָט מען דאָך

געמאַכט אַזוי אָפּעראַציעס. וואָס דער מענטש דאַרף טון איז ניט נוצן עס פריי. דאָס זעלבע מיטן גאז. קיינער דאַרף עס ניט נוצן, קיינער וועט ניט וואַגן דאָס נוצן! קיינער וועט ניט וואגן ארויסרופן אַ מלחמה, ווייסנדיק אַז עס איז דאָ אזא גאז.

— הם . .. הם . . . ניט וואַגן. נו יאָ, אַלע זאָגן אַזוי, נאָבעל האָט אויך אַזוי געדיינקט. ווּעסט נאָך אפשר קריגן דעם נאָבעל פרייז דערפאַר, ניין?

אַ לויה פראָצעסיע האָט זיך אַריינגעריסן, פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די פריילעכע חתונה אויטאָמאָבילן.

— דאָס אַלעס וואָס דו דיינקסט איז נאָר וועגן פרייזן. פרייזן, געלט, דאָס איז ביי דיר אַלעס. איך ארבעט פאַר קיין פרייז. ווען איך זאָל געוועזן אינזינגען האָבן „פרייזן" וואָלט איך געוואָרן אַ זייף פאַברי־קאַנט ווי דער מ׳קדאָנאלד, אָדער אַ פאַרב פאַבריקאַנט ווי ווילליאַמס. איך וויל אָבער דו זאָלסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל וויסן אַז א י ך ארבעט ניט פאַר קיינע פרייזן, פאַר קיין געלט, איך בין אַ וויסנשאַפט מענטש, איך ארבעט פאַר דער וויסנשאַפט. אויסגעפינען זאַכן — דאָס איז דער עיקר. קיין סוד זאָל ניט בלייבן. אַ ל ץ זאָלן מיר וויסן. וואָס מער מיר׳ן וויסן אַלץ בעסער פאַרן מענטשן, פאַר דער מענטש־הייט, כאָטש ביי מיר גופא איז דאָס לעצטע, די בעסערקייט, נאָר אַ ביי־זאַך, ביי מיר איז ניט דאָס טרינקען דער עיקר, נאָר דאָס זיין דור־שטיק . . . זוכן דעם קוואַל, פילנדיק אַז ער איז דאָ, דאָ ניט ווייט. אָבער דאָס ווּעסטו שוין ניט באַגרייפן. איר ווייבער . . .

פּראָפעסאָר סטיוועגס האָט ניט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן ווייבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָפּ זאַכן. האָט ער באַגעגנט אַ מאַן ניט קיין קאָפּ מענטש, האָט ער אים מצרף געווען צו די ווייבער, נעבעך . . . מאדאם סטיוועגס האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, זיך געפילט באַליידיקט פון אַזאַ באַציאונג מצד איר מאַן, דער מאַן — דער קאָפּ, די ווייב בלויז אַ ווייב . . . וואָס לייגער זי האָט אָבער געלעבט מיט אים אַלץ ווינציקער דרך ארץ האָט זי געקראָגן פאַר אים, דעם פּראָ־פעסאָר, דעם קאָפּ מענטש. לעבט אַ מענטש מיטן קאָפּ? האָט מען ליב אַ קינד מיטן קאָפּ? אים האָט זי ליב געהאַט פאַרן „שטיקל האַרץ" אין אים. — אַ האַרציקער מענטש, און האָט גאָט אין האַרצן, — האָט זי ניט איין מאָל געטראַכט וועגן אים, — אָבער דער קאָפּ זיינער הרגעט אים אַוועק. דער קאָפּ דאָס איז דער טייוול. די גאַנצע קאָפּ וויסנשאַפט

אַ טייוולישע. ווי זי האָסט אים פאַר אָט דעם קאָפּ! — איצט, ווען ער האָט גענומען פאָרן רייטנדיק אויף זיין „וויסנשאַפט פערדל" האָט זי אים פיינט געהאַט. — זיך שוין צעלאָזט מיט זיין וויסנשאַפט! — אַ שאַרפער שנאה קוק, אַ שניידנדיקער פאַראכטונג שמייכל איז געווען דער ענטפער אויף זיין „איר ווייבער".

פּראָפעסאָר סטיוועגס איז געבליבן זיצן אויף זיין „וויסנשאַפט פערדל", אָבער שוין מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאַכלעסיקע הענט. מאַדאַם סטיוועגס האָט פארלאָזט דעם צימער. — אַרבעטסט, זוכסט און זוכסט, און אַז דו האָסט שוין געפונען, קומט די ווייב, דער נאָענטסטער מענטש, און . . . דאָס איז די באַלוינונג . . .

די וויסנשאַפט, די „מענטשהייט" האָט דאָך באלוינט פּראָפעסאָר פּאָול מ. סטיוועגס פאַר זיין אַרבעט.

פּראָבע איז געמאַכט געוואָרן אויפן רעגירונגס פעלד. ביי דער פּראָבע זיינען געווען אנוועזנד די פאַרטרעטער פון אַלע אמוניציע פאַב־ריקן, מאַיאָר סטריבלינג, דער אָפיציעלער רעגירונגס כעמיקער, אַנדערע רעגירונגס אָנגעשטעלטע, און אויך פערציק שאָף.

מ'האָט אַ לאָז געטון אַ כוואַליע פון דעם נייעם גאז, און פון די פערציק שאָף זיינען זעקס און דרייסיק געפאַלן טויט גלייך, פון דעם גאז, פיר זיינען דערהרגעט געוואָרן שלאָגנדיק זיך קאָפּ אָן וואַנט — זוכנדיק אַ וועג ווי זיך ארויסצורייסן, האָבן זיי מיט די קעפּ זיך געקלאַפּט אָן וואַנט און צעשמעטערט דעם מאַרך.

די פאַרטרעטער פון די אמוניציע פאַבריקאַנטן, מיטן הסכם פון דער רעגירונג, האָבן אַ נאָמען געגעבן דעם גאז „סטיוועגסייט", נאָכן נאָמען פונם דערפינדער.

אַ צווייטער טייל פון דער מענטשהייט, די סאָלדאַטן פון דער וועלט מלחמה פון 1914, האָבן אַ נאָמען געגעבן דעם גאַז „טויטן טוי".

און דער פּראָפעסאָר זיצט נאָך עד היום על התורה ועל העבודה, און זיין „לערע" שפּרייט זיך איבער די פעלדער ווי טוי, ווי אין פּסוק שטייט: תזל כטל אמרתי.

ד אָ ס ר ע נ ד ל

דרייען זיינען זיי געזעסן, געעסן און גערעדט . . . דברי תורה.

— איך וויל אָנשרייבן די טראַגעדיע פון אונדזער צייט. אַ צייט פון גרויסע געשעענישן און קליינע מענטשן; אַ צייט פון וויסנשאַפט־לעכער עליה און מאָראַלישער ירידה; אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז אויף דער וואָגשאָל, טאַקע היום הרת עולם. דריי אַקטן. אָנדער־האַלבן, העכסטנס צוויי שעה, אָבער אין דער קורצער צייט זאָל דער צושויער דערפילן אַז עס איז עק וועלט. צי וועט זיך געפינען אַ דירעקטאָר וואָס זאָל וועלן אויפפירן אַזאַ דראַמע בין איך ניט אַזוי זיכער.

— און איך וויל אָנשרייבן ד ע ם יידישן ראָמאַן. אַ ראָמאַן, וואָס אַז מ׳וועט אים איבערלייענען זאָל מען קענען זאָגן: דאָס איז דער ייד! ניט קיין „שטריימל, ציצית, קאַפּאָטקעלעך און פּיאהלעך״, ניט קיין צדיק, אַ מענטש מיט אַלע זיינע עליות און ירידות, זיינע אַנטוישונגען און האָפענונגען, פאַרצווייפלונג און בטחון, דער אַלטער יידישער בטחון, יידיש און אַזוי מענטשלעך, מענטשלעך און אַזוי יידיש, מ׳זאָל דערזען ד ע ם יידן.

— און איך וויל אָנשרייבן אַן אוניווערסאַל ליד. אַ ליד, וואָס זאָל זיין גוט פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן, אויב איר ווילט, אפילו פאַרן נעכטן; אַ ליד פאַרן ייד, טערק אָדער טאָטער, פאַרן מענטשן פון דער גאָרער וועלט; עס זאָל אויסדריקן דאָס קערנדיקסטע, דאָס מענטש־לעכסטע, אַן אוניווערסאַל ליד.

און ווען די דריי האָבן זיך אויפגעהייבן פון טיש איז ווי זיי וואָלטן אָפּגעגאַנגען פון אַ מזבח, און עס האָט גערוט אויף זיי די שכינה. אין דרויסן איז געווען פינסטער חושך, אָבער זייער וועג איז באַלויכטן געוואָרן מזיו השכינה. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו זייערע שכונות האָט די שכינה זיך אָפּגעטון . . .

לייזער עפּשטיין, דער דראַמאַטורג, האָט געזען ביי אים אין שטוב לויכט זיך, האָט ער שוין געוואוסט — זיין ווייב וואַרט אויף אים, און ניט צו זאָגן אים גוט מאָרגן . . . (עס איז שוין געווען נאָך צוועלף).

און כך הוה. ער האָט ניט באַוויזן אַרויסזאָגן אַ וואָרט, איז זי שוין אָנגעפאַלן אויף אים.

ניט קיין נייס פאַר אים, אָבער אויף אַזאַ אופן! אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכנט. ממש אַ שטורעם. וואָס האָט ער געקענט טון? ער האָט געפּרוּווט אַריינשטעלן אַ וואָרט: מיט וועמען זיך געשלייעט, וואָס געשלייעט? אין קאָפּע איז ער געזעסן גערעדט . . . עס האָט ניט געהאָלפן. איז חבֿי כמעט רגע עד יעבֿור זעם, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ, געשוויגן, ביז ער האָט דערהערט: איך האָב דיך אין דר׳ערד, מיט דיין קאָפּע, מיט דיין שרייבן, מיט אַלץ מיטאַנאַנדער. און ער האָט דערזען ווי זי האָט זיך אַ הייב געטון, אַ לאָף געטון צום שלאָף צימער, און דער קלאַפּ פון דער פאַרהאַקטער טיר האָט אים געלעכערט דעם קאָפּ. ער איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין אַרבעט צימער, זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער קושעטקע דאָרט.

קסאַנטיפּע. סאָקראַטעס קומט פון מאַרק, וואו ער האָט געפירט זיינע שמועסן און קסאַנטיפּע איז אים מקבל פנים. — ער איז דאָך שוין דאָ! געקומען עסן! ברייַנגען אַ דראַכמע דער ווייב, דאָס ניט, עסן איז ער דאָ. נאָ, עס! און זי גיסט אים אָפּ מיט אַ שיסל שמוציקער וואַסער. ווישט סאָקראַטעס אָפּ דעם פנים. — וואַסער דערפרישט. האָסט מיך דערפרישט, מיין ווייב, איך פיל ממש ווי די מחשבות שפּרודלען ביי מיר אין מוח, איך וועל גאָר אַרויסגיין, אַרויסברייַנגען מיינע גע־דאַנקען פאַר נאָך מענטשן, זיי אַרויפלייגן אויף דער וואָגשאָל מיט אַנדערע געדאַנקען, זען אויב זיי ציען אַריבער, זיינען געוויכטיקער, שענער, אמתדיקער.

— גיי! ווער האַלט דיך? גיי דיר צון אַלדי שוואַרצע יאָר, אַבי איך זאָל ניט אָנקוקן דיין מיאוסן פנים.

און סאָקראַטעס, דער „מיאוסער סאָקראַטעס״ איז ווידער געגאַנגען אין מאַרק אַרייַן, אַזוי טאָג איין טאָג אויס.

לייזער עפּשטיין האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ. סאָקראַטעס? וואָס איז אים פּלוצלונג איינגעפאַלן? ער איז ניט . . . סאָקראַטעס. איז נ י ט סאָקראַטעס. און אברהם? וואָס די שרה האָט אים געמוזט דערגיין די יאָר ביז ער האָט סוף כל סוף אַרויסגעטריבן הגרן. און נאָך פאַר אברהמען. אדם. וויפל מאָל האָט ער עס געמוזט שרייען אויף חוהן — גיי ניט צו דעם בוים, זאָגט מען דיר! און עס האָט אים גע־האָלפן ווי באַהאַלטן דאָס פלעשל פאַרן שכור. די טראַגעדיע פון אונדזער

צייט ווילסטו שרייבן? דאָ איז די טראַגעדיע פון אַ ל ע צייטן, פון אדם הראשון ביז אדם האחרון.

פון איר שלאָף צימער האָט זיך ניט געהערט קיין קלאַנג און אין זיין צימער האָבן די שפּרינגעס פון דער אַלטער קושעטקע הייזעריק געקוויטשעט: אַ מכה וועסטו ביי אונדז שלאָפן. גיי! גיי דיר צו דיין ווייב! זי איז דען ניט גערעכט? יאָ, ער האָט שוין דאָס אויך געטראַכט, אָבער גיין צו איר וועט ער ניט, ניט היינט. היינט . . . היינט . . .

פינעבאַרביטאַל, סעקאָנאַל, לומינאַל, אמיטאַל, קאַרביטאַל — פּלע־שעלעך, פידעלעך מיט שליסעלעך צו פאַרשליסן דעם מוח, ניט טראַכטן, שלאָפן. שלאָפן! מאָרגן אַ קאָפּ ווייטיק? זען מאָרגן. איצטער — שלאָף!

הערשל מאַרגאָליס האָט ניט אָנגעצונדן קיין ליכט ווען ער איז געקומען אַהיים: ליכט שטערט. אין דער פינסטער קען ער בעסער קאָנצענטרירן זיין געדאַנק. זיין העלד, ד ע ר ייד דאַרף דורכגיין אַ היפּש ביסל מדורי גיהנום, מ׳דאַרף אָנצייכענען די עטאַפּן, קלימאַקס, אַנטיקלימאַקס, אָבער דאָס איז שפּעטער, די פראַגע איז — וואו הייבט מען אָן? כל התחלות קשות. אַלע מאָל די זעלבע צרה. כאָטש הייב אָן פון . . . אדמען. פון וויגעלע ביזן קבר . . . אַלט, באַנאַל. אפשר גאָר אַריינשפּרינגען אינמיטן?

האַ? ווער רעדט עס? ביי אים אין שטוב? גנבים? קען ניט זיין. גנבים ריידן? ער האָט שיר נישט אַ רוף געטון: חנה! זיך גע־כאַפּט זיין ווייב איז אַוועקגעפאָרן, שוין אַ וואָך צייט אַז זי איז ניטאָ, ער איז אייגער אַליין אין הויז, און עמיצער רעדט פאָרט. וואַרט! זיך צוהערן . . .

„סאָ ווהאַט דו יו וואַנט מי טו דו?" — אַ ווייבערישע, ווייכע־דיקע, כעסיקע שטימע.

„אַי וואָנטשיו טו בי אַ מ ע נ ט ש!"

אַה! דאָס איז דאָך דאָס פּאָר פאַלק, די שכנים פון יענער זייט וואַנט. איצטער אָ האָבן זיי אויסגעקליבן זיך צו קריגן, און „אַי וואָנטשיו טו בי אַ מענטש!" נו יאָ, זי איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, ער אַן אַריבערגעקומענער, ניט אַזאַ גוואַלדיקער ענגלישמאַן. וואָרט נאָר, און ווי וואָלט אַן ענגלענדער מבטן ומלידה געזאָגט: זיי אַ מענטש? ער וואָלט טאַקע ניט געזאָגט. ער קען ניט זאָגן! ניטאָ קיין „מענטש" אין ענגליש. אַזאַ רייכע שפּראַך און קיין „מענטש" איז ניטאָ. קאָמיש.

„בי אַ מען״, זאָגן דאָס צו אַ . . . פרוי. און אַז אין דייטש איז יאָ דאָ „מענטש״, זאָגט ער „זיי אַ מענטש״? אפילו אין העברעאיש: היה איש, היה אנוש, היה אדם, היה גבר. ניט דאָס. ער איז ניט קיין פילאָלאָג, אָבער אים דוכט אַז נאָר אין יידיש קען מען זאָגן „זיי אַ מענטש״, אפילו „אַי וואָנטשיו טו בי אַ מענטש״ און עס זאָל האָבן אַ טעם. אפשר באַשטייט טאַקע די גאַנצע יידישקייט אין . . . זיין אַ מענטש, און דאָס איבעריקע „גיי און דרש'ע״? יאָ, וואָס איז מיטן פּאָרל? שאַ, שטיל. האָט זי איינגעשטימט צו זיין אַ מענטש? . . .

דאָס פּאָרל, יידיש, יידישקייט, מענטש — אָפּגעריסענע וואָלקנדלעך ציען זיך, קומען זיך צוזאַמען, צעררייסן זיך, קומען זיך ווידער צוזאַמען, הורבען זיך איינער אויפן צווייטן, אַ געדיכטער וואָלקן, די זון טוט אַ שטעך דורך — „אַי וואָנטשיו טו בי אַ מענטש״ און פאַרשווינדט. מיט אַ שמייכל אויפן פּנים איז ער איינגעשלאָפן.

די ליכט האָט אַ שטאָך געטון שלמה לולבן אין די אויגן, די פּוסטע שטילקייט — ניט געזען דעם באַלעבאָס אָדער באַלעבאָסטע — האָט געשריען: היט זיך! דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק . . . די געוואוינהייט זיך אַ ר י י נ כ אַ פּ ן צו זיך אין צימער האָט גובר געווען, האָט ער אויך איצט זיך אַריינגעכאַפּט, דער פינגער האָט נערוועז אַ קוועטש געטון דאָס ליכט קנעפּל. ער האָט אַ בליק געטון איבערן צימער. בעטל, שטול, טיש — אַלץ ווי געווען, די ווענט, נו יאָ, ווענט, מער ניט, די וואַנט, די מחיצה צווישן זיין צימער און דעם שלאָף צימער פון זיינע באַלעבאַטים, אַ יונג פּאָר פאָלק, האָט ניט נאָר געשוויגן, נאָר עפּעס געוואָרנט: זיי שטיל! דאָרטן . . .

פון דאָרטן האָט זיך דערטראָגן: מיינע ציין! אוי, מיינע ציין! מיינע צ י י — ן! ער האָט ניט נאָר געהערט די „ציי—ן״, ער האָט ממש געזען ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעריסן דורך פאַרקלעמטע ציין. וואָס טוט זיך דאָ? זי רייסט זיך אויף די ציין? און ער? וואו איז ער? אפשר אַריינגיין, זען, אַ פרעג טון, אפשר עפּעס העלפן? עמיצער אַריינגעקומען. ער מסתם. אַ פּאָרעניש אין צימער, אַ שאַרעניש. זיי גייען ביידע. — דיינקסט וועסט עס מאַכן?

אָט דער „דיינקסט וועסט עס מאַכן?״ האָט אים אַ גרילץ געטון אין אויער. דאָס ריידן זיי יידיש. פאַרוואָרימען די שפּראַך. ער איז אין כעס געווען אויפן פּאָר פאָלק, זיך געחידושט וואוהין זיינען זיי דאָס געגאַנגען, אַזוי שפּעט צון אַ דענטיסט? וואָס גייט עס אים אָן?

שלמה לולבן איז ניט אָנגעגאַנגען וואָס ביי זיינע באַלעבאַטים האָט זיך געטון, וואוהין זיינען זיי דאָס אַזוי שפּעט אַוועקגעגאַנגען, אָבער אַוועקזעצן זיך ביים טיש, פאַרצייכענען עפּעס האָט ער ניט געקענט. זיך לייגן. ניט איין מאָל האָט שוין געטראָפן ער איז געזעסן ביים טיש, אָדער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, זיך געמאַטערט איבער אַ שורה, אַ וואָרט, אַ מידער אַוועקגעפאַלן שלאָפן און אין שלאָף איז געקומען דאָס וואָרט, די שורה, אַמאָל דאָס גאַנצע ליד.

דער שלאָף, דאָס ליד איז ניט געקומען. שטיל. שלמה לולב האָט ליב געהאַט די שטילקייט פון דער שפּעטער נאַכט, ער האָט געקענט פילן, הערן און אפילו זען פאַרשידענע שטילקייטן. איצטער — אַ שווערע, מויז־גרויע שטילקייט, וואָס ווערט דורכגעבליצט מיט אַ „מיינע ציי—ן" . . . און פאַרציט זיך ווידער, וואַרפט אָן אַן אימה. מאַכן ליכטיק. ער האָט אָבער מורא געהאַט אויך דאָס צו טון. וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר? ווי שפּעט קען עס שוין זיין? אַ קורצער, אָפּגעריסענער קלונג האָט דורכגעשטאָכן די שטילקייט, איבערגעריסן לולבס אַנגסטיקע מחשבות. ער איז שיר ניט אויפגעשפּרונגען פון בעטל, געמאַכט ליכטיק, ציענדיק דעם כאַלאַט אויף זיך, אַ פרעג געטון: — ווער איז דאָרט?

— איך אויפגעוועקט? איר'ט מיר אַנטשולדיקן. אין איילעניש, פון „עקסייטמענט" פאַרגעסן דעם שליסל. איך . . . מיר קומט אַ מזל טוב. אַ יינגל!

לולב האָט אַן עפן געטון דאָס מויל. — אָה! — האָט זיך אַרויסגע־ריסן און ערשט נאָכדעם איז אַרויסגעפאַלן: מזל טוב! מזל טוב!

— מיט מזל זאָלט איר לעבן. — מר. שטיינבערג האָט אַ וויש געטון דעם פּנים, אָפּגעווישט די מידקייט און דער פּנים האָט אויפ־געשיינט. — דאָס קום איך איצט פון שפּיטאָל.

— געהערט, — האָט לולב גענומען שטאַמלען, — געמיינט . . . ציין . . .

אויף שטיינבערגס פּנים האט אויפגעבלישטשעט א שמייכל. — דאס איז זי געגאנגען צוקינד. די ווייען האבן מיט אמאל זי אנגעכאפּט. קוים באוויזן קריגן א טעקסי. געמיינט ס'עט זיין צו שפּעט. פינף מינוט נאָכן קומען אין שפּיטאָל האָט זי געהאַט דאָס קינד. אַ בחורעץ! זיבן פונט מיט צוויי אונצעס.

פיין! פיין!

שטיינבערגס פּנים, זיין שמייכל — וואָס ווייסט—ו? — ווי שפּעט איז

עס? נאָך דריי? ניט אומזיסט אַזוי מיד, אָבער איך יאָך איך, איר . . . ווייסט איר גאָר וואָס, אַז איר שלאָפֿט שוין סיי ווי ניט, לאָמיר נעמען צו קאָפּעלעך. לחיים, פֿאַר אים. יאָ, האָ?

לולב האָט ניט געזאָגט יאָ, אָ קנאָפּע טרינקער, און איצטער אָ, אַזוי שפּעט, אָבער גיי זאָג ניין. שטיינבערג האָט שוין דערלאַנגט אָ פלעשל וויין, צווי גלעזלעך. — לחיים! לחיים פֿאַר . . . דודלען. אַזוי וועט ער הייסן. נאָך מיין טאַטן. געוואָרן אָ טאַטע . . . — האָט שטיינבערג אַרויסגעזאָגט פּאַרטראַכט, און אין אָט דער פּאַרטראַכטקייט האָט לולב דערשפּירט עפּעס אָ דורותדיקע טראַכטעניש. אָט איז דיין אוניווערסאַל ליד, האָט אים אָ קלאַפּ געטון. מר. שטיינבערג איז מיט אַמאָל אים געוואָרן אַזוי נאָענט.

— איז ווי פילט זיך עפּעס זיין אָ טאַטע?

— איר ווייסט, איר ווייסט, — האָט מר. שטיינבערג ווי געטאַפּט אַ וועג, — עפּעס אָ מאָדנער געפיל. איך קען עס אייך ניט איבערגעבן. עפּעס אינגאַנצן אַן אַנדער מענטש. ווי זאָל איך אייך זאָגן, מיט אַמאָל נתעשר געוואָרן. שוין לאַנג געוואָלט האָבן אָ קינד, אָבער, איר ווייסט׳אָך, היינטיקע צייטן, אָ קינד מיינט אָ גוואַלדיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, און טאַקע אָ הוצאה אויך, אָפּגעצויגן, אָפּגעצויגן, איצטער, כל הון דעלמא איז גאָרנישט קעגן דעם. וועט אפשר זיין שווער, אָבער מ׳עט זיך אַן עצה געבן.

— גאָרניט אַזוי שווער. אַמאָליקע יידן האָבן געהאַט צו צוועלף קינדער און, איר ווייסט׳אָך ווי דאָס ווערטל איז געגאַנגען: נאָך אָ קינד, נאָך אָ לעפל.

— יאָ, דאָס ווייס איך, אָבער היינט איז ניט אַמאָליקע יאָרן. ס׳איז ניט נאָר נאָך אָ לעפל. קודם מיינט עס נאָך אָ צימער. פֿאַרנדיק פון שפּיטאָל שוין געטראַכט וועגן דעם. אָ בעטעלע האָבן מיר שוין, אָבער האַלטן עס ביי זיך אין צימער קען מען ניט, אַלע זאָגן — אָ קינד דאַרף שלאָפן אין אָ צימער פֿאַר זיך. געטראַכט — אָ רעד טון מיט אייך. כ׳מיין איר דאַרפֿט זיך ניט איילן. אָ טאָג, צוויי, צי אפילו אָ וואָך מאַכט ניט אויס, ניט געפּערלעך, אָבער דעם צימער וועלן מיר דאַרפן, כאָטש איין גאָט ווייסט, אייער דירה געלט וועט מיר אויספעלן, נאָר גאָרניט, ווי זאָגט מען עס, גאָט וועט העלפן. נאָך אָ גלעזעלע?

— ניין, אַ דאַנק! — האָט לולב שאַרף אָ זאָג געטון, אָ דריי געטון

דעם קאָפּ צום זייגער איבערן אויוון. וואָס טוט ער דאָ אַזוי שפּעט? וואָס האָט ער צו טון מיט אָט דעם מיסטער שטיינבערג?

— שוין טאַקע שפּעט, — האָט שטיינבערג אויפגעכאַפּט לולבס קוק. — צייט זיך צושפּאַרן אַ ביסל. דאַרף שוין באַלד גיין צו דער אַרבעט. וואָלט געמאַכט יום טוב, אָבער קען זיך עס פּשוט ניט פאַרגינען. ניט איצטער . . . איז אַ גוטע נאַכט. און מכוחן צימער, איר דאַרפט זיך ניט איילן, אַרויסזעצן אין גאַס וועלן מיר אייך ניט, וועט זיך אייך מאַכן עפּעס ביים דרך . . .

— יאָ, יאָ. אַ גוטע נאַכט.

די נאַכט איז ניט געווען קיין גוטע פאַר לולבן. גיין צו קינד מיט . . . ציין וויטיק; ווערן אַ טאַטע; פאַטערשאַפט, קינדער און . . . זוכן אַ צימער. ד אָ ס איז פּאָסקודנע. דאָ, זיך שוין איינגעלעבט, אָבער היינטיקע צייטן . . . ער האָט פיינט געקראָגן די היינטיקע צייטן, דאָס נפשל פון היינטיקער נאַכט, וואָס באַרויבט אים פון זיין מקום מנוחה. און די פאָטערשאַפט, די אוניווערסאַלקייט . . . ? וואָס, וואָס, היינט וועט ער שוין דאָס אוניווערסאַל ליד ניט אָנשרייבן. ער איז איינגעשלאָפן מיטן טאָג, אויפגעשטאַנען מיטיק צייט אַ צעקנייטשטער און, געקומען אין קאַפעטעריא עסן אָנבייסן, געטראָפן דאָרטן זיינע צוויי פריינט, האָט ער אויף זייערע פנימער געזען אַז עפּשטיין האָט די נאַכט ניט אָנגע־שריבן זיין טראַגעדיע פון אונדזער צייט, מאַרגאָליס האָט אויך נישט אָנגעשריבן זיין יידישן ראָמאַן.

דרייען זיינען זיי געזעסן, געעסן, קיין דברי תורה האָבן זיך ניט גערעדט, דער טיש וויט פון אַ מזבח, דאָס עסן — פּאַדלע, דער געמיט — פּאַדלע.

— אפשר אַריינגיין זען אַ בילד? אין דער „טיוואָלי" וויזט מען . . .

אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער, האָט שלמה לולב דער ערשטער אַ געגעצ געטון. מיט דער האַנט ביים מויל, האָט ער אַ בליק געטון צו זיינע פריינט, דערזען זיי געגעצן, האָט אַ שמייכל זיך באַוויזן ביי אַלע דריי — איינשטימיקע רעצענזיע . . .

— מוז טרינקען אַ טעפּל קאַווע, — האָט עפּשטיין אַ זאָג געטון, און אַלע דריי זיינען אַריין אין דעם נאָענטסטן „קאַפי שאָפּ".

נאָכן ערשטן זופּ קאַווע האָט לייזער עפּשטיין אַ זאָג געטון — אַ גוטער אַקטיאָר, שפּילט אויסגעצייכנט.

— יאָ, אַן אַקטיאָר אַ גוטער, אָבער וואָס קומט אַרויס? נזם זהב

באף חזיר; פשוט אַ פאַרדראָס צו זען אַזוי פיל טאַלאַנט אַרויסגעוואָרפן אויף דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס, קוואַטש!

— איר מאַכט אַ טעות.

— אייך געפעלט דאָס בילד?

— דער פּראָדוצירער פון דעם בילד האָט מיך ניט געפרעגט די פראַגע, און ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט, דעם טעות מאַכן מיר. גוטע קאַווע. נעמען נאָך אַ טעפל. איר? מיר גייען דאָס אַרום מיטן געדאַנק אַז מיר זיינען וואָרט קינסטלער, וואָרט זאָגער, מיר פירן שיר ניט די וועלט; מיר ווילן אָנשרייבן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל מרעיש עולם זיין, זאָגן דאָס וויכטיקסטע, דאָס שענסטע וואָרט, דאָס וואָרט אַ שם המפורש מיט וועלכן מיר וועלן קענען אַריינקומען אין דער פמליא של מעלה, ווערן אומשטערבלעך. וואָס קען זיין ווינציקער? דער פּראָדוצירער פון דעם בילד ווייסט בעסער: דעם עולם דאַרף מען אַמוזירן! שרייבער, שפּילער — קאָמעדיאַנשטשיקעס, פּורים שפּילער, פריילעך מאַכער, וכל המרבה, דער וואָס קען די מלאכה אַמבעסטן הרי זה משובח, איז אים וואויל ווי די וועלט. איר זאָגט — קוואַטש, אָבער דער עולם האָט זיך גאַנץ פיין אַמוזירט.

— מילא נו, אַמוזירן קען מען זיך אויך מיט אַ פיינער קאָמעדיע, ניט מיט אַזעלכע ביליקע שטיק.

— אַזוי? אַ פיינע קאָמעדיע? האָט איר אַמאָל אַ טראַכט געטון וויפל פיינע, איך מיין קינסטלערישע, קאָמעדיעס זיינען דאָ אין דער וועלט ליטעראַטור? איר הערט? אין דער גאַנצער וועלט ליטעראַטור, אָבער טאַקע אין דער גאַנצער וועלט ליטעראַטור, וועט איר אפשר געפינען אַ טוצן גוטע קאָמעדיעס. יאָ יאָ, ניט מער. און עס איז נאָך אַ פראַגע צי אָט די קאָמעדיעס וואָלטן אַזוי אַמוזירט דעם עולם היינט. אפילו אַ קאָמעדיע דאַרף ער ניט, ער דאַרף פּיסלעך, נאַקעטע ליטקעס און פאַרשלייערטע וויצן, דאָס וואָס ער דאַרף.

— מאָלט'יך, נאָך דאָ אַן עולם וואָס גייט זען שעקספּירס אַ פּיעסע אויך.

עפּשטיין האָט אַ קוק געטון אויף לולבן אָט ווי ער וואָלט נאָר וואָס דערזען אַ באַשעפעניש פון שטערן מאַרס, אָדער גאָר אַ פּרעהיסטאָרישע חיה. — שעקספּיר?! מיין טייערער פריינט, אייער שעקספּיר איז טויט ווי פּרעה מלך מצרים.

— גאָר אַזוי? איר זייט דער ערשטער מיר אָנזאָגן וועגן זיין פּטירה. איך זע יאַקאָבי אַז מ'פירט אויף זיינע פּיעסן, מ'לייענט זיינע סאָנעטן,

און ניט נאָר מע לייענט, מע שטודירט, וואָס דאַרפט איר מער, מע שרייבט נאָך ביכער וועגן אים.

— און מיט דעם אַלעמען איז ער טויט ווי פּרעה מלך מצרים. די פּרעהס האָבן איבערגעלאָזט פּיראַמידן, פון די ביכער איבער שעקספּירן קען מען שוין אויך אויפשטעלן פּיראַמידן, אָבער טאַקע אונטער די פּיראַמידן ליגט ער באַגראָבן, טויט ווי פּרעה.

— זאָלט איר מיר מוחל זיין, דאָס איז סתם גערעדט. שעקספּיר טויט. אַזאַ טויט אויף אַלע שרייבער געזאָגט געוואָרן. וואָס קוקט איר מיך אָן? אָט ווי איר זעט האַלט איך נאָך ניט ביים שטאַרבן, און איך זאָג אייך: ווען איך וויס אַז אין דריי הונדערט יאָר אַרום וועלן זיך געפינען דריי מענטשן, איר הערט, ניט מער ווי דריי מענטשן, וואָס וועלן נעמען מיינס אַ בוך אין האַנט, לייענען, שטודירן מיינע לידער, בין איך גרייט צו שטאַרבן מאָרגן, מיט דער גוואַלדיקער צופרידנקייט אַז איך האָב ניט אומזיסט געלעבט אויף דער וועלט. שעקספּיר טויט!

דער עפּשטיין — אַ טאַלאַנטירטער מענטש, מ׳קען ניט זאָגן, אָבער עפּעס אַ צו להכעיסניק, רעדט אַלע מאָל קאַפּידרעך, און היינט, ווייזט אויס, זיך ווידער צעקריגט מיט דער וויב . . .

עפּשטיין האָט שוין געהאַט אַריינגעשטעקט אַ ציגאַרעט אין זיין לאַנגן ציגאַר שפּיצל וואָס האָט געסטאַרטשעט אויף אַרויף, אויך איין אויג זיינס איז געווען פאַרריסן, און זיינע רייד אויך פאַרריסן: רב שלמה! ווי איך זע האָט איר שטאַרק מורא פאַרן טויט. אַלע האָבן מורא. דער פרומער ייד האָט געלערנט תורה, געהאָפּט אַז אם ירצה השם איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט ער קומען אין גן עדן און דאָרטן וועט ער ערשט לערנען די זעלבע תורה טאַקע מיט משה רבנו אַליין. דאָס האָט ביי אים צוגענומען אַ ביסל די מורא פאַרן טויט. איר חלומט ניט וועגן גן עדן העליון מיט תורת משה, חלומט איר וועגן אַ גן עדן התחתון, וואָס אם ירצה השם איבער דריי הונדערט יאָר וועלן דריי יידן זיצן און מעיין זיין אין תורת שלמה. נישט קיין שלעכטער חלום. אָבער אַ חלום. כעשן יעוף, — האָט ער אַ בלאָז געטון דעם רויך. — מיר שטאַרבן א י ב ג אַ ב צ ן . וואָס עס בלייבט פון אונדז איז אַ ביסל מיסט, איין דור מיסט פאַר אַ צווייטן. שעקספּיר. מ׳לייענט, מע שטודירט. נו יאָ. האָט איר אַמאָל אַ טראַכט געטון אַז הונדערטער יאָרן האָבן יידן שטודירט . . . זבחים? וואָס דאַרפט איר מער, איזהו מקומן של זבחים איז געוואָרן אַ „תפילה”, און

ווייסט איר פאַרוואָס? עס איז קאַנאָניזירט געוואָרן. און מיט שעקס־פּירן אויך דאָס זעלבע — קאַנאָן, און, אין זיין פאַל, ניט נאָר אַ גייסטיקער קאַנאָן, די ענגלישע אימפּעריע!

— זאָל זיין קאַנאָן. עס דאַרף דאָך אָבער זיין וועמען, וואָס צו קאַנאָניזירן.

— דאָס איינציקע וואָס ער האָט באמת פאַרמאָגט איז שפּראַך. זיין סיפור המעשה, אָפּגערעדט דערפון וואָס אַ העלפט, צי מער, האָט ער געגנבעט — דער גרעסטער פּלאַגיאַטאָר וואָס האָט וועו עס איז געלעבט — איז ניט אַזוי גוואַלדיק אינטערעסאַנט. היינטיקע שרייבער קענען אים אויסטרייסלען פון אַרבל. פון בינע קענטעניש איז אָפּגערעדט, נאָר אפילו מיט כאַראַקטער צייכענונג האָט ער זיך ניט אויסגעצייכנט אַזוי שטאַרק. נו יאָ, אַ ייד אַ טפּש דאַרף קריגן זיין דאָקטאָראַט, זעצט ער זיך אַנידער און שרייבט אָן אַ בוך, וואו ער באַווייזט מיט אותות ומופתים אַז „שיילאָק" איז אַ געניאַלע . . . טראַגעדיע. והא ראיה — דער באַרימטער מאָנאָלאָג. אַי, שעקספּיר האָט עס בפירוש באַצייכנט קאָמעדיע, ער האָט געמאַכט דעם יידן וואָס מער פּאַטעטיש כדי ער זאָל נאָכדעם זיין מער קאָמיש, דאָס איז גאָרניט. און אַן אַנטיסעמיט? הס מלהזכיר! ערשטנס, האָט ער גאָר קיין יידן ניט געקענט, און צווייטנס, עס איז נאָך ניט געווען דאָס וואָרט אַנטיסעמיט, טאָ ווי האָט ער עס געקענט זיין? דאָ האָט איר עס. די גאַנצע מעשה, חוץ וואָס זי איז געגנבעט, איז זי אַזוי נאַריש, אַז קיין טעאַטער וואָלט זי ניט געוואַגט אויפפירן, אָבער דאָס איז דאָך שעקספּיר! ווערט פון אַ געגנבעט מעשן קנעפּל אַ גאָלדן רענדל. און ער האָט אַ היפּש ביסל מעשענע קנעפּלעך. דאָס גאָלד איז אין זיין שפּראַך, דאָרט איז ער געווען קייסער. שוין אַמאָל אַ טראַכט געטון: שעקספּיר און . . . שלום עליכם, ביידע געניאַל וואָס איז שייך שפּראַך, אָבער נעמט ביי זיי צו די שפּראַך, וואָס בלייבט? — עפּשטיין האָט אַ קנאַק געטון מיטן גראָבן און מיטעלן פינגער — גאָרנישט! — אַ זייל־עכל אַש איז אַרונטערגעפאַלן פון ציגאַר שפּיצל, אים צוגעהאָלפן מאַכן פון שעקספּירן עפר ואפר.

— אַז מ'רעדט שוין וועגן שפּראַך, שעקספּיר, הערט אַ שיינע מעשה, — האָט זיך אָנגערופן מאַרגאַליס, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן. — נעכטן האָב איך געהערט מאַן און ווייב זיך קריגן און דער מאַן האָט געהאַלטן אין איין טענהן „אַי וואָנטשיו טו בי אַ מ ע נ ט ש"! אין

דער גאַנצער רייכער ענגלישער שפּראַך איז ניטאָ דאָס וואָרט מענטש. מאָדנע, ניין?

— עס איז טשיקאַווע, אָבער אַזעלכע טשיקאַוועסן געפינט מען אין אַלע שפּראַכן. דער ענגלענדער האָט ניט קיין „מענטש” דערפאַר האָט ער דעם „זשענטלמאַן”. ניט קיין שלעכטע שפּראַך, די ענגלישע, און שעקספּיר האָט, ס׳אַסברה געקענט ענגליש, אָבער אפילו זיין ענגליש שטאַרבט. איך מיין, ניט אין בוך, אויף דער בינע, אין לעבן. פאַרגעסט ניט, חברה, מיר לעבן היינט אַ סך שנעלער, און שטאַרבן אויך שנעלער און . . . גרינגטלעכער. אַ שנעל לעבן, — האָט עפּשטיין פאַמעלעך אַרויסגעזאָגט, — און אין אַ שנעל לעבן איז ניטאָ קיין צייט פילאָזאָפירן, מעדיטירן, עס איז חטוף ואכול . . . נעכטן האָבן מיר גערעדט: איך וויל אָנשרייבן די טראַגעדיע פון אונדזער צייט, איר דעם יידישן ראָמאַן, איר די אוניווערסאַלע פּאָעמע. אַ טעות. איך דאַרף שרייבן סצענאַריאס פאַר די מואוויס; איר — זאַכן פאַר טעלעוויזיע, און איר ליריקס פאַר דער ראַדיאָ. קוקט ניט אַזוי אויף מיר. מיר׳ן עס סיי ווי ניט טון. שוין געטראַכט: ניט מיר שרייבן וואָס מ׳דאַרף, עולם הזה מיין איך, ניט מיר שרייבן אפילו וואָס מיר ווילן, פאַר עולם הבא, אַזוי צו זאָגן, מיר שרייבן וואָס עס שרייבט זיך. און פאַרוואָס דאָס שרייבט זיך יאָ, און אַן אַנדער זאַך ניט, אסור מיר אויב איך ווייס. ווייסט איר? נו יאָ, איר אויך ניט. טאָ לאָמיר גיין אַהיים, עפּעס שרייבן. גענוג צייט געפּטרט. שוין געקענט געווען אָנשרייבן אַ . . . טשעק. באַזונדער! — האָט ער שאַרף אַ זאָג געטון דער סאַרווערן און שיר ניט צוגעכאַפּט זיין „טשעק”.

אויפן טישל, אַ פּשוט טישל פון אַ קאַפע, דריי מטבעות פאַר דער סאַרווערן, קיינע שיריים פון דברי תורה, די שכינה האָט ניט באַגלייט די שרייבער אויף זייער וועג אַהיים . . .

. . . אַ דריי־עק. פאַר אַ באָווינע אַ דראַמע מיט אַ ער, אַ זי און אַ דריטע. די דריטע קען אויך האָבן אַ געזעצלעכן מאַן, הייסט עס, שוין צוויי דריי־עקן; צוגעבן יענעם מאַן אויך אַ געליבטע און איר אויך אַ געזעצלעכן מאַן, ווערט עס שוין פיר דריי־עקן; פיר דריי־עקן אין איין צירקל. אַזוי קען טאַקע הייסן די דראַמע. קען אַרויסקומען אַ גאַנץ פיינער פלאָנטער. ווען באַקאַליאַר קויפט עס ביי אים, עס גייט . . . נו, כאָטש אַ זעכצן וואָכן, ער וואָלט אפשר אַוועקגעשיקט שרהן אויפן ווינטער קיין פלאָרידא, ער וואָלט . . . אפשר אָנגעשריבן די טראַגעדיע . . .

. . . „אַי וואָנטשיו טו בי אַ מענטש״. אָנשרייבן אַ דערציילונג. אַ דערציילונג, וואו ער זאָל גאָרניט דערציילן, בלויז לאָזן דאָס פּאָר פּאָלק זיך קריגן. פונם דיאַלאָג זאָלן אויסוואַקסן די מענטשן. ווי האָט ער געזאָגט: שלום עליכם אָן שפּראַך איז גאָרניט, אָבער מ י ט דער שפּראַך! ער׳ט אויך לאָזן די שפּראַך אַרבעטן פאַר אים, אפילו דעם „אַי וואָנטשיו טו בי אַ מענטש״ וועט ער לאָזן. קען אַרויסקומען אַ גאַנץ פיינע זאַך. דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט זיין יידישן ראָמאַן, דער ראָמאַן איז אַן ענין פאַר זיך . . .

. . . שעקספּיר טויט! אַ בייזער ייד, דער עפּשטיין. איין דור מיסט פאַרן צווייטן. וואָס איז גאָר מיסט? יעדער דור טראָגט צו זיין ציגל, יעדער דיכטער זאָגט זיין וואָרט. און ער׳ט זאָגן. זיין אוניווערסאַלע פּאָעמע וועט ער אָנשרייבן. זאָל ער נאָר קריגן אַ צימער. דעם אמת געזאָגט, איז דער ענין צימערן אים שוין דערעסן. מתי אעשה לביתי . . . אפשר גאָר געדאַרפט . . . ניט גוט אַזוי. ניט גוט . . .

שלמה לולב האָט אָנגעהויבן רחמנות האָבן אויף זיך און אין זיין רחמנות האָט ער זיך דערזען ווי אַ . . . בלודנער הונט. אָט די צוויי ווערטער האָבן אים אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ. דער בלודנער הונט איז אים שוין נאָכגעגאַנגען . . . ווערטער, שורות, כאָטש נעם און פאַר־שרייב זיי דאָ אינמיטן גאַס. ביי דער טיר האָט דער „בלודנער הונט״ זיך אָפּגעשטעלט, מיט הינטישע אויגן געבעטן: צו דיר אין שטוב קענסטו מיך ניט אַריינגעמען, אָבער וואַרף מיך ניט אַרויס פון קאָפּ. ער האָט אים ניט אַרויסגעוואָרפן, גלייך ביים אַריינקומען האָט ער אָנ־געוואָרפן איין שורה, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע. וועט זיין אַ גוט ליד. דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט זיין אוניווערסאַלער פּאָעמע. די פּאָעמע, אפשר אַ ציקל לידער, אָדער גאָר אַ סאָנעטן רינג, וועט ער נאָך אָנשרייבן. דערווייל . . .

יעדער איינער פון די דריי האָט אָנגעשריבן זיינס. אויף אַ מאָ־מענט האָט זיך פאַרגנבעט דער געדאַנק: דאָס בייט איך אויס דאָס רענדל אויף קליינגעלט. יעדער איינער האָט דעם געדאַנק אָוועקגעשטויסן: ס׳אַ משל נו. דאָס אַ? טאַקע ניט מער ווי קליינגעלט, אַ מענטש דאַרף דאָך לעבן אויך, דאָס רענדל איז ניט גערירט, עס ליגט גאָר ערגעץ באַהאַלטן ווער ווייסט וואו, אָבער ער וועט זיך נאָך דערביוען דערצו. דאָס רענדל . . . דאָס רענדל . . .

בנשיקה

איר יחוס איז געווען גאָר ניט קיין געהייבענער. אין דער משפּחה איז געווען עפּעס אַן אורעלטער זיידע אַ רב אין אַ קליין שטעטל, וואָס האָט געפרעגט אַ שאלה ביי אַ רב פון א גרויסער שטאָט און געקראָגן אַ תשובה; אַ פּאָר סוחרים, וואָס האָבן געשריבן בריוו און געפירט מסחרים אין עפּעס אַ ציפער און שיפער־שפּראַך, ווייטער אַזוי זיינען געווען בעל מלאכות, דינסטמיידלעך, זי אַליין איז דערצויגן געוואָרן און אויסגע־וואַקסן אויף דער שוסטער גאַס.

ער איז געווען איינגעטונקט אין יחוס. פון טאַטנס צד רבנים, לומדים, פון דער מאַמעס צד סוחרים, גבירים, ער אַליין — אַ ישיבה בחור מיט סמיכה אויף הוראה און, נאָר וואָס אַרויס פון דער ישיבה, האָט ער זיך פאַרליבט אין איר, פאַרליבט מיט אַ ליבע ביזן טויט . . .

האָט די מאַמע געוויינט און געקלאָגט, און דער טאַטע האָט גערעדט און געטענהט: דער סידילקעווער רב האָט געשיקט אַ שדכן, אַ משפּחה לויטער זייד, און די מיידל אויך אַ זיידן קינד, ניט עפּעס אַ מויד פון דער שוסטער גאַס. האָט ער אַ קוק געטון אויפן פאָטער, ניט געזאָגט אַ וואָרט, און דער פאָטער איז אַנשוויגן געוואָרן, בלויז איין וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסן — רוצח!

האָט די מאַמע גענומען טענהן: די ראַפּאַפּאָרטס חלשן זיך מתחתן זיין. טויזנט רובל נדן, צוויי יאָר קעסט, נאָכדעם אַ שותּף צו די גע־שעפטן, און שיינדל, די כלה, אַ מיידל אַ גאָלד, שיינט ווי די זיבן זונען, אין איר פּנים ממש ניט אַריינצוקוקן.

ער האָט געשוויגן.

האָט די מאַמע מיט כעס שוין געפרעגט: — וואָס אַזוינס האָסטו דערזען אין דער מויד אין דיינער? כ׳רעד שוין נישט פון יחוס, די יפת תואר וואָס זי איז?

קיין יפת תואר איז זי ניט געווען. ניט איין מאָל האָט ער געקוקט אויף איר מיטן קוק פון אַ זייטיקן, אַ קוק פון אַ קונסט מבין אויף אַ בילד, און ער האָט געזען — דער קאָליר פון די האָר — רהיין־וויין,

געמעגט שווערן זי איז נאָר וואָס געקומען פון רהיינגאו; דער נאָז, דוכט זיך אַ גלייכער, נאָר ביים סאַמע סוף האָט ער זיך אַ ביסעלע צעשפרייט און פאַרריסן: בין איך סלאַוויש, און טו מיר עפּעס; די אויגן — קאַווע־ברוין, האָבן אַמאָל זיך פאַרצויגן מיט אַ פייכטקייט און זיי האָבן אויסגעזען שיר ניט שוואַרץ, און אַזוי פרום, טאַקע נאָר ווי יידישע אויגן קענען קוקן, און אַמאָל האָט אַ פינקל געטון אַ רויטלעכער אָפּשיין, און דאַן האָבן זיי געבריט, פייער אין גלי. האַר, נאָז און אויגן האָבן, דוכט זיך, ניט האַרמאָנירט, נאָר אַז זי האָט אַ קוק געטון, די חן גריבעלעך אין די באַקן האָבן זיך אַ שאָטן געטון, האָט ער זיך באַדאַרפט איינהאַלטן ניט צופאַלן צו די ליפּן . . .

— קום אַהער, פאַראַסקע! — מיט זיין שאַרפן, גלייכן נאָז האָט ער אַ רייב געטון איר פאַרריסן נעזל.

— ישיבהניק! וועסט גוט אַ זוך טון אין דיין יחוס צעטל וועסטו געפינען, אויב ניט קיין סלאַווישן כלאָפּ, איז אַן אַראַמישן סוחר אָדער גאָר אַ גריכישן מאַטראָס . . . מיוחס מיינער!

— אָנגעערירט דעם האָנאָר?

— דיין עלטער באָבע איז ניט געווען מער צדקת ווי מיינע.

— אָה, אָה . . . — האָט ער געפּעטשלט מיט די פינגער איבער איר מויל, — האָסט שוין געעפנט דיין מיילעכל?

— וואָסי, מ׳טאָר נישט? מיר דוכט אַז די עלטער באָבעס פון דער גאָרער וועלט האָבן ניט געבראַקעוועט, גענומען וואו ס׳האָט זיך געלאָזט . . .

— נישט שיין אַזוי צו רעדן.

— אָבער גוט . . . — און זי האָט אָנגענומען זיינע אויער לעפּלעך, זיי געצויגן, געטרייסלט, און געקושט איין באַק — אַן אָפּגעריסענעם קוש — די צווייטע באַק, די אויגן, און ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער דערהערט: ראַבינטשיק מיינער! דערזען איר מויל, און מער האָט ער שוין ניט געזען, מויל אין מויל האָט זיך איינגעעסן, שפּיץ צינגלעך האָבן זיך געגליטשט, געגלעט, געשטאָכן.

— גיי! איך האָב דיך פיינט! — האָט זי אים כלומרשט אָפּגעשטויסן, און אירע אויגן האָבן פלאַמיק געשריען: האָב איך דיך ליב! האָב איך דיך ליב!

זי איז אַ ביסל ווילדע, אַ דימענט ניט גענוג געשליפן, אָבער אַ דימענט, ער׳ט זי אַריינגעמען אין די הענט, וועט ער . . .

און ער האָט זי גענומען אין זײַנע הענט, זי אים אין אירע אָרעמס...

אין די רבנישע שטובן האָט מען פרום געדאַוונט, אײדל גערעדט, סטאַטעטשנע געגאַנגען; אין די נגידישע הײַזער האָט מען גוט געגעסן, זיך שײן געקלײדט און ברײט געגענעצט; אין דער שוסטער גאַס האָט מען שאַרף גערעדט, הויך געזונגען און פרײלעך געטאַנצט.

און ער האָט גערעדט, געזונגען, געטאַנצט מיט איר, און צו זײַן פרײד איז גאָרניט געװען קײן שיעור. אַ קערפּער! אַ באַװעגונג! אַ ריטם! הויך, קרעפּטיק, און פעדער גרינג, אירע פיס האָבן קוים אָנ־גערירט דעם דיל, בײדע האָבן געטאַנצט, געשװעבט אין דער לופטן, בײנערדיק, דראַטיק, איז זי דאָך געװען בויגיק װי רויך, איר קערפּער אין זײַנע אָרעמס — משכני, אחריך נרוצה — פיר מיך און איך װעל גײן, חומר ביד היוצר, פורעם מיך און איך װעל זײַן. און ער האָט זי געפירט און געפורעמט, און זי האָט אים געפאָלגט און . . . גערײצט. זאָלן די „רבנים" זיך גרויסן מיט זײער יחוס, זאָלן די גבירים זיך בלאָזן מיט זײער עשירות, איר יחוס איז עצמה, זי גופא איז זײד און סאַמעט, און עשירות? אײן זונענשטראַל פינקלט שענער פון טויזנטער דימענטן, אײן װאַסערפאַל בלישטשעט שאַרפער װי אַ שלל מיט גאָלד און זילבער, אײן לעבעדיקער קװאַל ברײנגט מער פרײד װי צען פאַרבאָרגענע אוצרות. און זײ האָבן געשעפּט פון דעם קװאַל פולע עמער, און האָבן געלעבט און געלאַכט.

האָבן טאַטע־מאַמע אויפגענומען די שנור. ניט קײן טאָכטער, אָבער מסתמא זײַן באַשערטע, ניט קײן מיוחסת, אָבער אַז גאָט װעט געבן, דערלעבן נחת . . .

און פרײַנט און באַקאַנטע האָבן גוטמוטיק געשמײכלט: װאָס ליבע קאָן! די גאַנצע װעלט גײט זײ דאָך ניט אָן. פאַרליבט איז דאָך ניט שײך...

די װעלט איז זײ יאָ אָנגעגאַנגען. האָט געשײַנט די זון איז בײ זײ אויך געװען ליכטיק; האָט געדונערט, געבליצט, געשטורעמט, האָט דער שטורעם זײ ניט אויסגעמיטן, זײ האָבן אים אָבער איבערגעטראָגן אויף זײער שטײגער, װײל זײ האָבן געהאַט אַ װעלט פאַר זיך, זײער װעלט טאַקע אַ טײל פון דער גרויסער װעלט, אָבער זי איז ז ײ ע ר ע, אין אָט דער װעלט האָבן זײ געלעבט, מיט אָט דער װעלט װעלן זײ זיך ניט שײדן, אפילו . . .

גאָט שאַפט װעלטן און מאַכט זײ חרוב, און אויך אויף זײער װעלט האָט זיך אָנגערוקט אַ חורבן. זי האָט גענומען קרײנקען. פון טאָג צו

טאָג איז זי איינגעגאַנגען. „די דער", אַזוי האָבן פעסטגעשטעלט די דאָקטוירים, און אפילו אָנגעגעבן די צייט ווי לאַנג זי וועט נאָך ציען. די דאָקטוירים האָט זי אָפּגענאַרט. לויט זייער טערמין האָט זי שוין לאַנג געדאַרפט זיין טויט, און זי, די דאָקטוירים אויף צו להכעיס, האָט גע־לעבט און געלאַכט: מיר׳ן זיי נאָך איבערלעבן. צו פריילעך איז אָבער ניט געווען. ער האָט איר אונטערגעטראָגן פונם שענסטן און בעסטן, די טייערסטע פרוכטן פון דער גאָרער וועלט, די איידלסטע וויינען, און זי האָט געגעסן און געטרונקען, זי איז אָבער איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג, געווען טעג ווען זי האָט שוין פון בעט ניט געקענט אַרונטערגיין. איז זי געליגן און ער איז געזעסן ביים בעט. ער האָט געזען: די רויטע באַקן וואָס האָבן אַמאָל געשפּרודלט מיט געזונטקייט זיינען פאַרשוואונדן, בלאַס, אַזוי בלאַס, שיר נישט דורכזיכטיק, אין אָט דער בלאַסקייט האָט ער אָבער געזען אַזוי פיל שיינקייט, אַז ער האָט זיך געחידושט ווי האָט ער עס געקענט פאַרטראָגן יענע רויטע באַקן. זי איז דאָך אַזוי שיין איצט!

— פאַרוואָס גייסטו ניט אַרויס אין דרויסן? גיי! אין גאַס איז אַזוי שיין, און וועסט זען מענטשן, ניט זיצן דאָ פאַרשפּאַרט . . . וועסט אַזוי אָנגיין, וועסטו . . .

ניט ווילסנדיק האָט זי געזאָגט כמעט דאָס זעלבע וואָס זיינע עלטערן, פריינט און באַקאַנטע האָבן גערעדט הינטער די אויגן און אפילו גע־זאָגט אים גופא.

— דער מענטש הרגעט זיך אַוועק. אַ מענטש זאָל זיך אָפּשליסן פון דער גאָר׳ער וועלט. אַ ווייב, אַ געליבטע, גוט, פיין, אָבער צי זיך אַליין אַוועקהרגענען? מ׳שטאַרבט ניט נאָך. אַ מענטש דאַרף דאָך טראַכטן וועגן זיך אויך. און וואָס טוט ער אויף? ער׳ט זי פון טויט לעבעדיק ניט מאַכן. אַ גזלן אויף זיך אַליין.

און דער גזלן האָט געענטפערט: — מיר איז דאָ גוט, ווען איך בין מיט דיר דאַרף איך קיינעם.

דער רויטלעכער אָפּשיין אין אירע אויגן האָט אַ פינקל געטון, ער האָט אָבער ניט געעבריט, ער האָט געוואַרימט, געגלעט זיין פּנים: ביסט אַזאַ גוטער! און איך האָב דיך אַזוי ליב! אַזוי ליב . . . כהרף עין האָט זיך איר פּנים געביטן, די געדיכטע ברעמען האָבן זיך אַ בערשטל געטון, אין די אויגן האָבן שדימלעך געגומען שפּרינגען.

— און אַז איכ׳ל ניט זיין וועסטו חתונה האָבן מיט אַ רביצין . . .

— געטראָפן! און איכ׳ל ווערן אַ רב, און . . .

זיינע פינגער האָבן געקעמט די רבנישע באָרד, געדרייט די פּיאות, זיין פּנים, ערנסט־קאָמיש, האָט געשפּאָט, געלאַכט, גע . . . בעטן: רעד ניט אַזוי.

— ניין, קיין רב וועסטו שוין נישט ווערן, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, — צו לאַנג געלעבט מיט אַ שיקסע, און ניט די שיקסע איז געוואָרן אַ רביצין, נאָר דער רב אַ שגץ, וואָס איז אָבער מכוח אַ רייכער אלמנה?

— זעסטו, אַ רייכע אלמנה, דאָס איז אַן ענין. זי, די רייכע אלמנה, וועל איך אַריינלייגן אין באַנק, איר באַנק קאָנטאָ וועל איך פון דאָרט אַרויסנעמען, איך וועל זיך באַזעצן אין אַ פּאַלאַץ, און אַז עמיצער פון דער שוסטער גאַס וועט קומען, וועט זיך אַריינרייסן צו מיר, וועט נעמען ריידן . . . יידיש, וועל איך אויף אים אָנשטעלן אַ פּאָר תמעוואַטע, ניין, גזלנישע אויגן: וואָס רעדט ער צו מיר אין אַ שפּראַך וואָס איך פאַר־שטיי נישט? און אין מיין נייער, נגידישער שפּראַך וועל איך אַ געשריי טון: אַרויס פון מיין שטוב! איך וועל אים אַרויסטרייבן, אַרונטער־וואַרפן פון אַלע טרעפּ. ניין, א י ך וועל דאָס ניט טון, איך וועל הייסן מיין גויאישן משרת. ע ר זאָל עס טון, איך וועל מיר אָנגיסן אַ גלעזל בראַנפן, אָדער גאָר אַ כוס שאַמפּאַניער און וועל זאָגן: הוליע, נגיד! ווין איז ביליק, און וועל זיך אַוועקלאָזן אַ טענצל אַז . . .

ער האָט דאָס אַלץ ניט אויסגערעדט, נאָר אויסגעשפּילט פאַר איר, און אויסגעשפּילט אַזוי „רעאַליסטיש", אַז זי האָט זיך צעלאַכט, אַזוי צעלאַכט אַז זי האָט זיך אויש פאַרהוסט.

און ווען זי איז אַ דערשעפּטע געבליבן ליגן רואיק, האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר: — נאַרישע מיידל מיינע! וואָס רעדסטו אַזעלכע נאַרישע רייד? ווייסטו דען ניט אַז אַזוי לאַנג ווי איך לעב מוזסטו אויך לעבן, ווייל אָן דיר . . . דו ביסט מיין הארץ, מיין מוח, מיין מויל, מיין . . . לייב און לעבן.

און זיין מויל האָט זיך דערנעענטערט צו איר מויל, זיינע ליפּן האָבן זיך איינגעזאַפּט אין אירע, און, ווען מע . . . וועט זיי ביידע געפינען טויט, וועט עס זיין מיתה בנשיקה . . .

קערנדלעך

דער מעת לעת איז געווען איינגעטיילט אין פיר אשמורהס — יעדע זעקס שעה אַ „נאָדל״. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט צוויי — אינדערפרי און אויפדערנאַכט — און אויך די האָט ער ניט געוואָלט נעמען: אַז העלפן העלפט עס ניט, עס פאַרטויבט נאָר, און ער האָט ניט געוואָלט פאַרטויבן די ווייטיקן, פאַרטעמפּן די נערוון. ער האָט אפילו פאַרדעכטיקט אַז די נאָדל אויף בייַנאַכט גיט מען אים ניט אזוי צוליב אים, ע ר זאָל שלאָפן, נאָר ער זאָל לאָזן י ע נ ע ם שלאָפן, דאָס מיינט דער וואַרטספּרוי. די ווייטיקן האָבן זיך אָבער וואָס אַ טאָג געשטאַרקט. אַלץ הייסט ווייטיקן! „עמיצער״ האָט געצויגן די אָדערן ווי אַ שטריקנדרייער ציט שטריק, געצויגן, געצופּט, נאָכדעם מיט אַן אייזערנעם קעמל געקעמט, געריסן, און עס האָט געצויגן די עצמות, געריסן דעם מאַרך פון קאָפּ, דער גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. ער האָט שוין געבעטן די נאָדל, אַ גרעסערע דאָזע, אפילו אַ רעד געטון מיטן דאָקטאר מכוח איין גרויסער דאָזע . . . דער דאקטאר האָט גענומען ריידן, שטאַמלען, און עפראן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — ניטאָ מיט זיי וואָס צו ריידן: מאָראַל, עטיק . . . צוריקגערעדט, אפשר דאַרף אַזוי זיין. גיב אַ דאָקטאר די וואול, ע ר זאָל מעגן מקרב קץ זיין, וועט . . . וועט . . . היטלערס פּראָפעסאָרן . . . פאַרפאַלן. שוין מוזן דערציען. וועט שוין לאַנג ניט נעמען. „וואָג — אַכט און אַכציק און אַ האַלב פונט״. אזוי האָט די וואַרטספּרוי פאַרצייכנט. וועגן דעם האַלבן פונט האָט ער זיך אַ וויצל געטון מיט איר: איז זי זיכער אַז זי האָט ניט פאַרפעלט אַן אונץ?

— לאַכט ניט פונם אונץ. דאָס איז אייער רעזערוו קאַפּיטאַל, פון דעם ציט איצטער דער קערפּער זיין חיונה.

נו, וועגן דעם „קאַפּיטאַל״ קימערט ער זיך שוין ניט, אָבער די „פּראָצענטן״, די ווייטיקן! ליידן לייטערן. אַזוי זאָגט מען. אפשר, גייסטיקע יסורים. און אויך אין דעם צווייפלט ער. ווייטיקן, זיי לייטערן זיכער ניט. זיי מאַטערן. אוי, די ווייטיקן! שטאַרבן איז מענטשלעך,

נאַטירלעך, דעם טאָג וואָס מיר ווערן געבוירן הייבן מיר אָן צו שטאַרבן, יעדער טאָג אַן „איינצאָלונג” על חשבון . . . ווייטיקן אָבער, דאָס גייט ניט אַריין אין וועלט חשבון. ליידט דער דומם? די חיה ליידט זיכער, אָבער דער מענטש פילט די ווייטיקן צום שאַרפסטן, דערפאַר אפשר האָט ער אויסגעפונען מיטלען צום לינדערן. מאָרפין? זאָל זיין מאָרפין. פיר, זעקס, אַכט מאָל אַ טאָג, אַבי ניט ליידן, ניט פילן, ניט . . . אַלע אַנדערע זאַכן — העט . . .

פונדעסטוועגן, צווישן איין נאָדל און דער צווייטער, ווען ער איז ארויס פונם טשאַד פון דער פריערדיקער נאָדל און דער נייער ווייטיק אָנפאַל האָט זיך נאָך ניט אָנגעהייבן, אין אָט דעם בין השמשות, האָט זיך דורכגעריסן אַ זונענשטראַל, גאַנץ אָפט אַ געדאַנקען־בליץ. האָט ער אַן עפן געטון די אויגן און דערזען עמיצן, אַ נאָענטן מענטשן, לעבן זיין בעט, האָט ער זיך דערפרייט און גענומען זיך נאָכפרעגן אויף פריינט, באַקאַנטע, שמועסן וועגן . . . ליטעראַטור, אפילו ריידן פּאָליטיק, נאָר ניט וועגן קראַנק זיין, וועגן די ווייטיקן.

בעת מיין לעצטן באַזוך, אַ פּאָר טעג פאַרן טויט, נאָכדעם ווי מיר האָבן געשמועסט וועגן ליטעראַטור ביז די וואָרטספּרוי איז אַריינגעקומען מיט דער נאָדל, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ בלעטל פּאַפּיר. — נאַ, וועסט עס לייענען אין דערהיים, שפּעטער, ווען . . .

— צוויי און פערציק יאָר געהאַלטן די פּען אין האַנט. צוויי און פערציק יאָר! אין דורכשניט הונדערט אַרטיקלען אַ יאָר, דאָס מיינט . . . דאָס מיינט . . . אריבער פיר טויזנט ארטיקלען. פיר טויזנט! וועגן הונדערטער ביכער, מענטשן, וועגן צענדליקער ענינים געשריבן, געשריבן . . . האָט ווער געלייענט? דער פאַקט אַז פאַר די ארטיקלען האָט מען מיר געצאָלט איז אַ סימן מובהק אַז מ׳האָט מיך יאָ געלייענט, כאָטש ס׳איז ניט באַקאַנט אַז משה רבנו זאָל האָבן געקראָגן האָנאָראַר . . . געלייענט האָט מען, אָבער קיין וועלטן האָב איך ניט איבערגעקערט. האָב איך וועמען באַקערט? דאָס ווייס איך ניט, דאָך איז עס ניט געווען אַרויסגעוואָרפן. וואָלט איך איצט געדאַרפט אָנהייבן פון ס׳ניי, וואָלט איך עס ווידער געטון.

טויזנטער אַרטיקלען. ערגעץ וואו אין אַ ביבליאָטעק קלייבט זיך שטויב אויף זיי, ערגעץ וואו אין דער וועלט זיינען זיי צעשטויבט געוואָרן, עפר ואפר, אָט ווי איך גופא, אדם יסודו מעפר וסופו לאפר, האָט זיך עס געלוינט? און לוינט זיך עס איצט, מיט די ווייטיקן . . .

!א—ו—ו

ניט אַרויסלאָזן דאָס שרייבפּענדל פון האַנט! דאָס איצט אַרויסלאָזן, וועל איך עס שוין אפשר מער ניט קענען אַריינגעמען, און איך וויל, איך דאַרף פאַרצייכענען. וואו האַלט איך?

יאָ, אדם יסודו מעפר . . . אין השארת הנפש גלויב איך ניט. אפילו איצט, אין דער לעצטער מינוט, בלייב איך אַלץ דער „ניכטערער פּראַ־זאַיקער", פון מיין אַש וועט קיין פעניקס ניט ארויסקומען, אָבער אין „השארת הדבר" גלויב איך יאָ. לכן, מיט די לעצטע כוחות, אין די שוידערלעכסטע ווייטיקן . . . הו—ו—ף . . . פאַרצייכן איך, ניט ווי אַ טרייסט פאַר זיך, נאָר ווי אַ צוואה פאַר עמיצן אנדערש, פאַרן שרייבער נאָך מיר — האָסט קערנדלעך צום זייען? פאַרזיי! קימער זיך נישט צי די קערנדלעך וועלן זיך אָננעמען, זאָרג זיך נישט צי די זריעה וועט אויפגיין, טראַכט ניט ווער עס וועט אַראָפּנעמען די תבואה און צי וועט ער זי עסן און פאַרדייען, דיין אַרבעט איז — ז י י ע ן!

און איצט בין איך גרייט פאַר דער נאָדל,

פאַרן . . .

צו דער עקדה

די שטילקייט פון דער זומערדיקער מיטערנאַכט איז צעשפּליטערט גע־וואָרן פון אַ רעוואָלווער שאָס, און די שטילקייט, ציטערנדיק, וויברירנ־דיק, האָט געוועקט, גערופן: געהערט?

פענסטער פון הייזער, וועגט פון מאַלינעס (באַהעלטעניש) — אויגן און אויערן — האָבן זיך אָנגעשטעלט, פאַרשפּיצט: וואָס איז געשען? אַן אַקציע? שוין לאַנג געווען שטיל אין געטאָ. איצטער אָ? ווער האָט געשאָסן?

אויגן האָבן געקלעפּט צו שויבן, אַ געוואַגטער מענטש האָט געעפנט אַ פענסטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, זען, הערן; אַ דערפאַרענער מענטש איז פאַרזיכטיק אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. שאַ שטיל, זעט ניט אויס ווי אַן אַקציע, פונדעסטוועגן . . . ער איז אַריינגעגאַנגען צוריק אין שטוב, דערפילט אין דער פינסטער זיין ווייבס אויגן אויף זיך, האָט ער אָפּגעהאַקט אַ זאָג געטון: — פּאַק איין דאָס נויטיקסטע.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— איך ווייס ניט. דערווייל גאָרניט, אָבער אַז מ׳קלינגט איז חגא און אַז מ׳שיסט איז טרעוואָגע.

טרעוואָגע איז געשפּרונגען איבער דער געטאָ, איין הויז, צוויי הייזער איבערגעהיפּט און אין אַ דריטן אָנגעקלאַפּט שאַרף, אַ זאָג געטון שטריינג: ליזע רופט! (פּאַראָל פון די פּאַרטיזאַנער) און גע־שפּרונגען ווייטער.

שאָטנס האָבן זיך געשליכט איבער די גאַסן, פאַרשוואונדן אין הייזער, בוידעם שטיבלעך און קעלערס. דאָרטן האָט מען געטיילט גע־ווער, געגעבן באַפעלן. דאָס געוועער הייס, די באַפעלן פיבערדיקע, די מענטשן יונג, דער געמיט שטורמיש, אָבער די האַלטונג רואיק — אַ סאָלדאַט אויפן פּאָסטן, און דער סאָלדאַט דאַרף זיין וואַך: ליל שמורים.

— שומר מה מליל? — האָט די געטאָ אומרואיק געפרעגט און, ניט געקראָגן קיין ענטפער, געליגן פאַרטאָיעט, געוואַרט — אָט וועט אַ שפּרונג טון די חיה רעה, אָט וועט . . . אָנצינדן ליכט! שרייען

גוואַלד! לויפן! נאָר ווייניקע זיינען געלאָפן, קיינער האָט קיין גוואַלד נישט געשריען, און אין ערגעץ האָט ניט אויפגעבליצט קיין ליכט שיין. ציטערנדיקע שטילקייט איבערגעדעקט מיט שווערער פינסטערניש, בלויז פון די פענסטער אויף רודניצקע גאַס נומער זעקס האָבן שאַרפע ליכט שפּיזן געשטאָכן די פינסטערניש, קוויטשיק געשריען: אים כאַפּן! אומ־געדולדיקע, כעסיקע טריט האָבן געקנאָטן די שטילקייט, פאַרעקשנט געפאָדערט: זאָג! גיב אויס! בלילה ההוא נדדה שנת המלך יעקב הראשון. ביי יעקב געגנס, דעם יידישן קאָמענדאַנט פון געטא, האָט גע־ברענט ליכט, אין יעקב געגנס האָט געזאָטן דער כעס.

ערשט מיט אַ שעה, צוויי צוריק איז איציק וויטענבערג, דער קאָ־מאַנדיר פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, ער מיט זיין שטאַב, אַז אָך און וויי, זיינען געזעסן ביי אים אין קאַבינעט. ער האָט זיי גערופן און זיי זיינען געקומען. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? און ער האָט זיי געזאָגט: די מאַכט פאָדערט וויטענבערגן. אַ ברירה האָט ער געהאַט? ער האָט געמיינט זיי וועלן האָבן שכל, אַליין פאַרשטיין און מסכים זיין. האָבן זיי אָבער ניט געהאַט קיין שכל. ווען דעסלער מיט דער פּאָליציי איז געקומען, דער שאוליסט (ליטווישע געשטאַפּאָ) האָט אַ פרעג געטון: קאס וויטענבערג? (ווער איז וויטענבערג?) האָט זיך ניט דערהערט קיין „איך!" ווען מ'האָט געוויזן די דאָקומענטן איז גאָר ניט געווען אַזאַ מענטש ווי איציק וויטענבערג, וואָס האָט ער געקענט טון? לאָזן די פּאָליציי אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט און אַ פולן באַריכט קיטעלן? (הויפּט פון דייטשער מאַכט אין ווילנע) און דער הונט דעסלער טשאַ־טעוועט, זיינע אויגן, זיין מאָרדע זאָגט, ווייזט אָן — אָט דער איז איציק וויטענבערג. האָבן זיי אים צוגענומען. נו יאָ, „דער שטאַב" האָט זיך צעשריען: פּראָוואָקאַטאָר! איר'ט באַצאָלן דערפאַר! — זיי רופן אים פּראָוואָקאַטאָר. — ניט איך האָב אויסגעגעבן אייער קאָמאַנדיר, דאָס האָט א י י ע ר ח ב ר קאָזלאָווסקי אים אויסגעגעבן, איך, ווי דער געטאָ קאָמענדאַנט, האָב אים געמוזט איבערגעבן. ווייטער וועט איר וויסן מיט וועמען זיך ניט צו חברן. איצט, אַז ער איז אַרעסטירט, זייט איר פריי, גייט אַהיים, לייגט זיך שלאָפן.

איציקן האָט מען אַוועקגעפירט, זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, און אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט . . . וועלכער גוטער יאָר האָט עס אים געשטופּט ג ל י י ך לאָזן וויסן קיטעלן אַז מ'ברייינגט אים וויטענ־בערגן? יענער איז געווען מלא שמחה. אודאי. פונם ערשטן טאָג וואָס

ער איז געקומען האָט ער געהאַלטן אין איין פאָדערן אים צושטעלן וויטענבערגן, ניט געהאָלפן דאָס פּאַרציען, איצט, אַז ער האָט אים שוין געהאַט אין האַנט, האָט ער, גאַנץ נאַטירלעך, געוואָלט אים לאָזן וויסן, איז גיי מאַך — פון די הענט אַרויסגעריסן. ווער וואָלט זיך עס גע־ריכט? אַזעלכע סמאַרקאַטשעס! איצטער וועט קיטעל . . . און ניט נאָר קיטעל, אפילו דער פּאָסקודניק דעסלער וועט זיך מחיה זיין . . . און זיי, די שיסער, די . . . שייסער, וועלן ביי זיך ווערן גדולדיק. ער'ט זיי ווייזן, זיי אַלעמען ווייזן ווער 'עלטער איז. דער קאָמענדאַנט פון געטא איז ער, און ער וועט . . . די גאַנצע געטא וועט ער איבערקערן, אַ שטיין אויף אַ שטיין וועט ער ניט לאָזן, און דעם איציקן וועט ער פּאַקן. ער מוז זיך שוין נעמען צו דער אַרבעט, טאַקע גלייך! שפּעט? ס'איז שוין גאַנץ פרי. נאָך דריי. ביז מ'וועט צונויפקלייבן דעם עולם וועט שוין זיין טאָג. די פּאָליציי, די בריגאַדירן, די טרעגער, די קוימענ־קערער, זיי'לן שוין . . . די גאַנצע געטא וועט ער אויפהייבן אויף די פיס.

עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. די זון — אַ שפּעלטל פון אַן אויג — האָט אַ קוק געטון אויף דער געטא: וואָס טוט זיך דאָ? אַזוי פרי שוין אַזוי פיל מענטשן?

יעקב גענס האָט אַ קוק געטון מיט ביידע אויגן, אָפּגעמאָסטן דעם עולם און איבערן פּנים האָט אַ שפּיל געטון אַ שמייכל: אַז ער רופט . . . קומט מען. אַרויסגיין, רעדן צו זיי. פאַרן אַרויסגיין האָט ער פונ־דעסטוועגן אַ וואַש געטון דעם פּנים — אָפּוואַשן די שלאָפלאָזע נאַכט. אָפּגעווישט, האָט ער פאַרקעמט די האָר גלאַט אויף אַרויף, פאַרריכט דעם שניפּס, דער שפּיגל האָט געזאָגט: אַלץ איז אין אָרדענונג. ליותר כוח האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעגאָסן אַ קליין גלעזל בראַנפן. די בי־טערע משקה אויפן ניכטערן האַרצן האָט אַ ברען געטון אין האַלז, באַלד אָבער האָט ער דערפילט אַ וואַרעמקייט אין בויך, אין די אויגן האָט אויפגעשיינט אַ פייערל, איצט קען ער רעדן.

— . . . אין געטא איז שוין לאַנג געווען שטיל. די דייטשישע מאַכט האָט אונדז פאַרזיכערט אַז, וואָס געווען איז געווען, איצטער וועט זיין רואיק, און עס וואָלט געווען רואיק. מיר האָבן געעפנט וואַרשטאַטן, געשאַפן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן און לעבן רואיק, ווייל די אַרבעט איז דער א י י נ צ י ק ע ר וועג ווי אַזוי מיר זאָלן בכלל קענען לעבן. וואָלט שוין אַלץ געווען גוט, האָבן זיך אָבער אַריינגעכאַפּט צווישן אונדז

אַ חברה היץ־קעפּ, וואָס ניט נאָר העלפן זיי אונדז ניט אין דער אַרבעט, זיי שטערן אונדז נאָך. זיי, אָט די . . . פּישערס מיט די ביקסלעך, ווילן זיך פאַרמעסטן מיט דער דייטשישער מאַכט. איך ווייס אויך עפּעס וועגן ביקסן . . . און איך זאָג אייך: זיך שטעלן מיט אַ ל״ג בעומר ביקסל אַנטקעגן אַ טאַנק איז ניט נאָר קינדעריש־נאַריש, נאָר פּשוט אַ פאַרברעכן, זיי שטעלן אין געפאַר די גאַנצע געטא. די דייטשישע מאַכט ווייסט וועגן זיי און פאָדערט זייער פירער. אים איינעם ווילן זיי. גיבן מיר זיי דעם איינעם, וועט אין געטא ווידער זיין שטיל און רואיק, גיבן מיר אים ניט, איז אַז אָך און וויי צו אונדז אַלעמען, מ׳וועט אונדז אַלעמען אומברענגען, פון דער געטא וועט קיין סימן ניט בלייבן. פרעג איך אייך, וואָס איז וויכטיקער, איינער פון זייערע, אָדער מיר אַלע? איינער אָדער צוואַנציק טויזנט? אדרבה, זאָגט איר אַליין. איך האָב מיינס אָפּגעזאָגט.

דער עולם האָט געזאָגט. מיט שטעקנס, מיט אייזנס האָבן זיך „די שטאַרקע״ אַ לאָז געטון אויף שאַוולער, פון דאָרט אויף אשמענער גאַס.
— וואו איז וויטענבערג? גיט אַרויס וויטענבערגן!

און וויטענבערג איז געזעסן מיט זיינע חברים פון שטאַב אין אַ צימערל, טאַקע אויף דער זעלבער אשמענער גאַס, און רואיק, געלאַסן, אָט ווי דער גאַנצער ענין איז ניט נוגע אים, גערעדט צו די חברים.

— . . . דאָ גייט ניט איבם טויט פון איין מענטשן. פאַרן טויט איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, און דער איינער איז גרייט דאָס צו טון, די פראַגע איז: וואָס וועט ער אויפטון דערמיט? אנדערהאַלבן יאָר צייט האָבן מיר געאַרבעט, געקליבן אַ שטיקל געווער צון אַ שטיקל געווער, ניט איינער האָט באַצאָלט מיטן לעבן פאַר אַריינברענגען עס, און אַלץ צוליב דעם, אַז ווען די שעה וועט קומען זאָל מען אַרויסגיין מיט געווער אין האַנט. איר קענט דעם פּלאַן. איצטער האָט די שעה געשלאָגן. דער דייטש פאָדערט דעם קאָמאַנדיר, נאָר אים, אָבער ווער ווייסט עס ניט אַז ער איז אויסן מער ווי דאָס. זיין חשבון איז — ער וועט אָפּהאַקן דעם קאָפּ, הענט און פיס וועלן קומען שפּעטער. גיט מען אַרויס דעם קאָמאַנדיר, מיינט עס אַז די גאַנצע פ. פּ. אָ. (פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע) איז באַנקראָט. מיר פאַרטיילן איצט געווער, גייען מיר אַרויס אין קאַמף אָט איצט, מעגן מיר אפילו אַלע אומקומען, וועלן מיר האָבן עפּעס אויפגעטון, גייען מיר ניט, מעגן מיר פונקט אַזוי גוט נעמען

דאָס געוועער און עס באַגראָבן, און ניט נאָר דאָס געוועער, נאָר זיך אַליין אויך — פאַר חרפּה, פאַר שאַנדע.

דער קאָמאַנדיר האָט געענדיקט ריידן, און אַ שטילקייט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, אַז איינער האָט געקענט הערן דעם צווייטן אָטעמען, דער שטאַב, דאָס קליינע צימערל — אַ פּויק הערמעטיש פאַרמאַכט. אויף דעם פּויק האָבן זיך אַ שאָט געטון קלעפּ, און אַ טויבער טומל האָט גענומען קלאַפּן אין די אויערן פון די שטאַב מיטגלידער מיטן קאָמאַנדיר. חברים האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך אַ סוד'ע געטון, איינער איז אַרויסגעגאַנגען, באַלד אַריין צוריק, זיך אַוועקגעזעצט, געוואַרט, גע־הערט. דער טומל אין דרויסן האָט זיך איינגעשטילט. איין שטימע, אַ יוגנטלעכע, האָט זיך געהערט, היציק, שרייענדיק, אָט אָט רייסט זי זיך איבער:

— . . . גלויבט זיי ניט! וויטענבערג איז בלויז אַן אויסרייד. דאָס ווילן זיי מאַכן אַ צווייטע קאָוונע. געענס, דעסלער ווילן איצט אַרויס־געבן וויטענבערגן כדי צו ראַטעווען זייער אייגענע פעל, וואָס עס וועט ווערן פון דער געטאָ אַרט זיי ניט, ווי ס'האָט זיי ניט געאַרט מעשה אשמענע צי קאָוונע. זיי ווילן אומברייגען וויטענבערגן ווייל ער שטעלט זיך איין פאַר אונדזערע אַלעמענס לעבנס, פאַר אונדזער כבוד. דער איינ־ציקער וועג צו ראַטעווען אונדזער לעבן, אונדזער כבוד איז אַרויס אין קאַמף קעגן דעם אמתן שונא . . .

— קוק אים אָן, דעם קעמפער! אַזאַ סמאַרקאַטש! וויש בעסער אָפּ דעם נאָז. חברה! . . .

חברה „שטאַרקע" האָבן זיך אַ שפּאַר געטון צו דוד ווידאַטשאַנסקי. סאָניע מאַדייסקער האָט זיך אַ רוק געטון, זיך אַריינגעשאַרט צווישן אים און זיי. אַ פּאָר טרעגער, שווערע געוויקסיקע יידן, האָבן זיך אַ צי געטון אויף צוריק. ווער איז זי? אַ פּנימל דאָס האָט! און אַ פּאָר אויגאַנעס! זיי קוקן, גלעטן, און פון מויל — נו, אַ מיילעכל! — קומט אַרויס: — נו פרעג איך אייך, מיט וועמען גייט איר זיך שלאָגן? מיט אונדז? מ י ר ווילן דאָס אייך שלעכטס טון? ז י י גלויבט איר און אונדז ניט? ווייסט איר וואָס זיי ווילן?

טרעגער, קוימענקערער, אַרבעטער, סתם יידן האָבן אַרונטערגע־לאָזט די אויגן, קיין האַנט האָט זיך ניט געהויבן. די גאַס איז אַ ביסל שטילער געוואָרן. אין דער שטילקייט האָט זיך אַריינגעריסן אַ פאַרשויך, אַ שטאָפּעט — דעסלער האָט נאָר וואָס געלאָזט וויסן: אויב מ'גיט ניט

אַרויס וויטענבערגן ביז צען אַזייגער גייען די דייטשן אריין מיט טאַנקען.

— טאַנקען! טאַנקען!

— וואָס מיר טאַנקען? עראָפּלאַנען! זיי דאַרפן אפילו ניט אַריינ־גיין, פון דער לופטן! אַ פּאָר באָמבעס און פּטור. וואָס האָבן זיי געטון אין וואַרשע?

— אין וואַרשע האָט מען זיך געשלאָגן!

— געשלאָגן האָט מען זיך. און וואָס איז געווען דער סוף? אַלע־מען אויסגעדישעט. דאָ, צוליב איינעם . . .

— וויטענבערג!

— טויט וויטענבערגן!

די מאַסע האָט זיך אַ רוק געטון, אַ שאָס האָט אָנגעיאָגט, איבער־געיאָגט די געשרייען, אַ צווייטער שאָס האָט אָפּגעהילכט, ביידן שאָסן — געפּאַר סיגנאַלן, ביידע צדדים האָבן זיך דערשראָקן, שטילער גע־וואָרן, אין גאַס האָט שוין אָבער געשמעקט מיט פּולווער, און דער שטאַב האָט באַשלאָסן — דער קאָמאַנדיר מוז געבראַכט ווערן אין אַ זיכערן פּלאַץ, „הינטערן פראָנט".

אַן אַלטע פרוי אין אַ לאַנגער שוואַרצער קלייד, פון אונטער וועלכער בלויז די נעזער פון די שיך האָבן זיך אַרויסגעזען, אַ פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, פּאַרדעקנדיק דעם גאַנצן שטערן, אין איין האַנט אַ קאָשיקל, דער צווייטער אָרעם דורכגעצויגן אונטערן אָרעם פון אַ יונגער מיידל, אירע אַ טאָכטער מסתם, איז געגאַנגען איבער אשמענער גאַס צו סטראַשונער. אויף סטראַשון האָט אַ יידישער פּאָליציאַנט באַמערקט דאָס פּאָרל. אָט די יונגע בחורטע, עפּעס זעט זי אויס קענטלעך, ער האָט זי ערגעץ געזען, ניט אַמאָל פון זייערע? . . . און די אַלטע? טויב אַפּנים, וויל כאַפּן וואָס די טאָכטער זאָגט. גייען, ווייזט אויס, עפּעס „אָרגאַניזירן" . . . מילא, כאַפּט זיי דער רוח, ער האָט היינט בילכערע זאַכן . . .

דער פּאָליציאַנט — אַ געטרייער משרת ביי דעסלערן, אַז מ׳האָט געדאַרפט איז ער אפילו געפּאָרן קיין אשמענע . . . קיין שערלאָק האָלמס איז ער אָבער ניט געווען, קוקן אויף דער אַלטערס שיך, אויף די נעזער וואָס האָבן געשריען מיט זייער מענערישקייט איז אים אפילו ניט איינ־געפאַלן. די „מאַמע מיט דער טאָכטער" האָבן זיך דערקליבן צו דער זיכערער דירה, אַ קיכעלע ערגעץ אין אַ הויז אויף סטראַשון גאַס נומער פופצן, „די מאַמע" איז געבליבן דאָרטן, די מיידל איז אַוועק צוריק אין שטאַב, אָפּגעבן אַ באַריכט.

אין שטאָב זיינען געקומען געסט — שליחים פון יידן ראַט, דריי חשובע באַלעבאַטים. שטיל, בנימוסדיק האָבן זיי איבערגעגעבן די פאָדערונג פונם יידישן קאָמענדאַנט — אַרויסגעבן וויטענבערגן און, פאַרטרוילעך, בסוד סודות, צוגעגעבן: יעקב גענס האָט אונדז בפירוש געזאָגט אַז ער׳ט טון אַלץ וואָס ער קען, ער׳ט אויסליידיקן די קאַסע ביזן לעצטן מאַרק, און ער׳ט אויסלייזן וויטענבערגן פון זייערע הענט.

— גענס וועט אויסלייזן וויטענבערגן! — דער געוויקסיקער, קוועקזילבעריקער אבראַשא כוואַיניק איז אַזש אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. זיינע אויגן האָבן אַ קאַסע געטון די יידן־ראַטלער. טרייסלענדיק איין האַנט, די שטימע ציטערנדיק פון אויפרעגונג, האָט ער גערעדט, געשריען: — די האַנט וואָס האָט פאַרראַטן, קען זי ראַטעווען? גענס וועט אַרויסנעמען וויטענבערגן! ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן. — אויפגערעגט ווי אברהם כוואַיניק איז געווען, האָט ער דאָך ניט געקענט איבגאַנצן זיך באַפרייען פון אבראשאן דעם וויצלער, דעם בעל הלצה, און אין אַ פאַמפעזן טאָן אַ זאָג געטון: — זאָגט אייער קעניג יעקב דעם ערשטן אַז אפילו אַרויסגעבן וויטענבערגן, ווי ער האָט עס געפּרואווט, זיינען זיינע הענט געווען צו קורץ, און אַרויסנעמען וויטענבערגן זיינען זיי נאָך קירצער. אייער קעניג יעקב דער ערשטער איז ניט מער ווי אַ משרת ביי דער געשטאַפּאָ און איר — זיינע יוצר משרתים, אשר משרתים. איציק וויטענבערג איז דאָ ניטאָ און מיר קענען אים אייך ניט אַרויסגעבן. גענס, דעסלער ווילן וויטענבערגן, זאָלן זיי גיין אים זוכן, און איר גייט געזונטערהייד אַהין פון וואַנען איר זייט געקומען.

די שליחים זיינען אַוועקגעגאַנגען. יידן האָבן זיי געזען אַרויסקומען און פון זייערע פנימער אַראָפּגעלייענט: ניט אַרויסגעגעבן, האַ? און זיי האָבן אָפּגעזיפצט: וואָס וועט עס זיין? וואָס וועט עס זיין? מ׳וועט דאָך אומקומען, וועט מען! יידן זיינען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין מאלינעס און אַנדערע יידן זיינען אַרויסגעקראָכן פון מאלינעס, אַרויס אין דרויסן געוואָרע ווערן ווי האַלט עס. — ניט געכאַפּט נאָך, האַ?

— מ׳עט אים פאַקן!

— און אייך גייט עס אַזוי אין לעבן מ׳זאָל אים פאַקן?

— מענטש איינער! אויב ניט ער, גייען מ י ר אַ ל ע!

— און אויב אפילו אַזוי?

— רב יוחנן! גאָט איז מיט אייך! איר רעדט דאָך עפּעס גאָר־

ניט ווי קיין ייד. האיש האחד יחטא וכל העדה תחרב? (איין מענטש וועט זינדיקן און די גאַנצע עדה וועט חרב ווערן?)

— איר האָט אַ ביסל פאַרדרייט די יוצרות, רב אשר. דעם ריכטיקן פסוק — ועל כל העדה תקצף (און אויף דער גאַנצער עדה וועסטו צערענען)

— דאַרף מען פרעגן ביי ז י י, ביי די דייטשן, אָדער גאָר ביי אונדזערע מושלים.

— ניטאָ וועמען צו פרעגן אָדער וואָס צו זאָגן, ס׳איז אָדער ער איינער, אָדער מיר אַלע.

רב יוחנן „חסיד" — דאָס איז געווען זיין צונאָמען — האָט אַ קעם געטון מיט די פינגער זיין לאַנגע גרויע באָרד, די אויגן האָבן אַרונטערגעקוקט צו די פינגער, ווי זיך מישב געווען מיט זיי, דאַן אַ קוק געטון אויף רב אשרן. — געדיינקט איר דעם רמב״ם? „וכן אם אמרו להם עכו״ם: תנו לנו אחד מכם ונהרגהו, ואם לא, נהרוג את כולכם — יהרגו כולם ואל ימסרו להם נפש אחת מישראל". (און אויב די געצנדינער זאָגן צו זיי: גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייך און מיר וועלן אים הרגענען, און אויב ניט, וועלן מיר אייך אַלעמען דערהרגענען — זאָלן זיי אַלע געהרגעט ווערן, און זיי זאָלן ניט אַרויסגעבן קיין איין נפש פון ישראל). געדיינקט איר עס?

— געדיינק, אודאי געדיינק איך, איר געדיינקט אָבער אויך וואָס אַן אַנדער משה, ניט משה מימון, נאָר משה בן עמרם האָט געזאָגט. ווען דער רבש״ע האָט אים געזאָגט: הרף ממני ואשמידם ואעשה אותך לגוי עצום ורב ממנו, (לאָז מיך און איך וועל זיי פאַרטיליקן, און דיך וועל איך מאַכן פאַר אַ פאָלק שטאַרקער און גרעסער פון זיי), האָט משה רבנו געזאָגט: מוחל. איינער, מעג ער זיין אַ משה רבנו, איז קיינער, כל ישראל און רב ישראל, איז כל ישראל בילכער. און דער, וואָס פאַר אַ ישראל איז ער? אַ פושע ישראל, אַ עוכר ישראל, און צוליב אַזאַ איינעם אומברענגען צוואַנציק טויזנט יידן?

— ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא. (אַ ייד, אפילו אַז ער האָט געזינדיקט, איז ער אַ ייד).

— שטייט בפירוש געשריבן: ובערת הרע מקרבך. (זאָלסט אויסראָטן דאָס שלעכטס פון צווישן אייך).

די צוויי יידן מיט בערד זיינען געווען אַזוי פאַרטיפט אין זייער וויכוח אַז זיי האָבן גאָרניט באַמערקט ווי אַ דריטער ייד איז צוגעקומען, אַ ייד אָן אַ באָרד, און זיך גוט צוגעהערט צו זייער געשפּרעך, מיט אַ

שמייכל אין די אויגן: עס גייט אין לעבן און טויט — און וואָס פאַר אַ לעבן! און וואָס פאַר אַ טויט! — און צוויי יידן שטייען און שלאָגן זיך . . . מיט פסוקים. אינטערעסאַנט פונדעסטוועגן וואָס פאַר אַ פסוק וועט דער רב יוחנן ברייִנגען קעגן דעם לעצטן פסוק. ניט באַשערט געווען אים צו הערן דעם פסוק. תוך כדי מחשבה האָט ער דערפילט אַ ציִ פאַרן אָרעם און דערהערט: דאָקטאר! ראַטעוועט!

דער דאָקטאר האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, דערזען פאַר זיך אַן עלטערע פרוי, אַ טיכל אויפן קאָפּ, אַ שאַל אויף די אַקסל, אין איין האַנט אַ קלומעקל, מיט דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ יינגל פאַרן הענטל. דאָס יינגל האָט ער געקענט, משהלע הייסט ער, אָבער די אַלטע, ווער איז זי און וואָס איז איר?

— וואָס אַזוינס?

די צוויי יידן האָבן אַ דריי געטון די קעפּ. די פרוי האָט אַ ציִ געטון דעם דאָקטאר, אים ממש אָפּגעשלעפּט פון אָרט, געשפּאַנט און אים גע־צויגן נאָך זיך.

— וואָס טוט אייך וויי?

— וואָס מיר טוט וויי? ס'איז מיר אַז אָך און וויי.

— וואָס פאַרט? — האָט דער דאָקטאר שוין אומגעדולדיק אַ פרעג געטון. קאַרג פאַר אים דער מעדיצינישער פונקט, דאַרף ער נאָך „אויפ־נעמען פּאַציענטן" אין גאַס.

— איר מוזט מיך ראַטעווען, געפינען פאַר מיר אַ מאַלינע, אַ בוידעם, אַ קעלער, אַ לאָך, אַבי ערגעץ פאַרשטעקן. מילא מיך יאַק מיך, אָבער דאָס קינד!

דער דאָקטאר האָט אַ קוק געטון אויפן יינגל. אַ וואויל יינגל. און אַ פּאָר אויגן דאָס האָט! דער טרויער פון דער גאַרער וועלט קוקט אַרויס דורך זיי. — וואָס עפּעס פּלוצלונג אַ מאַלינע?

— וואָס! איר ווייסט גאָרניט? איציק! איציק וויטענבערג! דאָס איז מיין מאַן! אַ מאַן. אַז אָך און וויי . . .

— וואָס זשע? — דער „פּאַציענט" האָט שוין פאַראינטערעסירט דעם דאָקטאר.

צוואַנציק יאָר אַז מיר זיינען מאַן און ווייב. די ערשטע פאַר יאָר איז געווען זייער גוט. ער איז געווען אַ גוטער פאַרדינער, אַ געטרייער מאַן און פאַר די קינדער — די פינגער וואָלט ער זיך געלאָזט שניידן. האָט זיך אָבער אַריינגעכאַפּט אין אים אַ דיבוק, האָט זיך אַריינגע־

נומען אַ מאנקאָליע אין קאָפּ ער'ט איבערמאַכן די וועלט, און פרעגט שוין ניט! ווי פּיל איך האָב ניט געטענהט מיט אים: וואָס אַרט עס ד י ך? וואָס גייט עס דיר אָן? איז רעד צו אים און רעד צו דער וואַנט, און אַז ער האָט שוין יאָ געענטפערט איז: גיי, ביסט אַ נאַרישע יידענע! וואָס ער האָט אויפגעטון מיט זיין חכמה זעט איר דאָך. ביז דער מהומה איז נאָך פונדעסטוועגן געווען צו דערליידן, עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות, האָב איך אים שוין גאָרניט אָנגעזען אין די אויגן. וואָס מיר ווייב, ווער מיר קינדער? וואָס דאַרפט איר מער? אפילו אויפגעהערט אַרבעטן. איר הערט דאָך, אַ בעדער איז ער געוואָרן! פריער האָב איך גאָרניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען, געמיינט, באַהיטע גאָט, די כאַפּונעס האָבן אים אויסגעכאַפּט. איר ווייסט דאָך, מ'האָט געכאַפּט, אָוועקגעשיקט אויף אַרבעט . . . ערשט איך דערוויס זיך, ער זיצט אין באָד, זיצט ער, טאַקע דאָ אויף סטראַשון, בין איך אַוועק צון אים. אַז ער שפּרינגט ניט אויף מיט אַ רציחה, מיט אַ כעס — איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען אַזוי אין כעס — „ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער? ווער האָט דיך געשיקט?" — איר הערט? ווער עס האָט מיך געשיקט! האָב איך זיך צעוויינט: די צרות האָבן מיך געשיקט, דער הונגער האָט מיך געטריבן. דער כעס איז אים גלייך אָפּגעגאַנגען. ער האָט מיר דער־לאַנגט אַ פּאָר פּאַפּירלעך: „נאַ! מער האָב איך ניט". און דאָס גלויב איך אים. בנאָטור איז ער זייער אַ גוטער. „און זאָלסט אַהער מער ניט קומען! דו הערסט? זאָלסט ניט קומען! כ'וועל האָבן געלט וועל איך דיר ברייננגען, צושיקן, אָבער דו אַהער זאָלסט ניט וואַגן אַריינשטעלן אַ פוס!" מיט די ווערטער. מילא, ניט איז ניט. מיינט איר דאָך ער איז געקומען? איין מאָל, צוויי מאָל איז ער יאָ אַריינגעפאַלן, געבראַכט אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפל, מער האָב איך אים נישט געזען. האָט זיך ז'ביוכעט מיט עפּעס אַ פּאַסקודסטווע, גאָר ניט קיין היגע, און כ'זע אים ניט אין די אויגן. אָבער פאַר גאָט און פאַר לייט, פאַר דער געשטאַפּאַ איז ער מ י י ן מאַן, זיי זוכן אים אַרום, באַלד וועלן זיי קומען, מיך פאַרנעמען פאַר אַ משכון, ז י וועט מען נ י ט נעמען, אָבער מיך יאָ. איז מילא איך, מיין וועלט איז שוין סיי ווי פאַרשפּילט, אָבער דאָס קינד! דער עלטערער, יענער גייט שוין אין טאַטנס דרכים, אָבער דער! דאָקטאָר! ראַטעוועט אים, באַהאַלט אונדז!

— אָט די קריינק איז אפילו ניט מיין ספּעציאַליטעט, — האָט דער דאָקטאָר אַ שמייכל געטון, אָבער עפּעס קען ער טון פאַר אָט דער יידענע.

אויף זאוואלנע האָט ער דאָך עפּעס אַן „אייגענע" מאלינע. אפשר וועט ער זי קענען אַריינשפּאַרן אַהין.

די מאלינע איז געווען געפּאַקט, פונדעסטוועגן, ווען די יידן, מענער, פרויען, האָבן אים דערזען, האָט מען ווי געמאַכט אַ וואַרע פּאַר אים. אָט דער כבוד, וואָס די יידן, זיינע פּאַציענטן און אפילו ניט פּאַציענטן, האָבן אים צוגעטיילט איז אים געווען גאַנץ ניחא. דאָס איז געווען עפּעס ניט קיין כבוד, נאָר אַ מין דרך ארץ און אויך דאַנקבאַרקייט, געלטלאָזער שכר, און ער האָט דעם שכר אָנגענומען אויך מיט דאַנק: פּאַרט מענטש־לעך. ער האָט אַ רעד געטון מיט איינעם, אַ צווייטן, מ'האָט זיך אַ רוק געטון, אַ שפּאַר געטון, געמאכט פּלאַץ פאר איר מיטן קינד. דער דאָק־טאר האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין, ווען אַ פרוי האָט אַ פרעג געטון:

— נו, מ'האָט אים שוין געכאַפּט?

— אוי, ווי דערלעבט מען שוין מ'זאָל אים פּאַקן, דעם וויטענבערג!

וויטענבערגס פרוי האָט זיך אַ קער געטון צו דער יידענע. — און אייך גייט עס אין לעבן מ'זאָל אים פּאַקן. וואָס זשע, ער האָט אייך עפּעס שלעכטס געטון?

— מיר? חס וחלילה. מיר גופא האָט ער קיין שלעכטס ניט געטון, קען אים אפילו ניט, קיינמאָל זיין פּנים ניט אָנגעזען, אָבער ער איז אונדזער אומגליק, מ'עט אים ניט כאַפּן וועלן מיר אַלע אומקומען.

— שרעקט זיך ניט, אייך וועט מען ניט טשעפּען. איר זייט ניט זיין וויב, אָדער זיין מאַמע, אייך וועט מען גאָרניט טון.

— אַז איר זייט שוין יאָ אַזאַ חכמה, זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, וואָס זייט א י ר געקומען אַהער? איר זייט אפשר זיין מאַמע, וואָס?

וויטענבערגס פרוי האָט אַ כאַפּ געטון דעם קינדס הענטל, אָט אָט שפּרינגט זי אויף. דער דאָקטאר האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אָקסל, דער באַריר אַ לייכטער, דאָך האָט ער באַצווינגען, געהייסן: זיץ! זיץ רואיק! ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, איינגערוימט: רעדט וואָס ווינציקער. שוויַגט. געזינטער אַזוי. דערנאָך האָט ער זיך גע־ווענדט צו דער שכנה, איר אויך איינגערוימט: איר האָט איר ווי געטון. זי האָט ערשט פאַרלאָרן איר . . . ן אַ זון . . . אָבער טשעפּעט זי מער ניט, פאַרענטפערט זיך ניט, זאָגט איר גאָרניט. און גלעטנדיק מיט די אויגן די פּאָר פרויען, די אַנדערע, האָט דער דאָקטאר זיך אַרויס־געשאַרט פון דער מאלינע. איינגעאָטעמט אַ ביסל פרישע לופט, האָט דער דאָקטאר אַ קער געטון דעם קאָפּ צו דער מאלינע, און אַ שמייכל,

קלוג און ביטער, האָט זיך צעשפּילט אין זײַנע אויגן. „איר זײַט אפשר זײַן מאַמע?" אָט דאָס הייסט וכדי בזיון וקצף, צו דעם בראָך נאָך אַ צוגאָב אַ שטאָך. דער שפּאַס איז — זי קען גילטן פאַר זײַן מאַמע. זי איז זיכער אַריבער פופציק. און ער, נאָך אַ יונגער מענטש, קיין פערציק ניט. קאָמאַנדיר פון פ.פּ.א., געשטאַפּאָ פּאַדערט זײַן קאָפּ, זײַן נשמה, און אַן אַלטע ווײַב, קינדער, אַ געליבטע . . . מענטשלעך לעבן . . .

די לעצטע צוויי ווערטער זײַנען ביי אים געווען אַ מין טעגלעכער רעפריין, נאָך אַ טאָג אַרומגיין אַרום חולאים, געזען דעם מענטשן אין זײַן גאַנצער שוואַכקייט, האָט ער, ווי מלמד זכות געווען אויף אים — „מענטשלעך לעבן". היינט, נאָך קיין חולה ניט געזען, אָבער די מעשה וויטענבערג, די צוויי יידן מיט די פּסוקים, איצטער די ווײַב, די אַנדערע ווײַבער — מענטשלעך לעבן! — דאָקטאָר! — האָט ער צו זיך אַליין אַ שמייכל געטון, — דאָס איז אויך אַ פּסוק! הער אויף זאָגן פּסוקים, גיי דיר צו דײַנע חולאים, טו וואָס דו קענסט פאַר זיי און צייט אַ טראַכט טון וועגן עפּעס טון פאַר זיך. די מעשה וויטענבערג איז ניט קיין גוטער סימן, גאַראַנטירט קיין גוטער.

אין אַמבולאַטאָריע שוין האָט ער דערהערט די שטימע פון אַ פּאָליציאַנט אין דרויסן: יידן! העלפט אויפזוכן וויטענבערגן! גייט אַרויס וויטענבערגן און ראַטעוועט די געטאָ! קוקט זיך אַרום, אפשר איז ער דאָ צווישן אייך. גייט אים אַרויס. און דער דאָקטאָר האָט געזען, איין פּאַציענט האָט אַ קוק געטון אויפן צווייטן — אפשר איז יענער וויטענבערג?

אין די הייזער, מאַלינעס, בוידעמער, קעלערס; פּאָליציאַנטן, אַגענטן, שטאַרקע, סתם יידן, און אויך זײַנע חברים האָבן אים געזוכט. יאָ, אויך זיי האָבן אים געזוכט.

שעהן לאַנג איז מען געזעסן, דעבאַטירט — אַרויסגיין מיט געווער, אָדער אַרויס . . . געבן? וואָס האָט מען ניט איבערגערעדט און וואָס האָט מען ניט אַרויסגעזאָגט? אַרויסגיין מיט געווער, קעגן וועמען? ווען זיי קענען אַרויסגיין, אַ געשריי טון: מי לאדני אלי! זיך אַ לאָז טון, די גאַנצע מאַסע, שיסן דײַטשן, פּאַרברענען, צעשטערן, שלאָגן, הרגענען, זיך דורכרײַסן, אומקומען בדאי, אָבער ווי מענטשן! דאָס קענען זיי אָבער ניט. אָט זיצן זיי דאָ, זיצן אויף אַן אינזל אין אַ שטורעמדיקן ים, זאָלן זיי אַרויסשטעלן אַ פּוס, אַרונטערלאָזן אין שיפל, געבן איין שאָס, און די כוואַליעס וועלן זיי פאַרפלייצן, דער מענטשן־ים

איז קעגן זיי. שיסן מיינט שיסן אויף יידן, די דייטשן וועלן נאָך אָנ־קוועלן פון דעם ספּעקטאַקל: די יידן מאַכן זיי גרינגער די אַרבעט ... ניין, דעם נחת רוח וועלן זיי די דייטשן ניט פאַרשאַפן. בלייבט ... אַרויסגעבן! שווער, אוי ווי שווער! אָבער פאַרפאַלן.

— פאַרפאַלן, — האָט געזאָגט דער שטאַב; — פאַרפאַלן — האָט באַשלאָסן די פּאַרטיי, און שטאַב און פּאַרטיי האָבן עס געדאַרפט לאָזן וויסן דעם קאָמאַנדיר. איז מען געגאַנגען צו זיין באַהעלטעניש און אים ... דאָרט ניט געפונען.

גייענדיק צו דער באַהעלטעניש, איז דעם קאָמאַנדירס איינציקער, דרינגענדיקער געדאַנק געווען — קומען אַהין! די אויגן האָבן אויס־געמיטן צו באַגעגענען דעם קוק ניט נאָר פון אַ פּאָליציאַנט, נאָר אויך פון פּשוטע מענטשן, ער האָט אָבער פאָרט געזען אי די פּאָליציאַנטן אי די מענטשן, מענטשן מיט שטעקנס, אייזנס, צעיושעטע, גרייט צו שלאָגן, הרגענען, און מענטשן שטילע, פאַרזאָרגטע: וואָס וויל ער פון אונדזערע יאָר? מיר ווילן לעבן, ווילן מיר, און ער ... אויערן האָבן זיך כלומרשט צוגעהערט צום „געשפּרעך" פון זיין באַגלייטערן, געהערט האָבן זיי: יידן פון הייזער! יידן פון מאַלינעס! גיט אַרויס וויטענבערגן! ער איינער און צוואַנציק טויזנט!

אַ קורצע שטרעקע, אָבער געצויגן האָט זי זיך מיילן לאַנג, שעהן טיף, און ווען ער איז סוף כל סוף אַריין אין צימערל, איז ער געווען פאַרמאַטערט, דערשעפּט. אין זיין ווייבערישן טראַכט האָט ער זיך אַרונ־טערגעלאָזט אויף דער נאַרע דאָרט, צוגעמאַכט די אויגן — רוען, שלאָפן. געציילטע מינוטן איז ער געליגן, אָבער ווען ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט מיט אַמאָל, ראַש זיך אויפגעזעצט, האָט זיך אים געדוכט ער איז געשלאָפן שעהן לאַנג, און אויפגעוועקט האָט אים ...

ניין, קיינער האָט ניט געקלאַפּט, קיינער איז ניט געקומען, ער איז איינער אַליין. — איינער אַליין, — האָט עס איבערגעזונגען אין געדאַנק ווי אַ רעפריין, פון די דיקלעכע ליפּן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט — איינער אַליין, — און דערהערט די צוויי ווערטער האָט ער שאַרף דערפילט זייער פולע באַדייטונג. זיי וועלן ניט אַרויסגיין אין גאַס. די גאַס איז קעגן זיי, און דער עיקר קעגן אים ... די מענטשן פון גאַס ווילן לעבן, לעבן! און ער? ער וויל אויך לעבן, אָבער ניט אַזאַ לעבן, און דער עיקר ניט אַזאַ טויט. שטאַרבן, דאַרויף איז ער גרייט, אָבער אַליין גיין צו דעסלערן! ער'ט עס ניט טון!

איציק האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעגלייכט. צוקאָפּנס פון דער נארע איז געהאנגען אַ שפּיגעלע. ער האָט זיך אָנגעקוקט, און ער האָט זיך שיר ניט צעלאַכט — אָט דער אָ, די אָ, איציק וויטענבערג, לעאָן, דער קאָמאנדיר פון דער פ.פּ.אָ.! ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויסטון, אָבער מער ווי דאָס טיכל פון קאָפּ האָט ער ניט ארונטער־גענומען. אָט די קליינע ענדערונג האָט אים צוריקגעבראַכט זיין איי־גענעם פּנים — ער א י ז קאָמאנדיר! ער קען באַפוילן ארויסגיין אין קאַמף. קען ער? קעמפן קעגן . . . יידישע טרעגער, קוימענקערער, ארבעטער, סתם יידן. קעגן די דייטשן וועלן די אַלע זיך ניט שטעלן, זיי זיינען אלע קעגן אים, ער איינער און זיי צוואנציק, אכצן טויזנט. די פ.פּ.אָ. וועט ניט וואַגן ארויסגיין אין גאַס צוליב אים איינעם. ער איז איינער אליין. און אים האָט מיט אַמאָל ארומגעכאַפּט אַ ביינקעניש נאָך מענטשן, אַ מענטשן, אַ חבר, אַ פריינט . . . עדזיע! דערהערט דאָס וואָרט אין געדאַנק, דערזען איר פּנים, האָט ער פארחידושט אַ שמייכל געטון: ווי איז דאָס אים ביז איצט ניט איינגעפאַלן? געדארפט געווען גיין גלייך אַהין. אָבער אפילו איצט . . . אַ קורצער ישוב הדעת — זיך אויסטון, אָדער ארויפציען צוריק דאָס טיכל? אין די בגדים איז זי־כערער. ניט אין גאַס, גיין דורך די בוידעמער, ער'ט זיך דערלאַנגען!

פלינק ווי אַ קאַץ האָט ער זיך געדראַפּעט, געשפּרונגען פון בוידעם צו בוידעם, די גאַס אונטער אים — אַן איבערגעקערטע וועלט, די מענטשן דאָרט ליאַלקעלעך, פּינטעלעך, בעסער ניט קוקן אַהין, גיכער! גיכער! אָט איז שוין אשמענער, זיך דערשלאָגן צו יאנאוּוסקיס הויף . . .

— העי!

מיט איין פוס שיר ניט אין דער לופטן איז איציק געבליבן שטיין, די אויגן אונטער דעם שטערן־דעכל זיינען ארויפגעקראָכן העכער, פאַר־זשמורעטע, אָנגעשטריינגטע האָבן זיי דערזען — אַ קוימענקערער. דעם קוימענקערערס אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, פון זיין פאַרחידושט מויל איז אַרויסגעפאַלן: אָ—ה! דער „אָ—ה!״ אונטערגעבעט מיט אַ — דאָס ביסט—ו! קלאָר, מ'האָט זיך דערקענט. דער קוימענקערער האָט גע־מאַכט אַ באַוועגונג. איציקן איז ניט געווען קלאָר צי וויל ער אַרונ־טערלויפן, אָדער עמיצן אַרויפרופן, ער האָט אָבער שאַרף דערפילט — געפאַר! אַ שונא. אַרויסציענדיק דעם רעוואָלווער האָט ער שאַרף אַ זאָג געטון: האַלט ס'מויל! מיטן רעוואָלווער אין האנט האָט ער גערוקט דעם קוימענקערער טיפער, טיפער אין בוידעם. — זיך ניט רירן

פון אָרט! — און נאָך אײדער דער קוימענקערער איז געקומען צו זיך איז שוין איציק נעלם געוואָרן.

אַרונטער דאָס טיכל, אַרויס פון קלייד, איצט איז עס נוצלאָז און עס שטערט. ווי אַ חיה וואָס האָט נאָר וואָס דערזען דעם יעגער איז איציק געלאָפן. דער קוימענקערער וועט אַרונטערגיין, דערציילן, רופן פּאָליציי, אָבער דאָס נעמט צייט, עטלעכע מינוט, אין די עטלעכע מינוט . . . עדזיע!

— כאַפּט איציק וויטענבערגן! ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטער פרוי, גייט אָנגעטון אין אַ לאַנגער שוואַרצער קלייד, אַ טיכל אויפן קאָפּ, — האָט איציק נאָך דערהערט אַ פּאָליציאַנט שרייען. דער שוואַרצער שד אַרבעט שנעל! אָבער ער האָט אים אין דר׳ערד, אָט איז עדזיעס הויז, איר בוידעם שטיבל . . .

— אַ ביסל וואַסער! — האָט ער קוים אַרויסגעכריפּעט. אַרונטער־געשלונגען, אַ דריי געטון מיטן מויל ווי צעקייענדיק דאָס וואַסער, האָט ער אויסגעשטרעקט די גלאָז.

— נאָך?

— אַ דאַנק. מער קיין וואסער וויל איך ניט . . .

טייערע עדזיע! פון וואַנען האָט זיך צו איר גענומען דאָס קליינע ווייסע טיכעלע? זיווישט דעם שוויס פון זיין פּנים, און אים ווערט אַזוי קיל, אַזוי לייכט; אירע פינגער, ווייכער נאָך פון דעם טיכעלע, שאַרן אַרויף די האָר ביים שלייף, לייגן זיי איין, און מיט די האָר ווערט אויך איינגעלייגט זיין אומרו. זיך אָוועקלייגן, זיך אויסציען, עדזיע מיט אים. איידער דער קאָפּ לאָזט נאָך איינגאַנצן, טוט ער אַ שטאַרקן צוק, דער קאָפּ טוט זיך אַ קער צו דער טיר.

— פאַרשלאָסן.

דאָס איינע וואָרט, אַן ענטפער אויף זיין ניט אַרויסגעזאָגטער שרעק, שטעכט אויס די גאַנצע געשפּאַנטקייט פון זיין קערפּער. ווילנע, געטאָ, הייזער, אין איינעם פון די הייזער אַ פאַרשלאָסן קעמערל, אַ צוויבער שלאָס, אַהין גרייכט ניט דער געשריי: גיט אַרויס וויטענבערגן! ווי־טענבערג איז גאָר די נאַכט ניט געוועזן ביי גענסן, מ׳האָט אים ניט אַרעס־טירט, ער איז נישט אַנטלאָפן; קיינער פאָדערט ניט זיין קאָפּ און ער פאָדערט ניט קיינעמס קעפּ; ער איז ניט לעאָן, דער קאָמענדאַנט פון דער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, ער איז איציק, איציקל . . . און לעבן אים איז עדזיע . . .

דריי קלעפּ אין טיר. דער צויבער שלאָס איז פאַרשוואונדן. ער קאָן דאָס קלאַפּן. חברים. צו אים.

חוץ דער פּאָליציי, האָט די פּאַרטיי, דער שטאַב געזוכט איציקן, ניט געפונען אים אין זיין באַהעלטעניש, זיינען זיי געבליבן שטיין גע־פּלעפט. שיקט זיך עס ער זאָל האָבן אַנטלאָפן? דערפילט וואָס מ׳האָט באַשלאָסן, איז ער נעלם געוואָרן? . . . קען ניט זיין! ניט איציק! דער קאָמאַנדיר! . . .אָבער וואו איז ער? סאָניע האָט אַ זשמורע געטון די אויגן, פון די קוים געעפנטע ליפּן האָט זיך אַרויסגעגליטשט: עדזיע. אויגן האָבן זיך איבערגעקוקט. הער אַ מעשה! טאַקע, ווי איז זיי דאָס ניט איינגעפאַלן? — מיר גייען צו אים, אָבער ניט אַלע מיט אַמאָל. איינציקווייז, און אַ וואַך מוז אוועקגעשטעלט ווערן.

זיי האָבן זיך געלאָזט צום קאָמאַנדיר.

דריי קלעפּ אין טיר.

פונם אופן ווי זיי האָבן איינציקווייז זיך אַריינגעשטעלט, אויף זייער פּנימער, אין זייערע אויגן האָט ער געזען דעם באַשלוס, פונ־דעסטוועגן, ווען ער האָט דערהערט די רייד אַרויסקומען פון סאָניעס מויל, האָט ער פאַרחידושט אַ קוק געטון אויף איר: סאָ—ניע! איז דאָס ריכטיק?

סאָניע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, איבער איר ליכטיק פּנים האָט זיך אַ וואָלקן פאַרצויגן, פון דעם וואָלקן האָבן איינצלנע שווערע טראָפּנס אַ קאַפּע געטון: — דאָס איז דער באַשלוס פון קאָמיטעט און אויך פון שטאַב.

— און וואָס איז מכוח דעם ש ט אָ ט י ש ן קאָמיטעט?

סאָניע האָט אַ הייב געטון די אויגן, ערנסט, שיר ניט מיט פאַר־וואורף אַ קוק געטון אויף איציקן. — דער שטאָטישער קאָמיטעט? אָט איצטער אָ איז אוממעגלעך קומען אין קאָנטאַקט מיטן שטאָטישן קאָמיטעט. די געטא איז אָפּגעשלאָסן. אין אַזאַ פאַל איז דער געטא קאָמיטעט קאָמפּעטענט צו האַנדלען. און ווער איז איצט דאָ אין שטאָ־טישן קאָמיטעט? . . . דעם באַשלוס האָט באַשטעטיקט בערל שע־רעשניעווסקי . . .

— „און ווער איז איצט דאָ אין שטאָט קאָמיטעט?״ — האָט איציק איבערגעזאָגט אין געדאַנק די ווערטער. ווען דער „זיידע״ וואָלט געווען! ער וואָלט אַזאַ באַשלוס ניט דערלאָזט. אָבער דער זיידע, (וויטאַס, פירער פון די קאָמוניסטן) ער האָט זיך אויפגעהאַנגען אין

תפיסה אויף זיין אייגענער העמד נאָך איידער די געשטאַפּאָ האָט באַוויזן אים נעמען אויפן פאַרהער. ער׳ט אויך אַזוי טון.

— גוט. די געשטאַפּאָ פאָדערט דעם קאָמאַנדיר? וועל איך זיך דערשיסן פאַר אַלעמען אין די אויגן, דאָ האָט איר אים. אָבער ג י י ן צו זיי, צו דעסלערן, ד אָ ס, קיינמאָל!

— אָבער קיטעל פאָדערט דעם קאָמאַנדיר אַ ל ע ב ע ד י ק ן!

איציק האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ ווי ער וואָלט געוואָלט כאַפּן דעם, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט. אַלע האָבן אַרונ־טערגעלאָזט די אויגן.

— חברים! — האָט אַ קלינג געטון אַ וואַרימער רוף. — איך האָב אַן אויסוועג. דער קאָמאַנדיר קען אַהין נ י ט גיין. אָבער פאַרוואָס וויל די געשטאַפּאָ אים דווקא אַ לעבעדיקן? קלאָר, זיי ווילן ידיעות, אינפאָרמאַציע וועגן שטאַב, דער פ.פּ.אָ. גייען מיר, די שטאַב מיטגלידער, אינאיינעם מיטן קאָמאַנדיר, אַרויס אין גאַס, דערשיסן זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן. קיינע ידיעות זיינען מער ניט נויטיק.

די רייד האָבן אויפגעריסן אַלעמענס אויגן. און געזאָגט האָט עס אברהם כוואָיניק, דער לעבנסלוסטיקער אבראַשאַ. ער, וואָס האָט אַזוי הנאה פון אַ וויץ, אַ געלעכטער, און געזאָגט האָט ער עס ניט אויף געלעכטער, עס איז גאַנץ ערנסט . . .

— ניין, — האָט איציק אַ זאָג געטון, און דער קורצער „ניין״ איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל ערנסט, אַז דאָס איינע וואָרט האָט אָפּגעשטופּט אבראַשאַס אַלע רייד. — טון וואָס אבראַשאַ שלאָגט פאָר מיינט עפּנטלעך באַנקראָטירן. דאָס ניט. דער קאָמאַנדיר קען גיין, די אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע מוז בלייבן.

דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע״, ווי עס איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל — עפּעס אַ באַזונדערע וועלט, אַ אינזל אין ים, אָט דער אינזל איז אַרומגעצאַמט מיט אַ שטאַרקן, געדיכטן פּלויט, אַרויסנעמען פון אים עטלעכע שטאַכעטן, דאָס טאָר מען ניט, דער גאַנצער אינזל וועט גיין לאיבוד, און, דער ים, די ג ר ו י ס ע וועלט, יענע מעג אונטערגיין, אָבער ז י י ן וועלט, די אָרגאַניזאַציע, זי מוז בלייבן.

— אינפאָרמאַציע? איך בין ניט קאָזלאָווסקי . . . איך קען אויס־האַלטן, פאַר א נויט קענט איר מיר פאַרשאַפן אַ ביסל ציאַן־קאַלי . . . די פּאַרטיי, די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן איך זאָל גיין . . . — די ליפּן האָבן זיך אַ קנייטש געטון, — גיי איך.

די שטילקייט האָט געשטיקט, געוואָרגן. אבא האָט אַ קנייטש געטון, אַ קניפּ געטון דעם האַלז. — חברים! חבר קאָמאַנדיר! דאָ איז ניט קיין פראַגע פון אויספירן אַ באַשלוס. מיר זיינען אַלע דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן, מיר זיינען אָבער ניט נאָר סאָלדאַטן, מיר זיינען חברים! די חברים, דער שטאַב, דער קאָמיטעט האָט איינגעזען אַז אַן אויפשטאַנד היינט איז אוממעגלעך, דאָס וואָלט געמיינט אַ באַטאַליע פון יידן קעגן יידן. דער דייטש וואָלט געקוואָלן פון נחת, די יידן פאַרגרינגערן אים די אַרבעט, אַלץ וואָס אים וועט בלייבן איז אַריינקומען, פאַרענדיקן. דעם נחת טאָרן מיר אים ניט פאַרשאַפן. בלייבט, אָדער זיך אונטערגעבן, אָדער איגנאָרירן דעם באַפעל און היינט, מאָרגן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך דורכרייסן אין וואַלד אַריין. דאָס קען מען טון. אָבער דער טערמין איז היינט זעקס פאַרנאַכט, אויב מ׳גיט זיך ניט אונטער ביז דאַן וועט זיין אַ שחיטה. מיר קענען ניט וויסן צי דער דייטש וועט טאַקע אַריין מיט טאַנקען, ווי דער הונט דעסלער סטראַשעט, מעגלעך אַז ניט, זיכער איז אָבער אז א שחיטה וועט זיין, אויב קיטעל וועט זי ניט מאַכן, וועט דעסלער און גענס דאָס טון, זייל׳ן עס מוזן טון צו ראַטעווען זייערע אייגענע קעפּ. וויסן אַז ס׳איז דאָ אַ קאַמף אָרגאַניזאַציע, לאָזן די פירער אַנטלויפן, פאַר דעם גיט מען ניט קיין גלעט איבערן קעפּעלע, מולך וויל קרבנות און זיי וועלן מוזן געבן. וועלן ניט אומקומען קיין צוואַנציק טויזנט, ווי זיי סטראַשען, וועט עס זיין צוויי טויזנט. פרעגט זיך: צי קען ווער פון אונדז אַוועקגיין אין וואַלד מיט צוויי טויזנט, צי אפילו מיט צוויי הונדערט טויטע יידן אויף זיינע פּלייצעס? שטאַרבן קען יעדער איינער פון אונדז, קענען מיר ל ע ב ן מיט אַזוי פיל מתים אויף אונדזערע פּלייצעס? דעסלער קען לעבן מיט אשמענע, גענס קען לעבן מיט קאָוונע אויף זיינע פּלייצס, מיר? איך קען ניט, ער קען ניט, זי קען ניט...

דער פינגער האָט געטיקעט אויף איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן, און געבליבן שטעקן אין דער לופטן.

— און איך קען אויך ניט, — האָט איציק אויפגעכאַפּט דעם פינגער. — צוויי טויזנט צי אפילו צוויי הונדערט יידישע הרוגים אויף די פּלייצעס איז אַ צו שווערע טויטע מאַסע אפילו פאַר אַ קאָמאַנדיר . . . גוט, איך גיי אויף מיין אייגענער אחריות. — זיינע אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט, אַ שפּיזלדיקער קוק, אַ שאַרפער שמייכל. — און זייט רואיק, איך נעם זיך אַרונטער פון אייערע פּלייצעס . . .

אַלע האָבן אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— איך גיי, אָבער ווילן זאָלט איר אַז מיט מיר גייט גאַנץ ווילנע, אָדער וואָס איז געבליבן פון איר. ווילנע וועט אומקומען. איך ווייס ניט ווי גיך, אין אַ חודש, צוויי, זעקס חדשים, אָבער זי וועט אומקומען. ביז איינעם. ווילנע וועט זיך נ י ט שלאָגן! אויב זי האָט זיך היינט ניט געשלאָגן וועט זי שוין קיינמאָל זיך ניט שלאָגן. מ׳האָט אונדז גערופן אין וואַלד אַריין, אָבער איך האָב ניט געוואָלט, ניט געלאָזט גיין, ד אָ קעמפן! און דאָס איז געווען מיין טעות. ניטאָ מיט וועמען. איך מיין ניט אייך. איר זייט אַלע גוטע חברים, געווען גוט צו אַרבעטן מיט אייך, אָבער דאָרטן, אין גאַס . . . איך בין געווען אין דרויסן, געזען, געהערט וואָס דאָרט טוט זיך. מיר האָבן גוט געאַרבעט, אַלץ אָרגאַ־ניזירט, נאָר ניט דעם עולם. זיי, די „שטאַרקע״ אַזוי גוט ווי די שוואַכע, זיינען קעגן אונדז, זיי ווילן לעבן אום יעדן פּרייז, און דער פּרייז איז היינט, סוף כל סוף, גאָר ניט אַזאַ גרויסער. וואָס איז איין . . . קאָמאַנדיר?

— דאָ האָסטו מיין נאַגאַן. פון איצט אָן ביסטו קאָמאַנדיר. איך קען מער ניט באַפעלן, איך וויל דיר אָבער זאָגן: מאַך ניט קיין טעות! ווילנע וועט זיך נ י ט שלאָגן! אין וואַלד אַריין! איך קען דיר ניט זאָגן ווען, היינט, מאָרגן, איבערמאָרגן, אָבער ניט דאָ, אין וואַלד אַריין! פון דאָרטן זיך שלאָגן אויף לעבן און טויט, און ניט נאָר פאַרן אייגענעם לעבן, נאָר פאַר אַלץ וואָס מיר האָבן געקעמפט ביז אהער. געדיינקט זשע, אין וואַלד אַריין!

— און איצט, גייט אַרונטער און גיט איבער אַז איך גיי. זאָגט זיי אַז איך גיי אַליין, פון מיין אייגענעם פרייען ווילן, און איך דאַרף ניט קיינע שומרים. איר הערט? קיינע שומרים! און אויך קיין . . . לויה. האַלט זיך בעסער פון דער ווייטן. איצט ווילן זיי מיך, אָבער אַז זיי וועלן אויסשטרעקן זייערע לאַפּעס וועלן זיי אַריינכאַפּן סאָניען, כיענען, וועמען זיי׳לן נאָר קענען. האַלט זיך פון ווייטן, און האַלט זיך ביים געווער . . . גייט אַרונטער. איכ׳ל באַלד אַרונטערקומען. — איין אויג האָט זיך אַ קער געטון צו עדזיען.

קיין וואָרט איז ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. ערשט ווען מויל האָט זיך אָפּגעריסן פון מויל, האָט עדזיע אַ זאָג געטון: איין ווייליטשקע! זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, באַלד האָט איציק דערזען אירע צוויי פינגער אָט ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אַ שמעק טאַבאַק.

— דאָס האָב איך געהאַלטן פאַר זיך. ווי אַ זאַך מאַכט זיך. נאָך

פון לאָדזש געבראַכט. איצטער אָבער . . . דו וועסט עס אפשר דאַרפֿן . . . איכ׳ל זיך שוין אַן עצה געבן. נעם עס!

די אויגן געריכט צו אירע, האָבן די פינגער זיך בלינד געצויגן צו אירע.

— קענסט עס האַלטן אפילו אין מויל. דער קאַפּסול איז אַ גלעזערנער. אַ קנאַק מיט די ציין . . .

איר קינבאַק האָט זיך אַ באַוועג געטון, אַט ווי זי וואָלט אים געלערנט ווי דאָס צו טון, אָבער ניט נאָר די ציין האָבן זיך פֿאַרדריקט, אויך דער האַלז איז פֿאַרקלעמט געוואָרן. זי האָט אַ דריק געטון דעם האַלז, ארונטערגעשלונגען. — קען איך ארונטערגיין מיט דיר?

— ווילסט?

— ניט ביזן טויער. נאָר אַ ביסעלע . . .

— וועט אפשר זיין גרינגער צו גיין . . .

— — — — — — —

— ער גייט!

— ער גייט!

מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס געקאַכט, געגאַנגען, געלאָפֿן, געשריען, האָבן זיך אַ רוק געטון צו ביידע זייטן פֿון גאַס, געשאַפֿן אַ שפּאַליער, צוויי שטומע מענטשן־ווענט, און שטיל, אַז מ׳האָט געהערט איציקס יעדן טראַט. דער לאַנגער קאָפּ אויפגעהויבן, דער דינער, שאַרפֿער נאָז מיטן האָרביקל האָט געטורעמט איבער די פֿאַרשלאָסענע ליפּן, האַרטן מויל, די אויגן, פֿאַרזשמורעט, האָבן געשניטן דעם עולם פֿון ביידע זייטן.

אַ פרוי, וואָס האָט דעם גאַנצן פֿרימאָרגן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפֿרעגן צי האָט מען אים שוין געכאַפּט, דעם וויטענבערגן, האָט איצט געכאַפּט זיין קוק אויף זיך, און זי האָט ארונטערגעלאָזט די אויגן, זי האָט פֿרום אָפּגעזיפֿצט און נאָכגעשיקט: אַ דאַנקען גאָט!

אַ מאַן האָט אַ זאָג געטון: אַ העלד! און מיט אמאָל דערפֿילט אַן ענגשאַפֿט אין האַלז.

— גייט נעבעך צו דער עקדה, — האָט אַ פרוי אַרויסגעזיפֿצט און אירע אַקסלען האָבן גענומען ציטערן.

— אַזוי גיין דאַרף מען קענען!

— אוי, ווי דערלעבט מען שוין זען ז י י גיין!

— דאָס אויך דערלעבן!

—אוי, כ׳האָב מורא אַז ביז ס׳וועט קומען די נחמה וועט אַרויס די נשמה, נאָר גאָרניט, כל זמן שהנשמה בקרבי איז אַ דאַנקען גאָט דערפאַר, ניצול געוואָרן פון אַ צרה.

וואָווע טרעגער, דער מאַסיווער קאָפּ אויפן קורצן נאַקן ארונטער־געלאָזט, די ברעמען אָנגעבערשטלט, האָט אַפּירגעקוקט מיט ברוגזע אויגן. פון שלאָף האָט מען אים אויפגעריסן. כאַפּן וויטענבערגן. גע־קענט אַ ביסל צעפירן די הענט . . . איז אָט אַ גייט ער. אַ גיינגעלע! ער האָט אַ קנייטש געטון דעם מויל, פון ווינקל אַ שפּיי געטון. אַ שיינע ריינע כפּרה. נו, שטעל פּיס! ווערט ניט גוט קוקנדיק. ער האָט אַ צי געטון דעם דאַשעק צו דעם נאָז צו. ע ר , אַז ער׳ט שטעלן פּיס, וועט זיין וואָס צו זען. און ניט צו זיי . . . ניט וואָווע! ער . . . ער האָט אַ דריי געטון מיט די פּלייצעס, זיך אַרומגעקוקט איןביידע זייטן: האָט ווער געהערט וואָס ער האָט . . . געטראַכט? פּרעג, וואָס שטייט ער דאָ? ער איז דאָך געשטאַנען, געקוקט.

געשטאַנען איז אויך סאָניע מאַדייסקער. אויגן האָבן זיך באַגעגנט. האָט זיך זיין טראָט פאַרפּאַמעלעכט, אָדער איר האָט זיך עס נאָר גע־דוכט? ער גייט! ערשט נעכטן האָט זי אים געבראַכט הערש גליקס ליד: ז אָ ג נ י ט ק ײ נ מ אָ ל אַ ז ד ו ג ײ ס ט ד ע ם ל ע צ ט ן ו ו ע ג . זי האָט עס געפּרואווט זינגען מיט אים, איצט גייט ער . . . דעם לעצטן וועג . . . איר קיילעכיקער פּנים האָט זיך פאַרקרימט, די אויגן האָבן זיך פאַרקלעמט, די הענט האָבן זיך אַ יאָג געטון צום פּנים: ניט זען! ניט זען!

אלחנן חסיד, וואָס האָט מיט עטלעכע שעה צוריק זיך געאַמ־פּערט מיט רב אשרן, איז אויך געשטאַנען, געקוקט. די פינגער האָבן אַ גלעט געטון די באָרד, אַ דריק געטון דעם קין, דער קאָפּ האָט זיך לייכט געשאָקלט: אָט אַזוי אָ האָבן געמוזט גיין די עשרה הרוגי מלכות, די יידן אין שפּאַניע . . . ווי רואיק ער גייט. גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע . . . רבש״ע! אויב אים, אלחנען, איז באַשערט צו גיין, זאָל ער קענען גיין אָט אַזוי אָ, אַזוי רואיק, אַזוי . . .
רואיק?

אַ יונגערמאַן האָט ברייט צעעפנט די אויגן: אָט דאָס איז ער?! אַ יאָר צייט אַז ער באַלאַנגט צו דער פ.פ.אָ., ער האָט געהערט לייענען באַפעלן פונם קאָמאַנדיר לעאָן, ער האָט אויך געוואוסט אַז ס׳איז דאָ אַ איציק וויטענבערג, אָבער ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען, איצט

זעט ער אים — איציק־לעאָן! דער קאָמאַנדיר! ער א י ז אַ קאָמאנדיר! זיין שטעל, זיין גאַנג. סאַלוט דעם קאמאנדיר! ער האָט אַ שטרעק געטון איין אָרעם, אַ פאַרקרעמפּטער קולאק האָט אַרויפגעשאָסן אין דער הויך, אָבער צוזאַמען מיטן קולאק איז אויך פאַרקרעמפּט געוואָרן איין זייט פון קערפּער, אַ ציטער האָט אים צעטרייסלט, אָט אָט פאַלט ער אוועק. איינשטיין ביז דער קאָמאַנדיר וועט פאַרבייגיין!

דער קאָמאנדיר האָט געזען דעם סאלוט. די ליפּן האָבן זיך אַ קנייטש געטון: זיין אַרמיי . . . זיי אַלע דאָ. אַ פּאָכע טון מיט אַ פאָן — פאַר אונדזער לעבן! פאַר אונדזער כבוד! פאַר פרייהייט! טויט דעם שונא! — און זיי, מיט ביקסן, רעוואָלווערן, גראַנאַטן, העק, שטעקנס, שיסן, הרגענען, שלאָגן, ברעכן, דורכברעכן, זיך אַרויסרייסן! אַ טעות. אַ ביטערער טעות. זיי שטייען אַלע, קוקן ווי ער גייט, וואַרטן אומגעדולדיק, ווילן ער זאָל גיין גיכער, גיכער! פּטור ווערן . . . זיי אויף די פּלייצעס וועט ער ניט ליגן . . . זיי וועלן אפילו זיין נאָמען ניט דערמאָנען . . . און אַז יאָ? ער האָט געהערט, געלייענט וועגן הירש לעקערט . . . איז וואָס? אַ גילדענע מצבה וועט מען אים שטעלן? אַ מאָנומענט? מוחל . . . טאָ וואָס דען? „לעבן מיט צוויי טויזנט הרוגים אויף די פּלייצעס” . . . אָט אָ שטייען זיי . . . ווער זיינען זיי? ער האָט אַ קוק געטון רעכטס, געזוכט באַקאַנטע פּנימער, אין קאָפּ האָט אַ בליץ געטון — משהלע, אברהמל, זיינע קינדער, זיין ווייב . . . שטייען זיי אויך און וואַרטן? . . . ער האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ לינקס, דערזען עדזיען. צוליב איר? ווען זי זאָל אים געוועזן זאָגן: קום! לאָמיר אוועקגיין . . . ניט גיין אַהער . . . זי האָט אים געגעבן דעם קאַפּסול . . . וויטאס . . . אַזוי מוז עס זיין . . . ער'ט דערגיין . . .

אַ שוויס האָט אים באַשלאָגן. ער האָט אַ ווישׁ געטון דעם שטערן, דעם פּנים, ביים לאַנגן ,שאַרפן קין האָט די דלאָניע זיך פאַרהאַלטן, אַ רייב געטון דעם קין — דערגאַנגען! אָט איז שוין רודניצקע. ער האָט פאַרהאַלטן זיין טראָט, זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און, ווען זי האָט אויף זיין שטומען באַפעל זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער אַ טראָט געטון שנעלער. אויף רודניצקע זעקס האָט געוואַרט אויף אים דעסלער, ביי רודניצקע צוואנציק האָט געוואַרט אויף אים קיטעל . . . דער טויער פון ווילנער געטא האָט זיך געעפנט פאַר איציקן און זיך פאַרמאַכט הינטער אים . . .

דער טויער פון געטא האָט זיך פאַרמאַכט, די שליוזן האָבן זיך

געעפנט, דער עולם האָט זיך צעשאָטן: גאָט צו דאַנקען! גאָט צו דאַנקען!

געצייילטע אבלים האָבן מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, מיט פּאַמע־לעכע טריט, זיך געשלעפּט צו זייערע חדרים, ווינקלען, דאָרטן באַ־גראָבן זייער ווייטיק, זייער חרפּה, די „חברה קדישא", די „מלוים", זיי האָבן ניט דערוואָרט קיין ביסל בראָנפן, זיי האָבן זיך אָבער אקאָרשט דערמאָנט עס איז פרייטיק, ערב שבת . . .

איין ייד האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, אָפּגעמאָסטן ווי הויך, ווי נידעריק איז שוין די זון, אַ קראַץ געטון די באָרד ביים האַלז: אפשר קען מען נאָך אַריינכאַפּן גיין אין מרחץ? ווי לאַנג צוריק האָט ער געהאַט זיין באָד־שיין? אַ יידענע האָט אַ חשבון געטון אויפן קאָפּ מיט וואָס וועט זי פּראַווען שבת. די פיש, אַ דאַנקען גאָט, זיינען שוין אָפּגעקאָכט פון יאָרן, דער טשאָלנט שוין פאַררוקט פון חדשים, ערגעץ אין אַ ווינקל דאַרף נאָך ליגן אַ קאַרטאָפליע אָדער צוויי, ווען זי קען נאָך קריגן עטלעכע דעקא ברויט . . .

יידן פון הייזער, פון מאַלינעס האָבן זיך ארויסגעלאָזט אַריינ־ברייגנען דעם שבת.

די מאַלינע אויף זאַוואַלנע האָט זיך שוין כמעט ווי אויסגעליידיקט. ביים ערשטן רוף: ער גייט! ער גייט! האָבן מענטשן גענומען פאַר־לאָזן די באַהעלטעניש.

— געכאַפּט אים?

— וואָסער געכאַפּט! האָט זיך אליין איבערגעגעבן.

— אַזוי? אליין זיך איבערגעגעבן. אָט דאָס הייסט אַ יידישע נשמה. אַ ברכה אויף זיין קאָפּ. אַ דאַנקען גאָט, איבערגעקומען. איצט קען מען שוין גיין.

און מ'איז געגאַנגען. בלויז איציקס פרוי איז געבליבן זיצן. זי האָט זיך געוויקלט אין דער שאַל ווי איר וואָלט אַרומגענומען אַ קעלט, און שטאַרקער געצויגן איר יינגל צו זיך, אים געדריקט צו זיך און מיט ציטערנדיקע הענט געגלעט.

— לאָמיר אויך גיין! האָט דאָס קינד זיך געבעטן, געצופּט די שאַל, אָבער זי האָט אים איינגעהאַלטן — באַלד, מיין קינד, מיר'ן באַלד גיין. — ערשט ווען די מאַלינע איז שוין געווען כמעט ליידיק האָט זי פּלוצלונג אַ צי געטון דאָס קינד פאַרן הענטל: קום! און איז שיר ניט אַרויסגעלאָפן.

ווען זי איז אַרויס אין דרויסן איז זי געבליבן שטיין ווי אַ בלינדע,

די גאַס, די מענטשן, איר איז קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען, זי האָט נאָר געפילט עפּעס אַ שטיקעניש, אַ וואָרגעניש, אַ נעפּל האָט זיך געשפּרייט און איינגערוימט בסוד — נאָך אַלעמען . . . נאָך אַלעמען . . .

— מאַמע! וואו גייען מיר?

— וואו מיר גייען? — זי האָט זיך אַרומגעקוקט ווי זי וואָלט נאָר וואָס געקומען אין אַ פרעמדער שטאָט, זי האָט אַ קוק געטון צום הימל, דערזען ס'איז שוין שפּעט און אין איילעניש אַ זאָג געטון — אַהיים! דו, מיין קינד, גיי אַהיים.

— און דו?

— איך? איך דאַרף ערגעץ צוגיין.

— וואוהין גייסטו?

— איך דאַרף ערגעץ צוגיין, דאָ ניט ווייט. איך וועל באַלד קומען אַהיים, ברייִנגען עסן, — האָט זי צוגעגעבן בסוד, און אָט דער סוד, אַזוי מוטערלעך פאַרטרויט, האָט געווירקט. דאָס קינד האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער מוטער, זיך געלאָזט אַהיים. זי האָט אַ קוק געטון מיט אַ זוכנדיקן בליק און מיט אַמאָל זיך אַ לאָז געטון. זי האָט שוין געוואוסט וואוהין זי דאַרף גיין — אין בית מדרש אַריין!

דער שמש האָט געהאַלטן אין צורעכט מאַכן די לייכטער אויפן עמוד ווען זי האָט זיך אַ לאָז געטון צו אים, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט גוט אַ קוק טון אויף איר, האָט ער דערהערט — ליכט!

— ל י כ ט ?!

— ווי גאָט איז אייך ליב! גיט מיר ליכט!

— איר האָט יאָרצייט?

— יאָרצייט? אַ נשמה ליכט דאַרף איך.

— נשמה ליכט! — דער שמש האָט אַ דערשראָקענער אַ קוק געטון. געדרירט פון זינען, גאָט באַהיט. — וואָס איז הייַנט, יום כיפּור? אַ מענטש זאָגט זיך עס אָפּ: נשמה ליכט. איך דאַנק גאָט אַז איך קריג אַ גראָשן ליכטל פאַרן עמוד, און זי . . .

— גיט מיר אַ גראָשן ליכטל, גיט מיר וואָס איר האָט, נאָר גיט מיר!

זי האָט שוין ניט גערעדט, נאָר ממש געשריען, זי האָט געבעטן און דאָס געבעט איז געווען אַ פאָדערונג, אַ באַפעל. דער שמש איז געגאַנגען, געבראַכט איין ברודיק־גרוי פיצל ליכטל, פאַבריצירט אין געטאָ פון גאָט ווייסט וועלכע פעטס, האָט אָבער געקענט ברענען. זי האָט עס אַרויסגעכאַפּט פון זיינע פינגער. — הונדערט יאָר זאָלט איר

מיר לעבן, געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין, אָבער, איך בעט אייך, גיט מיר נאָך איינס, נאָך איין און איינציק ליכטל!

— פריער איינס, איצט נאָך איינס . . .

— מער וועל איך ניט בעטן. אויף מיינע נאמנות אַז ניט, נאָר גיט מיר נאָך איינס . . .

דער שמש האָט אַ קנייטש געטון מיט די אַקסל — משוגע, באַהיט גאָט. ער איז פונדעסטוועגן געגאַנגען, געבראַכט נאָך אַ ליכטל, און ווידער האָט זי עס אַ כאַפּ געטון, עס ממש אַרויסגעריסן פון זיינע פינגער און, ניט זאָגנדיק אפילו קיין דאַנק, האָט זי ארויסגעאיילט פון בית מדרש.

— זי האָט ליכט! זי האָט ליכט! — עסן, משהלע, אברהמל . . . איר איז עס אפילו אויפן זינען ניט געקומען, ערשט ווען זי איז אַריין צו זיך אין קיכעלע, זיך אָנגעטראָפן מיט משהלעס אויגן, האָט זי זיך דערמאָנט זי האָט צוגעזאָגט ברייגען עסן. — באַלד, מיין קינד, מיר'ן באַלד עסן. פריער אָבער דאַרף איך בענטשן ליכט . . .

דעם קינדס אויגן זיינען גרעסער געוואָרן. ליכט בענטשן! אַמאָל, אַמאָל, געדיינקט ער, האָט זיין מאַמע געבענטשט ליכט, אָבער שוין אַזוי לאַנג אַז זי האָט עס ניט געטון. וואָס עפּעס? עפּעס . . . עפּעס . . . דעם גאַנצן טאָג עפּעס . . . די מאַמע, דער . . . טאַטע . . . עפּעס . . . ער האָט ניט געפרעגט, ער האָט געשוויגן, ער האָט נאָר געהיט, שפּיאָנירט איר יעדן קער. ער האָט געזען. מיטן טריפהנעם מעסער, שוואַרץ, פאַרזשאַווערט, האָט זי צעשניטן צוויי ליכטלעך, געמאַכט פון זיי פיר, פאַרשניצט צוויי, פיר קליינע, פּיצעלע ליכטלעך, נאָכדעם אַרויפגעצויגן אַ טיכל אויפן קאָפּ, טיף איבערן שטערן. זי האָט צעשפּאָלטן אַ שוועבעלע אויף צווייען, פאַרשטעלנדיק מיט איין האַנט, האָט זי אָנגעצונדן איין ליכטל, עס צוגעשמאָלצן צום טיש,ביים פייער פון ערשטן ליכטל געצונדן דאָס צווייטע, דריטע, פערטע און, ווען אַלע ליכטלעך זיינען געווען אָנגעצונדן, צוגעשמאָלצן, האָט זי פאַרשטעלט דעם פּנים מיט די הענט, און . . . וואָס איז איר, דער מאַמע? וואָס וויינט זי אַזוי?

„ . . . און אין זכות פון ליכט בענטשן זאָלסטו מיט דיינע פליגל מיך באַשירעמען, עס זאָל ניט פינסטער ווערן דאָס ליכט פון מיינע קינדער, מיין משהלן און אברהמלען, פון מיר און פון מיין מאַן . . .

איר פלייצע האָט זיך געגומען וואָרפן, דער אויבערשטער האַלבער קערפּער האָט אַ פאַל געטון צום טיש. דריי ליכטלעך האָט זי פאַר־

טשעפּעט, זיי אומגעוואָרפן, דערשטיקט, דאָס פּערטע ליכטל, געראַטע־וועט פון אַ צרה, האָט געוואָרפן אַ פייערדיק אויג אַהער און אַהין, אָט אָט וועט עס אַ שפּרונג טון צו די קליידער, צום לייב פון . . .

— מאַמע! מאַ—מע!

ער האָט זי אויפגעריסן. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים, ניט באַגריפן וואָס וויל ער פון איר.

— די ליכט! פייער!

דאָס פייער פון דעם ברענענדיקן ליכטל האָט איר גאָרניט געזאָגט, דערזען אָבער די דריי איבערגעקערטע, פאַרלאָשענע ליכטלעך, האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענט — פינסטער איז מיינע יאָר! — און איר קאָפּ האָט ווידער אַ פאַל געטון צום טיש.

— מאַ—מע!

דעם קינדס וויינען אויפן קול האָט אויפגעריסן איר קאָפּ. — נו שאַ, מיין קינד, וויין ניט. אום שבת טאָר מען ניט וויינען, און ס׳איז שוין באַלד שבת. אָט אַ, זעסט? — זי האָט אָנגעצונדן די דריי ליכטלעך, זיי צוגעשמאָלצן. — זיי ברענען! זעסט, מיין זון? זיי ברענען, נאָך ליכטיקער ווי פריער. — זי האָט אים אַ קוש געטון, אויסגעווישט די אויגן. — איצט וועלן מיר גיין עסן. אָט איז אַ שטיקל ברויט, נעמען אַ ביסל וואַסער, און . . . כ׳האָב מאַרמעלאַד! אַ קליין ביסעלע, באַשמירן וועסטו עסן.

— און דו?

— באַלד, מיין קינד, איכ׳ל באַלד עסן. דו קוק ניט אויף מיר. עס.

דאָס קינד האָט געקייט זיין שטיקל ברויט און יאָ געקוקט אויף דער מאַמע. ער האָט געזען: די הענט פאַרלייגט אויפן בוזעם, איז זי געזעסן, געקוקט אויף די צאַנקענדיקע ליכטלעך און איבער די באַקן האָבן זיך געקייקלט שטילע טרערן. זי וויינט שוין ווידער. און זי האָט דאָך אַליין געזאָגט אַז מ׳טאָר ניט וויינען, ס׳איז שבת. די מאַמע . . . ער פאַרשטייט ניט . . . עפּעס . . .

דער הייליקער שבת האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ווילנער געטאָ. יידן האָבן באַגעגנט דעם שבת מיט אַ גרינגער געמיט, ניצול געוואָרן פון אַ צרה, דאָך, עפּעס אַזוי . . . פריקרע, ערשט געקומען פון אַ . . . לויה, אָבער מקבל שבת זיין דאַרף מען. לכה דודי לקראת כלה . . .

יוחנן חסיד איז קיינמאָל צו קיין רבין ניט געפאָרן, ער האָט ניט געהאַלטן פון חסידות, אָבער צוליב זיין אופן פון דאַוונען האָט ער

געקראָגן דעם צונאָמען חסיד. ניט נאָר האָט ער זיך געשאָקלט ביים דאַווענען, ער האָט עס ממש „אויסגעשפּילט". ער האָט געזאָגט די עבודה, איז עס געווען ניט ביי שואלקען אין בית מדרש ערגעץ אויף שאָולער גאַס, נאָר אין בית המקדש אין ירושלים; צו נעילה, ביי פּתח לנו שער האָט ער אַ צענעם געטון די הענט, און מ׳האָט געקענט זען ווי ער עפנט די טויערן פון הימל; אָבער ניט נאָר יום כיפּור אָדער אַן אַנדער יום טוב, אפילו אין אַ וואָכעדיקן טאָג, ווען ער האָט גע־האַלטן ביי אָז ישיר, אַ זאָג געטון: אשירה ליהוה כי גאה גאה האָט זיין אָרעם זיך אַ הויב געטון אין דער הויך, די האַנט האָט אַזש גע־ציטערט, און באַלד האָט די האַנט זיך אַ לאָז געטון אויף אַרונטער — סוס ורוכבו רמה בים, און איין פוס האָט צוגעטופּעט — ליג דאָרטן, דו מצרי! צו קבלת שבת, דער חזן האָט פאַרצויגן לכה דודי, איז אלחנן חסיד ניט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט. איין פוס האָט אַ שפּרייז געטון — לכה דודי, און דער צווייטער פוס האָט געענטפערט מיט אַ שפּרייז — לקראת כלה, דערנאָך אַ קער אָן אַ זייט, און ווידער אַ שפּרייז — פני שבת, דאַן אַ קנאַק מיט די קנאַפּל — נקבלה. אַ טאַנצמייסטער וואָלט עס אפשר א נאָמען געגעבן „פּאַ דע סאַבאַ" — דער שבת טאַנץ, יוחנן חסיד האָט אָבער אפילו ניט געוואוסט אַז ער פירט אויס אַ שבת טאַנץ, עס האָט זיך געטון אָן זיין וויסן און אָן זיין ווילן. אויך דעם פרייטיק צונאַכטס האָט ער אַ שפּרייז געטון — לכה דודי, דער פוס איז אָבער פאַרגליווערט געוואָרן, אין קאָפּ האָט אַ קלאַפּ געטון: גם כי אלך בגיא צלמות . . . ער האָט דערזען איציקן גיין . . . און אַ ציטער האָט אַ כאַפּ געטון זיין גאַנצן קערפּער, ער האָט זיך גענומען וואַקלען און פון האַלז האָט זיך געטראָגן אַ כאָרכלען לכה־לכה־לכה, אָט ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן, געטרונקען זיך. צוויי יידן האָבן אים אונטערגעכאַפּט: רב אלחנן! רב אלחנן! אי, אָ, נו! מים! אַ ביסל וואַסער! מ׳האָט אים אַריינגעשפּאַרט דאָס קווערטל וואַסער צווישן די ליפּן. ארונטערגעשלונגען, האָט ער אַ וויש געטון דאָס מויל, דעם פּנים. — מיר בישט גוט געוואָרן, — האָט ער, מעשה שולדיקער, זיך פאַר־ענטפערט, — האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ . . .

— און ווי איז איצט?

— איבערגעגאַנגען, אָבער איכ׳ל בעסער גיין אַהיים.

— אייך אפשר אונטערפירן?

— נייִן, מ׳דאַרף ניט, ס׳איז דאָ ניט ווייט, איכ׳ן אַליין גייִן. האָט קיין פּאַראיבל און אַ גוטן שבת.

און רב יוחנן האָט פּאַרלאָזט דעם בית מדרש, ער איז אָבער געגאַנגען ניט לקראת כלה, נאָר צו זיך אין זיין פינסטערן שטיבל. אַ פּאַרשטערטער שבת.

— לכה דודי, — האָט עס געזשומעט אין קאָפּ ביי עדזיע פרידמאַן, געזשומעט אָן ווערטער. זי איז געגאַנגען מיט אים . . . איצטער, שוין שעהן אַז זי ליגט, איין שלוק וואַסער נאָכן צווייטן, און אין האַלז אַזוי ענג . . . און דער קאָפּ שפּאַלט זיך. אפשר האָט זי ניט געדאַרפט אים געבן . . . אפשר ווען זי גיט עס אים ניט . . . אפשר . . . זי איז געגאַנגען מיט אים ביז רודניצקע, געדאַרפט געוועזן גיין ווייטער . . . ביזן סוף . . . זיין מיט אים דאָרטן . . . זיך אַריינגנבבהנען אַהין . . . מיט אַ „בלינד היטעלע״ אַריינקומען אַהין, זען אים, אָננעמען זיין האַנט . . .

אבא האָט געהאַלטן איציקס האַנט. נאָך דער „לויה״ איז שווער געוועזן צו בלייבן אַליין, נאָך שווערער איז געוועזן דאָס זיין מיט די חברים, דער עיקר אים, דעם „יורש״, דעם נייעם קאָמאַנדיר. וואָס האָט ער געקענט באַפוילן גלייך נאָך . . . ? ער האָט ניט געקענט אַרויסברייינגען אַ וואָרט, קיינער האָט ניט געקענט, און דאָס שווייגן — אַ שטריק אַרום האַלז, ניט צום פאַרציען און ניט לויז צו מאַכן. איז מען זיך צעגאַנגען, יעדער איינער האָט זיך פאַררוקט אין זיין נאָרע. איז געזעסן אבא, געהאַלטן דעם נאגאַן, וואָס איציק האָט אים איבערגעגעבן, געהאַלטן, געגלעט . . . .

„אין וואַלד אַריין! ווילנע וועט זיך נ י ט שלאָגן!״

גערעכט. יידן קעמפן זייער שטאַרק פאַרן ל ע ב ן , ביז דער לעצטער מינוט טוען זיי עס, דערפאַר, ווען די מינוט קומט, זיי דערזען דעם ט ו י ט , איז שוין צו שפּעט צו קעמפן קעגן אים. יאָ, די יידן פון הייַנטיקן פרימאָרגן, פון דער גאַס . . . זיי וועלן זיך בישט שלאָגן, אָבער דאָ יידן וואָס קענען זיך יאָ שלאָגן, איז ניט אין ווילנע גופא, איז אין וואַלד, און ניט נאָר פאַרן אייגענעם לעבן, נאָר אויך פאַר . . . ווילנע. און ווילנע גופא וועט זיך נאָך אויך שלאָגן, איבער דער גאָרער וועלט וועט זי גייִן און זיך שלאָגן, אפשר ניט מיט קיין נאגאַן, נאָר מיט . . . ווילנע טאַקע, ווילנע — ירושלים ד׳ליטע . . . ירושלים ד . . . ארץ ישראל . . . נצח ישראל לא ישקר . . . לא תשקר, האָט ער געגלעט דעם נאגאַן . . . און געדריקט איציקס האַנט . . .

ער האָט דייטלעך געהערט אַ קלאַפּ, נאָכדעם אַ געשריי: שמע ישראל! ער האָט זיך אַ טרייסל געטון, זיך אויפגעשטעלט. אַ גריג־לעכע, פּאַרטאָקיגע ליכט האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. ער האָט אַ וויש געטון דעם פּנים, באַגריפן — ער איז געשלאָפן, אָפּגעשלאָפן זיצנדיק די גאַנצע נאַכט, און ער האָט זיך ניט געחידושט: נאָך אַזאַ נאַכט, אַזאַ טאָג . . . אָבער דער געשריי! דער שמע ישראל! ער האָט דייטלעך געהערט!

ער האָט אָנגענומען דעם חלום־פאָדעם, אים פאַמעלעך געצויגן, דער פאָדעם האָט געפירט אין דער געשטאַפּא און ער איז נאָכגעגאַנגען. ער האָט געזען איציקן. די אָפּגעסמאַליעטע האָר האָבן נאָך לייגער גע־מאַכט דעם שאַרבן, דעם קאָפּ, פון צווישן די אויסגעשטאָכענע אויגן האָט געטורעמט דער דינער, שאַרפער, האָרבאַטער נאָז, שאַרף איז אויך דער קין, און נאָז און קין האָבן עקשנותדיק געשוויגן, דאָס שווייגן — אַ שטומער געשריי: שמע ישראל! הערט יידן און זעט! עם קשה עורף. אונדזער עקשנות — לעבן! איך האָב אויך ניט געוואָלט שטאַרבן. ניין, ניט געוואָלט, און בין דאָך געגאַנגען אויף אַ זיכערן טויט. אָט ליג איך אַ טויטער, זיי האָבן זיך אפילו איזדיעקוועט איבער מיין גוף ווען ער איז שוין געווען טויט, און דער גוף מיינער איז טויט, אָבער איך לעב! שמע ישראל! איר הערט? איך לעב! איך לעב!

און אבא האָט געזען, און געהערט, און ער האָט געזאָגט:

— יצחק! ביסט געגאַנגען, מיר האָבן דיך געפירט . . . צו דער עקדה. און קיין מלאך האָט ניט אַ געשריי געטון: אַל תשלח ידך. און קיין ווידער איז ניט געווען צו פאַרנעמען דיין פּלאַץ; יעדער איינער פון אונדז איז געווען גרייט דאָס צו טון, אָבער דער קרבן האָסטו גע־מוזט זיין; און איך, אבא־אורי, ניט קיין מלאך, נאָר דיין חבר און יורש, זאָג און שווער דיר, אַז ווייל דו האָסט עס געטון, וועל איך און מיינע, און דיינע, חברים קעמפן ביז מיר וועלן אַרבן דעם טויער פון אונדזער פיינט; און בענטשן זיך מיט דיין נאָמען וועלן אַלע קעמפער פון דער וועלט. ער לעבט דיין נאָמען, און ער וועט לעבן אין געדעכעניש פון אונדזער פאָלק עד סוף כל הדורות . . .

אין דרויסן האָט שאַריעט אויף טאָג . . .

ביכער פון ש. מיללער

ערציילונגען 1921

בלעטער פאַלן 1926

די שמאַלץ גרוב 1933

אַ בליאַסק אויף טאָג 1935

מאַטיוון 1940

רויט און שוואַרץ 1945

דור הפלגה 1946

שטויב 1948

דור המדבר 1951

אין די שוואַרצע פינטעלעך 1953